STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07102

OYSGEVEHLTE SHRIFTEN

Isaac Aaronovich Hourwich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויסגעוועהלטע שריפטען

פון

דר. י. א. הורוויטש

(יצחק אייזיק בן אריה הלוי)

ערשטער באנד

ארויסגעגעבען פון
„יצחק אייזיק הורוויטש'ס פובליקאציאנס קאמיטעט"
ניו־יארק, 1917.

דר. י. א. הורוויטש
(יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי)

שטרייט פראגען פון סאציאליזם

צווייטער טייל

ניו־יארק, 1917.

Copyright, 1917
by
Dr. Isaac A. Hourwich Publication Society

אינהאַלט :

קאַפּיטעל : זייטע :

XIII. די ראָליע פון די יוניאָנס אין דער ענט-
וויקעלונג פון סאָציאַליזם — — — — 39—7

1. די יוניאָנס און דער קאַפּיטאַליזם — — 7
2. דער שטאַט אַלס ארבייטסגעבער — — 10
3. די ארבייטס־שטונדען ביי דעם קאַ־
פּיטאַליסטישען שטאַט — — — — — — — — 12
4. יוניאָנס פון שטאַטס־בעאַמטע — — — — 16
5. דיסציפּלין אין די רעגירונגס אנשטאַלטען 21
6. די ערסטע סאָציאַליסטישע אדמיניס־
טראַציע פון מילוואָקי — — — — — — 25
7. אַלזאָ שפּראַך מעיאר זיידעל — — — — — 29
8. ארבייטער־יוניאָנס אונטער שטאַטס־
סאָציאַליזם — — — — — — — — — 35

XIV. סאָציאַליזם און פרייהייט — — — — — 69—40
2. אַ סאָציאַליסטישער זשורנאַל איבער
צענזור — — — — — — — — — — — 44
3. די אונטערדריקונגס־מאַכט פון דעם
סאָציאַליסטישען כלל — — — — — — 47
4. די אָפּשאַפונג פון קלאַסען — — — — — 50
5. סאָציאַל־ביוראָקראַטיע — — — — — — 51
6. דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון
פרייהייט — — — — — — — — — — 59
7. די באַדייטונג פון מנהג — — — — — — — 64

XV. דער מוסר השכל פון קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס — — — — — — — — — — 70—82

1. אַלגעמיינע באַטראַכטונגען — — — — — 70

2. די ראַסקין קאָלאָני — — — — — — — — — 74

XVI. פּאַרטיי-אָליגאַרכיע אין אַמעריקע — — 83—90

1. די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און דער פּאָלקס-שטאַט — — — — — — — — 83

2. דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי־סיסטעם — 84

3. די פראַגע בנוגע צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — — — — — — — — — — 88

XVII. דער אַפּאָסטאָלישער פּעריאָד אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי-געשיכטע — — — — — — — — — — 91—137

1. דער אָנפאַנג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — — — — — — — — — — 91

2. די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי — 94

3. דעבס — — — — — — — — — — — 99

4. „די סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאַ“ 104

5. די קאָנווענשאָן פון דער ס. ד. א. אין 1898 — — — — — — — — — — 108

6. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — — 116

7. האַכפּעררעאַט אונד רעוואָלוציאָן אין דער ס. ל. פּ. — — — — — — — — 123

11. די גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — — — — — — — — — — — 135

12. א בליק אין די ווייטערע געשיכטע פון דער ס. פּ. — — — — — — — — — — 136

XVIII. די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו דעמאָקראַטיע — — — — — 138—164

2. מאַשין־פּאָליטיק אין דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי ——— — — — — — — 143

3. מאשין פּאָליטיק אין די סאָציאַליס־
טישע שטאָט אדמיניסטראַציעס — — 147
4. סאָציאַליסטישע צוגעפּוילקייט אין
דער סאָציאַליסטישער פּארטיי — — — — 160
XIX. פרייהייטס-באשרענקונג אין די סאָציא-
ליסטישע פּאַרטייען — — — — — — — — 165—174
1. דער קאמף אום מאכט — — — — — — 165
2. סאָציאַליסטישע פּארטיי צענזור אין
אמעריקע — — — — — — — — — — 168
3. סאָציאַליסטישע פּארטיי־צענזור אין
אייראָפּע — — — — — — — — — — 170
XX. סאָציאַליזם און די פּראָליטאַרישע סאָלי-
דאריטעט — — — — — — — — — — — 175—199
1. דער געדאַנק פון ברודערשאַפט אין
דער געשיכטע — — — — — — — — 175
2. די באשרענקונג פון איינוואנדערונג — 176
3. די לאַגע אין די סויט — — — — — — 178
4. סאָציאַליסטישע פּאָליטיק און די ניגערס 181
5. שלום — — — — — — — — — — — 197
XXI. סאָציאַליסטישע יוניאָן-ביוראָקראַטיע 200—214
די קלאַסען-איינטיילונג פון דעם אמערי-
קאַנעם פאָלק — — — — — — — — — 217—248
1. דער פונדאמענט פון דער רעוואָלוציאָ־
נערער טאַקטיק — — — — — — — — 217
2. באשרייבונג פון די קלאַסען — — — — 218
3. די פּראָפּאָרציע פון פארשידענע קלאַ־
סען פון 1870 ביז 1900 — — — — 226
4. איינטיילונג אין קלאַסען נאָך געשלעכט
און עלטער — — — — — — — — — 231
5. פּראָפּאָרציע פּראָלעטאַריער אין פאר־
שידענע סטעיטס — — — — — — — 235

6. דער אינדוסטריעלער פראָלעטאריאַט
אין די גרויסע שטעט — — — — — — 240
7. קלאַסען־איינטיילונג נאָך דער געבורטס
און ראַסע — — — — — — — — — — 241
8. שלום — — — — — — — — — — 248

XXII. דער פּראָגראַם מינימום — — — — — — 249—297
1. דער מאַקסימאַליזם פון די אמעריקאַנער
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — — — — — 249
2. די שטעלונג פון דער ס. פּ. צו מוניצי־
פּאַל סאָציאַליזם — — — — — — — — 252
3. די געפאַר פון קאָרופּציאָן — — — — — — 257
4. דעם סאָציאַליסטישען פּאָליטישען'ס
געזיכטס־פּונקט — — — — — — — — 259
5. ארבייטער אינטערעסען און מוניציפּאַל־
סאָציאַליזם — — — — — — — — — 262
6. מוניציפּאַל־סאָציאַליזם און אמעריקאַ־
נער פּאָליטיק — — — — — — — — — 265

XXIII. די פּראָליטאַרישע מינאָריטעט און דער
פּארלאמענט — — — — — — — — — — 268—324
1. אין וואָס באשטעהט די פראגע ? — — 268
2. די קליינע פּארטייען אונטער דעם
אמעריקאַנעם פּאַרטיי־סיסטעם — — — 272
3. די ארגומענטען געגען פיוזשאַן — — — 273
4. ארבייטער־געזעצגעבונג און די אלטע
פּארטייען — — — — — — — — — — 182
5. דער חרם געגען פיוזשאַן — — — — — 287
6. פארברעכענס געגען דעם פארבאט פון
פיוזשאַן — — — — — — — — — — 291
7. דער קריג צווישען די בערג־ארבייטער
און די קאַפּיטאַליסטען אין קאָלאָראַדאָ 298

8. בערגערס ערסטער ארויסטריט פאר פיוזשאן — — — — — — — — — — — — 303
9. די פראגע פון פיוזשאן פאר דער נע־שאנאל קאמיטע פון דער ס. פ. — — — — 310
10. בערגער'ס ארטיקלען פאר פיוזשאן — 311
11. פיוזשאן אדער אפארטוניזם ? — — — — 321

XXIV. די באציהונגען פון די סאציאליסטישע פארטייען צו די יוניאנס אין אמעריקע 326—338
1. וואס דענקען די סאציאליסטען וועגען די יוניאנס — — — — — — — — — — — 226
2. די געשיכטליכע ראליע פון די יוניאנס 330

XXV. דער קצור הדבר — — — — — — — — 339—388
1. רעוויזיאניזם און ארטאדאקסישער מארקסיזם — — — — — — — — — — — — 339
2. וואס איז סאציאליזם ? — — — — — — 343
3. דער היסטארישער מאטעריאליזם — — 346
4. ווי אזוי איז אויסגעוואקסען דער קאפיטאליזם פון דער וויסענשאפט — — 353
6. די טעאריע פון דער סאציאלער רעוואלוציע 355
7. שטאטס־סאציאליזם — — — — — — — 360
8. די היסטארישע ראליע פון דעם ארביי־טער־קלאס — — — — — — — — — — 368
9. דער סאציאליסטישער שטאט — — — 370
10. די סאציאלע ענטוויקלונג און דער סאציאליסטישער געדאנק — — — — — 371
11. די איבערגאנגס־צייט — — — — — — 376
12. אן איבערבליק איבער דעם גאנצען וועג פון פריוואט־מאנאפאליע צום סא־ציאליזם — — — — — — — — — — 380

XXVI. די פּאָליטישע רעפאָרם-באוועגונג אין
אמעריקע — — — — — — — — — — — 289—404
2. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — — — — 394
3. דער קאמפף פאר דעמאָקראטיע — — — — 398
XXVII. אַ בליק אין די צוקונפט — — — — — — — — 406—414
XXVIII. פארלאנגט : אַ פארבאנד פון אונאָפּהענ-
גיקע סאָציאליסטען — — — — — — — 415—425

ד ר י י צ ע ט ע ר   ק א פ י ט ע ל :

די ראָליע פון די יוניאָנס אין דער ענטוויקלונג פון סאָציאַליזם.

1.

ד י   י ו נ י א ָ נ ס   א ו ן   ד ע ר   ק א פ י ט א ל י ז ם.

מיר האָבען געזעהען, אז דער סאָציאַליזם ווערט אויסגעבויט פון צוויי באַזונדערע קלאַסען. די קאַפּיטאַליסטען פאראייניגען און אָרדנען איין אַלע געשעפטען מיט אַ פּלאַן, די קאַפּיטאַליסטען אליין וועלען ברייננגען אַלע געשעפטען אונטער די קאָנטראָלע פון דער רעגירונג, קורץ, דער קאפּיטאליסטישער קלאַס אליין וועט אויסאַרבייטען פון פּריוואַט - קאַפּיטאליזם „שטאַאַטס - קאַפּיטאַליזם". די עקאָנאָמישע ראָליע פון די ארבייטער איז צו מאַכען דעם חלק פון דעם ארבייטער רק גרעסער, ביז וואַנען דער חלק פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס וועט בלייבען גאָר קליין.

אַז דאַס איז אַזוי, טו איז יעדער קאַמפּף פון די ארבייטער פאַר אַ פּאָר סענט, אָדער פאַר אַ שטונדע וויינקער ארבייט, אַ שטיקעל סאָציאַליזם. געוועהנטלאך באַטראַכטען די סאָציאַליסטען דעם גאַנצען קאַמפּף פון די יוניאָנס פאר דעגת־פּרנסה, כל זמן דער ארבייטער איז אין קאַפּיטאַליסטישען גלות, — מיט דעם סאָציאַליזם האָט עס קיין שייכות ניט. די ס. ל. פּ. („סאָשאַליסט לעיבאָר פּארטי", סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי), וואָס באַהערשט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאָ, היא אין די לעצטע צען יאָר פון דעם פאַרגאַנגענעם יאַרהונדערט האָט געהאַלטען דעם גאַנצען יוניאַניזם פאַר אַ נאַרישקייט: ווען אַ יוניאָן באַשעפטיקט זיך נאָר מיט סטרייקס, מיט באָיקאָטס, מיט פראַגען וועגען שכירות און ניט מיט לעקציעס וועגען סאָציאַליזם און סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־פּאָליטיק, העלפט זי נאָר אופהאַלטען דעם קאַפּיטאַליזם. נאָר אַ סאָציאַליסטישע יוניאָן קען העלפען דעם ארבייטער אין זיין טעגלאַכען קאַמפּף —אַ „פּיור־ענד־סימפּל" קען ניט. אַ „סאָציאַליסטישע" יוניאָן האָט געהייסען אַ יוניאָן, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, פאַר אַן ארבייטער, וואָס האָט ניט באַלאַנגט צו

דער פּארטיי, האָט זיך די טעאָריע געמוזט אויסווייזען קשה: מיט וואָס קען אַ סאָציאַליסטישע לעקציע העלפען געווינען אַ סטרייק? און ווען מען שטעלט שוין יע ארוים אַ סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט, וואָס האָט ניט די מינדעסטע אויסזיכט ערוועהלט צו ווערען אפילו אין צען יאָר ארום, טו וואָס איז דאָס פאר א סגולה אין אַ סטרייק? אין דער אמת'ן איז זיי דער גלות־קאַמף פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער גאָר ניט אָנגעגאַנגען, ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, — מוז דער סאָציאַליזם קומען מיט איין קלאַפּ, דורך א רעוואָלו־ציאָן*) וועלכע וועט איבערקערען די גאַנצע וועלט קאַפּויר.

וואָס פאר אַ ווערדע די אַלע קליינציגקע פאָדערונגען, פאר וועל־כע די יוניאָנס קעמפּפען היינט צו טאָג? דאָס זיינען ניט מער ווי לאַטעס אף אַן אַלטען בגד, וואָס טויג נאָר אף ארויסצואווארפען. דער סאָרט סאָציאַליסטען זיינען איבערצייגט, אַז די מאַכט פון קאַפּי־טאַל איבער דער ארבייט איז אַזוי גרויס, אַז עס איז גאָר אונמעג־לאַך פון קאַפּיטאַל עפּעס אפּצורייסען. אין די פריהערע יאָרען ווען מען האָט נאָך ניט געשפּילט קיין פּאָליטיק מיט די יוניאָנס, פלעגט מען ביי יעדען גרויסען סטרייק באַלד פון אָנהויב אָן נעמען באווייזען, אַז דער סטרייק איז פארלאָרען. עס איז אַרויסגעוואָרפענע טרחה. באַלטען די ארבייטער בעסער אריין אין די סאָציאַליסטישע פּארטיי און ערקלערט „אַ סטרייק ביי דעם בעללאָט־באַקס". די פּארטיי־טע־אָרעטיקער ווייטער האָבען גע'טענה'ט, אַז ווען א יוניאָן פּאָדערט העכערע ווייד׳זשעס (שכירות), אנערקענט זי דעם „ווייד׳זש־סיס־טעם", בעת עס איז די אויפגאַבע פון דעם ארבייטער־קלאַס צו פארניכטען דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם.

די דאָזיקע מיינונג איז איבערגעגאַנגען ביורושה צו דער היינ־טיקער סאָציאַליסטישער פּארטיי, זי איז כלומרשט „פריינדליך צו

*) כדי מען זאָל זיי ניט באשולדיגען, אַז זיי זיינען אַנאַרכיסטען, טענה'ן זיי רק, אַז זיי זיינען געזעצליכע בירגער, זיי וועלען וואַרטען, ביז וואַנען זיי וועלען האָבען אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס, און דעמאָלט וועלען זיי מאַכען אַ געזעץ מען זאָל ביי די קאַפּיטאַליסטען אַוועקנעמען דעם קאַפּיטאַל. נאָר ווען די קאַפּיטאַליסטען ווען די זיך צובונטעווען דא־געגען, ווען די סאָציאַליסטען געצוואונגען זיין צו אוסמיריאיען די מיאַטעזשניקעס. אַלזאָ, וועט זייער רעוואָלוציע זיין אַ געזעצליכע.

די יוניאָנס", אין דער אמת'ן דענקט זי פון דעם קאמפּף פון די יוניאָנס פונקט אזוי ווי אמאָל די ס. ל. פּ., נאָר זי נעפינט פאר מער דיפּלאָמאטיש צו חנפ'ענען די יוניאָנס, וואָרים זי גלויבט, אז מיט דערמיט קען מען מאכען פּראפּאגאנדא פאר דעם סאָציאליזם אין די יוניאָנס. „פּראָפּאָגאנדא פאר דעם סאָציאליזם" הייסט, אז די יוניאָן זאָל אָנעמען א סאָציאליסטישע רעזאָלוציע אָדער זאָל איינלאדען א סאָציאליסטישען רעדנער צו מאכען א ספּיטש, אָדער זאָל „ענדאָרסען" אַ סאָציאליסטישען קאנדידאט, וועלכער קען ניט ערוועהלט ווערען, אַז דער קאמפּף פון דער יוניאָן גופא איז א טייל פון דער ענטוויקעלונג צום סאָציאליזם זעהען זיי אויך ניט.

ווען אָבער יעדער געוואונענער סטרייק איז א שריט אפ'ן וועג צו סאָציאליזם, ווען יעדע רעפאָרמע, וואָס העלפט דעם ארבייטער קלאס זיך אופצוהויבען איין טרעפּ העכער איז א שריט צום סאָציאליזם, טו פארשטעהט זיך אליין, אז די יוניאָן איז אַ ווערקצייט, מיט וועלכען דער סאָציאליזם ווערט אויסגעבויט. עס מוז נעמען צייט אופצובויען אן אָרגאניזאציע פון דעם אָרבייטער קלאס, יעדע נייע יוניאָן, וואָס ווערט אָרגאַניזירט, איז א שריט אפ'ן וועג צו סאָציאליזם.

איך מיין ניט, אז עס קען גאָר קיין מאָל ניט קומען צו א רעוואָלוציע. בלוטיקע רעוואָלוציעס זיינען פאָרגעקומען אין דער געשיכטע צוליב קלייניקייטען, און א קאמפּף וועגען דער אנערקענונג פון אַ יוניאָן קען אמאָל פירען צו אַ רעוואָלוציע. זאָגען נביאות איז דאַ שווער, אָבער אין א רעוואָלוציאָנערען קאמפּף פאר די רעכטע פון די אַרבייטער קענען די יוניאָנס שפּילען אַ וויכטיקע ראָליע. ווי דער געשעפט איז היינט אָרגאַניזירט איז א גענעראל־סטרייק אַ מעכטיקער, רעוואָלוציאָנערער מיטעל. עס איז לייכט פאר עטלאכע באטאליאָנען צו דערטרינקען אין בלוט אן ארבייטער אופשטאַנד, אָבער אפילע א גאנצע מחנה סאָלדאטען קען ניט צווינגען א מיליאָן אַרבייטער זיי זאָלען געהען צו דער ארבייט. אַ גענעראל־סטרייק, ווען ער איז נאָר גוט אָרגאַניזירט איז ניט אַזוי לייכט צו באזיגען. דער גענעראל סטרייק איז די היינטיקע פאָרמע פון א רעוואָלוציע. אָבער אַזאַ סטרייק זאָל זיין אן ערפאלג, באדארף מען אַ שטארקע ארגאַניזאַציע פון די יוניאָנס. מיר זעהען אלזאָ, אז די יוניאָנס זיינען די אמת'ע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבייטער־קלאס.

2.

דער שטאט אלס ארבייטסגעבער.

אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען אלע גרויסע געשעפטען זיין אין קהל'שע הענט. פון דעם וואס עס וועט אויסגעארבייט ווערען, וועט א חלק אוועקגעלעגט ווערען אף קהל'שע זאכען, ווי שפיטאלען, סקולס, און נאך טויזענט זאכען, דאס איבעריקע וועט צוטיילט ווערען צווישען די ארבייטער. עס וועט ניט זיין קיין קאפיטאליסטישער קלאס, עס וועט ניט זיין ווער עס זאל זיך ארונטערנעמען די שמעטענע פון יעדער זאך וואס ווערט אויסגעארבייט. ווי זשע קען מען אויסקומען אן א באלעבאס אין דער פאבריק? אימיצער מוז דאך צוטיילען די ארבייט, יעדערער קען דאך ניט טאן, וואס עס וועט זיך עם פארגלוסטען, גאר ניט קוקענדיק אף דעם אנדערען? פארשטעהט זיך, ניט. א יוניאן פון ארבייטער האט אויך א פרעזידענט, א סעקרעטאר. אין א קהל'שער פאבריקע וועט מען מוזען אויסקלייבען א סופעראינטענדענט, א פארמאן און אלע אנדערע בעאמטע.

סאציאליסטען האבען פיינט דעם ווארט „שטאט". עס האנדעלט זיך ניט אום ווערטער. איהר מעגט עס רופען „געזעלשאפט" אויב עס געפעלט אייך בעסער. דער עירק איז, אז דער גאנצער געשעפט וועט ליגען אין די הענט פון דער „געזעלשאפט" און וועט ווערען געפירט דורך בעאמטע וואס וועלען ערוועהלט ווערען פון דעם גאנצען פאלק. איז דאס נאר א צוקונפטסבילד?

אין די פעראייניגטע שטאטען וואו די אינדוסטריעלע טעטיקייט פון די רעגירונגען וועט וואס ווייטער אלץ מער אויסגעברייטערט ווערען, זיינען ביי דער פאלקס צעהלונג אין 1910 געווען דריי פערטעל מיליאן מענטשען וואס האבען געארבייט פאר די פארשידענע רעגירונגס אנשטאלטען. היינט צו טאג האט דער אמעריקאנער שטאט סך־הכל א קליינע צאל געשעפטען, אבער זיי האלטען אין וואקסען. אין איין שטאט פירט מען איין אייגענע וואסער און אין אן אנדערער אייגענע עלעקטרישע באלייכטונג.

אויב איר נעמט אין באטראכט אז היינט צו טאג זיינען שוין אין פילע לענדער א סך גרויסע אינדוסטריען אין די הענט פון דער

רעגירונג און מען דארף זיך ריכטען, אז די אינדוסטריעלע טעטיקייט פון די רעגירונגען וועט וואס ווייטער אלץ מער אויסגעברייט ווערען, טו הייסט דאס, אז עס האנדעלט זיך ניט אום א קליינע גרופפע מענטשען, נאר אום א וואקסענדע צאל אינדוסטריעלע ארבייטער. אונדזער היינטיקע קאפיטאליסטישע געזעלשאפט וועט אין דער נאהענטער צוקונפט קומען „מיט דער נאטור“ צו דער מדרגה פון שטאטס־סאציאליזם. ווי פרידריך ענגעלס האט פאראויסגעזאגט מיט א יאר פערציק צוריק, — אדער צו „שטאטס־קאפיטאליזם“, ווי דער אלטער ליבקנעכט האט עס גערופען.

ליבקנעכט האט געלייגט א באזונדערען געוויכט אף דעם וואס דער היינטיקער שטאט איז א „קאפיטאליסטישער שטאט“. דאס טרעפט צו אין דייטשלאנד, ענגלאנד און אנדערע לענדער, וואו געוויסע פארמען פון קאפיטאל האבען געזעצליכע פריווילעגיעס. אין די פאראייניגטע שטאטען איז עס ריכטיק נאר אזוי לאנג, ווי די מאיאריטעט שטימען פאר קאפיטאליסטישע קאנדידאטען. אויב אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען אלע געשעפטען זיין אין קהל'שע הענט, טו הייסט דאס, וועט יעדער ארבייטער האבען א שטעל ביי דעם „פאלקס־שטאט“*). הייגט, ווען איר קומט אין א פאבריקע מוזט איר פאלגען די רולס (די פראווילעס) פון באלאבאס, דענסטמאל וועט יעדער ארבייטער מוזען פאלגען די רולס פון שטאטס־בעאמטע. אין קיין געזעלשאפט ווערען די געזעצע ניט געמאכט אף א באשטימטע צייט און ווערען ניט איבערגעמאכט אלע מאנטיק און דאנערסטיק. נעמט צום ביישפיל די קאנסטיטיושאן פון ארבייטער רינג. ווען מען זאל נעמען אונטערזוכען פון וואנען שטאמט די קאנסטיטיושאן, וועט מען געפינען אזעלכע פונקטען, וואס זיינען נאכגעמאכט נאך אנדערע פאראיינסגעזעצע. און ווען מען זאל דערמיט ניט זיין צופרידען און פארשען ווייטער, וועט מען געפינען, אז געוויסע פונקטען זיינען איינגעפירט געווארען פון אנהויב אין דעם ענגלישען פארלאמענט מיט א פאר הונדערט יאר צוריק. אנדערע שטאמען פון די מייסאנס. אנדערע

---

*) „דער פאלקס־שטאאט“ איז געוועזען דער נאמען פון דעם אפיציעלען ארגאן פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע אין די זעכציקער און זיבעציקער יארען פון דעם ניינצעהנטען יארהונדערט. אין דער צייטונג האט געשריבען פרידריך ענגעלס, און ווילהעלם ליעבקנעכט.

פון די רולס פון דעם אמעריקאנער קאָנגרעס, עפּעס איז אויך מסתמא ניי. אַלזאָ ווען מען באטראכט די זאַך, קומט אויס, אַז די ענגלישע פּריצים האָבען פאר צוויי הונדערט יאָר צוריק געמאכט א געזעץ פאר דעם פּארטשריטליכען ניו־יאָרקער ארבייטער רינג, און דער ארבייטער רינג פאָלגט זיי, הגם קיינער צווינגט עם ניט דערצו. דאָס רופט מען אין דער רעכטס־וויסענשאפט א פּרעצעדענט. די רולס וואָס ווערען היינט צו טאָג געמאכט פאר די פּאָר הונדערט טויזענט שטאַטס־בעאמטע זיינען פּרעצעדענטען, וועלכע וועלען מיט דער צייט באשטימען די רעכטע פון דעם גאנצען ארבייטער־קלאס. שטעלט זיך די פראגע: וואָס וועלען זיין די רעכטע פון די רעגירונגס־ארבייטער בנוגע צו דער רעגירונג?

3.

די ארבייטס־שטונדען ביי דעם דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַט.

דער באפרייאונגס־קאמף, פון דעם ארבייטער־קלאס פאר די פארגאנגענע זיבעציק יאָר ווייזט זיך ארויס אם קלאָרסטען אין דער פארקירצונג פון די שטונדען, וואָס דער ארבייטער דארף הארעווען פאר דעם באַלאבאס.

אין די אמאָליקע צייטען, וואן דאָס רוב פון דעם פּאלק זיינען געווען פארמערס אדער פּארם ארבייטער, פלעגט מען זיך שטעלען צו דער ארבייט ראניצע און מען פלעגט געהן פון פּעלד ווען עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען גאנץ פינצטער. דערצו איז געווען אַן אורזאכע: קיין מאשינען זיינען דעמאלט ניט געווען און מען האט זיך געהיילט אופּצוטאָן די ארבייט זומער צייט. מיט דער איינפירונג פון מאשינערי איז די ארבייט געוואָרען שפּאָרעוודיקער. — מער פּראָדוקטיוו בלע"ז, זיינען די שטונדען אומעטום פארקירצט געוואָרען. די פּרינציפּיעלע פּאָדערונג פון דער פּארטשריטליכער ארבייטער באוועגונג איז, אַז די ארבייטס־שטונדען זאָלען באשרענקט ווערען אין דער פּראָפּארציע ווי דער פּראָגרעס פון דער טעכניק מאכט די מענטשליכע ארבייט מער פּראָדוקטיוו. די זעצערס אין די צייטונגען האָבען דאָס אויסגעפירט מיט עטלאכע און צוואנציק יאָר צוריק, ווען מ'האָט גענומען איינפירען די ליינאָטייפּ מאָשינען.

די ארבייטער פון דער שטאט־פארוואלטונג זיינען אויך בארעכ־טיקט צו פראפיטירען פון דעם פראגרעס פון דער געזעלשאפט. וואס זשע איז די שטעלונג פון דער היינטיקער רעגירונג צו דער פראגע פון ארביימס־שטונדען?

דער אידעאל פון די בורזשואזנע פאליטישע רעפארמערס איז א געשעפטסמעסיגע אדמיניסטראציע, „א ביזנעס אדמיניסטרעי־שאן“, די ערסטע אופגאבע פון א ביזנעס אדמיניסטרעישאן איז צו מאכען „עקאנאמיע“ כדי איינצושפארען טעקסעס.

דאס איז דער אלטער אידעאל פון דער פארצייטיקער פויער־שער דעמאקראטיע. אין דער צייט פון טאמאס דזשעפערסאן איז דער אידעאל פון א רעגירונג געווען אזא רעגירונג וואס טוט גאר־נישט. דאס איז געוועז גאנץ אין איינקלאנג מיט דעם לעבען פון יענער צייט. וואס פאר א ניצלאבע ארבייט האט די רעגירונג געטאן אין א פארמערשען דיסטריקט? אופגעהאלטען א פאר בריקען, וואו זיי זיינען געווען, און איינמאל אין א יובל אויסגעלייגט א וועג פאר פארען ערגעץ וואו, חוץ דעם נאטירליך, האט מען געדארפט אויס־האלטען א קאורט, כדי איינער זאל דעם אנדערען ניט באשווינד־לען אונגעזעצליך, א תפיסה פאר פארברעכער און באנקראטען, און נאך א פאר בעאמטע, קיין סקולס, קיין שפיטאלען, קיין פאסט איז ניט געווען. פארשטעהט זיך אז די גאנצע רעגירונג האט זיך אין יע־נעם צושטאנד פון דער געזעלשאפט אויסגעוויזען פאר אן אנשיקע־נעס. אויב מען קען אן איר אפשפארען עפעס, איז דאס די גרעסטע מצוה. היינט אבער איז די רעגירונג ניט נאר א פאליצייסקע אר־גאניזאציע, זי ווערט אלץ מערער א קולטור־אנשטאלט. צום ביי־שפיל די שטאט ניו־יארק האט 18,000 לערערס, ניט רעדענדיק פון אנדערע אפטיילונגען פון דער שטאטישער טעטיקייט. מיט דער אויסברייטונג פון דער קהל׳שער טעטיקייט מוזען אויך וואקסען די שטאטישע אויסגאבען, אום צו שפארען געלט היינט צו טאג, דארף מען זעהן, אז די ארבייט זאל זיין שפארעוודיק, — און דער לאזונג פון היינטיקע רעפארמערס אין פריוואט געשעפט און אין קהלש׳ען געשעפט איז געווארען „עפישענסי“ — „שפארעוודי־קייט“. היינט וואס קען זיין מער שפארעוודיק פאר׳ן באלאבאס ווי צו צווינגען דעם ארבייטער ער זאל ארבייטען לענגערע שטונדען פאר דיזעלבע שכירות?

דעם שטאַנדפּונקט האָט גאַנץ קלאָר אויסגעדריקט דער ניו־יאָרקער רעפאָרם מעיאָר מיטשעל, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אין 1913: „דער מיטעל צו עקאָנאָמיזירען — זאָגט ער — איז ארויסצוקריגען מערער ארבייט פון די הויך באַצאָלטע בעאַמטע, ניט העכערענדיק זייערע געהאלטען". ווער זשע זיינען אָט די הויך באַצאָלטע בעאַמטע? די לערערקעס!

לאָמיר אָקאָרסט א קוק טאָן, צי עס איז אזוי. א לערערקע ארבייט אָפּ געוועהנטלאָך פון אָנהויב עטלאכע חדשים אלס א סאָבסטיטיוט, ס'הייסט אַן אויסהעלפעריז, און פארדינט וואָס עס מאַכט זיך, ווען עס פעלט אוים אַ שטענדיקע לערערין. ווען זי קריגט שוין אַ שטענדיקע שטעל, צאלט מען איר דעם ערסטען יאָר זעכציק דאָלאר א מאָנאט. ווען זי וואָלט זיך געשטעלט ארבייטען ביי דרעסעס וואָלט זי אַזוי פיל ניט געקענט פארדינען, אבער מען דארף דאָך באַרעכנען, אז צו ווערען א לערערין דארף זיך די מיידעל לערנען אכט יאָר, נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט פּאָבליק סקול. אימיצער האָט דאָך איר געדאַרפט אויסהאלטען אין דער צייט. רעכענט שוין אָרעם — זעקס דאָלאר א וואָך, אריינרעכענדיק קליידער, דארף אַ מיידעל האָבען? מאכט דאָס אויך אוים א קאפּיטאל פון דריטאָלבען טויזענט דאָלאר.

ווען א דרעסמייקערין וועט קומען צו אַ מאַנופעקטשורער און עס לאָזען באנוצען זיך מיט אירען אַ קאפּיטאל פון דריטאלבען טויזענט דאָלאר אָן פּראָצענט, וועט ער איר ניט געבען א דזשאב פאר פופצען דאָלאר א וואָך? מען פארגינט ניט די לערערינס וואָס זיי ארבייטען כלומר'שט קורצע שטונדען. לאָמיר אָקאָרסט ווידער א קוק טאָן. די לערערין דארף זיין אין סקול אָרום האַלב נאָך אכט. די קלאסען ענדיקען זיך נאָך דריי, אָבער זי דארף נאָך איבערקוקען פארשידענע „פּייפּערס" פון די שילער און עס איז פאראן נאָך קאנצעליארסקע ארבייט. רעכענט אז זי דארף פארברייגען אין סקול ניט ווייניקער ווי פון 7 ביז 8 שטונדען. איז דאָס אזוי ווייניק?

וואָס מען פארגינט זיי ניט, איז וואָס זיי האָבען לאנגע וואקאַציעס. מען האָט געפּלאנעוועט זומער־סקולס און מען האָט געוואָלט אַז זיי זאָלען דאָרט ארבייטען אומזיסט. מיט אנדערע ווערטער, מען וויל ביי זיי אוועקנעמען זייערע וואקאציעס און דער מעיאר, וועלכער קריגט זיינע פופצען טויזענט דאָלאר א יאָר און פאָרט זיך

אוועק אף א לוסטרייזע, ווען עס ווילט זיך עם, ער זאגט אז מען דארף ארויסשלאגען פון די מיידלאך מער ארבייט און מען זאל זיי דערפאר ניט באצאלען.

די זעלבע טענדענץ האט געפונען א פראקטישען אויס־דרוק אין דער געזעצגעבונג פון דעם קאנגרעס בנוגע צו די בעאמטע ביי דער פעדעראלער רעגירונג.

אין 1903 בשעת די מאיאריטעט אין קאנגרעס איז געווען א רעפובליקאנישע, האט די אדמיניסטראציע פארלאנגט פון דעם קאנגרעס מער קלוירקס, — האט זיך געשטעלט א רעפובליקאנער קאנגרעסמאן פון א פארמערשען דיסטריקט אין מעין און געזאגט, אז לויט דעם געזעץ דארפען די קלוירקס ארבייטען זיבען שטונדען, אין דער פראקטיקע אבער ארבייטען זיי נאר זעקס מיט א האלב, ווייל מען לאזט זיי א האלבע שטונדע דערפון פריי אויף עסען לאנטש. לאזען זיי געהן אהיים מיט א האלבע שעה שפעטער, וועלען זיי אופטאן מער ארבייט און מען וועט פארשפארען צו דינגען נייע קלוירקס. ביז יענער צייט פלעגט מען שליסען די אפיסעס פיר א זייגער, זינט יענער צייט איז איינגעפירט אין אלע דעפארטעמענטס אז מען געהט א היים האלב נאך פיר.

די דעמאקראטישע פארטיי, וואס האט צו דער צייט ווען איך שרייב א מאיאריטעט אין קאנגרעס, וויל פאר זיך אויך מאכען א שם אז זי שפארט הוצאות, קומט ביי דער ווינטער סעסיע פון 1915־1916 קאנגרעסמאן בארלאנד פון קענטאקי און מאכט א פארשלאג, אז די קלוירקס פון די אפיסעס פון דער רעגירונג אין וואשינגטאן זאלען ארבייטען מיט א שטונדע א טאג לענגער, וועט די רעגירונג איינשפארען $4,000,000 א יאר.

דאס האט בארירט די אינטערעסען פון 40,000 קלוירקס און זייערע פאמיליעס, דאס מאכט אויס אן ערך א דריטעל פון דער באפעלקערונג פון וואשינגטאן. פארשטעהט זיך האט עס אנגעמאכט א גרויסע אויפרעגונג אין שטאט. חוץ די קלוירקס אליין זיינען אין דעם ענין געווען פאראינטערעסירט די קרעמער, וואס זייער פרנסה איז פון די רעגירונגס־בעאמטע, די אנגעשטעלטע אין די גרויסע מאגאזינען א. אז. וו.

ווען די ארבייטס צייט אין די רעגירונגס דעפארטמענטס איז פארלייגערט געווארען מיט א האלבע שעה אין 1903 זיינען די

קרעמער אויך געצוואונגען געווען צו האלטען זייערע קראמען אפען מיט א האלבע שטונדע לענגער. קאנגרעסמאן בארלאנד'ס טענה איז געווען אז די ארבייטער פאדערן מען זאל איינפירען דעם אכט שטונדיקען ארבייטס־טאג, מיט וואס זיינען די קלוירקס אין די אפיסעס פון דער רעגירונג גרעסערע יחסנים, אז זיי זאלען אר־בייטען סך־הכל זיבען? גאר א מאדנער קעמפפער פאר דעם אכט שטונדיקען ארבייטס־טאג!

די קלוירקס אין וואשינגטאן ארבייטען איצטער דיזעלביקע צייט ווי מען ארבייט אין די מערסטע ביזנעס אפיסעס אין ניו־יארק און אנדערע גרויסע שטעט. אמת, עס זיינען פאראן פאבריקען אין אמעריקע, וואו מען ארבייט צוועלף שטונדען א טאג, אבער אויב מען וויל פארגלייכען די ארבייטס־שטונדען פון די קלוירקס אין די אפיסעס פון דער רעגירונג מיט די שטונדען פון אנדערע ארבייטער, דארף מען ניט אויסקלייבען קיין ארבייטער אין שטאל פאבריק, נאר מענטשען, וואס טוען דעם זעלבען סארט ארבייט. אזוי טוט מען אימער, ווען עס קומט פאר א סכסוך צווישען קאפיטאל און ארבייט. איינשפארען מיט קאנגרעסמאן בארלאנד'ס רעפארמע וואלט די אמעריקאנער רעגירונג געקענט אן ערך 4 סענט א יאר פאר יעדען נפש, דאס מאכט אויס אן ערך 16 סענט א יאר פאר יעדע פאמיליע, אדער א פעני איין מאל אין 3 וואכען. פון א פראק־טישען שטאנדפונקט וואלט דער געווינס פאר דעם פאלק געווען נאר א קלייניקייט. דער פארשלאג איז דעם מאל דורכגעפאלען.

4.

יוניאנס פון שטאטס־בעאמטע.

מיט דער ענטוויקעלונג פון קאפיטאליזם שטייגט דער פרייז פון לעבענסמיטלען. דער יקרות צווינגט די ארבייטער צו פירען אן ארגאניזירטען קאמפף פאר א העכערען ארבייטס־לוין. וואס איז די האלטונג פון דער רעגירונג אלס ארבייטגעבער?

די בעאמטע אין וואשינגטאן באקלאגען זיך שוין פון יארען, אז די געהאלטען זיינען נאך היינט די זעלביקע ווי מיט פופציק יאר צוריק. אבער זיי זיינען ניט ארגאניזירט, און דער

קאָנגרעס האָט זיך נאָך ניט אויסגעקליבען צו העכערען די געהאַל־טען פון די ארבייטער ביי דער רעגירונג.

אין שיקאַגאָ און אין קליוולאַנד האָבען זיך די לערערינס אין די פאָלקסשולען אָרגאַנייזירט צו פאָדערען פון דער שטאָט־פערוואַלטונג א העכערונג פון זייער געהאַלט. דאָס האָט געפירט צו א קאַמפף פאר דאָס רעכט פון די שטאָט בעאַמטע צו באַלאַנגען צו א יוניאָן. די לערערינס אין שיקאַגאָ האָבען זיך אָרגאַניזירט מיט א יאָר צען צוריק און זיינען אריין אין די אמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר. ווען זייער יוניאָן האָט זיך געגרינדעט זיינען די פאַרדינסטען פון די לערערינס געווען קלעגלאַכע, די יוניאָן האָט זיך געווענדעט צו דער שטאָטישער אדמיניסטראַציע מיט א בקשה, זי זאָל העכערען די גע־האַלט פון די לערערינס. די אדמיניסטראַציע האָט געענטפערט, אז די שטאָט שיקאַגאָ איז אָרעם און קען ניט צאָלען מערער אירע לע־רערינס. נאַטירליך פאר אלערליי סאָרטען „גרעפט“ איז געווען געלט.

מיט מאַרגאַרעט העילי, די פירערקע פון דער יוניאָן האָט געענטפערט, אז זי וועט ווייזען דער שטאָט אדמיניסטראַציע, וואו זי קען געפינען געלט אף געהאַלט פאר אירע לערערינס. זי האָט גע־מאַכט אַן אונטערזוכונג און האָט באַוויזען שוואַרץ אף ווייס, אז א סך רייכע קאָרפּאָרעישאָנס צאָלען ניט דער שטאָט שיקאַגאַ די טעקסעס, וואָס עס קומט פון זייער ריעל עסטעיט (לאַנד און הייזער) און די שטאָט שיקאַגא מאָנט ניט פון זיי — פאַרוואָס, איז ניט שווער צו פארשטעהן.

צווישען אזעלכע קאָרפּאָרעישאָנס איז אויך געווען די גרעס־טע שיקאַגאָער צייטונג די „טריביון“. נאַטירליך האָט דער פארבאַנד פון די לערעריטס געהאט א שווערען קאַמפף געגען דער שטאָט פאַר־וואַלטונג, געגען די פּאָליטישענס און געגען דעם איינפלוסרייכסטען אָרגאַן פון דער פּרעסע. דער פערבאַנד האָט אָנגעגעבען אין גע־ריכט מאַנענדיק אין נאָמען פון די טעקס פּייערס (ס׳הייסט פון די וואָס צאָהלען די שטייערן) די געלט וואָס עס האָט געקומט פון די קאָרפּאָרעישאָנס.

פּראָצעסען ציהען זיך לאַנג אין די אמעריקאַנער קאורטס. אָבער די מיידלאָך האָבען געהאַט געדולד און האָבען זיך נאָך לאַנגע יאָ־רען דערוואַרט אז די קאורטס האָבען זיי געגעבען גערעכט. די קאָר־

פארעישאנס האבען געמוזט אפשטעקען די געלד און עס האט אויס־
געמאכט זעהר א גרויסע סומע, עס האט געקלעקט אף צו העכערען
די געהאלט פון אלע בעאמטע פון דער שטאט אף 10 פראצענט.
איר קענט פארשטעהן אז די יוניאן האט מיט איר זיג ניט גע־
וואונען קיין חן ביי די פאליטישענס. מען האט גענומען טענה'ן,
אז עס איז ניט קיין סטאטעק, אז די לעהרערינס פון די קינדער פון
אלע קלאסען פון פאלק זאלען זיין פארבונדען מיט אן ארגאניזא־
ציע, וואס פארטרעט נאר איין קלאס, דעם ארבייטער קלאס — דאס
איז די שיקאגא פעדערעישאן אוו לייבאר און די אמעריקאן פעדע־
רעישאן אוו לייבאר.

די באארד אוו עדיוקעישאן האט ענדע 1915 ארויסגעגעבען
די פאלגענדע מודעה:

„די אנגעהריקייט פון לערערס צו אן ארבייטער יוניאן אדער
צו אן ארגאניזאציע פון לערערס וואס איז פארבונדען מיט א טרעיד
יוניאן אדער מיט א פעדערעישאן פון טרייד יוניאנס, אזוי ווי אויך
די אנגעהריקייט צו אן ארגאניזאציע פון לערערס וואס האט בעאמטע
אדער אנדערע פארטרעטער, וועלכע באלאנגען אליין ניט צו דעם
לערער פערסאנאל, איז שעדלאך פאר די ריכטיקע דיסציפלין (אי,
די הייליקע „דיסציפלין"!), פאר די ארבייטס־טיכטיקייט („עפי־
שיענסי") פון דעם לערער פערסאנאל און פאר דעם ערפאלג פון דעם
סיסטעם פון די פובליק סקולס".

דעריבער האט די באארד אוו עדיוקעישאן באפוילען די לע־
רערינס, אז זיי זאלען אין דריי מאנאט צייט ארויסטרעטען פון דער
„טיטשערס פעדערעישאן" — ווער עס וועט ניט פאלגען וועט פאר־
לירען איר שטעל. און אין דער צוקונפט ווער עס וועט וועלען קרי־
גען א שטעל אלס לערערין וועט מוזען געבען א „פארפיסקע" אז זי
וועט ניט באלאנגען צו קיין יוניאן, דער באפעל, אז די לערערינס
טארען ניט באלאנגען צו קיין פארבאנד, וואס האט בעאמטע, וועל־
כע זיינען אליין ניט קיין לעהרערינס, איז זעהר ענלאך צו דעם גע־
וועהנטלאכען עטפער פון די דירעקטארען פון יעדער קאר־
פארעישאן, ווען עס קומען צו זיי פארטרעטער פון דער יוניאן, זיי
זיינען צופרידען צו פארהאנדלען מיט א קאמיטע פון זייערע אייגע־
נע ארבייטער, אבער זיי ווילען ניט האבען צו טאן מיט קיינע
זייטיקע מענטשען.

יעדער איינער פארשטעהט היינט צו טאג, אז א יוניאן מוז

האבען באצאלטע פארטרעטער, כדי זיי זאלען זיין אנאבהענגיק פון דעם באלאבאס.

די יוניאן פון די שיקאגאער לערערינס האט פארקלאגט די באארד אוו עדיוקעישאן אין קאורט. ביז די קלאגע וועט פארהאנדעלט ווערן האט די קאורט פארבאטען דער באארד אוו עדיוקעישאן צו באשטעהן אף איר פאדערונג.

אין קליוולאנד האט די קאורט אין 1914 גע'פסק'ענט, אז די לערערינס אין די פאבליק סקולס מעגען זיך ארגאניזירען אין א יוניאן אזוי ווי אלע אנדערע ארבייטער, אום צו קריגען בעסער באצאלט פאר זייער ארבייט.

די מעשה איז געוועזן אזוי: די לערערינס קריגען אין קליוולאנד סך־הכל צען דאלאר א וואך, זיי זיינען געקומען צום שלום, אז דער איינציקער מיטעל צו פועל'ן ביי דער באארד אוו עדיוקעישאן א העכערונג פון זייער געהאלט, איז צו ארגאניזירען זיך. אום צו געווינען די מאראלישע אונטערשטיצונג פון די ארגאניזירטע ארבייטער, האבען זיי זיך געווענדעט נאך א טשארטער צו דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר. אין דעם פאל איז „מאראלישע“ שטיצע ניט קיין פוסטע פראזע; די באארד אוו עדיוקעישאן איז א קערפערשאפט, וואס הענגט אפ פון פאליטיק און די מיטגלידער פון די יוניאנס זיינען וואוטערס, וואס עס לוינט זיך מיט זיי ניט איינצורייסען אומזיסט.

די באארד אוו עדיוקעישאן פון קליוולאנד האט פונדעסטוועגען זיך ניט דערשראקען און האט באשלאסען צו דערשטיקען די ארגאניזאציע פון די לערערינס באלד אין אנהויב. האט זי זיי געלאזט וויסען, אז יעדערע פון זיי וואס וועט באלאנגען צו דער יוניאן, וועט פארלירען איר שטעלע. די מיידלאך האבען זיך געווענדעט אין די קאורט נאך אן „אינדזשאנקשאן“ געגען די באארד אוו עדיוקעישאן און די קאורט האט באוויליגט זייער פארלאנג און האט אנגעזאגט דער באארד אוו עדיוקעישאן, אז זי טאר די לערערינס ניט אפזאגען פאר באלאנגען צו א יוניאן.

ביי דער רעגירונג אין וואשינגטאן איז דאס נאקעטע רעכט פון די ארבייטער צו באלאנגען צו א „יוניאן“ כלומר'שט אנערקענט. אבער די „יוניאן“ מעג זיין ניט מער ווי אן אונטערשטיצונגס פאראיין, זי טאר זיך ניט איינשטעלען פאר אירע מיטגלידער ביי דער

רעגירונג. מיט אנדערע ווערטער די רעגירונג נעמט אן דיזעלביקע
שטעלונג ווי ראקעפעלער. זי וויל ניט אנערקענען די יוניאָן אלס
אַ פּאַרטרעטער פון די ארבייטער אין פראגען פון שכירות אָדער באַ־
דינגונגען פון דער ארבייט.

אין 1903 איז פאָרגעקומען אין דער רעגירונגס דרוקעריי א
שטרייט צווישען די ארבייטער און א פאָרמאן. די רעגירונגס דרוק־
קעריי איז געווען א סטריקט יוניאָן שאפּ, קיינער האָט דאָרטען ניט
געטאָרט ארבייטען, ווען ער האָט ניט באלאנגט צו דער יוניאָן, דער
פאָרמאַן איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער אינטערנעשיאָנאל
טייפּאָגראפיקאל יוניאָן. ער איז געשטעלט געוואָרען אונטער אַן
אָנקלאגע און איז ארויסגעשטויסען געוואָרען פון דער יוניאָן. די
יוניאָן האָט געשיקט א קאָמיטע צו דעם פּאָבליק פרינטער, (ס'הייסט
דעם סופּעראינטענדענט פון דער דרוקעריי) דער פארמאן זאָל ענט־
לאסען ווערען, ווייל ער באלאנגט ניט צו דער יוניאָן. דער פּאָבליק
פּרינטער, זייענדיק אויך א מעמבער פון דער יוניאָן און א געוועז־
זענער פּרעזידענט פון דער יוניאָן, האָט געטאָן ווי די יוניאָן האָט
פּארלאנגט. דער פארמאַן האָט אפּעלירט צו דער סיוויל סוירוויס
קאָמישאָן און די קאָמישאָן האָט ענטשידען אז ער מוז צוריק אנגע־
נומען ווערען, ווייל א בעאמטער קען ניט אָפּגעזאָגט ווערען ווען
ער טוט זיין פליכט און האָט ניט געזינדיגט געגען דעם געזעץ. די
יוניאָן האָט די זאך אפּעלירט צו פּרעזידענט רוזוועלט'ן. זיין
תשובה איז געווען, אז ער האָט גארנישט דאגעגען, די ארבייטער
אין דער רעגירונגס־דרוקעריי זאָלען זיך באלאנגען צו אַ יוניאָן.
אָבער דער געזעץ פון לאַנד שטעהט העכער פאר דעם געזעץ פון אַ
יוניאָן. די רעגירונגס דרוקעריי איז דער אייגענס פון דעם גאנצען
פּאָלק. דער פּאָלק דורך זיינע פארטרעטער אין קאָנגרעס האָט דאָס
רעכט צו באשטימען ווי אזוי זיין אייגענטום זאָל פארוואלטעט
ווערען, אף וועלכע ארט און ווייזע זאָלען בעאמטע אָנגעשטעלט און
ענטלאסען ווערען. אלס פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען
מוז ער פּאָלגען דעם געזעץ וואָס דער פּאָלק האָט געמאכט. אַ פּאר־
באנד פון ארבייטער האָט קיין רעכט ניט צו שטעלען זיך אי־
בער דעם ווילען פון דעם גאנצען פּאָלק און ארייגזאָגען א דעה דער
רעגירונג, וועמען זי זאָל אָנשטעלען אָדער אָפּזאָגען. אזוי איז די
רעגירונגס־דרוקעריי געוואָרען אוים יוניאָן שאפּ.

שפּעטער איז די רעגירונג געגאנגען נאָך ווייטער, ווען דער

פרעזידענט פון די פאָסט אָפיס בעאַמטע איז געקומען צום פּאָסט־מאַסטער־דזשענעראַל זיך משתדל צו זיין פאַר די מיטגלידער פון דער יוניאָן, האָט עס יענער אָנגענומען פאַר א ברוך פון דיסציפּ־לין און דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן האָט פאַרלאָרען זיין שטעל.

די יוניאָן האָט געזוכט יושר ביים קאָנגרעס, זי האָט זיך גע־ווענדעט צו פאַרשידענע קאָנגרעסלייט מיט דער בקשה, אַז דער קאָנגרעס זאָל העכערען די געהאַלט פון די אָנגעשטעלטע אין דעם פּאָסט אָפיס דעפּאַרטמענט, אבער די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, וועל־כע האָט דעמאָלט געהערשט אין דעם קאָנגרעס, האָט געהאַלטען מיט׳ן פּאָסטמאַסטער־דזשענעראַל. די יוניאָן האָט געסטראַשעט, אַז ביי די נעקסטע וואַלען וועלען די לעטער קעריערס (די בריף־טרעגער) אַגיטירען געגען די קאָנגרעסלייט וואָס זיינען פיינדליך צו איר. א לעטער קעריער, ספּעציעל אין א קליינשטעטעל, אָדער אין א פאַרמערשען געגענד קען שטאַרק שעדיגען א קאַנדידאַט פון זיין דיסטריקט. דער פּאָסטמאַסטער דזשע־נעראַל האָט געענטפערט אויף דעם מיט אן אוקאַז, אַז די פּאָסט־שטאַוועס טשינאָווניקעס טאָרען ניט דאָקוטשאַיען דעם קאָנג־רעס מיט פראַשעניעס וועגען פאַרבעסערונגען פון די באַדינגונגען פון זייער ארבייט, און ווער עס וועט ניט פאָלגען, דער וועט פאַר־לירען זיין שטעל. דאָס איז שוין געווען גאָר פּאַרוסקי. וואָרים לויט דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי ביי די וואַלען פאַר׳ן קאָנגרעס אין 1910, די רעפּובליקאַנער זיינען געשלאָגען געוואָרען.

דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס האָט ארויסגעגעבען א געזעץ וואָס גיט די בעאַמטע פון דער רעגירונג בפירוש אַזעלכע רעכט ווי אַלע אַנדערע בירגער צו ווענדען זיך מיט פּעטישאָנס צו דעם קאָנגרעס. דערמיט איז אבער נאָך ניט אנערקענט געוואָרען דאָס רעכט פון די רעגירונגס בעאַמטע צו פאַרהאַנדלען אַלס אַן אָרגאַ־ניזאַציאָן מיט דער רעגירונג.

5.

דיסציפּלין אין רעגירונגס־אַנשטאַלטען.

די פּראַקטיקע ווייזט גאַנץ קלאָר אַז „דאָס פאָלק“ אַלס קאַ־פּיטאַליסט, קען אונטערדריקען זיינע ארבייטער א סך ערגער איי־

דער א פריוואט קאפיטאליסט, וואָרים די רעגירונג האָט א גרעסערע מאכט. די רעגירונג איז אין דער אמת'ן ניט מער ווי א נאָמען פאר לעבעדיקע מענטשען און א טשיף פון א ביורא קען זיין אן ערגערער דעספּאָט איבער די קליינע בעאמטע איידער א סופּעראינטענדענט אין א פאבריקע.

אין קיין דרוקעריי געפינט איר ניט אזעלכע שענדגעוואָרען אין דער ביורא אָוו ענגרעיווינג ענד פּרינטינג אין וואַשינגטאָן. דער דירעקטאר פון דער ביורא האָט א פּערזענליכען אינטערעס צו שינדען די הויט פון די מיידלאַך וואָס ארבייטען דאָרטען: ער וויל ווייזען פאר דעם פינאַנץ מיניסטער (סעקרעטערי אָוו דהי טרעזשורי) אז ער קען איינשפּאָרען געלט פאר די רעגירונג. דער מיניסטער וויל ווייזען דעם קאָנגרעס, אז ער קען אופּטאָן מעשים מיט גאָר וועניק געלט. די קאָנגרעסלייט ווילען זיך אויספיינען פאר דער געשעפטס־וועלט, אז זיי קענען פירען די געשעפטען פון דער רעגירונג ווי גוטע ביזנעסלייט, „עקאָנאָמיע" רעכענט זיך פאר די העכסטע מצוה ביי דער קאפּיטאליסטישער וועלט. צאָהלען דערפאר דארף נאטירליך דער קליינער מענטש וואס ארבייט פאר די רעגירונג.

אמת, אין פארגלייך מיט די אָנגעשטעלטע אין פּריוואט געשעפטען קריגען די קלענערע רעגירונגס־בעאמטע בעסער באצאָלט פאר דיזעלבע ארבייט, די שטונדען זיינען אויך קירצער און דער מענש איז מער געזיכערט מיט זיין שטעל. אבער דער ארבייטער האָט נאָך אנדערע אינטערעסען. דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען פארברייגגט ער ביי דער ארבייט; ווי ער ווערט באהאנדעלט ביי דער ארבייט האָט אויך זעהר פיל צו זאגען. און איך קען אייך זאָגען, אין ערגעץ פילט זיך ניט דער ארבייטער אזוי דערשלאָגען ווי ביי דער רעגירונג. ער איז געשמיט די הענט און פיס מיט א גילדערנער קייט, און גאָלד, ווי איר ווייסט, איז שווערער פאר אלע מעטאלען. טאַקי דערפאר וואָס די געהאלט איז העכער, וואָס די שטונדען זיינען קירצער, וואס די שטעל איז מער געזיכערט, האָט דער בעאמטער מורא זיך א קער צו טאָן. די לופט איז פול מיט חניפה, מיט מסירות.

עס איז פאראן א מאגישער וואָרט „דיסציפּלין". איך מוז זיך מודה זיין, איך האָב דעם וואָרט אזוי אָפט געהערט פון דעם אינספּעקטאָר פון אונדזער גימנאזיע, אז איך האָב צו דעם וואָרט און

דעם געדאנק וואס שטעקט אין עם געקראנגען די טיעפסטע פאר־אכטונג.

די השגה פון „דיסציפלין“ איז א טייל פון דעם סיסטעם פון מיליטאריזם. איך גיב צו, אז אין יעדער קהל׳שער אונטערנעמונג זיינען פאראן געוויסע אלגעמיינע אנגענומענע כללים, וואס יעדער מוז זיך פירען נאך זיי. די פראגע איז אבער ווי וויים דארף געהן דאס רעכט פון דעם כלל צו זאגען דעם יחיד וואס ער זאל טאן.

ווען למשל די באארד אוו עדיוקעישאן באשטימט אז די לערע־רין דארף פארברייגנען דריי שטונדען א טאג אין לערנען די קינדער ווי צו „ספעלען“ און די לערערין זעהט איין אז דאס איז א פאר־שווענדונג פון צייט, מעג די באארד אוו עדיוקיישאן פון איר פארט פארלאנגען, אז זי זאל זיך די דריי שטונדען פארנעמען מיט ספעלען. אויב זי פאלגט ניט, מעג די באארד איר אפזאגען. אבער אזוי לאנג ווי זי פאלגט וואס מען הייסט איר איז די קשיא: מעג זי אלס פריי־וואט מענטש נאך דער ארבייט קריטיקירען דעם סיסטעם אדער די פאליטיק פון איר נאטשאלסטווע? די פאליטישע בעלי־דעות ענט־פערן: ניין!

אין 1915 איז א לערערין אין ניו־יארקער היי־סקול, מיס העני־ריעטא ראדמאן סוספענדירט געווארען אויף א יאר צייט דערפאר, וואס זי האט אריינגעשיקט א בריוועל אין דעם הומאריסטישען קאלום פון דער ניו־יארקער „טריביון“ וואו זי האט אויסגעלאכט די באארד אוו עדיוקעישאן פאר איר פיינדליכע שטעלונג געגען פארהייראטע לערערינס.

ווי באקאנט, האט די אגיטאציע געגען די באארד אוו עדיור־קעישאן געבראכט דערצו, אז די לערערינס האבען געוואונען דאס רעכט חתונה צו האבען. אבער ווי עס פירט זיך אין דער וועלט מוז יעדער קאמפף האבען זיינע מארטירער. מיס ראדמאן האט פארלא־רען א יאר געהאלט. זי האט אפעלירט צו דעם סטעיט קאמישאנער אוו עדיוקעישאן — דעם בילדונגס מיניסטער פון דעם סטעיט ניו־יארק. ער האט צוריקגעוויזען די אפעלאציע און די צוריקווייזונג בא־גרינדעט פרינציפיעל.

אין תוך, זאגט ער, איז איר פאעדרונג געווען א גערעכטע, און דעריבער האט ער גע׳פסקנ׳ט, אז די באארד אוו עדיוקעישאן איז געווען אונגערעכט. וואס זי האט ענטזאגט די פארהייראטע לערע־

דינס. צו דער זעלבער צייט אבער דארף די באארד און עדיוקעי־שאן האבען די מאכט צו טאן, וואס זי געפינט פאר נויטיק, „צו באַ־שיצען ניט נאר זיך אליין, אבער אויך די סקולס איבער וועלכע זי פאסט אויף“. דעריבער וויל ער ניט ארויסגעבען קיין ארדער, וואס וועט באשרענקען איר מאכט אין דער אנגעלעגענהייט. „דאס מיינט אבער ניט קיין באשרענקונג פון רעדע פרייהייט“, דענקט ער.

אן ענלאכע מעשה איז פארגעקומען אין וואשינגטאן אין 1902. בשעת עליהו רוט איז געווען קריגס־מיניסטער, איז אין דער „וואשינגטאן פאסט“ ערשינען א שטימע פון פאלק, אין וועלכער א סטענאגראפיסטקע פון דעם קריגס־דעפארטמענט האט קריטיקירט די אמעריקאנער פאליטיק אין די פיליפינעס*)

באלד ווי דער בריף איז ערשינען אין דער צייטונג, איז זי ענט־לאסען געווארען. איר מוזט וויסען, אז די „וואשינגטאן פאסט“ איז ניט חלילה קיין אנארכיסטישע צייטונג, זי איז פארביסען רעאק־ציאנער, און זי האט געהאלטען מיט דער אדמיניסטראציע. דער פארברעכען פון דער סטענאגראפיסטקע איז באשטאנען איינפאך אין דעריין, וואס זי האט אויסגעשפראכען א מיינונג געגען דער אימפער־יאליסטישער פאליטיק. מר. רוט האט אפיציעל ערקלערט אין דער פרעסע, אז אויב אן אנגעשטעלטער ביי דער רעגירונג איז אויף אזוי ווייט געגען די פאליטיק פון דער רעגירונג, אז ער ערלויבט זיך זי צו קריטיקירען, טו פאסט ער זיך ניט פאר זיין שטעלע. גאר פא רוסקי : „מאלטשאט אי ניע ראזגאווארייוואט“. א שרייבער׳ל ביי דער רעגירונג טאר ניט עפענען דעם מויל.

די דיסציפלין איז אין רוזוועלטס אדמיניסטראציע געגאנגען נאך א סך ווייטער. אין דער צייט פון דער מלחמה צווישען רוס־לאנד און יאפאניע האט פרעזידענט רוזוועלט ארויסגעגעבען א פריי־

---

*) זי האט אין איר בריף חלילה ניט אויסגעזאגט קיינע סודות, וואס מען האט איר דיקטירט,—צי זי איז אינגאנצען געווען אנגעשטעלט אין אזא אבטיילונג, וואו זי האט געהאט עפעס צו טאן מיט שטאטס־סעקרעטען, איז פאר דעם בריטען עולם געבליבען אונבעקאנט. ס׳איז א סברה, אז זי האט מיט קיין שטאטס־סעקרעטען גאר ניט געהאט צו טאן, ווארים אויב זי וואלט פארנומען ערגעץ א פארטרויענס פאסט, וואלט עס זיכער אפיציעל געמעלדעט געווארען, כדי גרעסער צו מאכען איר עבירה.

קאז, אז קיין פערזאן וואס דינט ביי דער רעגירונג זאל זיך ניט ערלויבען צו ריידען וועגען דער מלחמה. „אמעריקע, האט ער געזאגט, דארף אויסמיידען אלעס וואס קען איר פארפלאנטערן אין א קריג מיט רוסלאנד. אמעריקע וויל זיין נייטראל. ווען אמעריקאנער רעגירונגס־בעאמטע וועלען ניט זיין פארזיכטיג אין וואס זיי ריידען, קען רוסלאנד דאס אנעמען פאר די מיינונג פון דער אמעריקאנער רעגירונג. דעריבער איז גלייכער, אז אלע רעגירונגס־בעאמטע זאלען אין גאנצען שווייגען וועגען דער מלחמה. ווער עס וועט ניט פאלגען, וועט קריגען אטסטאווקע.

מילא, די טענה איז פשוט געווען אן אונזין, די מיינונג פון מארגאנ׳ס אפיס באי ווערט ניט אנגענומען אין דער פינאנץ־וועלט פאר די מיינונג פון מארגאנ׳ס פירמע. קיינער האט קיין רעכט ניט צו רעדען אים נאמען פון דער רעגירונג, א חוץ דעם פרעזידענט, די מיניסטארען און די דיפלאמאטישע אגענטען. אויב דער פרעזידענט מעג פארזאגען די בעאמטע, זיי זאלען ניט ריידען וועגען דער מלחמה, טו מעג ער פונקט אזוי גוט זיי פארזאגען, זיי זאלען ניט ריידען וועגען אן אנדער פראגע. דאס מיינט, אז ווי באלד איינער נעמט אן א שטעלע ביי דער רעגירונג, מוז ער זיך אפזאגען פון זיין רעכט צו געניסען דיזעלבע רעדע־פרייהייט, וואס אנדערע בירגער האבען. דערמיט ווערט באשאפען א קלאס מענטשען, וועמענס רעכט זיינען באשרענקט. מיט דער ווייטערער אויסברייטונג פון דער טעטיקייט פון דעם שטאט, מוז זייער צאל וואקסען. שטעלט זיך פאר, אז די אייזענבאנען זאלען איבערגעהן צו דער רעגירונג, דערמיט וועלען צוויי מיליאן מענטשען, וואס ארבייטען ביי די אייזענבאנען פארלירען דאס רעכט צו רעדען וועגען דער פארוואלטונג פון די אייזענבאנען. וואס מערער די געזעלשאפט וועט אריינוואקסען אין דעם סאציאליזם, (לויט בעבעל׳ס אויסדרוק) אלץ גרעסער וועט ווערען דער קלאס פון שטאטס־שקלאפען.

6.

די ערסטע סאציאליסטישע אדמיניסראציע פון מילוואקי.

ווי מיר האבען געזעהן איז די באוועגונג פאר שטאטס־סאציאליזם אדער מוניציפאל סאציאליזם ברייטער ווי דער ארבייטערקלאס. עס זיינען אין איר פאראינטערעסירט דער מיטעל־קלאס און

אפילו א טייל פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. דעריבער ווערט זי אונטערשטיצט אי אין איירָאפּא, אי דאָ אין אמעריקע פון געוויסע בורזשואזנע אָדער קאפּיטאליסטישע עלעמענטען. און דעריבער האָט דער אלטער ליבקנעכט דיזע באוועגונג באצייכענט מיט דעם נאָמען „שטאָטס־קאפּיטאַליזמוס". די היגע סאָציאַליסטען האָבען דאָס באלד אריינגענומען אין זייער ווערטער־בוך. עס איז אבער דאָ געוועזען א צרה. די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.) איז געוועזען די ערסטע אין אמעריקע וואס האָט אופגעשטעלט די זעלביקע פּאָדערונגען אין איר אייגענער פּלאטפארמע, און די ס. פּ. האָט זיי אויך אריבערגענומען. די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט אבער געפונען אן אונטערשיד צווישען דעם „מוניציפּאל קאַ־פּיטאליזם" און דעם סאָציאליזם. אין דער ערסטער פּלאַט־פארמע פון דער פאראייניקטער פּארטיי (ס'הייסט „דעב־סיסטישער" סאָציאל דעמאָקראטישער פּארטיי און דעם אָפּגעשפּאָלטענעם חלק פון דער ס. ל. פּ.) איז געשטאַ־נען, אז די פּארטיי פאָדערט מאַקע די אַלע זאכען וואָס ווערען באַ־צייכענט מיט דעם נאָמען „שטאָטס־קאפּיטאליזם". אָבער דאָס וויל זי נאָר דעמאָלט ווען די סאָציאַליסטישע פּארטיי וועט זיין ביים רו־דער. דעמאָלט וועט דאָס זיין סאָציאליזם. כל־זמן אבער די קאפּי־טאַליסטישע פּארטייען בעל־הבית'עווען אין דער שטאָט־פּארוואַל־טונג, איז א שטאָטישע עלעקטרישע סטאַנציע נים סאָציאליזם, נאָר מוניציפּאַל קאפּיטאַליזם. וואָס איז די נפקה מינה?

פארשטעהט איהר, ווען די שטאָט־פּערוואלטונג געפינט זיך אין קאפּיטאַליסטישע הענט, דעמאָלט וועט אַזא שטאָטישער געשעפט אויסגענוצט ווערען צו עקספּלואטירען די ארבייטער פון יענעם גע־שעפט, כדי די טעקסעס פון די קאפּיטאַליסטען זאָלען זיין קלענער. ווען אָבער די שטאָט קומט אריין אין די הענט פון א סאָציאַליסטי־שער אדמיניסטראציע דעמאָלט וועלען אין אַלע שטאָטישע געשעפ־טען די אינטערעסען פון די שטאָטישע ארבייטער שטעהען אפ'ן ערשטען פּלאַן. די קאפּיטאַליסטישע רעפאָרמערס ווילען א „ביזנעס־אדמיניסטרעישאן", זיי פירען די שטאָטישע געשעפטען אזוי ווי די קאפּיטאַליסטישע געשעפטען ווערען געפירט, דאָס הייסט פּראָסט גע־רעט, זיי ווילען עקספּלואטירען דעם שטאָטישען ארבייטער פּונקט אזוי ווי דער ארבייטער אין א פּריוואַט ביזנעס ווערט עקספּלואטירט. וועט עס דער ארבייטער וואס האָט א שטעל פון דער שטאָט מער

הנאה האבען, ווען די שטאט באסעס וועלען פון עם שינדען די הויט? אט קוקט זיך איין ווי די ארבייטער ווערען באהאנדעלט פון דער קאפיטאליסטישער רעגירונג אין וואשינגטאן?

בקיצור, עס איז געבליבען, אז מיר דארפען ווארטען מיט דעם מוניציפאל־סאציאליזם ביז וואנען די סאציאליסטישע פארטיי וועט אריינמופען אין סיטי האל. און מיר האבען זיך ברוך השם דער־ווארט: די סאציאליסטישע פארטיי איז געווארען די פאלגע בעל־הבית׳טע איבער דער שטאט מילוואקי.

די סאציאליסטישע פלאטפארמע פאדערט דעם אכט שטונדען ארבייטס־טאג פאר אלע ארבייטער. און די ערסטע זאך וואס דער סאציאליסטישער מעיאר האט געטאן, האט ער איינגעפירט דעם אכט־שטונדיקען ארבייטס־טאג פאר אלע קלוירקס אין סיטי האלל. דאכט זיך גאנץ פיין. דער חסרון איז אבער געווען, וואס אונטער די פריהערדיקע קאפיטאליסטישע אדמיניסטראציעס האבען זיי געאר־בייט סך־הכל זעקס שטונדען... דער אמת׳ער סאציאליזם באדייט פאר זיי צוויי שעה מערער פאר די זעלביקע געהאלט.

אפגעבענדיק דעם נייעם ארדער, האט דער סאציאליסטישער מעיאר געזאגט צו די שטאט אנגעשטעלטע, אז זיי זיינען שולדיק דער שטאדט אן אכט־שטונדיקען ארבייטס־טאג, און דעריבער וועלען זיי מוזען ארבייטען אכט שטונדען אנשטאט זעקס.

א מאדנער באגריף פון דעם אכט־שטונדען־טאג! אזוי ווי די צאל אכט וואלט אין זיך געהאט א באזונדערען זכות!

אט האבען די זעצערס ביי די ליינאטייפ מאשינען אויסגע־פירט פאר זיך אין פילע דרוקערייען א זיבען־שטונדען טאג און זאגאר א זעקס־שטונדען טאג, נו שטעלט זיך פאר, אז א רעדאקטאר פון א סאציאליסטישער צייטונג וואלט געזאגט צו די זעצערס: „איך גלויב אין דעם אכט־שטונדען טאג, און דעריבער, גענאסען. וועט איר איצטער ביי מיר ארבייטען אכט שטונדען פאר די זעל־ביקע שכירות וואס איר האט פריהער געקראגען פאר זעקס?“

עס האט זיך ניט געפונען קיין איינציקער מענטש אין דער גאנצער סאציאליסטישער אדמיניסטראציע פון מילוואקי, וואס זאל קלאר מאכען דעם סאציאליסטישען מעיאר, וואס פאר א גראבען פעלער ער האט באגאנגען.

אדרבא, מים טהאמאס, די סעקרעטערין פון דער פארטיי אין

דעם סטעיט וויסקאנסין, האט וועגן דעם באריכטעט מיט דעם גרעסטען ענטוזיאזם אין די סאציאליסטישע צייטונגען.

די קאפיטאליסטישע פרעסע האט באריכטעט וועגען מעיאר זיידעלס ארדער, אז די קלוירקס אין סיטי האלל זאלען ארבייטען אכט שטונדען און זיי האבען עם זעהר געלויבט — דאס הייסט א „ביזנעס אדמיניסטריישאן"! דער אטארני דזשענעראל אין וואשינגטאן האט באלד דערויף ארויסגעגעבען אן ארדער, אז די קלוירקס אין דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס זאלען ארבייטען 8 שטונדען א טאג אנשטאט 7, ווי פריהער. און מען האט דערצעהלט, אז פרעזידענט טאפט האט זיך געקליבען איינצופירען דעם אכט שטונדען טאג פאר אלע קלוירקס אין די רעגירונג־דעפארטמענטס. דאס האט אבער געשאפען אן אלגעמיינע אונצופרידענהייט אין וואשינגטאן. די קרעמער זיינען געווען דאגעגען, די צייטונגען האבען זיך אויסגעשפראכען דאגעגען און דער פלאן איז בטול געווארען.

איך האב געפרובט זוכען תירוצים צו פארענטפערן גענאסע מעיאר זיידעל. אייגענטליך, האב איך זיך געזאגט, זיינען דאך די גאנצע חברה וואס קוועטשען די שטולען אין סיטי האל ניט מער ווי פאליטישענס, וואס האבען געקראגען זייערע דזשאבס צוליב פאליטיקס. זאלען זיי טאקע ארבייטען, די דארמאיעדען! טויג אבער דער תירוץ ניט. גראד ארום דער זעלבער צייט האט דער פאסטמאסטער־דזשענעראל אין וואשינגטאן ארויסגעגעבען אן ארדער, אז די בריף־טרעגער זאלען ארבייטען, ווען עס איז נויטיק מער ווי אכט שטונדען א טאג, אבי דער סך־הכל פון דער וואך זאל ניט אויסקומען מערער ווי אכט און פערציק שטונדען.

דער „שיקאגא דעילי סאשיאליסט" האט דאס באלד אונטערגעכאפט און וועגען דעם באריכטעט אונטער א פעטע קעפעל: „לענגערע שטונדען פאר דיזעלביקע שכירות". הייסט, אויב עס איז אן עולה צו פארלאנגען אווערטיים, ווען דער ארבייטער קריגט דיזעלביקע צייט פריי אנאנדער טאג, טו וואס איז — צווינגען די קלוירקס צו ארבייטען צוועלף שטונדען א וואך עקסטרא אן א סענט!

אויב די קלוירקס אין מילוואקי זיינען פאליטישענס, טו זייגען א סך קלוירקס אין פאסט אפיס דעפארטמענט אויך פאליטישענס. און ווייטער, וואס וואלט דאס געווען פאר א יושר: דער־

פאר וואס א מאן איז א מיטגליד פון א רעפובליקאנער אדער דעמאקראטישען קלוב, איז א מצוה פאר א סאציאליסטישען מעיאר עם צו עקספלואטירען?

די קלוירקס וואס ארבייטען אין וואשינגטאן פאר די רעגירונג אדער פאר די שטאט אין מילוואקי טוען דעם זעלבען סארט ארבייט ווי די קלוירקס ערגעץ אין א באנק אדער אין א דעפארטמענט סטאר. יענע זוכט מען צו ארגאניזירען, עס איז פאראן א יוניאן פון קלוירקס, וואס זוכט צו געווינען פאר זיי קירצערע שטונדען. מיט וואס זשע האבען די קלוירקס אין סיטי האל אזוי פארזינדיגט? אמת, די ארבייטער וואס קעהרען די גאסען, ארבייטען אכט שטונדען און די קלוירקס זיינען ניט קיין גרעסערע יחסנים פאר זיי. פרובירט אבער איינרעדען די זעצערס, אז זיי דארפען ארבייטען אזוי לאנג ווי די סטריט קלינערס! זיי וועלען אייך ענטפערן, אז אויב איר ווילט גלייכהייט, טו מעגט איר זייערטוועגען איינפירען א זעקס־שטונדען טאג פאר אלע ארבייטער, וואס ווערען געדונגען פון שטאט. זיכער האט דער סאציאליסטישער מעיאר פון מילוואקי געקראגען פון זיין פארגענגער בירושה א געוויסע צאל קלוירקס וואס האבען געקראגען זייערע שטעלען נאר צוליב דעם, וואס זייער פארטיי האט זיי געדארפט פארזארגען מיט פאליטישע דזשאבס; או זדי שטאט וואלט אן זיי גאנץ גוט געקענט אויסקומען. דער סאציאליסטישער מעיאר האט געמעגט אפשאפען אלע איבעריקע לייט און פאדערען פון אלע בעאמטע, זיי זאלען ניט הולטאיעווע,ן נאר טאן די ארבייט, פאר וועלכע די שטאט האט זיי געדונגען, אבער יענע וואס טוען יע זייער ארבייט, וואס האט מען צו זיי?

דער ביישפיל פון מילוואקי האט צושלאגען אין ברעקלאך דעם ארגומענט, אז „פאבליק אונערשיפ“ איז סאציאליזם, ווען עס געפינט זיך אין די הענט פון א זיידעל, און עס איז מוניציפאל־קאפיטאליזם ווען עס ליגט אין די הענט פון א דעמאקראטישען מעיאר.

7.

אלזא שפראך מעיאר זיידעל.

ווען מיין ארטיקעל איבער דער מעשה איז ערשינען אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“ האט זיך א סאציאליסט פון שיקאגא,

מר. זיסקינד, געווענדעט מיט אן אנפראגע וועגען דעם צו מעיאר זיידעל פערזענלאך. דעם מעיאר'ס ענטפער האט מר. זיסקינד איבערזעצט אין אידיש און אפגעדרוקט אין דער „אידישער ארבייטער וועלט" פון דעם 22טען יולי, 1910, און איך האב עם איבערגעדרוקט אין דער „פרייער ארבייטער שטימע". אט איז ער ווארט ווארט:

„ווערטהער קאמעראד: —

„איך האב אייער צושריפט ערהאלטען, ענטפערענדיק, לאזט מיר אייך זאגען, אז עס איז ניט מעגלאך פאר מיר צו טאן אירגענד וואס און עס זאל ניט פארדרעהט ווערען. די קלוירקס פון וועלכע איר רעט, דארפען זיין אף זייער דזשאב 8 שטונדען, אבער זיינען קיינמאל ניט געווען. אין פאקט, מאנכע פון זיי זיינען ניט געווען קיין 6 שטונדען און מאנכע האבען אפילו ניט געארבייט קיין צוויי שטונדען א טאג. זעהר פיל פון זיי זיינען ניט מער ווי פאליטישע באמס. איך פארשטעה ניט אז סאציאליזמוס מיינט באשיצונג צו פאליטישע באמבס און גרעפטערס, אם ווייניקסטענס, דאס איז ניט וואס מיר דענקען אז סאציאליזמוס מיינט אזוי, אין מילוואקי. מיר דענקען, אז די שטאטישע רעגירונג איז א טייל פון א מאשין צו טאן זאכען פאר די בירגער פון מילוואקי.

„דיזער מאשין קען ניט טאן דיזע זאכען, ווען עס ארבייט ניט, אויב 8 שטונדען איז די רול און עס איז געווען די רול אין מילוואקיר שטאטישער רעגירונג, דאן דארפען זיי ארבייטען די 8 שטונדען און ניט ווערען באצאלט פאר דאס, וואס זיי ארבייטען ניט.

„פילע פון דיזע מענטשען האבען גענומען געצאלט פון שטאט און האבען געטאן ארבייט וואס האט גאר ניט צו טאן געהאט מיט זייערע פפליכטען אלס שטאטישע בעאמטע, ציהענדיק געלט פון אנדערע קוועלען פאר דיזע ארבייט.

„עס איז מעגלאך, אז מאנכע דזשאב האלדערס פאליטישענס גלייבען ניט אונדזער שטעלונג, אבער מיר קענען עס ניט העלפען. איך גלויב ניט אז אזוי לאנג, ווי די גרויסע מאסען פון די ארבייטער ארבייטען 10 שטונדען, זאלען די, וואס דארפען העלפען די ארבייטער צו פארבעסערען די קאנדיציאנען פון די גרויסע מאסע, זאלען זיין צופרידען צו קריגען א פאר פריווילעגען. אין אנדערע

ווערטער, אויב איך, אלס מעיאר פון מילוואקי, וויל טאָן מיין פפליכט צו מיינע ברידער ארבייטער, דיקטירט מיר מיין געוויסען, אז איך זאָל אַנוועגדען מיינע בעסטע קרעפטען און איך זאָל ניט רר העו, ביז וואנען איך וועל זיין ערפאָלגרייך צוצוברעכען די קייטען פון לוין שקלאַפעריי. דאָס קען אָפט פאָדערן ניט נאָר 8, נור 10, 12, 14 שטונדען, און איך אלס אמת׳ער סאָלדאַט פון דער זאַך, וואָלט איך עס ניט אויסמיידען.

(אונטערצייכענט) עמיל זיידעל, מעיאר".

צו מר. זיידעלס שרייבען האָט מר. זיסקינד צוגעלעגט זיין אייגענעם פירוש, אין וועלכען ער האָט געזאָגט:

„דיזער לעטער רעט פאר זיך אליין. קיינער וועט ניט קענען געבען גענאָסע זיידלען אונגערעכט. זיידעל׳ס לעטער צייגט פון וואָס פאר אַ מאַטעריאל זיי זיינען דאָ צוזאַמענגעשטעלט".

זיין בריוועל האָט ער גע׳חתמ׳עט: „מיט סאָציאליסטישען גרוס פאר אונדזער אידעאל, מאָררים זיסקינד".

ווי מיר האָבען געזעהען, האָט דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעסמאַן בארלאד אין 1916 פאָרגעשלאָגען צו פארלענגערען די ארבייטס־צייט אין די רעגירונגס דעפּארטמענטס ביז אכט שטונדען און ער האָט באגרינדעט זיין פאָרשלאג, אקוראט ווי דער סאָציאליסטישער מעיאר זיידעל, דערמיט וואָס פילע ארבייטער פאָדערען נאָך ערסט די איינפירונג פון דעם אכט־שטונדען טאָג, דעריבער טאָרען די ארבייטער ביי דער רעגירונג ניט פארלאנגען פאר זין קיין בעסערס*)

דעם סאָציאליסטישען מאיאָר׳ס תירוץ מכח „פּאָליטישע באָמס און גרעפטערס" איז ניט קיין ענטפער: ער האָט ניט געזאָגט אין זיין בריעף אז אלע קלוירקס אין סיטי האָל זיינען באָמס און גרעפטערס, אָבער זיין אָרדער האָט זיך דאָך באצויגען אף אלע קלערקס. די פראגע איז: וויפיל שטונדען א טאָג זיינען די אָפיסעס אין סיטי האָל געווען אָפען אונטער דער פריי־

---

*) דער סאָציאליסטישער קאָנגרעסמאן לאָנדאָן האָט גערעט אין קאָנגרעס געגען בארלאנד׳ס פאָרשלאג, ס׳ איז אָבער א גרויסער חלוק פון אן איין־איינציקען פארטרעטער פון דער אָפּאָזיציע ביז צו א רעגירונגס פארטיי, וואָס די סאָציאליסטישע פארטיי איז געווען אין מילוואָקי אין זיידעלס אדמיניסטראציע.

הערער אדמיניסטראציע ? דאָס איז דאָך דער עיקר, און וועגען דעם, איז מר. זיידעל'ס בריף ניט קלאָר. אין די צייטונגען איז געשטאַנען, אז די שטונדען זיינען געווען פון ניין ביז צוועלף אין דער פריה און פון צוויי ביז פינף נאָכמיטאג*) דאָס הייסט פאר יענע קלערקס, וואָס האָבען קיין פּאָליטישען פּול ניט געהאט און האָבען געמוזט טאָן זייער ארבייט איז דער ארבייטס־טאָג געווען זעקס שטונדען. ווען עס וואָלט ניט געווען אזוי, וואָלט מעיאָר זיידעל פארשפּאָרט צו פאַרענטפערען זיך, ער וואָלט פּראָסט געזאָגט, אז די אָפּפיס־שטונדען אין סיטי האָל זיינען גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין זעקס שטונדען. דאָס אָבער זאָגט ער ניט, ער זאָגט נאָר, אז די „רול" איז געווען די קלערקס זאָלען ארבייטען אכט שטונדען. וואָס הייסט די „רול" ?. א פּנים עס איז ערגעץ געווען פארשריבען, אַז אָרדער פון א פריהערער שטאָט־פּארוואלטונג, אז דער ארבייטס־טאָג זאָל געדויערען אכט שטונדען, אָבער דערנאָך איז ווי עס ווייזט אויס געוואָרען א מנהג אז די שטאָט־אָפּיסעס זאָלען זיין אָפּען זעקס שטונדען. אַ מנהג ברעכט א דין, זאָגט מען, און דאָס איז אן אלגעמיין אנערקענטער געזעצליכער פּרינציפּ.

ווי די ביוראָקראַטישע מאַשין איז אומעטום איינגעאָרדענט, קען זיך א קלערק וואָס האָט א פּול קומען שפּעטער אין אָפּיס, אָדער ארויסגנב'ענען זיך פון אָפּיס און באַזאָרגען זיינע אייגענע געשעפּטען, און זיין טשייעף זאָל אף דערוף צומאַכען אן אויג. אָבער אלע קלערקס זאָלען זיך צוזאמענרעדען צווישען זיך און איבערבייטען די אָפּיס־שטונדען פון אכט אף זעקס, דאָס איז אַנמעגלאָך. עס איז קלאָר, אז זיי האָבען עס געטאָן ניט אנדערש, ווי מיט דער הסכמה פון דעם פּרירערען מעיאָר. היינט לאָמיך אייך פרעגען, ווער מאכט די רולס פאר די שטאָט־בעאמטע, וויפיל שטונדען זיי דארפען ארבייטען ?

אין אלע אמעריקאנער שטעט באַשטימט דאָס די שטאָט־אדמיניסטראציע, ווען די פריהערע אדמיניסטראציע איז מסכים גע־

---

*) אין יענער צייט איז ערשינען אין שיקאַגאָ א טעגליכע סאָציאליסטישע צייטונג, אין ענגליש, אין אירע בעריכטען וועגען דער אנגעלעגענהייט האָט זי דעם פאקט ניט אָפּגעלייקענט. דאָס זעלבע אויך דער וועכענטליכער „סאָשאָל דעמאָקראטיק העראָלד" פון מילוואָקי.

ווען, די אפיסעס זאלען זיין אפען זעקס שטונדען, איז דאס געווען פונקט אזוי געזעצלאך, ווי די אלטע געשריבענע „רול“ וואס איז פאקטיש אפגעשאפט געווארען. אמת, עס זיינען פאראן אין אמעריקע אזעלכע געזעץ־היטער, וואס שרייען רק, אז יעדער געשריבענער געזעץ מוז אויסגעפירט ווערען : טויג ניט דער געזעץ, טו דארף מען עם אפשאפען. נו, ווייסט איר, אז אין פענסילווייניא איז נאך עד היום פאראן א געזעץ, אז ווער עס גלויבט ניט אין עולם הבא, טאר ניט אויסגעקליבען ווערען פאר אן עפענטליכען אמט. — וואלט אימיצען איינפאלען היינט צו טאג אויסצוגראבען דעם פארגעסענעם געזעץ אין דורך עם אנצואווענדען ?

אבער, ווען דער סאציליסטישער מעיאר פון מילוואקי האט ניט געוואלט עובר זיין די „רול“ טו האט ער דאך געהאט די מאכט אליין, צי מיט דער הסכמה פון דעם סיטי קאונסיל, וואו די סאציאליסטישע פארטיי האט געהאט א מאיאריטעט, צו יעדער צייט איבערצומאכען די „רול“, ווען ער איז אריין אין אמט און האט געפונען, אז די אפיסעס ווערען געהאלטען אפען זעקס שטונדען, בעת די „רול“ פארלאנגט אכט שטונדען, איז ביי עם געווען די ברירה ענטוועדער איבערצומאכען די „רול“, כדי די קלערקס זאלען געזעציליך ניט דארפען ארבייטען מערער ווי פריהער, אדער צו צווינגען זיי שוויצען איבעריקע צוויי שטונדען יעדען טאג. דער סאציאליסטישער מעיאר האט באשלאסען צו פאדערען פון יעדען קלערק נאך צוויי שטונדען ארבייט פאר די זעלביקע געלט, און ער האט ערקלערט, אז דאס איז יושר, מחמת די גרויסע מאסע ארבייטער שאפען צען שטונדען א טאג. אבער די קלערקס ביי דער רעגיערונג אין וואשינגטאן ארבייטען נאר זיבען שטונדען. אלזא די סאציאליסטישע רעגירונג פון מילוואקי האט געצוואונגען אירע אנגעשטעלטע צו ארבייטען לענגערע שטונדען, איידער די קאפיטאליסטישע רעגירונג אין וואשינגטאן.

מעיאר זיידעלס תירוץ איז געווען, אז ער וויל ניט רוהען ביז ער וועט ניט ברעכען די קייטען פון דער לאהן־שקלאפעריי, און ווען עס איז נויטיק צוליעב דעם צו ארבייטען אפילע צוועלף און פערצען שטונדען, איז ביי עם אויך רעכט. לאמיר אבער רעדען ווי ערנסטע מענטשען, — וואס טויגען אונדז די פראזען וועגען „ברעכען די קייטען“ ? — די סאציאליסטישע שטאט־פארוואלטונג אין מילוואקי איז ניט געווען קיין צווייטע פאריזער קאמונע, זי

האט געטאן פונקט די זעלבע וואכעדיקע ארבייט, ווי מעיאר גיי־נאר אין ניו־יארק, אדער מעיאר ברענד ה. וויטלאק אין טאלידא האט געטאן צו דער זעלבער צייט. קורץ ווי אן אנשטענדיקע רעגירונג פון בורזשואזנע רעפארמערס, ניט מער. דער סאציאליסטישער מעיאר פון מילוואקי האט געהאט איין איינציקע געלעגנהייט לייב־טער צו מאכען די לאסט פון א קליינע צאל לאהן־שקלאפען — דאס זיינען געווען די לאהן־שקלאפען, וואס ארבייטען פאר די שטאט אין סיטי האל, ער האט געקענט ווייזען א ביישפיל דער וועלט, ווי א סאציאליסישע רעגירונג באהאנדעלט אירע גערונגע־נע מענטשען, האט ער אבער געזאגט, אז ער איז אליין צופרידען צו ארבייטען לאנגע שטונדען און די קלערקס אין סיטי האל דארף זיך אויך ניט וועלען ארבייטען קורצע שטונדען.

פונקט די זעלבע רייד האט מען אין דער זעלבער צייט גע־הערט פון די מיטגלידער פון טאפט'ס קאבינעט אין וואשינגטאן: זיי ארבייטען אויך אליין לאנגע שטונדען פאר די אינטערעסען פון דעם אמעריקאנער פאלק (אזוי ווי זיי פארשטעהען דיזע אינטע־רעסען), על כן דארף א קלערק וואס איז א טרייער דינער פון פאלק, אויך ניט קוקען אף'ן זייגער. דאס איז דער בורזשואזנער אידעאל פון א „ביזנעסלייק אדמיניסטרעישאן“. אן אדמיניסטראציע פון ביזנעס לייט זוכט אימער אפצושפארען געלט פון דעם ארבייטער.

עס בעט זיך דא אבער אן אנדער קשיא. לויט ווי מע־יאר זיידעל דערצעהלט אין זיין בריף, פלעגען אונטער זיין פאר־גענגער א סך קלערקס ארבייטען וועניקער ווי צוויי שטונדען א טאג, און קיינער האט ניט געארבייט מער ווי זעקס שטונדען, און פון דעסטוועגען איז מען פארטיק געווארען מיט דער ארבייט, וואס מ' האט גענדארפט טאן, ס' הייסט עס זיינען געווען מערער קלערקס איידער מען וואלט געדארפט, ווען אלע וואלטען געארבייט זעקס שטונדען. מעיאר זיידעל האט זיי געהייסען קומען אין אפיס אכט אזייגער אין דער פריה און אפזיצען דארטען גאנצע אכט שטונ־דען. וואס־זשע האבען זיי געטאן אין די אכט שטונדען ? איך קען אייך זאגען — איך בין גענוג באקאנט מיט דער אמעריקא־נער ביוראקראטישער פירונג: מען צורייבט די צייט מיט גאר־נישט, אבער אלע זעהען אויס זעהר שטארק ביזי, אט דער בלאף פון די „ביזנעס אדמיניסרעישאן“ איז נאך מיין מיינונג נאך א סך אונארענטלאכער, איידער דער אפענער לעדיקגעהן פון די גרעפטערס.

עס זיינען פאראן אין אמעריקע א פּאָר הונדערט טויזענט קאָפּ־ארבייטער, וואָס ארבייטען פאר די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאַטען, פון די סטעיטס און פון די שטעט. די סאָציאַליסטען באַטראַכטען זיי פאר לאָהן־ארבייטער, פּראָלעטאריער. איך קען ניט איינזעהן פאר וואָס פארדינען זיי ווייניקער סימפּאטיע איידער די פּראנצויזישע שטאַטס־בעאמטע, פאר וועלכע די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט האָט זיך אָנגענומען אין זייער קאמפּף געגען דעם ראַ־יקאַלען און האלב־סאָציאַליסיטשען קאבינעט.

צווישען זיידעלס האַלטונג געגען די בעאמטע פון דער שטאָט מילוואָקי און דער האַלטונג פון קלעמענסאָ אָדער בריאן געגען די אָרגאניזירטע פּראנצויזישע שטאָטס־בעאמטע איז שווער צו געפינען א פּרינציפּיעלען אונטערשיד. דער אונטערשיד איז נאָר אין די אומשטענדען: אין פּראנקרייך זיינען די רעגירונגס־קלערקס ארוים אין א סטרייק, בעת אין מילוואָקי זיינען זיי געבליבען שטום, ווען דער סאָציאליסטישער מעיאר האָט ארויפגעלעגט א נייע לאַסט אף זייערע פּלייצעס.

ווי איר זעט, איז די פּראגע מכח די ארבייטס־צייט פון די אָנגעשטעלטע ביי דער רעגירונג ניט קיין פּארטיי פּראגע. דער סאָציאליסט זיידעל זאָגט, אז ער גלויבט אין דעם אכט־שטונדען טאָג, דעריבער דארף מען פארלענגערען די ארבייטס־שטונדען פון זעקס ביז אכט, און דער רעפּאָרם־מעיאר מיטשעל זאָגט, אז ער גלויבט אין עפישענסי, דעריבער דארפען די לערערינס ארבייטען זומער צייט אָן באַצאָלונג. דער עיקר איז, אז דער שטאָט — דער סאָציאליסטישער אזוי גוט ווי דער קאפּיטאַליסטישער — קען עקספּלואַטירען זיינע ארבייטער.

8.

ארבייטער־יוניאָנס אונטער שטאַטס־סאָציאַליזם.

אין אייראָפּא מאכט דער געזעץ קיין אונטערשיד ניט צווישען דער רעגירונג אַלס קאפּיטאַליסט און א פּריוואַט קאפּיטאַליסט. די רעגירונג קען מאכען א קאָנטראַקט פונקט אזוי ווי א געשעפטסמען און אויב די רעגירונג פאָלגט ניט די פונקטען פון דעם קאָנ־

טראקט, קענט איר זי פארקלאגען פונקט אזוי ווי איר וואלט פאר־קלאגען א פריוואט־פירמא, אין דערזעלביקער קארט. דא אין די פאראייניקטע שטאטען איז דער אונטערשיד צווישען דער רעגירונג אלס פאליטישע מאכט און דער זעלבער רעגירונג אלס א געשעפטס־אנשטאלט פארטונקעלט געווארען דורך דעם געדאנק פון דעמאקראַ־טיע, פון פאלקס־הערשאפט. אין דעם סכסוך צווישען דער אינטער־נאשאנאל טייפאגראפיקאל יוניאן און דער רעגירונג האט פרעזידענט ראזוועלט געזאגט, אז די גרויסע רעגירונגס־דרוקעריי אין וואשינג־טאן געהערט צו דעם „פאלק" און נאר דער גאנצער פאלק דורך זיינע פארטרעטער אין קאנגרעס קען באשטימען, וואס זאלען זיין די באדינגונגען פון דער ארבייט אין זיין דרוקעריי, ניט די קליי־ניקע צאל מענטשען, וואס ארבייטען דארטען. די פאר טויזענט ארבייטער אין דער דרוקעריי טארען ניט שטעלען זייער ווילען העכער פאר דעם ווילען פון הונדערט מיליאן אמעריקאנער.

די סאציאל־רעפארמערס, וואס סימפאטיזירען מיט דעם טרעיד־יוניאניזם, וואס האלטען מיט די ארגאניזירטע ארבייטער אין זייער קאמפף געגען דעם פריוואט־קאפיטאל, מאכען אבער אן אונ־טערשיד צווישער פריוואט־קאפיטאל און א רעגירונגס־אונטערנע־מונג. דער רעפארם מעיאר פון ניו־יארק זאגט, אז ער גלויבט אין ארגאניזאציע, אבער מאכט ער — „די רעגירונג פון דער שטאט און אירע טשינאווניקעס קענען ניט ווערען באהערשט פון די אנ־געשטעלטע פון דער שטאט. די מעלות פון אן ארגאניזאציע פון שטאט־אנגעשטעלטע, צי לערערינס, צי אנדערע ארבייטער, הענגט אפ פון דעם צוועק פון דער ארגאניזאציע און פון דעם אף וואס פאר אן אופן זי ווערט געפירט".

די באארד אוו עדיוקיישאן פון שיקאגא זאגט, אז זי איז ניט געגען יוניאנס בכלל, נאר יוניאנס זיינען גוט פאר האנט־אר־בייטער, פאר פראפעסיאנעלע מענטשען פאסען זיי זיך ניט.*)

דער וועכענטליכער זשורנאל „סורוועי", וואס רעפרעזענ־

*) עס זיינען פאראן מענטשען, ניט דוקא קאפיטאליסטיש גע־זאנענע, וועלכע האלטען זיך אליין פאר פארטשריטלאכע און זיינען איינפארשטאנען מיט דער מיינונג, דאס איז למשל געוועזן די שטעלונג פון דעם אידישען „פארווערטס" אין דעם סטרייק פון זיינע שרייבער.

טירט די עפּענטלאַכע מיינונג פון די סאָציאַל־רעפאָרמערס שטעלט זיך אַף דער זייט פון דער שיקאַגער „באָארד אָוו עדיוקעישאָן“ בנוגע צו די לערערינס : „דאָס פּובליקום, וואָס איז דער בעל הבית פון די סקוהלס און דינגט די לערערס, האָט אַין גרונד גע־נומען דאָס רעכט צו וויסען, פאַר וואָס זאָלען די באַצאָלטע די־נערס פון פאָלק זיין פאַרבונדען מיט אַן אָרגאַניזאַציע פון איין קלאַס פון דעם פאָלק. זאָל זיך אפילע דאָס זיין דער גרעסטער קלאַס : און אויב די לערער האָבען אַזעלכע פאַרבינדונגען, טו פאַרוואָס זאָלען די פּאָליס, די אַנגעשטעלטע פון דעם פּאָסט־אָפיס, די אַרמעע און דער פלאָט אויך ניט זיין אָרגאַניזירט אַף דעם זעלביקען אופן“. די סאָציאַל־רעפאָרמערס אַנערקענען ניט דאָס רעכט פון רעגיערונגס־בעאַמטע צו אָרגאַניזירען אַ יוניאָן, ווי אַלע אַנדערע אַרבייטער, פאַר דעם זעלבען צוועק און אַף דעם זעלבען אופן.

עס וועט ניט נעמען זעהר לאַנג ביז וואַנען די אייזענבאַנען, דער טעלעגראַף, די עלעקטרישע באַנען און אַ סך אַנדערע מאָנאָ־פּאָליסטישע געשעפטען, וועלען איבערגענומען ווערען פון דער רע־גירונג, דאָס וועט שאַפען אַ מחנה פון אַ פּאָר מיליאָן רעגירונגס בעאַמטע, וואָס פילע פון זיי זיינען שוין איצטער אָרגאַניזירט און אַנדערע וועלען זיך וועלען אָרגאַניזירען. איז עס דעמאָקראַטיש, אַז זיי זאָלען קיין דעה ניט האָבען אין דער פראַגע פון זייערע אייגענע פאַרדינסטען און אַרבייטס־צייט, דערפאַר וואָס זייער באַ־לעבאָס איז ניט אַ פּריוואַט־קאָרפּערעישאָן, נאָר די רעגירונג ?

מ׳ מישט דאָ צוזאַמען צוויי גאַנץ פאַרשידענע סאָרטען „די־נער פון פאָלק“ : די ערוועהלטע פאָלקס־פאַרטרעטער און די געדונגענע בעאַמטע. אַ קאָנגרעססמאַן, אַלס קאָנגרעססמאַן, האָט קיין אייגענע אינטערעסען ניט, וואָס זאָלען זיין פאַרשידען פון די אינטערעסען פון די וואָוטערס, וואָס האָבען עם געשיקט אין קאָנגרעס, ער איז ניט מער ווי זייער שליח, — איך רעד נאָ־מירלאך פון דער טעאָריע פונ׳ם געזעץ, ניט פון דער פּראַקטיקע. אַ פּורמאַן, וואָס זיצט אַף אַ וואָגען מיט בריף און צייטונגען, איז ניט מער ווי אַן אַרבייטער, וואָס טוט דיזעלביקע אַרבייט, ווי אַ פּורמאַן, וואָס טרייבט די פערד פאַר אַ געוועהנטלאַכען עקספּרעס־מאַן. פאַרוואָס זאָל ער ניט האָבען דאָסזעלביקע רעכט צו דינגען זיך מיט זיין בעל הבית דער רעגירונג — וועגען שטונדען, שכירות

א. א. וו. ווי יעדער אנדערער פורמאן מיט זיין בעל הבית ? דער קאָנגרעסמאַן, וואָס נעמט אָן די שליחות פון פאָלק, האָט די ברירה ניט צו לויפען אלס קאנדידאט, אויב די באדינגונגען געפעלען עם ניט. אבער דער פורמאן מוז ארבייטען צו פארדינען אף חיונה. — און שטעלט זיך פאר א געזעלשאפט, וואו דער גאנצער טראנ־ספּאָרט־געשעפט ליגט אין די הענט פון דער רעגירונג — וואו זאָל די מאסע פורליים זוכען ארבייט ? ווען עס זאָל אנערקענט ווערען, אז א דינער פון פאָלק טאָר ניט געהערען צו אָן אר־בייטר ארגאניזאציאן, טאָר קיין דעה ניט זאָגען וועגען די באדינ־גונגען פון זיין ארבייט. מוז דאָס פירען צו א נייער פאָרמע פון שטאָטס־שקלאפעריי.*)

דער ארבייטער אין א שטאָטס־אינדוסטרי איז אונטער אזא דיס־ציפּלין א געצוואונגענער ארבייטער, — געצוואונגען ניט דערמיט, וואָס עס ווילט זיך עם עסען, אָבער געצוואונגען דורך דעם גע־זעץ, וואָס זאָגט, אז ער דארף ארבייטען אזוי לאנג, ווי מען הייסט עם, נעמען אזוי פיל, ווי מען גיט עם, און טאָר ניט פאראייניקען זיך מיט זיינע מיט־ארבייטער צו פארבעסערען זיין לאגע**)

עס איז ניט קיין תירוץ צו זאָגען, אז אין די היינטיקע דע־מאָקראטיעס הערשט „דאָס פאָלק" און יעדער וואָס ארבייט אין דעם פּאָסט־אָפיס איז א טייל פון דעם פאָלק, און דאָס פאָלק קען „זיך אליין" ניט אונטערדריקען, ווי די טעאָרעטיקער פון דער דעמאָקראטיע האָבען געטענה'ט אין דעם 18־טען יאָרהונדערט. מיר זעהען, אז „דאָס פאָלק" פון די דרום סטעיטס אונטערדריקט יע די שווארצע מינאָריטעט. און די אונטעדריקונג פון די קלערקס אין דעם פּאָסט־אָפיס האָט געבראכט צו העפטיקע קאָנפליקטען

---

*) שטאַטס־שקלאפעריי האָט עקזיסטירט אין דער געשיכטע אין יע־נע צייטען, ווען דער גאנצער עקאָנאָמישער סיסטעם איז געבויט גע־ווען אף שקלאפעריי, אין רוים זיינען די שרייבערס אין רעגירונגס אַנשטאַלטען — וואָס מען רופט היינט אין אַמעריקע דעפּארטמענט־קלערקס — געווען שטאטס־שקלאפען.

**) דאָס איז געווען די געזעצליכע לאגע פון די בערג־אַרבייטער אין די אוראלער בערג, פאר דער באפרייאונג פון די פויערים, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער רוסישער רעגירונג.

צווישען זיי און דער רעגירונג. און אמעריקע אונטערשיידעט זיך ניט פון דער פראנצויזישער רעפובליק; ווען די פראנצויזישע פּאָטש־טאָווע בעאמטע האָבען געסטרייקט פאר דאָס רעכט צו אָרגאני־זירען זיך, האָט די ראדיקאלע רעגירונג זיי באהאנדעלט אלס פאר־ברעכער, אקוראט ווי די רוסישע רעגירונג האָט באהאנדעלט די סטרייקערס פון דער פּאָטשט און דעם טעלעגראף מיט עטלאכע חדושים פריהער. די שטראף איז געווען א מילדערע ווי אין רוס־לאנד, אָבער דער פרינציפּיעלער שטאנדפּונקט איז געווען דערזעל־בער.

די פונדאמענטאלע פאָדערונג פון דער גאנצער ארבייטער באַ־וועגונג איז, אז די ארגאניזירטע ארבייטער זאָלען טאקע יע האָבען א דעה איבער דער פערוואלטונג פון דעם געשעפט, אין וועלכען זיי ארבייטען. דאָס איז דער זין פון „אינדוסטריעלער דעמאָ־קראטיע", וואָס איז דער היפּך פון דעם איצטיקען אינדוסטריעלען אבסאָליוטיזם, וואו דער באלעבאָס איז אן אונבאשרענקטער מאָ־נארך אין דער פאבריקע. און אין די רעגירונגס אונטערנעמונגען איז די פאָדערונג פון אינדוסטריעלער דעמאָקראטיע נאָך וויכטיקער ווי ביי א פּריוואט־אונטערנעמער, וואָרים פון א פּריוואט־אונטער־נעמער קען מען אוועקגעהן צו אנאנדערען, — וואוהין וועט איר אוועקגעהן פון דער שטאאטס־רעגירונג?

צי דער ארבייטער איז אָנגעשטעלט אין א פּריוואט געשעפט, צי אין א קאָאָפּעראטיווען געשעפט, ביי א קאפּיטאליסטישען שטאאט, אדער ביי א פאָלקס־שטאאט, באשטעהט אימער א געגענ־זאץ צווישען דעם ארבייטס־געבער און דעם ארבייטער. סטרייקס זיינען פארגעקומען אפילו געגען סאציאליסטישע צייטונגען, און ניט אימער וועגען ארבייטס־לוין, אָדער שטונדען, נאָר וועגען יוניאן פּרינציפּען.

וואָס זשע פאלגט דערפון? אז די פארשטאָטליכונג פון גע־שעפטען איז נאָר איין העלפט פון סאָציאליזם, די אנדערע העלפט איז די אָרגאניזירונג פון דעם ארבייטער קלאָס, צום קאמפף פאר די קלאסען־אינטערעסען פון די ארבייטער געגען דעם פאָלקס־שטאאט אלס באלאבאָס.

דריטע אפטיילונג:

פאליטישע פראגען

פערצענטער קאַפּיטעל:

סאָציאַליזם און פרייהייט.

אז משיח וועט קומען, וועט זיין א סעודה'ניו,
שור הבר, לויתן וועט מען עסען,
יין המשומר וועט מען טרינקען,
משה רבינו וועט זאָגען תורה,
שלמה המלך וועט זאָגען חכמה,
דוד המלך וועט שפּילען,
מרים הנביאה וועט טאַנצען —
אוף דער סעודה'ניו!

די חסידישע לידעלע פּאַסט זיך ניט נאָר אף אידען אליין. יעדע רעליגיע, יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אלע מאָל צוגעזאָגט, אז זי וועט מאַכען די מענטשען גליקלאך. ביי די קריסטען איז פאַרברייט געווען דער גלויבען, אז יעזוס וועט נאָך אַמאָל קומען און עס וועט זיך אַנהויבען א „טויזענט־יעהריקע מלוכה" (אף לאַטיין „מיללעניום") און אלע וועלען זיין גליקלאך. עס זיינען געווען אַזעלכע קריסטלאַכע סעקטען, וואָס זייער מיללעניום האָט געזאָלט זיין א קאָמוניסטישער מיללעניום. שפּעטער האָבען די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע צוגעזאָגט, אז דורך פרייהייט און גלייכהייט וועלען אלע ווערען גליקלאך און היינט קומט דער סאָציאַליזם און זאָגט צו, ווען עס וועט איינגעפיהרט ווערען די סאָציאַליסטישע אָרדנונג די „קאָאָפּעראַטיווע קאָמאָנוועלט", וועט אלץ ווערען גוט. מענטשען וועלען פאָרט שטאַרבען, אָבער שטאַרבען וועט זיין א מחיה. מ'וועט שטאַרבען מיט מוזיקע, זאָגט בעלאַמי אין זיין ערסטען בוך, און אין צווייטען בוך זאָגט ער, אז ווען דער מענטש וועט ווערען אַלט, וועט ער לעבען אין אַזאַ געטלאַכען צושטאַנד פון ערוואַרטונג און עס וועט עס אַזוי גוט זיין אפ'ן הארצען, אז די יונגע וועלען עס מקנה זיין. זיי וועלען זיך אָבער טרייסטען מיט דעם, אז עס וועט פאַר זיי אויך אַמאָל קומען די צייט. נאַטירליך אלע לעבען זעהר לאַנג, א ווייבעל פון פערציק יאָר וועט אויסזעהן אַזוי פריש, ווי היינט א מיידעל פון **צוואַנציק** — אזוי זאָגט וויליאַם מאָריס, פאַר די

וועלט זאָגט ער, וועט זיך אָנהויבען „אַ צייט פון רוּ־הע". נעמט אַ דורכשניטלאַכע אמעריקאַנער סאָציאַליסטישע צייטונג פון די ערסטע פּראָפּאַגאַנדע יאָרען פון דער סאָציאַליס־טישער פּארטיי, וועט איר געפינען, אַז ווען עס קומט צו רייד ווע־גען עפּעס שלעכטס, וואָס איז היינט צו טאָג ערגעץ פאָרגעקומען, ענדיגט מען געוועהנלאַך מיט דער באַמערקונג, אַז אין דער סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען אַזעלכע זאַכען זיין אוממעגלאַך, ווארום ווען נאָר די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלען געהערען דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט מען פון קיין בייז ניט וויסען אין דער וועלט, עס וועט ניט זיין פאַרוואָס.

דאָס איז ווי איר זעט, אַן אַלטע מעשה. אין פריהעריקע צייַ־טען האָט זיך די מענטשהייט אָפּגענאַרט אַן דער מעשה וואָס פאַר אַ גליקען מ'האָט דאָ היע אין אַמעריקא פון דער „פרייהייט און גלייכהייט", האָב איך אויך ניט וואָס צו דערצעהלען. אמת, עס איז דאָ בעסער איידער אין סאַמאַכוואַלאָוויץ, אָבער קיין גן עדן איז דאָס פּאָרט ניט. אין פראַנקרייך איז די רעפּובליק נאָך אויך זעהר וויִיט פון דעם חלום פון די רעוואָלוציאָנערען פון הונדערט יאָר צוריק. וואָס פאַר אַ פערזיכערונג האָבען מיר, אַז פון אונדזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלען וועט זיך אויך ניט אויסלאָזען אַ חלום?

אין 1892 יאָר איז אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער צייטונג „עגאַליטע" (גלייכהייט" צום ערסטען מאָי אָפּגעדרוקט גע־ווען אַ סעריע בילדער, וואָס האָט פאַרגעשטעלט, ווי די וועלט ענט־וויקעלט זיך פון אַ דעספּאָטישער מאָנאַרכיע צום סאָציאַליזם. דער ערסטער בילד שטעלט פאַר אַ גרויסע קאָריטע, אויף וועלכער עס ליגט אַ גראָבער חזיר מיט אַ קרוין אַפּ'ן קאָפּ. עס זיינען פאַראַן אַ סך ווינקאַלאַך וואו אַן אנדער חזיר קען אריינרוקען זיין מאָרדע און עס שטעהען ארום מאָגערע חזירים, וואָס וואַרטען, אַז דער געקרוינ־טער חזיר זאָל זיי צולאָזען צו דעם יוונקעלע אין קאָריטע. ארום און ארום איז אַ פּאַרקאַן, הינטער'ן פּאַרקאַן שטעהן אויסגעדאַרטע חזירים, אָבער אַז איינער פון זיי וויל אריבערקריכען דעם פּאַרקאַן, לאָזען עס די אינעווייניקסטע חזירים ניט צו. די אונטערשריפט איז: די „אונבאַשרענקטע מאָנאַרכיע".

דער צווייטער בילד איז אַביסעל אַנדערש ווי דער ערסטער. דער געקרוינטער חזיר אַפּ'ן קאָריטע איז שוין ניט אַזוי גראָב און פאַרנעמט נאָר אַ העלפט פון דער קאָריטע, צו דער אַנדערער העלפט

האָבען זיך צוגעקליבען עטלאכע אנדערע חזרים און זיי זיינען שוין ניט אזוי מאָגער ווי אפ'ן ערסטען בילד. דער פּארקאן אָבער איז נאָך פאָרט געבליבען, די חזרים פון יענעם זייט פּארקאן זיינען נאָך אזוי אויסגעדארט ווי פריהער, און מ'לאָזט זיי ניט איבער'ן פּארקאן. די אונטערשריפט איז : „קאָנסטיטוציאנעלע מאָנארכיע".

אפ'ן דריטען בילד ליגט שוין דער פּארקאן אף דר'ערד איינגעבראָכען, קיין געקרוינטער חזיר איז שוין ניטאָ, אלע חזרים שטיקען זיך צום קארעטע, עטלאכע גרעבערע חזרים ליגען אף איר, קלענערע ליגען אונטען, דערשטיקט און עס געהט פאָר אן אלגעמיינע רייסעריי. די אונטערשריפט הייסט : „בורזשואזנע רעפּובליק. פרייע קאָנקורענץ".

צום סוף קומט דער פערטער בילד. א לאנגער חזיר־שטאל, איבערגעצאמט אין גלייכע אפּטיילונגען, איינע נאָך דער אנדערער אָן אָן עק. אין יעדערער שטעהט א היבשער חזיר און אלע טרינקען פון איין לאנגער קאָרעטע, וואָס ציהט זיך אין דער לענג, אין דעם פאָדערסטען טייל פון יעדער אפּטיילונג. די אונטערשריפט איז : „סאָציאליזם, גלייכהייט".

נאַטירליך, עס איז נאָר א משל אָבער דער משל איז כאראקטעריסטיש. דער אידעאל פון סאָציאליזם איז דאָ פאָרגעשטעלט ווי א גרויסער חזיר־שטאל, אין וועלכען אלע באקומען גענוג צו פרעסען.

א חזיר, צי ער געהט אף פיר פיס, צי אף צוויי פיס, איז דערמיט פאָלקאָם צופרידען. ווען דאָס איז דער סאָציאליסטישער „אידעאל" טו מעגט איר זיין זיכער, אז דאָס וועט די מענשהייט באקומען. עס איז געוויס בעסער איידער ווען מיליאָנען געהן אויס פאר הונגער, ווי אין אונדזער היינטיקער געזעלשאפט. אָבער איז דאָס דער העכסטער אידעאל צו וועלכען די מענטשען זיינען דערגאנגען ?

די סאָציאליסטישע באוועגונג איז אויסגעוואקסען פון דער דעמאָקראטישער באוועגונג און האָט גע'יורש'ענט פון יענער אלע אירע פּאָליטישע פאָדערונגען. אלע סאָציאליסטישע פארטייען אין דער גאנצער וועלט פערלאנגען אלערליי פרייהייטען. אלזאָ, אויב מ'קען נאָר פארלאָזען אף די סאָציאליסטישע פארטייען, טו קען

מען האָפען, אז דער סאָציאַליזם וועט מאכען דעם מענטשען פריי. די קשיה איז אָבער צי קען מען זיך פארלאָזען אף די הבטחות פון די סאָציאַליסטישע פראָגראַמען?

די געשיכטע פון יעדער גרויסער אידעע געהט פאר געוועהנ־לאַך אַן ערך אַזוי. א גרויסער דענקער גרינדעט א נייע אמונה און געפינט תלמידים, וואָס קומען פאר'ן עולם און פּרובירען עס איבערצורעדען ער זאָל פאָלגען דעם נייעם רבי'ן. עס ציט זיך א לאַנגע צייט, פריהער געוועהנטלאַך לאַכט מען זיי אויס, נאָכדעם נעממט מען זיי פארפאָלגען מיט שווערד און פייער, אַמאָל לאָזט זיך אויס אז זייערע פארפאָלגער נעמען אָן זייערע אידעען, און עס הייסט: „די אידעע האָט געזיגט!“ ווען מען זאָל זיך אָבער נעמען צוקוקען נעהנטער, וועט מען זעהען, ערסטענס, אז א סך אידעען זיינען אף אייביק פארניכטעט געוואָרען דורך חוזק אָדער געוואַלט און האָבען קיין מאָל ניט געזיגט; און צווייטענס, ווען די אידעע האָט שוין ענדליך יע געזיגט, איז דאָס גאר ניט יענע אידעע וואָס מען האָט פאר־פאָלגט, עס איז פון איר געבליבען נאָר דער נאָמען.

דער בעסטער משל איז דאָס קריסטענטום. צי יעזוס האָט טאַקע אַמאָל געלעבט אף דער וועלט, צי ניט, און אויב יע, וואָס איז געווען זיין תורה, זיינען פראגען וואָס געלערנטע שטרייטען זיך מכח זיי. איין זאַך איז זיכער: עס איז אַמאָל באַשטאַנען אין ארץ ישראל, אין גריכענלאנד און אין רוים א קליינע סעקטע מענטשען, וואָס האָבען געהאט א הויכען אידעאַל פון גלייכהייט און ברידערליכקייט. די מענטשען זיינען אויסגעלאכט געוואָרען פון פילאָסאָפען און שפּע־טער זיינען זיי פארפאָלגט געוואָרען פון דעם שטאַט. מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער איז דאָס קריסטענטום געוואָרען די רוימי־שע שטאַטס־רעליגיאָן. אלזאָ דאָס קריסטענטום, זאָגט מען, האָט געזיגט! אין דער אמת'ן אָבער איז דאָס קריסטענטום פון דעם פערטען יאָרהונדערט געווען אין יעדער זאַך פונקט דער הפך פון דעם, פאר וואָס די ערסטע קריסטען האָבען אוועקגעגעבען זייער לעבען. אין דער אמת'ען איז די פירונג פון דעם רוימישען שטאַט ביסלאַכווייס אַנגענומען געוואָרען פון די קריסטליכע קהילות, ביז וואַנען די קריסטליכע קירכע איז געוואָהען ניט מער ווי דער בילד פון דער רוימישער וועלט־מלוכה.

וואָס־זשע זעט מען פון דעם משל? אַן אידעע ווערט אַלגעמיין

אנגענומען נאר דעמאלט, ווען זי פאסט זיך צו צו די באגריפען פון דעם גאנצען פאלק; ווען זי פאסט אין גאנצען ניט, ווערט זי גאר פארניכטעט; ווען זי קען זיך צופאסען, ווערט זי אזוי אומגעביטען, אז זי זאל זיך לעגען אין די קעפ פון דער גרויסער מאסע. דער מאַסען־מענטש אבער, ווען ער האט עפעס וועלכע געדאנקען, זיינען דאס די געדאנקען וועלכע ער שעפט פון זיין טעגלאכען לעבען, פון זיין געשעפטליכען אומגאנג מיט אנדערע מענטשען. דאס הייסט, אז ניט די אידעע האט איבערגעביטען די מענטשלאכע פירונג, נאר די מענטשלאכע פירונג האט געגעבען דעם פאסאן דער אידעע.

דאסזעלבע קען אנגעווענדעט ווערען אף די סאציאליסטישע אידעען אויך. איך וועל דאס קלאר מאכען מיט א ביישפיל.

.2

א סאציאליסטישער זשורנאליסט איבער צענזור.

מר. פייגענבוים איז שוין פינף און צוואנציק יאר א מיטארבייטער אין דער אידישער סאציאליסטישער פרעסע אין אמעריקע. אף זיינע ארטיקלען איז ערצויגען געווארען א גאנצער דור אידישע סאציאליסטען. עס איז דעריבער כדאי צו וויסען, וואס ער זאגט וועגען פרעס־פרייהייט און צענזור. ער האט אמאל באהאנדעלט די פראגע אין אן ארטיקעל, וואס איז ערשינען אין „פארווערטס" אונטער דער קעפעל: „צענזור אין אמעריקע? קען מען ווירקלאך לאזען גאנץ פריי שרייבען און דרוקען וואס איינער וויל?"

אן ענטפער אף דיזע וויכטיקע פראגע, — אזוי ווי אף אלע וויכטיקע סאציאלע פראגען, — האט נאר דער סאציאליזם", — אזוי זאגט פייגענבוים.

עס האט זיך געהאנדעלט אום א פראיעקט צו פארביטען דעם דרוק פון שונד־ראמאנען. ער ווייזט ווי די שונד־ליטעראטור און די סענסאציאנאלע דראמען פערדארבען יונגע קינדער און מאכען פון זיי פארברעכער. אבער, מאכט ער, פון וואנען נעמט זיך דאס די צרה? פון געלט־חשק. דער עולם איז א גולם, עס שמעקט עם אם בעסטען דאס ערגסטע, דערפאר טראגט מען געלט פון אלע זייטען. עס באַ־

צאלט זיך ארויסצוגעבען שונד־ליטעראטור וואס קען נאר ברענגען אומגליק און שאדען. פארקערט, „דער סאציאליזם וועט אפשאפען דעם געלט־חשק. וועט ניט זיין פארוואס מענטשען זאלען וועלען פאר׳סם׳ען דעם עולם׳ס גייסט מיט שלעכטע שריפטען".

דאס איז גאנץ שעהן, אבער איז דאס אן ענטפער? דער קאפי־טאליסטישער געזעצגעבער קען אייך צוגעבען אז אין אייער סאציאליסטישען גן עדן וועלען אלע רק זאגען פרק און קיין שמוצי־קע ליטעראטור וועט מען גאר אין האנד ניט וועלען נעמען, אבער וואס טוט מען היינט מיט דער איצטיקער זינדיקער וועלט? זאל מען ערלויבען צו פאר׳סמ׳ען די יוגענד מיט שונד־ליטעראטור, אדער זאל מען דערוויילע איינפירען א צענזור? פון א קלארען ענט־פער אף דיזע קיצלדיקע פראגע זוכט אונדזער סאציאליסטישער שרייבער זיך אויסצודרעהען. אבער א לעזער, וואס איז נימ קיין סאציאליסט מוז פון זיין ארטיקעל קומען צום שלוס, אז דערוויילע איז א צענזור אף דעם סארט ליטעראטור טאקי א נויטיקע זאך.

גענאסע פייגענבוים זאגט אונדז צו, אז אין דער סאציאליס־טישער „געזעלשאפט", וועט מען קיין שמוציקע ליטעראטור ניט דרוקען, ווייל קיינער וועט זי ניט וועלען לעזען. מעג איך אבער שטע־לען די פראגע: וואס וועט מען טאן ווען עס וועלען זיך יע געפינען בעלנים אף שמוציקע ליטעראטור? איר מיינט אז דער אנטריב פאר אזוינע ליטעראטור איז נאר געלט־חשק, איר האט אבער א טעות. פושקין, לערמאנטאוו, פאלעזשאיעוו האבען געשריבען שמוציקע גע־דיכטע געווים ניט צוליב געלט־חשק. עס איז פאראן א גאנצע פאלקס־ליטעראטור פון אונאנשטענדיקע מעשיות, וואס זיינען א סך עלטער פאר גוטענבערגס דרוק־פרעס: איינער דערצעהלט זיי דעם אנדערען און אזוי ווערען זיי פארברייטעט איבער דער גאנצער וועלט, אין אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט. דער אנטריב איז אין דעם פאל ניט דער געלט־חשק, איר קענט עס דעריבער אין אייער סאציאליסטישען גן עדן אויך ניט אפשאפען. וואס זשע וועט איר טאן? וועט איר ערלויבען צו דרוקען פושקינס און לערמאנטאווס שמוצגעדיכטע אדער ניט? אויב א שונד־ראמאן קען פון א אינ־געל מאכען א באנדיט, טו ווען א שמוציקער ראמאן פאלט אריין אין די הענט פון א יונגער מיידעל, שטעהט איר טוגענד אין סכנה. וועט איר דאס דערלאזען?

פייגענבוים׳ס ארטיקעל ווייזט דייטלאך, אז די אידעע פון פרעס־פרייהייט איז דעם דורכשניטלאכען סאציאליסט אזוי פרעמד,

אז ער ווייס אפילע ניט מיט וואס פאר א טעארעטישען גרונד זי צו פארטיידיקען.

די ליבעראלע רעכטס־פילאסאפיע באגרינדעט דעם פרינציפ פון פרעס־פרייהייט דערמיט, וואס דער געזעץ באשטראפט ניט די אבזיכט צו באגעהען א פארברעכען: וואס איינעם ווילט זיך זיין א גנב, אפילע ווען ער האט זיך אנגעשאפט שליסלען אף צו עפענען פרעמדע שלעסער, דערפאר אליין קומט עס נאך גאר ניט. על כן, ווען א בוך ברענגט איינעם אופ'ן געדאנק צו באגעהן א פארברעכען, ווערט דאס נאך ניט אנגענומען פאר א פארברעכען. די אינדיווידואליסטישע פילאסאפען, ווען די וועלט פארדאנקט די טעארעטישע באגרינדונג פון פרעס־פרייהייט, באהויפטען, אז עס איז ניט דעם שטאטס דאגה צו מאכען זיינע בירגער פאר צדיקים. קיינער קען מיר ניט פארשרייבען, וואס איז דער איינציקער, ריכטיקער מאראלישער געזעץ, ווארים איך קען זיך מיר האבען אייגענע מיינונגען דעריבער. דער אמעריקאנער זשורנאל „קאסמאפאליטאן" האט ערקלערט טאלסטאי'ס „תחית המתים" פאר אונמאראליש און א סך אמעריקאנער לעזער שטימען מיט עם איין. די הייליקע אמעריקאנער, וואס הרג'נען אוועק אלע יאר א מיליאן אונגעבארענע קינדער, זיינען מלא כעס אף די מארמאנען, פאר וואס זיי זיינען אזוי אונמאראליש, אז זיי ווארפען ניט אוועק זייערע ווייבער און קינדער. ווער קען ענטשיידען וועלכע איז די אמת'ע מאראל?

די ליטעראטור איז נאר דער אויסדרוק פון געדאנקען און געפילען פון דער געזעלשאפט. א בוך קען נאר דאמאלט מאכען אן איינדרוק, ווען די געדאנקען וואס זיינען דארט אויסגעשפראכען, טראגען זיך אין דער לופטען, ווי מ'זאגט. דער בעסטער ביישפיל איז די רעוואלוציאנערע ליטעראטור אין רוסלאנד און אין אמעריקע: אין רוסלאנד האט יעדע פראקלאמאציע א ווירקונג אף א ברייטען קלאס לעזער, אין אמעריקע איז די אנארכיסטישע פרעסע צימליך פריי, נו און וויפיל אנארכיסטען געפינט איר דא? דאס זעלבע גילט אויך וועגען די שונד־ראמאנען. עס איז מעגלאך, אז א אינגעל, וואס האט זיך אנגעלעזען מעשיות איבער באנדיטען איז אליין געווארען א פארברעכער געגען דער געזעלשאפט, אנאנדערער פארקערט ווערט א דעטעקטיוו, א שטיצע פון דער געזעלשאפט. ווען מען באטראכט די גאנצע געזעלשאפט, טו ליגט די אורזאכע פון פארברעכען טיפער, אין דער גאנצער איינריכטונג פון דער געזעלשאפט. דורך די צענ־

זור וועט מען ניט פארהיטען אינגלאך פון פריזאן און מיידלאך פון בארדעלען. ווייל די אינדיווידואליסטען פילאסאפיע גלויבט ניט, אז מ׳קען מיט א נאגייקע ארייננהאקען מאראל אין דעם עולם, פארלאנגט דער אינדיווידואליסט אונבאשרענקטע פרעספרייהייט היינט, וועהרענד דער סאציאליסט פייגענבוים זאגט אונדז צו, אז אין זיין צוקונפטס־שטאט וועלען אלע זיין אזוי מאראליש, אז עס וועט זיך קיינעם ניט וועלען לעזען קיין טרפה מעשיות, און מען וועט זיי דערפאר פארשפארען צו דרוקען.

3.

די אונטערדריקונגס־מאכט פון דעם סאציאליסטישען כלל.

מיר האבען שוין געזעהן, אז ווען מיר באטראכטען נאר די עקאנאמישע זייט פון סאציאליזם, טו ווייזט אויס, אז דער סאציאליזם וועט ביסלאכווייז איינגעפירט ווערען אן די סאציאליסטען. עס וועט זיין א סאציאליזם אן סאציאליסטען, ווי די איצטיקע פראנצויזישע רעפובליק איז פון אנהויב אן געוועזען א רעפובליק אן רעפובליקאנער*). אף יעדען פאל איז זיכער, אז אחוץ די דעמאקראטישע סאציאליסטען וועלען א סך אנדערע מיטווירקען, און די סאציאליסטען קענען עס נאך זייער אייגענער טעאריע גאר ניט אויסמיידען, ווארים עס מוז קומען דורך די עקאנאמישע ענטוויקלונג. נו, לאמיר זאגען אף די היינטיקע געגאסען קענען מיר זיך פארלאזען, ווארים מיר קענען זיי גוט פאר ערענמענער, וואס וועלען האלטען ווארט. אבער ווער וועט קאווירען פאר די פאליטישענס און די קאפיטאליסטען, וואס וועלען איינפירען „פאבליק אונערשיפ“ צוליב זייער אייגענער וויגאדע ? ווען מיר ווילען זיין „מאטעריאליסטיש“, טארען מיר זיך ניט פארלאזען אף דעם, וואס די היינטיקע סאציאליסטען זיינען אזעלכע דזשענטעללייט, מיר מוזען זיך איינקוקען אין די געשעפטלאכע זייט פון

---

*) דאס איז געוועזען דער אויסדרוק פון טיער׳ן, א געוועזענעם מאנארכיסט, וואס האט געהאלפען גרינדען די רעפובליק.

סאָציאַליזם און באַטראַכטען צו וואָס ער קען פירען.

אָט זאָגט ספּענסער, דער גרויסער ענגלישער פילאָזאָף, אין זיין ביכעל „די צוקונפטיגע שקלאַפעריי" אַז דער סאָציאַליזם פירט צו שקלאַפעריי. איז ער גערעכט? ספּענסער איז אַ געגנער פון דעם סאָציאַליזם. אָבער פון עם צו אַנדערע געגנער פון דעם סאָציאַליזם איז אַ נפקא מינה. זיי זאָגען, אַז דער סאָציאַליזם טויג ניט און דערפאַר קען ער ניט איינגעפירט ווערען. עס זיינען פאַראַן משוגה'ם, וואָס זיי ווילט זיך איבערקערען די וועלט קאַפּויר, אָבער ווער וועט זיי לאָזען! ספּענסער לייקענט ניט, אַז דער סאָציאַליזם וועט קומען, ער זאָגט ניט אַז דער סאָציאַליזם איז אונמעגלאַך. פּונקט פאַרקערט ער זאָגט אַז די היינטיקע געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג פירט צום סאָציאַליזם, אָבער ער זאָגט, עס איז זער אומעדיק, וואָס עס געהט אַזוי. וואָרום, זאָגט ער סאָציאַליזם איז שקלאַפעריי. מיט וואָס בעווייזט ער, אַז עס איז אַזוי? נאָך זיין מיינונג נאָך זיינע אַלע געזעצע, וואָס פאַרקירצען דעם אַרבייטס טאָג, וואָס פאַרבייטען פרויען־אַרבייט באַנאַכט, וואָס צווינגען דעם פאַבריקאַנט, ער זאָל מאַכען אַלערליי פאַרבעסערונגען אין דער פאַבריקע, וואָס באַשטאַערען אַלע בירגער אַף אויסצוהאַלטען סקולס, וואו יעדע קינד באַקומט בילדונג פריי, —דאָס אַלץ, קומט ביי איהם אויס, איז אַ באַשרענקונג פון פרייהייט. ווען דער געזעץ לאָזט דעם אַרבייטער ניט אַרבייטען מער ווי אַכט שטונדען, בעת דער קאַפּיטאַליסט וויל עס געבען צען שטונדען אַרבייט אַ טאָג און דער אַרבייטער איז „צופרידען" צו אַרבייטען, — דאָס, זאָגט ער, איז אַ גרויסע עולה, וואָרים מען נעמט אוועק ביים אַרבייטער זיין פרייהייט, מען לאָזט עס ניט אַרבייטען אַזוי פיל, וויפיל ער וויל, און פאַרדינען העכערע שכירות. ווען דער געזעץ מישט זיך אין אייער געשעפט, הייסט דאָס, אַז מען נעמט אוועק ביי אייך די פרייהייט צו מאַכען אַזאַ געשעפט ווי עס געפעלט אייך.

ספּענסערס טענה האָט געהאַט אַ זין כל זמן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט זיך געשטיצט אַף פרייע קאָנקורענץ. דעמאָלט האָט אויסגעזעהען, אַז דער סאָציאַליזם וויל אוועקנעמען ביי דעם בירגער דאָס רעכט צו מאַכען אַזאַ געשעפט, ווי עס געפעלט עם. מיר ווייסען אבער, אַז די פרייע קאָנקורענץ ווערט אָפּגעשאַפט נאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט גופא דורך די טראַסטס.

היינט צו טאָג אונטער דער מאַכט פון קאַפּיטאַל, אין דער פריי־

ער אמעריקע, טאָר קיינער ניט מאכען קיין קאראסינע, מען טאָר ניט גראבען קיין הארטע קוילען אָדער זאלץ, אָדער פארקויפען ציגארען ווען דער טראָסט לאָזט ניט. פרופט צו קאָנקורירען מיט א טראָסט, וועט איר באלד זעהען אייער סוף. וואו איז אלזאָ דאָ די פרייהייט פון געשעפט?

דער קאַפּיטאַליזם אליין האָט צוניכט געמאכט די פרייהייט פון געשעפט. דער סאָציאַליזם איז אין דערין אונשולדיק. דער סאָציאַליזמוס פירט ניט איין קיין מאָנאָפּאָליע, ער מאכט נאָר פון א פּריוואט־מאָנאָפּאָליע א קהל'שע מאָנאָפּאָליע. מיט ספּענסער'ן און אלע קאַפּיטאַליסטישע שרייבער זיינען מיר דערמיט פּטור. די פראגע אבער בלייבט פאָרט א פראגע: צי וועט אונדז דער סאָציאַליזם ברייגגען פרייהייט? מיר געהען צום סאָציאַליזם, די פראגע איז אלזא ניט קיין פּוסטע.

וואָס פארשטעהט מען היינט ווען מען רעט פון פּאָליטישע פרייהייט? פּרעס־פרייהייט, פערזאמלונגס־פרייהייט, פּאראייגס־פרייהייט, רעדע־פרייהייט און נאָך אזעלכע זאכען. וואָס הייסט פּרעס־פרייהייט? דאָס רעכט צו דרוקען, וואָס איר ווילט, כדי איר זאָלט קענען דרוקען וואָס איר ווילט, דארפט איר האָבען א דרוקעריי, דאָס הייסט דרוק אותיות, אָדער א זעץ־מאשינע, א דרוק - מאָשינע, פּאַפּיר און נאָך הונדערט אנדערע זאכען. נו, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז אלע דרוקארניעס געהערען צום כלל, אלע פאבריקען וואו מען מאכט זעץ־מאָשינען און דרוק־מאָשינען געהערען אויך צום כלל, אלע פּאַפּיר־פאבריקען אויך, און אזוי אין יעדער זאך. וואָס קענט איר דעמאָלט טאָן, ווען איר ווילט מאכען א דרוקעריי און דער כלל וויל אייך ניט לאָזען? וואו וועט איר נעמען מאָשינען, וואו וועט איר נעמען פּאַפּיר? איר וועט זיין אין אן ערגערער לאגע ווי די רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאנד. נעמט ווידער די רעדע־פרייהייט, אף צו האלטען א רעדע, אָדער א לעקציע, דארפט איר א זאָל, היינט ווען אלע הייזער, אלע זאָלען באלאנגען צום כלל און דער כלל וויל אייך שטערען, טו וואו וועט איר האלטען אייער רעדע, אייער מיטינג? ווי וועט איר עם אנאָנסירען, אז איר האָט ניט וואו צו דרוקען?

עס איז היינט פאראן פעליקס אדלער'ס סקול אין נויאָרק, וואו מען פארשטאָפּט ניט די קינדער די קעפּ מיט מעשות פון א גאָט.

ווען אלע הייזער זאָלען געהערען צום כלל און דער כלל זאָל ניט ווילען מען זאָל מאכען פון די קינדער אפּיקורסים, טו וואו נעמט מען א פּלאַץ פאר אזא סקול? וואו נעמט מען טישען און בענק פאר איר ווען אלע פאבריקעם און קראַמען באלאנגען צום כלל?

בקצור, א סאָציאליסטישער כלל האָט א גרעסערע מאכט צו אונטערדריקען די פרייהייט, צו אונטערדריקען אירגענד וועלכע אָפּאָזיציע, איידער דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט. דער דעספּאָטיזם פון אן אזיאטישער רעגירונג איז א קינדער־שפּיל אין פארגלייך מיט דעם דעספּאָטיזם, וועלכער איז מעגלאך אין א סאָציאליסטישער געזעלשאפט, ווארים אן אזיאטישע רעגירונג קען נאָר ארויסגעבען אן אוקאז און שטעלען זשאנדארען אכטונג צו געבען, אז מען זאָל דעם אוקאז היטען. א סאָציאליסטישער כלל האלט אין זיינע הענט אלע געצייג, אַז וועלכע מען קען גאָר דעם אוקאז ניט עובר זיין. אלזא, ווען מען באטראכט די זאך פון דעם מאטעריאליסטישען שטאַנדפּונקט, טו ווייזט זיך ארויס, אז דער סאָציאליזם גיט דעם כלל די מיטלען צום ערגסטען דעספּאָטיזם.

4.

„די אפּשאַפונג פון קלאַסען".

אמעריקאנער סאָציאליסטען, וואָס האָבען געלערענט זייער סאָציאליזם פון בעלאמי, אָדער דעם „אפּיל טו ריזאָן", גיבען צו אז דער סאָציאליזם זוכט צו מאכען דעם שטאַט, די רעגירונג, שטארקער איידער היינט. די דייטשע סאָציאליסטען און יענע, וואָס האָבען געלערענט זייער סאָציאליזם פון דייטשע ביכלאך, האָבען ניט ליב דעם נאָמען „שטאַט" און זאגען „געזעלשאפט". ווי איך האָב שוין געזאגט אין א פריהערען קאַפּיטעל, איז דאָס נאָך דער אָפּקלאנג פון דעם אמאָליקען שטרייט פון די מארקסיסטען מיט די אנארכיסטען אין דעם ערסטען אינטערנאַציאָנאַל, און דער אמת'ען מיינט מען פּונקט דיזעלבע זאך, אבער מען וויל זיך אליין ניט מודה זיין, וואָרים „שטאַט" קלינגט ניט „רעוואָלוציאָנער". נו, לאָז זיין „געזעלשאפט".

אלזא, דורך דעם סאָציאליזם ווערט די „געזעלשאפט" שטאַר־

קער אײדער הײנט. ביז הײנט װײס מען פון ערפארונג, אז װען אימיצער האט א גרויסע מאכט, איז דער יצר הרע גרויס זיך מיט איר צו באנוצען צו באדריקען דעם שװאכערען. איך האב שוין באװיזען, אז אונטער סאציאליזם איז מעגלאך אזא אונטערדריקונג פון יעדער פרײער מײנונג װאס אפילו אן אונבאשרענקטער מאנארך װאלט מקנא זײן, מען זאגט אונדז אבער צו, אז װען דער סאציאליזם װעט קומען, װעלען מיר האבען די גרעסטע פרײהײט. פאר װאס? אף דעם איז פאראן אײן תירוץ, אז דאמאלט װעט ניט זײן קײן קלאסען אין דער געזעלשאפט, על כן װעט ניט זײן קײן קלאסען־הערשאפט, און אז עס איז ניטא קײן קלאסען־הערשאפט, טו איז ניטא קײנער װעמען עס זאל זיך לוינען צו אונטערדריקען דעם אנדערענס פרײהײט.

דער תירוץ איז ניט גאנץ נײ. די פראנצױזישע רעװאלוציאן האט אויך „אפגעשאפט“ אלע קלאסען. די אלטע קלאסען זײנען אפגעשאפט געװארען, אבער נײע קלאסען זײנען געבארען געװארען, װאס די רעװאלוציאנערען פון הונדערט יאר צוריק האבען זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען.

די אמעריקאנער „דעקלארעישאן אװ אינדעפענדענס“ (די ערקלערונג פון אונאפהענגיקײט) זאגט, אז „אלע מענטשען װערען געבארען פרײ און גלײך“. דער בירגער־קריג האט אפגעשאפט יעדע פארמע פון געזעצליכער קלאסען־הערשאפט. די סופרים קאורט האט גע׳פסק׳ענט אז יעדער געזעץ לטובת פון ערגעץ א „קלאס“ בירגער איז געגען די קאנסטיטוציע פון די פאראײניקטע שטאטען. לויט דעם געזעץ, זײנען דא גאר קײן קלאסען ניטא. װער ערװעהלט דעם קאנגרעס, ניט די מאיאריטעט פון פאלק? און װער זײנען די מאיאריטעט, אפשר גאר קאפיטאליסטען? אט דאס איז דאך, פארשטעהט איהר, דער רעכטער עיקר, װאס אונטער דער פארמע פון א פרײער פאלקס־פארװאלטונג האט זיך ענטװיקעלט א הערשענדער קלאס פון פאליטישענס.

אונדזערע ארטאדאקסישע מארקסיסטען לײקענען אפ, אז די פאליטישענס זײנען א באזונדערער קלאס מיט זײנע אײגענע קלאסען־אינטערעסען. „האבען די בעאמטע פון קאפיטאליסטישען שטאט עפעס א סך אײנפלוס, אלס הערשענדער קלאס איבער דעם קאפיטאליסטישען קלאס װאס שטעלט זײ אן?“ פרעגט מר. פײגענבוים אין אן ארטיקעל, אין װעלכען ער האט קריטיקירט מײנע מײנונגען, און ער ענטפערט אלײן אף זײן קשיא אזוי: „אבסע־

לוט ניט! זיי זיינען די אונטערטעניקע דינער פון דעם קאפיטאליס־טישען קלאס".

די רייד זיינען איבערזעצט פון דייטש. דא איז אבער אמערי־קע, עס רעט זיך נאר אזוי, אז דער קאפיטאליסטישער קלאס „שטעלט אן" די בעאמטע. זיי ווערען אנגעשטעלט פון פאלק, פון די וואוטערס. נאך דער קאנסטיטוציע זיינען זיי „די דינער פון פאלק", ניט פון איין קלאס. ווי אזוי זשע לאזט זיך דאס פארט אויס, אז זיי זיינען „די אונטערטעניקע דינער פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס", וועלכער איז פיינדליך צום פאלק? דער קאפיטאליסטישער קלאס אין אמעריקע איז א הערשענדער קלאס נאר דורך די שטאטס־בע־אמטע. די בעאמטע זיינען אלזא יע א הערשענדער קלאס איבער דעם פאלק, וואס שטעלט זיי אן!

די צרה מיט אונדזערע סאציאליסטען איז, וואס זיי האלטען צופיל פון דער פארמע און זעהען ניט דעם אינהאלט. ווען עס זיינען פאראן אין אמעריקע וואלען, און יעדער האט דאס רעכט צו וואו־טען, און יעדער מעג ערוועהלט ווערען אפילו פאר פרעזידענט, הייסט דאס אז אמעריקע איז א דעמאקראטיע. על כן וועט אם ירצה השם אין דער סאציאליסטישער „געזעלשאפט" אויך זיין א דעמא־קראטיע. פארוואס? ווארים עס וועט אזוי שטעהן אפ'ן פאפיר, אין דער סאציאליסטישער קאנסטיטוציע. קיין קלאסען וועט ניט זיין, חלילה! מען וועט זיי „אפשאפען"! אין דער אמת'ן פון וואנען קען זיך נעמען א בעאמטען־קלאס, אז אלע בעאמטע ווערען ערוועלט אף א קורצע צייט?

פונקט די זעלבע רייד הערען מיר אבער היינט פון די קאפי־טאליסטען. אין אמעריקע, זאגען זיי, איז קיין קלאסען ניטא, מען האט זיי אפגעשאפט, דא זיינען אלע גלייך, קיין בעאמטען־קלאס איז דא ניטא, ווארים די בעאמטע ווערען ערוועהלט אף א קורצע צייט. נו, לאמיר זשע זעהען, איז דאס אזוי?

קוקט זיך איין ווער זיינען די קאנגרעס־לייט, די גאווערנארס, די מעיארס, די דזשאדזשעס? א קליינע קליקע מענטשען וואס ריי־בען זיך שטענדיק לעבען דעם קהל'שען טאפ. איר געפינט לייט אין קאנגרעס, וואס זיינען שוין דארטען א יאר פינף און צוואנציק, מען ערוועהלט זיי אלע צוויי יאר.

ווייטער. ווער רעגירט דא אין אמעריקע? ניט די ערוועהלטע

געזעץ־געבער, ניט דער פרעזידענט, נאָר זייער פּאָליטישע פּארטיי, דאָס הייסט אן ארגאניזאציע פון מענטשען, וואָס קיינער האָט זיי ניט ערוועהלט, וואָס דער געזעץ גיט זיי גאר קיין מאכט ניט. ווען די פּאָליטישע פּארטיי שטעלט ארויס פאר א קאנדידאט, פאר יענעם מוז דער וואוטער שטימען. וואו די וואוטערס זיינען גלייך צוטיילט צווישען די רעפּובליקאנער און די דעמאָקראטען האָבען זיי די ברירה אויסצוקלייבען איינעם פון די צוויי קאנדידאטען, אבער אין אזעלכע סטעיטס ווי פּענסילווייניא, וואו עס איז פאראן אן אונגעהייערע רעפּובליקאנער מאיאָריטעט, אָדער אין די סויטה וואו די דעמאָקראטען זיינען אזא מאיאָריטעט, איז די גאנצע וואָל נאָר א קאָמעדיע : ווען די קאָנווענשאָן פון דער הערשענדער פּאר־טיי האָט ארויסגעשטעלט פאר א קאנדידאט, יענער איז זיכער מיט דעם אמט. אין די סויטה בלייבען א סך וואוטערס זיצען אין דער היים, וואָרים זיי ווייסען, אז עס איז ארויסגעוואָרפענע צייט צו וואוטען פאר אָדער געגען דעם קאנדידאט. ער וועט סיי ווי סיי ווע־רען ערוועהלט. עס איז אלזאָ ניט א פאָלקס־רעגירונג, נאָר א רעגי־רונג דורך א פּאָליטישע פּארטיי, אן אָליגארכיע (א הערשאפט פון א קליקע) אונטער דעם מאנטעל פון א דעמאָקראטיע.

היינט ווי איז די פירונג אין קאָנגרעס ? אין דער אונטערהויז ערוועהלט די מאיאָריטעט א „ספּיקער“, דאָס הייסט א פּאָרזיצענדען, וועלכער האָט די מאכט פון א צאר. דעם אמאָליקען ספּיקער טאָם ריד האָט מען טאקע גערופען אין קאָנגרעס „צאר ריד“. די פאָלקס־פּארטרעטער קענען ניט באקומען אפילו דאָס ווארט, אויסצואוויי־נען זייער ביטער הארץ, ווען דער ספּיקער וויל ניט.

היינט נעמט דעם פּרעזידענט. ווען קליוולאנד האָט געוואָלט שיקען סאָלדאטען געגען סטרייקערס, האָט עס געטאָן, הגם די קאָנס־טיטוציע זאָגט, אז ער טאָר ניט שיקען קיין סאָלדאטען כל־זמן דער גאָווערנאר פון דעם סטעיט פארלאנגט זיי ניט. שפּעטער האָט מעקינלי ערקלעהרט דעם קריגס־צושטאנד אין דעם סטעיט איידאָ־הא. זיין גענעראל האָט ארעסטירט די שטאָטס־בעאמטע, וואָס זיי־נען ערוועהלט געוואָרען פון דעם פאָלק, האָט ארייגעזעצט א סך בירגער און האָט זיי באהאנדעלט ניט בעסער איידער מען באהאנ־דעלט פּאָליטישע ארעסטאנטען אין רוסלאנד. און אין די פיליפּי־נען איז א גאנצען יאָר דער פּרעזידענט געווען אן אונבאשרענקטער הערשער, אן אימפּעראטאר.

דער פּאָליטישען־קלאַס, וועלכער איז גאָר ניט אנערקענט פון דעם געזעץ, האָט אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אַ גרעסערע מאַכט איבער'ן פאָלק, איידער די ענגלישע לאָרדס וואָס זיינען אנערקענט אַלס אַ הערשענדער קלאַס פון דעם געזעץ.

ווען דאָס איז מעגלאָך אין אַ „געזעלשאַפט", וועלכע האָט אין גאַנצען עטלאַכע הונדערט טויזענט שטעלען צו פאַרטיילען. טו פאַרוואָס קען דאָס ניט זיין ווען די „געזעלשאַפט" זאָל האָבען צענדליקע מיליאָנען שטעלען?

מיר ווייסען, אַז דער סאָציאַליזם וואַקסט פּאַמעלעך, עס וועט נאָך נעמען אַ היבשע שטיקעל צייט, ביז וואַנען אַלע וועט איבערגעהן אין די הענט פון דער „געזעלשאַפט", על כן עטלאַכע צענדליק יאָר וועלען נאָך געוויס בלייבען קלאַסען אין דער געזעלשאַפט. דאָס הייסט, דערווייל קען מען זיך נאָך פאָרשטעלען, אַז דער סאָציאַליזם זאָל שטאַרקער מאַכען די רעגירונג, און די רעגירונג זאָל פאַרזוכען צו אונטערדריקען די מיינונגס־פרייהייט צו גונסטען פון איין קלאַס אָדער פון יענע וואָס רופען זיך די פאַרטרעטער פון'ם קלאַס: אַף דעם אָבער וועלען מיר מיינע רעוואָלוציאָנערע פריינט ענטפערן: דערפאַר טאַקי זיינען מיר געגען אַלע בלומרשט סאָציאַליסטישע רעפאָרמעס, כל־זמן די פּאָליטישע מאַכט איז נאָך ניט אין די הענט פון דעם אַרבייטער־קלאַס, וואַרט אַף ביז וואַנען די אַרבייטער וועלען ערוואָבערען די פּאָליטישע מאַכט, דענסטמאָל וועלען מיר איינפירען דעם גאַנצען סאָציאַליזם „קאָמפּליט" און אָפּשאַפען אַלע קלאַסען. אַ שאָדען, אין הייניטיקע צייטען ווילען די זון און די לבנה זיך ניט אָפּשטעלען, ביז וואַנען אַ וויסענשאַפטליכער יהושע וועט אויסקעמפּפען די רעוואָלוציאָנערע שלאַכט. דער סאָציאַליזם געהט פאָרווערטס צי די סאָציאַליסטען געפעלט דאָס צי ניט, אָבער צוליב צו טאָן מיינע פריינט, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מיר האָבען שוין דעם סאָציאַליזם אומעטום, אין יעדען ווינקעלע, און לאָמיר באַקלערען, צי דאָס באַדייט די אָפּשאַפונג פון אַלע קלאַסען.

5.

סאָציאַל־ביוראָקראַטיע.

נאָך קאַרל מאַרקס'ען הייסט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט ווערט צושפּאָלטען אין צוויי קלאַסען: די קאַפּיטאַליסטען

און די ארבייטער, וואָס ארבייטען פאר שכירות, דער מיטעל־קלאַס ווערט פארניכטעט. וואו עס זיינען אמאָל געווען עטלאכע טויזענט קליינע קרעמער, איז היינט געוואָרען א דעפּארטמענט סטאָר, און די אמאָליקע קרעמער, אָדער זייערע קינדער, זיינען דאָרטען גע־וואָרען אָנגעשטעלט אַף געהאלט. וואו עס זיינען אמאָל געווען טוי־זענטער קליינע שעפּער, איז איצטער געוואָרען א גרויסע קאָרפּאָ־רעישאָן און די אמאָליקע אונאבהענגיקע באַלעבאטים זיינען געוואָ־רען פּאָרלייט אָדער סופּעראינטענדענטס און קריגען באצאָלט גע־האלט, אנשטאָט ווי אמאָל פּראָפיט. על כן, הייסט דאָס ווערט די צאָל פון לוין־ארבייטער רק גרעסער, וואָרים וואָס איז אַ סופּעראינ־טענדענט, ווען מען באטראכט זיין פּרנסה? אויך ניט מער ווי אַן ארבייטער אַף שכירות. דאָס איז טאקע גאנץ רעכט, ווען מען באַ־טראכט נאָר זיין פּרנסה. ווען מען באטראכט אבער די איינריכטונג פון דעם געשעפט, ווייזט זיך אויס, אז עס איז ניט אין גאנצען אַזוי. בערנשטיין האָט פון די סאָציאַליסטישע שרייבער דער ערס־טער אַף דעם אנגעוויזען. דאָ אין אמעריקע האָבען די קאַפּיטאַליס־טישע דזשאָדזשעס א לאנגע צייט געהאלטען, ווי די כשר'ע מארק־סיסטען, אז אַ סופּעראינטענדענט פון אַ קאָמפּאַניע איז ניט מער ווי אַן ארבייטער, און אַז אַ מאַשין פלעגט דעם ארבייטער אָפּרייסען אַ האנט, ווייל דער סופּעראינטענדענט האָט ניט צוגעזעהן, אז די מאַ־שין זאָל זיין אין אָרדנונג, פלעגט דער דזשאָדזש זאָגען אז דאָס איז ניט די שולד פון דער קאָמפּאַניע, נאָר פון אַן ארבייטער. דער סו־פּעראינטענדענט, הייסט דאָס, איז „אויך אַן ארבייטער“, און ווען איין ארבייטער טוט א שאדען דעם אנדערן איז דער באלאבאס דער־פאר ניט פאראנטוואָרטליך. געגען דעם האָבען די יוניאָנס גע־קעמפּפט יאָרען לאנג, ביז וואנען עס איז געלונגען אין עטלאכע סטעיטס דורכצופירען א געזעץ, אז אַ סופּעראינטענדענט אָדער אַ פאָרמאַן זאָל ניט באטראכט ווערען פאר אַן ארבייטער. אין פילע יוניאָנס, ווען אַן ארבייטער ווערט אַ פאָרמאַן, מוז ער אוועקגעבען זיין יוניאָן ביכעל. וואָס מער די געשעפטען געהען איבער אין די הענט פון קארפּארעישאָנס, ווערט די צאָל פון סופּעראינטענדענטס, פאָרלייט, אינזשיניע־רען א. אַז. וו. רק גרעסער. עס וואקסט אלזאָ א נייער קלאַס. ער רופט זיך אַף ענגליש „אדמיניסטרעישאָן“. עס זיינען צוואווישען זיי פּאָ־ראַן מסתמא אַזעלכע, וואָס האָבען באקומען זייערע שטעלען דורך באקאנטשאפט און וואָס מען וואָלט אַן זיי אויך געקענט גוט אויס־

קומען. אָבער דאָס רוב פון דער אדמיניסטראציע איז נויטיק: ווען דרייסיק טויזענט מענטשען ארבייטען אין איין געשעפט, טו מוז מען האָבען אימעצען, וואָס זאָל פירען דעם געשעפט, וואָס זאָל יעדען איינעם אנווייזען זיין פּלאץ און זיין ארבייט, וואָס זאָל אופפּאסען, אַז אלעס זאָל געהן אין אָרדענונג. אין א גרויסער געזעלשאפט מוז מען האָבען הונדערטער טויזענטער בעאמטע. אין א סאָציאליסטי־שער געזעלשאפט איז דאָס פונקט אזוי נויטיק ווי היינט צו טאָג.

למשל, ווען דער סאָבוועי זאָל איבערגעהען אין די הענט פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאטור פון דעם נויאָרקער פּראָלעטאריאט, וועט די דזשענעראל קאָמיטע פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי זיין די בעל הבית׳טע איבער דעם סאָבוועי. וואָס זשע וועט זי טאָן? וועט זי דען אפּשאפען די גאנצע פארוואלטונג? דאָס זאָגט קיינער ניט. די פּערזאָנען מעגען זיך איבערבייטען, אָבער א פארוואלטונג וועט בלייבען. אלזאָ אנשטאט א פּריוואט פארוואלטונג וועט זיין אַ שטאָטישע. און א שטאָטישע פארוואלטונג, זאָלט איר מיר מוחל זיין, הייסט א בעאמטען־קלאַס. א ביוראָקראטיע.

אָן בעאמטע קען א סאָציאליסטישע געזעלשאפט אויך ניט אויסקומען. ס׳איז גאָר קיין נפקה־מינה ניט, אויב אפילו מען מאָלט זיך די צוקונפטיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט אין דער געשטאלט פון א פאַרבאנד פון קאָאָפּעראטיווע פאראייגען. ווען איר ווילט מאכען א גרויסע התונה, מוזט איר האָבען א סארווער. אין א שול דארפט איר א גבאי, א שמש, — אימעצער דארף אכטונג גע־בען, אַז עס זאָל אלץ געהן אין אָרדענונג. א סארווער, א גבאי, א שאפ־דעלעגאט, דאָס זיינען אלץ בעאמטע.

פילע סאָציאליסטישע שרייבער מיינען, אז אין א סאָציאליסטי־שער געזעלשאפט וועט א מענטש ניט זיין צוגעבונדען דעם גאנצען לעבען צו איין ארבייט. יעדערער וועט האָבען א געלעגענהייט צו בייטען זיין ארבייט, עס זאָל ניט דערעסען ווערען, ער זאָל קענען ענטוויקלען אלע זיינע פעהיקייטען, אלע זיינע גלידער. דאָס איז מעג־לאך און דאָס איז גאנץ גוט. אבער בייטען אלע מאָנטאָג און דאַ־נערשטאק די אדמיניסטראציע פון יעדען געשעפט קען מען ניט. דער געשעפט וואָלט געהן קאפּוט. אלזאָ איז נויטיק עס זאָל זיין אן אד־מיניסטראטיווער פּערסאָנאל, וואָס זיי זאָלען זיך האלטען זייערע שטעלען א לענגערע צייט. דאָס הייסט, אז אין א פאָלקאָמענער סאָ־ציאליסטישער געזעלשאפט מוז זיין א גרויסער קלאַס בעאמטע, וואָס מען רופט א „ביוראקראטיע“.

ביז אהער וואו עס זיינען געווען א מאסע שטאַטס־בעאַמטע, זיינען זיי אלע מאָל אויסגעוואקסען אין א באזונדערען קלאַס, א „בוראָקראַטיע". מען וועט מיר אפשר זאָגען, אז וואו עס איז פאַראַן א ביוראָקראַטיע ווי צום ביישפּיל אין רוסלאַנד, איז עס דערפאַר, וואָרים, ערסטענס זיינען די טשינאָווניקעס נאָר א קליינער טייל פון דעם גאַנצען פאָלק, און צווייטענס, אז איינער איז א טשינאָווניק, זיצט ער שוין אַף זיין שטעל זיין גאַנצען לעבען. דערפאַר קענען אלע טשינאָווניקעס אויסבילדען א באַזונדערען קלאַס. אין א סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט איז פונקט פאַרקערט. ערסטענס, ווען אלע גע־שעפטען וועלען זיין קהל'שע, וועט יעדער ארבייטער האָבען א שטעל פון דער רעגירונג, אלזאָ וועט דער גאַנצער פאָלק זיין טשינאָווניקעס און צווייטענס ווערען די פאָרלייט, די סופּעראינטענדענטס, די מע־נעדזשערס ערוועהלט נאָר אַף אַ קורצער צייט, און דערפאַר קענען זיי ניט אפּטיילען זיך אין א באַזונדערען קלאַס. לאָמיר דאָס גוט באַטראַכטען.

ערסטענס, וואָס איז שייך אז די גאַנצע וועלט וועלען זיין טשי־נאָווניקעס, איז דאָס ניט דער עיקר: מירריידען ניט פון יענע, וואָס קערען די מיסט פון די גאַסען, אָבער פון יענע וואָס שיקען זיי ארויס צו קערען די גאַסען. אָט די וועלען ערוועהלט ווערען אַף א קורצע צייט. אזוי קומט אויך פאָר דאָ אין אמעריקע. און איר זעט פּאָרט, אז די רעגירונג ליגט שטענדיק אין די זעל־ביקע הענט, אין די הענט פון א פּאָליטישער „אָרגאַניזעישאָן". א פּאַרטיי, נעמט אפילע די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואו מען ער־וועהלט בעאַמטע אלע יאָר, וואו יעדע קלייניקייט ווערט באַשטימט דורך א רעפערענדום־וואוט פון אלע מיטגלידער, — דאַכט זיך שוין אזוי דעמאָקראַטיש, אז עס קען גאָר בעסער ניט זיין? און פון דעסטוועגען איז אין דער ס. ל. פּ. געווען א קליינע קליקע, א „רינג", פּונקט אזוי ווי אין טעמעני האָל, אָדער ביי די רעפּובלי־קאַנער, און די קליקע האָט יאָרען־לאַנג געהאַלטען אין אירע הענט די גאַנצע פּאַרטיי. פון דעם קענט איר זעהען, אז א בעאַמטען־קלאַס קען אויסוואַקסען אין א געזעלשאַפט, אפילע ווען די גאַנצע פירונג איז העכסט דעמאָקראַטיש.

מען וועט מיר זאָגען, אז מען קען גאָר ניט פאַרגלייכען די בע־אַמטע אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט מיט א ביוראָקראַטיע ווי די רוסישע, וואָרים אין רוסלאַנד איז דער טשינאָווניק א בעל הבית

איבער׳ן פאָלק און אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען די בעאַמטע זיין ניט מער ווי די דינער פון פאָלק. דאָס איז א מעשה, וואָס האָט שוין געהאַט א גרויע באַרד בשעת דער סאָציאַליזם איז געבאָרען געוואָרען. אין יעדער רעפּובליק, אויך היינט־צו־טאָג דאָ אין אמעריקע, ווערט יעדער בעאַמטער באַטראַכט פון דעם געזעץ אַלס א „דינער פון דעם פאָלק" די דעפּיוטי־שעריפס, וואָס שיסען די אַרבייטער אין יעדען סטרייק זיינען אַלע „דינער פון פאָלק".

איך פאַרשטעה אז אַף דעם האָט איר באַלד א פּאַרטיקען תירוץ, די קלאַסען־הערשאַפט. די רעגירונג איז געוואָרען פון א „די־נער פון פאָלק" א הערשער איבער׳ן פאָלק, וואָרים זי פאַרטרעט די אינטערעסען פון א הערשענדען קלאַס, די קאַפּיטאַליסטען. לאָמיר אַקאָרסט קלערער ווערען אין דער זאַך. ווער איז די רעגירונג דאָ אין אמעריקע? די פּאָליטישענס. ווער זיינען די פּאָליטישענס, זיינען זיי קאַפּיטאַליסטען? אנדערע זיינען יע, דער גרעסטער טייל זיי־נען ניט, זיי מאַכען נאָר א לעבען פון „פּאָליטיקס". פאַר וואָס פאַר־טרעטען זיי די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען? וואָרים עס באַצאָלט זיך זיי. דאָס הייסט זיי האָבען אין זינען זייערע אייגענע אינטערעסען, די אינטערעסען פון דעם קלאַס פּאָליטישענס.

אָפּטימיסטען רעדען זיך איין, אז ווען די בעאַמטע וועלען ער־וועהלט ווערען פון די אַרבייטער, וועלען זיי טאָן וואָס די אַרבייטער ווילען. וואָלען זיינען אָבער נאָך גאַר קיין גאַראַנטיע ניט, אז דער ערוועהלטער בעאַמטער וועט פאָלגען זיינע וואָטערס. דאָ אין אמע־ריקע, ווערט יעדער בעאַמטער באַטראַכט אַלס „דינער פון דעם פאָלק". ווער ערוועהלט דעם מעיאָר פון נויאָרק, ווען ניט די אַר־בייטער? נו, א פּאָליטישע מאַשין, סיי אין א פּאַרטיי, סיי אין א יו־ניאָן, סיי אין א פּערוואַלטונגס־ראַט פון א סאָציאַליסטישער ציי־טונג ווייס שוין ווי צו קאָנטראָלירען די וואַלען.

היינט, ווען עס איז פאַראַן א בעאַמטען־קלאַס אונטער סאָציאַ־ליזם, טו קען ער אפשר אויך האָבען זיינע אייגענע קלאַסען־אינטע־רעסען? מען זאָגט, אז אונטער סאָציאַליזם וועט יעדער האָבען שטענדיקע אַרבייט און אַלע וועלען באַקומען גלייך באַצאָלט, וועט זיך קיינעם ניט וועלען זיין א בעאַמטער צוליב די געהאַלט. גע־האַלט איז אָבער גאַר ניט די איינציקע זאַך. עס איז א סך ווינ־נער צו זיין א קאָמאַנדיר איידער א געוועהנלאַכער אַרבייטער.

מ׳קען טאַקע מיט סטאַטיסטיקע אויסרעכענען אין פאַראויס

וויפיל בעלנים עס וועלען זיך געפינען אף יעדע מלאכה. אבער אזוי ריכטיק אויסמארקירען, אז יעדער איינער זאָל זיין צופרידען, איז ניט אזא לייכטע זאך, אזוי ווייט ווי מ'קען פאראויסזעהען, וועט אין יעדער געזעלשאפטליכער איינאָרדענונג בלייבען א מעגלאכקייט פאר א קליינעם באַטעל צו געבען א שאו א גוטען ברודער. איינעם ווילט זיך איבערבייטען פילאדעלפיע אף נויאָרק, דעם אנדערען ווילט זיך אַר־בייטען אין דער זעלבער פאבריקע מיט זיין כלה, ווען איר האלט מיט דעם רעוואָלוציאָנערען דיקטאטאָר פון דעם פראָלעטאריאט פון אייער אסעמבלי דיסטריקט, טו קענט איר ביי עם די טובה אויספי־רען. די געשיכטע פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס האט נענוג אזעלכע ביישפילען אופצואווייזען*)

6.

דער עקאָנאָמישער פונדאמענט פון פרייהייט.

די רעכטס־פילאָסאָפען פון דעם אלטען רוים און די פילאָסאָ־פען פון דעם אכצענטען יארהונדערט האבען זיך פארגעשטעלט, אז אין דעם „נאטירליכען צושטאנד“ נאך דעם „נאטירליכען געזעץ“ נאך, איז דער מענטש פריי, די פערזענליכע פרייהייט איז באשרענקט געווארען ווען מענטשען זיינען צונויפגעקומען אין א געזעלשאפט: ס'האט געמאכט א „געזעלשאפטליכען קאָנטראקט“, ווערליק וועל־כען יעדער איינער האט אפגעטראטען א טייל פון זיין פרייהייט כדי מ'זאָל קענען לעבען צוזאמען.

הייגט האלט מען פון דיזער פילאָסאָפיע שוין ניט. ווי ווייט די וויסענשאפט האט געקענט דערגרייכען אין די אלטע צייטען, האט דער מענטש שטענדיק געלעבט אין ערגיץ א געזעלשאפט, און די שטיקעל פרייהייט וואָס ער געניסט הייגט, האט ער געוואונען נאר אין דער צייט פון די לעצטע פאר הונדערט יאר.

דער וואונטש צו זיין פריי שטאמט גאר ניט פון דער מענטש־לאכער נאטור, וויל עפעס א פרומער איד זיין פריי? ער איז א שקלאף יעדע מינוט פון זיין לעבען, א שקלאף פון זיין רעליגיע און

*) מעהר איבער דעם אין דעם פופצעטען קאפיטעל.

ער גלויבט אין די שקלאפעריי, ער פארלאנגט אז זיינע קינדער און זיינע שכנים זאלען אויך זיין שקלאפען פון זיין גאט, און ער ווערט שרעקלאך אויפגערעגט ווענען גאט׳ס קריוודע.

וואס הייסט שקלאפעריי אין דעם אלגעמיין־אנגענומענעם זין פון דעם ווארט? ווען דער קערפער פון א מענטשען באלאנגט צו אנ׳אנדערען און די „פראדאנע סקורע" טאר מיט איר אייגענעם קערפער ניט טאן וואס זי וויל (אדער וואס ער וויל). נו אמעריקע הייסט שוין א פרייע מדינה, אבער פרופט זאגען אן אמעריקאנער, אז ווען דער מענטש איז פריי, טו מעג ער לעבען מיט אנאנדערען אזוי לאנג ווי עס געפעלט עם, און ווען דער מאן אדער די פרוי וויל ניט, מעג ער אדער זי אוועקגעהן און אויסקלייבען זיך א בעסערע פאר. סטייטש, פרייע ליבע? אפילו ביי דעליאנען אין „פיפל" פלעגען זיך פון אזעלכע רייד שטעלען די האר אפ׳ן קאפ. די גאנצע וועלט גלויבט היינט, אז דער ווייבס קערפער איז דעם מאנס אייגענטום, און דער מאן איז א פארקויפטער ביי דער ווייב, ווען א פרוי וויל זיין פריי, וואלט מען איר מיט שטיינער פארווארפען.

די פאליטישע פרייהייט אין אייראפע און אמעריקע (וויפיל עס איז פאראן) שטאמט פון די בורזשואזע רעוואלוציאנען פון דעם זיבעצעטען, אכצעטען און נייצעטען יארהונדערט. די קלאסען־אינטערעסען פון דער בורזשואזיע האבען געפאדערט פרייהייט און דעריבער האט זי געקעמפפט פאר פרייהייט. וואס איז די „בורזשואזיע"? פילע געברויכען דעם ווארט אנשטאט צו זאגען: דער קאפיטאליסטישער קלאס. דאס אבער איז גאר ניט אלץ איינס. דער קאפיטאליסטישער קלאס איז נאר איין אפטיילונג פון דער בורזשואזיע. ווען מארקס רעט פון דער „בירגערליכער" געזעלשאפט, וואס איז נאר א שלעכטע דייטשע איבערזעצונג פון דעם פראנצויזישען ווארט „בורזשואזיע", מיינט ער ניט סך הכל די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, נאר די געזעלשאפט פון ווארען־פראדוצענטען. ווארען־פראדוקציאן האט עקזיסטירט נאך פריהער פאר קאפיטאליזם. אלזא, די בורזשואזיע שליסט איין אלע ווארען־פראדוצענטען. דער שוסטער, וואס האט א סיין מיט א שטיוועל און א שוך און מיט דעם ווארט „מייקער" באלאנגט צו דער בורזשואזיע, און פון דעם עקאנאמישען שטאנדפונקט, באלאנגט דער פארמער אויך צו דער בורזשואזיע, ווייל ער איז אן אונאבהענגיקער ווארען־פראדוצערט, דאס הייסט, ער איז א בעל הבית פאר זיך און פארקויפט זיין סחורה אין מארק.

היינט, ווען איר וועט נעמען לערנען אמעריקאנער געשיכטע, וועט איר געפינען, אז די אמעריקאנער פרייהייט איז אויסגעארבייט געווארען פון אָט די דאָזיקע פארמערס. די פארמערס וואָס האָבען געלעבט ביי דעם גרענעץ פון די ווילדע וועלדער, די „פראנטירז־מען“, האָבען פון קיין רעגירונג ניט געוואוסט, ווייל זיי האָבען זי קיין מאָל אין די אויגען ניט אָנגעזעהן, עס איז געווען איינפאך צו ווייט, זיי זיינען אויסגעקומען אן א רעגירונג און דעסהאלב זיינען זיי געווען איינפארשטאַנען מיט דזשעפערסאָנס מיינונג, אז די בעסטע רעגירונג איז וואָס ווייניקער רעגירונג.

די בורזשואזיע האָט איינגעפירט פּאָליטישע פרייהייט, ווייל אירע עקאָנאָמישע אינטערעסען האָבען עס פארלאנגט. איינע פון די וויכטיקסטע פרייהייטען, וואָס די בורזשואזיע האָט איינגע־פירט איז די באוועגונגס־פרייהייט.

פון וואָס ווערט דער איד נאָך אזוי אויסגעריסען אין רוסלאנד, ווי פון די „פּראוואזשיטעלסטווע“? דאָ מעגט איר וואָהנען און דאָרט טאָרט איר זיך ניט ווייזען. עס איז נאָך ניט אזוי לאנג זינט דיזעל־ביקע באשרענקונגען פון באוועגונגס־פרייהייט האָבען עקזיסטירט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, ניט פאר אידען אליין נאָר פאר אלעמען. די בורזשואזיע האָט אָפּגעשאפט די פּאַספּאָרטען מיט די ראָגאַטקעס. זי האָט געמאכט פאר יעדען פריי צו געהען און צו פאָרען וואוהין אייי־נער וויל. איך מיין ניט, אַז זי האָט דאָס געטאָן, ווייל זי איז געווען באגייסטערט פאר דעם אידעאל פון פרייהייט, נאָר פּשוט איר קלאַ־סען־אינטערעס האָט עס געפאָדערט: דער סוחר האָט גענראָפט דאָס רעכט צו וואנדערען, דער פּאַרמער האָט נעדאַרפט דאָס רעכט צו זו־כען נייע לענדער, דער קאַפּיטאַליסט האָט נויטיק געהאט א סך הענט, דערפאר איז ער געווען פאר פרייע אימיגראַציע.

פאר די לעצטע דרייסיק יאָר האָט זיך דאָס אלץ איבערגע־קערט. מיר זיינען שוין געבענטשט אין דער פרייער אמעריקע מיט אן איינגענעם ווירבאלען, מיט זשאַנדאַרען, מיט דאַפּראָסען. א געווי־סע קאַטעגאָריע מענטשען לאָזט מען שוין אינגאַנצען אהער ניט אריין, די כינעזער, פּונקט ווי אין רוסלאנד ווערען פרעמדע אידען ניט אריינגעלאָזען. ווער האָט דאָס אלץ אָנגעמאכט? דער אמעריקאנער ארבייטער־קלאַס, די ארגאַניזירטע ארבייטער! און מיר ווייסען, אז א גרויסער טייל, אויב ניט די מערצאָל פון די אמעריקאנער סאָציאַ־

ליסטען זיינען מיט זיי איינפערשטאַנען*) איר וועט מיר זאָגען, אַז די באַשריינקונג פון געלע איינוואַנדערונג איז נייטיק צו פּראַטעקטען דעם ווייסען ארבייטער, דאַס איז אבער פאר מיר קיין ענטפער ניט: לאָז זיין איר זיינט גערעכט, פרייהייט טויג ניט און די ראַגאַטקע איז נויטוועדיק, די רוסישע רעגירונג מיינט אויך אַזוי, — אָבער איר דארפט דאָך ניט איינריידען די וועלט אַז דער טייטש פון ראַגאַטקע איז פרייהייט.

אַלזאָ, אַף ווי ווייט מיר האָבען פרייהייט אין דער היינטיקער געזעלשאַפט איז דאַס דער רעזולטאַט פון געשיכטליכער ענטוויקלונג. היינט ווען איר זיינט א געשיכטליכער מאַטעריאַליסט, טו זאָגט

---

*) דער פאָרשלאַג גוט צו הייסען דעם פארבאָט פון דער געלער איינוואַנדערונג איז פאָרגעבראַכט געוואָרען אַף דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין אמסטערדאַם, אין 1904 פון די אמעריקאַנער דעלעגאַטען מאָריס הילקוויט און הערמאַן שליטער, דעם געוועזענעם מיטארבייטער פון דעם אונלעגאַלען דייטשען פּארטיי־אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַט“, וואָס איז ערשינען אין דער שווייץ אין דער צייט פון דעם סאָציאַליסטען־געזעץ, און דעם איצטיקען רעדאַקטאָר פון דער „ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג“. די שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פארטיי צו אימיגראַציע האָב איך באַהאַנדעלט באַריכות אין דעם ערסטען באַנד, ז. ז. 136—197.

גאָר אין דער לעצטער צייט, נאָך דעם ווי די קאָנפערענץ פון די „אַליִיז“ אין פאריז האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגען דעם עקאָנאָמישען באָיקאָט פון די צענטראַלמעכטע, איז אין דער דייטשער געווערקשאַפטס־פּרעסע גאַנץ ערנסט דיסקוטירט געוואָרען דער פאָרשלאַג, אַז נאָך דער מלחמה זאָל מען ניט אַריינלאָזען אין דייטשלאַנד קיין איטאַליענישע ארבייטער, ווייל זייער קאָנקורענץ איז געפערלאַך פאר די דייטשע אַרבייטער. די דייטשע געווערקשאַפטען זיינען ניט קאָנסערוואַטיוו, ווי די אמעריקאַנער טרעיד־יוניאָנס, נאָר אויסגעשפּראָכען סאָציאַל־דעמאָקראַטיש.

מיר, וואס איז דער עקאנאמישער פונדאמענט פון פרייהייט? פרר־
דאן זאגט, אז דאס איז דער פריוואט־אייגענטום*)

אף וואס איז היינט־צו־טאג באגרינדעט די פרייהייט פון דער
פרעסע? אף דעם, וואס עס זיינען פאראן א סך פריוואט־דרוקעריי־
ען. פארקערט, אבער, דער פאנאנדערשיקען פון צייטונגען, הענגט
אפ פון דעם פאסט־אפיס און דער פאסט־אפיס באלאנגט צו דער רע־
גירונג. וואס איז דער רעזולטאט? אז די וואשינגטאנער רעגירונג
האט דורך אלערליי רולס באגראבען א סך ראדיקאלע און סאציא־
ליסטישע צייטונגען. די קאנסטיטוציע זאגט, אז די פרעסע־פריי־
הייט טאר ניט באשרענקט ווערען, וואס ווילט איר נאך מער? אבער
די רעגירונג האט די עקאנאמישע מיטלען צו באשרענקען די פרע־
סע־פרייהייט, און זי טוט דאס ווען זי וויל. דער פאסט־אפיס ווערט
אלגעמיין באנוצט ביי די אמעריקאנער־געבארענע סאציאליסטען
פאר א ביישפיל פון סאציאליזם. „נאך דער סאציאלער רעוואלו־
ציאן" וועט אלצדינג געפירט ווערען אף דעם זעלבען פלאן ווי דער
פאסט־אפיס. דאס הייסט, אז דער סאציאליסטישער שטאט וועט
באזיצען אזעלכע מיטלען צו אונטערדריקען יעדע אפאזיציע, וואס
דער היינטיקער קאפיטאליסטישער אדער אפילו דער רוסישער סא־
מאדערזשאוונער שטאט קען ניט אופווייזען.

וואו עס זיינען פאראן וואלען, געפינט זיך אלע מאל אן אפא־
זיציע. וואס גרעסער עס איז די מאכט פון א בעאמטען־קלאס, דאס
שטארקער קען ער אונטערדריקען יעדע אפאזיציע. ביז איצטער
ווייסען מיר פון דער געשיכטע, אז יעדע רעגירונג וואס האט ווען
עס איז געהאט אן אונבאשרענקטע מאכט, האט זיך מיר איר בא־

---

*) בשעת איך האב געשריבען דיזע סעריע ארטיקלען אין דער „פריי־
ער ארבייטער שטימע", האט א לעזער אין א בריעף צו דער רעדאקציע מיר
אנגעוויזען אף דעם פאקט, אז אין באסטאן האבען די סאציאליסטען גע־
האלטען א מיטינג אין א האל וואס געהערט צו דער שטאט. גאנץ שעהן,
אבער פאר וואס איז דאס? ווייל עס זיינען אין דער שטאט באסטאן פא־
ראן צענדליקע פריוואטע האלס, וואו מ'קען האלטען א סאציאליסטישען
מיטינג, עס וואלט דערפאר געווען איינפאך אונזין, ווען די שטאט בעלי־
הבתים וואלטען ניט ערלויבט די סאציאליסטען צו באנוצען דעם האל.
און אגב בין איך נאך ניט אזוי זיכער, אז אנארכיסטען למשל וואלטען
געקענט קריגען דעם האל.

כוצט צו אונטערדריקען אירע געגנער. קען מען זיך פארלאזען אף די לאסקע פון דעם סאציאליסטישען כלל, אז ער וועט קיינעם קיין קריוודע ניט וועלען טאן?

7.

די באדייטונג פון מנהג.

עס זיינען פאראן צוויי מינים „רעכט“: געשריבענע און ניט־געשריבענע, אזוי ווי א דין און א מנהג. וואס איז א דין? וואס עס שטעהט אין תורת משה און אין תלמוד. וואס איז א מנהג? די ארט אויף וועלכע אלע פיהרען זיך.

עס איז נאך ניט אזוי לאנג צוריק ווען אלע היינטיקע גרויסע נאציאנען האבען נאך קיין א"ב ניט געהאט. פארשטעהט זיך, אז אין יענע צייטען איז קיין געשריעבענע רעכט ניט געווען. אבער מענטשען האבען זיך געפירט נאך געוויסע מנהגים, וואס זיינען ערגעץ ניט פארשריבען געווען, וואס קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען זיי האבען זיך גענומען, ווער האט זיי איינגעפירט, אבער אלע האבען זיי געפאלגט. און אפילו היינט, ווען מען שרייבט איבער דער גאנצער וועלט געזעצע אן א שיעור, טו ווען איר וועט נעמען גוט באטראכטען, וועט איר זעהען, אז עס זיינען פאראן א סך וויכטיקע זאכען אין דעם טעגלאכען מענטשלאכען לעבען, וואס ווערען באשטימט דורך א מנהג; און דער עולם פאלגט דעם מנהג, הגם קיין פאליסמאן, קיין דזשאדזש, קיין גלח קען זיי דערצו ניט צווינגען. איך וועל אייך געבען נאר איין ביישפיל. נעמט די בגדים. יעדע פרוי וועט אייך זאגען, אז א לאנגע קלייד איז זעהר אונבעקוועם. א קורצע קלייד ביז די קניה, ווי קליינע מיידלאך טראגען, איז פיל וויגאדנער. נו, קענט איר זיך פארשטעלען אז אייער פרוי זאל ארוים אפ'ן גאס אין אזא קורצע קלייד, ווי אייער קליינע טאכטערל? אבער אפ'ן ברעג ים, וואו מען באדט זיך, וועט זי יע ארומגעהן אין א קורצע קליידעל. פרופט ארומגעהן אין ניו־יארק מיט לאנגע פאות'ן. איר טוט עפעס וועמען א רעה רערמיט? עס איז ערגעץ פאראן א לאא, אז מען טאר ניט טראגען קיין פאות'ן? עס איז ניט מער ווי א מנהג. אבער פרופט אקארסט עס ניט פאלגען, וועלען אייך די באיטשיקלאך אין אידישען קווארטאל גופא געבען קאפוליער אנצוהערענס, אז עס איז ניט קיין פירונג.

די וועלט שטעהט ניט אף אן ארט. די ארבייט ווערט היינט אנדערש געמאכט איידער מיט הונדערט יאר צוריק, די שטעט, די דערפער זעהען אויס אנדערש, דער גאנצער מענטשלאכער לעבען בייט זיך. ניט אימער אזוי מערקווירדיק שנעל ווי פאר די לעצטע הונדערט יאר, אבער עס בייט זיך פארט. און דער מנהג בייט זיך אויך.פארצייטען, בשעת מען פלעגט געהן בארוועס, איז געווען א מנהג, ווען א גרויסער מענטש איז געקומען צו גאסט, האט דער בעל־הבית אדער די בעל־הבית'טע עם געוואשען די פיס. אין דעם קריסט־ליכען ברית חדשה ווערט דערצעהלט, ווי מרים מגדלנית האט יע־זוס'ען איינגעוואשען די פיס מיט טייערע פארפיום. זינט די וועלט האט אנגעהויבען צו טראגען לאפציעס, איז דער סארט כבוד ארויס פון מאדע, ווארים מען דארף עס מער ניט.

ווי נעמט זיך א נייער מנהג? וואס איז א באיקאט, ווייסט איר דאך געוויס. איר ווייסט אבער אפשר ניט, אז באיקאט איז גע־ווען דער נאמען פון אן ענגלישען לענדלארד'ס אן אגענט אין אייר־לאנד אין 1880, די פארמערס וואס האבען פון עם געהאלטען אין ארענדע לאנד, האבען אף עם געקראגען א שנאה, ווייל ער האט זיי זעהר ברוטאל באהאנדעלט. ענדליך האבען זיי אף עם געלעגט א חרם, קיינער זאל עם גארנישט ניט פארקויפען, קיינער זאל עם ניט באדיענען, קיינער זאל פאר עם קיין שום ארבייט ניט טאן. עס איז געקומען אזוי שלעכט, אז עס איז עם אויסגעקומען צו שטארבען פאר הונגער. און ער האט זיך געמוזט אפטראגען. דער ביישפיל האט געהאט אן איינפלוס אף די יוניאנס אין אמעריקע, וואו עס זיינען פאראן א סך איירישע ארבייטער. מען האט זיך דא גענומען „באיקאטירען„ באסעס, סקעבס און זייערע סימפאטיזירערס. איין יוניאן האט נאכגעמאכט דער אנדערער, ניט נאר דא אין אמעריקע, אבער אין אייראפע אויך. אזוי איז דער „באיקאט“ געווארען א מנהג.

פון דעם קענט איר זעהען ווי פון איין איינציקען פאל ערגעץ אין א דערפעל, וואו עס זיינען געווען פורטהאלבען פאמיליעס, איי־גענטלאך ניט מער ווי א צופאל, ווען ער פאסט זיך נאר צו די אומ־שטענדען, קען אויסוואקסען א מנהג, וואס זאל זיך פארברייטען איבער דער גאנצער וועלט.

דאס האבען מיר אלץ גערעדט וועגען ניט געשריבענע רעכט. היינט לאמיר נעמען באטראכטען דאס געשריבענע רעכט, די תורת

משה מימ'ן תלמוד, דאס אלטע רוימישע רעכט, דאס ענגליש־אמע־ריקאנישע רעכט. דאס רוימישע רעכט געפינט זיך צונויפגע־קליבען אין עטלאכע גרויסע ספרים, וואס די וועלט באוואונדערט זיי נאך עד היום, מיט וואס פאר א סיסטעם אלץ איז איינגעריכטעט. דער סיסטעם איז אבער ניט אויסגעטראכט געווארען פון דער קא־מיטע געלערנטע יוריסטען וואס האבען צוזאמענגעבראכט די גע־זעצע: עס האט גענומען מער ווי טויזענט יאר אויפצובויען דעם סיסטעם.

ווי איז דער סיסטעם אויסגעוואקסען? פון באזונדערע פראצע־סען (דין־תורה'ס, דיעלעס, קעיסעס), וואס זיינען פארגעקומען אין געריכט (אין סוד, חאורט). גאר פון אנהויב זיינען קיין געשריבענע געזעצע ניט געווען. ווען עס פלעגט פארקומען א פראצעס פאר דעם רוימישען פרעטאר (דעם ריכטער, דעם דזשאדזש), פלעגט ער עס ענטשיידען על פי יושר, דאס הייסט נאך דעם וואס דער עולם האט באטראכט פאר יושר; און דאס איז געווען באגרינדעט אף דעם, ווי מ' האט זיך געפירט, אף דעם מנהג. דער פסק פלעגט איינגעשריבען ווערען אין א בוך, וואס מ' האט גערופען דעם פרעטאדס עדיקט. יעדער נייער פרע־טאר פלעגט זיך שטיצען אף דעם עדיקט פון זיינע פארגענגער, ווען עס פלעגט פארקומען א נייער פראצעס, פלעגט ער עס זוכען צופא־סען צו יענע פרינציפען, וואס זיינען פריהער אויסגעלעגט געווארען אין דעם עדיקט. אין פארלויף פון טויזענט יאר האבען זיך אנ־געקליבען אזא מאסע אלערליי פראצעסען, וואס מען האט שוין פון זיי געקענט מאכען א גאנצען סיסטעם. פארשטעהט זיך, אמאל פלעגט דער סענאט ארויסגעבען א נייעם געזעץ, אבער די צאל פון אזעלכע געזעצע אין פארגלייך צו דעם עדיקט איז געווען גאר קליין.

אין ענגלאנד און אמעריקא איז די לאא אויך אויסגעוואקסען פון איינצעלנע קייסעס, אין וועלכע איין דזשאדזש האט געפאלגט דעם אנדערען. דאס רופט מען א „פרעצעדענט". די גאנצע ענגליש־אמעריקאנער לאא באשטעהט פון איינע פרעצעדענטען, וואס הא־בען זיך אנגעקליבען אין דער צייט פון הונדערטער יארען. אמת, מ' זיצט אין וואשינגטאן, אין אלבאני, אין באסטאן, מ' באקט גע־זעצע ווי אויף הייוועז. אבער ווען עס קומט אנצוואווענדען דיזעלבי־קע געזעצע, טו דארף דער דזשאדזש זיי פארטייטשען, וואס זיי מיינען, און פון דעם ווערט א גאנצע גמרא. און עס פאסירט זעהר

אַפּט, אז די דזשאַדזשעס מיט זייער גמרא פאַרדרעהען דעם געזעץ אַזוי, אַז עס איז גאַר ניט צו דערקענען. דאַ אין אַמעריקע שטאָל־צירט מען מיט דער דעקלאַרעישאַן אָוו אינדעפּענדענס, וועלכע איז אמת אַ רעוואָלוציאָנערער דאָקומענט. די קאָנסטיטיושאַן פון די פאַראייניקטע שטאַטען פאַרזיכערט אַלעמען די גרעסטע פרייהייט. די רעגירונג איז דעמאָקראַטיש איינגעאָרדנעט — אַף'ן פּאַפּיר. אבער עס ווערען ארויסגעגעבען אינדזשאַנקשאַנס אים נאָמען פון פרייהייט. די דזשאַדזשעס ווילען באשיצען די פרייהייט פון דעם סקעב, און דערצו באשרענקען זיי די פרייהייט פון די יוניאָן־לייט. און זיי גלויבען אליין גאַנץ ערנסט, אז זיי פּאַרטיידיקען די אַמעריקאָנער בירגערליכע פרייהייט. און דער עולם גלויבט אויך אז ער איז פריי, ווארים עס איז פאַראַן אַ דעקלאַרעישאַן אָוו אינדעפּענדענס מיט אַ קאָנסטיטושאַן.

קען זיך דאַסזעלבע ניט אויסלאָזען מיט די פּלאַטפאָרמעס און די קאָנסטיטיושאָנס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען?

אַף דעם ענטפערט מר. פייגענבוים, אז „מנהג“ איז גאָר ניט שייך דערצו.

„געזעלשאַפטליכע טיראַניי פון ווייניקע איבער פילע איז אַ פאָרם פון אָרגאַניזאַציאָן.... זי קען ניט בייגעקומען ווערן... דורך קיין היילע רעפאָרם אגיטאַציאָן, נאָר דורך אָרגאַניזאַציאָן געגען אָרגאַניזאַציאָן, דורך אָרגאַניזאַציאָן פיר פרייהייט געגען די אָרגאַניזאַציאָן פון דער טיראַניי“.

אין אַ פראַנצויזישער קאָמעדיע פון מאָליערין טרעט אויף אַ נייער גביר, וואָס לערנט זיך אַף דער עלטער גראַמאַטיקע. „הערס־טו“, מאַכט ער צו זיין דינסט־מיידעל, „דעם גאַנצען לעבען האָב איך גערעט פראַנצויז און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איך רייד פּראָזע“. מיסטער פייגענבוים ווייס אויך ניט אז ער רעט פּראָזע: — וואָס פּלוידערט איר מיר וועגען מנהגים, מאַכט ער, מען דאַרף אָרגאַניזאַציאָן פאַר פרייהייט!

נו, וועל איך פרעגען, וואָס איז „אָרגאַניזאַציאָן“? עס איז אַ פאַראייניקונג פון מענטשען. וואו עס קלייבען זיך נאָר צו־נויף עטלאַכע מענטשען פאַר אַ געוויסע זאַך, מוז זיין עפּעס אַן אָרד־נונג. זאָלען זיך צונויפקלייבען אַ האַלבער מנין אַמעריקאַנער, וועלען זיי ערסטענס אויסקלייבען אַ טשערמאַן (אַ פּאָרזיצענדען) און

א סעקרעטער. קיינער וועט ניט ריידען ביסקל וואנען דער טשערמאן וועט עס ניט געבען דאס ווארט. איבער יעדע זאך וועט אפגעשטימט ווערען, און ווען מען איז ניט איינשטימיק, וועט באשלאסען ווערען מיט א מאיאריטעט. ווען מען דארף אויספירען א באשלוס פון דער פארזאמלונג, וועט מען אף דערויף אנשטעלען א קאמיטע און די קאמיטע וועט אפאינטען דער טשערמאן. דא האט איר שוין א גאנצען סיסטעם. פון וואנען האט זיך דאס גענומען? איז דאס אלע מאל אזוי געוועזן? איז דאס אומעטום אזוי?

די מאכט פון דער מאיאריטעט שיינט אייך אפשר זעלבסט־פארשטענדליך, אבער עס איז זעהר א פרישע זאך. פארצייטען האט מען פון דעם ניט געוואוסט. אין דעם פוילישען סיים האט יעדער באשלוס געמוזט אנגענומען ווערען איינשטימיק. ביי א קרימינאל־פראצעס אין ענגלאנד און אמעריקא מוז די ענטשיידונג פון דער דזשורי (די געשווארענע) זיין איינשטימיק. „דער איינפאכער שכל זאגט אונדז", אז אין א פארזאמלונג קען מע זניט אויסקומען אן א פארזיצענדען. נעמט אבער די סכאדקעס פון די רוסישע פויערים, וואו עס האנדעלט זיך וועגען צוטיילען די לאנד און נאך אזעלכע וויכטיקע לעבענסזאכען, און פון א פארזיצענדען האבען זיי קיינמאל ניט געהערט. אין די רוסישע רעוואלוציאנערע קרוזשאקען פון די זיבעציקער און אכציקער יארען פון דעם ניינצענטען יאהרהונדערט האט מען אויך פון קיין פארזיצענדען ניט געוואוסט.

פון וואנען האט זיך גענומען די אמעריקאנער פירונג פון א מיטינג? אין קאנגרעס, אין די לעדזשיסלייטשורס ווערט דאס באשטימט דורך די רולס, אין ארגאניזירטע פעראיינען איז געוועהנטלאך פאראן א פונקט אין דער קאנסטיטושאן — אז מען זאל זיך פירען נאך די פארלאמענטארישע רולס. דאס הייסט א דין. ווען עס קומען זיך אבער צוזאמען עטלאכע מענטשען נאר צוליב א געוויסען פונקט אזוי. וואס הייסט דאס דעמאלט? א „מנהג", אויב איר ווילט פאל, גאר דאכט זיך אז קיין שום קאנסטיטושאן, טוען זיי אויך וויסען.

פון וואנען שטאמען די פארלאמענטארישע רולס? זיי זיינען אויסגעארבייט געווארען דורך די פראקטיקא פון דעם ענגלישען פארלאמענט און שפעטער דורך די פראקטיקא פון דעם קאנגרעס און אנדערע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. וואס איז היינט־צו־

טאָג דער רעזולטאַט אין קאָנגרעס אין וואשינגטאָן? די גאַנצע מאַכט איז אין די הענט פון א קליקע, און א קאָנגרעסמאַן, אפילו ווען ער באַלאַנגט צו דער מאַיאָריטעט, קען זיך ניט דערשלאָגען צום וואָרט, אויב דער ספּיקער (דער פּאָרזיצענדער) וויל ניט. דער קאָנגרעס איז אויך אַמאָל געווען אַן „אָרגאַניזאַציאָן פיר פרייהייט".

יעדע פאַראייניקונג פון מענטשען, עס מעג זיין אפילו אַן אַנאַרכיסטישער פעראיין, האָט אירע געזעצע*). ווען עס זיינען ניט זיין געשריבענע דינים, איז עס א מנהג.

אַלזאָ ווען איר געהט גרינדען אייער „אָרגאַניזאַציאָן פיר פריי־הייט", וועט זי אויך האָבען אירע מנהגים. דער מנהג ענטוויקעלט זיך, און זיין מאַכט איז דערפאַר טאַקע אַזוי שטאַרק, וואָס דער עולם פאָלגט עם גאָר ניט וויסענדיק. דער מנהג באַשטימט די פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציאָן גופא. אויב דורך אייער פּאַרטיי־פּראַקטיקע ווערט איינגעוואָרצעלט א דעספּאָטישע פאָרם פון אָרגאַניזאַציאָן. טו וואָס העלפט אונדז אייער „אָרגאַניזאַציאָן פאַר פרייהייט?"

דעריבער, ווען איר זאָגט מיר, אַז איר האָט געמאַכט אַן „אָר־גאַניזאַציאָן פאַר פרייהייט", ענטפער איך אייך: דערצעהלט מיר ניט פון אייערע פּלאַטפּאָרמעס און קאָנסטיטושאָנס, לאָמיר א קוק טאָן ווי איר פירט זיך. אייערע מנהגים מוזען זיך פאַרברייטען צו־זאַמען מיט אייער „אָרגאַניזאַציאָן פיר פרייהייט", פון זיי קענען מיר אורטיילען אַף וואָס מיר האָבען זיך צו ריכטען פון אייך, ניט פון די שעהנע מעשיות וואָס איר דערצעהלט אונדז וועגען משיח'ס צייטען.

*) איך וויל אייך דאָ דערצעהלען, וואָס איך האָב אליין צוגעזע־הען אַף דער קאָנווענשאַן פון דעבס'עס „סאָשאַל־דעמאָקראַסי" אין שי־קאַגאָ אין 1898, אויף יענער קאָנווענשאָן זיינען געווען אַ סך אַנאַר־כיסטישע דעלעגאַטען, וואָס האָבען מיט אַלע מיטלען געאַרבייט ניט צו דערלאָזען, די פּאַרטיי זאָל געהען אין פּאָליטיקס. קיין ערגערע פּאָליטי־שענר ווי יענע־געגנער פון פּאָליטיקס האָב איך אַף מיין לעבען ניט גע־זעהן. איך האָב געמאַכט אַ פאָרשלאַג, מ'זאָל איינפירען אַ רעדנער־ליסט און אַלע זאָלען ריידען נאָך דער רייהע, דער פאָרזיצענדער זאָל ניט האָבען די מאַכט צו געבען דאָס וואָרט וועמען עס געפעלט עם. דאַגעגען איז אופגעטראָטען דער פירער פון דער אַנאַרכיסטישער מאַשין און דער פאָר־שלאַג איז פארוואָרפען געוואָרען. פון דעם ביישפיל קענט איר זעהן די מאַכט פון מנהג.

פונפצעטער קאפיטעל:

דער מוסר־השכל פון די קאאפעראטיווע קאלאניעס.

1.

אלגעמיינע באטראכטונגען.

איך האב שוין געזאגט, אז דער סאציאליזם וועט העכסט ווארשיינליך איינגעפירט ווערען ביסלאכווייס דורך די קאפיטאליסטען און דעם מיטעלקלאס, דאס הייסט דורך אזעלכע מענטשען, וואס זיינען גאר קיין סאציאליסטען ניט. א געשעפטסמאן וואס וויל, אז די רעגירונג זאל צונעמען די אייזענבאנען, כדי ער זאל קענען קאנקורירען מיט א טראסט, וועלכער האט עם צוגעקוועטשט צו דער וואנט, איז גאר ניט באגייסטערט פאר סאציאליסטישע ברידערלאכקייט און פרייהייט. א פאליטישען, וואס האפט אז דאדורך וועט זיין פארטיי באקומען א מיליאן פאליטישע דזשאבס, איז אויך זעהר ווייניק באגייסטערט פאר פרייהייט, ברידערלאכקייט און נאך אזוינע שיינע זאכען. על כן, ווען דער סארט לייט זאלען זיין די פירער און פארוואלטער אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, טו קען מען זיך ריכטען, אז זאלען זיי נאר האבען אין זייערע הענט די אונגעהייערע מאכט פון דעם סאציאליסטישען כלל, וועט יעדע אפאזיציע האבען אזוי פיל צו זאגען ווי אין טאמאני האל, אדער ביי דער רעפובליקאנער מאשין אין פילאדעלפיע.

ווער זאגט גאר אנדערש? מאכט מיין רעוואלוציאנערער פריינד: דערפאר געפעלט אונדז טאקע ניט, אז די געזעלשאפט זאל זיך אזוי ענטוויקלען ווי איר ווייזט. דערפאר שטרעבען מיר זיך אן אופצובויען א קלאסענבאוואוסטע סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי, וועלכע זאל ארייננעמען די פאליטישע מאכט אין אירע הענט און איבערמאכען די קאפיטאליסטישע וועלט אף א סאציאליסטישע, טאקע אף אן עכטען וויסענשאפטלאכען שטייגער. גאנץ רעכט. א קלאסענבאוואוסטע סאציאליסטישע פארטיי וועט

באשטעהן פון דורכשניטלאכע סאציאליסטען, וואס לייענען סאַ־
ציאליסטישע צייטונגען, וואוטען פאר סאציאליסטישע קאנדידאטען
טאנצען אף סאציאליסטישע בעלער, און גיבען אמאל אזוי אויך
א קוואדער אף עפעס א סאציאליסטישע זאך. ווי די געזעלשאפט
וועט זיך פירען, ווען זיי זאלען זיין די בעלי הבתים, וועגען דעם
נאטירלאך זיינען די מיינונגען פארשידען. א ביישפיל אבער האַ־
בען מיר.

זינט די צייטען פון דעם ערסטען ענגלישען סאציאליסט ראָ־
בערט אָוען, האט מען אין אמעריקע געגרינדעט א סך קאאפעראַ־
טיווע קאלאניעס, דאס הייסט א סאָרט סאציאליסטישע שטעטלאך.
עס איז שוין א מעשה פון נאהענט פון הונדערט יאר, טויזענטער
מענטשען האבען געוואהנט אין דיזע קאלאניעס, עס זיינען גרעס־
טענטיילס געווען געקליבענע מענטשען וואס זיינען געווען באַ־
גייסטערט פאר די אידעע פון סאציאליזם און האבען פארלאזען
זייער היים, זייער פרנסה און אין גאנצען אוועקגעגעבען זיך צו
דער זאך פון סאציאליזם, ווי עס האט זיך זיי אויסגעוויזען נאך
זייער שכל נאך. קיין מלאכים זיינען זיי נאטירליך ניט געווען,
דאך זיינען זיי לכל הפחות געשטאנען מאראליש אזוי הויך, ווי
די סאציאליסטישע לעזער, טענצער און וואוטערס, און א סברא
נאך אביסעלע העכער. די פירונג פון די סאציאליסטישע קאלאָ־
ניעס, וואס זיינען באשטאנען פון דעם סאָרט מענטשען, איז א
גוטער משל פון וועלכען מ׳ קען לערנען ווי עס וועט אויסזעהן אין
דער סאציאליסטישער געזעלשאפט.

דער משל איז קיין משל ניט, מאכט מיין וויסענשאפטליכער
פריינט. פאר וואס? אויף דעם געפינען זיך הונדערט וויסענשאפט־
ליכע תרוצים. ערסטענס, זיינען די קאלאניסטען קיין עכטע סאַ־
ציאליסטען ניט געווען; צווייטענס, זיינען די קאאפעראטיווע קאַ־
לאניעס קיין סאציאליסטישע געזעלשאפט ניט; דריטענס, האבען זיי
ניט געקענט עקזיסטירען דורך דעם, וואס זיי זיינען געווען ניט מער
ווי קליינע קאמוניסטישע שיפלאך אין א גרויסען קאפיטאליסטי־
שען ים, און דער ים האט זיי פארשלונגען ; פערטענס, זיינען
ארויסגעקומען פילע מחלוקות פון קאמוניזם. עס איז קיין זאך
ניט געווען, וואס איינער זאל קענען אנרופען זיין אייגענע, איבער
וועלכע ער זאל אליין זיין דער בעל הבית ; אין דער סאציאליס־
טישער געזעלשאפט אבער וועלען גאר די פראדוקציאנס־מיטלען

באלאנגען צו דער געזעלשאפט, א חוץ דעם וועט יעדערער לעבען פאר זיך און געניסען פאר זיך וואָס ער באקומט.

נו, לאָמיר דאָס באטראכטען גענויער. די אלע, וואָס האָבען בעגרינדעט די קאָאָפעראטיווע קאָלאָניעס, זאָגט מען, זיינען גאָר קיין סאָציאליסטען ניט געווען. ווי אזוי ? די סאָציאליסטען פון די קאָאָפעראטיווע קאָלאָניעס זיינען ניט געווען קיין מארקסיסטען, זיי זיינען געווען אוטאָפּיסטישע סאָציאליסטען, אבער דאָס האָט גאָר ניט צו דער זאך. ווי איר ווייסט, איז דער סאָציאליסטישער אידעאל שוין געווען פארטיק ווען מארקס האָט גענומען שרייבען איבער'ן סאָציאליזם. מארקס האָט ניט אויפגעשטעלט קיין נייעם סאָציאליסטישען פּלאן, ער האָט נאָר באוויזען, אז דער סאָציאליסטישער פּלאן געהט מקיום ווערען דורך דעם וואוקס פון קאפּיטאליזם. און ער האָט פאָרגעשלאָגען נייע מיטלען ווי צו ארבייטען פאר'ן סאָציאליזם, אלזאָ איז אן אוטאָפּיסטישער סאָציאליסט אויך א סאָציאליסט ; און ווען מ' נעמט גוט באַטראכטען, איז גאָר א קנאפּע נפקא מינה צווישען די אוטאָפּיסטען און די כלומרשט „ווינסענשאפטליכע" סאָציאליסטען. די אוטאָפּיסטען האָבען זיך איינגעבילדעט, אז מ' קען קינסטלאך אויסבויען א קליינע סאָציאליסטישע קאָלאָניע, און די „וויסענשאפטליכע" מיינען, אז מ' קען די גאנצע געזעלשאפט איבערמאכען אף א סאָציאליסטישע מיט איין קלאפּ. דער פּלאן אָבער ווי איינריכטען די געזעלשאפט איז אין גרונד גענומען דער זעלביקער. א קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניע איז א פּיטשענקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. די פּראָדוקציאנס־מיטלען זיינען דאָרטען אין קהל'שע הענט, די ארבייט ווערט געטאָן אונטער דער השגחה פון קהל'שע בעאמטע, וועלכע ווערען ערוועהלט פון די קאָלאָניסטען אליין. עס איז ניטאָ קיין קאפּיטאליסט אָיבער זיי, זיי צאָלען קיינעם קיין פּראָפיט ניט ; עס איז אפילו קיין „שטאָט" ניטאָ, עס איז אין גאנצען א „פרייע געזעלשאפט", וואו קיינער קען ניט געצוואונגען ווערען צו פאָלגען די בעאמטע. ווען עס געפעלט עם ניט, קען ער אוועקגעהן. אין דער צוקונפטיגער סאָציאליסטישער געזעלשאַפט וועט דער יחיד האָבען וויניקער פרייהייט, וואָרים ווען די גאַנצע געזעלשאפט וועט זיין סאָציאליסטיש, טו וואוהין וועט ער אַוועקגעהן, אויב עס וועט עם ניט געפעלען ?

אלזאָ, ווען מיר זאָלען געפינען א בעאמטען־קליקע, פּאָליטי־

שענס, אינטריגען איבער וואלען, אונטערדריקונג פון אפאזיציע אין די קאאפעראטיווע קאלאניעס, טו וועט דאס באווייזען, אז אזעלכע זאכען זיינען מעגלאך אין א סאציאליסטישער „געזעלשאפט", בפרט נאך אין א סאציאליסטישען „שטאט".

מ׳ זאגט אבער, אז די קאלאניעס זיינען נאך קיין מאל ניט געווען פריי פון דעם דרוק פון דעם אויסווערטיקען קאפיטאל, וואָרים זיי זיינען געווען אפהייננגיק פון מארק. זיי האבען דעם דרוק ניט געקענט אויסהאלטען, דורך דעם זיינען זיי רואינירט געוואָרען. זייער ארעמקייט איז געווען דער גרונט פון אלע מחלוקות. ווען עס זאל זיך אפילו אויסווייזען, אז די פירונג אין די קאאפעראטיווע קאלאניעס איז ניט געווען פרייער איידער אין דער היינטיקער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, טו איז דאס נאר א בעווייז געגען דעם קאפיטאליזם, און ניט געגען דעם סאציאליזם.

נו, אז איר וועט גוט באטראכטען די זאך, וועט איר געפינען אז אנדערע קאלאניעס האבען געהאט געגוג מיטלען גאנץ גוט צו עקזיסטירען און זיינען געפאלען נאר דורך אייגענע מחלוקות, אין וועלכע דער קאפיטאליזם איז אסור שולדיק.

ענדלאך, וואס איז שייך קאמוניזם, טו זיינען ניט אלע קאָלאניעס געווען דורך און דורך קאמוניסטיש. ווען, צוםביישפיל מ׳ האט געהאט איין קיך און איין גרויסען עס־צימער פאר די גאנצע קאלאניע, טו האבען מיר שוין אזא קאמוניזם היינט־צו־טאג אין יעדען גרויסען האטעל און רעסטאראן, און דער געשעפט געהט גאט צו דאנק, גאר נישקשה׳דיק.

אלזא, דאס זיינען אלץ תרוצים פאר דער באבען. די קאָאפעראטיווע קאלאניעס זיינען קליינע מאדעלען פון א סאציאליסטישער געזעלשאפט. וואס מיר געפינען דארטען, איז א ביישפיל פון דעם, אף וואס מ׳ קען זיך ריכטען אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט. עס וואלט גענומען צו לאנג צו באשרייבען אלע קאאפעראטיווע קאלאניעס, און מ׳ דארף דאס גאר ניט. ווארים מער, אדער וועניקער זיינען זיי ענלאך איינע צו די אנדערע. עס וועט גענוג זיין צו מאכען די באקאנטשאפט פון דער ראסקין קאָלאני, וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון וויילאנדען, דעם גרינדער פון דער פאפולערסטער אמעריקאנער סאציאליסטישער צייטונג „אפיל טו ריזאן". עס האבען צו איר באלאנגט מענ־

טשעז, וואס זיינען געווען באקאנט אין דער באוועגונג פון יענער צייט. מיט איין ווארט, אלע אייגענע מענטשען וואס אלע קענען זיי. די געשיכטע איז נאך גאנץ פריש און מער וויניקער באַקאנט.

2.

די ראסקין קאלאני.

וועגען דער ראסקין קאלאניע, איז א סך געשריבען געווארען אין דער סאציאליסטישער צייטונג „קאמינג ניישאָן", אין אנהויב פון דעם איצטיקען יארהונדערט, בשעת די קאלאניע האט זיך אופגעלייזט. מיר ווייסען, וואס ביידע צדדים האבען גע־האט אויסצוזעצען געגען אנאנדער. דער סאציאליסטישער בוכ־הענדלער קערר פון שיקאגא האט ארויסגעגעבען א בוך אין ענגליש: „די לעצטע טעג פון דער ראסקין קאאפעראטיוו אסאָ־סיאיישאָן". דער מחבר ווייזט זיך ארויס פון זיינע אייגענע רייד פאר א באשרענקטען פאנאטיקער. דער בוך איז געשריבען זעהר פארטייאיש, ווארים דער מחבר איז געווען איינער פון די אנ־פירער פון א פארטיי, וועלכע האט ענדלאך געבראכט צו א שפאל־טונג אין דער קאלאניע און האט זי רואינירט. אף זיינע מיינונגען דארפט איר זיך ניט פארלאזען, אבער די פאקטען, וועלכע ער דערצעהלט און די מעשים טובים מיט וועלכע ער בארימט זיך זיינען אונבאשטריטען.

די ראסקין קאלאני האט זיך געגרינדעט אין 1893 און האט עק־זיסטירט פינף יאר אין טענעסי. נאך דעם ווי זי איז דארטען צופאַ־לען, האבען א טייל זיך איבערגעקליבען קיין דזשארדזשיא און דארט פאראייניקט זיך מיט אן אנדערע קאלאניע. אין צוויי יאר ארום איז די נייע קאלאניע אויך געגאנגען קאפוט.

די קאלאניע אין טענעסי האט געהאט גענוג מיטלען אופצו־בויען א גלענצענדען געשעפט. עס האט איר ניט געפעלט קיין מארק. אים געגענטייל, מען האט זיך ביי איר געבעטען, זי זאל נאך אנ־

נעמען באשטעלונגען. עס האט איר קיין מזומן'ע געלט אויך ניט געפעלט, מען האט ניט געלעבט אין פאלאצען, אבער נאך אלע באשרייבונגען, א סך בעסער איידער די פיאנערען אף די פארמס אין די וועסט, ווער רעט שוין פון די מארמאנען אין יוטא, וועלכע זיינען מיט פופציק יאר צוריק געקומען אפגעריסענע, הונגעריקע אין א ווייסטע לאנד, אן וועגען, פאר טויזענטער מייל פון ציוויליזאציע, פון וואנען מען האט זיי פארטריבען, און האבען אין א קורצע צייט אופגעבויט א בליהענדע לאנד.

וואס־זשע איז געוועזן די צרה אין ראסקין? לאמיר אקארסט געבען א בליק אף די פאליטישע געשיכטע פון ראסקין.

גאר פון אנהויב האט זיך דער געשעפט געפירט העכסט דעמאקראטיש : מען פלעגט האבען רעגעלע מיטינגען פון אלע קאלאניסטען, וואו מען פלעגט באשפרעכען אלע געשעפטען, אבער עס האט זיך באלד אויסגעוויזען, אז קיין געשעפט קען מען אזוי ניט פארהאנדלען און עס לאזט זיך גאר אוים דערפון, אז מען קריגט זיך און זידעלט זיך איינער דעם אנדערען אף די מיטינגען. האט מען דעמאלט ערוועהלט א באָרד און דירעקטארס, וועלכע האבען געמוזט איבערגעבען יעדע וויכטיקע פראגע אף א רעפערענדום. דורך דעם איז די גאנצע פערוואלטונג באלד אריינגעפאלען אין די הענט פון א קליקע, א פאליטישע מאשין, וועלכע האבען געוואוסט דעם קונץ ווי צו האלטען זיך אין אמט און ווי צו דערשטיקען יעדע אפאזיציע. אייזיק ברום, דער מחבר פון דעם בוך, איז געוועזן א קיקער. ער זאגט, אז דער עסק האט זיך ניט געפירט מיט קיין ארדנונג, און ער דערציילט פאקטען, מיט וועלכע ער וויל עס באווייזען. די זעלבע פאקטען האט ער א צייט לאנג פרובירט צו באווייזען פאר די קאלאניסטען גופא, אבער מען האט עס אף פארשידענע ארטען פארשטאפט דעם מויל. איין מאל האבען א געוויסע צאל אנהענגער פון דער מאשין אנגעגעבען א פעטיציע, אז מען זאל פון עם קיינע ערקלערונגען ניט אנעמען פאר די מיטינגס איידער זיי זיינען ניט דורכגעגאנגען דורך א קאמיטע, דאס איז אקוראט יענע מעטאדע וועלכע ווערט געברויכט אין קאנגרעס און אין אלע אמעריקאנער געזעצגעבענדע קערפערשאפטען צו קוילענען יעדע אפאזיציע. אלזא נומער איינס: „רעגירונג דורך קאמיטעס" אין א סאציאליסטישע קאלאניע, ווי היינט־צו־טאג אונטער קאפיטאליזם. די פעטיציע איז ניט דורכגעגאנגען, ווארים די

דירעקטארען אליין האבען עס געפונען פאר איבעריק. אף יעדע זאך האבען זיי געהאט א רעפערענדום, פונקט ווי אמאל אין דער ס. ל. פ. און דער רעפערענדום האט אלע מאל אונטערשטיצט די מאשין, אויך פונקט ווי אין דער ס. ל. פ.

אז עס איז ברום'ען אמאל געלונגען אנצוקלייבען אונטער־שריפטען אונטער א פעטיציע, אין וועלכער עס זיינען אויסגעדריקט געוועזן אלע קלאגען געגען די בעאמטע, האבען זיי די פעטיציע „געלעגט אף'ן טיש", אויך פונקט ווי מען פלעגט טאן אין אזעלכע פעלע אין דער ס. ל. פ. מט האט איר די „איניציאטיווע".

די פארלאמענטארישע רולס, וועלבע ווערען דא הי געברויכט אין אלע סאסייעטעס, און אפילע אין סאציאליסטישע פעראיינען אויך, שטאמען פון קאנגרעס און די געזעצגעבענדע קערפערשאפ־טען. זיי זיינען אלע געמאכט צו דעם צוועק מ' זאל קענען מיט זיי פארשטאפען דעם מויל פון יעדע אפאזיציע. ווי איר זעט זיינען זיי צוגעקומען אין דעם סאציאליסטישען ראסקין.

דער זעלבער ברום באשרייבט ווי די לייט האבען זיך גע־פילט אין ראסקין :

„די לייט וואס קומען קיין ראסקין האבען אידעאלע ער־ווארטונגען, זיי לעזען די „קאמינג ניישאן" און ריכטען זיך אז יעדערער, וואס איז צוגעצויגען צו אזא פלאץ וועט זיין אן אידעאלער כאראקטער . . . מ' קאן זיך קאם פארשטעלען דעם קלאפ, וואס דיזע אידעאלען באקומען ווען מ' זעט זיך ארום, אז די קאלאניע איז ווי א טורמע. זי איז רעגירט דורך דעם דעספאטיזם פון אונוויסענהייט. אנשטאט גוטע פארוואלטונג עקזיסטירט א שרעקענס הערשאפט. אין יעדען ווינקעל איז א גיהנום פון אונצופרידענהייט. די עקזעקוטיווע איז א קיסר וואס רעגירט אן געזעץ, אויב איר האלט זיך נים שטיל, אויב איר טאנצט ניט נאך זייער פידעל און וואוט נים ווי זיי ווינטשען, וועט מען אייך שטעלען אף די ערגסטע ארבייט און האלטען אייך דארטען כדי אייך דערמים צו צווינגען איר זאלט שווייגען. עס איז אזוי ווי אין סיביר : ווען נאר איך אליין וואלט אזוי געדארט און געפילט, וואלט איך אפשר אליין נים געווען זיכער אז עס איז אזוי. אבער איך געפין, אז דער געפיל איז אלגעמיין . . . א גוטער קאלאניסט האט מיר געזאגט.

אז ער איז קיין מאָל אין ערגעץ ניט געווען אין אזא דעמ־פּאָטישען גיהנם, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעשלאָסען, האָט ער זעהר גיך אויסגעפונען, אז ער טאָר ניט עפענען דעם מויל, ער דאַרף זיך היטען, אז די הערשענדע גענג (באנדע) זאָל עם ניט זעהן ריידענדיק מיט געוויסע פּערזאָנען, וועלכע זיינען פאַרהאסט ביי דער גענג און זייערע אינסטרומענטען, ווייל זיי זיינען געגען די רואינירענדע געשעפטס־פירונג פון די אינ־קאָמפּעטענטע בעאמטע, וועלכע האָבען די קאָלאָניע אין זייערע הענט. דאָס זעלבע האָבען מיר פילע אנדערע געזאָגט.

„עס זיינען פאראן א סך וועגען, אין וועלכע מ׳ קען מאַ־כען דיסקרימינײשאָן, ווען איר האלט ניט צוזאמען מיט די גענג, וועט מען אייך אבפּטר׳ן מיט פּוסטע אויסרייד.

„די לייט, וואָס ארבייטען אין גאָרטען דערצעהלען מיר, אז מ׳ באליידיקט זיי און מען קאָמאנדעוועט איבער זיי, אז עס איז ניט אויסצוהאלטען. דורך די אונפעהיקייט פון דער פערוואלטונג האָ־בען מיר קיין גרינס ניט . . . מיר ברענגען ווי פייער, דעם מע־נעדזשער הארט דאָס ניט, זיינע פריינט, די בעאמטע הארט דאָס אויך ניט. די אונוויסענדע אינסטרומענטען, וואָס לויפען זיי נאָך הארט דאָס ניט. און די אונטערדריקטע פארשיקטע קיין סיביר סמייען ניט צו קריטיקירען, מיר מוזען אינערלאָך ברענען דורך די גלייכגילטיקייט און אונפעהיקייט וועלכע מיר קענען ניט פאַריכ־טען.

„אַ דיעזער געפּענגניס־סיסטעם, דיזער גיהנום פון שפּיאָנע־ריי, פון לשון הרע, אַ גיהנום רעגירט מיט אַ מאַיאָריטעט, אַ גיהנום פון האַס געגען אינטעליגענץ“.

ווען איר לעזט די ווערטער, פילט איר אז וואָס דער מענטש זאָל ניט זיין אָבער ער רעט פון הארץ. מעגלאָך, אז די מאַיאָריטעט וואָס האָט אונטערשטיצט די בעאמטען־ביוראקראטיע פון ראסקין, האָט עס גאָר ניט געפילט. עס איז גענוג אָבער, אז עס איז גע־ווען אַ מינאָריטעט, וואָס האָט אזוי געפילט, עס בעווייזט, אז פאַר די אָפּאָזיציע האָט מען זויער געמאכט דעם לעבען, און די מאַ־יאָריטעט אין דער קליינער „קאָאָפּעראטיוו קאָמאנוועלטה“ האָט זיך פאַרהאלטען פונקט אזוי גלייכגילטיק צו די זאכען, ווי די מאַ־יאָריטעט אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אייזיק ברום איז געווען דער אנפירער פון דער אפאזיציע נעגען יענע קליקע, ער שאנעוועט זיי נים אין זיין בוך, אבער ווי שטארק ער האט זיי פיינט, באשולדיקט ער זיי ניט אין קיין שווינדעל אין געלט־זאכען. די שכירות זיינען געווען פאר אלעמען גלייך. אלע האבען נעגעסען אין דעם קהל'שען רעסטאראן, געקאכט האט מען פאר אלעמען גלייך, אלזא, אין דעם זיינען אלע געווען גלייכע יחסנים מיט די בעאמטע, ברום דערצעהלט, אז דער פרעזידענט האט מיט א דריידעל געקראגען פאר זיך א גרעסערע הויז איידער עס האט עם געקומט, ער האט געזאגט, אז עס וועט צו עם קומען צו פארען זיין זון און וועט מיט עם לעבען צוזאמען, און עס האט זיך אויסגעלאזען, אז דער זון איז ניט געקומען און דער פרעזידענט איז געבליבען אין דער גרויסער הויז. פון דעם איינציקען פאקט קען מען ניט שליסען, אז די בעאמטע האבען עפעס געהאט א מאטעריעלען אינטערעס צו האלטען זיך פאר זייערע עמטער. די איינציקע זאך וואס ער זאגט איז, אז זיי האבען פאר זיך און זייערע נאכלויפער גענומען אנגענעמערע ארבייט, און די ערגערע ארבייט האבען זיי געלאזען פאר די אפאזיציע.

אלע סאציאליסטישע שרייבער ווייזען אן, אז די טיילונג פון ארבייט אין דער פאבריק פארקריפעלט דעם גוף און דעם מוח פון דעם ארבייטער. ווען א מענטש איז געצוואונגען טאג־טעגלאך צו דרייען דעם זעלבען ראד אן איבערבייטען, קען ער זיך ניט ענטוויקלען. טשערנישעווסקי אבער און אויך פילע אנדערע סאציאליסטען, זאגען אז ווי די ארבייט איז שוין היינט איינגעטיילט, נעמט עס גאר ווייניק צייט זיך אויסצולערנען צו טאן יעטוועדער ארבייט ביי א מאשין. עס איז דערפאר נויטיק, אז א מענטש זאל זיין גאנצען לעבען פארברענגען אף דעם זעלבען פלאץ, ביי דער זעלבער ארבייט. טשערנישעווסקי זאגט, אז אין א סאציאליסטישע געזעלשאפט וועט מען זיך בייטען ביי דער ארבייט און יעדער וועט האבען די געלעגענהייט צו טאן יעדע ארבייט. דאס איז דער פלאן פון פוריע'ס „פאלאנסטערן“. קארל מארקס באשעפטיקט זיך ניט מיט די איינצעלהייטען פון דער צוקונפטיקער געזעלשאפט, אבער ער באמערקט פארבייגעהענדיק, אין ערסטען באנד פון „קאפיטאל“ אז די קאפיטאליסטישע ארדנונג גיט דעם ארבייטער ניט קיין שטענדיקע ארבייט, און פילע זיינען געצוואונגען אנצונעמען אלער־

שאפט. ווען מיר נעמען אבער די פראקטישע זייט, טו פרעגט זיך,
ווי ווייט קען מען דורכפירען דעם פלאן ? עס זיינען היינט פא־
ראן צענדליקע טויזענטער פארשידענע ארטען ווארען, און יעדע
פארלאנגט עטלאכע מענטשען, זי פארטיק צו מאכען, אלזא, עס
זיינען פאראן ניט איבערטריבען הונדערט טויזענט פארשידענע
ארבייטען אין אונדזער געזעלשאפט. ווען יעדערער זאל צופרידען
זיין נאר מיט איין צענט־חלק און זאל זיך יעדען טאג שטעלען צו
אן אנדער ארבייט, וועט עס עס אויך קלעקען אף דריי און דרייסיק
יאר, און עס וועט נאך בלייבען נייניציק טויזענט ארבייטען, וואס
ער האט ניט אויסגעפרובירט. נו, ווי קען מען פארזיכערען, אז
אין יענע נייניציק טויזענט מלאכות וועלען זיך ניט געפינען קיין
בעסערע איידער ער האט געהאט ? מיט אזא פארוויקעלטע בוכ־
פיהרונג וועט זעהר שווער אויסקומען מאכען אלעמען גלייך אזוי
ווי צוויי ארבעסען, לאזען יעדען איינעם ער זאל אליין אויסקלייבען
אזעלכע מלאכות, וואס געפעלען עם אם בעסטען, פארשטעהט איר
דאך, קען מען אויך ניט, אמת, מענטשען האבען פארשידענע גוסטען
און אלע וועלען זיך ניט שטעלען מיט אמאל צו דער זעלבער אר־
בייט. אבער וואס פאר אן ארדנונג וועט דאס זיין, אז די צאל אר־
בייטער אין יעדער פאבריקע וועט זיך בייטען יעדען טאג און
וועט אין גאנצען אבהייגען פון דעם, ווי עס וועט זיך יעדען איינעם
פארגלוסטען ? אנארכיסטען קענען זיך פילייכט פארשטעלען אזא
געשעפטס־פירונג. אבער דאס איז ניט קיין סאציאליסטישער פלאן.
„אונטער א סאציאליסטישער ארדנונג פון פראדוקציאן איז אונ־
מעגלאך, אז דער ארבייטער זאל זיין פריי צו ארבייטען ווען ער
וויל און ווי ער וויל", זאגט קאוטסקי. אין א הויך ענטוויקעלטער
געזעלשאפט מוז אימיצער איינטיילען די ארבייט, אלזא, איז עס
זעהר מעגלאך, אז די בעאמטע, פון וועמען עס וועט אפהייגען,
זאלען אויך האנדלען פארטייאיש, ווי אין ראסקין. אין א גרויסער
געזעלשאפט איז עס נאך גרינגער, איידער אין א קליינער קאלאניע.
דער מוסר פון דעם איז דער, אז ווען מען זאל באהויפטען, אז די בע־
אמטע אין ראסקין האבען זיך אזוי פעסט געהאלטען פאר זיי־
ערע עמטער, ווייל זיי האבען דורך דעם געקענט ארייכאפען פאר
זיך און זייער פארטיי איידעלערע ארבייט, טו איז דאס א זאך
וואס אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט קען מען זי ניט אויס־
מיידען. אלזא, אויב עס האט זיך געבילדעט א בעאמטען־קליקע אין
ראסקין דורך דעם, טו איז א סאציאל־ביוראקראטיע מעגלאך אין
א סאציאליסטישער געזעלשאפט אויך.

איך מיין, אז עס איז זעהר איינזייטיק צו זוכען רק נאָר אַ מאַטעריעלען גרונד אין יעדע זאַך, וואָס אַ מענטש טוט, אָדער פאַר וואָס ער פירט זיך אַזוי און ניט אַנדערש. זינט מיר ווייסען פון מענטשען כבוד אַזוי ליב, אויב ניט ליבער ווי געלט. איר זעט דאָס אין אַ לאָדזש, אין אַ חברה, אין אַ שול, אין אַ פאַראיין, אין אַ געלערענטער געזעלשאַפט, צווישען ארעסטאַנטען אין אסטראָג, אין אַ סאָציאַליסטישען קלוב, אין אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע, אומעטום. איינער חלש'ט מען זאָל עם אויסקלייבען פאַר אַ גבאי, דער אַנדערער געהט אויס, מען זאָל עם נאָמינירען פאַר אַטוירני־דזשענעראַל, אַפילו ווען ער האָט גאָר קיין אויסזיכטען ניט ערוועהלט צו ווערען, און דאָס זעלבע האָט אויך געמוזט זיין אין ראַסקין, ווי מען קען פאַרשטעהן, האָבען די בעאַמטע געוואָלט זיין די גדולים, און פון דעם איז אַרויסגעוואַקסען אַ קליקע, אַ ביוראָקראַטיע, אין ראַסקין, געגען די ביוראַקראַטישע טיראַניי האָבען ניט געהאָלפען קיינע פּראָטעסטען, וואָרים די מאַיאָריטעט האָט געהאַלטען פאַר די באַסעס. ענדליך אָבער איז דער אָפּאָזיציע געלונגען אראָפּצוואַרפען די באָסעס. עס איז ווירקליך אינטערעסאַנט צו הערען פון דעם פירער פון דער אָפּאָזיציע, ווי אַזוי עס איז געלונגען צו שטירצען די באָסעס.

מיט עטלאַכע יאָר פריהער איז אין די וועסט אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג „פיירבראַנד“, וועלכע האָט פּאַרעפענטליכט אַרטיקלען צו גונסטען פון פרייע ליבע. דער פּאָסטמאַסטער דזשענעראַל האָט פאַרבאָטען צו שיקען די צייטונג דורך
מייסטער דזשענעראַל האָט פאַרבאָטען צו שיקען די צייטונג דורך
פּאָסט און האָט געלאָזט אַריינזעצען די רעדאַקטערע אין טורמע, אַף דער באַשולדיגונג, אַז זיי האָבען פאַרברייטעט אונאַנשטענדיקע ליטעראַטור. אמת'ע פאַרשריטלאַכע צייטונגען האָבען דאַמאָלס פּראָטעסטירט געגען די צענזור, עס האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטע צו קלייבען געלט פאַר אַ פאַרטיידיגונגס פּאָנד. איינער פון די זעצער אין דער „קאָמינג ניישאָן“ האָט אָנגעקלעפּט אין דעם עסצימער פון דער קאָלאָניע, אַן אופרוף פאַר אונטערשטיצונג. די „אָפּאָזיציע“ האָט אַרונטערגעריסען דעם אופרוף, די באָסעס און זייערע אָנהייגנער האָבען זיך אָנגענומען פאַר די פאַרבאָטענע צייטונג. דורך דעם איז ענטשטאַנען אַ שטרייט. אַזוי לאַנג ווי די באָסעס זיינען געווען איינפאַך באָסעס, האָט די מאַיאָריטעט אַף אַלץ, וואָס זיי האָבען געטאָן, געזאָגט „באָם“. אבער ווען עס האָט

זיך ארויסגעוויזען, אז זיי האלטען פאר אנארכיסטען און אנהענגער פון פרייער ליבע, האט די מאיאריטעט זיי פארלאזען און איז אי־בערגעגאנגען צו דער אפאזיציע. דער פירער פון דער אפאזיציע דרוקט אין זיין בוך א לאנגע מגילה, וואס ער האט דעמאלט אנגע־שריבען און פארגעלעזען פאר דער פארזאמלונג. עס ווערען דאר־טען אויסגערעכענט די חטאים פון די „אנארכיסטישע“ באסעס. נעמלאך: צוויי דירעקטארען האבען געמאכט חוזק פון דעם, וואס א פאר מעמבערס פון דער קאלאניע האבען זיך פארהייראט אין קארט. אנאנדער דירעקטאר האט ערקלערט, „אז א מאן מעג לעבען מי טאן אונפערהייראטע פרוי, ווען זייביידע ווילינגען איין“. א ווייטערע אנקלאגע איז געווען, אז דירעקטארען האבען זיך אויס־געשפראכען צו גונסטען פון אנארכיזם. אין דער ביבליאטעק פון דער קאלאניע האבען זיך געפונען אנארכיסטישע שריפטען, וועלכע די אנארכיסטישע מיטגלידער האבען זיך שטארק געסטארעט צו פארברייטען צווישען די איבעריקע איינוואהנער פון דער קאלא־ניע.

דער הויפטבאס, דער רעדאקטאר פון „קאמינג ניישאן“ עד־ווארדס (שפעטער רעדאקטאר פון דעם „סאשעל דעמאקראטיק העע־ראלד“) איז באשולדיקט געווארען, אז ער האט אין דער צייטונג פראפאגאנדירט די טעאריע פון פרייוויליקע קאאפעראציע, אנ־שטאט אינטעגראלע קאאפעראציע, נאך דער סאציאליסטישער תורה“.

די אפאזיציע האט פערלאנגט, אז ביי יעדען איינעם וואס וויל זיך אנשליסען אן דער קאלאניע זאל מען פרעגען, צי ער, אדער זיין ווייב גלויבט אין אנארכיזם, אדער אין פרייע ליבע, אף דעם האבען די באסעס און זייער פארטיי געענטפערט, אז זיי וועלען ניט צולאזען אין די קאלאניע קיין קריסטען. פון דעם האט דער פי־רער פון דער אפאזיציע געמאכט א באזונדערען אנקלאגע־פונקט. די לעצטע אנקלאגע איז געווען:

„דאס „די קאמינג ניישאן“ איז בשתיקה באנוצט געווארען אלס מיטעל צו פארטיידיגען אן אנארכיסטישע צייטונג, וואס פרע־דיגט פרייע ליבע און איז פארבאטען געווארען פון דער רעגי־רונג“.

דאס זיינען אלזא געוועזן די פארברעכען, פאר וועלכע די מא־יאריטעט האט זיך אפגעקערט פון אירע פריהערע פירער און איז איבערגעגאנגען צו דער אפאזיציע. ביי דער נעקסטער וואל זיינען

די באַסעס און זייער פּאַרטיי געשלאָגן געוואָרען.

זיי האָבען דאָס נאַטירלאך פאַראויסגעזען און האָבען דער־לאַנגט אין קאורט און געקראָגען אן אינדזשאַנקשאַן געגען די פּירער פון דער נייער פּאַרטיי.

דערמיט הויבט זיך אָן אַ לאַנגער קאַמפּף אין די קאָרטס: איין פּאַרטיי האָט געקראָגען אינדזשאַנקשאַנס געגען דער אנדערער; מ׳ האָט זיך איינע די אנדערע אריינגעפּאַקט אין טורמע, צום סוף זיינען די לאַנד און דער גאַנצער אייגענס פון דער קאָלאָניע פאַרקויפט געוואָרען דורך אַ דזשאָדזשמענט פון קאורט און קיינער האָט גאָרנישט ניט געקראָגען. איניקע פערזאָנען פון ביידע פּאַר־טייען האָבען פּרובירט איינצורײדען די נייע מאַיאָריטעט, אַז מ׳ זאָל זיך מיט די געפאַלענע באַסעס צוטיילען מיט גוטען, אָבער די מאַיאָריטעט האָט פון דעם גאָר ניט געוואָלט הערען; זיי האָבען געהאָפט, אַז זיי וועלען אויספירען אין קאורט און פשוט ארויסוואר־פען זייערע פריהערע געטער.

די אַנאַרכיסטען זאָגען, אַז אַלע צרות קומען ארוים פון דעם שטאַט. און די „רעוואָלוציאָנערע" סאָציאַליסטען טענה׳ן אויך, אַז זיי זיינען געגען „שטאַטס־סאָציאַליזם". זיי ווילען אויך כלומרשט קיין שטאַט ניט. נו, אָט האָט איר אַ פּריוואַטיקע פּאַראייניקונג פון מענטשען, שוין גאָר אָן דעם שטאַט. דער שטאַט האָט ניט פאַרבאָטען צו זאַמלען שטיצע פאַר די ארעסטירטע רע־דאַקטערע. דאָס האָבען געטאָן די מיטגלידער פון אַ פרייער אַסאָ־סיאיישאַן, וועלכע האָבען זיך פאַראייניקט צו באַווייזען דער וועלט אַ ביישפּיל, ווי פריי מ׳ קען לעבען אונטער סאָציאַליזם. די מאַ־יאָריטעט האָט ארונטערגעוואָרפען אַ רעדאַקטאָר פון אַ ציַיטונג, ווייל ער האָט געשריבען צו גונסטען פון פּריוואַטיקע קאָאָפּעראַ־ציע און געגען דעם „עכטען סאָציאַליסטישען" סאָרט פון קאָאָפּעראַ־ציע. די מאַיאָריטעט פון יענער סאָציאַליסטישער קהילה האָט זיך ערקלערט איינפערשטאַנען מיט דער צענזור, וואָס די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג האָט איינגעפירט געגען אַן אַנאַרכיס־טישען בלאַט. קיין איינגענע פּאָליציאַנטען, קיין טורמע אריינצו־זעצען זייערע פאַרברעכער, האָבען יענע פּיאָנערען פון סאָציאַליזם ניט געהאַט, אָבער נישקשה! אַז מ׳ האָט געוואָלט ארעסטירען אַ פּאָר געגנאָסען, האָט מען געבאָרגט אַ פּריזאָן מיט פּאָליסלייט ביי קאַפּיטאַליסטישע דזשאָדזשעס.

זעכצעטער קאפיטעל:

פארטיי־אליגארכיע אין אמעריקע.

1

די „קאפיטאליסטישע" פארטייען און דער „פאלקס־שטאט".

דער היינטיקער ארטאדאקסישער סאציאליזם איז צוערסט באגרינדעט געווארען אין דעם „קאמוניסטישען מאניפעסט" פון מארקס'ן און ענגעלס'ן און דעם „קאפיטאל" פון קארל מארקס. די צוויי שריפטען געהערען צו די גרעסטע מייסטערווערקע אין דער וועלט. אבער מ'מוז פארשטעהן, אז אפילע דער גרעסטער בוך איז דאס קינד פון זיין צייט, און מיט דער צייט ווערט א בוך אויך אלט, אזוי ווי א מענטש. דער מאניפעסט איז געשריבען געווארען אין 1847, ווען דער ארבייטער־קלאס האט אין קיין איינציקער לאנד ניט געהאט קיין רעכט צו וואוטען. „דאס קאפיטאל" איז געדרוקט געווארען אין 1867. צו יענער צייט איז אין גאנץ אייראפע געוועזן נאר איין לאנד, וואו דער ארבייטער האט געהאט דאס רעכט צו וואוטען, — פראנקרייך. אבער דארטען האט דעמאלט געהערשט א מאלדאטסקער דעספאטיזם און דער וואוט איז געוועזן נאר א פוסטע קאמעדיע. אין אמעריקע איז נאך דעמאלט קיין אפגעזונדערטען ארבייטער קלאס ניט געוועזן. עס זיינען געוועזן ארבייטער, אבער עס איז נאך לייכט געוועזן פון אן ארבייטער צו ווערען א קליינער געשעפטסמאן, און דער ארבייטער האט נאך ניט געפילט, אז ער געהערט צו א באזונדערען קלאס, ער האט ניט געהאט קיין קלאסען־באוואוסטזיין, ווי דער טייטש זאגט. מעהרסטען־טיילס זיינען די ארבייטער געוועזן גרינע, וואס האבען נאך ניט געהאט קיין וואוט.

אין יענע צייטען, ווען מ'האט גערעדט וועגען „קאפיטאליסטישע פארטייען" האט מען טאקע געמיינט פארטייען, וואס באשטעהען נאר פון קאפיטאליסטען אדער פון זייערע משרתים: אדוואקאטען, שרייבער, פראפעסארען, גלחים; זייערע שטימען זיינען טאקע גע־

ווען קאפיטאליסטישע שטימען, ווארים א חוץ קאפיטאליסטען, גרויסע און קליינע, האט קיינער ניט געטארט שטימען. ווען מ'האט דעמאלט גערעט, אז דער ארבייטער־קלאס מוז ערָאבערען די פּאָליטישע מאכט, האט מען גאר קיין אויבער־חכמות אין זינען ניט געהאט, מ'האט געמיינט וואס מ'האט געזאגט, אז דער ארבייטער־קלאס דארף ערָאבערען דאס רעכט צו וואוטען. ווען יעדער איינער וועט מעגען וואוטען, מוז דער ארבייטער־קלאס האבען די פּאָליטישע מאכט, ווארים עס זיינען פאראן מערער ארבייטער־שטימען איידער קאפיטאליסטישע שטימען. דעמאלט וועט פון דעם קאפיטאליסטישען שטאט ווערען א „פאָלקס שטאט"*).

עס זיינען אוועק פופציק יאר. אין אלע וויכטיקע קאפיטאליסטישע לענדער האט שוין דער ארבייטער־קלאס אויסגעפירט, אז ער האט דאס רעכט צו וואוטען, און מ'רעט נאך רק פון „קאפּיטאליסטישע פּארטייען" און פון „עראבערען די פּאָליטישע מאכט". נו, מילא אין ענגלאנד קען מען נאך געפינען אן אויסרייד אז עס איז נאך פאראן א טייל פון דעם ארבייטער קלאס, וואס האט ניט קיין וואוט. אין פּרייסען מעגען די ארבייטער שטימען פאר'ן רייכסטאג, אבער ניט פאר'ן לאנדטאג. אבער דא אין אמעריקע איז דער ארבייטער ביי די וואהלען שוין פונקט אזא יחסן, ווי דער קאפּיטאליסט. אלזא האט דער ארבייטער קלאס שוין עראבערט די פּאָליטישע מאכט. דא האבען מיר שוין געזאלט האבען א „פאָלקס־שטאט". הפּנים איז א דעמאָקראטישע רעגירונג נאך קיין סגולה ניט געגען קלאסען־הערשאפט.

2.

דער אמעריקאנער פּארטיי־סיסטעם.

בשעת א הויפען אמעריקאנער אביוואטעלעם האבען געמאכט א רעוואָלוציע, האבען זיי געגרינדעט א רעפּובליק און האבען אנ־

---

*) „פאָלקס שטאט" האט זיך גערופען די וויכטיקסטע סאָציאליסטישע צייטונג אין דייטשלאנד, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען נאך איידער די ארבייטער האבען געקראָגען דאס רעכט צו וואוטען.

גענומען א קאנסטיטוציע, וועלכע פארזיכערט דעם אמעריקאנער פאלק אף אויביקע צייטען א רעפובליקאנער רעגירונג. די קאנסטיטוציע איז נאך פאראן, קיין געקרוינטע און געזאלבטע קעניג האבען מיר ניט. אבער עס איז דא אויסגעוואקסען א מאנארכישע רעגירונג, וועלכע איז פיל דעספאטישער פאר דער רעגירונג פון דעם לעצטען ענגלישען קעניג, וואס די יענקים האבען זיך צובונטעוועט געגען עם. וואס איז די נפקא מינה פון א פאליטישען באס צו א קעניג? נאך ניט אזוי לאנג צוריק פלעגט מען דעם דייטשען קיסר ערוועהלען, אזוי האט זיך אויך געפירט אין פוילען. דער באס איז אן ערוועהלטער קיסר, און זעהר אפט אפילע ניט קיין ערוועהלטער: און פונקט ווי דער פוילישער קעניג, ווערט ער ערוועהלט נאר פון א קליינעם קלאס, די פאליטישענס, אבער אלע מוזען עם פאלגען. ווען גאווערנאר (גובערנאטאר) סולצער האט ניט געוואלט פאלגען דעם ניו־יארקער באס מוירפי, האט עס דער באס געמאכט פאר אויס — גאווערנאר. דער באס קלייבט אויס די שטאט־רעגירונג. דער וואר־טען ביי די וואלען איז פאקטיש ניט מער ווי א שטיקעל דרך ארץ, אזוי פירט זיך מער ווייניקער איבער גאנץ אמעריקע.

איינגעוואנדערטע פון רוסלאנד, וואס זיינען אופגעוואקסען אין אזא צייט, ווען עס געהט אן א קאמפף געגען די רעגירונג, — קענען זיך ניט פארשטעלען, אז אימיצער זאל קענען זיין אמת טריי צוגעטאן צו א מאנארך: מען האט מורא פאר א זשאנדאר, דערפאר שווייגט מען שטיל, אבער מ׳פילט דעם דרוק פון דער רעגירונג, און קיינער איז דעם מאנארך קיין גוטער פריינט ניט. און עס ווייזט זיך אונדז אויס, אז מאנארכישע רעגירונגען האבען זיך אלע מאל געגרינדעט נאר מיט גוואלט און האבען זיך געהאלטען מיט גוואלט.

דא אין אמעריקע אבער קענען מיר זעהען, אז דאס איז א טעות: די אמעריקאנער מאנארכען האלטען זיך ניט מיט גוואלט. דאס פאלק האט האלט זיין באס. איר האט דאס אפילע געקענט זעהען אין דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי: די דעליאגיסטען האבען אמת ליב געהאט זייער קיסר, אזוי ווי די חסידים האבען ליב זייער רבי׳ן. בקיצור, דאס פאלק וויל האבען א קייזער. די קאנסטיטוציע מעג זיך זיין זעהר שעהן און דעמאקראטיש, אבער דאס שטערט ניט, אז עס זאל זיין א מאנארכישע רעגירונג. יעדע מאנארכיע מוז זיך שטיצען אף א הערשענדען

קלאַס. נאָך די היינטיקע קאָנסטיטושאַנס פון אַ סך סטעיטס האָט דער אַרבייטער־קלאַס געזאָלט זיין דער הערשענדער קלאַס. פאַר וואָס־זשע האָבען מיר פאָרט אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג?

די קאָנסטיטוציע גיט דאָ דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס קיין פּאָליטישע מאַכט ניט. ער האַלט די רעגירונג אין זיינע הענט, אָבער די רעגירונג ווערט ערוועהלט דורך אַרבייטער שטימען. ווי אַזוי ווערט דאָס געמאַכט? דורך אַ באַזונדערען קלאַס אין דער געזעלשאַפט, די פּאָליטישענס. מ'זידעלט די פּאָליטישענס אין סאָציאַליסטישע צייטונגען און אויף סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען גענוג, אָבער מ'פאַרשטעהט ניט אַז די פּאָליטישענס זיינען אַ באַזונדערער קלאַס אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, צוגלייך מיט די קאַפּיטאַליסטען און די אַרבייטער. עס זיינען פאַראַן אין די פאַראייניקטע שטאַטען אַ מיליאָן קאַפּיטאַליסטען, גרויסע און קליינע. און עס זיינען מסתמא פאַראַן אַן ערך אַזוי פיל פּאָליטישענס. אַ סך פון די פּאָליטישענס זיינען געוואָרען קאַפּיטאַליסטען דורך „פּאָליטיקס", אַ סך קאַפּיטאַליסטען זיינען געוואָרען פּאָליטישענס צוליב זייערע געשעפטען, אָבער קאַפּיטאַליסטען און פּאָליטישענס זיינען ניט איין און דערזעלבער קלאַס. דאָס דאַרף מען פאַרשטעהן, וואָרים דאָס ערקלערט, ווי אַזוי עס איז מעגלאָך, צום ביישפּיל, דורכצופירען אַרבייטער־געזעצען, דורך די „קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען", און פאַר וואָס שלעפּען זיך נאָך די יוניאָנס נאָך די „קאַפּיטאַליסטישע" פּאַרטייען.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער קלאַס פּאָליטישענס? איר קענט דאָס זעהען אין יעדער יוניאָן, אין יעדען פאַראיין, אין יעדער לאָדזש, אין יעדער חברה. וויפיל מיטגלידער קומען צו אַ מיטינג, וויפיל נעמען אַנטייל אין דער געשעפטספירונג? געוועהנטלאָך אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט. די איבעריקע אינטערעסירען זיך ניט אין דעריין. זיי זיינען צופרידען צו צאָלען זייערע דיוס, כדי צו קריגען דעם קראַנקען בענעפיט, אָדער אויסצופירען דער באַלעבאָס זאָל זיי צאָלען מערער, אָבער עפּעס טאָן פאַר די אַלע זאַכען — דאָס לאָזען זיי איבער פאַר אַנדערע. עס געפינען זיך אַלע מאָל מענשען, וואָס אינטערעסירען זיך יע אין דער אַרבייט און טוען זי. גאַנץ נאַטירלאָך, ווערען זיי די מאַכער אין דעם פאַראיין, אָדער אין דער יוניאָן. געוועהנטלאָך, פון אַנהויב טוען זיי עס אומזיסט, טאַקע ווייל זיי נעמען די זאַך צום האַרצען. ווען דער פאַראיין, אָדער די

יוניאָן וואַקסט אויס און עס איז פאַראַן געלד צו באַצאָלען, טו זוע־רען דיזעלבע מאַכער באַצאָלטע בעאַמטע. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי.

מיט זעכציק יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך אַקאָרסט געבילדעט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, זיינען צו איר צוגעשטאַנען אַ סך פּרינ־ציפּיעלע מענטשען, וואָס האָבען געפירט אַ קאַמפּף געגען שקלאַ־פעריי. זיי האָבען געגעבען זייער צייט און זייערע פאָר גראָשען פאַר די פּאַרטיי. ווען די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט „עראָבערט די פּאָ־ליטישע מאַכט“, האָבען די גרינדער פון דער פּאַרטיי ארייגעקראָגען אַלע פּאָליטישע עמטער אין זייערע הענט. דעמאָלט האָבען זיך צו דער פּאַרטיי צוגע׳שדכנ׳ט אַ סך לייט, וואָס האָבען געמיינט ניט די הגדה, נאָר די קניידלאַך.

די אייגענע מעשה איז מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. עס זיינען אין איר צונויפגעפּאַרט, ווי ביי נח׳ן און תבה, אַ פּיפּערנאָטער מיט אַ בלאָכע. פון איין זייט האָט איר די געוועזענע שקלאַפענהאַל־טער און שקלאַפענטרייבער פון די סויט, וואָס זיינען אַזוי רעאַק־ציאָנער ווי עס קען נאָר זיין. פון דעם אנדערען זייט האָט איר ראַ־דיקאַלען און שטאַטס־סאָציאַליסטען. ווי אַזוי קומט דאָס? איינ־פאַך, ווייל די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז ניט אָרגאַניזירט פאַר געוויסע פּרינציפּען, נאָר זי איז אַן אָרגאַניזאַציע פאַר דעם תכלית פון דער אָרגאַניזאַציע אַליין. עס מאַכט איר ניט אויס, וואָס פאַר אַ פּרינציפּ זי זאָל פאַרטרעטען, אַבי געווינען. און פאַרקערט, עס מאַכט איר ניט אויס, צי איהר פּלאַטפאָרמע וועט אויסגעפירט ווע־רען, צי ניט; דער עיקר איז, אַז אויב יע אויספירען די פּלאַטפאָר־מע, זאָל זי אויספירען און ניט חלילה קיין אנדער פּאַרטיי. וואָרים, וואָס וועט איר זיין די פעולה, אַז אַן אנדער פּאַרטיי וועט אויספי־רען די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען? יענע פּאַרטיי וועט באַקומען די עמטער.

יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי איז אַ „קאַמפּף׳ס אָרגאַניזאַציאָן“ און דערפאַר מוז זי האָבען אַ שטרענגע „דיסציפּלין“. דער ערסטער דין איז, אַז פון חדר טאָר מען ניט אויסזאָגען. נאַטירלאַך, אין די אַלטע פּאַרטייען האַנדעלט זיך ניט וועגען פּרינציפּען, דערפאַר מעג מען ריידען אין דער וועלט אריין, וואָס מ׳וויל; אָבער קריטיקירען בעאַמטע, דאָס איז גאָר אַן אנדער מעשה. די פּאַרטיי איז אָרגאַני־זירט ווי אַן ארמעע: פּראָסטע יונים מוזען פאָלגען דעם קעפּטען.

דער קעפּטען מוז פאָלגען די דזשענעראל קאָמיטע, די קאָמיטע מוז פאָלגען דעם באָס. רעט מיט א טעמעני פּאָליטישען וועט ער אייך זאָגען, אז אלץ איז ביי זיי עכט דעמאָקראַטיש; אפילו יעדער דע־מאָקראַטישער וואוטער האָט א דעה. עס איז אָבער פוסטע רייד: וואָס דער באָס וויל, מוז ווערען געטאָן. עס טרעפט אָפטמאָל, עס געפינט זיך א קרח וואָס מאכט אָן אָן אָפּאָזיציע; אָבער געוועהנטלאך געפינט ער גאָר קנאַפּע אונטערשטיצונג; די גרויסע מאסע אינטע־רעסירט זיך מיט דער זאך, און די קליינע צאָל מיטגלידער פון דער פּארטיי, וואָס אינטערעסירען זיך יע, געפינען אלע מאָל, אז עס לוינט זיך בעסער מיט א פּריץ ניט איינצורייסען.

3.

די פראַגע בנוגע צו די סאָציאליס־טישע פּאַרטייען.

די סאָציאליסטען רעדען זיך איין, אז די ערפאַרונג פון די אלטע פּארטייען האָט צו זיי קיין שייכות ניט. די פּאָליטישענס זיינען דער הערשענדער קלאַס דערפאַר, מחמת ניט דער אַרבייטער קלאַס אליין האָט „ערזאָבערט די פּאָליטישע מאכט“, עס האָבען עס מיטגעהאָלפען קליינע סוחרים, פארמערס, דער מיטעלקלאַס בכלל, און אָט דער־פאַר איז דער זיג פון „פאָלק“ ניט געווען קיין אַרבייטער זיג. ווען אָבער דער אַרבייטער קלאַס וועט זיך איצטער אפזונדערען פון אלע אַנדערע קלאַסען און וועט ווערען קלאַסענבאוואוסט, דעמאָלט ווען ער וועט זיגען, וועט דאָס שוין זיין אַן אמת׳ער זיג פון דעם אַרביי־טער קלאַס. דעמאָלט וועט קומען א סוף צו דער הערשאַפט פון דעם קלאַס פון פּאָליטישענס, אזוי זאָגט מען אונדז צו, און מ׳מיינט עס טאַקע ערענסט. מיר ווייסען שוין אָבער, אז מען האָט אונדז צוגע־זאָגט א פּאָלקס־רעגירונג און צום סוף האָט זיך פון איר אויסגעלאָ־זען א רעגירונג פון פּאָליטישע באָסעס. ווי קענען מיר ווּיסען, אז מיר וועלען זיך איצטער אויך ניט נאַרען? היינט צו טאָג ציהען אַי די רעפּובליקאַנער אַי די דעמאָקראַטען פאַר׳ן קאַפּיטאַל, וואָרים עס באַצאָלט זיך. אָבער מ׳מוז קיין מאָל ניט פאַרגעסען, אז דער קאַפּי־טאליסטישער קלאַס און דער פּאָליטישען־קלאַס זיינען ניט איין

קלאס, נאָר צוויי קלאסען. ווען עס זאָל זיך באַצאָלען בעסער צו האַלטען פאר דעם אַרבייטער, וועלען זיך געפינען אַ סך פּאָליטישענס פון די אַלטע פּאַרטייען, וואָס וועלען אריין אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

איך האָט מסתמא מער ווי איין מאָל געלעזען אין סאָציאַליסטישע צייטונגען, אַז די סאָציאַליסטען וועלען „צווינגעןביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען צו פאראייניגען זיך געגען די סאָציאַליסטען”. דאָס האָט שוין געטראָפען ־דאָרטען, וואו די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען זיינען ערוועהלט געוואָרען מיט אַ מינאָריטעט (פּלוראליטי). ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט אויסוואקסען גרעסער וועט דאָס טרעפען שטענדיק. וואָס וועט זיין דער רעזולטאַט? עס זיינען היינט פאראַן אַף יעדען פּאָליטישען אמט צוויי קאַנדידאַטען. יעדער סטארעוועט זיך צו שלאָגען דעם אַנדערען, וואָרים ער האָפט אליין צו קריגען דעם אמט. ווען עס זאָל קומען צו אַ פאראייניקונג פון די ביידע פּאַרטייען, וועלען בלייבען אַ סך פּאָליטישענס אָן אַ קנעלונג. זיי וועלען זיך ניט קענען העלפען און וועלען געצוואונגען זיין אנצושליסען זיך אָן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. איז עס ניט מעגלאַך, אַז די פּאָליטישענס זאָלען איינפירען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי די מנהגים פון די אַלטע פּאַרטייען?

אין די „אַפּאָסטאָלישע” צייטען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווען דער עולם איז נאָך געווען אַזוי ענטוזיאַסטיש פאר דער נייער אמונה, ווי די ערסטע תלמידים פון יעזוס'ן, האָבען זיך די פּאָליטישענס גאָר ניט אינטערעסירט מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיי זיינען באַשטאַנען נאָר פון מעטנשען, וואָס האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער באַוועגונג נאָר צוליב דער סאָציאַליסטישעם אידעע. נאַטירלאַך, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבען אַ ביסעל צו וואַקסען, האָט זי שוין געקענט געבען צו פאַרדינען אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַ שרייבער, אַן אינשורענס איידזשענט, אָבער אפילו יענע, וואָס מ'האָט אין די יונגע יאָרען פון דער באַוועגונג גערופען „ביזנעס סאָציאַליסטען”, האָבען זיך ניט אריינגעמאַכט אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צוליב ביזנעס. זיי זיינען אַ פריהער געווען סאָציאַליסטען און נאָכדעם האָבען זיי זיך ענטוויקעלט צו ביזנעס־סאָציאַליסטען. די פּאָליטישען־ביזנעס אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסען פון אינעווייניק, עס איז ניט אריינגעקומען פון דרויסען. באַזיצט די

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי די קראַפט צו שטערען, אז מיט איר זאָל זיך עס ניט אויסלאָזען ענדלאַך ווי מיט דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי? ווען איר זוכט אן ענטפער אף דער פראַגע, טו מוזט איר באַטראַכטען די געשיכטע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאָ אין אמעריקע.

זיבעצעטער קאפיטעל:

דער אפאסטאלישער פעריאד אין דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי־געשיכטע.

1.

דער אנפאנג פון דער סאציאליסטי־שער באוועגונג.

דער סאציאליזם איז נים גאר קיין נייע זאך אין אמעריקע. זינט די צייטען פון ראבערט אוען, אין די צוואנציקסטע יארען פון דעם לעצטען יארהונדערט, איז אמעריקע געווען דער פלאץ, וואו מען האט פרובירט אלערליי סאציאליסטישע אונטערנעמונגען. אבער דאס איז געווען גרעסטענטיילס אן אימפארטירטע זאך. צום ערס־טען מאל האט דער סאציאליזם געפינען סימפאטיע צווישען גע־בארענע אמעריקאנער, מיט א יאר צוואנציק שפעטער, ווען עס האט זיך אנגעהויבען אין פראנקרייך א שטארקע פראפאגאנדא פון די אידעען פון פוריע. די פוריעריסטישע באוועגונג אין אמערי־קע האט צוגעצויגען צו זיך די גרעסטע קעפ פון לאנד, וועלכע זיי־נען שפעטער אנערקענט געווארען פאר די פירער פון פארטשריט, פון ליטעראטור, און אין דעם קאמפף געגען שקלאפעריי. די „ניו־יארק טריביון" פון הוראס גרילי האט צען יאר נאכאנאנד פראפא־גאנדירט דעם סאציאליזם, ווי מ'האט עס דעמאלט פארשטאנען. קארל מארקס איז געווען איר שטענדיקער קארעספאנדענט. אבער עס איז געווען צו פרי פאר אמעריקע, די טאגעס־פראגע איז גע־ווען די אפשאפונג פון שקלאפעריי, און ווען דער קאמפף האט זיך אנגעהויבען אין ערנסט, האט מען דעם סאציאליזם געלאזען אן א זייט. די ציימונג פון די אלטע פוריעריסטען איז געווארען דער קאמפפס־בלאט געגען שקלאפעריי. הוראס גרילי איז געווען איי־נער פון די גרינדער פון דער רעפובליקאנער פארטיי און האט גע־האט אין איר א גרויסען איינפלוס. די פוריעריסטען האבען זיך אריינגעקליבען אין די הויכע פענסטער, דעם סאציאליזם אבער הא־בען זיי שוין לאנג פאר דעם אופגעגעבען אלס א שיינעם חלום.

שפּעטער, ווען עס האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבען א שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, האָבען די דייטשע עמיגראַנטען מיט זיך געבראַכט אהער דעם סאָציאַליזם. אָבער ער איז א צייט לאַנג געבליבען אן אָראַנזשעריינע פּלאַנץ. צום ערשטען מאָל האָבען די סאָציאַליסטען באַקומען די געלעגענהייט אופצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט, ווען הענרי דזשאָרדזש איז ארוים מיט זיין בוך און מיט זיין אַגיטאַציע. הענרי דזשאָרדזש איז אַליין ניט געווען אין גאַנצען קיין סאָציאַליסט, אָבער ער האָט געשטעלט געוויסע סאָציאַליסטישע פּאָדערונגען, און אין זיינע אַרטיקלען וועגען די „סאָציאַלע פּראָבלעמען" האָט ער אויסגעשפּראָכען א שאַרפע קריטיק געגען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און האָט זיך באַנוצט מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען. אין 1886, ווען די יוניאָנס אין ניו־יאָרק האָבען עם ארויסגעשטעלט פאַר א קאַנדידאַט פאַר מעיאָר, האָבען די דייטשע סאָציאַליסטען מיט דער „ניו־יאָרקער פאָלקס־ציטונג" עם ענערגיש אונטערשטיצט. עס האָט זיך ענטוויקעלט א גלענצענדע אַגיטאַציע פאַר דעם סאָציאַליזם. הענרי דזשאָרדזש האָט באַקומען 68,000 וואוטס. ניט אַלע פון די וואוטערס האָבען סימפּאַטיזירט מיט'ן סאָציאַליזם, אָבער אַלע האָבען פון עם עפּעס געהערט אדער געלעזען. באַלד נאָך דער וואַל איז ארוים עדוואַרד בעלאַמי'ס בוך איבער סאָציאַליזם, וועלכען ער האָט באַצייכענט מיט דעם נאָמען „נעישאָנאַליזם". דער וואָרט „נאַציאָנאַליזם" אַלס אויסדרוק פאַר סאָציאַליזם, קלינגט פרעמד היינט צו טאָג. ער שטאַמט אָבער פון דער הענרי דזשאָרדזש באַוועגונג. זיינע חברים אין ענגלאַנד האָבען פערלאַנגט, אז די לאַנד זאָל באַלאַנגען צו דער „נאַציאָן" („נאַציאָנאַליזירט" ווערען). בעלאַמי איז געגאַנגען א שריט וויטער, ער האָט זיך געשטיצט אף הענרי דזשאָרדזשעם קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און האָט געפאָדערט אז ניט אַליין די לאַנד, נאָר אויך די מאַשינען, די פאַבריקעס, אין אַלגעמיין אַלע געשעפטען זאָלען ווערען נאַציאָנאַליזירט. ער האָט געצויגען סאָציאַליסטישע שלוסען פון הענרי דזשאָרדזש'ס אַרגומענטען, און ער האָט געפונען א מאַסע מענטשען, וואָס די אַגיטאַציע פון הענרי דזשאָרדזש'ן האָט צוגעגרייט אָנצונעמען די סאָציאַליסטישע אידעען. בעלאַמי'ס בוך האָט אָנגעמאַכט א רושם איבער גאַנץ אמעריקע, עס האָבען עם געלעזען ווענינגסטענס א פאָר מיליאָן מענטשען. אויב א פּראָפּאַגאַנדיסטישער בוך קען מאַכען אז איינ־

דרוק, טו האָט פון בעלאמי'ס בוך געמוזט עפּעס איבערבלייבען אין די אמעריקאנער מוחות. פון בעלאמי'ס בוך הויבט זיך אָן די סאָציאַליסטישע בעוועגונג צווישען די אמעריקאַנער, אומעטום האָבען זיך גענומען גרינדען „נעשאָנאַליסט קלאָבס" (נאַציאָנאַליסטישע" קלובען), אין 1892 זיינען זיי אלע אריין אין די פּאָפּוליסטישע פּארטיי. די פּאָפּוליסטישע פּארטיי האָט אין 1892 באקומען א מיליאָן וואוטס און אין 1894 מער ווי אנדערהאלבען מיליאָן. צווישען דיזע אנדערהאלבען מיליאָן האָבען די „נאַציאָנאַליסטען" פאַרברייטעט סאָציאַליסטישע אידעען. די „קאָמינג נעישאָן" און דער „אפּיעל טו ריזאָן"*) זיינען געגרינדעט געוואָרען אלס פּאָפּוליסטישע צייטונגען און האָבען עטלאכע יאָר אונטערשטיצט די פּאָפּוליסטישע פּארטיי. צו דער זעלבער צייט האָבען זיי פון אָנהויב אָן פּראָפּאַגאַנדירט דעם סאָציאַליזם. די אידעע פון מוניציפּאַל־סאָציאַליזם האָט זיך פארברייט אויסערהאַלב פון אַלע פּארטייען, צווישען רעמאָקראַטען און רעפּובליקאַנער.

אלס פּאָליטישע פּארטיי, זיינען די סאָציאַליסטען צום ערסטען מאָל אופגעטראָטען נאָך אין 1878 אין שיקאַגאָ, ביי דער וואהל פאר די לעדזשיסלייטשור. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּארטיי האָט געצויגען אָן ערך 12000 וואוטס און האָט ערוועהלט צוויי פון אירע קאַנדידאַטען. אבער די באוועגונג האָט ניט פּראָגרעסירט און די פּארטיי האָט באלד פארלאָרען איר איינפלוס. מיט א פּאָר יאָר שפּעטער האָט זיך אין דער פּארטיי אויסגעבילדעט אַן אַנאַרכיסטישע שטרעמונג, די פּארטיי האָט זיך צושפּאָלטען**).

---

*) דער „אַפּיל טו ריזען" (אַן אופרוף צום שכל) איז היינט דער דער פּאָפּולערסטער ענגלישער סאָציאַליסטישער וואָכענבלאט אין אַמעריקע ער ווערט פארברייט אין הונדערטער טויזענטער עקזעמפּליארען.

**) עס זיינען פון איר אַרויס שפּיס, פּארסאָנס און די אַנדערע, וועלכע האָבען זיך גרופּירט ארום דער דייטשער „שיקאגער ארבייטער צייטונג" און דער ענגלישער „אַלאַרם". די אגיטאציע פון די אַנאַרכיסטען האָט זיך געענדיקט מיט דער באָמבע, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען אין 1886 אף דעם היימארקעט, אכט אַנאַרכיסטען, וועמען די פּאָליס האָבען געהאלטען פאר די פירער זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרען. די דזשורי איז געווען געפּאקט, דזשאָדזש גערי, וועלכער איז געווען דער פּאָר-

2.

די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי*)

די ס. ל. פ. אין די מזרח־שטאטען האט עקזיסטירט אין די 80־ער יארען אלס א פראפאגאנדא־פאראיין, אלס באזונדערע פאליטישע פארטיי מיט אייגענע פארטיי קאנדידאטען איז זי אופגעטראטען ערסט זינט 1888, אבער חוץ דעם הענרי דזשארזש קאמפעין האבען זיך די סאציאליסטען ווערענד דער גאנצער צייט פארהאלטען פיינדליך צו דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע, וואס האט זיך געפירט אין לאנד אן זייער פארטיי־הסכמה. די סאציאליסטישע פארטיי איז נאך געווען תוהו ובוהו, אבער דער רוח פון פארטיי האט שוין פון אנהויב אן געשוועבט איבער איר. אלע פלאטפארמעס און פרינציפען זיינען געווען גוט נאר דעמאלט, ווען זיי האבען געשטאמט פון דער פארטיי, ווי באלד ניט, איז די זעלביקע פלאטפארמע מיט די זעלביקע פרינציפען געווען אף א כפרה.

די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי האט פון אנהויב אן געהאט דעם כאראקטער פון א רעליגיעזער סעקטע מיט איר „אני מאמין": ווער עס האט אין דערין ניט געגלויבט איז געווען אן אפיקורוס און איז פארפאלגט געווארען ווי אן אפיקורות. צו דערזעלבער צייט האט די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי שוין פון

זיצענדער ביי דעם פראצעס איז געווען פארטייאיש. פינף פון די אנגעקלאגטע זיינען פאראורטיילט געווארען צום טויט, איינער פון זיי האט זיך גענומען דאס לעבען, די איבעריקע פיר זיינען געהאנגען געווארען דעם 11טען נאוועמבער 1887, דריי וואס זיינען פאראורטיילט געווארען אף'ן גאנצען לעבען צו זיצען, זיינען אין 1893 באפרייט געווארען פון גאווערנאר אלטגעלד'ן, וועלכער האט אין אן עפענטליכען דאקומענט ערקלערט דעם גאנצען פראצעס, פאר א יוסטיק־מארד, און האט דעם דשאדזש גערי געשליידערט אין פנים די באשולדיגונג אז ער איז געווען דער מערדער.

---

*) „סאשאליסט לעיבאר פארטי", אף ענגליש, דער ראשי תבות איז ס. ל. פ. (עס על פי).

אנהויב און איבערגענומען די מנהגים פון די אמעריקאנער פאליטי־שענס.

געוועהנליך מאכט מען אין דעריין פאר א כפרה־האן דאָ־ניעל דעליאָנען, דעם אמאָליקען באָס פון דער ס. ל. פ.*) עס פאסט זיך דאָ זעהר גוט צו דער משל פון מארקס'ן: „דיזער מענש איסט נור קעניג, ווייל זיך אנדערע מענשען אלס אונטערטאנען צו איהם פערהאלטען“.

דער רעכטער אמת איז, אז די ס. ל. פ. האט שוין געליטען אן די אלע חלאת'ן ווען דעליאָן איז נאך ניט געווען קיין מיטגליעד פון דער פארטיי.

דעליאָן איז געווען א מיטגליעד פון דעם ניו־יאָרקער נע־שאנאליסט קלאָב, וועלכער האט זיך סוף 1890 אנגעשלאָסען אן דער סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי, מיט א יאָר פריהער האט זי שוין געהאט א שפאלטונג. די אנפירער פון דער „ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג“ זיינען אונצופרידען געווען מיט דער נאציאָנאל־עקזעקוטיווע פון דער פארטיי, האבען זיי זיך אין א שעהנעם פריה־מאָרגען ארייינגעקליבען אין אָפיס פון דער פארטיי, ארויסגעטריי־בען די בעאמטע, וואס זיינען געזעצליך ערוועהלט געוואָרען פון דער פארטיי און אליין געוואָרען די בעלי הבתים. דער הויפט מאַ־כער איז געווען דער זעלביקער הוגאָ פאָכט, וועלכער האט מיט צען יאָר שפּעטער פארזוכט דאס זעלביקע אפצוטאָן געגען די „פאָלקס צייטונג“. דעמאָלט איז מען אף עם געוואָרען שטארק ברוגז, בשעת אבער די „פאָלקס צייטונג“ איז געווען אין דעם פארמישט האט דאס געהייסען א „רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע“. אין אמעריקאנער „פּאָליטיקס“ איז אזא „רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע“

*) די „ניו־יאָרקער פאָלקס צייטונג“, וועלכע האט יאָרענלאנג פאר עם געבוקט זיך, האט שפעטער פיל מאָל אף עם געוואָרפען א חשד, אז ער איז אן אונטערגעקויפטער אגענט פון דעם קאפּיטאליסטישען קלאס. קיינע באוויזע האט זי קיין מאָל ניט געבראכט, א חוץ דעם, וואס מיט זיין טאקטיקע האט ער נאך איר מיינונג געהאָלפען די קאפּיטאליסטען. אבער האט דען די אייגענע „פאָלקס צייטונג“ יאָרען לאנג ניט געפאָלגט די זעלבע טאקטיקע?

גאָר קיין זעלטענהייט ניט. אזעלכע מעשיות טרעפען זיך ביי די רעפּובּליקאנער, ביי די דעמאָקראטען, אפילו אין טשווירטשעס און אויך אין אידישע חברות. אין פראנקרייך האָט נאפּאָלעאָן דער ערס־טער, און שפּעטער נאפּאָלעאָן דער דריטער אויך באנוצט זיך מיט דער זעלבער „רעוואָלוציאָנערער מעטאָדע" געגען די פאָלקס־רע־וואָלוציאָנערען, עס הייסט איינפאך „צעזאריזם".

אלזאָ דער צעזאריזם איז איינגעפירט געוואָרען אין דער סאָ־ציאליסטישער ארבייטער פּארטיי נאך מיט א יאָר פריהער, איידער דעליאָן איז געוואָרען א מיטגליעד פון דער פּארטיי; צו דער זעל־בער צייט האָבען די שרייבער און די רעדנער פון דער פּארטיי גע־דרשנ'ט ווי שטענדיק, אז די סאָציאל־דעמאָקראטיע אנערקענט אלס איר גרונד־פּרינציפּ, אז די מינאָריטעט מוז „זיך פיגען" (פאָל־גען) דער מאַיאָריטעט.

די סאָציאליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט אין יענע צייטען געהאט א געוויסען איינפלוס נאָר ביי די איינגעוואנדערטע טייט־שען און אידען, און דאָס אויך זעהר א שוואכען. די געבאָרענע אמעריקאנער, וואָס האָבען באלאנגט צו דער פּארטיי, האָט מען געקענט איבערציילען מיט די פינגער. צו דערזעלבער צייט האָט שוין עקזיסטירט א היבשע טרעיד־יוניאָניסטישע באוועגונג. די סאָציאליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט געוואָלט, אז די יוניאָנס זאָלען אנערקענען איר פּאָליטישע פירערשאפט. די יוניאָנס האָבען גאנץ נאטירליך ניט געוואָלט אנערקענען איבער זיך אַן אויסוערטיקע מאכט, בפרט נאך די מאכט פון א פּארטיי וואָס איז געווען א נול אין פּאָליטיק, בעת די אָרגאניזירטע ארבייטער האָבען שוין אפילע דעמאָלט אויסגעפירט געוויסע וויכטיקע פאָדערונגען דורך זייער דרוק אף די אלטע פּארטייען. אקאָרסט פאר דעם האָבען די יוניאָנס געצוואונגען די לעדזשיסלייטשור פון ניו־יאָרק איינצופירען דעם געהיימען באלאָט, ביז דעמאָלט איז אומעטום אין די פאראייניקטע שטאַטען די אפּשטימונג ביי די וואהלען גע־ווען אָן אפענע. אנערקענען די סאָציאליסטישע ארבייטער פּאר־טיי, וואָלט געהייסען אפּזאָגען זיך אין גאנצען פון יעדען פארזוך עפּעס אויסצופירען אף דעם וועג פון געזעצגעבונג. אזא אנארכיס־טישע טאַקטיק האָבען די טרעיד־יוניאָניסטען ניט געוואָלט אנער־קענען. די סאָציאליסטישע פּארטיי האָט זיך גענומען גרינדען קאָנ־

קורירענדע יוניאָנס, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון דער פּאַרטיי. דיזע יוניאָנס האָבען געבילדעט אין ניו־יאָרק די סענטראַל לעיבאָר פעדערעישאָן.

די מאַיאָריטעט פון די יוניאָנס אָבער, איז געווען דאגעגען אַז די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי, אָדער ערגעץ אַן אַנדער פּאָליטישע פּאַרטיי, זאָל זיין פּאַרטראָטען אין די יוניאָנס. דורך דעם איז די סענטראַל לעיבאָר פעדערעישאָן אָפּגעזונדערט געוואָרען פון אַלע אַנדערע ניו־יאָרקער יוניאָנס, וואָס זיינען פּאַראייניקט געוואָרען אין דער סענטראַל לעיבאָר יוניאָן, און פון דער אַמעריקאַנער פעדערעישאָן אָף לעיבאָר, די סענטראַל לעיבאָר פעדערעישאָן האָט שטענדיק געקעמפּפט געגען די סענטראַל לעיבאָר יוניאָן; די „ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג“ איז געווען פעך און שוועבעל געגען אַלע ארבייטער פירער, וואָס האָבען זיך ניט געבוקט פאַר דער פּאַרטיי.

בשעת דעליאָן איז אריין אין די פּאַרטיי האָט שוין די סענטראַל לעיבאָר פעדערעישאָן עקזיסטירט און ער האָט אַלץ געפונען פּאַרטיקערהייט.

עס איז שווער צו זאָגען, אויב אפילו די פּאַרטיי־אינקוויזיציע איז איינגעפירט געוואָרען דורך דעליאָנען. דער ערסטער אינקוויזיציאָנס פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין א יאָר נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרען א מיטגליעד פון דער פּאַרטיי. דער בונט איז אויסגעבראָכען אין דער „אַמעריקאַנער ברענטש“, עס האָט זיך אויסגעלאָזען דערמיט, אַז פינף מיטגליעדער נעמליך, ערעגלמאַן, אָוועז, קענוואָוירדי, איידראָוואַן עטען און סטיל זיינען פאַר׳משפּט געוואָרען פאַר פּאַראַט, פאַרשווערונג און אַנדערע פאַרברעכען געגען די „סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי“, אין וואָס איז באַשטאַנען דער „פּאַראַט“? ווענען דעם האָט דער „פּיפּל“ באַריכטעט, אַז די אַמעריקאַנער ברענטש פלעגט האַלטען אגיטאַציאָנס־פאַרזאַמלונגען אין א קליינעם האָל אין קופּער יוניאָן, אָף יענע פאַרזאַמלונגען האָבען די „פאַרברעכער“ קריטיקירט די פּאַרטיי. דאָס איז שוין געווען גענוג, אין דער זעלביקער זיצונג פון דער פּאַרטיי אינקוויזיציע איז א חוץ זיי אויסגעשלאָסען געוואָרען דער ארבייטער פירער ערנעסט קורצענקנאַבע, ווייל ער האָט אויסגעשפּראָכען מינדלאָך און אין דרוק, די מיינונג, אַז „פּאָליטישע טעטיקייט איז אונזין“.

אַלזאָ נאָך אין אַנפאנג פון 1892 האָט מען שוין ערקלערט פאר א „פאַרברעכען“ (אזוי איז געשטאַנען און דעם „פריגאַוואר“) ווען איינער האָט אויסגעשפּראָכען א מיינונג, מיט וועלכער די מאַיאָריטעט פון דער פּאַרטיי איז ניט געווען איינפערשטאַנען.

עס האָט נאָך גענומען א יאָר פיר־פינף, איידער עס האָט זיך אין דער פּאַרטיי אַנגעהויבען אן אָפּאָזיציע, ווערענד דער גאַנ־צער צייט האָט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַטריי־פּרעסע געפירט אַזוי, ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע ; וואָס עס האָט ניט גע־פּאַסט אין קרעמעל האָט מען פּאַרשוויגען ; ווען מ׳ האָט גע־האַט אַ געלעגענהייט, האָט מען פּאַרלוימדעט, דאָס איז געווען די צייט, ווען די פּאָפּוליסטישע בעוועגונג איז געווען שטארק פּאַרברייט אין לאַנד. אין די וועסט האָבען זיך די סאָציאַליסטען אַנגעשלאָ־סען אַן דער פּאָפּוליסטישער באַוועגונג, ווייל זיי האָבען אין איר געפונען א גוטען פעלד פאר סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אַף די פּאָפּוליסטישע מיטינגען אין שיקאַגאָ האָט דער הויפט רעדנער פון דער סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי פון יענער צייט טאָ־מאָס מאָרגאַן גערעדט פאר טויזענטער מענטשען און אזוי איז גע־גאַנגען איבער דער גאנצער וועסט. די טעגלאָכע צייטונגען פלע־גען געבען אויספירלאָכע באַריכטען וועגען די סאָציאַליסטישע רע־דעס, און מיליאָנען לעזער האָבען צום ערסטען מאָל דערהערט, אז עס איז פאראן א סאָציאַליזם אַף דער וועלט. ווען אָבער א׳ינער האָט דאַמאָלס געלעזען די „פּאָלקס צייטונג“ אָדער דעם „פּיפּל“, איז גאָר קיין פּאָפּוליסטישע באַוועגונג ניט געווען*). נאַטירליך זיינען די מאַיאָריטעט פון די טעטיקע פּאָפּוליסטען ניט געווען קיין סאָציאַליסטען, אָבער דאָס נופא האָט געהאָלפען צו פאַרברייטען

---

*) סיימאָנז ווייזט אָן אין זיין קריטיק פון הילקוויטס „גע־שיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטען“, אז הילקוויט האָט אָבגעגעבען א סך פּלאַץ צו דער געשיכטע פון יעדען קליינעצקען סאָציאַליסטישען פאראיין, וואָס איז ווען געגרינדעט געוואָרען, ערגעץ אין אַמעריקע, און צו דער „גרינבעק פּארטיי“ פון 1880, ווערענד די פּאָפּוליסטישע פּארטיי, וועלכע האָט געהאט א פיל גרעסערע בעדייטונג אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע, פאַרשוויייגט ער אין גאַנצען, דאָס איז נאַטירליך, דער אונבאַוואוסטער איינפלוס פון די טראַדיציעס פון דער ס. ל. פּ.

די סאָציאַליסטישע אידעען, ווארים עס פלעגען שטענדיק מוזען פאָרקומען דעבאַטען אין די פּארטיי־קאָנווענשאַנס וועגען די פּלאַט־פאָרמע ; די סאָציאַליסטען האָבען זיך אימער געסטאַרעט אריינ־צובריינגען זייערע אידעען אין די פּלאַטפאָרמעס און רעזאָלוציעס, בעת די קאָנסערוואַטיווע פּאָפּוליסטען האָבען מורא געהאַט, אַז דערמיט וועלען זיי אָפּשרעקען וואָוטערס. וואָס היציקער עס זיינען געווען די דעבאַטען, אַלץ מערער פּלאַץ פלעגען זיי באַקומען אין דער פּרעסע, מענטשען האָבען דאָס אַלץ געלעזען, ווי אַזוי האָט עס אין גאַנצען געקענט פאַרפאַלען גהן ?

3.

ד ע ב ס .

די ברייאַניסטישע באַוועגונג האָט געעפענט פאַר די פּאָפּוליס־טישע רעדנער און אַגיטאַטאָרס נאָך א ברייטערען פעלד. נאָך דער נידערלאַגע פון ברייענען אין 1896 זיינען א סך ראַדיקאַלע פּאָפּוליסטען געקומען צו דער איינזיכט, אַז מ׳ מוז שאַפען א סאָ־ציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אונטער דער צאָל איז געווען דעבס. ביז 1894 איז ער געווען א רעגעלער לעיבאָר־לידער ווי גאָמפּערס, ווי מיטשעל, ווי הונדערטע אַנדערע. ער איז געווען טריי צו זיין יוניאַן און די יוניאַן לייט האָבען געהאַט צו עם צוטרויען. מיט דער פּאָליטיק האָט ער זיך ניט באַשעפטיקט אין דער יוניאַן, נאָר, ווי עס פירט זיך ביי אַמעריקאַנער פּאָליטישענס, ווי ער איז געווען פּאָפּולער צווישען די אַרבייטער, האָבען די דעמאָקראַטען עם אויס־געשטעלט פאַר א קאַנדידאַט אין די לעדזשיסלייטשור פון אינדיאַ־נאַ און ער איז ערוועהלט געוואָרען.

אין 1893 האָט ער אָרגאַניזירט די אַמעריקאַן רעילוועי יו־ניאַן״, און איבער א יאָר האָט די יוניאַן ערקלערט אַן אַלגעמיינעם אייזענבאַן־סטרייק, דעם סטרייק האָט די יוניאַן פערלאָרען און דעבס איז פאַר׳משפּט געוואָרען אָפּזיצען זעקס מאָנאַט פאַר „קאָנ־טעמפּט אָוו קאָורט״ (מיסאַכטונג פון געריכט).

דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט קליוולענד האָט געגען די אייזענבאַן־סטרייקערס ארויסגעשיקט סאָלדאַטען. די רעפּובליקאַנער

פארטיי האט עס דערפאר אפלאדירט, די פאפוליסטישע פארטיי איז געווען די איינציקע פון די גרויסע פארטייען וועלכע האט זיך אנגענומען פאר די סטרייקערס. זי האט דעמאלט געהאט אייגענע סענאטארס און קאנגרעסלייט אין וואשינגטאן, אייגענע גאווערנארס און לעדזשיסלייטשורס. גאנץ נאטירלאך האט זיך דעבס פארבונדען מיט דער פאפוליסטישער פארטיי. דורך איר איז ער באקאנט געווארען מיט די סאציאליסטען אין שיקאגא, וואו עס איז געווען די הויפט־קווארטיר פון זיין יוניאן, און זיצענדיק אין געפענגניס האט ער געהאט צייט צו לעזען די פאפולערע סאציאליסטישע ליטעראטור.

פאר דער פאפוליסטישער קאנווענשאן פון 1896 האט די „קאמינג נעישאן" אין יעדען נומער אגיטירט, אז די פאפוליסטישע פארטיי זאל עס נאמינירען אלס איר קאנדידאט פאר פרעזידענט, אבער ער האט אליין ניט דערלאזען, אז די „סאציאליסטיש־אנגעהויכטע" (בלשון „פאלקסצייטונג") און טרעיד־יוניאניסטישע דעלעגאטען זאלען עס נאמינירען. ער איז אליין געווען פאר ברייענען.

באלד נאך דער וואל האט ער זיך ערקלערט פאר א סאציאליסט. די סאציאליסטישע פארטיי פרעסע האט, ווי עס פירט זיך, עס באלד גענומען באווייזען, אז ער איז גאר קיין סאציאליסט ניט. „ווען איך בין פאר אייך קיין סאציאליסט ניט, טו וועל איך זיך מאכען סאציאליסטישע פראפאגאנדע פאר זיך ווי נאך מיין נארעשען שכל קומט אוים" — איז געווען זיין ענטפער, און אזוי איז געגרינדעט געווארען זיין „סאשעל דעמאקראסי אוו אמעריקא"—די ס. ד. א. די סאשעל דעמאקראסי איז ארגאניזירט געווארען אין שיקאגא אף א קאנווענשאן פון דער „אמעריקאן רעילוועי יוניאן", פון יענער גרויסער ארגאניזאציע, וועלכע האט מיט דריי יאר פריהער געפירט דעם קאמפף געגען פולמאנען, זינט דער סטרייק איז פארלארען געגאנגען, האט די יוניאן עקזיסטירט נאר אף'ן פאפיר. פאר דעם עולם האט מען דערצעהלט, אז די גרויסע „עי אר. יו" (א. ר. י.) איז ארוים פאר דעם סאציאליזם. די קאנווענשאן האט אנגענומען „א סאציאליסטיש - טעריטאריאליסטישען" פראג-

ראם*). אלס א „פראקטישער“ אמעריקאנער, איז דעבס ארויס מיט א פלאן ווי צוצוטרעטען צו דער איינפירונג פון סאָציאליזם באלד. דערצו האָט ער געוואָלט קאָלאָניזירען ערגעץ אַ סטעיט אין די וועסט מיט סאָציאליסטען און גרינדען מיט זיי קאָאָפּעראטיווע קאָ־לאָניעס. אין די קאָלאָניעס האָט ער געוואָלט פירען די ארבייטסלאָ־זע, וואָס האָבען ניט וואָס צו פארלירען און וועלען גערן געהען וואו־הין מ'וועט זיי שיקען, ווען זייער צאָל וועט אויסוואקסען ביז אַ מאַיאָריטעט פון די וואוטערס פון דעם סטעיט, דעמאָלט וועלען זיי אין לעדזשיסלעיטשור דורכפירען דעם גאנצען סאָציאליזם, דערנאָך וועט מען זיך קענען נעמען צו אַ צווייטען סטעיט, א דריטען, ביז די גאנצע אמעריקאנער רעפּובליק וועט ווערען סאָציאל־דעמאָקראטיש. צו דעם צוועק האָט ער געגרינדעט אַ באזונדערען „קאָלאָניזיישאָן דעפּארטמענט“, וועלכער האָט געזאָלט געפינען מיטלען אף אויסצופירען דעם פּלאן, ווי אַן עכטער אוטאָפּיסט האָט ער ניט איינגעזעהען, אַז דער סאָציאליזם מוז זיך ענטוויקלען אלס אַ רעזולטאַט פון אַ קאַמפּף פון קלאסען. ביי עם איז אויסגעקומען ווי ביי די ערסטע פראנצויזישע און ענגלישע אוטאָפּיסטען, אז דער סאָציאליסטישער אידעאל קען אפּעלירען צו יעדען מענטשען, ביי וועלכען עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשען דער געפיל פון גערעכ־טיגקייט, ס'מאכט ניט אויס, צי ער איז רייך, צי ארעם, און ווי די פראנצויזישע אוטאָפּיסטען האָבען זיך געווענדעט מיט זייערע פּלענער צו די הערשער פון לאנד, אזוי האָט אויך דעבס זיך גע־ווענדעט צו דזשאָן ד. ראקעפעלער'ן מיט דעם פאָלגענדען בריף:

שיקאגאָ, דעם 19טען דזשון, 1897.

צו מיסטער דזשאָן ד. ראקעפעלער, ניו־יאָרק:—

„ווערטער הער: איך נעם די פרייהייט אייך צו מעלדען, אַז מיר האָבען היינט אָרגאניזירט די סאָשאל־דעמאָקראסי אָוו אמע־ריקא, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט בדעה צו באפרייען די אונטער־דריקטע און ליידענדע פון אונדעזר לאנד פון דער מאכט פון אינ־דוסטריעלע אומשטענדע, וועלכע זיי האָבען ניט באשאפען און וועלכע זיי זיינען מאכטלאָז צו ענדערען אָדער צו קאָנטראָלירען.

---

*) דאָס איז געווען מיט עטלאכע יאָר פריהער, ווי עס האָט זיך געגרינדעט די אידישע „סאָציאליסטיש - טעריטאָריאליסטישע פארטיי“.

דער צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע איז, קורץ געזאָגט, אופצושטעלען
אנשטאט דעם היינטיקען גרויזאַמען, אונמאָראַלישען און פאַרניכ־
טענדען סיסטעם די קאָאָפּעראַטיוו קאָמאַנוועלט, וואו מיליאָנערען
און בעטלער, די אונמאָראַלישע פּראָדוקטען פון אַן אונמאָראַלישער
ציוויליזאַציע, וועלען אין גאַנצען פערשווינדען, און מענטשלאַכע
ברידערשאַפט וועט איינגעפירט ווערען צו בענטשען און פאַרשעה־
נערען די וועלט. אין דיזער שטאַט גופא, וואו דער אוניווערסיטעט,
וואָס טראָגט אייער נאָמען שטעהט אלס אַ מאָנומענט פון די טרי־
אומפען פון אַרבייט און פון דעם פאַבעלהאַפטען רייכטום פון דעם
לאַנד געפינען זיך אכט טויזענט פאַמיליעס, וואָס האָבען קיין היים
ניט און פערציק טויזענט אַרבייטער געהען כמעט אויס פון הונ־
גער. אויב איר גלויבט, אַז דאָס איז איבערטריבען, טו בעט איך
אייך איר זאָלט אַזוי גוט זיין קומען אהער, און איך וועל אַראַנ־
זשירען זיי זאָלען זיך צונויפקלייבען אַף׳ן לייק־פראָנט, און דאָרטען,
אונטער אונדזער אַלעמענס הימעל, וואָס ער איז זייער איינציקער
דאַך, וועלען זייערע אויסגעדאַרטע פּנים׳ער, און זייערע אָפּגעריי־
סענע בגדים זאָגען עדות וועגען מענטשענס אונמענטשליכקייט צו
מענטשען. דער בילד מוז אַפּעלירען צו יעדען מענטשען, און ווי איר
זייט דאָך אַ קריסטליכער דזשענטעלמאַן און זייט ווייט באַקאַנט
דורך אייער צדקה, טו וועט איר אפּשר עס באַטראַכטען אלס פּאַ־
סענד און אַלס פפליכט צו געבען אייער שטיצע צו אַן אָרגאַניזאַ־
ציע, וואָס איר הויכער צוועק איז ניט צו פיטערען און ערנידריגען
דיזע ליידענדע מיטמענטשען מיט די ברעקלאַך פון טשאַריטי און
צו פאַראייביקען די צושטענדע, וואָס מאַכען פון זייער לעבען אַ
שטענדיקע קללה, נאָר צו שטרעבען צו אַ מער געהויבענער מענטש־
הייט, אַ געטלאַכער ציוויליזאַציע, אַזוינע ווי יעזוס האָט געפּרעדיקט,
ווען ער האָט געזאָגט: פרידען אַף ערדען, גוטער ווילען אונטער
מענטשען. דער נעקסטער צוועק וועט זיין צו העלפען די אַר־
בייטסלאָזע דורך די קאָלאָניזירונג פון אַ סטעיט אין די וועסט,
וואו זיי זאָלען קאָאָפּערירען אין דער אנווענדונג פון זייער אַרבייט
צו די נאַטירלאַכע רייכטימער, און זאָלען פאַרדינען פאַר זיך אליין
און זייערע פאַמיליען, און זאָלען אויספילען, ווי מענער די פליכ־
טען פון אַ באַפרייעטער בירגערשאַפט. אין דיזע באַוועגונג איז
ניטאָ קיין קלאַסען־אונטערשיד: רייכע און אָרימע זיינען גלייך
ווילקאָמען צו העלפען אַראָפּצוּוואַרפען גאָלד פון זיין טראָן און

אופצוהויבען די מענטשהייט. דאן וועט דער שטארקער העלפען דעם שוואכען, דער שוואכער וועט ליבען דעם שטארקען, און מענטשלאכע ברידערשאפט וועט איבערמאכען די ענד אף אן אמת'ן גן עדן.

„צו ווידמען זיך צו אזא'ן ארבייט איז מיין העכסטער באגריף פון מיין פליכט צו מיר אליין און צו מיינע מיטמענטשען. גלויבענדיק דאס איר וועט געפינען אין איינקלאנג מיט אייער אייגענעם געפיל פון געזעלשאפטלאכער און פאטריאטישער פארפליכטונג צו רייכען אונדז די האנט אין אונדזער באפרייענדער און פערענדעלנדער אופגאבע, צייכנע איך אייער זעהר אויפריכטיק
יודזשין וו. דעבס".

טראץ דעם אוטאפיסטישען כאראקטער פון דעם בריף זיינען צו דעבס'ן צוגעשטאנען א סך אויסגעשפראכענע מארקסיסטען. זיי האבען געגלויבט, אז ווען ער וועט בעסער באקענט ווערען מיט'ן סאציאליזם, וועט ער אליין איינזעהען דעם אומזין פון זיינע פלענער.

די סאציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקא איז נאך אין יענער צייט געווען אן ערך אין אזא צושטאנד, ווי אין פראנקרייך אין דער צייט פון דעם „קאמוניסטישען מאניפעסט", ווען מארקס און ענגעלס האבען געארבייט צוזאמען מיט די אוטאפיסטישע סאציאליסטען און אפילע מיט דער בורזשואזנער דעמאקראטיע פון זייער צייט*).

---

*) אין דעם שלוס קאפיטעל פון „קאמוניסטישען מאניפעסט" איבער די „שטעלונג דער קאמוניסטען צו די פארשידענע אפאזיציאנעלע פארטייען" שטעהט אזוי: „אין דער שווייץ אונטערשטיצען זיי די ראדיקאלען, זייענדיק גאנץ קלאר ביי זיך, אז דיזע פארטיי באשטעהט פון ווידערשפרעכענדע עלעמענטען, א טייל פון דעמאקראטישע סאציאליסטען אין דעם פראנצויזישען זין, א טייל פון ראדיקאלע בורזשוא... „די קאמוניסטען ארביטען ענדלאך אומעטום אן דער פארבינדונג און דער פארשטענדיקונג פון די דעמאקראטישע פארטייען פון אלע לענדער".

4.

די סאשאל דעמאקראסי אוו אמעריקא"

מיט דער ס. ד. א. איז געשאפען געווארען א ברייטע ארגא־ניזאציע, וואס האט געזוכט אריינצונעמען אלעמען, ווער עס גלויבט אין די גרונד פרינציפען פון סאציאליזם. די ס. ד. א. איז ניט געווען קיין פאליטישע פארטיי. עס האבען צו איר באלאנגט פא־פוליסטען, אונאפהענגיקע רעפארמערס און אפילו אנארכיסטען. אין די איסט האט פאר איר געמאכט אן אנהויב די אידישע אפאזיציאן אין דער ס. ל. פ., וועלכע האט זיך אנגעהויבען פון מחלוקות אין דער פאבלישינג אסאסיאיישאן פון דעם אפיציעלען פארטיי ארגאן „אבענדבלאט".

ווען די אידישע סאציאליסטען האבען אין 1890 געגרינדעט דעם וועכענטלאכען פארטיי ארגאן די „ארבייטער צייטונג", איז זי געווען אן ארעמע אונטערנעמונג. דער רעדאקטאר און דער ביז־נעס מענעדזשער האבען געקראגען די העכסטע געהאלט, 12 דא־לאר א וואך, די מיטארבייטער נאך ווענוקער. אבער אין פיר יאר צייט איז די צירקולאציע אזוי געוואקסען, אז די צייטונג האט אנ־געהויבען צו ערשיינען טעגלאך. די געגאסען, וואס האבען פריהער געארבייט פאר די פארטיי צייטונג כמעט אומזיסט, אויס טריי־קייט צו דער פארטיי, האבען אנגעהויבען צו קריגען אנשטענדיקע געהאלט, (נאך דעם מאסשטאב פון יענער צייט). די צאל מענטשען אין אפיס איז געוואקסען, עס איז געווארען אן אמת'ער געשעפט, און די פאבלישינג אסאסיאיישאן איז ביסלאכווייז אנגעפילט גע־ווארען מיט „דזשאב־סאציאליסטען". זיי האבען געבילדעט אן אייגענע „מאשין", א סאציאליסטישע טעמעני־האל, ווי די אפאזי־ציע האט זיי אנגערופען אין איר ערסטער עפענטלאכער ערקלע־רונג.

א קלארען פראגראם האט די אפאזיציע אין יענער צייט נאך ניט געהאט, אבער זי איז געווען אונצופרידען דערמיט, וואס די באוועגונג באוועגט זיך ניט פון ארט, און זי האט פארלאנגט „פרייע קריטיק" אינערהאלב דער סאציאליסטישער פארטיי. מיט דעם מאטא „פרייע קריטיק" האט די אפאזיציאן אונטער מילער'ס

פירונג געגרינדעט דעם „פאָרווערטס“.

נאַטירליך, אָפּאָזיציאָן צו דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער פּאַרטיי איז געווען „פּאַראַט“. אום אויסצוריינינען די פּאַרטיי פון די פּאַרעטער, האָט די פּאַרטיי־נאַטשאַלסטווע „רעאָרגאַניזירט“ די דריי אידישע דיסטריקטען. די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען עקזיסטירט זיינען ערקלערט געוואָרען פאַר אופגעלייזט און דער אָרגאַנייזער פון דער פּאַרטיי האָט באַקומען דעם אופטראַג צו אָרגאַניזירען נייע דיסטריקטען. ווען די מיטגלידער פון די אַלטע דיסטריקטען האָבען זיך געיאָוועט צו פאַרשרייבען זיך אין די נייע, האָט מען פון זיי געפאָדערט א פּאָדפּיסקע, אַז זיי וועלען ניט באַלאַנגען צו דער אָפּאָזיציע, — אין חדש תחת השמש, סטאָליפּין איז ניט געווען אָריגינעל מיט זיין פאָדערונג פון אַלע רוסישע שטאַטס־בעאַמטע, אַז זיי זאָלען ניט באַלאַנגען צו קיין אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. די אָפּאָזיציאָניסטען האָבען דאַגעגען פּראָטעסטירט; זיי זיינען באַשטאַנען אויף דעם, אַז זיי זיינען פּערזענליך קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פּאַרטיי. אַלזאָ זייענדיק מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, איז יעדערער פון זיי באַרעכטיקט אריינצוטרעטען אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון זיין דיסטריקט, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. די פּאַרטיי נאַטשאַלסטווע האָבען געוואָלט דורכאויס פון זיי פּטור ווערען; אנקלאַגען זיי פאַר א פּאַרטיי געריכט איז געווען אונמעגלאך, וואָרים חוץ געגען א פּאַר פירער וואָלט מען געגען די איבעריקע ניט געקענט געפינען קיין פּאַקטען זיי צו באַשולדיקען, סיידען וואָס זיי האָבען סימפּאַטיזירט מיט דעם „פאָרווערטס“. מיט דעם פּלאַן פון „רעאָרגאַניזעישאָן“ איז מען פון אַלע ניעבלאַגאָנאַדיאָזשנע פּטור געוואָרען מיט איין קלאַפּ. די אָפּאָזיציאָניסטען האָבען אַפּעלירט צו א רעפערענדום־וואָוט פון דער גאַנצער פּאַרטיי און האָבען געפאָדערט, אַז די אַנגעלעגענהייט זאָל באַשפּראָכען ווערען אין דעם אָפיציעלען ענגלישען פּאַרטיי־אָרגאַן, כדי אַלע פּאַרטיי גענאָסען זאָלען זיך קענען אויסבילדען אַן אייגענע מיינונג. עס האָט זיך געעפענט א דעבאַטע אין דעם „פּיפּל“, אָבער די ערקלערונגען פון מילער'ן, ווינטשעווסקי'ן און א פּאָר אַנדערע אָפּאָזיציאָניסטען זיינען דערטרונקען געוואָרען איז א ים פון באַשולדיגונגען און באַשימפּפונגען, וואָס די „לאָיאַלע“ האָבען אויסגעגאָסען אויף זייערע קעפּ. ענטפערען האָט מען זיי ניט געגעבען קיין מעגליכקייט. די דעבאַטע

איז געשלאָסען געוואָרען. דער רעפערענדום האָט מיט א שטארקע מאַיאָריטעט גוט געהייסען די האנדלונג פון דער פּארטיי־נאַטשאַלסטווע.

די אָפּאָזיציע האָט אפּגעהאַלטען א קאָנווענשאָן אין ניו־יאָרק און האָט באשלאָסען אריינצוטרעטען אין די דעבסיסטישע סאָציאל דעמאָקראסי, אונטער איר איינפלוס האָט זיך באלד אָנגעשלאָסען אָן דער סאָשאל דעמאָקארסי די הייווערילער סעקציאָן פון דער ס. ל. פּ., וועלכע האָט שוין געהאט אן אייגענעם פּארטרעטער אין דעם סיטי קאונסיל, דזשיימז קערי.

זינט דער שפּאלטונג פון דער ס. ל. פּ. אין 1889 איז נאָך איבערגעבליבען אין לאנד אָן אָרגאניזאציע פון דער זאָגענאנטער „ראָזענבערג׳שער פראקציאָן“, וואָס איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען מיט געוואלט דורך די ניו־יאָרקער „גענאָסען“. די פּאָפּוליסטישע באוועגונג האָט פארשלונגען זייער אָנהאנג, אָבער א צייטונג איז ביי זיי געבליבען, וואָס האָט זיך יארען לאנג געמאטערט מיט׳ן טויט. די הויפּט־קוואַרטיר פון זייער „פּארטיי“ איז געווען אין קליוולאנד. זיי זיינען אויך צוגעשטאַנען צו דער דעבסישער באוועגונג. זייער באזונדערע פּארטיי אָרגאניזאציע האָבען זיי אופגעגעבען ערסט מיט א יאָר שפּעטער. אף דעם אופן האָבען זיך אין דער סאָשאל דעמאָקראסי צוזאמענגעקליבען אלערליי מינים סאָציאליסטען, אי אוטאָפּיסטען, אי מארקסיסטען, אזוינע, וואָס גלויבען אין קאָאָפּעראציע, אלס מיטעל אופצובויען א פרייע סאָציאליסטישע געזעלשאפט, און אזעלכע, וואָס גלויבען אין הוילע פּאָליטיק. אין אזא געמישטער געזעלשאפט, אז מ׳וויל איינער זאָל דעם אנדערען די אויגען ניט אויסקראצען, מוז מען ניט ווילענדיס זיין טאָלעראנט.

אָט דערפאר איז אין דער ס. ד. א. געווען א פרייער, א טאָלעראנטער גייסט. עס האָט אָבער געדויערט נאָר א קורצע צייט, שוין פון אָנהויב אָן האָבען זיך אין די ס. ד. א. אריינגערוקט עלעמענטען, פאר וועלכע דער ריכטיקער פּלאץ איז געווען אין דער ס. ל. פּ. זייער הויפּט קוואַרטיר איז געווען מילוואָקי, און זייער פירער איז געווען וויקטאר בערגער. באלד נאָך דער גרינדונג פון דער סאָשאל־דעמאָקראסי, אין 1897 איז אויסגעבראָכען דער גרויסער סטרייק אין די קוילען־גרובען. דעבס האָט אין דעם סטרייק גענר־

מען אָ טעטיקען אנטייל. דורך די איניציאַטיווע פון אַלערליי אָרבייטער־פירער און רעפאָרמערס איז איינבערופען געוואָרען אָ קאָנווענשאָן אין שיקאגא צו באראטען זיך וועגען דעם סטרייק און די ארבייטער פראגע אין אלגעמיין. עס איז ניט געווען קיין קאָנווענשאָן אין דעם געוועהנטלאכען זין פון וואָרט, וואו מ׳קען אָננעמען בינדענדע באשליסע: עס איז געווען ניט מער, ווי אָ קאָנפערענץ, אָ פארזאמלונג פון מענטשען, וואָס האָבען אָ געוויסען איינפלוס יעדערער אין זיין קרייז. ווען אַזאַ קאָנפערענץ נעמט אָנעט א באַשלוס, טו איז קיינער ניט מחויב עס אויסצופירען. אָבער דאָס אליין שוין, וואָס די קאָנפערענץ שטימט איין אף א געוויסען באשלוס, איז א סמן, אַז די עפענטלאכע מיינונג פון אָ געוויסען קלאָס מענטשען איז איינפארשטאַנען מיט דעם באשלוס.

אין יענער קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָפגעהאַלטען געוואָרען אין סעפטעמבער 1897, אין שיקאַגאָ, האָבען זיך באַטייליקט יוניאָן־פירערס, פאַפוליסטען, סאָציאַל־דעמאָקראַטען א. אַז. וו. די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע צו גונסטען פון איניציאַטיווע און רעפערענדום, פּראָפּאָרציאָנאַל וואַלען; דעם אכטשטונדיקען ארבייטסטאָג, אָפשאַפונג פון קינדער ארבייט, באַשעפטיגונג ביי עפענטלאכע ארבייטען פאר ארבייטסלאָזע; די קאָנווענשאָן האָט ווייטער געפאָדערט, אַז אַלע „עפענטלאכע געברויכס־מיטעל“ (פּאָבליק יוטיליטיס) זאָלען באַלאַנגען צום שטאָט, אָדער צו דער שטאָט, און זאָלען געפירט ווערען דורך דעם שטאָט — דאָס הייסט, אייזענבאַנען, טעלעגראַפען, וואַסער, גאַז, עלעקטריע אין דער שטאָט זאָל איבערנעמען אַלע געשעפטען, וואָס זיינען אין די הענט פון מאָנאָפּאָליעס אָדער טראָסטס.

אַלזאָ, ווי איר זעט, האָט מען זיך אויסגעשפּראָכען צו גונסטען פון ראַדיקאַלע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען און פון שטאָטס־סאָציאַליזם. דאַכט זיך, די ס. ד. א. האָט געזאָלט זיין צופרידען? אָבער בערגער האָט וועגען דער קאָנווענשאָן אין זיין „וויסקאָנסין פאָרווערטס“ געזאָגט לאָמר, אַזוי צו זאָגען:

„וויר לאַסען בעקאַנטליך אין דער בעאורטהיילונג דער אַרבייטער־בעוועגונג שטעטס די גרעסטע טאָלעראַנץ וואַלטען, יעדאָך וויר פערלאַנגען, דאַס די ארבייטער־בעוועגונג איינע ארבייטער־בעוועגונג זיין, ניכט אָבער איינע לעפעליי צו גונסטען דער

אויפרעכטערהאלטונג דער פערראטעטען מיטעל־קלאסע אדער איין טומעלפלאץ פיר אלערהאנד ספעציאל־אידעען און פעררוקטע עקספערימענטען".

אויסדריקע, ווי „קליין־פאקירען", „שווינדלער", „עמטער יעגער", זעעלענפערקויפער", „בודלער" האבען זיך געשאטען, ווי פון א נומער פון דעם „פיפל".

מיט א האלב יאר שפעטער איז געווען א וואל אין מילוואקי. וויקטאר בערגערס תלמידים האבען אפגעדרוקט גרויסע פאסטערס, אין וועלכע די פאפוליסטען זיינען באשולדיקט געווארען, אז זיי האבען זיך פארקויפט צו די דעמאקראטען. די פאסטערס זיינען אנגעקלעפט געווען איבער דער גאנצער שטאט.

אן ארגאניזאציע, וואס האט געהאט פאר א הויפט־פירער דעבסען, וועלכער האט נאר מיט אנדערהאלבען יאר פאר דעם געשטימט פאר ברייענען, — אזא ארגאניזאציע האט ניט געהאט קיין רעכט צו פארדעכטיקען די פאפוליסטען, פאר וואס זיי האבען געמאכט פיוזשען מיט די דעמאקראטען. ארום דערזעלבער צייט איז דעבס געווען אין קאנסאס און איז אופגענומען געווארען מיט גרויסער פאראדע אין דעם סטעיט קאפיטאל ביי דעם פאפוליסטישען גובערנאטאר. אלערליי פאפוליסטישע בעאמטע זיינען געקומען עם אפגעבען שלום עליכם. אן דער סאשאל דעמאקראסי אין קאנסאס האבען זיך אנגעשלאסען פאפוליסטישע שטאטס־בעאמטע. זיי האבען אלע באקומען זייערע שטעלען אויף דורך פיוזשאן מיט די דעמאקראטען. אלזא, בערגער האט מיט זיינע באשולדיגונגען געגעבען א פאטש אין פנים זיינע אייגענע גענאסען. איר קענט שוין פארשטעהן אין וואס פאר א שטימונג עס האבען זיך צוזאמענגעטראפען אין א פאר מאנאט ארום די פארשידענע עלעמענטען, וואס זיינען געקומען צו דער ערסטער קאנווענשאן פון דער ס. ד. א. אין שיקאגא.

5.

די קאנווענשאן פון דער ס. ד. א. אין 1898.

יעדע אמעריקאנער קאנווענשאן ווערט קאנטראלירט פון א

קליינער קליקע. אלע דעלעגאטען טאנצען נאך זייער פידעל. אז אויסנאם איז נאר, ווען עס געפינען זיך אין א קאנווענשאן צוויי קליקעס, באקעמפפען איינע די אנדערע, דעמאלט טאנצט יעדער צד נאך דער פידעל פון זיין אייגענער קליקע. איך האב בייגע־וואוינט עטלאכע פארטשריטלאכע קאנווענשאנס, אומעטום איז פא־ראן א „מאשין“, אן ארגאניזירטע באנדע, וואס האנדעלט מיט אן אויסגעארבייטען פלאן! זי קומט מיט פארטיקע קאנדידאטען פאר אלע קאמיטעס, מיט א פארטיקע פלאטפארמע און פארטיקע רע־זאלוציעס, זי איז גענוי באקאנט מיט אלע פערזענלאכע אנגעלע־גענהייטען און אינטריגען, און איז אים שטאנדע צו באנוצען זיך דערמיט פאר אירע פלענער. דער איינצעלנער דעלעגאט, וואס קומט צו דער קאנווענשאן, מיט דעם געדאנק, אז ער וועט אויסהערען, וואס מ׳וועט ריידען און וועט שטימען נאך זיין אייגענעם פאר־שטאנד, איז א נול געגען אזא ארגאניזירטע מאשין. די קאנווענשאן פון דער ס. ד. א.) איז אויך קאנטראלירט געווען פון א קליינער מאשין*)

דער שטרייט־פונקט (די „אישו“), וועלכער האט צוטיילט די קאנווענשאן און ענדליך געבראכט צו א שפאלטונג, איז געווען דער טעריטאריאליסטישער פלאן.

דער „קאלאניזעישאן פלאן“ איז היים דעבאטירט געווארען אין דער קאנווענשאן. עס זיינען געווען עטלאכע דעלעגאטען, וואס האבען ערנסט געגלויבט, אז דורך קאלאניזאציע קען מען העלפען דער סאציאליסטישער באוועגונג. די אנארכיסטען האבען געהאלטען

*) דעם דריטען אדער דעם פערטען טאג פון דער קאנווענשאן איז צו מיר צוגעגאנגען טשארלז מארטין, פון שטעטעל טיפין אין אהייא און האט מיר פארגעשלאגען, אז כדי אלע, וואס זיינען פאר פאליטישע אק־ציאן זאלען שטימען איניק, טו זאל זיין א לידער אף דעם פלאר, און אלע זאלען שטימען, ווי ער שטימט, און דער לידער זאל זיין קערי פון הייווערהיל. מסתמא בין איך ניט געווען דער איינציקער, וועמען ער האט געגעבען די עצה. אלזא, האט מען שוין ביי דער ערסטער סא־ציאליסטישער קאנווענשאן איינגעפירט דעם זעלביקען פלאן, אף וועל־כען מ׳פירט זיך אין קאנגרעס, אין די לעדזשיסלעיטשורס, און איבער־הויפט אין אמעריקאנער „פאליטיקס“.

פאר קאלאניזאציע. די פאפוליסטען האבען אונטערשטיצט קאלא־ניזאציע, אום אפצושוואכען דעם איינפלוס פון דער ריכטונג, וואס האט נעהאלטען פאר אונאפהענגיקע פאליטישע אקציאן.

די געוועזענע מעמבערס פון דער ס. ל. פ. זיינען אלע נאטירליך געווען נעגען קאלאניזאציע. צוזאמען מיט זיי זיינען געווען א פאר דעלעגאטען, וואס זיינען פארמישט געווען אין די אינטריגען פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע.

די צווייטע פראגע, וואס האט געזאלט ענטשידען ווערען אף דער קאנווענשאן, איז געווען „פאליטיקס“ (פאליטישע אקציאן). די פלאטפארמע פון דער ס. ד. א. איז געווען כמעטווארט פאר ווארט איבערגעשריבען פון דער פלאטפארמע פון דער ס. ל. פ. זי האט זיך אויסגעשפראכען פאר אונאפהענגיקע פאליטיק. אין שע־ביגאן, א שטאט פון 22,000 איינוואהנער אין וויסקאנסין, האט מען ארויסגעשטעלט קאנדידאטען פאר אלדערמען און זיי ערוועהלט ביי דער ערסטער וואל. אבער עס האבען זיך געפונען א סך דעלעגא־טען, וואס זיינען געווען נעגען סאציאליסטישע פאפרטיי־פאליטיק. ערסטענס, זיינען די פאפוליסטען פון קאנסאס געווען דאגעגען. זייער פירער איז געווען קלעמענס, א געוועזענער אנארכיסט, וועלכער איז צוגעשטאנען צו דער פאפוליסטישער באוועגונג, ווי פילע אנ־דערע אמעריקאנער אנארכיסטען, ווייל זיי האבען די באוועגונג באטראכט פאר א גוטען פעלד פאר ראדיקאלע פראפאגאנדע. אין קאנסאס איז די פאפוליסטישע פארטיי אין 1898 נאך געווען די הערשענדע פארטיי און זי האט איבערגעלאזען דעם סטעיט קאנ־סאס אלס ירושה די בעסטע ארבייטער־געזעצע, וואס זיינען ערגעץ פאראן אין אמעריקע.*) צווייטענס, זיינען נעגען אונאפהענגיקע

---

*) קלעמענס האט מיר פריוואט דערצעלט, אז די רעפובליקאנער האבען עם אנגעבאטען צען טויזענט דאלאר, ער זאל ארגאניזירען אין קאנסאס א סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע זאל ארויסשטעלען אונאפהענגיקע קאנדידאטען; דערמיט וואלט מען געקענט אפציהען גענוג וואוטס פון די פאפוליסטען, כדי צו ערוועהלען רעפובליקאנער. אן ענלאכע געשיכטע האט די סטעיט קאמיטע פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי פון נעבראסקא אין 1903 פארעפענטלאכט אין דעם ניו־יארקער „וואירקער“.

פּאָליטיק געווען די אנארכיסטישע דעלעגאטען, ווייל זיי זיינען בכלל נעגען פּאָליטיק.

ווייטער זיינען אבער געווען דעלעגאטען, וואס מ'איז חושד געווען, אז זיי זיינען געשטאַנען אין פארבינדונג מיט דער דעמאָקראטישער פּארטיי אין שיקאַגאָ און האָבען געזוכט אפּצור האלטען די סאָשאל־דעמאָקראסי פון אָרגאניזירען זיך אין אַ פּאָלי־טישע פּארטיי אין שיקאַגאָ. ווען מ'באטראכט, אז זיי האָבען ארגא־ניזירט עטלאכע קליינע ברענטשעס פון אַנדערהאַלבען מעמבערס מיט אַ פּאָר וואָכען פאר דעם, כדי צו פּאַקען די קאָנווענ־שאָן, און אז זיי האָבען זיך באנוצט מיט אלערליי קונצען, ווי געני־טע פּאָליטישענס, אף דער קאָנווענשאָן גופא, טו קען מען פאר־שטעהן, פאר וואס פילע האָבען געהאלטען דעם חשד פאר בארעכ־טיקט.

אף דער אנדער זייט זיינען געשטאַנען אַלע, וואָס זיינען גע־ווען מיט דער מיינונג, אז די סאָשאל־דעמאָקראסי דארף זיך ער־קלערען פאר אַ פּאָליטישע פּארטיי.

בערנארד לאַזאר באמערקט אין זיין געשיכטע פון אנטיסע־מיטיזם, אז די ערסטע פּאָר הונדערט יאָר נאָך יעזוס'ן האָבען די קריסטען רק געסטארעט זיך צו איבערצייגען די אידען, אז די עכטע אידישקייט איז יעזוסעס תורה, און אז יעזוס איז טאַקע געווען

די סטעיט קאָמיטע דערצעהלט, אַז די סאָציאל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אין 1900 אָרגאניזירט געוואָרען אין נעבראסקא דורך רעפּובליקאַ־נער פּאָליטישענס, וועלכע האָבען זיך ארויסגעגעבען פאר סאָציאליס־טען. זיי האָבען באקומען באצאָלט דערפאר פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי, ווייל די רעפּובליקאַנער האָבען געוואָלט אָפּציהען וואוטס פון דער פּאָפּוליסטיש־דעמאָקראטישער פיוזשאָן.

מיר ווייסען אַלזאָ היינט, אַז אין נעבראסקא זיינען דעבס און הערימאן געלאָפען אף דעם סאָציאל־דעמאָקראטישען טיקעט, אף די הוצאות פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי, ווייל אַזאַ זאך איז מעגלאך אין אַמעריקע, קען מען פארשטעהן פאר וואָס קלעמענס איז געווען דאַ־געגען, אַז די סאָשאל־דעמאָקראסי זאָל זיך ערקלערען פאר אן אונאָפּ־הענגיקע פּאָליטישע פּארטיי אין קאנסאס.

דער אמת'ער משיח. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די קריסטען אליין זיינען נאָך אין זייער הארצען געבליבען אידען און האָבען געהאַלטען די אידישע אמונה פאַר דעם איינציקען אמת'ען גלויבען. ביסקל וואנען זיי וועלען ניט ווערען אנערקענט פון די אידען אליין פאַר גוטע און פרומע אידען, איז זייער ערפאָלג צווישען די גוים פאַר זיי ניט געווען קיין ערפאָלג... דעמזעלביקען געפיל האָבען געהאַט בנוגע צו דער ס. ל. פּ. די אָפּאָזיציאָניסטען, וואָס האָבען זיך אָפּגע'שמד'ט פאַר דעבסיסטען. מ'האָט גערעדט און געשריבען געגען די ס. ל. פּ., מ'האָט געשריען אז זי איז פאַנאַטיש, אונטאַ־לעראַנט, אָבער טיעף אין הארצען האָט מען די ס. ל. פּ. געהאַלטען פאַר די אמת'ע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און מ'האָט זיך שטענ־דיק באַמיט צו איבערצייגען די דעליאָניסטען, אז די דעבסיסטען זיינען אקוראַט אזוינע גוטע סאָציאַליסטען, ווי זיי. מ'האָט זיך שטענדיק געפרעגט: וואָס וועט אָף דערויף זאָגען די ס. ל. פּ.? די ס. ד. א. אין ניו־יאָרק האָט זיך רק געמוזט פּאַרענטפערען פאַר'ן קאָלאָניזעישאָן פּלאַן*). ווענינקסטענס אָבער האָבען מיר געקענט שטאָלצירען מיט דעם אנדערען חלק פון אונדזער פּלאַטפאָרמע, וועלכער איז איבערגעשריבען געווען פון דער פּלאַטפאָרמע פון דער ס. ל. פּ.

דער קאַמפּף אין דער קאָנווענשאָן האָט זיך אָנגעהויבען אי־בער דער פּלאַטפאָרמע.

דער באָס פון דער קאָנווענשאָן איז געווען בערגער. ער איז געווען אין אלע וויכטיקע קאָמיטעס, און נאַטירליך איז ער אויך געווען אין דעם פּלאַטפאָרם־קאָמיטע. ער האָט אָנגעשריבען איין פּלאַטפאָרמע און דער פירער פון דעם אנדערען לאַגער אַנאַנדערע, וועלכע איז געווען געשריבען מיט די אייגענע פראַזען, ווי די פּלאַט־פאָרמעס פון אלע אמעריקאַנער פּאַרטייען ווערען געשריבען, נאָר מיט אַן אוטאָפּיסטישען גערוך. אז בערגערס פּלאַטפאָרמע איז אויך

---

*) עס האָט אונדז שטאַרק פאַרדראָסען, ווען מר. פייגענבוים האָט זיך געוויצעלט אין „אבענדבלאַט" איבער דער „פושקע פון רב מאיר בעל הדעבס". — דער קאָלאָניזעישאָן דעפּארטמענט האָט אַרויסגעשיקט צו די ברענטשעס פּאַפּירענע פושקעס אָף צו קלייבען געלט פאַר קאָלאָ־ניעס.

ניט געווען קיין מייסטערווערק באווייזט דער פאקט, אז זי איז אין א פאר מאנאט ארום פארווארפען געווארען פון זיין צד גופע.

ווען די פלאטפארמע־קאמיטע וואלט געזוכט צו שאפען אייניקייט, וואלט ניט געווען אזוי געפערליך, אויב מ'וואלט אויסגעמעקט א פאר ווערטער פון בערגער'ס פלאטפארמע און אריינגעשטעלט א פאר פונקטען פון דעם אנדערען פראיעקט.

דער קאלאניזעישאן פלאן צו באזעצען א סטעיט מיט סאציאליסטען, וואלט זיך סיי ווי סיי באלד באוויזען פאר א חלום*). די סאשאל־דעמאקראסי וואלט געקענט בלייבען אן ארגאניזאציע פאר סאציאליסטישע פראפאגאנדע און אופטרעטען פאליטיש נאר דארטען, וואו די ברענטשעס האבען עס געוואלט, — אזוי ווי עס האט זיך פריהער געפירט. דאס וואלט מעגלאך געמאכט צו פאראייניקען אין איין ארגאניזאציע אלע סאציאליסטען פון לאנד, אפילע יענע, וואס ווילען וואוטען פאר אנדערע פארטייען אין טאגעס פראגען. די צאל פון אזעלכע אונפארטייאישע סאציאליסטען איז פיל גרעסער, איידער יענע, וואס וואוטען אימער פאר דעם סאציאליסטישען טיקעט. די וואלען וואו מען ערוועהלט קיינעם ניט, וואלט מען, אמת, געמוזט איבערלאזען פאר די ס. ל. פ., אבער אזא ארגאניזאציע וואלט געהאט א ווייט ברייטערען און שטארקערען איינפלוס איידער א קליינע פארטיי קען האבען, וואדים זי וואלט געקענט האלטען א בייטש איבער אלע פארטייען און צווינגען זיי נאכצוגעבען אזעלכע פאדערונגען, ווי, למשל, דאס

---

*) ביי דעם קאנגרעס אין גאטא אין 1874, וואו די „אייזענאכער" און די „לאסאליאנער" האבען זיך פאראייניקט און געגרינדעט די דייטשע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, זיינען די „לאסאליאנער" באשטאנען אף דעם פונקט פון זייער פראגראם וועגען קאאפעראטיווע פאבריקען מיט דער אונטערשטיצונג פון דעם שטאט, אלס מיטעל איינצופירען דעם סאציאליזם. די "אייזענאכער" (די מארקסיסטען) האבען אין דעם ניט געגלויבט, זיי האבען אבער דעם פונקט אריינגענומען אין דעם נייעם פראגראם צוליב אייניקייט, און ער איז געבליבען אין דעם פארטיי־פראגראם זיבעצען יאר, ביז דעם ערפורטער פארטיי־טאג פון 1891, ווען עס איז אנגענומען געווארען דער איצטיקער פראגראם. די מארקסיסטען זיינען געווען זיכער, אז דער לעבען וועט איבערציינען דעם אנדערען צד אין דער אונפראקטישקייט פון דעם פונקט.

רעכט צו סטרייקען, צו שטעלען פיקעטס און צו באיקאטירען, די אפשאפונג פון אינדזשאנקשאנס א. אז. וו., איבערהויפט אזעלכע פארערונגען, וועלכע א קאפיטאליסטישע רעגירונג קען נאכגעבען. ווען זי איז געצוואונגען. אבער די ס. ל. פ. לייט, וואס זיינען אריין אין די ס. ד. א. האט אזא זאך גאר ניט געקענט איינפאלען. האט מען געבראכט פאר די קאנווענשאן צוויי פארשידענע פלאטפאר־מעס. אין דער קאנווענשאן האט זיך איבערגעדרעהט די רעדעל: די מינאריטעטס־פלאטפארמע האט געהאט א קליינע מאיאריטעט אי־בער בערגער׳ס פלאטפארמע. די קאנווענשאן האט זיך אויסגעלא־זען מיט א שפאלטונג. פון די באלטערס זיינען די מאיאריטעט גע־ווען פריהערע מיטגלידער פון דער ס. ל. פ.

נאטירליך, מ׳קען זאגען, אז די ס. ד. א. איז געווען א מישמאש פון מענטשען, וואס האבען ניט געקענט לאנג הויזען צוזאמען. עס איז אבער ניט אין גאנצען אזוי. צווישען די דעלעגאטען, וועלכע זיינען געווען אונדזערע געגנער, האט זיך געפונען „מוטער־דזשאנס“, צום ביישפיל, און נאך אנדערע, וועלכע זיינען אין קורצען צוגע־שטאנען צו דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. ווען עס וואלט זיך דא געהאנדעלט נאר אום מיינונגס־פארשידענהייטען, וואלט מען מיט א ביסעל טאלעראנץ געקענט אויסמיידען די שפאלטונג. עס זיינען אבער דא געווען אריינגעמישט גאנץ פשוט׳ע אינטערע־סען פון דער קעשענע.

ווי איר געדענקט, איז די סאשאל דעמאקראסי געגרינדעט געווארען אף א קאנווענשאן פון דער אמעריקאן רעילוועי יוניאן. פון דער יוניאן איז שוין אין יענער צייט געבליבען נאר דער נא־מען, די בארד אוו דירעקטארס און דער ארגאן פון דער יוניאן די „רעילוועי טיימז“. די ארגאניזאציע האט איבערגעביטען איר נא־מען אף „סאשאל דעמאקראסי“, די צייטונג האט איבערגעביטען די קעפעל אף „סאשאל דעמאקראט“, און די דירעקטארען האט די נייע ארגאניזאציע געקראגען בירושה פון דער אלטער. אין דער אייזענבאן יוניאן האבען זיי אלע געקראגען אנשטענדיקע געהאלט. אין דער נייער ארגאניזאציע האבען זיי אויך געהאפט צו קריגען געצאלט, אלס ארגאנייזער און אגיטאטארס. אבער עס איז ניט גע־ווען פון וואס צו צאלען. דעבס האט קיין געלט ניט גענומען, פון די אנדערע האט דער סעקרעטער באקומען א קליינעם געהאלט,

ווייל ער האָט אָפּגעגעבען זיין גאַנצע צייט פאַר די ארבייט אין אָפּיס. פאַר די איבעריקע אָבער האָט ניט געסטאַיעט. זיי האָבען זיך נאַאיוו באַקלאָגט פאַר דער קאָנוועגשאָן, אַז דער סעקרעטער האָט זיי „אויסגעהונגערט" און האָבען עם באשולדיקט, אַז ער האָט ניט געפירט ראַיעל די קאַסע. די קאָמיטע פון דער קאָנוועגשאָן, וואָס האָט אונטערזוכט די ביכער, האָט זיי געפונען אין גוטער אָרדנונג, אָבער איר קענט פאָרשטעהן, אַז מ'איז געקומען אין די קאָנוועגשאָן מיט אַ פּאַרטיקען שטרייט.

פון די אַלע אינטריגען האָבען גאָר געוואוסט די מיטגלידער פון די „לאָקאַלס" אין שיקאַגאָ און אין מילוואָקי;ביידע פּאַרטייען זיינען געקומען אָרגאַניזירט. די דעלעגאַטען פון אַנדערע שטעט האָבען פון דעם גאָר ניט געוואוסט. זיי זיינען געקומען ריידען וועגען פּרינציפּען און האָבען געפונען אַ פּערזענליכע מחלוקה פאַר די פאַר דאָלאַר. וועגען פּרינציפּען וואָלט מען שוין אפשר געקענט אייניק ווערען, אָבער דער פּערזענליכער האַס צווישען די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל עקזעקוטיווע איז געווען אַזוי ביטער, אַז עס איז אונמעגלאַך געווען צווישען זיי צו מאַכען אַ טאָלק.

עס איז געווען דריי אור פאַרטאָג שבת, ווען מ'האָט אין דער קאָנוועגשאַן אָפּגעשטימט איבער די פּלאַטפאָרמע. די מינאָריטעט איז אַרויס פון דער קאָנוועגשאָן און האָט זיך באַלד ווידער פאַרזאַמעלט און גענומען פאַרהאַנדלען וואָס צו טאָן. מען האָט זיך אָפּ'ן שטעל אָרגאַניזירט אַלס „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע". עס איז נויטיק געווען באַלד אויסצוקלייבען אַ נייע עקזעקוטיווע, וועלכע זאָל זיך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט אַלע ברענטשעס און שאַפען אַ נייעם פּאַרטיי־אָרגאַן.

די עקזעקוטיווע האָט גאָר געזאָלט זיין אַ פּראָוויזאָרישע, ביסקל וואַנען מ'וועט האָבען צייט ווידער צונויפבריינגען די געוועזענע מיטגלידערשאַפט פון דער ס. ד. א. א חוץ דעם, האָט מען פאַר יעדען סטעיט ערוועהלט איין מיטגליד, וועלכער האָט געזאָלט שטעהן אין פאַרבינדונג מיט דער עקזעקוטיווע. די עקזעקוטיווע האָט געזאָלט אויסאַרבייטען אַ קאָנסטיטוציע פאַר די פּאַרטיי און זי פאָרלעגען אויף אַ רעפערענדום, און נאָכדעם האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטען ווערען אַ וואַל פון נייע בעאַמטע אויף דעם גרונד פון דער קאָנסטיטוציע.

6

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

עס האָט גענומען א צייט ביז דער פּראיעקט פון דער קאָנסטיטוציע פון דער נייער פּאַרטיי איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין דעם פּאַרטיי־אָרגאַן. ווען ער איז פאָרגעלעגט געוואָרען פאר א רעפערענדום, האָבען איבער עם געשטימט אזוי ווייניק מיטגלי־דער, אַז די עקזעקוטיווע האָט ערקלערט, דאָס דער וואוט רעפרע־זענטירט ניט די פּאַרטיי, און מ'האָט אָפּגעלעגט די גאַנצע זאך ביז דער נעקסטער קאָנווענשאַן.

שטעלט זיך פאר, אז אין דעם סטעיט ניו־יאָרק ווערט אָפּגע־שטימט איבער א נייע קאָנסטיטוציע און דער גאָווערנאָר ער־קלערט, אז דער פּראַצענט וואוטערס, וואָס האָבען געשטימט איבער דער קאָנסטיטוציע, איז נאָך זיין מיינונג, קליין, און הגם קיינער האָט ניט געשטימט דאַגעגען, ערקלערט ער, אז ד'ער וואוט איז קיין וואוט ניט און די קאָנסטיטוציע איז ניט אָנגענומען געוואָרען.

ווי וואָלט אַזאַ זאך געהייסען? מ'וואָלט דאָס גערופען אוזוראַפּציע, טיראַניי. אבער אין דעם ס. ד. פּ. האָט קיין איינציקער ברענטש געגען אַזאַ פאַרלעצונג פון דעם פּרינציפּ פון פאָלקס־פאַר־וואַלטונג ניט פּראָטעסטירט. איר ווערט זאָגען ווער דאַרף'ט איבער א געשריבענע קאָנסטיטוציע? די מעשה איז אָבער, אז אַן א קאָנס־טיטוציע איז ניטאָ קיין בעאַמטען־וואַל. אזוי, פאַרשטעהט איר, איז די עקזעקוטיווע געבליבען אין אַמט ביז דער נעקסטער קאָנ־ווענשאַן.

די סטעיט רעפּרעזענטאַנטען, וואָס זיינען אָנגעשטעלט גע־וואָרען בשעת די ס. ד. פּ. איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין שיקאַגאָ, וואָלטען יעדענפאַלס געהאַט ווייניק וואָס צו זאָגען אין דער גע־שעפטס־פירונג. אבער די עקזעקוטיווע האָט אַן זיי באַלד פון אָנהויב אין גאַנצען פאַרגעסען. אזוי האָט זי זיך גענומען א דיק־טאַטאָרישע מאַכט, וועלכע קיינער האָט איר קיינמאָל ניט געגעבען. אָבער קיינעם האָט דאָס ניט געהאַרט, און די דיקטאַטור פון דער עקזעקוטיווע האָט געדויערט צוויי יאָר.

ווען איך רעד דאָ פון אַ דיקטאַטור, איז עס ניט פּראָסט פּרינ־ציפּען־רייטעריי, ווי דער טייטש רופט עס. דאָס האָט זיך אַרויס־געוויזען אַף אַ גאַנץ פּראַקטישען אופן מיט אַ יאָר שפּעטער, אין דעם ניו־יאָרקער שטאַטישען וואַל־קאַמפּעין פון 1899, ווען די ברענטשעס פון דער ס. ד. פּ. האָבען זיך געהאַט פאַראייניקט מיט דער אינדעפּענדענט לעיבאָר פּאַרטיי. די דאָזיקע אַרבייטער פּאַר־טיי איז אָרגאַניזירט געוואָרען ביי אַ קאָנפערענץ פון דעלעגאַטען פון די ניו־יאָרקער טרעיד־יוניאָנס. זי האָט איינגעלאַדען די ס. ד. פּ. צו פאַראייניקען זיך מיט איר פאַר דעם קאַמפּעין און צו שיקען אירע דעלעגאַטען אין די צענטראַל אָרגאַניזאַציע. די ס. ד. פּ. האָט מיט אַ מאַיאָריטעט די איינלאַדונג אָנגענומען. עס איז אָבער גע־ווען אַ שטאַרקע מינאָריטעט פון געווענע מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ., וואָס האָט עס באַטראַכט פאַר שטנ. צולעצט איז אָפּגע־האַלטען געוואָרען אַ שטורמישער מיטינג פון אַלע ברענטשעס פון דער ס. ד. פּ., די „אונקאָמפּראָמיסליכע" האָבען פאַרלאַנגט, מ'זאָל צוריקציהען די דעלעגאַטען פון דער אינדעפּענדענט לעיבאָר פּאַר־טי, אָבער דער פאָרשלאַג איז פאַרוואָרפען געוואָרען מיט אַ קליי־נער מאַיאָריטעט.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער קומט אָן אוקאַז פון דער נאַ־ציאָנאַל עקזעקוטיווע פון שיקאַגאָ: באַלד אַרויס פון דער אינדע־פּענדענט לעיבאָר פּאַרטי, אַ ניט, טו ווערט איר סוספּענדירט!

אַף אַזאַ'ן אָרט האָט מען אַפילו אין דער דעליאָניסטישער פּאַרטיי אויך קיינמאָל ניט געהאַנדעלט. ערסטענס, שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי האָט זיך די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע דערוואוסט, אַז דאָס פּאַטערלאַנד איז אין געפאַר? ניט פון די אָפיציעלע באַ־ריכטען פון די ניו־יאָרקער ברענטשעס, וואָרים אין יענע באַריכטען איז אַלץ געווען בלאַגאָפּאָלוטשנאַ, אַלזאָ האָט זי זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע פון פּריוואַט־בריוולאַך. אַף פּראָסט אידיש רופט מען דאָס מסירה, אַף רוסיש הייסט דאָס אַ דאָנאָס צו דער נאַטשאַלסטווע. ווען אימיצער פון דער מאַיאָריטעט האָט געזינדיגט זאָלט עפענטליך פּראָטעסטירען, כדי די פאַרברעכער זאָלען קענען געגען די פּאַרטיי, טו האָבען די רעטער פון דער געזעלשאַפט גע־ענטפערען.

ווייטער האָט די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע אָנגענומען דעם דאַ־

נאָס און האָט די אָנגעקלאָגטע אפילע ניט געפרעגט וואָס זיי האָבען צו זאָגען. זי האָט זיי אָפּגע'משפּט אָן זיי אויסצוהערען, גאָר אזוי ווי עס פּירט זיך ביי די רוסישע זשאַנדאַרען.

א חוץ דעם אָבער, ווער זיינען עפּעס געווען די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע־לייט, וואָס זיי האָבען זיך גענומען דאָס רעכט צו משפּט'ן די ניו־יאָרקער ברענטשעס? ווי מיר האָבען געזעהען, איז די עקזעקוטיווע קיינמאָל ניט ערוועהלט געוואָרען פון דער פּאַרטיי. זי איז נאָר אָנגעשטעלט געוואָרען אף א קורצע צייט נאָך דער שפּאַלטונג אין שיקאַגאָ מיט דעם איינציקען צוועק צונויפצוברייננגען די ברענטשעס פון דעם ס. ד. א. אין דער נייער אָרגאַניזאַציע און זיי פּאַרצולייגען א קאָנסטיטוציע. די קאָנסטיטוציע, וואָס זיי האָבען פּאָרגעלייגט, איז אָנגענומען געוואָרען דורך א רעפערענדום, אָבער זיי האָבען ערקלערט דעם רעפערענדום פאר אונגילטיק און זיינען זיך ווייטער געבליבען אין אמט. אלזאָ האָט די פּאַרטיי ניט געהאַט ניט קיין קאָנסטיטוציע, ניט קיין געזעצליכע בעאַמטע. ווערזשע, אף דעם גרונד פון וועלכען געזעץ, האָט געהאַט דאָס רעכט צו סוספּענדירען די ניו־יאָרקער ברענטשעס? לויט דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרען פון דער פּאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט די אָרגאַניזאַציע פון יעדען סטעיט פאָלשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין אירע אינערליכע אָנגעלעגענהייטען. כל זמן עס איז קיין קאָנסטיטוציע גאָר ניט געווען, האָט אוודאי יעדער סטעיט געמעגט טאָן, ווי ער האָט געפונען פאר פּאַסיק, און די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע האָט אין דעם קיין דעה ניט געהאַט. ווייטער, כל זמן עס איז ניט געווען קיין קאָנסטיטוציע, איז דאָך ניט געווען קיין פאַרבאָט צו פאַראייניקען זיך מיט אָן ארבייטער־פּאַרטיי פאַר לאָקאַלע וואַלען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז כלמרשט געווען דעמאָקראַטיש אין אירע פּרינציפּען. אין א פאָלקספאַרוואַלטונג איז די קוועלע פון יעדען געזעץ דאָס פאָלק אַליין. ווען עס איז ניט געווען קיין קאָנסטיטוציע, האָט די עקזעקוטיווע העכסטענס געמעגט פאָרלייגען אף א רעפערענדום, מ'זאָל די ניו־יאָרקער ברענטשעס משפּט'ן פאַר זייערע עבירות. דעם ביישפּיל האָט זי געקענט געפינען אין דער אונטאָלעראַנטער ס. ל. פּ., נאַטירליך, „אדמיניסטראַטיוונים פּאַריאַדקאָם" איז גיכער. די „אונקאָמפּראָמיסליכקייט" פון דער ס. ד. פּ. איז אָבער באַשטאַנען סך הכל אין דעם.

וואס עס איז פערעבענט געווען פאר אן עבירה זיך משדך זיין מיט פאליטישע „גוים“. אבער ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום סאציאליסטישע פרינציפען, איז די ס. ד. פ. אפילע אין יענע צייטען גאר ניט געווען אזוי „אונקאמפראמיסטליך“, קורץ נאך דער קאנווענשאן פון 1898 איז פארגעקומען אן אינצידענט, וואס היינט צו טאג איז ער ווערט ספעציעל דערמאנט צו ווערען.

אין יענער צייט האט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי גע־האט ערוועהלט איין איינציקען שטאטס־בעאמטען, דעם קאנסילמאן דזשעימס קערי, אין דער שטאט פערוואלטונג פון העיווערהיל, קורץ נאך דער קאנווענשאן האט ער אין העיווערילער סיטי קאונסעל געשטימט פאר דעם פארשלאג אויסצוגעבען 15,000 דאלאר פאר א נייע קאזארמע פאר די מילישא. ווען די ס. ל. פ. האט עס דאס אויפגעווארפען, האט ער זיך פארענטפערט דערמיט, אז די מילישא זיינען „פראלעטאריער“ און עס איז די פפליכט פון דער שטאט יענע „פראלעטאריער“ אויפצוהאלטען אין א געזונטער הויז. אן אנדער תירוץ איז געווען, אז דער געזעץ צווינגט די שטאט צו בויען קאזארמעס פאר די מילישא.

לאמיר אקארסט באטראכטען די זאך גענויער: די ס. ד. פ. האט זיך רק בארימט מיט איר „שוועסטער־פארטיי“ אין דייטש־לאנד. אין דייטשלאנד זיינען די יונגע געווים פראלעטאריער, און זיי געהען ניט פרייוויליק שיסען זייערע ברידער, ווי די אמערי־קאנער „פראלעטאריער“ פון דער מילישא, נאר ווייל מ׳ צווינגט זיי. און ווייטער צי די סאציאל־דעמאקראטישע דעפוטאטען וועלען יע שטימען, צי ניט שטימען פאר קאזארמעס, וועט די רע־גירונג דארטען סיי ווי סיי בויען קאזארמעס, וויפיל זי דארף, די סאציאל־דעמאקראטען אבער האבען ביז 1913 געשטימט געגען דעם ביודזשעט. (עס זיינען געווען א פאר אויסנאמען, אבער די מאיארי־טעט פון דער פארטיי איז געשטאנען פעסט געגען יעדע אויסנאמע), דערמיט האט די סאציאל־דעמאקראטיע פראטעסטירט געגען מיליטאריזם און איבערהויפט געגען די איצטיקע רעגירונג.

אפילו ווען דער געזעץ האט געצוואונגען די שטאט העיווערהיל צו בויען א נייע קאזארמע, איז דאס אן אויסרייד פאר א „רעוואַ־לוציאנערע“ פארטיי? דער געזעץ הייסט, מוז מען פאלגען!

נאַטירליך, קערי איז געווען נאָר איין פּערזאָן, ער איז אָבער
ניט געווען אבי־ווער, ער איז געווען דער אנערקענטער פירער פון די
סאָציאַליסטען פון מאַסאַטשוסעטס, וואָס איז דעמאָלט געווען די
הייליגע לאַנד פון דעם אמעריקאַנער סאָציאַליזם. און די ס. ד. פּ.,
וועלכע איז געווען אזוי „אונקאָמפּראָמיסליך“ און רעוואָלוציאָנער“,
האָט קיינמאָל געגען די האַלטונג פון קערי אין דער אַנגעלעגנהייט
ניט פּראָטעסטירט.

דער פּאַרטיי־חסידיזם האָט געהערשט אין דער ס. ד. פּ.
פּונקט אזוי שטאַרק, ווי אין דער ס. ל. פּ. דער אָפּיציעלער
אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, דער „סאָשאַל־דעמאָקראַטיק העראַלד“,
האָט זיך געהאַלטען אקוראַט אזוי אינטאָלעראַנט, ווי דער „פּיפּל“
פון דער ס. ל. פּ. סך הכל מיט א פּאָר יאָר פריהער זיינען אי דער
רעדאַקטאָר עדוואַרדס, אי בערגער, אי דעבס נאָך געווען פּאָפּוליס־
טען. דעמאָלט זיינען הפנים די פּאָפּוליסטען געווען פרום און גוט,
אָקאָרסט אָבער איז עדוואַרדס געוואָרען א סאָציאַל־דעמאָקראַט, זיי־
נען שוין די פּאָפּוליסטען געוואָרען זשוליקעס, אין דער צייטונג
איז געשטאַנען, אז דהי „מידל אָוו דהי ראָוד“ פּאָפּוליסטען (די
אונקאָמפּראָמיסלאַכע) האָבען באַשלאָסען ניט צו פאַרבינדען זיך
מיט די דעמאָקראַטען, — דאַכט זיך, שוין גוט - ניין. מסתמא
וואַרטען זיי ביסקל וואַנען זיי וועלען עפּעס קריגען, האָט פון זיך
באַמערקט דער רעדאַקטאָר.

אין זומער 1899 האָט זיך צונויפגעקליבען אין באַפאַלאָ א קאָנ־
פערענץ פון פאַרשידענע „רעפאָרמערס“ צו באַשפּרעכען די טאָ־
געס־פראַגען. וואָס קען מען האָבען געגען אזא קאָנפערענץ ?
אַלע מאָנטאַג און דאָנערסטאַג פלעגען די סאָציאַליסטען אימיצען
ארויסרופען אף א דעבאַטע. דאָ איז געווען א געלעגנהייט צו דע־
באַטירען וועגען סאָציאַליזם מיט אזעלכע מענטשען, וואָס קענען
האָבען א ווירקונג אף גרויסע מאַסען. אין יענער קאָנפערענץ זיי־
נען אנוועזענד דרייצען מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־

---

*) צווישען זיי זיינען געווען פרעדריק מאַקאַרטני, וועלכער
איז מיט א האַלב יאָר שפּעטער ערוועהלט געוואָרען פאַר די לעדזשיס־
ליישור אין מאַסעטשוסעטס; סטראָבעל פון נואַרק; מיסיס קאָ־
רין בראַון און סטריקלאַנד פון שיקאַגאָ, און נאָך אַנדערע.

שער פּאַרטיי*) די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַן אופרוף צום
פּאָלק, אין וועלכען עס איז באַהאַנדעלט געוואָרען די פראגע פון
טראַסטס, און האָט ערקלערט, אַז זיי קענען ניט אויסגעראָטעט ווע־
רען דורך אַזעלכע רפואות, ווי די דעמאָקראַטען שלאָגען פּאָר, נאָר
„אַלע נאַטירליכע און עקאָנאָמישע מאָנאָפּאָליעס" מוזען באַלאַנגען
באַלאַנגען צום פּאָלק, — אלזאָ, דאָס, וואָס אַלע סאָציאַליסטען
פאַרלאַנגען. עס איז ווירקלאַך געווען באַמערקענסווערט, אַז עס
האָבען זיך צונויפגעקליבען אַ פּאָר הונדערט מענטשען פון אַלערליי
פּאַרטייען און געזינונגען, און זיי האָבען איינגעשטימט אַף אַזאַ
סאָציאַליסטישע פאָדערונג. ווייטער איז דאָרטען געווען אַ פּראָטעסט
געגען די פאַרגוואַלטיקונג פון די סטרייקערס אין איידאהאָ, געגען
דעם קריג אַף די פיליפּינעס א. אַז. וו., — אַלץ אַזוינע זאַכען, וואָס
קיין סאָציאַליסט האָט גאָרנישט געקענט זאָגען דאַגעגען. דער רע־
דאַקטאָר אָבער פון דעם „סאָשאַל־דעמאָקראַטיק העראַלד" האָט,
ווי געוואוינטלאַך, געמאַכט חוזק פון דער קאָנפערענץ, קיין אַרגו־
מענטען, נאָר גלאַט אַזוי אָפּגעלאַכט, ווייל די אַנטיילנעמער אין
דער קאָנפערענץ האָבען ניט באַלאַנגט צו דעם פּאַרטיי־קלייזעל.

די געוועזענע מיטגליעדער פון דער ס. ל. פּ. פון זייער זייט האָ־
בען אַריינגעבראַכט זייערע מנהגים און זייער גייסט אין די סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, איך וועל דאָ געבען נאָר איין ביי־
שפּיל, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַ צייט לאַנג שטאָלצירט
דערמיט, וואָס זי פלעגט נעמען פון יעדען קאַנדידאַט אין פאָראויס
אַן אונטערשריבענע רעזיגנעישאָן אָן אַ דאַטע: ווען ער זאָל
ווערען ערוועהלט און וועט ניט זיין פרום און גוט, טו פילט די פּאַר־
טיי אויס די דאַטע און גיט אָן די רעזיגנעישאָן. אלזאָ האָט מען
געהאַט אַ באַוואָרענעס, אַז אַ סאָציאַליסטישער פאַרטרעטער פון
פּאָלק קען ניט אַוועקגעהן אַף אַ קרומען וועג.

די חכמה האָט געשטאַמט פון דער ס. ל. פּ., לאָמיר־זשע ערסט
באַטראַכטען, וואָס דאָס באַדייט, ערסטענס, וואָס איז שייך באַ־
וואָרענעס, איז עס פּשוט געווען אַן אונזין, אַ רעזיגנעישאָן קען דער
באַטרעפענדער אימער צוריקציהען, איידער עס קומט ווענען איר
צו אַ פאַרהאַנדלונג, צווייטענס, מוז אַ רעזיגנעישאָן צוערסט אָנ־
גענומען ווערען פון דער קערפּערשאַפט, אין וועלכע זי ווערט אָנ־
פּלאַן, — זיי וועלען מוזען אַוועקנעהמען די לאַנד פון פּאָלק און

געגעבען, און אזא רעזיגנעישאַן קען מען זיין זיכער, וואָלט קיינמאָל ניט אָנגענומען געוואָרען.

אַ באַוויז האָט איר, אַז אי די ס. ל. פּ., אי די ס. ד. פּ. האָבען עס פּרובירט, און מען האָט זיי אויסגעלאַכט. קערי איז צום ערסטען מאָל ערוועהלט געוואָרען אלס קאַנדידאַט פון דער ס. ל. פּ. ווען ער איז איבערגעגאַנגען אין די ס. ד. אַ., האָט די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע פאַרלאַנגט זיין רעזיגנעישאַן. קערי האָט דאַמאָלס געפונען אַ תירוץ, אַז די סעקציאָן הייווערהיל איז מיט אַ מאַיאָריטעט פון די שטימען איבערגעגאַנגען אין די ס. ד. אַ., אלזאָ, האָט ער גע'טענה'ט, איז ער געבליבען מיט זיין סעקציאָן. דאָס איז אָבער אַ לאָיער'שער דריידעל; די אונטערשריפט האָט ער געגעבען דער סעקציאָן אלס טייל פון דער פּאַרטיי, ווי באַלד די סעקציאָן האָט אופגעהערט צו באַלאַנגען צו דער פּאַרטיי, איז זי מחויב געווען איבערצוגעבען אַלע פּאַרטיי־דאָקומענטען אין די הענט פון דער פּאַרטיי.

דער נעקסטער פאַל האָט זיך אויך געטראָפען אין הייווערהיל, שוין ביי דער ס. ד. פּ. אַ סאָציאַליסטישער אַלדערמאַן האָט געשטימט געגען די פּרינציפּען פון דער פּאַרטיי. זיין רעזיגנעישאַן איז אָנגעגעבען געוואָרען פון דער ברענטש, אָבער דער קאָמאָן־קאָונסיל האָט זי ניט אָנגענומען מיט עטלאַכע יאָר שפּעטער האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָפּגעשאַפט דעם דאָזיגען פּאַרטיי־געזעץ. איך האָב אָבער געבראַכט דעם ביישפּיל צוליב זיין פּרינציפּיעלער זייט, אַז די פּאַרטיי ערוועהלט אירען אַ מיטגליד אלס דעלעגאַט צו דער צענטראַל־קאָמיטע פון דער פּאַרטיי, מעג זי נאַטירליך עם אָפּרופען ווען ער פירט זיך ניט, ווי זי פאַרלאַנגט. אָבער מיט אַן אַלדערמאַן איז גאָר אַן אַנדער זאַך. אַ קאַנדידאַט ווערט ערוועהלט דורך די פאָלקסשטימען, ניט נאָר דורך פּאַרטיי־שטימען; כדי ער זאָל ערוועהלט ווערען מוז ער קריגען עטלאַכע זייטיקע וואוטס צו יעדען וואוטער, וואָס באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי. ווי־זשע קען אַ קליינע מינאָריטעט נעמען אַף זיך צו באַזייטיקען אַ פאַרטרעטער פון די מאַיאָריטעט פון די איינוואוינער פון זיין דיסטריקט? שטעלט זיך פאַר, ווען טאַמאַני זאָל זיין אונצופרידען מיט דעם מעיאָר און זאָל אָנגעבען דעם מעיאָרס רעזיגנעישאַן, — וואָלט עס ניט ארויסרופען אַ שטורם פון ענטריסטונג

ביי די בירגער פון ניו־יארק? די ס. ל. פּ. אבער און מיט איר די ס. ד. פּ. האבען אף דעם אופן געשטעלט די פּארטיי־הערשאפט העכער פאר דעם ווילען פון פאלק.

ווען די סאציאליסטישע פּארטיי וואלט געווען אזוי ארגאני־זירט ווי אלע אנדערע, וואו יעדער איינער קען ווערען א מיטגליד, ווען ער וויל נאר, וואלט מען געקענט טענה'ן, אז עס איז אזוי ווי אין יעדער פארזאמלונג; יענער, וואס זיצט אין דער היים, פארלאזט זיך אף יענע וואס קומען. דאס גילט אבער ניט אף די סאציא־ליסטישע פּארטיי, ווארים דארטען ווערט ניט יעדער אנגענומען ווען אפילע ער וויל. די פּארטיי־הערשאפט באדייט אלזא די הערשאפט פון א פּריוואט־געזעלשאפט אין עפענטליכע אנגעלע־גענהייטען. דאס איז די צרה אף וועלכע מ'באקלאגט זיך זעהר ביטער היינט צו טאג אין אמעריקע. די רעפּארמירטע, ווי די ארטאדאקסישע סאציאליסטישע פּארטיי האט אלזא געזוכט אופ־צוהאלטען די פירונג, וועלכע האט געמאכט די אמעריקאנער רע־פּובליק פאר אן אליגארכיע.

ביסלאכוויים איז פון דער דעבסיסטישער פּארטיי אויסגע־וואקסען א צווייטע ס. ל. פּ. ווען עס איז געקומען צו אזא פּונקט האבען די צוויי פּארטייען זיך געמוזט צום סוף פאראייניקען. די שפּאלטונג אין דער דעליאניסטישער פּארטיי אין 1899 האט דער־צו געגעבען די געלעגענהייט.

7.

„האכפערראט אונד רעוואלוציאן"
אין דער ס. ל. פּ.

מיר זיינען נאך זעהר ווייט פון יענער צייט ווען שעפּסען וועלען ליגען צוזאמען מיט לייבען און די וועלט וועט לעבען אין אייביקען שלום. דערווייליע געהט אן אין דער וועלט א שטענדיקער קריג פון פעלקער, ראסען, קלאסען און פּארטייען. דער גאנצער אונטערשייד צווישען ציוויליזירטע מענטשען און ווילדע ליגט אין דעם ווי זיי האלטען זיך ווען עס קומט צו א קריג. פאר־

צייטען פלעגט א שטרייט צווישען צוויי פריצים פירען צו א מלחמה, און זייערע פויערים פלעגען איינע די אנדערע שטעכען מיט מעסערס און ברעכען די קעפּ. היינט צו־טאָג ווען ראָזעוועלט קריגט זיך מיט טאפט׳ן, טו געהען זייערע אונטערטאַנען צו א קאָנווענשאָן און שטימען פאר זייערע פּריצים.

ווען מיר ווילען וויסען אף וואָס מיר האָבען זיך צו ריכטען פון די סאָציאַליסטישע פּארטייען, טו איז די בעסטע פּראָבע: אף וואָס׳ערען אופן קריגען זיי זיך צווישען אנאנדער? פּראקציאָנען וועלען נאָך א צייט־לאַנג זיין אפילע אין דעם סאָציאַליסטישען גן עדן. ווי־זשע וועט מען אונדז באהאנדלען, ווען א סאָציאַליסטישע פּארטיי וועט זיין אפּ׳ן פערד? אָט צוליב דעם איז די „יולי־רעוואָ־לוציאָן" פון 1899 אין דער ס. ל. פּ. א העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע.

ווען וואָלט דאָס געקענט איינפאַלען מיט א יאָר פאר דעם, אז די „ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג" וועט זיין די פירערקע פון אן אָפּאָזיציע געגען די ס. ל. פּ. די „פּאָלקס־צייטונג" איז שטענדיק געווען לאָיאַל. ווערענד די לאַנג־יעריגע הערשאפט פון דעליאָנען זיינען געגנוג עולות באגאנגען געוואָרען פון דער פּארטיי, די פאָלקס צייטונג אָבער האָט קיינמאָל מיט קיין איינציקען וואָרט ניט פּראָ־טעסטירט דאגעגען. נאָך מער, יעדער אקט געגען די פּרינציפּען פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, ווען ער איז נאָר באשלאָסען גע־וואָרען מיט א מאַיאָריטעט, האָט שטענדיק געפונען אונטערשטי־צונג אין די שפּאַלטען פון דער „פאָלקס־צייטונג". זי האָט געזי־דעלט אלע יוניאָנס וואָס האָבען ניט געקושט דעם רבי׳ס רוט, זי האָט זיך געטשעפּעט צו יעדען סאָציאַליסט, וועלכער האָט געהאָט א שטיקעל איינפלוס אין דער טרעיד־יוניאָניסטישער באוועגונג און האָט ניט באַלאַנגט צו דער ס. ל. פּ.

א יאָר פאר דער „רעוואָלוציאָן" האָט די פּארטיי־נאַטשאַלסט־ווע ארויסגעגעבען א פּסק געגען א דייטשען רעדנער, איינעם א דאָלינסקי, ער זאָל א יאָר ניט ריידען אין קיין פאַרזאמלונגען. דאָס איז געווען די פּארטיי, וואָס האָט כלומרשט געקעמפפט פאר רעדע־פרייהייט! זיין פאַרברעכען איז באשטאַנען אין דעם, וואָס אף א מאסען־פאַרזאמלונג פון א דיסטריקט האָט ער זיך ערלויבט צו קריטיקירען די פּארטיי־נאַטשאַלסטווע. דער דיסטריקט האָט זיך

פאר עם אנגענומען. נאטירליך, האט מען אין קורצען דעם דיסט־ריקט סוספענדירט פון דער פארטיי. אין דעם דיסטריקט איז גע־וועז א מיטגליד, דער מענעדזשער פון דער „פאלקס־צייטונג“, מא־דעסט. פארשטעהט זיך, האט ער תיכף געקראגען דעם לויפפאס, ווי דער טייטש זאגט. די „פאלקס־צייטונג“ איז ניט געוועזן קיין פאר־טיי־אייגענטום, זי איז ארויסגעגעבען געווארען פון א פאבלישינג אסאסיאיישאן, נאר די מאיאריטעט זיינען געוועזן לאיאלע מיט־גלידער פון דער פארטיי; אלזא, ווייבאלד עס האט זיך ארויסגע־וויזען, אז דער מענעדזשער פון דער צייטונג איז א געגנער פון דער פארטיי־מאשין, האט ער אנגעווארען זיין שטעל; פונקט אזוי ווי טאמאני האלל וואלט געטאן אין אזא פאל.

און אט די „פאלקס־צייטונג“ איז דורך א צופאל געווארען די אורזאכע פון א שפאלטונג אין דער פארטיי. עס האט זיך געדארפט טרעפען, אז דער הויפט־רעדאקטאר פון דער ניו־יארקער „פאלקס־צייטונג“ שליטער זאל זיין קראנק. זיין אסיסטענט יוליוס גרונציג האט געהאט די העזה אנצושרייבען א לייטארטיקעל, וואו ער האט געזאגט, אז עס איז גאר ניט קיין נארישקייט, ווען סאציאליסטען אגיטירען פאר זייערע אידעען אין די יוניאנס. דאס איז געוועזן אין יענער צייט האכפעררעאט.

קורץ נאכדעם האט די „פאלקסצייטונג“ באגאנגען נאך אן עבירה: עס איז דארט ערשינען א לייטארטיקעל וועגען דעם שפא־ניש־אמעריקאנישען קריג, און דער רעדאקטאר האט געזאגט, אז דורך דעם קריג מוז דער ארבייטער צאלען העכערע טעקסעס. („שטייערן“ אף טייטש). אזא זאך דורכלאזען איז געוועזן אונמעג־לאך, סטייטש, ווי אזוי קען מען דאס זאגען אין א סאציאליסטישער צייטונג? נאך דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם נאך, פארדינט דער ארבייטער פונקט אזוי פיל ווי ער באדארף ניט צו קרעפירען פאר הונגער, ווען ער צאלט טעקסעס, טו הייסט דאס אז זיינע שכירות מוזען עס סטאיען אף טעקסעס אויך, אלזא מוזען די שכירות זיין הויך געגוג דערצו... ווען די טעקסעס וועלען אראפגענומען ווע־רען, טו מוזען די שכירות אויך פונקט אף אזוי פיל אראפזינקען. ווען מ'רעדט אנדערס העלפט מען דערמיט די רעפארמערס, אלזא האכפעררעאטה! די „פאלקס־צייטונג“ האט דענסטמאל איבערגע־דרוקט די סאציאליסטישע פלאטפארמעס פון כמעט אלע לענדער: זי האט דערמיט געזוכט צו באווייזען אז דאס איז גאר ניט געגען

דעם וויסענשאפטליכען סאָציאַליזם. אף דערוף האָט דעליאָן גע־ענטפערט, אז די „פאָלקס־צייטונג“ ווערט ארויסגעגעבען אין דעם סטעיט ניו־יאָרק, גיט אין אַנדערע לענדער, אלזאָ איז זי מחויב צו האלטען זיך אָן דער פּלאטפאָרמע פון דעם סטעיט ניו־יאָרק. ס'מאכט ניט אויס, וואָס עס שטעהט אנדערסוואו. אלזאָ, א פאר־וויקעלטע פראגע פון פינאַנץ־וויסענשאפט ווערט ענטשידען מיט א מאַיאָריטעט־וואוט: אין „טימבוקטו“ מעג זיך צוויי מאָל צוויי זיין פיר, אין ניו־יאָרק אָבער, ווען די מאַיאָריטעט זאָגט, אז צוויי מאָל צוויי איז פינפטהאלבען, מוז א טרייער גענאָסע נאָכזאָגען: פינפט־האלבען. ווען ניט, טו וואָס וועט ווערען פון דער פארטיי־דיסציפּ־לין?

א חוץ דער ריין טעאָרעטישער פראגע איז אבער געווען א גאַנץ פראַקטישע פראגע — די אונצופרידענקייט מיט דער האל־טונג פון דער פארטיי בנוגע צו די יוניאָנס. מען האָט זיך באקלאָגט אף דעליאָנען, וואָס ער וויל מיט גוואלד צווינגען די יוניאָנס, זיי זאָ־לען זיך נאָכשלעפּען נאָך דער סאָציאַליסטישער פארטיי. מ'האָט גע'טענה'ט גאַנץ ריכטיק, אז כל זמן עס זיינען נאָך פאראַן רע־פּובליקאנער און דעמאָקראטישע ארבייטער, טו איז אזא טאַקטיק שעדלאָך אי פאר די ארבייטער־באוועגונג אי פאר די סאָציאַליסטי־שע פארטיי. דער צוועק פון א יוניאָן איז צו פאראייניקען אלע אר־בייטער פון א פאך פאר זייער טעגלאכען קאמפף מיט די בעלי בתים וועגען העכערע שכירות, קירצערע ארבייטס־שטונדען, אנ־שטענדיקע באהאַנדלונג, א. אַז. וו. אויב מען וויל עפּעס אויס־פירען, מוזען אלע ארבייטער, אָדער ווייניקסטענס א מאַיאָריטעט, באלאַנגען צו דער יוניאָן. היינט וואָס איינער וויל העכערע שכירות, הייסט נאָך ניט, אז ער וויל וואוטען פאר א סאָציאַליסטישען קאנ־דידאַט. צי ער איז גערעכט, צי ניט, מאכט גאָר ניט אויס; כל־זמן ער אליין מיינט, אז ער איז גערעכט, וועט ער ניט צושטעהן צו אזאַ אָרגאניזאציע, וואָס פארלאַנגט פון אירע מיטגלידער, זיי זאָ־לען וואוטען פאר א געוויסען קאנדידאַט. נו, די מאַיאָריטעט פון די ארבייטער דאָ הי זיינען ענטוועדער רעפּובליקאנער אָדער דע־מאָקראטען; ווען זיי זאָלען בלייבען שטעהן פון ווייטען, טו וואו וועט די יוניאָן נעמען מיטגלידער? די סאָשאָליסט טרעיד ענד לעיבאר אלייענס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1896 צו פאראייניקען די סאָציאַליסטישע פארטיי מיט די יוניאָנס, האָט

געהאַט די ערפאַרונג: זי איז איינפאַך געווען ניט מער ווי אַ סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ קלוב, פאַר טרעיד־יוניאָניסטישע צוועקען האָט זי ניט געטויגט.

דאָס זיינען געווען די שטרייט־פראַגען, צוליב וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַ קאַמפף אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט אין קורצען געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג.

דער ענגלישער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ., „דהי פּיפּל", פלעגט צו יענער צייט ערשיינען אין דעם אָפּיס פון דער „פאָלקסצייטונג", וועלכע האָט אין פאַרלויף פון עטלאַכע יאָר צוגעלעגט צו עם היפּשע טויזענטער דאָלאַרס. ווען דעליאָן האָט גענומען סיסטעמאַטיש אַטאַקירען די „פאָלקסצייטונג", האָט דער פערוואַלטונגסראַטה פון דער „פאָלקס־צייטונג" פאַרפאַסט אַן ענטפער און האָט אופגעפאָדערט דעם „פּיפּל", ער זאָל עס דרוקען. אין אַמעריקאַנער צייטונגען פירט זיך, אַז ווען אימיצער איז אַנגעגריפען, גיט מען עם פּלאַץ פאַר אַן ענטפער. דעליאָן אָבער האָט ניט געהאַלטען פון „בורזשואַזנע" אַנשטענדיקייט. ווען ער האָט באַקומען דעם אַרטיקעל, האָט ער זיך ענטזאַגט עם צו דרוקען. די זאַך איז פאָרגעקומען פאַר דער נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע, האָט זי איינשטימיק גוט געהייסען די האַנדלונג פון דעליאָנען. אַלזאָ דעליאָן מעג אַנגרייפען אַ פּאַרטייצייטונג, ער מעג זיינע באַשולדיגונגען דרוקען אף יענער צייטונגס רעכענונג, די באַשולדיקטע צייטונג אָבער האָט ניט דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיקען. צווישען די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע זיינען געווען מאַטשעט און סעניאַל, איינער אַ געוועזענער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, דער אַנדערער אַן אַלטער אַנערקענטער סאָציאַליסטישער פירער, פאַרענטפערען זיי, אַז זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי טוען, קען מען ניט. עס איז גאָר ניט געווען די פראַגע, צי די „פאָלקסצייטונג" איז געווען גערעכט, נאָר צי האָט אַן אַנגעקלאָגטע פּערזאָן דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיגען. צוויי אַלטע סאָציאַליסטען האָבען אף די פראַגע געענטפערט פונקט ווי רוסישע זשאַנדאַרען. די מאַכט פון דעליאָנען און פאַכטען איז נאָך געווען אַזוי שטאַרק אין דער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן פון דער פאָלקס־צייטונג גופא, אַז עס איז זיי געלונגען דורכצופירען אין דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט אַ רעזאָלוציע

גענען דעם רעדאַקטאָר, מיט דער אויפפאָדערונג, ער זאָל אליין די רעזאָלוציע אפדרוקען אין דער צייטונג. עס איז אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז די מאַיאָריטעט איז באשטאַנען, אַ חוץ דעליאַנס חסידים, פון „גענאָסען" וואָס האָבען געהאט שטעלען אין דער „פאָלקסצייטונג": די לייט האָבען פשוט געציטערט פאר זייער שטיקעל ברויט. די געשיכטע מיט מאָדעסטען איז נאָך געווען פריש. די רעדאַקציע האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבען און האָט אַפּע־לירט צו דער גאַנצער פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אין דער פּאַרטיי געגען דעליאַ־נען און פאַכטען און עס האָט אויסגעזעהען, אַז די פּאָלקסצייטונגס־פּאַרטיי וועט געווינען אין ניו־יאָרק. די דעליאָניסטען זיינען געווען פעסט ענטשלאָסען, אַז אויב זיי קענען ניט אויספירען אַף אַ גלייכען וועג, איז יעדער מיטעל גוט צו באַשיצען די אינטערעסען פון פּראָ־לעטאַריאַט געגען די „קרעמערלאַך, די מלוה'ס און די טעקס־פּיי־ערס", וואָס טראַכטען נאָר, ווי צו פאַרראַטען דעם רעוואָלוציאָנע־רען סאָציאַליזם.

דיזער יעזואיטישער גייסט איז געווען דער פּאָלקסצייטונגס אייגענע האַדראָוואַניע. אָט וואָס זי האָט געשריבען צום ערסטען מאַי 1893 אונטער דער קעפּעל — „די ערבזינדע דעם פּראָלעטאַ־ריאַטס":

„אים נאמען דער גערעכטיגקייט פאָדערען וויר דאס אונד יענעס. זאָ שפּריכט לײדער, אונד, וואָס נאָך שלימער איסט, זאָ דענקט אימער נאָך איינע גראָסע מעהרהייט דער אָרגאַניזירטען אַר־בייטער, אינסבעזאָנדער הירצולאַנדע. דארונטער אויך מאַנכע די זיך סאָציאַליסטען נענען. אונד וואָס פאָדערן זי ניכט אלעס פאָן דען הערשענדען קלאַסען, וועלכע פּרעכטיגע דינגע פערלאַנגען דיזע גוטע מענשען אונד שלעכ־טע מוזיקאַנטען אים נאַמען דיזער שעהנען אידעע: גערעכטיגקייט, גלייכעס רעכט פיר אלע, הומאַניטעט, אונד ווי אלע יענע דעקלאַמאַטאָרישע עפּעקטפּאַלען וואָרטע לויטען!... דער פּראָמע גלויבע אין די שטיכהאַלטיגקייט די־זער בעגרינדונג דער ארבייטער פאָדערונגען, אַנדערס אויסגע־דריקט די גענייגטהייט צור בערופונג אויף די בירגערליכע רעכטסאידעאַ־

ל אַ ג י ע — דאס איסט די ערבזינדע דעם פּראָלעטאריאטס. דאס איזט דאס פאוילע קוקוקסאיי וועלכעס דאס פּראָלעטאריאט אין זיין בעוואוסטזיין איבערגאָמען האט. איבערנאָמען אויס דעם ווערטערבוך עבען יענעס בירגערטומס, וועלכעם הייטצוטאָגע איין קרייץ שלאָגט (צלם׳ט זיך איבער) ביי דער ערוואַהנונג אַן זיינע אייגענען יוגענד־אידעאַלע.

„...קיינע ערלעזונג דעם פּראָלעטאריאטס אויס דעם באַנע (קללה) סאָציאַלער קנעכטשאַפט אָהנע ערלעזונג פאָן דיזער ערבזינדע. אונד זאָ וואר דיזע ערלעזונג איינע זעלבסטערלעזונג, זאָ וואר די בעפרייאונג דער ארבייטער דאס יוערק דער ארבייטער קלאסע זעלבסט זיין מוס, עבענזאָ געווים מוס דער ערסטע שריט צו דיזעם ציעלע איין אקט גייסטיגער זעלבסטערלעזונג, אינטעלעקטואלער זעלבסטבעפרייאונג זיין, איין אקט דער רייניגונג דעם בעוואוסטזיינס דער ארבייטער פאָ זיענעם שטינקענדען אונראַט (ברוד) דעם פערטראַועגס אַן אַללע אונז איבערליפערטען פאָרשטעלונגען פאָן רעכט אונד גערעכטיגקייט, רעכטס - גלייכהייט אונד הומאניטעט. וויל דאס פּראָלעטאריאט זיין אייגענער היילאנד ווערדען (זיך אליין ראטעווען), דאַן צו ערסט אין דיזער זויבערונג זיינעס בעוואוסטזיינס פאָן אַללען בירגערליכען געדאנקען־פלאָוזען (פּוסטע תירוצים), אים אופשוואונג צו דעם פּראָלעטארישען קלאַססען־בעוואוסטזיין“.

בקצור, די גע׳ירשן׳טע עבירה פון דעם פּראָלעטאריאט באַשטעהט אין דעם, וואָס עס זיינען נאָך פאַראַן א סך לייט, וואָס האלטען זיך פאר סאָציאַליסטען און גלויבען אין גערעכטיגקייט, מענטשען־רעכטע און נאָך אזעלכענע פּוסטע רייד. ווען די ארבייטער ווילען זיין פריי, מוזען זיי צוערסט אויסראַמען פון זייערע קעפּ דעם פארטרויען אין רעכט און גערעכטיגקייט.

דער פאָלקסצייטונגס תורה האָט געפונען גוטע תלמידים, די גענאָסען האָבען זיך באפרייט פון אַלע בורזשואזנע געדאנקען וועגען רעכט און גערעכטיקייט און האָבען זיך באוויזען פארטיק צו סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערען האנדלען מיט שטולען און בירפלעשלאך, ביסקל וואנען עס איז ערשינען א פארטרעטער פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מיט א דובינקע, און עס איז געווארען ארדנונג.

דער פירער פון דער דעליאַניסטישער מחנה אין דער ערסטער שלאַכט מיט די „קליינבירגער, קרעמערלאַך און מלוים“ פון דער „פאָלקסצייטונג“ איז געווען דער שני־למלך אליין, הוגאָ פאַכט.

ווען איך זאָג — שלאַכט, מיין איך ניט אַ „קאַמפּף מיט גייס־טיקע וואפען“, וואו איין געגנאַסע רופט דעם אַנדערען מיט די ני־דעריקסטע נעמען, נאָר טאַקע אַ ריכטיקע שלאַכט אף אַ באַריקאַדע (אַ פּיאַנאָ אין אַ שענק איז געווען די „באַריקאַדע“), וואו בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען אים נאָמען פון דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם.

הוגאָ פאַכט איז שוין געווען אַן „אַלטער רעוואָלוציאָנערער קעמפּפער“. ווי איך האָב שוין דערצעהלט האָט ער מיט צען יאָר פריהער געפירט די אַטאַקע געגען די ראָזענבערג'שע פראַקציאָן. די „פאָלקסצייטונג“ לייט האָבען דאַמאָלס געפונען די נאַציאָנאַל עק־זעקוטיווע פאַר אונפעהיק, האָט מען זיך בשתקה אריינגעקליבען אין אָפיס, פאַרכאַפּט די ביכער מיט דער גאַנצער שטיקעל אָרימקייט, וואָס איז דאָרטען געווען, און מ'האָט פאַר זיך געמאַכט אַ נייע עק־זעקוטיווע. די געגנאַסען אין ניו־יאָרק האָבען געזאָגט אמן, איז גע־ווען כשר.

איצטער האָט דער „ערפּראָבטער“ רעוואָלוציאָנער געוואָלט אָפּשפּילען דעם אייגענעם קונץ זיינע אַלטע געגנאַסען פון דער „פאָלקסצייטונג“. דעם 10טען יולי 1899 האָט געזאָלט זיין די ערסטע זיצונג פון דער ניי־ערוועהלטער דזשענעראַל־קאָמיטע, אין וועלכער די פאָלקס־צייטונג האָט געהאַט אַ מאַיאָריטעט. די צענט־ראַל קאָמיטע פון דער סעקציאָן ניו־יאָרק פלעגט ביי דער ס. ל. פּ. ערוועהלען די נאַציאָנאַל עקזעקוטיווע, און עס האָט אויסגעזעהען, אַז דעליאָן וועט מוזען אראָפּ פון ביינקעל, זיין פראַקציאָן האָט באַשלאָסען דערצו ניט דערלאָזען.

ווען מ'איז זיך צונויפגעקומען, האָט דער אָרגאַנייזער ער־קלערט, אַז די נאַציאָנאַל עקזעקוטיווע וועט אונטערזוכען, ווער פון די נייע דעלעגאַטען איז געזעצליך ערוועהלט געוואָרען, און יענע וועט זי צולאָזען צום מיטינג. די איבעריקע וועלען ניט צוגעלאָזען ווערען. דאָס איז געווען אַ ברוך פון דעם גרונד־פּרינציפּ פון אַ פאָלקס־רעגירונג.

אין א פאָלקס־רעגירונג ענטשיידען אין יעדער געזעצגעבענדער קערפּערשאפט די ניי־ערוועהלטע מיטגלידער אליין, ווער פון זיי איז געזעצליך ערוועהלט געוואָרען און ווער ניט. עס ווערט בכלל אָנגענומען, אז די נייע פּארטרעטער זיינען געזעצליך ערוועהלט געוואָרען; ווען עס טרעפען זיך אַ פּאָר אויסנאמען, טו קענען די איבעריקע אליין די זאַך אונטערזוכען. אנדערש קען דאָס גאָר ניט געהן. שטעלט זיך פאָר, אז דער פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאַטען זאָל האָבען די מאכט צו ענטשיידען, צי דער קאָנגרעס איז געזעצלאַך ערוועהלט געוואָרען, צי ניט, וואָס פאר א פּנים וואָלטען דעמאָלט האָבען די וואלען? און אָפּאָזיציאָנעלע מאַיאָריטעט וואָלט קיינמאָל ניט געהאט קיין שאנס ערוועהלט צו ווערען. דער קאָנגרעס וואָלט שטענדיק טאַנצען ווי די רעגירונג פייפט, און עס וואָלט געווען א צעזאריסטישע אָליגארכיע, ווי אין פראנקרייך אונטער די נאַפּאָלעאָנען.

ווען הוגא פאַכט האָט ערקלערט ביי דעם מיטינג, אז די עקזעקוטיווע וועט אונטערזוכען די געזעצליכקייט פון דער פארטייוואל, זיינען אלע געוואָרען ווי אופגעקאָכטע. הוגא פאכט האָט זיך גאנץ קאלט גענומען און געשלאָסען דעם מיטינג. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען אן עכטע שלעגעריי, ווי אין די גוטע אַלטע צייטען ביי אַ פּריימערי אין טאמאני האָלל. די גענאָסען האָבען איינע די אַנדערע צו׳הרג׳עט ווי ריכטיקע פּאָליטישענס. נאָך דער שלעגעריי איז די פראגע נאָר געווען, ווער וועט וועמען צוערסט אויסשליסען פון דער פארטיי. די דעליאָניסטען זיינען געווען אין אַ בעסערער לאגע: זיי האָבען נאָך דערוויילע געהאט זייער פּאַפּירענע גיליאָטינע, די „באָז־סאָ“*) — זייער עקזעקוטיווע, וועלכע איז באשטאַנען פון עטלאכע מענטשען, און האָט געקענט צו יעדער צייט צוזאַמענקומען, בעת די געגנער זייערע האָבען נאָך געדארפט זיך צוזאמענקלייבען און ערוועהלען א נייע עקזעקוטיווע. מ׳האָט זיך באדארפט היילען. עס האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטע און האָט צוזאמענגערופען א פארזאמלונג פון אַלע ניו־יאָרקער פארטיי־מיטגלידער צו בעראטען זיך וועגען דער

---

*) אַ וואלד־זעג, אַזוי האָט דעליאָן מיט שטאָלץ גערופען זיין פּאָליטישע מאַשין.

לאגע. דער אופרוף איז פארעפענטליכט געווארען נאר אין דער פאלקסצייטונג, ווארים קיין ענגלישע צייטונג א חוץ דעם „פיפעל“ האט די פארטיי ניט געהאט. אף איבערמארגען אווענט זיינען צוזאמענגעקומען אלע געגנער פון דעליאנען. זיינע פריינט זיינען בכיון ניט געקומען. ביי דער פארזאמלונג איז די אלטע עקזעקוטיווע ארויסגעוואָרפן געווארען, און מ׳האט ערוועהלט א נייע. נאך דעם מיטינג, א זייגער צוועלף ביי נאכט, זיינען די נייע עקזעקוטיווע־לייט מיט זייערע פריינט געגאנגען איבערנעמען דעם אפיס. דעליאנס פריינט האבען זיך געריכט אף דערויף און האבען זיך פארשפארט אין אפיס. עס איז איבער־א־נייס געקומען צו קלעפ. די „אונקאמפראמיסליכע“ רעוואלוציאנערען וואס זיינען געווען אינעווייניק האבען ארייגערופען קאפיטאליסטישע פאליסלייט און די גענאסען פון דער „פאלקסצייטונג“ האבען זיך געמוזט אפטראגען. די דעליאניסטישע מאשין האט מיט איר האנדלען פראוואצירט אירע געגנער, דאס איז אמת, אבער די „פאלקסצייטונג“־פראקציאן איז אויך געגאנגען בדרך כאפ־לאפ. וואו פירט זיך דאס, מ׳זאל קומען איבערנעמען אן אפיס צוועלף א זייגער ביי דער נאכט? יעדער איינער, וואס האלט א פארטרויענסאמט פון א פאראיין, האט דאס רעכט צו פארלאנגען, אז מ׳זאל קומען איבערנעמען די ביכער עפענטליך, ניט בגנבה. ווער רעט אבער פון רעכט? רעכט איז „שטינקענדיקע מיסט“, לערנט „די פאלקסצייטונג“. פרעגט בעסער, אף וואס האט מען די גאנצע מעשה געדארפט? אף וואס האט מען זיך געקוואפעט, ווען מען האט פרובירט פארכאפען דעם אפיס פון דער נאציאנאל־עקזעקוטיווע? וואס האט מען דארטען געהאפט צו קריגען, א פאר ביכער מיט אדרעסען? מילא פאר דעם ערסטען מאל קען מען זיי מוחל זיין, ווייל זיי זיינען געווען אופגערעגט. אבער דאס איז נאר געווען אין אנהויב: די זעלבע געשיכטע האט זיך אפגעשפילט כמעט אין יעדען דיסטריקט. נאכדעם ווי די צוויי פראקציעס האבען זיך שוין איינע די אנדערע אויסגעשלאסען פון דער פארטיי, איז אין יעדען דיסטריקט פארגעקומען א שלעגעריי וועגען א פאר דאלאר. די קאורטס זיינען געווען פול מיט ציוויל־קלאגען, וואס איין פראקציע האט אנגעגעבען אף די אנדערע. אין איין דיסטריקט האט מען זיך עטלאכע חדשים גע׳משפט איבער אן אלטע צובראכענע פיאנא, אין

אנאנדער דיסטריקט האבען די פאלקסצייטונג־לייט אנגעגעבען אף
דעם טרעזשורער, אז ער האט גע׳גנבה׳ט ביי דעם דיסטריקט עט־
לאכע דאלאר. די „גנבה“ איז באשטאנען אין דערין, וואס ער האט
באלאנגט צו דער דעליאניסטישער פראקציע און האט איבערגע־
געבען די פאר דאלאר אין דעם דעליאניסטישען דיסטריקט. פאר־
שטעהט זיך, איז אין די אלע פראצעסען אוועק די גאנצע חלה אף
המוציא און די סאציאליסטען האבען באוויזען, אז זיי זיינען ניט
א האר בעסער פאר אנדערע פאליטישענס.

נאך אזעלכע געשיכטען, וואס האט דער זייטיקער עולם גע־
קענט דענקען, לעזענדיק, ווי די פלאטפארמע פון דער סאציאליס־
טישער ארבייטער פארטיי „ווארנט“, אז אויב מ׳וויל האבען שטא־
טישע אייזענבאנען, גאז און דערגלייכען, זאל מען זיך למען השם
אף קיינעם ניט פארלאזען, א חוץ דער פארטיי, וועלכע קען ניט
פארטיק ווערען מיט אן אלטער אפגעניצטער פיאנא!

נאכדעם ווי די ס. ל. פ. האט זיך צושפאלטען, זיינען געווא־
רען צוויי פארטייען, וואס יעדע פון זיי האט פרעטענדירט, אז זי
איז די אמת׳ע ס. ל. פ. און מ׳האט זיך וועגען דעם גע׳משפט אין
אלע קאורטס אין ניו־יארק, אין פילאדעלפיע, אין קליוולאנד, או־
מעטום, וואו עס איז נאר געווען א ברעקעל סעקציאן, וואס האט
געוואלט אופשטעלען קאנדידאטען צו קריגען א צענדליק וואוטס.
מילא, דאס קען מען זיי מוחל זיין, ווארים זיי גלויבען, אז דאס
איז דער „קלאסענקאמפף“. איין זאך אבער איז געוועזען גאר מיאוס,
דאס איז געוועזען דער קאמפף וועגען דעם „פיפל“. דער „פיפל“ איז
געווען א רכילות־בלעטעל. די רעבעלען האבען אליין אזוי גערזאגט
אין דעם רעפארט פון זייער נאציאנאל־קאמיטע צו דער קאנווענ־
שאן אין ראטשעסטער, וועלכע האט שטאטגעפונען אין 1900. דורך
דעם „פיפל“ האבען די סאציאליסטען געקראגען מער שונאים איי־
דער אלע רענעגאטען זיינען אימשטאנד געווען אופצוהעצען געגען
דעם סאציאליזם. פון פינאנציעלען שטאנדפונקט איז דער „פיפל“
אויך ניט געווען קיין ערפאלג. די ניו־יארקער „פאלקסצייטונג“
האט צו עם שטענדיק צוגעלייגט. מיט א פאר וואכען פאר דער
„רעוואלוציאן“ האט די „פאלקסצייטונג“ באשלאסען עם אופצוגע־
בען. ווען עס איז אבער געקומען צו א שפאלטונג, האט זיך די
„פאלקסצייטונג“ געכאפט ארויסצוגעבען דעם „פיפל“. נאטירליך,

האָט זי געוואוסט אין פאַראויס, אַז דעליאַן וועט זיך ניט אונטער־געבען: דער „פיפל" איז געווען זיין קינד, וועלכען ער האָט באַשאַפען „נאָך זיין עבענבילד", ווי עס שטעהט אין טייטש־חומש. נו, האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנצע מאַכעריי מיט פּראָצעסען אין די געריכטען. די „בונטאָווישטשיקעס" האָבען אָנגעגעבען אין קאורט אַף אַן אינדזשאַנקשאַן, מ'זאָל פאַרווערען די דעליאַניסטען ארויס־צוגעבען דעם „פּיפּל". מען דאַרף פאַרשטעהן דעם ריכטיקען טעם פון אַן „אינדזשאַנקשאַן" דאָ אין אמעריקע. אַן אינדזשאַנקשאַן ווערט ארויסגעגעבען אַן אַ פאַרהער. ווען דער בעל־דבר פאָלגט ניט, קען דער דזשאַדזש עם שטראָפירען אָדער אריינזעצען אָן שום פּראָצעס, „אדמיניסטראַטיוונים פּאַריאַדקאָם", ווי אין רוסלאַנד. די אינדזשאַנקשאַן איז דער בייטש, וואס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האַלט דאָ אין אמעריקע איבער דעם ארבייטער־קלאַס. די ארבייטער קעמפּפען שוין אַ צייט פאַר די אָפּשאַפונג פון „רעגירונג דורך אינדזשאַנקשאַן", און דאָ קומט גאָר אַן ארבייטער פּאַרטיי און פאַרלאַנגט אַן אינדזשאַנקשאַן געגען אַנאַנדער ארבייטער־פּאַרטיי.

אמת, די דעליאַניסטען האָבען צו דער זעלבער צייט אויך אָנ־געגעבען אין קאורט אַף אַן אינדזשאַנקשאַן געגען די „פאָלקס־צייטונג". פאַר אַ פּריוואַט מאַן וואָלט דאָס געווען אַ גוטער תירוץ, אָבער ניט פאַר אַ צייטונג, וואָס טראָגט אַפ'ן קעפּעל דעם טרייד־מארק: „דען אינטערעססען דעם ארבייטענדען פאָלקעס געוויד־מעט". ווען מ'וואָלט ניט געהאַלטען רעכט און גערעכטיקייט פאַר „שטיקענדיקע מיסט", וואָלט מען געלאָזען דעם נאָמען „פּיפּל" דעליאָנען, — קנאַפּ נעמען קען מען אויסטראַכטען? סוף כל סוף האָט מען דאָך געמוזט איבערבייטען דעם נאָמען אַף „וואָירקער", ווען די קאורט האָט גע'פּסק'ענט צו גונסטען פון דעליאָנען, צו וואָס־זשע האָט מען געדאַרפט די אינדזשאַנקשאַן?

פערשטעהט זיך, האָט די ס. ל. פּ. דעם פּריקאַז ניט גע־פאָלגט, דעמאָלט האָט די „פאָלקסצייטונג" אָנגעגעבען אַף קוהן'ען, סעניאַל'ען און נאָך אַ פּאָר נעכטיקע „גענאָסען" פאַר „קאָנטעמפּט אָוו קאורט" (מיסאַכטונג פון געריכט). דער דזשאַדזש האָט ארויסגעגעבען אַן אָרדער צו שטראָפירען די פיר „גענאָסען", און ווען זיי באַצאָלען ניט, זאָלען זיי אָפּזיצען, אלץ אָן אַ פּראָ־

צעס. זיי זיינען ניט געזעסען, דערצו איז ניט געקומען, אבער דער „פאלקסצייטונג“ קומט דערפאר קיין דאנק ניט. די דעליאניסטען האבען אפעלירט און צום סוף האט די קאורט פריזנאייעט, אז די אמת׳ע ס. ל. פּ. איז דעליאנ׳ס פראקציע, און אז דער „פיפל“ באלאנגט צו דער ס. ל. פּ.

די „פאלקסצייטונגס“־פראקציאן האט דאס אליץ צוגעזעהען און גוט געהייסען: עס איז קיין איינציקער מענטש ניט געווען ביי איר קאנווענשאן אין ראטשעסטער, אין 1900, וואס זאל דא־געגען פראטעסטירען.

11.

די גרינדונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

נאך דער שפאלטונג פון 1899 אין דער ס. ל. פּ. איז גאנץ נאטירליך געווען, אז איר אנטידעליאניסטישער טייל זאל זיך פאר־איינינען מיט דעם ס. ד. פּ.

די דעבסיסטישע פארטיי איז באשטאנען גרעסטענטיילס פון געוועזענע מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ., און ווי יענע ווילנערקע וואס פלעגט נאכ׳ן שמד געהען אין קלויסטער מיט איר קרבן מנחה סידור, זיינען זיי אויך אין הארצען געבליעבען פרומע ס. ל. פּ.׳ני־קעס. עס איז אבסאלוט ניט געווען קיין גרונט פאר זיי ניט צו פאראייניקען זיך מיט דער פאלקסצייטונגס־פראקציאן. פארקערט. דער פראסטער שכל האט געהייסען זיך פאראייניגען. ווען די זאך איז שוין ענטשידען געווארען אוף א געזעצלאכען וועג איןביידע ארגאניזאציעס און די אלטע עקזעקוטיווע פון דער ס. ד. פּ., וואס האט זיך אליין ערוועהלט און האט רעגירט אז א קאנסטיטוציע, האט געמוזט ענדלאך אפטרעטען, נעהמען זיי און פלוצלונג געפי־נען זיי א פסול ארויסצורופען א נייעם רעפערענדום ניט צו פאראיי־ניקען זיך. די האנדלונג איז דאמאלס ביטער פארדאמט געווארען פון אלע וואס זיינען געווען פאר „יוניטי“ (איינקייט), בפרט ווייל די עקזעקוטיווע פון דער דעבסיסטישער פארטיי איז שוין געזעצליך געווען אוים קאפעלוש־מאכערס און האט גאר קיין רעכט ניט גע־

האט ארויסצורופען א רעפערענדום. די פאלקסציימונג פראקציאן האט עס באטראכט פאר אן אקט פון פאליטישע באסעס, וואס פייפען אף דעם ווילען פון די מיטגלידער, הײנט הערט וואס דעבס האט וועגען דעם געהאט צו זאגען*).

„איר וועט זיכער הערען רייד וועגען „באסערײי" און „העלדען־קולט". דער סארט רייד איז אונדז ניט אונבאקאנט. מיר האבען עס געהערט איבער אונדזערען גאנצען וועג. דאס רעט קנאה אין די הערצער פון אונגעראטענע מענטשען, טוט א דרעה אייער לאנטערנע אהין, פון וואנען עס הערט זיך דער קול, און איר וועט זעהען, ניט אימער, אבער געוועהנלאך, א פיצינקען מאן, אדער צוויי — דריי אזוינע, וואס האבען מורא אז זיי וועלען אנווערען זייער באשעפטיקונג. זיי זיינען שרעקלאך געגען „באסעס", — דאס הייסט, געגען אנדערע באסעס אף זיי. זיי ציטערן, אז מ׳ וועט חלילה אוסקומען אן זיי, און דערפון שטאמט זייער ליליפוטאנער אטאקע געגען לידערס, באסעס און העלדען־פערערער".

דאס איז זעהר כאראקטעריסטיש. דער פראטעסט געגען באסיזם, וועלכער הערט זיך אין אלע פאליטישע פארטייען און אויסערהאלב פון אלע פארטייען, די גאנצע באוועגונג, וואס שטרעבט אויסצוראטען מאשין־פאליטיק, דאס איז פאר דעבס׳ן פראסט קנאה. אזוי רעט יעדער פאליטישער באס. וואס דעבס אליין קען פון נאטור קיין באס ניט זיין, מאכט גאר ניט אויס: ער אונטערשטיצט דעם פרינציפ פון באסיזם.

12.

א בליק אף די וויי טערע געשיכטע פון דער ס. פ.

מיר האבען געזעהען, אז אפילו אין יענע יארען, ווען די וואל פון א סאציאליסטישען מעיאר אדער אלדערמאן ערגעץ אין א קליינשטעטעל איז געווען א „זיג", מיט וועלכען מען האט שטאלצירט אין גאנץ אמעריקע, ווען די סאציאליסטישע פארטייען זיינען

*) „סאשאל דעמאקראטיקט העראלד", 1901, נומער 30.

געוועז קליין און אָרעם און האָבען ניט געקענט צוציהען קיין קאָ־ריערסטען און פּאָליטישענס, האָבען זיי זיך שוין געפירט אין זייער פּראַקטיקע נאָך די אַלגעמיינע מנהגים פון דעם אַמעריקאַנער פּאַרטיי־סיסטעם. זינט יענער צייט איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שטאַרק אויסגעוואַקסען, זי האָט שוין ערוועהלט איבער 1,000 פון אירע מיטגלידער פאַר אַלערליי פּאָליטישע עמטער, זי האָט שוין געהאט אין אירע הענט די אַדמיניסטראַציע פון א גרויסע שטאָט ווי מילוואָקי, אירע פירערס שטעהען אָן דער שפּיץ פון גרויסע אַרבייטער־יוניאָנס. די אַמאָליקע סאָציאַליסטישע חסידות איז אָפּגעקילט געוואָרען. די „אונקאָמפּראָמיסליכקייט" איז פאַרבליבען נאָר אין די באַציהונגען צו אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָדער אָרגאַניזאַציעס, — מען טאָר ניט געהן אין קלויסטער, מען טאָר ניט עסען ביי א גוי; — אָבער די פּאַרטיי האָט זיך געוויזען גאַנץ צופרידען צו מאַכען א קאָמפּראָמיס מיט א פּרינציפּ, ווען זי דענקט, אז דאָס קען העלפען די אינטערעסען פון דער „אָרגאַניזעישאָן". אין די פּאָלגענדע קאַפּיטלען וועל איך ווייזען די פּראַקטישע שטעלונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו דעמאָקראַטיע, פּאָליטישער פרייהייט און גלייכהייט.

אכצעטער קאפיטעל.

די שטעלונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי צו דעמאקראטיע.

1.

פארטיי־הערשאפט און דעמאקראטיע.

ווי קומט עס, אז די גרעסטע רעפובליק פון דער וועלט, וואו מ'האט שוין דאס אלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע שטימרעכט, וואו די מאיאריטעט רעגירט, איז פארט א קאפיטאליסטישער שטאט, הגם קאפיטאליסטען זיינען ניט מער ווי א קליינע מי־נאריטעט ?

מ'זאגט, די ארבייטער זיינען ניט קלאסען־באוואוסט, זיי פארשטעהען ניט, אז זיי האבען פאליטישע אינטערעסען פאר וועלכע זיי מוזען האבען זייערע אייגענע פארטרעטער אין די גע־געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, אין דער שטאט־רעגירונג א. ז. וו.. דער תירוץ איז אבער ניט מער ווי די זעלביקע קשיא, נאר אויס־געדריקט מיט אנדערע ווערטער : די פראגע איז, פארוואס זיינען זיי ניט קלאסען־באוואוסט ? דאס איז אבער נאך אויך ניט גע־זאגט, — אפילע די קאנסערוואטיווע ארבייטער ווייסען גאנץ גוט, אז האנדעלשאפט איז ניט קיין ברודערשאפט : יעדען דאלאר וואס דער ארבייטער געווינט, ווערט אן דער קאפיטאל ; די אנערקענונג פון דער יוניאן איז א באשרענקונג פון דער מאכט פון דעם קאפיטאל איבער די ארבייטער. ווען א גאמפערס זאל זיך אפילו אן דעם פארגעסען, ווערט ער אן דעם דערמאנט ביי יעדען סטרייק, און סטרייקס קומען פאר הונדערטער א יאר. די קאנסערוואטיווע ארבייטער־פירער ווייסען אויך גאנץ גוט, אז זיי מוזען האבען גע־זעצען צו פראטעקטען די אינטערעסען פון די ארבייטער ; אין יעדען סטעיט זיינען א סך אזעלכע געזעצען געמאכט געווארען, — ווער האט זיי אויסגעפירט, אויב ניט די קאנסערוואטיווע טרעיד־יוניאניסטען ?

די אָרגאַניזירטע ארבייטער מישען זיך יע אין פּאָליטיק, זיי אונטערשטיצען אזעלכע קאַנדידאַטען, וואָס פארפליכטען זיך דורכצופירען ארבייטער־געזעצען.

נו, ווען די אָרגאַניזירטע ארבייטער ווייסען, אז זייערע אינטערעסען זיינען פיינדליך צו די אינטערעסען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, ווען זיי ווייסען, אז זיי מוזען .אנטייל נעמען אין דער פּאָליטיק, טו פאר וואָס־זשע קלייבען זיי ניט אויס קיין אייגענע קאַנדידאַטען, וואָס זאָלען צו קיינעם ניט זיין פארפליכטעט, א חוץ די ארבייטער? די אורזאכע איז, וואָס די ביידע גרויסע פּארטייען האָבען אזוי איינגעאָרדערט דעם גאַנצען געזעצליכען מעכאַניזם, אז נאָר א פּארטיי, וואָס האָט די אונטערשטיצונג פון געלט־לייט, האָט אן אויסזיכט צו געווינען ביי די וואַלען.

די מאַכט פון די צוויי הערשענדע פּארטייען באשטעהט אין דעריין, וואָס ביי זייערע קאָריטעס קארמענען זיך א סך לייט, און יעדער פון די לייט ארבייט פאר די פּארטיי פּונקט אזוי, ווי איר ארבייט פאר אייער באַלע־באָס. ערסטענס, זיינען פאראן א סך שטעלען ביי דער שטאָט־פארוואַלטונג, ביי דער קאַונטי, ביי דעם סטעיט, ביי דער פעדעראַלער רעגיערונג, וואָס ווערען צוטיילט צווישען טרייע פּארטיי־מיטגלידער, צווייטענס, קען אן אָלדערמאַן אימער קריגען פאר זיינעם א „פריינד“ א שטעלע ביי די סטריט־קארס, ווייל די קאָמפּאַני דאַרף זיין לאַסקע, ווייטער זיינען פאַראַן קאָנטראַקטאָרס (פּאָדריאַטשיקעס), אַדוואָקאַטען, אַפּטייקערס און אַלערליי סאָרטען מענטשען, וואָס מאַכען א תכלית פון דער הערשענדער פּארטיי, דאָס זיינען אַלץ אזוי גוט ווי באַצאָלטע אַגיטאַטאָרס פאר די פּארטיי. אן אונאָפּהענגיקער קאַנדידאַט מוז זיך פארלאָזען אָף אונבאַצאָלטע אַגיטאַטאָרס, וואָס ארבייטען לטובת הכלל, ווי קען ער זיך פארגלייכען מיט א פּארטיי? נעמט ערגעץ א סאָציאַליסטישען פאראיין, קומט צו א געשעפּטס־מיטינג הערט איר שטענדיק, מ׳באַקלאָגט זיך, אז די קאָמיטע האָט ניט געטאָן, וואָס מ׳האָט איר אַנפערטרויט, וואָרים גענאָסע טייגאַכץ האָט צוגעזאָגט צו באַשטעלען די סוירקולארס און האָט עס פארפעלט צו טאָן, גענאָסע לעמעשקע האָט געוואָרט אָף גענאָסע דלפּונזאָן צו געהן צוזאַמען אלס א קאָמיטע מיט טיקעטס צו דעם רעגעלען מיטינג פון דער נאָדעלטעסעל־מאַכערס יוניאָן, אָבער עס איז

בעגאנגען א רעגען, און געגאסע דלפונזאן האט געהאט קאטער, האט עם די ווייב ניט געלאזט געהן, קורץ, איר קענט די אלטע לידעלע :

הינטעלע וויל ניט מענטשעלע בייסען,
מענטשעלע וויל ניט עפעלאך רייסען,
עפאלאך ווילען ניט פאלען !

ביי די אלטע פארטייען איז דאס ניטא, סוירקולארס ווערען באשטעלט צו דער צייט, דלפונזאן נעמט אן אמברעלא (א רעגענשירעם אף טייטש) און געהט, וואו מ'האט עם געשיקט ; ווען ער האט קאטער, לויפט אריבער זיין ווייב בעצייטענס אנצוזאגען, מ'זאל אנשטאט עם באזארגען אן אנדערען, — ווארים דער מלאך־המות טרייבט אלעמען.

קיין געלט אף אגיטאציע פעלט די אלטע פארטייען אויך ניט. יעדער, וואס האט א רעגירונגס־שטעל דורך די פארטיי, מוז צאלען מעשר אין די פארטיי־קאסע. קיין ארירם אין די דיום ניעדאאימקעס בל"ען) איז ניטא. ווער עס וויל ווערען א קאנדידאט מוז איינצאלען נאך דער טאקסע אף די הוצאות פון דער וואל, אזא פארטיי קען אדווערטייזען אירע מיטינגען און אירע קאנדידאטען, קען פאנאנדערטיילען איר ליטעראטור אף אזא שטייגער, וואס קיין אונאפהעגניקער קאנדידאט, קיין פארטיי וואס לעבט מיט חובת־הלבבות, קען זיך מיט איר ניט גלייכען.

ווייטער מאכט דער געזעץ אלערליי שוועריקייטען פאר אונאפהעגניקע קאנדידאטען, וואס ווילען קאנקורירען מיט א רעגעלער פארטיי. אן אונאפהעגניקער קאנדידאט דארף א גרויסע צאל אונטערשריפטען נאמינירט צו ווערען. די בעאמטע פאר ווערען עס רעגיסטרירען זיך די וואוטערס, די בעאמטע, וואס פאסען אוף איבער די וואלען, זיינען אלע פארטרעטער פון די צוויי גרויסע פארטייען : די פארטרעטער פון די אונאפהעגניקע קאנדידאטען מעגען זיך שטעהן אן א זייט און קוקען, קיין שטימע האבען זיי ניט. די וואוטס ווערען געציילט פון די פארטרעטער פון די צוויי גרויסע פארטייען, און יעדער וויים וואס דאס באדייט. וואס העלפט, אז אן אונאפהעגניקער קאנדידאט קריגט שוין יע א מאיאריטעט, ווען די וואוטס ווערען ניט ריכטיק געציילט, און דער קאנדידאט, וואס האט געקראגען א מינאריטעט, ווערט ערקלערט פאר ערוועהלט ? און ווען ער געהט אנקלאגען אין די

קאורטס, נעדויערט עס יאָהרען לאַנג. דערוויילע בלייבט זיך דער געשלאָגענער קאנדידאט אונגעזעצליך אין זיין אמט און קען זיך אזוי אַפּזיין דעם גאַנצען טערמין זיינעם.

נאטירליך, א פּארטיי קען ניט אויסקומען אַז די וואוטערס, און די וואוטערס זיינען פריי צו שטימען פאר וועמען זיי ווילען. דאָס וואָלט אָבער געהאַט א ווערדע נאָר דאַן, ווען די וואוטערס וואָלטען געהאט א דעה אין אופשטעלען קאנדידאטען און אויסארבייטען די פּלאַטפּאָרמע פון דער פּארטיי, פאר וועלכע זיי ווילען שטימען, אָבער די פּארטיי באשטעהט פון מענטשען, וואָס האָבען א געשעפטס - אינטערעס אין איר, און יעדער איינער, וואָס וויל עפּעס קריגען, מוז בעלאַנגען צו ערגעץ א קליקע. ווען ניט צו דער הערשענדער קליקע, טו וועניקסטענס צו א שטאַרקער באַנדע — א „גענג", מיט וועלכען מ'מוז זיך רעכענען, ווען איר קומט אריין אַן איינצעלנער פּרעמדער מענטש, וואָס קענט איר אויספירען ? מ'וועט אייך שטום מאַכען מיט „פּאַינטס אָוו אָרדער" און „שלום דער דעבאַטע", מ'וועט אייך לאָזען שטימען וויפעל איר ווילט, ווייל מ'וויים, אז אייער שטימע איז ווי ארויסגעוואָרפען, ווען עס זאָל אייך געלינגען צו אָרגאַניזירען א צאָל וואוטערס, וואָס קען ווערען געפערלאך, וועט מען אייך מיט אַלערליי קונצען און שווינדעל אונשעדלאך מאַכען, און ווען דאָס העלפּט ניט, וועט מען פּראָסט ברעכען די ביינער.

דער וואוטער, וואָס איז ניט קיין פּאָליטישען, וויים דאָס גאַנץ גוט און רוקט זיך ניט. ביידע פּארטייען זיינען דורך דעם געוואָרען אָרגאַניזאציעס פון פּאָליטישענס, וואָס מאַכען א געשעפט פון „פּאָליטיקס". מיט אזא אָרגאַניזאציע איז שוין לייכט פאר א קאַפּיטאליסטישע קארפּאָרעישאָן צו מאַכען ביזנעס.

ווען איר ווילט, אז אייער סאָציאליסטישער קאנדידאט זאָל ערוועהלט ווערען, מוזט איר אָנקומען צו טויזענטער וואוטערס, איר מוזט זיי אַלעמען איבערצייגען, אז אייער פּלאַטפּאָרמע איז גוט און אייער קאנדידאט איז א מענטש, וואָס מ'קען זיך אָף עס פּארלאָזען. ווען אן אייזענבאַן-מאַגנאט וויל, זיין קאנדידאט זאָל ערוועהלט ווערען, ווענדעט ער זיך גאָר ניט צו די וואוטערס, ער געהט צו דעם פּאָליטישען באָס פון דער פּארטיי וואָס האָט די בעסטע אויסזיכטען. און ווען ער וויל זיין גאָר זיכער, געהט ער

צו די באַסעס פון ביידע פּאַרטייען, ער באַדינגט זיך מיט זיי, באַ־שטעלט ביי יעדער פּאַרטיי עטלאַכע קאַנדידאַטען, וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבען, און די פּאַרטיי־מאַשין טוט דאָס איבריקע. עס הייסט כלומרשט, אַז דאָס פאָלק, די וואָוטערס ערוועהלען אַ פּרעזידענט, אין דער אמת'ן אָבער ערוועהלען עס נאָר די פּאָליטישע מאַשינען פון די צוויי אַלטע פּאַרטייען : די רעפּובליקאַנער מאַ־שין ערוועהלט איין קאַנדידאַט, די דעמאָקראַטישע מאַשין אַן אַנ־דערען, און דאָס פאָלק האָט נאָר די ברירה אויסצוקלייבען איינעם פון די צוויי מאַשין־קאַנדידאַטען. אַזוי איז מיט קאָנגרעסלייט, גאָ־ווערנאָרס א. ז. וו. פאַר וועמען דער וואָוטער זאָל ניט שטימען, וועט ערוועהלט ווערען אַ קאַפּיטאַליסטישער קאַנדידאַט. שטימען פאַר אַן אונאָפּהענגיקען קאַנדידאַט האַלט דער וואָוטער פאַר ארויסגע־וואָרפען, ווען עס געפעלט עם אפילו די פּלאַטפאָרמע פון דעם קאַנדידאַט. די גרעסטע צרה פון דעם אַמעריקאַנעם פּאָלי־טישען לעבען איז אָט די אונטערטעניקייט צו דער פּאַרטיי. דער רעפּובליקאַנער וואָוטער איז צופרידען נאָכצוגעהן נאָך זיין פּאַר־טיי אונטער אַלע אומשטענדען, עס מאַכט ניט אויס, וואָס פאַר אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס פאַר אַ טאַקטיק זי וועט אָנעמען, און דער דעמאָקראַטישער וואָוטער איז פּונקט אַזוי. אויב ער איז טעטיק אין „פּאָליטיקס", טו וועט ער פּרובירען דורכזעצען זיין מיינונג אין זיין פּאַרטיי. פירט ער ניט אויס, טו וועט ער פּאָרט בלייבען „רע־גולער". אַזוי האָט ברייען אונטערשטיצט פּאַרקער'ן אין 1904 און פּאַרקער ברייענען אין 1908, אַזוי האָט דער ראַדיקאַל לאַפּאָלעט אונטערשטיצט טאַפט'ן אין 1908, איז דער וואָוטער ניט קיין טעטיקער פּאָליטישען שטימט ער איינפאַך פאַר זיין פּאַרטיי, זי מעג זיך אפילע איבערקערען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. אף דעם האַלט זיך די מאַכט פון די אַלטע פּאַרטייען, אף דעם האַלט זיך די פּאָליטי־שע קאָרופּציאָן פון די אַלטע פּאַרטייען. די קאַפּיטאַליסטען האָ־בען זיך פאַרזיכערט מיט ביידע גרויסע פּאַרטייען און אף דעם אופן געפינט זיך די פּאָליטישע מאַכט שטענדיק אין זייערע הענט.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויך ניט געקענט אויס־מיידען דעם איינפלוס פון אַמעריקאַנער מאַשין־פּאָליטיקס. אירע אידעען וועגען די אויפגאַבען פון אַ פּאַרטיי, וועגען איר אָרגאַניזאַ־ציע זיינען אקוראַט די זעלבע ווי ביי די פּאָליטישענס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. די פּאַרטיי מוז זיין אָרגאַניזירט ווי

א פּאָליטישע מאשין, וואָס דאַרף שטעהן איבער די וואוטערס. זיי מוזען שטימען אזוי ווי די פּאַרטיי הייסט זיי.

2.

מאַשין־פּאָליטיק אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דער פּאַרטשריט פון דעמאָקראַטישע פּרינציפּען אין דער אמעריקאנער פּאָליטיק דריקט זיך אויס אין דעם פּראָטעסט געגען פּאַרטיי־הערשאַפט, געגען מאַשין־פּאָליטיקס, מען וויל זיך שוין ניט פארלאָזען אף די קאָנוועגשאָנס, וועלכע זיינען אימער געפּאַקט, מ'זוכט מיט אַלערליי מיטלען צו מאַכען דעם וואוטער אונאָפּהענגיג, צו געבען דעם פאָלק די מעגליכקייט אויסצודריקען זיין ווילען אָן פּאַרטיי־באַהעלפערס. צו דיזען צוועק האָט מען אין פילע סטעיטס איינגעפירט די איניציאַטיווע און דעם רעפערענדום ; צו דעם צוועק האָט מען אין עטלאַכע סטעיטס דורכגעפירט א געזעץ אז יעדער וואוטער, וואָס שטימט פאַר א געוויסע פּאָליטישע פּאַרטיי, מוז צוגעלאָזען ווערען צו די פּריימאַריס פון זיין פּאַרטיי, אף וועלכע עס ווערט אָפּגעשטימט וועגען דעלעגאַטען צו פּאַרטיי־קאָנווענשאָנס, אָדער וועגען קאַנדידאַטען, אָדער אפילו וועגען פּאַרטיי־בעאַמטע.

צו יעדער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס זוכט צו דעמאָקראַטיזירען דעם אמעריקאנער שטאָט, האָט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שטענדיק פארהאַלטען קאַלט אָדער פיינדליך, א ביישפּיל האָט איר מיט דער איניציאַטיווע און דעם רעפערענדום, זיי זיינען צום ערסטען מאָל אופגעשטעלט געוואָרען אלס א פּאָליטישע פאָדערונג אין דער פּלאַטפּאָרמע פון דער ס. ל. פּ. אין 1888, זי געפינט זיך אויך אין דער פּלאַטפּאָרמע פון דער ס. פּ., אבער זינט זי איז געוואָרען פּאָפּולער, האָט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געהאַלטען ווייטען פון דער באַוועגונג.

דאָס שטאַמט דערפון, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז ארגאניזירט ווי א פּאָליטישע מאשין, פונקט אזוי ווי די אַלטע פּאַרטייען, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע, וואָס

זאָגט אָפען, אז א פּאָליטישע מאשין איז א נויטיקע זאך, אז די סאָציאַליסטען דארפען אויסבויען אן אייגענע פּאָליטישע מאשין. אלדזשערנאָן לי האָט דאָס אמאָל אויסדריקליך געזאָגט אין א לייט אַרטיקעל פון דעם ניו־יאָרקער פּאַרטיי־אָפּיציאָז:

„די פּאָליטישע מאשין איז אין זיך אליין א גוטע זאך, זי קען דינען א גוטען אָדער א שלעכטען צוועק. אבער יעדער צוועק, צי גוט צי שלעכט, וועט בעסער דערגרייכט ווערען דורך א פּאַרטיי מיט א שטאַרקער מאשין איידער דורך א פּאַרטיי מיט א שוואכער אָדער גאָר אָהן א מאשין*).

דאָס איז ניט קיין פאַראיינצעלטע מיינונג. דער געוועזענער סאָציאַליסטישער אסעמבלימאַן (געזעצגעבער) פון סקענעקטאַדי, הערבערט מעריל, האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין דעמזעלבען זין:

„נאָך אלעמען זיינען פאַראַן אלערליי מאשינען... פאר וואָס זאָלען די סאָציאַליסטען ניט דיסציפּלינירען די מיטגלידער פון דעם ארבייטערקלאַס, זיי זאָלען ווערען רעדער און שרייפלאך פון א מאשין, וואָס זאָל... פאַרזיכערען די אויסאַרבייטונג פון קאָ־לעקטיוויזם און אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע?“**)

אזוי לאנג ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען זעהר קליין, האָט זיך דער געזעץ וועגען איר ניט געקימערט. אבער אין 1907 איז אין דעם סטעיט ניו־יאָרק אָנגענומען געוואָרען א נייער וואַל־געזעץ, וואָס האָט געשטעלט די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי אף א גלייכען פוס מיט די אַלטע פּאַרטייען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויך געמוזט איינפירען ביי זיך פריימערים; יעדער איינער וואָס איז א סאָציאַליסט און וויל שטימען פאר סאָציאַ־ליסטישע קאַנדידאַטען זאָל מעגען קומען צו א סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פריימערי, צי ער האָט א פּאַרטיי־ביכעל, צי ניט, און זאָל מעגען שטימען ניט בלויז, ווער עס זאָל נאָמינירט ווערען פאר א קאַנדידאַט ביי די וואַלען, נאָר אויך פאר מיטגליעדער פון פּאַרטיי־קאָמיטעס.

---

*) „די וואָרקער“, פעברואַרי 19, 1905.

**) „ניו־יאָרק קאָלל“, דזשולייַ 16, 1916.

די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע זיינען ניט מער ווי א צענטעל פון דער צאָל סאָציאַליסטישע וואוטערס. די צענטעל האָט ביז אהער געהאט די מאַכט אויסצוקלייבען די קאַנדידאַטען, פאר וועמען די אנדערע ניין־צענטעל האבען געמוזט וואוטען. די דירעקטע פריימערים גיבען די וואוטערם אליין א דעה איבער דעם, ווער עס זאָל זיין דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

איך קענט זיך פאַרשטעלען, וואָס פאר א שרעק עס איז געווארען צווישען די גענאָסען: עס וועלען קומען אלערליי רעוויזיאָניסטען, זיי וועלען זיך אויך אָנרופען סאָציאַליסטען, וועלען נאָמינירען קאנדידאטען און אפילע אויסקלייבען פּאַרטיי־בעאמטע און פּאַרטיי־קאָמיטעס, אַף דעם אופן וועלען זיי קענען ווערען די בעלי־הבתים איבער דער פּאַרטיי. אין דעם „וואָירקער" זיינען געדרוקט געווען אלערליי פּלענער, ווי אזוי צו מאכען דעם געזעץ צו נישט, די פּאַרטיי זאָל בלייבען, ווי פריהער, די בעל־הבית'טע איבער די וואוטערס.

הילקוויט האָט אריינגעבראכט א פּלאַן אז עס זאָלען עקזיסטירען צוויי פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, איינע אַן אָפיציעלע, ווי דער געזעץ הייסט, וואָס וועט אויסגעקליבען ווערען פון אלע וואוטערס, אַן אנדערע אַן אונאָפיציעלע, וואָס וועט ציהען די דראָטען ביי די פריימערים און וועט שוין זיך פּאָסטארען אַז די „אָרגאַניזעישאָן" זאָל פאַנעווען איבער די וואוטערס ווי בעפאר. אַנאַנדער גענאָסע האָט געטרויסט די ניו־יאָרקער גענאָסען מיט דעםביישפּיל פון וויסקאָנסין: דאָרטען איז אויך פאראַן א פּריימערי־לאָאַ, פונדעסטוועגען האָט די פּאַרטיי־אָרגאַניזעישאָן קיין שוועריקייטען: וואָס זי וויל, דאָס טוט זי, און די וואוטערס זאָגען „באָם". דער „וואָירקער" האָט געזאָגט אין אלייטאַרטיקעל, אז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז זיך פאַרזיכערען געגען דעם געזעץ וועגען די דירעקטע פריימערים, קוקט אַף די אלטע פּאַרטייען, האָט ער געשריבען, זיי פאַרלאָזען זיך ניט אַף די וואוטערס, יעדע פון זיי האָט איר אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס פּאַסט שוין אויף, אַז נאָר אזעלכע קאַנדידאַטען זאָלען נאָמינירט ווערען, וועמען די פּאַרטיי־מאַשין האָט שוין פאַראויס באַשטימט, אלזאָ דיסאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף אין דערין נאָכמאַכען די אלטע פּאַר־

טייען, כדי דער גענעץ ווענען די פריימערים זאָל ווערען צו גאָר־נישט.

די אַלטע פּארטייען ווייזען נאָך עפּעס דורך אַרץ פאַר דעם וואוטער: זיי זאָגען עס: „קומט אריין אין אונזער פּארטיי, מיר ווע̇לען אייך צונעמען מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, איר קענט אויסקלייבען אייערע אייגענע דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן, וואָס וועט אויסארבייטען די פלאַטפאָרמע“. אין דער סאָציאַליסטישער פּארטיי האָבען די סאָציאַליסטישע וואוטערס גאָר־נישט וואָס צו זאָגען. איר מעגט זיין א סאָציאַליסט און וואוטען דעם סאָציאַליסטישען טיקעט, דאָס גיט אבער אייך נאָך קיין רעכט ניט אריינצוטרעטען אין די פּארטיי; איר דאַרפט ערסט אָנגענומען ווערען פון אייער דיסטריקט־אָרגאַניזאַציע. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז אַלע אָרגאַניזירטע ארבייטער פון די פאראייניקטע שטאַטען זאָלען היינט באַשליסען, אז די אַלטע פּארטייען זיינען זיי שוין דערעסען געוואָרען און זיי ווילען זיך אַנשליסען אָן דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. עס וואָלט זיך ווענדען אָן דער פּארטיי־אָרגאַניזאַציע צו זאָגען, ווער עס זאָל אריינגענומען ווערען און ווער ניט; און די פּארטיי־פירעסע האָט זעהר אָפט ערקלערט, אז זי האָט מורא פאַר א צושנעלען וואוקס פון דער פּארטיי, וואָרים דאָס קען שטעלען אין סכנה איר זאָגענאַנטע „אונקאָמפּראָמיס־ליכע“ טאַקטיק. אַלזאָ, א הויפען מענטשען נעמען זיך דאָס רעכט צו ענטשיידען פאַר דעם גאַנצען ארבייטער־קלאַס, ווער עס זאָל האָבען א שטימע אין דער אויסארבייטונג פון אן ארבייטער־פּלאַטפאָרמע און אין דעם אויסקלייבען פון ארבייטער־קאַנדידאַטען, און ווער ניט.

די סאָציאַליסטישע פּארטיי־קאָנווענשאָנס אונטערשיידען זיך קאָם פון די רעפּובליקאַנער אָדער דעמאָקראַטישע. עס איז פאראן א געהיימער קאָקוס פון לידערס, וואָס באַשטימט אין פאראויס ווע־מען מ׳זאָל ארויסשטעלען פאַר א קאַנדידאַט, ווער זאָלען זיין די קאָמיטעס, א רעגעלער „סלעיט“; די עפענטליכע פארהאַנדלונגען פון דער קאָנווענשאָן זיינען ניט מער, ווי א טעאַטער־שפּיל. ווען איר באַלאַנגט ניט צו ערגעץ א קליקע, ווען איר זייט פּשוט א דעלעגאַט, מעגט איר גאַנץ גוט זיצען אין דערהיים, די קאָנווענשאָן האַלט אין איין היילענעס און האָט גאָר קיין צייט ניט פאַר א

גרינדליכע דעבאטע. א „קיקער“ (אן „אונצופריעדענעם“) האט מען פיינט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אקוראט ווי אין די אַלטע פּאַרטייען, נאָר אין טעמעני איז מען צופריעדען דערמיט, וואָס מ'לאָזט עם ניט עפענען דעם מויל, אין דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי וועט מען עם סוף כל סוף אויסשליסען אלס א „פאררעטער“.

געגען אונאפהענגיקע קאנדידאטען איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נאָך מער פאַרביסען, איידער די אַלטע פּאַרטייען: הוירסט איז ניט ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי, נאָכדעם ווי ער איז געלאָפען געגען דעם „רעגעלען“ דעמאָ־קראַטישען פּאַרטיי־קאַנדידאַט פאַר מעיאָר, — דער געוועזענער סאָציאַליסטישער מעיאָר קאולטער, פון בראָקטאָן, איז יע ארויס־געטריבען געוואָרען פון דער פּאַרטיי דערפאַר, וואָס ער איז נאָך אַמאָל געלאָפען אלס אונאָפּהענגיקער קאנדידאַט. די פאַרטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער מאַשין־פּאָליטיק, פאַרשטעהט איר, זיי־נען ניט צופרידען מיט א קאנדידאַט וואָס איז א פאַרטרעטער פּראָסט פון סאָציאַליזם, אלס פּרינציפּ. זיי ווילען דער קאַנדידאַט זאָל זיין א ווערקצייג פון דער פּאַרטיי־מאַשין.

3.

מאַשין פּאָליטיק אין די סאָציאַליס־טישע שטאָט־אדמיניסטראַציעס.

ווען אַ קאַנדידאַט פון טעמעני ווערט ערוועהלט פאַר מעיאָר, איז ער ניט דער דינער פון דער גאַנצער שטאָט, ווי ער האָט געזאָלט זיין נאָך דעם געזעץ נאָך, נאָר ער איז איינפאַך אַ פּריקאַשציק פון טעמעני האָל: ער מוז זיך מישב זיין מיט דער פּאַרטיי־קאָמיטע וועגען יעטוועדער וויכטיקער זאַך, ער איז פאַראַנטוואָרטליך צו דער פּאַרטיי, ניט צו די וואָוטערס. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז באַלד פון אַנהויב אָן געגאַנגען אויך אזוי. דער ערסטער סאָציאַ־ליסטישער מעיאָר אין אַמעריקע, טשעיס, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען פאַר מעיאָר אין העיווערהיל, מאַסאַטשוסעטס, אין 1898, פלעגט זיך וועגען אַלע שטאָטישע עסקים מישב זיין מיט די פאַר צענדליק פּאַרטיי־מיטגלידער. די פאַר טויזענט וואָוטערס, וואָס האָ־בען פאַר איהם געשטימט, האָבען קיין שום דעה ניט געהאַט. אין יענע צייטען איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געווען ניט מער, ווי

א פאראיין פאר פראפאגאנדע. היינט איז זי שוין די „דריטע" פארטיי אין לאנד, אין פילע קליינע און מיטעלערע שטעט האט זי שוין געוואונען די פאליטישע מאכט. זי דארף זיך פארנעמען מיט פראגען וועגען שטאט־פארוואלטונג, און עס ווייזט זיך אויס, אז זי געהט אויף דעם וועג פון די אלטע פאליטישע פארטייען און האלט זיך פעסט אן די זעלבע מעטאדען פון מאשין־„פאליטיקס", נעגען וועלכע עס איז געריכטעט די גאנצע פראגרעסיווע פאליטישע באוועגונג פון די לעצטע יארען.

ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, האלט זיך די מאכט פון די אלטע פארטיי־מאשינען אף דעם „ספאילז־סיסטעם",*) וואס מען רופט אף ניו־יארקער אידיש — די קאריטע. דער ערסטער מיטעל אפצושוואכען דעם ספאילז־סיסטעם איז די „סיוויל סערוויס רעפארם" (די רעפארמע פון דעם ציוויל־דינסט, אף טייטש). די רעפארמע באשטעהט אין דעריין, אז די בעאמטע, וואס טוען פאר די רעגירונג געוואוינלאכע ארבייט, וועלכע האט ניט קיין שייכות צו איר פאליטישען פראגראם, זאלען באשטימט ווערען אף זייערע שטעלען דורך אן עקזאמען, מיט א קאנקורס, ניט דורך פראטעקציע („פול", ווי מ'רופט עס אין אמעריקע). נו, ווען די ערסטע סאציאליסטישע אדמיניסטראציע איז אין 1910 ערוועהלט געווארען אין מילוואקי, א שטאט מיט איבער פיר הונדערט טויזענט איינוואוינער, איז פארבליבען אין קראפט דער אלטער כלל, אז צו קריגען א שטעלע דארף מען האבען א „פול", — ווען ניט א פאליטישען, טו א פערזענליכען פול.

לאמיך אייך געבען א ביישפיל. די סאציאליסטישע שטאט־פארוואלטונג האט באשלאסען איינצופירען א מאדערנעם סיסטעם פון בוכפירונג. דאס איז גאנץ גוט. ווי טוט מען עס אבער? אט האט די אינטערסטעטיש קאמערס קאמישאן מיט צוויי יאר פריהער פארגעשריבען א נייעם סיסטעם בוכפירונג פאר אלע אייזענבאנען און זי האט נויטיק געהאט א סך ספעציאליסטען דערצו, וואס

*) דער אויסדרוק שטאמט פון פרעזידענט דזשעקסאן, וועלכער האט געזאגט באלד נאך דעם ווי ער איז ערוועהלט געווארען, אז „דעם זיגער געהערען די אנגערויבטע אוצרות" (ספאילז), מיינענדיק די שטעלען ביי דער רעגירונג.

זאלען קענען אונטערזוכען די ביכער פון די אייזענבאנען. וואס האט זי געטאן? זי האט אנאנסירט א קאנקורס, און יעדער פאכמאן האט געהאט די געלעגענהייט צו באווייזען וואס ער קען. אף דעם אופן האט די קאמישאן געהאט די מעגלאכקייט אויסצוקלייבען פאר די שטעלען די בעסטע ספעציאליסטען, וואס זיינען פאראן אין אמעריקע. אנאנדער ביישפיל איז די עפענטליכע ביבליאטעקע פון שיקאגא. די שטאט האט געוואלט האבען א הויפט ביבליאטעקאר. די געהאלט איז אן ערך צען טויזענט דאלאר א יאר. געוואוינטלאך קלייבט מען אויס פאר אזעלכע שטעלען א מענטש מיט א גרויסען פול. אבער די קאפיטאליסטישע שטאט־פארוואלטונג פון שיקאגא האט אף די שטעלע אויך ערקלערט אן עפענטליכען קאנקורס פאר אלע ספעציאליסטען אין דעם פאך.

נו, ווי־זשע האט די סאציאליסטישע אדמיניסטראציע פון מילוואקי געהאנדעלט? גאר אף דעם אלטען שטייגער. וויקטאר בערגער איז געפארען קיין מעדיסאן (די הויפט־שטאט פון וויסקאנסין) און האט זיך דארטען נאכגעפרעגט ביי לייטען, צי קענען זיי ניט א ספעציאליסט אין שטאט־פינאנסען, און זיי האבען עם נאראיעט איינעם א מיסטער האגענאו, וואס איז געווען דער אקאונטאנט פאר די אייזענבאן־קאמישאן פון וויסקאנסין.

דער שטרייט צווישען דר. לאן, דעם סאציאליסטישען מעיאר פון דער שטאט סקענעקטעדי, און דער „ארגאניזעישאן“ פון דער סאציאליסטישער פארטיי פון דעם סטעיט ניו־יארק אין 1916 איז ארויסגעקומען פשוט צוליב פאליטישע „דזשאבס“, אזוי ווי עס האט פאסירט מיט עטלאכע יאר פריהער צווישען מעיאר גיינאר פון ניו־יארק און טעמעני־האל.

דער שטרייט צווישען דר. לאן און דער פארטיי־ארגאניזעישאן פון סקענעקטעדי האט זיך אנגעהויבען נאך איידער ער איז נאמינירט געווארען פאר מעיאר. ווי די ניו־יארקער „פאלקס־צייטונג“ האט באריכטעט, האט לאן ערקלערט פאר דעם לאקאל פון דער פארטיי, אז אויב עס וועט עם אויסקומען וועט ער לויפען אלס אונאפהענגיקער קאנדידאט פאר מעיאר. ס'ווייזט אויס, מ'האט ווי עס איז געמאכט שלום, לאן איז נאמינירט געווארען אלס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, ער האט זיך ענטזאגט פון אלע אינדארסמענטס, וואס אנדערע פארטייען הא־

בען עם אַנגעבאָטען, און ער איז ערוועהלט געוואָרען פאַר דעם אַמט פון מעיאָר. דאָ האָבען זיך אָבער באַלד אָנגעהויבען צרות.

אַלס מעיאָר האָט ער געדאַרפט אויסקלייבען די העכסטע בע־אַמטע פאַר די פערשידענע אָפּטיילונגען פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט געפאָדערט פון עם, אַז ער זאָל אָנשטעלען נאָר אַזעלכע לייט, וועמען זי וועט גוט הייסען, און אַז ער זאָל צו דעם צוועק צושטעלען איר אין פאָראויס די נעמען פון אַלע קאַנדידאַטען, וועמען ער וויל אָנשטעלען. אַזוי האָט זיך אימער געפירט אין טעמעני־האָל. פּאַקטיש וואָלט עס געהייסען, אַז דער מעיאָר לאָזט איבער דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אויסצוקלייבען די נויטיגע לייט. פאַרשטעהט זיך, האָט זי געוואָלט אָנשטעלען גו־טע פּאַרטיי־לייט. מעיאָר לאָן האָט געענטפערט, אַז ער איז אַ בע־אַמטער פון דער שטאָט סקענעקטעדי, ניט פון דעם סאָציאַליסטי־שען לאָקאַל, אַז ער איז ערוועהלט געוואָרען פון די וואָוטערס בכלל, ניט נאָר פון די מיטגלידער פון לאָקאַל, און דעריבער איז ער פאַראַנטוואָרטלאַך צו דעם פאָלק פון דער שטאָט. כדי ער זאָל קענען טראָגען די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, דאַרף ער אַליין האָבען די דעה, וועמען צו פאַרטרויען די געשעפטען פון דער שטאָט. ער קען דאָס ניט איבערגעבען צו אַ גרופּע פון אַ פּאָר הונדערט מענ־טשען, וואָס זיינען צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלאַך.

צו פירען די געשעפטען פון אַ שטאָט פון קרוב הונדערט טויזענט איינוואוינער, מוז מען זיין קאָמפּעטענט, עס איז ניט גענוג צו זיין אַ גוט־שטעהענדער מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

צווישען די לייט, וואָס ער האָט אָנגעשטעלט, זיינען געווען עטלאַכע מיטגלידער פון די אַלטע פּאַרטייען. דער סאָציאַליסטי־שער לאָקאַל האָט געזאָגט דעם מעיאָר, אַז עס זיינען פאַראַן צווי־שען זיינע מיטגלידער אַזוינע, וואָס זיינען פּונקט אַזוי קאָמפּע־טענט, ווי די פּערזאָנען, וואָס ער האָט אויסגעקליבען. לאָן, פאַר־קערט, איז געווען מיט דער מיינונג, אַז די לייט, וואָס ער האָט אויסגעקליבען, זיינען די בעסטע.

מילא, ווענגען די מעלות און חסרונות פון די פּערזאָנען איז שווער פאַר אַ זייטיקען מענטשען אַרויסצוזאָגען אַ מיינונג. אפשר

איז דער לאָקאל געווען גערעכט און אפשר איז דער מעיאָר געווען גערעכט. און ווידער, ווי קען מען מעסטען, ווער איז דער בעסערער און ווער איז דער ערגערער קאנדידאט? אף די העכסטע עמטער קען מען ניט אימער באשטימען א קאנדידאט דורך אן עקזאמען. אי דער לאָקאל, אי דער מעיאָר זיינען אין דעם פּונקט געווען אייניק, אז די עמטער, וועגען וועלכע עס איז ארויסגעקומען דער סכסוך, דארף מען באזעצען אָן אן עקזאמען. די פראגע איז נאָר געווען, ערסטענס, ווער זיי זאָלען זיין: צי פּארטיי־מיטגלידער, צי זייטיקע מענטשען, און צווייטענס, ווער זאָל זיי אויסקלייבען: צי דער מעיאָר, צי דער לאָקאל. דאָס זיינען פּרינציפּיעלע פראגען, ניט קיין פּערזענליכע, און דאָס וועלען מיר צוגלידערען.

דער לאָקאל האָט זיך געשטיצט אף דעם, וואָס דר. לאָן האָט א פּאָר טעג פאר זיין איינטריט אין אמט צוגעשטעלט די נעמען פון זיינע קאנדידאטען צום לאָקאל, הייסט דאָס, אז ער האָט אנערקענט דאָס רעכט פון דעם לאָקאל צו זאגען א דעה. נאָר וואָס דען? ער האָט צוגעשטעלט די נעמען צו שפּעט, און איידער זיי האָבען צייט געהאט עס צו מעלדען, אז זיי זיינען ניט מסכים אף זיינע קאנדידאטען, האָט ער שוין די קאנדידאטען באשטימט אף די שטעלען. עס איז אמת, אז פון זיין אייגענעם שטאנדפּונקט, האָט דר. לאָן באגאנגען א פעלער דערמיט, וואָס ער האָט צוגעשיקט דעם צעטעל צו דעם לאָקאל: אויב דער לאָקאל דארף ניט האָבען קיין דעה אין דעם ענין, טו צו וואָס האָט ער געדארפט ארייגשיקען די נעמען צו דעם לאָקאל? עס ווייזט אויס, ער האָט דאָס געטאָן נאָר פון יוצא וועגען, ער האָט פּשוט ניט געוואָלט קריגען זיך מיט דעם לאָקאל. דערמיט אבער, וואָס ער האָט ארייגגעשיקט די נעמען מיט א פּאָר טעג פאר דעם אָנהויב פון זיין טערמין, האָט ער געגעבען אָנצוהערענעס, אז ער וועט אליין אויסקלייבען זיין „קאבינעט“. ער האָט מסתמא געהאָפט, אז דער לאָקאל וועט זיך אויך ניט וועלען קריגען מיט עם און וועט עס אראָפּשלינגען. אין דער טעאָריע וועט דאָס הייסען, אז דער לאָקאל האָט אן אופזיכט איבער דעם, וועמען דער מעיאָר באשטימט פאר די העכסטע עמטער, און אין דער פּראקטיק וועט ער באשטימען, וועמען ער וויל. דאָס איז געווען אן אונגעלונגענער קאָמפּראָמיס. צוליב דעם פּראקטישען רעזולטאט איז דר. לאָן צופרידען געווען צו פארבויגען זיין פּרינציפּ. די גענאָסען פון זיין לאָקאל פארקערט האָבען ניט גע־

מיינט די הגדה, וואָס ער האָט זיי אוועקגעגעבען, זיי האָבען טאַקע געמיינט די קניידלאַך.

די פּאַרטיי טענה'ט, אַז דערמיט, וואָס דער מעיאָר האָט אָנגענומען די נאָמינעישאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ער אַף זיך גענומען אַ פאַראַנטוואָרטלאַכקייט צו דער פּאַרטיי. עס איז ניט פּראָסט אַ פּערזענליכער זיג פון דר. לאַן, עס איז אַ זיג פון דעם קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויב דר. לאַן וועט אין זיין אַמט אָנמאַכען פעלערען, וועט דער פלעק פאַלען אַף די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די גאַנצע פּאַרטיי וועט דורך דעם ליידען ביי די צוקינפטיקע וואַלען. עס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט ניט פּראָסט אום טעכנישע אַרבייט, נאָר אום די פּרינציפּיעלע שטעלונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו די טעגלאַכע געשעפטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער סאָציאַלער פראַגע. דעריבער איז נויטיק, אַז דעם מעיאָרס „מיניסטאָרען", אַזוי צו זאָגען, זאָלען זיין מענטשען מיט סאָציאַליסטישע פּרינציפּען. ווען אָבער מעיאָר לאַן שטעלט אָן אַף דעם פּאָסט פון טשיעף אָף פּאָלים, למשל, אַ מענטשען מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער געזינונג, קען אַזאַ מאַן אָנגעמען אַ פיינדליכע שטעלונג געגען די אַרבייטער אין דער צייט פון אַ סטרייק. דאָס איז איין זייט.

מעיאָר לאַן ענטפערט אַף דעם, אַז ער איז ערוועהלט געוואָרען פאַר דעם אַמט פון מעיאָר פון דער שטאָט סקענעקטעדי, ניט פאַר אַן אַמט אין דעם לאָקאַל, און עס האָבען פאַר עם געשטימט טויזענטער וואָוטערס, וואָס באַלאַנגען ניט צום לאָקאַל. ער איז פאַראַנטוואָרטליך צו זיי — ניט נאָר צו די מיטגלידער פון דעם לאָקאַל. איבערגעבען צו די מיטגלידער פון דעם לאָקאַל די מאַכט צו באַשטימען די העכסטע בעאַמטע פון דער שטאָט, וואָלט באַדייטען, אַז ער האָט פאַקטיש רעזיגנירט זיין אַמט פון מעיאָר צו גונסטען פון אַ קליינער גרופּע מענטשען, וואָס קיינער האָט זיי ניט אויסגעקליבען, דאָס האָט ער קיין רעכט ניט צו טאָן.

דער לאָקאַל האָט פאַרקלאָגט דעם מעיאָר פאַר דער סטעיט קאָמיטע פון דער פּאַרטיי. די סטעיט קאָמיטע האָט געשיקט אַלדזשעראָן לי און נאָך צוויי מעמבערס צו אונטערזוכען דעם סכסוך. לי, ווי איר געדענקט, גלויבט אין אַ פּאָליטישע מאַשין. די איינציקע צרה מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז, נאָך

זיין מיינונג, וואס איר מאשין איז ניט גענוג שטארק. איר קענט לייכט פארשטעהן, אז אויסהערענדיק זיין רעפארט, האט די סטעיט־קאמיטע גע׳פסק׳ענט פאר דעם לאקאל און געגען דעם מעיאר. די „ניו־יארקער פאלקס־צייטונג“ האט זיך רעדאקציאנעל געזעצט שבעה נאך לאנ׳ען, דעם רעפארמער. אבער ער האט מודיע געווען, אז ער אנערקענט ניט דאס רעכט פון דער סטעיט־קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי אריינצומישען זיך אין די פארוואלטונג פון דער שטאט סקענעקטעדי.

מ׳קען ניט לייקענען, אז די סאציאליסטישע פארטיי טראגט א געוויסע פאראנטווארטליכקייט פאר אירע קאנדידאטען. אויב א סאציאליסטישער בעאמטער זאל אוועקגעהען אף א קרומען וועג, וועט דאס געוויס שעדיקען די גאנצע פארטיי. דעריבער האט די פארטיי דאס רעכט אויסצוקלייבען די פערזאן, וועמען זי וויל נאמינירען פאר איר קאנדידאט פאר א פאראנטווארטליכען אמט, ווי דער אמט פון מעיאר. עס איז די פליכט פון דער פארטיי צו זעהן, אז איר קאנדידאט זאל פארשטעהן די פרינציפען פון איר פלאטפארמע, זאל זיין אין איינקלאנג מיט איר טאקטיק און זאל זיין א מענטש, אף וועמען מ׳זאל זיך קענען פארלאזען, אז ער וועט צו יעדער צייט טריי פארטרעטען די פרינציפען פון דער פארטיי.

איז מעיאר לאן א מענטש, אף וועמען די סאציאליסטישע פארטיי האט זיך געקענט פארלאזען? ער איז ניט געווען קיין גרינגער אין דער פארטיי, ער איז שוין איין מאל געווען מעיאר פון סקענעקטעדי און איז דעמאלט אויך געלאפען אלס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אלזא האט די פארטיי געוואוסט, ווי ער וועט זיך האלטען, אויב ער וועט ערוועהלט ווערען נאך אמאל פאר דעם זעלביקען אמט. וויבאלד זי האט געוואוסט, וואס ער איז, און האט עם נאמינירט, הייסט דאס, אז זי פארלאזט זיך אף עם, אז ער וועט איר קיין חרפה ניט אנמאכען. איר נאמינעישאן הייסט, אז זי רעקאמענדירט עם צו די וואוטערס פון דער שטאט סקענעקטעדי אלס א פאסענדען קאנדידאט פאר דעם אמט פון מעיאר. דערמיט ענדיקען זיך אירע פליכטען און אירע רעכטע. אויב ער וועט חלילה טאן עפעס שלעכטס, דעמאלט וועט זי עם מעגען פארדאמען. אבער אויב ער איז יע א פאסענדער מענטש, וועמען די פארטיי קען רעקאמענדירען צו די וואוטערס, א מענטש,

אָף וועמען מ׳קען זיך פאַרלאָזען, טו פאַר וואָס זאָל מען עם וועלען בינדען די הענט אין פאָראויס?

ווי איר זעהט, האָט זיך אין דעם סכסוך צווישען דעם סאָציאַליסטישען מעיאָר און זיין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איבערגע׳חזר׳ט דער זעלבער קאַמפּף געגען פּאַרטיי־הערשאַפט, וואָס געהט שוין אַ פּאָר צענדליק יאָהר אַז אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

די אַמעריקאַנער פּאָליטישע רעפאָרמערס זיינען געקומען צו דער איינזיכט, אַז די פּאַרטיי איז אַ פאַראייניקונג פון מענטשען, וואָס האָבען זיך אַליין אויסגעקליבען פאַר קהל׳שע פאַרזאָרגערס און זיינען צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטליך. דאָס העכסטע, וואָס דער וואָוטער קען טאָן, איז אויסבייטען איין קאָמאַנדע אָף אַן אַנדערע. די רעפאָרמערס האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט און האָבען דורכגעפירט אַ גאַנצע רייהע געזעצען, וואָס מאַכען די ערוועהלטע בעאַמטע פאַראַנטוואָרטליך דירעקט צו די וואָוטערס. אויב די וואָוטערס זיינען אונצופרידען מיט אַ בעאַמטען, האָבען זיי די מיטעל פון עם פּטור צו ווערען.

ענטפערען אָף דעם די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער פון מאַשין־„פּאָליטיקס“, אַז די קאָנטראָליע פון די וואָוטערס עקזיסטירט נאָר אָפּ׳ן פּאַפּיער, — אַז דער גאַנצער עולם דאַרף אופּפּאַסען, לאָזט זיך אויס, אַז קיינער פּאַסט ניט אוף. ווען דער בעאַמטער איז ניט פאַראַנטוואָרטליך צו אַן אָרגאַניזירטער פּאַרטיי, איז ניטאָ ווער זאָל זיך צו עם נעמען, ווען ער פירט זיך ניט ווי געהעריק. מיר מוזען זיך אַלזאָ פאַרלאָזען אָף די פּאַרטיי. מיר ווייסען אָבער, אַז ווען אַן ערוועהלטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־קאַנדידאַט פירט זיך ניט ווי די פּאַרטיי וויל, קען זי עם אויך גאַרנישט ניט טאָן, סוף הכל קען זי געגען עם פּראָטעסטירען, אָבער דאָס קען פּונקט אַזוי גוט טאָן אַ פּריוואַטליכע קאָמיטע פון וואָוטערס. פאַרקערט אָבער, ווען עס איז פאַראַן אַ פּאַרטיי וואָס נעמט זיך אונטער אופּצופּאַסען אָף די ערוועהלטע בעאַמטע, איז ווידער אַ קשיא: ווער וועט אופּפּאַסען אָף די פּאַרטיי גופא? ווען אַלע בעאַמטע זיינען אָפּהענגיק פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלען זיי נאַטירליך פאָלגען דעם ווילען פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ווען אַ מעיאָר פירט זיך ניט ווי געהעריק, טו האָבען די וואָוטערס די

ברירה פאר עם ניט צו שטימען, אויב ער לויפט דעם צווייטען מאָל. די מיטגלידער פון א פארטיי אָבער ערוועהלען זיך אליין. די וואוטערס בכלל האָבען איבער דער מיטגלידערשאַפט פון דער פארטיי גאָר קיין דעה ניט.

כל־זמן עם האָט נאָך עקזיסטירט דער פארטיי־קאָלום אפ'ן באלאָט, האָט מען נאָך געקענט זאָגען, אז דער וואוטער, וואָס האָט געשטימט „סטרייט", האָט מיט דעם צלם אונטער דעם פארטיי־צייכען געשטימט פאר די סאָציאליסטישע פארטיי, ניט פאר די פערזאָן פון ערגעץ א קאנדידאט.*) אפילע דעמאָלט זיינען געווען א סך וואוטערס, וואָס האָבען געשטימט פאר פארשידענע קאנדי־דאטען פון פארשידענע פארטייען. מיט דער איינפירונג פון דעם מאסאטשוזעטס באלאָט, קען מען שוין דאָס בשום אופן ניט באַ־הויפטען. דער וואוטער שטימט פאר יעדען איינצעלנעם קאנדי־דאט באזונדער, ניט פאר דעם קאנדידאט'ס פארטיי. די וואוטערס פון סעקנעקטעדי האָבען ערוועהלט דר. לאָן פאר מעיאָר, ניט דעם לאָקאל סקענעקטעדי, די פאָדערונג, ער זאָל אָנשטעלען נאָר יענע לייט, וואָס די פארטיי רעקאָמענדירט עם אָדער אף וועמען זי איז מסכים, איז א שריט צוריק פון דעמאָקראטיע צו מאשין־פאָ־ליטיק. מעיאר לאָן איז געווען גאנץ גערעכט, וואָס ער האָט צוריק־געוויזען די רעאקציאָנערע פרעטענזיעס פון די פאָליטישענס פון זיין פארטיי.

דערפאר האָט עם די „אָרגאניזעישאן" פון דער פארטיי גע־שמעלט אונטער אן אנקלאגע. ער איז געפונען געווארען שולדיק, און א מאַיאָריטעט האָט עם געוואָלט ארויסווארפען פון לאָקאל, אָבער דערצו דארף מען האָבען צוויי דריטעל מאַיאָריטעט, און דאָס האָבען זיינע געגנערס ניט געהאט. די סטעיט־קאָמיטע האָט באַ־שלאָסען צו „רעאָרגאניזירען" דעם לאָקאל, דאָס הייסט, אוועק־נעמען ביי איהם דעם טשארטער און אָרגאניזירען א נייעם לאָקאל אין וועלכען מען וועט אריינגעמען נאָר אזעלכע פון די פריהערע

*) אויף דעם זשארגאָן פון די פאָליטישענס הייסט דאָס שטימען פאר „אַ געלען הונט", אבי ער איז דער קאנדידאט פון דער פארטיי.

מיטגלידער, וואָס זיינען „סעיף“,*) ווי מ'רופט דאָס אַף דעם לשון פון די אמעריקאַנער פּאָליטישענס, דאָס הייסט, אייגענע מענטשען, אַף וועמען מ'קען זיך פאַרלאָזען.

אין דעם סאָציאַליסטישען לעבען דאָ היע איז דאָס שוין אויך קיין נאָווינע ניט. אין 1897 האָט די אַלטע ס. ל. פּ. אַף דעם אופן רעאָרגאַניזירט די דריי אידישע דיסטריקטען, וואָס האָבען אַקאָרסט געהאַט געגרינדעט דעם „פאָרווערטס“, אַלס אָרגאַן פון דער אָפּאָזיציאָן. מ'האָט אוועקגענומען די טשאַרטערס ביי די דיסטריקטען און אין די נייע „רעאָרגאַניזירטע“ דיסטריקטען האָט מען ניט אריינגענומען קיין איינציקען פאָרווערטסיסט.

די „רעאָרגאַניזעישאַן“ האָט דעמאָלט פּונקט, ווי איצט, געהאַט דעם צוועק פאַקטיש אויסצושליסען פון דער פּאַרטיי די אָפּאָזיציאָן, אָן קיין שום געריכט. איר פאַרשטעהט דאָך, אז ווען מ'וויל אויסשליסען א מיטגליד פון דער פּאַרטיי, דאַרף מען עם שטעלען אונטער אַן אַנקלאַגע און עם געבען א פּראָצעס. אויב מ'וועט געגען עם פּערזענליך עפּעס קענען דערווייזען, קען מען עם אויסשליסען פון דער פּאַרטיי; אויב ניט, בלייבט ער א מיטגליעד פון זיין ברענטש אָדער לאָקאַל. הייסט, ווען מ'זאָל אָנקלאָגען די זעקס און זעכציק מיטגלידער, וואָס האַלטען פאַר לאָנ'ען, טו אין וואָס באשטעהט זייער פאַרברעכען? וואָס זיי האָבען געשטימט, אַז לאָן האָט קיין פאַרברעכען ניט באגאַנגען און עם קומט עם ניט צו באשטראָפען? דאָס איז דאָך ניט מער ווי א מיינונג, און מעג דען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ארויסוואַרפען מיטגלידער נאָר צוליב זייערע מיינונגען? ווען אָבער זייער לאָקאַל איז אופגעלייזט געוואָרען, דאַרפען זיי אריינקומען אַלס נייע מיטגלידער, און דעמאָלט נעמט מען זיי ניט אריין.

מעיאָר לאָן'ס געגנער האָבען אחר המשעה געזוכט אַף עם אַלערליי עבירות. ערסטענס, איז ער פאַר „פּריפּערעדנעס“. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געוועכט טאַקע, וואָס זי פאָדערט פון אירע פאַרטרעטער, זיי זאָלען ניט שטימען פאַר מיליטערישע אויסגאַבען, אבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מעיאָר לאָנ'ען? ער קען דאָך ניט שטימען פאַר אָדער געגען מיליטערישע אויסגאַבען, וואָרים זיין אַמט האָט דערמיט גאָר נישט צו טאָן. אָט איז דער

*) „בלאַגאָנאַדיאָזשנע“ אַף רוסיש.

סאָציאַליסטישער מעיאָר האָט פון מילוואָקי אויך אזוי פּאַטריאָ־טיש, ווי מעיאָר לאָן, עס זיינען פּאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע פירערס פון דער פּאַרטיי, וואָס זיינען פאַר „פּריפּערעדנעס“. אויב די פּאַר־טיי זאָל זיך נעמען צו זיי אַלעמען, וועט זי זיך מוזען צושפּאַלטען*)

צוויטענס, האָט דר. לאָן אַליין געשטימט פאַר דעם פּונקט פון דער קאָנסטיטושאָן, וואָס צווינגט די ערוועהלטע פּאַרטיי־לייט אַנצושטעלען נאָר אזעלכע בעאַמטע, וועמען די „אָרגאַניזעישאַן“ וויל. על כן דאַרף ער פאָלגען דעם געזעץ. ענטפערט ער, אַז איידער ער האָט אָנגענומען די קאַנדידאַטור, האָט ער ערקלערט פאַר אַ מיטינג פון דעם לאָקאַל, אַז ער נעמט אָן נאָר בתנאי, אַז ער זאָל אַליין פריי זיין אָנצושטעלען, וועמען ער געפינט פאַר פּאַסיק.

דאָ שטעלען זיך אַלערליי גמרא־קשיות: צי האָט דער לאָ־קאַל געהאַט דאָס רעכט אָנצונעמען דעם תנאי? צי האָט ער גע־מעגט עובר זיין אויף די פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע, וואָס ער גיט צו, ער האָט געטאָן? די דאָזיקע פראַגען קענען אינטערעסירען נאָר אַן ענגען קרייז מענטשען. פאַר דעם ברייטען עולם שטעהט דאָ אַ וויכטיקערע פּרינציפּיעלע פראַגע: דאַרף דער ערוועהלטער קאַנ־דידאַט אָנשטעלען אזעלכע בעאַמטע, וואָס די פּאַרטיי־„אָרגאַני־זעישאַן“**) רעקאָמענדירט, הגם ער מיינט, אַז זיי טויגען ניט, אָדער ער מעג אויסקלייבען אַ מענטשען, וועמען ער אַליין געפינט פאַר פּאַסענד?

---

*) קורץ נאָך דעם ווי מעיאָר לאָן איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער פּאַרטיי, איז איבערגעגעבען געוואָרען אויף אַ רעפערענדום פון די מיטגלידער פון דער גאַנצער פּאַרטיי אין אַמעריקע די פאָדערונג פון אַ לאָקאַל, אַז וויקטאָר בערגער זאָל אַראָפּגעזעצט ווערען פון דעם אַמט פון אַ מיטגליד פון דער נעשאַנאַל קאָמיטע (צ. ק.) פון דער פּאַרטיי, דערפאַר וואָס ער איז אין דעם „מילוואָקי לידער“ אַרויסגעקומען פאַר „פּריפּערעדנעס“. אָבער די פאָדערונג איז נידערגעשטימט געוואָרען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט. הייסט דאָס, אַז בערגער מעג און לאָן טאָר ניט?

**) „אָרגאַניזעישאַן“ איז דער עדעלער נאָמען פאַר אַ פּאָליטישע מאַשין.

די פּאַרטיי־פירערס ענטפערען אף דעם, אז אויב דער מע־יאר זאל האבען אזא מאכט, קען ער אויפבויען אן איינענע פער־זענליכע מאשין, צוגעגעבען, אז דאס איז מעגלאך, איז דעמאלט די קשיא: וואס איז בעסער, א מאשין, וואס באשטעהט פון מענטשען, יועמעס נעמען אפילו זיינען אונבאקאנט צו די וואוטערס, אדער א מאשין, וואס יווערט קאנטראלירט פון אן ערוועהל־טען שטאט־בעאמטען, וועלכער איז פאראנטווארטליך צו די וואו־טערם און קען אין צוויי יאר ארום דורכפאלען ביי דער וואל, אויב ער האנדעלט געגען דעם ווילען פון די וואוטערס? אדער אנדערס גערעט, וואס איז בעסער: אן „אינוויזיבל גאווערנמענט“, א רעג־גירונג אינו־נראה, וואס איז צו קיינעם ניט פאראנטווארטליך, אדער א רעגירונג, וואס איז פאראנטווארטליך צום פאלק?

עס איז אינטערעסאנט צו הערען, ווי עס ענטפערט אף דעם די ניו־יארקער „פאלקס־צייטונג“, דער ארגאן פון די ארטאדאקסען פון דער היים:

„עס אונטערליגט קיין צווייפעל, דאס דזשארדזש ר. לאן אין דער סאציאליסטישער פארטיי אויסגעשפיעלט האט, דאס די שטאאט־עקזעקוטיווע דען אפעלירענדען גענאסען פאן סקענעקטע־די רעכט געבען אונד איינע רעארגאניזירונג דער דארטיגען פאר־טיי־ארגאניזאציאן פארנעהמען ווירד. דאמיט איסט די פראגע דער פארטיי־צוגעהעריגקייט לאן'ס איין פיר אלעמאל געלעזט. יע־דער סאציאליסט וועט עס בעדויערען... דאס דער מעיאר פון סקע־נעקטעדי מוז פון איצטער אן בעטראכט ווערען פאר א גענ־נער פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג... און דאך איז קיין אנ־דער ברירה ניטא. אויב די סאציאליסטישע באוועגונג פון די פאר־אייניקטע שטאטען וויל זיין טריי צו איר אויפגאבע צו זיין די פארטרעטערין פון די פראלעטארישע ארבייטער אינטערעסען אף דעם פאליטישען און עקאנאמישען געביט, דולדעט זי, דאס איינ־צעלע פערזאנען, פירער זאלען זיך האלטען אזוי הויך איבער דער מאסע, איבער דער ארגאניזאציאן, אז זיי זאלען געהן אף זייער איינענעם וועג, און זיי אכטען ניט און טרעטען מיט די פיס דעם ווילען פון דער פארטיי־מיטגלידערשאפט, טו וועט אויך דיזע פאר־טיי זעהר באלד רעפרעזענטירען ניט די אינטערעסען פון דעם אר־בייטער־קלאס, זאנדערען די אינטערעסען פון איינצעלנע פער־זאנען און קליקען. דר. לאן איז גערעכט, עס האנדעלט זיך אום דעם

פרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, וואָס שטעהט אין שפּיל אין דעם סכסוך צווישען עם און דער פּאַרטיי; נאָר ער שטעהט ניט אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע, זאָנדערען אויף דער זייט פון דעם אונבעגרע־ניצטען רעכט פון דעם יחיד געגען דאָס רעכט פון דער מער־הייט".

עס איז אמת א מחיה צו זעהן, ווי די וועלט שפּיגעלט זיך אָפּ קאַפּויר אין דעם מח, וואָס האָט זיך אופגעהאָדעוועט אין א דייטשער קאַזאַרמע און איז אויסגעפּינישט געוואָרען אין דער אַט־מאָספערע פון אמעריקאַנער מאַשין־פּאָליטיקס. די „אָרגאַניזאַ־ציאָן" ווערט צוזאַמענגעמישט מיט דער „מאַסע". די אָרגאַניזאַ־ציאָן אין סקענעקטעדי וואָס האָט גע'משפּט לאָנ'ען, האָט אָפּגעגע־בען אין גאַנצען וועניקער ווי צוויי הונדערט שטימען ביי איר מי־טינג. פאַר מעיאָר האָבען עס געמאַכט עטלאָכע טויזענט וואָ־טערס. אבער לויט דער „פּאָלקסצייטונג", זיינען די צוויי הונדערט די „מאַסע", און לאָן, דער פאַרטרעטער פון די טויזענטער, וואָס האָבען עם ערוועהלט, שטעלט זיך „געגען דאָס רעכט פון דער מערהייט".

דער מוסר פון דער מעשה איז, אז יעדע פּאַרטיי־רעגירונג איז ניט מער ווי אן אָליגאַרכיע, א רעגירונג פון א קליינע קליקע.

דער פּאָליטישער אידעאַל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אַלזאָ די פּאָליטישע מאַשין. ווערענד די גאַנצע פּראָגרעסיווע באַוועגונג פון די לעצטע דרייסיק יאָר אין אמעריקאַנער פּאָליטיק באַשטעהט אין דעם קאַמפּף געגען די מאַשין, וואָס האָט געמאַכט פון דער דעמאָקראַטיע א הוילע פאָרמאַליטעט, זוכט די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי אופצוהאַלטען די אונפאַראַנטוואָרטליכע הערשאַפט פון די קליקע פּאָליטישענס. אין פּאָליטיק איז זי איינפאַך רע־אַקציאָנער.

4.

פאליטישע „צוגעפוילטקייט“ אין דער סאציאליסטישער פארטיי*)

די חסידים פון דער סאציאליסטישער פארטיי זיינען ביי זיך איינגערעט, אז די סאציאליסטישע פארטיי באשטעהט פון צדיקים, און דעריבער זיינען די אלע רעפארמען, מיט וועלכע מ'וויל זיך באווארענען געגען מאשין־פאליטיק אין די אלטע פארטייען, גאר איבעריק בנוגע צו דער סאציאליסטישער פארטיי. שטימט נאר פאר די סאציאליסטישע פארטיי, וועט איר שוין ממילא האבען אן אמת'ע דעמאקראטיע.

אזעלכע מעשיות האט מען געקענט דערצעהלען אין די אמאליקע צייטען, ווען די סאציאליסטישע פארטיי האט סך הכל געהאט עליות צו פארטיילען*) זינט די סאציאליסטישע פארטיי־באוועגונג איז געוואקסען ביי אונדז אין לאנד און עס זיינען אויסגעוואקסען צייטונגען און ארדענס און יוניאנס מיט גוט באצאלטע בעאמטע, האבען מיר געזעהן, אז א פאליטישע מאשין בלייבט א פאליטישע מאשין, אפילו ווען זי איז באדעקט מיט א רויטען פלאג. לאמיר אקארסט הערען, וואס די „ניו־יארקער פאלקס־צייטונג“ האט געזאגט וועגען דער פארטיי־מאראל נאך אין 1904. די ניו־יארקער „פאלקסצייטונג“ איז כשר סאציאליסטיש און וועט קיין בלבול אף די פארטיי ניט אויסטראכטען.

„אויף אונז העננען די שלאקען דער אומגעבונג נאך אן, אין דער וויר אויפגעצאגען ווארדען אונד אין דער וויר לעבען מי־

---

*) „פארפוילט אדער צוגעפוילט?“ איז געווען די קעפעל פון אן ארטיקעל, וועלכען מאריס ווינטשעווסקי האט געשריבען איבער דעם אינערליכען צושטאנד פון דער ס. ל. פ. אין זיין צייטונג „אמת“ אין 1896.

**) מ'זאגט, אז אין די אלטע פארטייען האלט זיך דער באסיזם אף „בודעל“. מיר ווייסען דאך אבער פון דער ס. ל. פ., אז באסיזם איז מעגליך גאר אן געלט־אינטערעסען.

סען", איז געשטאנען אין אירען א לייטארטיקעל. „צוואר ניכט צור ענטשולדיגונג וואהל אבער צור ערקלערונג קאן אויף די פארגענגע אין דעןביידען אלטען פארטייען הינגעוויזען ווערדען, דערען פראקסיס זיך נאמירליך אויך ביי אונז אין דעם גראדע מעהר אדער וועניגער געלטענד מאכט אלס די איינגעבארענען אמעריקאנער די אבערהאנד געווינען... אימערהין מוז קאנסטאטירט ווערדען דאס די שלעכטען זיטען אמעריקאנישער פאליטיק זיך אין אירען אנ־פאנגען אויך ביי אונז שוין געצייגט האבען."*)

עס איז נאך ניט אזוי ווייט געקומען, ווי ביי די דעמאקרא־טען אדער די רעפובליקאנער, אבער די סאציאליסטען האבען נאך קיין געלעגענהייט ניט געהאט. די רעפובליקאנער פארטיי איז אויך געווען ערלאך איידער זי האט געקראגען די מאכט, און זי האט אויך געהאט אין אירע רייהען די בעסטע מענטשען פון יענער צייט, אבער ווען זי איז געווארען א פאליטישע מאכט, האבען זיך צו איר אריינגעקליבען פאליטישענס און זיי זיינען באלד געווארען די גאנצע מאכערס. פארוואס־זשע זאל דער עולם זיך פארלאזען בלינדערהייט אף די ארענטלאכקייט פון דער סאציאליסטישער פארטיי? א פאליטישע מאשין מיט איר באסיזם, מיט איר דיס־ציפלין, האט זיך ביז איצטער אלעמאל אויסגעוויזען פאר אן אויס־געצייכענטען אינסטרומענט פאר קאררופציאן, דאס איז די געשיכ־טע פון אלע אמעריקאנער פארטייען, און עס וואלט זיין א נס, אז אין דער סאציאליסטישער פארטיי זאל עס צוגעהן אנדערס. פאר א יונגע פארטיי האט זי שוין א נישקשה'דיקען רעקארד.

די סטעיט קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי פון נעבראסקא האט פארעפענטליכט אין דעם ניו־יארקער „וואוער־קער" אינטערעסאנטע פאקטען וועגען דעם ווי אזוי די סאציאל־דע־מאקראטישע פארטיי איז ארגאניזירט געווארען אין יענעם סטעיט אין 1900. ביי דער וואל פאר פרעזידענט אין יענעם יאר איז די פאפוליסטישע פארטיי נאך געווען די צווייטע פארטיי אין נעב־ראסקא, זי האט נאמינירט בראיאנ'ען פאר פרעזידענט, און ער האט געהאט גוטע אויסזיכטען צו געווינען דעם סטעיט. אום עס צו שלאגען, האבען די רעפובליקאנער גערונגען עטלאכע סאציאליס־

*) ניו־יארקער פאלקסצייטונג, דען 11טען יוני, 1904.

טען, זיי זאָלען אָרגאַניזירען אַן אונקאָמפּראָמיסליכע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי און אופשטעלען עלעקטארס פאר דעבס׳ן. מ׳האָט נאָמינירט א פולען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען טיקעט, און די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט געגעבען אַף הוצאות.

פון דעם סטעיט איידאהא האָט א קאָרעספּאָנדענט פון דער זעלביקער פּאַרטיי־צייטונג דערצעהלט אין 1904, אז דער איינציקער טעטיקער לאָקאַל ווערט געפירט פון א באַנדע „סקעבס, דעטעקטיוום און רעפּובלקיאַנער פּאָליטישענס“. איין דעטעקטיוו פון ראָקפעלערס קאָמפּאַני איז געלאָפען אַף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט צוזאַמען מיט אָרענטלאַכע סאָציאַליסטען. „ראָקעפעלער׳ס קאָמפּאַני, וועלכע קאָנטראָלירט די מעטאַל־גרובען און דעם האַנדעל פון דעם דיסטריקט, האָט געוואָלט געווינען די וואַל אין די קאַונטי, און דערצו איז נויטיק געווען צו שפּאַלטען די אַרבייטער וואָוטס צווישען אַלערליי פּאַרטייען, וואָס שטעהען אין אָפּאָזיציע צו די אולטרא־קאַפּיטאַליסטישע רעפּובליקאַנער; מיט זייערע ווערקצייגע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען א לייכטע זאַך אופצושטעלען א סאָציאַליסטישען טיקעט, וועלכער וועט אָפּציהען עפּעס וואָוטס“*)

ווען מען וואָלט זיך דאָס געחלומ׳ט, אז ראָקפעלער זאָל קאָנטראָלירען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דעם טייל איידעהאָ, וואו ער האָט יאָרען לאַנג געפירט א ביטערען קאַמפּף געגען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער?

אין שעבאָיגען, אין דעם סטעיט וויסקאָנסין, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַסי האָט ערהאַלטען איר ערסטען זיג נאָך אין 1898, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי ענדלאַך מיט א פּאָר יאָר שפּעטער ערוועהלט איר אייגענעם מעיאָר און עטלאַכע אַלדערמען. וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען? דער מעיאָר און די אַלדערמען האָבען אָרגאַניזירט אַן אייגענע מאַשין. דורך פּאָליטישע דזשאָבס האָט די מאַשין געהאַלטען אין אירע הענט די סיטי סענטראַל קאָמיטע פון דער פּאַרטיי, און מ׳האָט געמאָלקען די קהלשע בהמה אַף א וויסענשאַפטליכען אופן, ביז די סטעיט קאָמיטע

*) „דהי וואָרקער“, מאַרטש 6, 1904.

איז געצוואונגען געווען אויסצושליסען פון דער פארטיי די גאנצע פארטיי־ארגאניזאציאן פון שעבאיגען. די וויכטיגסטע זאך איז, וואס דאס זיינען ניט געווען קיין זייטיקע פאליטישענס, וואס האבען זיך ארייגגע'גנב'עט אין די פארטיי; דער מעיאר פון שעבאיגען איז געווען א דייטשער סאציאליסט פון דער היים.

אף אין ענגלאנד אופן איז עס צוגעגאנגען אין מאסאטשוזעטס, וואו די סאציאליסטישע פארטיי האט א קורצע צייט געהאט די מעגלאכקייט אויסצובויען אן אייגענע מאשין און צו פארבאפען די פאליטישע מאכט אין א פאר שטעדטלאך*).

דערוויילע זיינען דאס נאך אויסנאמען, גו, איז עס דאך דערוויילע אן אויסנאם, ווען עס געלינגט דער סאציאליסטישער פארטיי, וואו עס איז אויסצוקלייבען א מעיאר. אבער דאס זיינען סימפטאמען, וועלכע באווייזען, אז שוין אפילע היינט איז די פאר־טיי גאר ניט פארסאראנצירט געגען קארופציאן. דערוויילע איז נאך די פארטיי אימשטאנד ארויסצוואגען די קארופטע עלעמענטען: פארגעסט אבער ניט, אז די סאציאליסטישע פארטיי איז נאך דער־וויל צו שוואך זי זאל צוציהען צו זיך א סך פאליטישענס. ווען די סאציאליסטישע פארטיי וועט וואקסען, קען זי זיך ריכטען צו קרי־גען די פאליטישע מאכט דא אין א שטאט, דארטען אין א קאונטי, אדער אין א דיסטריקט, נאך לאנג איידער זי וועט האבען די מאכט „אפצושאפען" דעם גאנצען קאפיטאליסטישען סיסטעם.

לאז זיין, אז די איצטיקע מיטגלידער פון דער פארטיי זיינען אלע ריינע אידעאליסטען און וועלען אונטער אלע אומשטענדען בלייבען דיזעלביקע אידעאליסטען. אבער מיט דעם ווייטערען וואוקס פון דעם סאציאליסטישען וואוט, פון וואנען וועלען זיך נע־מען די סאציאליסטישע וואוטערס, אויב ניט פון יענע, וואס האבען געהאלטען פריהער פאר די אלטע פארטייען? און מיינט איר, אז איר קענט ארייגלאזען אין די פארטיי נאר די „רענק ענד פייל" און פארשפארען די טיר פאר די פאליטישענס? עס זיינען שוין אין דער פארטיי היינט־צו־טאג פאראן געגוג אזוינע אקטיווע מיטגלי־דער, וואס זיינען פריהער געווען טעטיקע פאליטישענס אין אנדערע

---

*) וועגען דעם איז א גאנץ אויספירליכער ארטיקעל ערשינען אין דעם סאציאליסטישען „ניו־יארק קאלל".

פּאַרטייען, און זיי האָבען נאַטירליך געבראַכט מיט זיך זייערע פּאָליטישע מנהגים. זאָל אקאָרסט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווערען אזוי שטאַרק, אז ס׳זאָל זיין זיך ארוב וואָס צו רייבען, און אויב די פּאָליטישע קאָררופּציאָן וועט ביז יענער צייט ניט אויסגערייניקט ווערען דורך די רעפאָרמערס אין אלע פּאַרטייען, טו איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויך ניט פּארזיכערט געגען קאָררופּציאָן.

דעריבער ליגט עס אין דעם אינטערעס פון יעדער פּאָרטשריטליכער באוועגונג, די מאַכט פון די פּאַרטיי-מאַשינען זאָל געבראָכען ווערען און די וואָטערס זאָלען זיך צוגעוואָהנען צו וואָטען אונאָפּהענגיק, נאָך זייער אייגענעם שכל, ניט קוקענדיג אַף די פּאַרטיי. כל זמן דער וואָטער וועט ניט אנטוואוינט ווערען פון זיין פּאַרטיי, אזוי לאַנג איז ניטאָ קיין האָפנונג צו ברעכען די מאַכט פון דער פּאָליטישער קאָרופּציאָן. מיט דרשות, אז מ׳ דאַרף פאָלגען די פּאַרטיי, צי מ׳איז איינפּארשטאַנען מיט איר, צי ניט, העלפט מען באַפעסטיקען די מאַכט פון מאשין-פּאָליטיק אפילו פאַר יענע צייטען. ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט קריגען א דעה אין דער פּאָליטיק. ווען מ׳העלפט אופבויען א פּאָליטישע מאשין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מוז מען זיך ריכטען, אז זי וועט באַנוצט ווערען פאַר קאָרופּטע צוועקען, ווי אין אלע אנדערע אמעריקאַנער פּאַרטייען.

ניינצעטער קאפיטעל.

פרייהייטס־באשרענקונגען אין די סאציאליסטישע פארטייען.

1.

דער קאמפף אום מאכט.

אין אונדזער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט זעהט זיך ארוים אין יעדען מין אונטערדריקונג בולט דער עקאנאמישער אינטערעס. דעריבער איז גאנץ נאטירליך, ווען מען גלויבט, אז נאך דער אפשאפונג פון קאפיטאליזם וועט קיינער ניט האבען קיין אינטערעס צו באשרענקען דעם אנדערענס פרייהייט. דאס איז אבער א פאלשער שלום. מען פארבייט דא די עקאנאמישע ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט מיט דעם עקאנאמישען אינטערעס פון דעם יחיד. לאז זיין, אז אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט וועט שוין גאר ניט זיין קיין פלאץ פאר א קאמפף פון עקאנאמישע אינטערעסען. מיינט איר זשע, אז דער מענטש האט קיין אנדערע אינטערעסען ניט, צוליב וועלכע ער זאל וועלען פירען א קאמפף?

מיינט איר, אז א חוץ געלט איז דעם מענטשען קיין זאך ניט ליב? און וואו איז כבוד? נעמט א לאדזש, א חברה, וויפיל מחלוקת קומען ארוים וועגען עליות, וועגען דעם, ווער עס זאל זיין פרעזידענט? אדער נעמט די געשיכטע פון דער שפאלטונג אין דער סאשאליסט לעיבאר פארטי (ס. ל. פ.) אין 1899: א גרופע פירערס האבען דוקא געוואלט בלייבען פארטיי־בעאמטע, הגם עס זיינען שוין אף זייער שטעל ערוועהלט געווארען נייע, זייערע געגנער. אום וואס האט זיך דא געהאנדעלט? אום געלט? א פאר פון די פירערס האט מען חושד געווען, אז פאר זיי איז דא געגאנגען אום זייערע שטעלען. אויב אפילו אזוי, זיינען דאס געווען נאר א פאר פערזאנען, די איבעריקע, די גרויסע מאיאריטעט, האבען געקעמפפט ניט צוליב דעם, אז יענע זאלען בלייבען ביי זייערע שטעלען. זיי האבען געהאט א פרינציפ, פאר וועלכען זיי זיינען געשטאנען, דעם אונקאמפראמיסליכען, קלאסען־באוואוסטען, ווי־

סענשאפטליכען, רעוואלוציאנערען סאציאליזם. און צוליב דעם פרינציפ האט מען זיך נאך א בעאמטען־וואל אין דער פארטיי געשלאגען מיט אזעלכע וואפען ווי פלאשען, שטולען, שטעקענס און ענדלאך האט מען אפילע גערופען קאפיטאליסטישע פאליסלייט, זיי זאלען שליסען די דעבאטע איבער דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם. יעדער בעאמטען־קלאס וויל אלע מאל בלייבען אין אמט, ווען צוליב געלט, טו צוליב כבוד, ווען ניט צוליב כבוד, טו צוליב עפעס אן אידעע.

איך האב באלאנגט אי צו קלאבס, אי צו לאדזשעס, אי צו פאראיינען און איך האב ניט געזעהען א פאראיין זאל זיין אן א באס, א גענעראל, א מאכער, איך האב געזעהען רעוואלוציאנערע קרוזשאקען אונטערען פעטשערע אין רוסלאנד. קאלאניעס פון פארשיקטע אין סיביר, וויסענשאפטליכע פאראיינען, אומעטום איז פאראן א באס. ס'האט פאר עם רעספעקט און מ'טאנצט ווי ער פייפט. מיינט איר, אז מוירפי אין נויארק איז ניט רעספעקטירט פון זיינע נאכשלעפער? אדער נעמט דעליאנען, האט מען דעם מענטשען ניט פארגעטערט? אבער פרופט מאכען אן אפאזיציע געגען א באס, וואס דער עולם האט פאר עם רעספעקט און לאמיר אקארסט זעהען, ווי וועט איר דעמאלט אויספירען? דער ביישפיל פון סאציאליסטישע באסעס איז וויכטיק דערפאר, וואס עס האנדעלט זיך דא ניט וועגען חאפ־לאפ. א ווארד־הילער אין טעמעני האל מאכט אויס א סך בעסער איידער דער דיקטאטאר פון דער ס. ל. פ. אין אירע בעסטע יארען, ווען ער האט באקומען די ארעמע פאר דאלאר געהאלט אלס רעדאקטאר. פאר וואס זשע זאל די זעלבע באסעריי זיין אונמעגלאך אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, ווען מען האט שוין אפילע אפגעשאפט די מאכט פון דעם געלט־זאק?

אף דערוף ענטפערט מיינער א קריטיקער: די סאציאליסטישע באסעריי שטאמט דערפון וואס דער באס איז געבילדעטער פאר די געוועהנלאכע סאציאליסטישע בשר־ודם'ניקעס, און ווייטער זיינען די גענאסען צו פארנומען אין זייערע פערזענליכע געשעפטען צו באטייליקען זיך אין פארטיי מיטינגען. אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט אם ירצו השם וועלען אלע זיין גלייך געבילדעט און א חוץ דעם וועט ביזנעס זיין צוזאמען מיט פאליטיקס, דעמאלט וועט יעדער איינער אליין וועלען זיין א באס. אין דערין האט איר א גרויסען טעות. ערסטענס האט בילדונג מיט באסיזם גארנישט צו טאן: דער באס איז בשום אופן ניט דער געבילדעטסטער אין דער

פארטיי. ניט מיט בילדונג נעמט ער, נאר דורך זיין שטארקע פער־זענלאכקייט, א באס איז א געבארענער לידער. צוווייטענס, פאר וואס זאל עפעס דער עולם זיך מער אינטערעסירען מיט פאליטיק אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט איידער אין דער קאפיטאליסטישער? אמת, מ׳וועט האבען מער צייט פאר פאליטיק, אבער פון וואנען איז דאס געדרונגען, אז דער עולם וועט אזוי פארקאכט זיין אין פאלי־טיק, אז יעדערער וועט ליבער פארברייגגען זיין פרייע צייט אף ביזנעס־מיטינגען, איידער אף א קאנצערט אדער אין טעאטער? עס זיינען היינט אויך פאראן מענטשען, אפילו אין דער סאציאליסטי־שער באוועגונג, וואס האבען א סך פרייע צייט, טרעפט איר זיי דע־ריבער שטענדיק אף די פארטיי־מיטינגען?

דער באסיזם איז א וועלט־ערשיינונג. אן אינדיאנער טשיף, א יוליוס צעזאר, א ראבעספיער, א נאפאלעאן, א סטאמבולאוו, א ניע־טשאיעוו, א קראוקער, א דעליאן, א פלעכאנאוו, א זשול געד — דאס זיינען נאר פארשידענע עקזעמפליארען פון דעם זעלבען סאציאלא־גישען טיפ.

די פאליטישע פילאסאפיע פון דעם סאציאליסטישען באס־סיזם איז זעהר בולט אויסגעדריקט געווארען אין אן ארטיקעל פון דער „ניו־יארקער פאלקסצייטונג“, וועלכען איך האב שוין פריהער ציטירט*). א „קלאסען־בעוואוסטער“ סאציאליסט דארף זיך אפ־זאגען פון דער גאנצער „בירגערליכער רעכטס־אידעאלאגיע“, דאס הייסט פון די יוגענד־אידעאלען פון דעם אמאליקען רעוואלוציאנע־רען ליבעראליזם.

ניט פרייהייט איז דער לאזונג פון דעם קלאסען־קאמפף, ווי די „פאלקסצייטונג“ פארשטעהט עס, נאר דיסציפלין. וואס הייסט דיסציפלין? דאס איז א סאלדאטסקערווארט, ער באדייט, אז דער סאלדאט מוז פארלאנגען וואס די נאטשאלסטווע הייסט. אף דערויף איז פאראן א פירוש: עס איז פאראן א דיסציפלין פון א קאזארמע און עס איז אויך פאראן א דעמאקראטישע דיסציפלין. א דעמאקרא־טישע דיסציפלין איז אזא דיסציפלין, וואס איז אנגענומען געווארען פון דער גאנצער פארטיי און יעדער טרייער גענאסע דארף זיך צו

---

*) דער ארטיקעל איז געשריבען געווארען צום ערסטען מאי 1893.

איר אונטערוואַרפען. הײנט איז די קשיא: אַף וואָס דאַרף מען די דיסציפּלין? איז דער תירוץ, אַז דיסציפּלין איז נויטיק, אום אופצו־האַלטען די מאַכט און די אײניקײט פון דער פּאַרטײ. קורץ פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע איז אין „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי“ גע־ווען אַן אַרטיקעל וואו עס איז געשטאַנען, אַז די סאַמאָדזשערזשאַ־וויע איז נויטיק אום אופצוהאַלטען די מאַכט און די אײניקײט פון רוסלאַנד. דער פאַרגלײך איז אַ גאַנץ ריכטיקער, וואָרים אין וואָס באַשטעהט די „דעמאָקראַטישע“ דיסציפּלין? און אַ צענזאָר איבער די פּאַרטײ־פּרעסע, איבער די רעדע־פרײהײט פון פּאַרטײ־גענאָסען און דערגלײכען. דער רעדאַקטאָר פון „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי“ און די גוטע דיסציפּלינירטע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ־גענאָסען זײ־נען אײנפערשטאַנען אין דעם פּונקט: אַז מען זאָל יעדען אײנעם לאָ־זען שרײבען, וואָס ער וויל, איז עס געפערלאַך פאַר די אינטערעסען פון זײער אָרגאַניזאַציע. בײ דעם רעדאַקטאָר פון דער רוסישער רע־אַקציאָנערער צײטונג הײסט די אָרגאַניזאַציע די רוסישע אימפּעריע. בײ די סאָציאַליסטישע גענאָסען — די פּאַרטײ, אָבער וואָס מאַכט אוים? דער פּרינציפּ, די טאַקטיק זײנען דיזעלבע.

מיר האָבען אַף דעם געגנוג פּרעצעדענטען, ווי עס רופט זיך אַף דער יוריסטישער שפּראַך.

2.

סאָציאַליסטישע פּאַרטײ־צענזור אין אַמעריקאַ.

קורץ פאַר דער שפּאַלטונג פון דער ס. ל. פּ. אין 1899, בשעת דער „פּיפּל“ איז ארויסגעגעבען געוואָ־רען פון דער „פאָלקסצײטונג“, אַף אירע אײגענע הוצאות, האָט איר דעליאָן ביטער אָנגעגריפען אין דעם „פּיפּל“, ווען זי האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל איהר לאָזען געבען אַן ערקלערונג אין דעם „פּיפּל“ געגען די באַשולדיגונג, האָט די נאַ־טשאַלסטווע פון דער ס. ל. פּ. איר דאָס ניט ראַזרעשעט, און אַ היב־שער טײל פון דער פּאַרטײ האָט עס גוטגעהײסען. די „פאָלקסצײ־טונג“ אָבער האָט געהאַט אַן אײגענע דרוקערײ, האָט זי איר ער־קלערונג אַלײן אָפּגעדרוקט און פאַנאַנדערגעשיקט צו די אָבאָנענ־טען פון „פּיפּל“.

איז דאָס אַן אויסנאַמספאַל? בשום אופן נישט. דער ניו־יאָרקער אידישער „פאָרווערטס“ איז געגרינדעט געוואָרען פון פרייהייטס־ליבענדע סאָציאַליסטען, אויסדריקליך צוליב פרייע קריטיק, מ׳זאָל קענען קריטיקירען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דאַרף מען שוין בעסער? נו, וואו איז די פרייע פּרעסע? דער „פאָרווערטס“ האָט די מאָנאָפּאָליע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע, און ווען זיינע אַנפירערס ווילען נישט, אַז געוויסע שרייבערס, וואָס באַלאַנגען צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זאָלען זיך באַטייליגען אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע צו דער ערעפענונג פון דער קאָנווענשאַן פון דעם אַרבייטער רינג (אין 1916), טו זאָגען די פאַרוואַלטער פון דעם „פאָרווערטס“ לא מיט אַן אלף, און ס׳איז פאַרפאַלען!

וואָס ־ זשע העלפט אונדז, ווען דער פּרינציפּ פון מיינונגס־פרייהייט וואָלט אפילו געווען אַנערקענט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז אין דער פּראַקטיקע איז אין דער פּאַרטייפּרעסע נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר דעם אויסדרוק פון מיינונגען וואָס שטימען נישט איין מיט דער הערשענדער מיינונג?

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אַפילו אין פּרינציפּ ווערט די מיינונגספרייהייט נישט אַנערקענט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס האָט באַוויזען דער באַשלוס פון דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס פון 1912, אַז ווער עס וועט פּרעדיקען סאַבאָטאַזש זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי. ווער עס האַלט פאַר דעם פּרינציפּ פון רעדעפרייהייט און פּרעס־פרייהייט, וואָלט געגען די פּראָפּאַגאַנדע פון סאַבאָטאַזש קעמפּפען מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע געגען דעם סאַבאָטאַזש. דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט אָנעמען אַ רעזאָלוציאָן געגען דעם סאַבאָטאַזש. די נעשיאָנאַל קאָמיטע האָט געמעגט פאַרעפענטליכען אַ רעזאָלוציאָן, אַז זי איז נישט איינפערשטאַנען מיט די מיינונגען פון העיוואוד׳ן, אַז זיין פּראָפּאַגאַנדאַ דריקט אויס נאָר זיין פּערזענליכע מיינונג, און נישט די מיינונג פון דער פּאַרטיי. דאָס וואָלט געווען גאַנץ גענוג. אָבער ווי איר זעט, האָט די פּאַרטיי זיך גענומען דאָס רעכט צו באַשטימען וואָס אַ פּאַרטיי־מאַן מעג זאָגען און וואָס ער טאָר נישט. אף דעם לשון פון דעם אַדמיניסטראַטיווען רעכט רופט מען דאָס צענזור.

און די צענזור איז איינגעפירט געוואָרען דורך א רעפערענדום פון דער גאנצער פּארטיי פון לאנד*)

היינט ווען די סאָציאַליסטישע פּארטיי איז די רעגירונג און די פאבריקען פון דרוק־מאַשינען, פון זעטץ־מאשינען, פון פּאַפּיר, און אז. וו. באלאנגען צו דער געזעלשאפט, וויפיל פרייהייט וואָלט האָבען אן אָפּאָזיציע אונטער איר ממשלה?

3.

ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע פּ אַ ר ט י י ־ צ ע נ ז ו ר א י ן א י ר אָ פּ א.

די אמעריקאנער סאָציאַליסטישע פּארטייען זיינען גאר ניט קיין אויסנאם פון דער גאנצער סאָציאַליסטישער וועלט.

בשעת אלע פראנצויזישע סאָציאַליסטישע פראקציעס האָבען זיך פאראייניקט, איז איינער פון די ערסטע פּונקטען געווען, אז די גאנצע סאָציאַליסטישע פּרעסע איז געשטעלט געווארען אונטער די צענזור פון דער פּארטיי.

די צענזור, וואָס די דייטשע פּארטיי־פּארוואלטונג האָט אין דער צייט פון דער איצטיקער מלחמה ארופגעלעגט אף די סאָציאַליסטישע פּארטיי־פּרעסע איז באקאנט פאר דער גאנצער וועלט. איצטער טאָרען די פּארטיי צייטונגען ניט שרייבען געגען מיליטאריזם. מיט צוויי יאָרען פאר דער מלחמה אבער, האָט דער פּארטייטאג אין כעמניץ אויסגעשלאָסען הילדעבראנד'ן דערפאר וואָס ער האָט גערעדט און געשריבען פאר אימפּעריאליזם און קאלאָניאלפּאָליטיק. זיין עבירה איז נאָר באשטאנען אין דערין, וואָס

---

*) אין אַ קליינשטעטל אין אהאיא איז מען געגאנגען נאָך ווייטער. דאָרטען האָט די פּארטיי באשלאָסען, אַז קיין מיטגליד זאָל ניט דעבאטירען מיט די אנארכיסטען. עס איז אָבער אין שטעדטעל געקומען עמכא גאָלדמאַן האַלטען אַ לעקציע און צוויי מיטגלידער פון דער פּארטיי האָבען מיט איר יע דעבאַטירט. זיי זיינען דערפאר געשטעלט געוואָרען פאר אַ פּארטייגעריכט און סוספּענדירט געוואָרען פון דער פּארטיי אף זעקס חדשים.

ער האָט בשעת מעשה געהאט אנדערע מיינונגען איידער די מאַ־יאָריטעט. דער פּאַרטייטאָג האָט געהאט דאָס רעכט אנצונעמען א שאַרפע רעזאָלוציאָן געגען זיינע מיינונגען. די פּאַרטייגענאָססען האָ־בען געדאַרפט זאָרגען דערפאַר, ער זאָל ניט אויסגעקליבען ווערען פאַר קיין אמט אלס אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי. אָבער אויסשליסען עם פאַר זיינע מיינונגען, הייסט איינפירען א צענזור.

קאוטסקי פּרוּווט אויסצופּשט'לען אן אונטערשיעד צווי־שען שטאַט און פּאַרטיי:

„די פאָדערונג פון פאָלשטענדיקער מיינונגספרייהייט — מאַכט ער — איז א פאָדערונג וואָס דאַרף געשטעלט ווערען צום שטאַט, צו דער מלוכה. ווען מען ווענדעט דיזע פאָדערונג אן אף א פּ אַ ר ט י י פאַרליערט זי יעדען זין, וואָרים א פּאַרטיי באשטעהט אין דעם וואָס זי איז דאָך א פאַראייניקונג פון די אַלע פּערזאָנען, וועלכע שטרעבען אין דער פּאָליטיק בעצם צו דערגריי־כען די גלייכע צילען מיט גלייכע מיטלען און זיי זיינען אין דער באַציהונג פון גלייכער מיינונג. די פּאַרטיי איז אן אָרגאַניזאַציאָן פון ק א מ פ מיט באַשטימטע מיטלען פאַר באַשטימטע צי־לען. דאָס הייסט אלזאָ, אן אָרגאַניזאַציאָן פון קאַמפּף געגען די אַלע וואָס שטעלען זיך אנטקעגען אירע שטרעבונגען, געגען די אַלע וואָס פאַרטיידיגען אנדערע מיינונגען. די באַקעמפּפונג פון באַ־שטימטע מיינונגען איז די אויפגאַבע פון א פּאַרטיי, איר רעכט אף עקזיסטענץ".

קאוטסקי וואָלט געווען גאַנץ גערעכט, ווען עס וואָלט זיך דאָ געהאנדעלט וועגען ערגעץ א פּריוואַטליקען אונטערשטיצונגס־פאַר־איין, אָדער א בילדונגס־פאַראיין, — דעמאָלט וואָלטען די מיט־גלידער פון'ם פאַראיין געקענט זאָגען: מיר ווילען זיך מאַכען א חברה פאַר אונדזער אייגענע פּלעזשור, און אויב איר ווילט צו אונדז באַלאַנגען, טו מוזט איר זיין צופרידען מיט אונדזער פּי־רונג, א ניט — טו בעט אייך קיינער ניט, געהט זיך געזונטער־הייט און מאַכט פאַר זיך אן אייגענע חברה. א פּאַרטיי אָבער האָט צו טאָן מיט עסקים וואָס באַרירען די אינטערעסען פון דעם גאַנצען פּאָלק, ניט פון אירע מיטגלידער אליין. זי נאָמינירט דאָך דעפּוטאַטען פאַר דעם רייכסטאָג וואָס וועלען מאַכען געזעצע

ניט נאר פאר די פארטיימיטגלידער, אבער פאר די גאנצע ארבייטערקלאסע, און עס קען דאך זיין, אז עס געפינען זיך וואוטערס וואס האבען אנאנדער מיינונג ווי די מערהייט פון דער פארטיי ווי אזוי מען קען דעם סאציאליסטישען ציל וואס בעסער און וואס גיכער דערגרייכען. א פארטיי וואס פירט זיך דעמאקראטיש האט קיין רעכט ניט פאר זיי צו פארשפארען די טיר. יעדער סאציאליסטישער וואוטער האט לכל הפחות דאס רעכט צו זאגען א דעה אין אלע פארטיי־עסקים. די מאיאריטעט מעג זיך דערנאך שטימען געגען זיין מיינונג. קאוטסקי'ס פלפול וועגען פארטיי־ און מלוכה איז צונויפגעפאסטריגעוועט מיט ווייסע פעדים. די פארטיי איז א טייל פון דער מאשינערי פון א פארלאמענטארישער מלוכה: זי שטעלט אוף די קאנדידאטען פאר'ן פארלאמענט און פאר די שטאטפארוואלטונג און דער וואוטער האט נאר די ברירה צווישען די פארשידענע פארטיי־קאנדידאטען וועמען אויסצוקלייבען פאר זיינע געזעצגעבער און פארוואלטער. דער היינטיקער פארלאמענטארישער שטאט איז א פארטיי־שטאט; אין א מאנארכיע ווי דייטשלאנד באשטעהט נאר די געזעצגעבענדע געוואלט און די שטאטפארוואלטונג פון פארטיי־פארטרעטער; אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין אמעריקא איז די גאנצע רעגירונג צוזאמענגעשטעלט פון פארטייען. אלזא, ווען איך פארלאנג מיינונגספרייהייט פון דעם שטאט, הייסט דאס, אז איך פארלאנג זי פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, פונקט אזוי ווי פון דער נאציאנאל־ליבעראלער אדער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי.

אבער לאז זיין, אז בראשית, ווען נאט האט באשאפען די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, זיינען אלע סאציאל־דעמאקראטען געווען ענליך איינער צו דעם אנדערן ווי צוויי ארבעס: אלע האבען געהאט אי דיזעלבע צילען, אי דיזעלבע מיטלען. אבער עס איז אוועק א צייט, די וועלט איז ניט געבליבען דיזעלבע, עס האבען זיך ענטוויקעלט נייע אינדוסטריען, נייע לענדער, עס האבען זיך איבערגעביטען די פארהעלטניסע אין דער וועלטפאליטיק, עס האבען אויפגעטויכט נייע פראגען אין דער געזעצגעבונג, און עס איז געקומען א צייט, אז בערנשטיין, וואס איז בשעת דער מחלוקה פון „די יונגע“ אין 1890 געווען פונקט אזא ארטאדאקס ווי קאוטסקי, איז געווארען נאר א רעוויזיאניסט. און ניט ער אליין, נאר א היבשע צאל אנדערע. הייסט דאס, דארף מען זיי ארויסווארפען פון

דער פּאַרטיי? גאַנץ שעהן, אבער מיט וואָס איז מען געזיכערט, אז אין עטלאכע יאָר ארום וועט ווידער ניט אויפטויכען א נייע פּראַגע, וואָס וועט ווידער צוטיילען די היינטיקע אָרטאָדאָקסען אין פארשידענע לאַגערן? א גוטען ביישפּיל האָבען מיר אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מיט עטלאכע יאָר צוריק איז זי באשטאַנען אויסשליסליך פון אָרטאָדאָקסען. אמת, עס זיינען געווע[ן] צוויי אָרטאָדאָקסישע סעקטען: די חסידים (באָלשעוויקעס בלע״ז) און די מתנגדים (מענשעוויקעס), אָבער גאָטספּאָרכטיקע מארקסיסטען זיינען געוועזן אי די איינע, אי די אנדערע: די רעוויזיאָניסטען זיינען אוועק אין די קאַדעטישע פּאַרטיי, אָדער צו די טרודאָוויקעס, און די פרומע גענאָסען האָבען מיט פרייד געזאָגט: ברוך שפּטרני. וואָס־זשע האָט זיך אויסגעלאָזען? אין א פּאָר יאָר ארום האָט זיך די פּאַרטיי צושפּאָלטען אין א האַלב־טוץ קלייזלאַך.

קיינער ניט אָפּלייקענען, אז א פּאַרטיי איז אן אָרגאַניזאַציאָן פון קאַמפף פאר געוויסע מיינונגען און געגען אנדערע מיינונגען. ביי קאָוטסקי׳ן אבער קומט אויס, אז דער איינציקער מיטעל צו באקעמפען א מיינונג איז ארויסצוואַרפען דעם בעל דבר וואָס רעדט אויס די מיינונג. איז דען גאָר קיין אנדער מיטעל ניטאָ? קען מען די שטרייט־פראַגען ניט דעבאַטירען אין פארזאַמלונגען אין דער פּרעסע?

קאָוטסקי׳ן געפעלט ניט וואָס די רעוויזיאָניסטען וואַרפען אויף דעם כעמניצער פּאַרטייטאָג, אז ער האָט געהאַנדעלט ווי א טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע. די קירכע, זאָגט ער, ווען זי פאַרמשפט אן אפּיקורס, נעמט זי ביי אים אוועק די מעגלאַכקייט צו פאַרברייטען זיינע מיינונגען, בעת די פּאַרטיי, ווען זי פאַרמשפּט אן אנדערסדענקענדען, לאָזט זי עם פריי צו פאַרשפּרייטען זיינע מיינונגען. דאָס איז גאָר א שוואַכער תירוץ. ווען א מענטש ווערט אויסגעשלאָסען פון דער פּאַרטיי, ווערט ביי עם אָפּגעשניטען יעדע מעגלאַכקייט צו פאַרשפּרייטען זיינע מיינונגען צווישען דעם איינציקען פּובליקום וואָס אינטערעסירט עם. וואָס טויג מיר, וואָס איך מעג שרייבען רעוויזיאָניסטישע ארטיקלען אין דער „ניו־יאָרק טריביון“, אז אירע לעזער אינטערעסירען זיך גאָר ניט מיט אזוי־

נע פראגען, ווען דער „ניו־יארק קאלל“, וואו מיינע ארטיקלען וואלטען יא געפונען א קרייז פון לעזער, איז פאר מיר פארמאכט?

קאוטסקי וויל בשום אופן ניט געבען דעם איינצעלנעם דאס רעכט צו באשטימען פאר זיך וואס איז א סאציאל־דעמאקראטי־שע מיינונג, און וואס איז ניט: דאס דארף באשטימען דער פארטיי־טאג, דאס הייסט די מאיאריטעט פון דער פארטיי, מיינט ער. דאס הייסט מאכען דעם קאנסערוואטיזם פאר דעם העכסטען געזעץ פון דער פארטיי. יעדער פארטשריט באשטעהט אין דער ענט־וויקלונג פון נייע אידעען, און יעדע נייע אידעע מוז דאך זיין פארשידען פון די אידעען וואס זיינען אלגעמיין אנערקאנט, אנ־דערס וואלט זי דאך ניט געווען ניי. א נייע אידעע ווערט ניט געבארען מיט אמאל אין אלע קעפ, עס הייבט זיך אן פון א קליינע צאל מענטשען. ווען מען זאל זיי פארווערען צו פארשפרייטען זיי־ערע אידעען ביז וואנען דער פארטיי־טאג וועט זיך אויסשפרעכען פאר זיי, הייסט דאך דאס, אז זיי וועלען קיינמאל ניט האבען קיין אויסזיכט צו קריגען די אדאברעניע פון דעם אוטשאני קאמיטעט פון דעם פארטייטאג, ווארים דער פארטייטאג באשטעהט דאך פון פארטרעטער פון דער מאיאריטעט וואס האט קיינמאל נאך ניט געהאט די געלעגענהייט צו הערען די נייע אידעען. חוץ דעם, קענט איהר זיך פארשטעלען, אז ערגעץ א פארטייטאג זאל זיך קע־נען פארנעמען מיט פסק'נען אלערליי סאציאליסטישע שאלות? וויפיל נייע מיינונגען יערלאך וואלט די פארטיי אף דעם אופן גע־קראגען די ראזרעשעניע צו אבסוזשדאיען? דער סאציאל־דעמא־קראטישער יהושע בן נון וואלט געוועזן צופרידען די זון זאל זיך **אפשטעלען פון איין פארטייטאג ביז צו דעם אנדערן.**

צוואַנציקסטער קאַפּיטעל:

סאָציאַליזם און די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט

1.

ד ע ר ג ע ד אַ נ ק פ ו ן „ב ר ו ד ע ר ש אַ פ ט" א י ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע.

אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע ווערט שטענדיק גע'דרש'ענט, אז אים גרונד פון אַלע צרות ליגט די עקאָנאָמישע פראגע. ווען די עקאָנאָמישע פראגע וועט געלייזט ווערען דורך דעם סאָציאַליזם וועט די ראסען־פּראגע שוין ממילא אופהערען צו זיין א פראגע, און אַלע מענטשען פון אַלע נאַציאָנען און אַלע ראסען וועלען ווערען ברידער.

די מעשה איז אַלט, יעזוס האָט ערקלערט, אז ביי דעם רבונו של עולם איז ניטאָ קיין גריכען און קיין אידען, נאָר אַלע מענטשען זיינען ברידער. דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון דעם קריסטענטום האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער וועלט־מאכט פון דער רוימיש־קאַטאָלישער קירכע.

די אופקלערונגס־באוועגונג פון דעם מיטעל־קלאס אין דעם אכצעהנטען יאָרהונדערט האָט ווידער ערקלערט זיך פאר די פאַר־ברידערונג פון אַלע פעלקער. די רעוואָלוציאָנערע בורזשואזיע האָט אויסגעפירט דעם פּראָגראם אף אַזוי פיל, וויפיל עס האָט גע־ניצט דעם קאַפּיטאל און זיין געשעפט. די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציאָן און די קלענערע רעוואָלוציאָן אין דעם נייצעהנטען יאָרהונדערט האָבען ארונטערגעריסען די ראגאטקעס, וואָס האָבען פארצאמט דעם וועג פון איין לאנד אין די אנדערע: דער קאַפּיטאל האָט געדארפט ארבייטער, עמיגראַנטען. די האנדעלס־געזעצע פון אַלע לענדער זיינען היינט די זעלבע: דער קאַפּיטאַליסט קען רוהיק שיקען וואַרע קיין בראַזיליע, קיין רוסלאנד, אָדער יאַפּאַניע, און דיסקאָנטירען זיינע וועקסלען אין לאָנדאָן אָדער פּאַ־

ריז, — די וועלט איז זיין פאטערלאנד, און ער ברענט און מארדעט אין דעם נאמען פון דעם קאפיטאליסטישען קאסמאפאליטיזם, וועלכער הייסט היינט אימפעריאליזם.

און איצט קומט דער סאציאליזם, וועלכער האט די קאסמאפאליטישע אידעען גע'ירש'ענט פון דער רעוואלוציאנערער בורזשואזיע, און זאגט אונדז ווייטער צו גלייכהייט און ברידערלאכקייט פון אלע מענטשען, אים נאמען פון דעם ארבייטער־פראלעטאריאט. „פראלעטאריער אלער לענדער, פאראייניקט אייך!“ איז די נייע תפלה. די פראלעטאריער פון אלע לענדער זיינען ווי איין נאציאן און זיי האבען איין געמיינזאמען פיינט, די פאראייניקטע קאפיטאליסטען פון אלע לענדער. דער וואוקס פון דער ארבייטער באוועגונג בריינגט מיט זיך די ענטוויקעלונג פון פראלעטארישער סאלידאריטעט. אזוי שטעהט אין דער תורה

לאמיר אבער אוועקלייגען די סענטימענטאלע פראזען אן א זייט, לאמיר א קוק טאן וואס דער ארבייטער־קלאס טוט צו פארטיידיקען זיינע קלאסען־אינטערעסען.

2.

די באשרענקונג פון איינוואנדערונג.

דער ערסטער פראקטישער ערפאלג פון דעם אמעריקאנער ארבייטער־קלאס איז געוועזען דער געזעץ, אז מ'זאל ניט אריינלאזען קיין כינעזער אין אמעריקע. אלזא, דער ערסטער פראקטישער אמענדמענט צו דער אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט פון דעם פראלעטאריאט הייסט: פראלעטאריער אלער לענדער, א חוץ כינעזער פאראייניקט אייך! און וויקטאר בערגער, דער אנערקאנטער פירער פון דער אפארטוניסטישער ריכטונג אין דעם אמעריקאנער סאציאליזם, האט נאך באלד נאך דער גרינדונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי געזאגט: אמן! און הערמאן שליטער, א וועטעראן אין דער דייטשער און אמעריקאנער סאציאליסטישער באוועגונג און א פרומער ארטאדאקסישער מארקסיסט, איז אין 1904 אויפגעטראטען אויף דעם אמסטערדאמער אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס פאר די באשרענקונג פון דער איינוואנדערונג פון „ריקשטענדיקע ראסען“.

ווי איר זעהט, האט דער קאפיטאליסטישער קלאס געמאכט
אמעריקע פאר א קאסמאפאליטישע לאנד. דער קאפיטאל האט
פארלאנגט הענט און דערפאר זיינען די טירען געווען אפען פאר די
אונטערדריקטע פון אלע נאציאנען. זינט אבער עס האט זיך אנ־
געהויבען די ארבייטער באוועגונג, האבען די ארבייטער ארויסגע־
שטעלט אלס זייער הויפט פאדערונג די באשרענקונג פון איינ־
וואנדערונג. איר קענט מעסטען דעם וואוקס פון דער ארבייטער־
באוועגונג דורך די שטריינקייט פון די געזעצע געגען איינוואנ־
דערונג, עס האט זיך אנגעהויבען מיט די כינעזער און היינט רעט
מען שוין צווישען ארגאניזירטע ארבייטער, אז עס וואלט געווען
א פלאן אין גאנצען ניט אריינצולאזען קיין אויסלענדישע ארביי־
טער. דאס איז נאטירליך נאר דער אידעאל. אין דערווירקלאכ־
קייט איז מען אלע מאל געצוואונגען עפעס אראפצולא־
זען פון דעם אידעאל. די ארגאניזירטע ארבייטער וואלטען דער־
פאר געווען צופרידען, אז מען זאל ניט אריינלאזען די איינוואנדע־
רער פון „איסטערן ענד סאדהערן יוראפ“, דאס הייסט אידען און
איטאליענער. די פאליצייסקע פריטשעפקעס אף עלים איילאנד, די
גזירות אף אידישע אימיגראנטען האבען די אונטערשטיצונג פון
דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר. אלזא, דער צווייטער פראק־
טישער אמענדמענט צו דער אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט
פון די ארבייטער הייסט: פראלעטאריער אלער לענדער פאראיי־
ניקט אייך, אבער לאמיר זיך בלייבען גוטע פריינט פון וויטען*)

דאס זעלבע קומט פאר אין דעם ארבייטער גן עדן — אין
אויסטראליע. עס זיינען דארטען סך הכל פאראן עטלאכע מיליאן
מענטשען אין א לאנד, וואס איז אזוי גרויס ווי די פאראייניקטע
שטאטען, אבער די ארבייטער פילען זיך ענג און זוכען צו פארבע־
סערען זייער לאגע דורך די באשרענקונג פון איינוואנדערונג.

מען וועט מיר, נאטירליך, זאגען, אז די ארבייטער קענען זיך
ניט העלפען: אונטער דעם קאפיטאליסטישען דרוק זיינען זיי גע־
צוואונגען צו שיצען זיך געגען אונבאשרענקטע קאנקורענץ פון

---

*) א ספעציעלע באהאנדלונג פון דער האלטונג פון דער אמעריקא־
נער סאציאליסטישער פארטיי צו אימיגראציע וועט דער לעזער געפי־
נען אין דעם ערסטען באנד, פערטע אפטיילונג.

אויסלענדישע ארבייטער. לאז זיין אזוי, אבער וואס באווייזט דאס? אז די אינטערעסען פון די ארבייטער פון אלע לענדער זיינען גאר ניט אייניק, ווי מען האט זיך פארגעשטעלט נאר גראד פארקערט: וואס איז גוט פאר דעם אייראפעאישען ארבייטער, וועלכער זוכט צו פארבעסערען זיין ביטערע לאגע, איז שלעכט פאר דעם אמעריקאנער ארבייטער. וואס עס וועט דעם אמעריקאנעם ארבייטער העלפען מאכען אן אנשטענדיקען לעבען, דאס איז א מכה פאר דעם אויסלענדישען ארבייטער. וואו זשע איז די פראלעטארישע סאלידאריטעט, וואס האט געזאלט זיך ענטוויקלען דורך דעם קלאסען־קאמפף פון דעם פראלעטאריאט געגען דעם קאפיטאל?

די סאציאליסטישע תורה לערענט אז די קלאסען אינטערעסען פון די ארבייטער צווינגען זיי זיך צו פאראייניקען און אונטערשיד פון ראסע אדער נאציאן, אבער די פראקטיקע ווייזט, אז עס איז נאך גאר ניט אזוי זיכער. די איינציקע האפנונג איז, אז די פארברייטונג פון סאציאליסטישע אידעען וועט אויסראטען דעם נאציאנאלען האס און די ראסען־פאראורטיילטע. עס איז אבער נאך א גרויסע פראגע אויב דער סאציאליזם אליין איז פארזיכערט געגען דעם איינפלוס פון נאציאנאלע און ראסען פאראורטיילע.

עס האט זיך שוין אפט געטראפען אין דער געשיכטע, אז ווען א נייע אידעע נעמט זיך פארברייטען אין די מאסען, פאסט זי זיך גאנץ גיך צו צו די באגריפע און פאראורטיילע פון די מאסען. ווי שטעהט עס מיט דעם סאציאליזם?

אן ענטפער אף די פראגע וועט אונדז געבען די האלטונג פון די אמעריקאנער סאציאליסטען צו דער ניגער־פראגע.

3.

די לאגע אין די סוים.

ביז ניט לאנג צוריק האט די סויט עקזיסטירט אין גאנצען פון פארמעריי; קאטען (באוועל) איז געוועזען די הויפט סחורה. מ'פלעגט זי ארויספירען קיין אייראפא, און אין די ניו־ענגלאנדס סטעיטס. אפ'ן שטעל זיינען קיין פאבריקעס ניט געוועזען. דורך הוי־

כע איינפּאַרס־צאָלען האָט מען אין די ניו־ענגלאַנד סטעיטס גע־האָלפען די פאַבריקאַנטען אויסצוברייטען זייערע שפּיגערייען און וועבערייען. דאָס הייסט, עס איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסער אַר־בייטער קלאַס. עס האָבען זיך געגומען בילדען יוניאָנס, עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַגיטאַציע פאַר קירצערע שטונדען, געגען קינ־דער ארבייט. די פּאָליטישענס זיינען געצוואונגען געווען ארויסצו־געבען געזעצע עפּעס צו באשיצען די ארבייטער. ווי ווייניק דאָס איז געווען, האָט עס ביי דעם פאַבריקאַנט אין די אויגען אויסגע־זעהען צו גרויס. אַ סך פון זיי זיינען זיך מישב געווען: צו וואָס דאַרף איך פירען קאַטאָן פון סויטה־קאַראָליינאַ קיין באָסטאָן און אויסאַרבייטען עס אין מיין פאַבריקע, וואָלט עס ניט בעסער כדאי געווען צו מאַכען אַ פאַבריקע אפ'ן שטעל און פאַרשפּאָרען אַלע טראָבעל מיט יוניאָן־בעאַמטע און פעקטאָרי־אינספּעקטאָרס?

און עס האָבען זיך געגומען גרינדען פאַבריקען אין די סויטה, שכירות זיינען דאָרטען נידעריק, די שטאַטישע ארבייטער זיינען גאַר אַ קליינער פּראָצענט פון פאָלק און קיינער האָט פאַר זיי קיין מורא ניט. דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער עסט זיך שטענדיק אָפּ די האָרץ, וואָס דער ארבייטער איז אונטערדריקט דורך די טיראַניי פון די יוניאָנס, האָט ענדליך געפונען די אמת'ע לאַנד פון פריי־הייט: דער ארבייטער און דער קאַפּיטאַליסט זיינען ביידע פריי צו באַדינגען זיך וועגען דער ארבייט, ווען עס ווילט זיך דעם ארבייטער דוקא ארבייטען צוועלף שטונדען אַ טאָג, קען עם קיינער ניט שטערען אין זיין פּרנסה. ווען אַן אלמנה בלייבט מיט קליינע יתומים פון זעקס, זיבען יאָר, טו מעג זי זיי שיקען אין דער פאַב־ריקע, זיי זאָלען ארבייטען דאָרטען צוועלף שטונדען ביי־נאַכט און העלפען איר צו פאַרדינען אויף חיונה. אין דער אמת'ן וואָס פאַר אַ תכלית קומט פון זיי ארויס, ווען זיי לויפען ארום ליידיקער־הייט? אין דער פאַבריקע פאַסט מען אויף זיי אויף, זיי זאָלען ניט ווע־רען קיין הולטאַיעס, זיי לערנען זיך „דיסציפּלין“.

די קינדער און די פרויען, וואָס ארבייטען אין די פאַבריקעס האָבען קיין וואוט ניט, האָט מען פאַר זיי ניט וואָס מורא צו האָ־בען, אַז זיי וועלען דורך געזעץ פאַרגוואַלטיקען די אַמעריקאַנער פרייהייט. די טאַטעס האָבען אַ וואוט. אין די סויטה פאַרנעמט זיך אַ גרויסער פּראָצענט פון פּראָלעטאַריאַט מיט „פּאָליטיקס“

שכור'ן און געמבלען אין סאלונס, בעת זייערע ווייבער און קינ־
דער האלטען זיי אוף מיט זייער ארבייט נאטירליך זיינען דער
סארט פראלעטאריער געגען יעדען געזעץ וואס באשרענקט „די פריוו־
הייט פון דעם ארבייטער".

דער קאפיטאל האט האלט פרייהייט. א סך נייע פאבריקעס
האבען זיך אין די לעצטע יארען געגרינדעט אין דער פרייער
סויטה. די שטאטישע באפעלקערונג וואקסט, ארבייטער פון די
דערפער קומען אין די שטעט. עס זיינען נאטירליך אלץ שווארצע.
ביז איצטער האבען די ווייסע ארבייטער אויסגעפירט אין די מערס־
טע פאבריקעס מ'זאל קיין ניגער ניט געבען קיין ארבייט, אבער
דער געשעפט וואקסט, מ'דארף רק מער הענט. וואו נעמט מען
זיי? די ארבייטער פון באסטאן ווילען ניט פארען אין די סויטה,
ווארים דארטען איז דער ארבייטס־לוין זעהר נידעריק. דער קאפ־
פיטאל קען אלזא ניט אויסקומען אן שווארצע הענט. בישלאכוויין
ווערען זיי איינגעפירט אין די פאבריקעס און די קוילען־און אייזען־
גרובען, די יוניאנס זיינען געגען זיי, א סך יוניאנס אין די סויטה
נעמען זיי ניט אריין. נאטירליך זיינען די ניגערס געגען יוניאנס.
דאס איז שוין אליין ווערט געלט פאר דעם קאפיטאליסט. כדי
אבער דעם ניגער זאל ניט אריין אין קאפ צו פאדערען ארבייטער־
געזעצען, האט מען ביי עם אוועקגענומען אלע פאליטישע רעכטע.
דער ווייסער פראלעטאריאט האט אין דערין געהאלפען די קאפי־
טאליסטען.

וואס האט געזאלט זיין די אופגאבע פון סאציאליזם אין די
סויטה? מ'קען דעם סאציאליזם באטראכטען ענטוועדער פאר אן
אלגעמיינעם מענטשלאכען אידעאל אדער פאר אן אויסדרוק פון
די קלאסען־אינטערעסען פון דעם ארבייטער־קלאס. דער אידעאל
פון דעם דעמאקראטישען סאציאליזם איז גלייכהייט, ברידער־
ליכקייט און סאלידאריטעט פון אלע מענטשען. מאכען אן אונטער־
שיד געגען שווארצע איז געגען דעם אידעאל פון דעם סאציאליזם.
די אינטערעסען פון דעם ארבייטער־קלאס פארלאנגען, אז אלע
ארבייטער זאלען האבען א וואוט. ווען מ'נעהמט אוועק דעם וואוט
פון די ניגערס, שוואכט מען אפ דעם ארבייטער־קלאס.

לאמיר־זשע א קוק טאן וואס איז די שטעלונג פון די אמערי־
קאנער סאציאליסטען צו דער ניגער־פראגע אין דער ווירקליכקייט.

4.

סאָציאַליסטישע פּאָליטיק און די ניגערס.

אין 1901 ביי דער קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען די סאָציאַליסטישע פּארטיי, איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע, אין וועלכער די נייע פּארטיי האָט זיך איינגעשטעלט פאר די רעכטע פון דער שווארצער ראסע, מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט די סאָציאַליסטישע פּארטיי אין לואיזיאנא און האָט אין איר סטעיט־קאָנסטיטושאָן איינגעפירט באזונדערע ברענטשעס פאר שווארצע. די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע האָט צוליב דעם ענטזאגט דעם סטעיט־קאָמיטע פון לואיזיאנא אַרויסצוגעבען אַ טשארטער, דאָס האָט ארויסגערופען אַ דעבאטע אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, וואס האָט זיך געצויגען א גאנץ יאָר. פון אנדערע סטעיטס אין די סויטה זיינען אויך אריינגעקומען שטימען אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, אז זיי געפעלט דער פּלאַן פון לואיזיאנא און זיי וועלען זיך אויך ארגאניזירען אַף דעם זעלביקען אופן. דאגעגען איז דעבס אין יענער צייט ארויס מיט אַן ארטיקעל איבער די ניגער־פראגע, וואו ער האָט געזוכט צו באווייזען, אַז דער סאָציאַליזם וועט מאכען א סוף צו דער ראסען־פראגע.

דעבס דערצעהלט איבער דער קאָנווענשאָן פון די אמעריקאָן ריילוועי יוניאָן, וועלכע איז אָפּגעהאלטען געווארען אין 1894, וואו מ'איז ארויס אין סטרייק געגען פולמאנען. דאָס איז געווען אַ העכסט אידעאלער אויסדרוק פון סאָלידאריטעט צווישען ארבייטער. 150,000 מאן זיינען ארויס אין סטרייק צו העלפען 3,000 אַרבייטער פון דער פולמאן קאָמפּאַני, וועלכע האָבען פריהער צו דער יוניאָן גאר ניט באלאנגט און זיינען אריין אין די יוניאָן נאָר צוליב דעם סטרייק. עס האָט ניט געפעלט קיין ענטוזיאזם און זעלבסט־אופּאָפּפערונג, אָבער דער סטרייק איז פארלאָרען געגאנגען. פאר וואָס? ווייל דיזעלביקע קעמפער האָבען זיך ענטזאגט אריינצונעמען ניגער אין די יוניאָן און די ניגערס זיינען דערפאר געגאנגען סקעבען.

דעבס און אלע דירעקטארען פון דער יוניאן האבען געאר־בייט מיט אלע כחות צו ווירקען אף די קאנווענשאן, אז זי זאל ניט מאכען קיין אונטערשיד געגען די ניגערס, אבער זייערע ארגומענטען האבען ניט געהאלפען: די שנאה פון די דעלעגאטען פון די סויטה קעגען דעם ניגער איז געווען שטארקער פאר יוניאן־פרינציפען און קלאסען־אינטערעסען. וואס פאר א ווירקונג האט געהאט די סאציאליסטישע אגיטאציע אין די סויטה? האבען דעבס'עס ארגומענטען געפונען א בעסערען אפקלאנג ביי די סא־ציאליסטען אין די סויטה, ווי ביי די אייזענבאן־ארבייטער אין 1894? אף די פראגע מוז מען ענטפערן מיט „ניין".

די שטעלונג פון דאס רוב אמעריקאנער סאציאליסטען צו דער ניגער־פראגע געפינט איר אויסגעדריקט אין עדווארד בעלא־מי'ס בוך „גלייכהייט", וואס איז ערשינען ניט לאנג פאר זיין טויט, אין 1897. אין זיין אידעאלער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועלען די ניגערס לעבען אפגעזונדערט פון די ווייסע, דערמיט וועט די פראגע געלייזט ווערען. אלזא, א „טשערטא אסעדלאסטי" ווי אין רוסלאנד. א סאציאליסטישע געטא — דאס איז דער סאציא־ליסטישער אידעאל, דאס איז די סאציאליסטישע לייזונג פון דער ניגער־פראגע.

איך האב געזעהען דעם אידעאל שטארק רעקאמענדירט אין דעם „אפיל טו ריזאן".

אף דעם איז נאטירליך פאראן א תירוץ: בעלאמי איז ניט געווען קיין קלאסען־באוואוסטער סאציאליסט, און דער „אפיל טו ריזאן" איז נאך דעמאלט ניט ארויסגעגאנגען אונטער דער רעדאק־ציע פון קלאסען־באוואוסטע גענאסען. ווער קען זיין פאראנט־ווארטליך פאר יעדע זאך, וואס איינעם וועט איינפאלען, וועלכער פרעטענדירט צו זיין א סאציאליסט!

נו וועל איך אייך געבען אן אויסצוג פון דער „ניו־יארקער פאלקסצייטונג", וועלכע איז קלאסען־באוואוסט, אינטערנציאנא־ליסטיש, רעוואלוציאנער, וויסענשאפטליך, אונקאמפראמיסליך און איז שטענדיק גערעכט. אין דעם נומער פון אכטען יאנוואר 1903, האט זי געהאט א לאנגען לייטארטיקעל: „צור לויזונג דעם נעגער פראבלעם". עס שטעהט אין יענעם ארטיקעל אזוי:

„ווען מיר סאָציאַליסטען ערוואַרטען אַ לויזונג פון דעם נע־גער־פּראָבלעם אין די פאַראייניקטע שטאַטען פון דער פאַרניכטונג פון קאַפּיטאַליזם און דער איינפירונג פון אַ סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפט, טו איז דאָס, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, ווייל מיר נעמען אָן, אַז אַ פּערנינפטיקע געזעלשאַפטס־אָרדענונג וועט אין דיזער פראַגע אויך געפינען אַ פּראַקטישערען וועג איידער עס איז מעגלאָך ביז אהער פאַר די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מיט איר ווידערשפּרוך פון אינטערעסען. קיינעסוועגס אבער ניט, ווייל מיר האָפען, אַז מען קען דורך ערגעץ וועלכען אַרגומענט מאַכען שווייגען דעם ראַסען־אַנטאַגאַניזם... עס האַנדעלט זיך דאַרום איי־נע מעגליכסטע טרענונג דער ראַסען, ניכט איין צוזאַמענלעבען דערזעלבען אין איינינערמאַסען גלייך גרויסען מאַסען הערבייצו־פירען... מען מוז זיך קלאָר דעריבער זיין, אַז די נעגער־פּראַגע ווי ווייט מ׳קען פאָראויסזעהען אין דער צוקונפט, וועט עקזיסטירען אַלס פראַגע, ווען מ׳וועט זי ניט באַזייטיגען אין אַ פּראַקטישער וויזע".

דער פּראַקטישער פּלאַן באַשטעהט אין דעריין, אַז אַלע ניגער זאָלען אַריבערקלייבען זיך — „נאַטירליך גאַנץ פריוויליק" — אין עטלאַכע סטעיטס, צום ביישפּיעל, אַלאַבאַמאַ, דזשאָדזשיאַ, מיסי־סיפּי, און סויטה קאַראָליינאַ, און די ווייסע זאָלען פון דאָרטען אַרויסקלייבען זיך. ווען עס וועלען בלייבען אַ פּאָר ניגער ערגעץ צווישען די ווייסע, אָדער אַ פּאָר ווייסע צווישען ניגער, טו קען פון דעם קיין ניגער־פּראַגע ניט אַרויסוואַקסען.

„דאָס ניגער־פּראָבלעם ווערט געלויזט... דער סאָציאַליזם ווירדע אויך מיט דיזער נענער פראַגע שפּילענד פערטיג ווער־דען".

אַלזאָ, ווייטער אַ סאָציאַליסטישע טשערטאַ אָסיעדלאָסטי, אַ סאָציאַליסטישע געטאָ פאַר די ניגער, — אַזוי וועט דער סאָציאַ־ליזם „שפּילענדיק פּטור ווערען" פון דער ניגער־פּראַגע!

ליידער ווערן מאנכע פון אונדז צו יענער גליקלאכער צייט ניט דערלעבען. וואס טוט מען אבער היינט? די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זוכט צו מאכען פּראָפּאַגאַנדע אין די סויט. מ׳האָט ארויס־געשטעלט סאָציאַליסטישע קאנדידאטען, פּרובירט מען צו קריגען וואוטס. די ניגער אָבער האָבען שוין היינט קיין וואוטס ניט: די ווייסע האָבען ביי זיי די וואוטס אוועקגענומען. אלזא מוז מען זיך סטארעווען צו קריגען ווייסע וואוטס, און דער ווייסער האָט פיינט א ניגער. וואָס פאר אן עצה קען זיך געבען אן אונקאָמפּראָ־מיסליכע פּארטיי? איבער דעם באריכטעט די זעלביקע „פֿאָלקס־צייטונג“ אין דעם נומער פון דעם 22טען סעפּטעמבער, 1902. זי דערצעהלט איבער דער סאָציאַליסטישער פּארטיי אין אלאבאמא, וועלכע האָט ביי דער לעצטער וואל ארויסגעשלעפּט קאנדידאטען מיט א פּלאטפּארמע. אין יענער פּלאטפּארמע האָט זיך געפונען אלצדינג אף דער וועלט, נאָר די „נעגער פראגע...“ איז פארשטעהט זיך אויך קלוגער ווייזע ניט דערמאָנט, ווייל, ווען זי איס סאָ־ציאַליסטישען זינע ערוויימערט ווארדען ווערדע, מאן דאמיט דער אגיטאַציאָן איין צו צייט אונאיבערווינדליכעם הינדערניס אין דען וועג געווארפען העטע“.

פּארשטעהט איהר? ווען מ׳וואָלט גערעט אים סאָציאַליסטי־שען זין וועגען דער נעגער־פראגע וואלט דאָס געשטערט דער אגיטאַציע, נו, טו שווייגט מען בעסער צו!

זינט מען האָט ביי די נעגערס אוועקגענומען דעם וואוט, איז אין דעם זעלביקען סטעיט אלאבאמא איבער א נייס איינגע־פירט געווארען ניגער־שקלאפעריי. אבער די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט מורא צו פארלירען וואוטס, דערפאר האָט זי „קלוּר געוויזע די נעגער פראגע ניט דערמאנט“.

היינט זאָגט זשע מיר וואָס איז די נפקה מינה פון א גע־וועהנטלאכען פּאָליטישען צו א סאָציאַליסטישען פּאָליטישען?

די ס. פּ. האָט זיך אין דער ניגער פראגע געהאַלטען אקוראט ווי די רעפּובליקאנער פּאַרטיי, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס די רעפּובליקאנער פּארטיי האָט אין אירע יונגע יאָרען פּאָרט באפרייט די ניגערס און זיי געגעבען פּאָליטישע רעכטע, בעת די סאָציאַליס־

טישע פארטיי שוין אין דעם צווייטען יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט פארגעסען אָן דעם וואס זי האָט צוגעזאָגט ביי איר גרינדונג אין 1901 און האָט געשוויגען שטיל אין אלאבאמא, ווען די אויס־בייטער און הויטשינדער האָבען איבער א נייעס איינגעפירט די שקלאפעריי. אין די נאָרד מעג זיך א סאָציאליסט שרייבען א ברילליאנטענעם ארטיקעל איבער גלייכהייט פון אלע מענטשען אָן אונטערשיד פון הויט־פארב, דאָס זעלבע טוען אויך די רעפובלי־קאנער, ווארום די ראסען־פראגע איז אין די נאָרט, נאָך דערווייל קיין פראגע ניט. אין די סויט אָבער דערלאָזען די רעפובליקאנער מען זאָל ביי די ניגער אוועקנעמען אלע מענטשען־רעכטע און די סאָציאליסטען מאכען אויך א שוויג. דער מאָטיוו איז דאָס זעלבע: מ'האָט מורא מ'וועט חלילה פארלירען וואוטס.

אָבער אין דער צייט ווען די „פאָלקסצייטונג" האָט געדרוקט דעם ארטיקעל, האָט די סאָציאליסטישע פארטיי אין דעם גאנצען סטעיט אלאבאמא אָקאָרשט געהאט געקראגען 2312 וואוטס, דאָס הייסט סך הכל 2 פראָצענט*). אף וואס טויגען די וואוטס, ווען זיי זיינען גאָר קיין סאָציאליסטישע ניט?

מילא, ווען די רעפובליקאנער יאָגען זיך נאָך וואוטס, טו קען מען אף זיי קיין פאריבעל ניט האָבען; זיי מיינען ניט די הגדה, זיי מיינען די קניידלאך. אבער צו וואָס דארפען די סאָציאליסטען די וואוטס? מ'וויל אונדז איינשמועסען, אז ווען מען קריגט וואוטס, מאכט מען דערמיט פראָפאגאנדא פאר דעם סאָציאליזם. ווען אָבער מ' מוז פארשווייגען דעם גרונד־פרינציפ פון סאָציאליזם, ווען מען טאָר ניט ריידען אין דעם סאָציאליסטישען זין, טו וואָס איז דאָס פאר א פראָפאגאנדא פאר דעם סאָציאליזם?

די רעדאקציאָנעלע מיינונג פון דער „ניו־יאָרקער פאָלקסציי־טונג" איז וויכטיק דערפאר, וואָס די דאזיקע צייטונג איז שטענדיק געווען דער שומר פון דער פארטיי אָרטאָדאָקסיע. לאָמיר איצטער

*) ביי דער וואל פון 1901.

אויסהערען א האלב־אפיציעלע שטימע פון יענער גאלדענער צייט, ווען די סאציאליסטישע פארטיי האט נאך כמעט ניט פארזוכט דעם טעם פון פאליטישע דזשאבס און איז נאך געווען ניט מער ווי א פאראיין פאר פראפאגאנדע. אין דעם ווינטער פון 1902 — 1903 האט די נאציאנאל־עקזעקוטיווע פון דער סאציאליסטישער פארטיי געשיקט דזשאן מישעים׳ן, דעם ערסטען סאציאליסטישען מעיאר, וואס איז ערוועהלט געווארען אין אמעריקע, ער זאל פאהרען אין די סויטה אלס ארגאנייזער, ער זאל דארטען טאן סיסטעמאטישע ארבייט פאר דעם סאציאליזם.

אין דער יום־טוב׳דיקער אויסגאבע פון דעם אפיציעלען פאר־טיי־ארגאן „דהי וואוירקער“, וואס איז ערשינען דעם ערסטען מיי 1903, דערצעהלט ער, אז ער האט גערעדט פאר פארזאמלונגען אין א סך וויכטיקע שטעט, אין זיבען סטעיטס. פון דער ראסען־פראגע, זאגט ער, אז זי איז די הויפט־פראגע אין די סויט.

טויזענטער מענטשען, וואס עס עקעלט זיי שוין פשוט פון דער דעמאקראטישער פארטיי, וואלטען פארט דעם דעמאקראטי־שען טיקעט, ווייל זיי האבען מורא פאר ניגער־הערשאפט. — פילע פון זיי — די צאל איז כמעט אומבעשרענקט — וואלטען שטימען פאר דעם סאציאליזם, ווען זיי וואלטען געקענט פארשטעהן דעם חלוק צווישען געזעלשאפטליכער און אינדוסטריעלער גלייכהייט. דאס איז די וויכטיקסטע אורזאכע דורך וועלכע עס איז אזוי שווער צו געווינען די לייט פון דער דעמאקראטישער צו דער סאציאליס־טישער פארטיי.

„פארנינפטיקע סאציאליסטישע רעדנער“, מיינט ער וויי־טער, „וואלטען געקענט פיל אופטאן פאר דעם סאציאליזם אין די סויט. אבער הערט צו וואס איך וועל אייך זאגען, א רעדנער מוז זיין א מענטש מיט פארשטאנד, קאלט ווי ליאד, ווען ער וויל אויסמיי־דען טראבעל, אין פילע געגענטען אין די סויט איז ריידען וועגען סאציאליזם פונקט אזוי ווי טאנצען אף אייער, אבער א מאן, וואס האט די פעהיקייטען, קען האבען דעם גרעסטען ערפאלג“.

אלזא, אט האט איר די סאציאליסטישע „טאקטיק“. מ׳קען אפגעווינען א גוזמה וואוטערס פון דער דעמאקראטישער פארטיי פאר די סאציאליסטישע, ווען מען זאל זיי נאר פארזיכערען, אז די סאציאליסטישע פארטיי וועט באהאנדלען דעם ניגער פונקט אזוי ווי די דעמאקראטישע. אז ניט, קען דער רעדנער האבען צרות.

גלייכהייט איז גאנץ גוט אין שאפ, אבער „געזעלשאפטליכע גלייכהייט“, — ווער רעט גאר פון אזעלכע זאכען? דער סאציא־ליסטישער רעדנער מוז אלזא פארזיכערען זיינע צוהערער אין די סויט, אז אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט וועט מען די ני־גערס ניט צולאזען אין די זעלביקע סקולס און קאלעדזשעס, ווי די ווייסע, מ׳וועט די ניגערס ניט אריינלאזען אין די זעלביקע פאבליק לייברעריס, אין די זעלבע פארקס, אין די זעלבע קארס, — ווארים דאס הייסט אלץ „געזעלשאפטליכע גלייכהייט“ אין די סויט. ווער רעט שוין פון פאליטישע רעכטע. די ניגערס זיינען אין דער מאַ־יאריטעט אין די סויט; ווען מ׳זאל זיי לאזען וואוטען צוגלייך מיט די ווייסע, וועט דאך זיין „ניגער־הערשאפט“. און דער וואוטער אין די סויט וועט גיכער שטימען פאר דעם קאפיטאליזם מיט דער הערשאפט פון דער קארופטער דעמאקראטישער פארטיי, איידער פאר דעם סאציאליזם מיט ניגער־הערשאפט.

דער סאציאליזם אין די סויט מוז אלזא זיין א סאציאליזם פאר דעם ווייסען מענטשען. — דאס האבען מיר שוין געהערט פון די „רעפארמערס,“ דאס זעלבע זאגט דער שליח פון דער „אונקאמ־פראמיסליכער אינטערנאציאנאלער פארטיי“.

מען מוז געדענקען, אז טשעים אליין איז פון העיווערל, מאַ־סאטשוסעטס, וואו דער ניגער ווערט באהאנדעלט פון דעם געזעץ גלייך מיט דעם ווייסען און דער ראסען־האס איז ניט קענטיק פון אויבען אן.

די ניגער־פראגע איז א סך דיסקוטירט געווארען אין דער סאָ־ציאַליסטישער פרעסע פאר די וואַלען פאר פרעזידענט אין 1904.

נאָך בראיאן׳ס נידערלאגע ביי דער וואל פון 1900 האבען די דעמאָקראטען פון די סויטה געקראָגען די אויבערהאנט איבער דער גאַנצער דעמאָקראטישער פארטיי, ווייל זיי זיינען געווען די איינ־ציקע דעמאָקראטען, וואָס זיינען געבליבען ביי׳ן רודער. די „בור־באָנען" פון די סויט זיינען באקאנט פאר די פארביסענסטע רע־אקציאָנערן, מען האט געוואוסט אין פאראויס, אז ביי דער וואל פאר פרעזידענט אין 1904 וועלען זיי פרובירען פאראייניקען ארום זייער קאנדידאט אלע רעאקציאָנערע עלעמענטען פון לאנד. מען האט זיך גערעכנט ריכטען, אז א טייל פון די ראדיקאלע דעמאָקרא־טען וועלען אוים פראָטעסט שטימען פאר דעם סאָציאליסטישען קאנדידאט. די רעכענונג האט זיך אויסגעוויזען פאר ריכטיק: דער דעמאָקראטישער קאנדידאט פארקער האט אנגעוואָרען כמעט א מיליאָן וואוטס פון, די וואס בראיאן האט געקראָגען אין 1900, און די סאָציאליסטישע פארטיי האט צוגעקראָגען 300,000 נייע וואוטס צו די 100,000, וואס זי האט געצויגען ביי איהר ערסטען קאמפעין פאר פרעזידענט אין 1900.

אין דער צייט, ווען מען האט זיך געגרייט צו דעם קאמפעין פון 1904, זיינען אין דער אמעריקאנער סאָציאליסטישער פרעסע אויסגעשפראָכען געווארען מיינונגען, אז מ׳דארף אָפשאפען די רעזאָלוציע, וואס די קאָנווענשאָן אין אינדיאנאפאָליס האט אנגענו־מען לטובת די ניגער מיט דריי יאָהר פאר דעם.

דער רעדאקטאר פון דעם „אינטערנעישאנאל סאָשעליסט רע־וויאו" האט זיך געווענדט צו די מיטגלידער פון דער פארטיי, זיי זאָלען זיך אויסשפרעכען איבער די פראגע מיט וועלכע די קאָנווענ־שאָן האט זיך גענרארפט באשעפטיקען. אונטער די בריף, וועלכע זיינען פארעפענטליכט געווארען געפינען זיך דריי, וועלכע באַ־

האנדלען די ניגער־פראגע. איינער פון זיי איז געקומען פון אן אל־טען מאן, וועלכער איז אמאל געווען א שקלאפען־אייגענטימער און איז געגאנגען אין מלחמה אופצוהאלטען די שקלאפעריי. ער איז דער איינציקער פון די שרייבער, וועלכער רעט ווי א מענטש. ער דערצעהלט, אז ער איז געווען א רשע א פריץ פאר זיינע שקלא־פען. „איך פלעג זיי שלאגען — זאגט ער — אן קיין שום פריטשי־נע, ווייל איך האב זיך געהאלטען פאר עפעס בעסערס פון זיי. די צייט האט באוויזען, צו זייער אייביקען כבוד, און צו מיין אייביקער חרפה, און צו דער אייביקער חרפה פון אונדזער ראסע, אז דער ניגער איז געווען בעסער פאר אונדז".

ווייטער דערצעהלט ער וועגען דעם בירגער־קריג און צום סוף זאגט ער אזוי:

„איך בין ענטשלאסען צו פארטיידיקען די פאליטישע און עקאנאמישע רעכטע פון דער פארביקער ראסע, און וואס אנבא־טרעפט זייערע רעכטע און אומגאנג צווישען לייטען, טו וואלט איך בעסער פירען באקאנטשאפט מיט א ניגער, וואס וועט מיר אנקארמענען, איידער מיט א ווייסען מאן, וואס וועט מיך לאזען ארומגעהן א הונגעריקען".

אבער דער מאן איז נאטירליך א „געפילס־סאציאליסט", א „סענטימענטאליסט", די „אונקאמפראמיסליכע", וויסענשאפט־ליכע, קלאסענבאוואוסטע", רעוואלוציאנערע ריידען גאר אנדערס. ערסטענס לאמיך אייך פארשטעלען גענאסע ווילשיר'ן. גענאסע ווילשיר איז ניט אבי־ווער. ער האט א צייט לאנג ארויסגעגעבען א זשורנאל וואס האט געהאט א גרויסע סירקולעישאן, ער איז גע־ווען א פארטיי־רעדנער, ער איז געווען א סאציאליסטישער קאנ־דידאט פאר דעם ענגלישען און פאר דעם קענעדער פארלאמענט און פאר דעם אמעריקאנער קאנגרעס. ער איז אלזא אין יענער צייט געווען א לעבעדיגע פארקערפערונג פון דעם „אינטערנא־ציאנאלען סאציאליסטישען פראלעטאריאט"*).

---

*) שפעטער איז ער „אראפ פון וועג", איצטער איז ער א סינדי־קאליסט.

„עס איז גאנץ גוט באקאנט, זאָגט ער, אז איך בין בשום אופן ניט קיין אפּאָרטוניסט, אין דעם זין, אז איך זאָל האלטען פאר אזוינע געזעצע וואָס קענען שריט ביי שריט ארייגברינגען דעם סאָ־ציאליזם, נאָר איך בין ענטשידען אן אפּאָרטוניסט ווען עס קומט צו מאכען פּראָפּאגאנדע. איך האלט ניט דערפון, אז סאָציאליס־טען זאָלען עפּעס טאָן אזעלכעס, וואָס מאכט זיי אזוי פארהאסט אין דער געזעלשאפט, אין וועלכער זיי לעבען, אז זיי קענען ניט קריגען קיין צוהערער... יעדע זאך, וואָס שטערט דעם סאָציאליסט. דער עולם זאָל זיך צו עם צוהערען, איז א שטערונג פאר דעם סאָ־ציאליזם... וואס איז שייך צו דעם ניגער, טו וואָס ווייניקער מיר סאָציאליסטען וועלען ארייגלאָזען זיך אין בלאָטע, אין פּאָמאַיעס וועגען אונדזערע רויטע, שווארצע און געלע ברידער, וועט אלץ זיין בעסער“.

דער זין איז גאנץ פּראָסט: די אמעריקאנער ליבען ניט, ווען מ'רעט וועגען ברידערלאכקייט מיט ניגערס, מיט די כינעזער, מיט אינדיאנער, — איז דערפאר גלייכער וועגען דעם צו שווייגען. די רייד וועגען ברידערלאכקייט זיינען ניט מער ווי „בלאָטע“.

ער איז חלילה קיין אפּאָרטוניסט: ווען עס זאָל פארקומען די פראגע, צי מ'זאָל מאכען עפּעס א געזעץ, אז דער לענדלאָרד זאָל ניט קענען ארויסווארפען דעם טענענט, איינס־צוויי־דריי, אפ'ן גאס, וועט ער זיין דאגעגען; מ'מוז צואווארטען ביז דער סאָציאליסטי־שער רעוואָלוציאָן, אבער וואו עס האנדעלט זיך וועגען סאָציא־ליסטישע פּרינציפּען, דאָרטען, זאָגט ער, איז ער אן אַפּאָרטוניסט.

אן אנדערער פון די גדולים פון דער פּארטיי פון יענער צייט, טשארלז דאָבבז, וועלכער איז א צייט געווען נעישאָנאל קאָמיטע־מאָן פון קענטאָקי, שרייבט אזוי:

„נאָך מיין מיינונג נאָך, איז די רעזאָלוציע וועגען די ניגער, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען ביי דער קאָנווענשאָן אין אינדיא־נאפּאָליס אין 1901, געווען א טעות. ניט ווייל מיר דארפען פאר־

שפארען די טיר פאר דעם שווארצען מאן'ס נאז, נאר ווייל די רעזאלוציע צייכענט זיך אוים דורך א סענטימענטאלען, היסטערישען גייסט. אין דערווירקליכקייט איז זי געווען אן איינלאדונג צו דעם „ברודער אין שווארצען” צו קומען ארומנעמען זיך מיט אונדז און צוקושען זיך ווי ברידער. דער ניגער, אויב ער איז אינטעליגענט גענוג צו פארשטעהן, וואס די סאציאליסטען ווילען, וועט קומען צו אונדז אן א סענטימענטאלען אופרוף... אלס ראסע פעלט דעם ניגער־ארבייטער אין די סויט דער שכל און דער מוט, וואס מ'באדארף צו זיין א סאציאליסט. מאכען פון זיין לאגע א באזונדערע פראגע איז נאריש, ווייל ער וועט ברייננגען וויניקער דיווידענדען אף די ענערגיע, וואס מ'מוז אויפברייננגען אום עם צו באקערען, איידער יעדער אנאנדער ארבייטער אין דער גאנצער וועלט. מאנכע פון אונדזערע געננאסען געפינען עם פאר זעהר שווער איינצוהאלטען זייער ברענענדיקע ליבע צו דעם שווארצען מאן*) אבער אונדזער פארטיי־פאליטיק דארף זיך אויסצייכענען דורך פראסטען שכל, ניט דורך ברענענדיקייט. און דער פראסטער שכל זאגט, אז עם איז ניט ווערט צו פיל זיך צו מאטערען אום ארייננצוכאפען דעם ניגער. מיר אפעלירען צו לאהן־ארבייטער, און עם מאכט אונדז גאר ניט אוים, צי דער לאהן־ארבייטער האט ברוינע אויגען, אדער בלויע, צי ער איז שווארץ, צי ווייס. דא פראטעסטירען מיר גענען ראסען־אונטערשידען און באלד מאכען מיר זיי נאך שארפער, דורך דעם, וואס מיר נעמען אן, אז די ראסע פון דעם ארבייטער גיט עם א באזונדערע שטעלונג. לאמיר ניט מאכען דעם טעות, לאמיר ניט ארויסגעבען קיין מארגיידזש (היפאטעקע) אף די צוקונפט, אז מיר ווילען האלטען וואס מיר זאגען צו וועגען דער פירונג אין דער קאאפעראטיווער וועלט. יעם איז מעגלאך, אז אונדזערע ווייסע פרויען וועלען זיין דעזדעמאנעס און וועלען זיך משדך זיין מיט אטעלאס, און די ווייסע מענער וועלען נאכטאן שלמה המלך און נעמען זיך ווייבער משבא. און אפשר טאקע ניט. מ'קען קיינמאל אין פאראוים ניט זאגען”.

---

*) דאס איז א שטאך דעבס'ן, וועלכער האט מיט א פאר מאנאט פאר דעם פארעפענטליכט אן עדעלען ארטיקעל וועגען דער פראגע אין דעם זעלביקען זשורנאל.

עס לעזט זיך פונקט ווי א לייטארטיקעל אין א קאפיטאליס־טישער צייטונג אין די סוים. הערט זיך נאר צו צו די חכמה'צקעס וועגען „ברידערליכקייט“, ווי כיטרע מען פרובירט דאס צו פארשי־טען אייך זאמד אין די אויגען, וואס עס מאכט עס ניט אויס „צי דער לאהן־ארבייטער איז שווארץ, צי ווייס“. און באלד קומט דער סטערעאטיפּנער ארגומענט פון דעם פּאליטישען, אז דער ני־גער געהט שוין משדך זיין זיך צו „אונדזערע ווייסע פרויען!“

לאמיר זעהען צו פארשטעהן, וואס דער סאציאליסטישער פּאליטישען האט דא אנגערעט. מיר זיינען געגען ראסען־אונטער־שידען, זאגט ער, און צו דער זעלבער צייט רעדען מיר באזונדער וועגען דעם ניגער. וואס מאכט דאס אויס שווארץ צי ווייס, אבי אן ארבייטער!

דער פאקט, וואס מ'האט ביי דעם ניגער אוועקגענומען אלע פּאליטישע רעכטע, ווייל „ער האט ניט גענוג שכל“ צו זיין א וואר־טער, וואס מ'לאזט עס ניט אריין אין די סקולס אין־איינעם מיט ווייסע און מ' גיט ניט אויס גענוג געלט אף באזונדערע סקולס פאר ניגער; וואס מ'לאזט עס ניט אריין אין א טעאטער, אין א ביבליאטעקע, אף א לעקציע. וואס עס זיינען פאראן א סך יוניאנס, וואו מען נעמט ניט אריין קיין פאבריקע ארבייטער — ווער רעדט שוין פון דער ערנידעריגונג, פון די באליידיגונגען, וואס א ניגער מוז אויסהאלטען אין די סויטה, ווען אפילו סאציאליסטען לאזען עם ניט אריין אין זייערע ברענטשעס אין איינעם מיט ווייסע, — פון דעם מאכט זיך אונדזער סאציאליסטישער פּאליטי־שען גאר ניט וויסענדיק.

די ניגער־פראגע איז א באזונדערע פּאליטישע פראגע אין די סויטה, און א פּאליטישע פארטיי מוז צו איר שטעלונג נעמען. עס באצאלט זיך אבער ניט, מאכט דער „אונקאמפראמיס־ליכער“ פּאליטישען: וואס איז די פעולה אנצונעמען זיך פאר דעם ניגער'ס קריוודע, אז פון עם וועט קיין סאציאליסט סיי ווי סיי ניט ווערען! און עס ווייזט אויס, אז אפילו ווען דער סאציא־

ליסטישער משיח וועט שוין קומען, וועט מען דעם ניגער אויך באַהאנדלען ווי חם'ס אַן אייניקעל.

דאָס זיינען ניט קיין פאַראיינצעלטע מיינונגען, דאָס איז דער גייסט פון די סויטה אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי*).

די פראגע וועגען די ניגערס איז ניט באריהרט געוואָרען ביי דער סאָציאַליסטישער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אין 1904, און איז זינט יענער צייט אָפיציעל פון דער פּאַרטיי פון דעם גאַנצען לאַנד קיינמאָל ניט באהאנדעלט געוואָרען. אין דעם סטעיט אַקלאַהאָמאַ, וואו די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז שטאַרקער, ווי אין ערגעץ אַנאַנדער סטעיט, האָט זי זיך אָנגענומען פאַר די שוואַרצע, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אריינגעבראכט א ביל אָוועקצונעמען ביי זיי דאָס שטימרעכט. אָבער אַקלאַהאָמאַ גע־

*) אָט האָט איר אַ סעמפּל פון וויקטאָר בערגער'ס „סאָשעל דעמאָקראַטיק העראַלד“, נאָך פון די גוטע אַלטע צייטען, אין דעם נומער פון דעם ניינצעטען פעברואַר, 1903, איז ערשינען אַ נאָטיץ אונטערשריבען פון אַ געוויסען סלייסאָן פון אלאבאמא, וואו עס ווערט אַנאָנסירט צום פאַרקויפען אַ פאַרם אין אַלאַבאַמאַ אין אַ געגענד „אָן אַ ניגער, פריי פון קדחת, מיט אויסגעצייכענטע וואַסער און אַ וואונדערשעהנעם קלימאַט“. אַלזאָ, ניגערס זיינען גערעכענט פאַר אַזאַ מכה, ווי קדחות; ניטאָ קיין ניגער — איז אַזאַ מעלה, ווי גוטע וואסער און אַ גוטער קלימאַט. איהר וועט זאָגען, עס איז אַן אַדווערטייזמענט (אגב איז עס ניט, עס איז אַ סאָרט שטימע פון פאָלק), און פאר אַן אדווערטייזמענט איז די רעדאַקציע ניט פעראַנטוואָרטליך. איך וויל אָבער, איר זאָלט באַטראַכטען: דער „סאָשאַל דעמאָקראַטיק העראַלד“ איז עפּעס געווען אַזאַ פאַרברייטעטע ביזנעס צייטונג, וואָס עס האָבען געשאָטען זיך דאָרטען אדווערטייזמענטס אַזש פון אלאבאמא? מ'פאַרשטעהט דאָך, עס קומט פון אַ לעזער, דאָס הייסט, לכל הפחות, פון אַ סאָציאַליסטישען סימפאטייזער, און ביי עם קומט אויס גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער, וואָס וועט לעזען זיין נאָטיץ אין דעם „העראָלד“, וועט עס אויך האַלטען פאַר א מעלה, וואָס מ'טרעפט ארום דער פּאַרם קיין ניגער ניט.

הערט אייגענטליך ניט צו די סויט*). אין די עכטע סויט, וואו דער ראסען־האַס געגען די ניגערס איז אלגעמיין, לאָזען די ווייסע סאָציאַליסטען ניט אריין די נעגערס אפילו אף זייערע אגיטאציאָנס־מיטינגען. און די „אונקאָמפּראָמיסליכע“ אמעריקאנער סאָציאַליסטען פון די נאָרט האָבען זיך געוויזען גאנץ צופרידען נאָכצוגעבען די פאָראורטיילע פון די סויט, כדי נאָר צו קריגען דאָרטען וואוטס.

די דאָזיקע פּאָליטיק האָט זיך בולט ארויסגעוויזען אין דער צייט פון ראָזעוועלט'ס קאנדידאטור פאר פּרעזידענט אין 1912.

קורץ פאר דער שיקאַגאָער קאָנווענשאָן, ביי וועלכער עס האָט זיך אָרגאניזירט די פּראָגרעסיווע פּארטיי, האָט ראָזעוועלט זיך געווענדעט צו אַ פּאָליטישען אין אַטלאנטא, דזשאָרדזשיא, מיט אַ בריף, אין וועלכען ער זאָגט, אז נאָך זיין מיינונג דארף די גאַנצע רעגירונג אין די סויט ליגען אין די הענט פון די ווייסע, און די שוואַרצע דארפען זיך פארלאָזען אף די לאסקע פון זייערע ווייסע שכנים: ווען די שווארצע וועלען זיך שעהן אויפירען, וועלען די ווייסע מוזען פאר זיי האָבען דרך־ארץ, און דעמאָלט וועלען די שוואַרצע אויך קריגען א שטימע. ביז יענער צייט אָבער וועט די פּראָגרעסיווע פּארטיי זיך שטיצען נאָר אף די ווייסע ראסע אין די סויטה, און די שווארצע וועט זי ניט צולאָזען.

---

*) אקלאהאָמא איז נאָך ביז 1893 געוועזן א טעריטאָריע פון אינדיאנער, וואו די ווייסע האָבען זיך גאָר ניט געטאָרט באזעצען. ווען זי איז געעפענט געוואָרען פאר ווייסע קאָלאָניסטען, זיינען אהין אָנגעלאָפען אַ סך פארמערס פון קענסאס און די אַנדערע ארומיקע סטעיטס פון די וועסט. קענסאס איז פאר דעם בירגערקריג געוועזן דער פּלאץ, וואו די קאָלאָניסטען פון די נאָרט האָבען געקעמפּפט געגען די שקלאַפען־האַלטער פון די סויט, וועלכע האָבען דאָרטען געוואָלט איינפירען שקלאפעריי. אין דער צייט, ווען אַקלאהאָמא איז געעפענט געוואָרען פאר די ווייסע קאָלאָניסטען, זיינען קענסאס און די ארומיקע סטעיטס געוועזן דער רעכטער צענטר פון דער ראדיקאלער פּאָפּוליסטישער באוועגונג.

די פראגע האט געדארפט פארקומען פאר דער קאנווענשאן, ווען עס האבען זיך געמעלדעט שווארצע דעלעגאטען פון די סויט. ראזעוועלט האט געפאדערט אז זיי זאלען אויסגעשלאסען ווערען, אף דעם גרונד וואס זיי רעפרעזענטירען ניט קיין וואוטערס. עס האט וועגען דעם אויסגעבראכען א שטארקער סכסוך ביי דער קאנווענשאן, און ווי ראזעוועלט אליין דערצעהלט, איז שיער ניט געקומען צו א שפאלטונג טאקע ביי דער גרינדונג גופא פון דער נייער פארטיי. איינערזייטס זיינען צווישען די דעלעגאטען געווען קאנגרעסלייט פון די וועסט, וואס אין זייערע דיסטריקטען וואהנען א סך שווארצע וואוטערס, אן וועלכע זיי קענען ניט ווידער ערוועהלט ווערען. צווייטענס, זיינען אויך געווען עהרליכע אידעאליסטען, ווי צום ביישפיעל, מיס דזשעין אדאמז, פרעזידענט פון דעם פארבאנד פאר די גלייכבארעכטיגונג פון די נעגערס, — זי האט געהאלטען א הייסע רעדע געגען דעם פארשלאג אויסצושליסען די שווארצע. ווען עס איז געקומען צו א וואוט, האט ראזעוועלט אויסגעפירט מיט א קליינע מאיאריטעט.

מען וואלט געקענט דענקען, אז די סאציאליסטישע פארטיי וועט זיך אנכאפען פאר די ראסען־פראגע אלס א גוטע „קעמפיין־אישיו“, צו ווייזען ווי אונקאנסעקווענט עס איז דער דעמאקראטיזם פון דער פראגרעסיווער פארטיי, און צו געווינען פאר די סאציאליסטישע פארטיי די שווארצע ארבייטער. די נעגער זיינען דאך א ראסע פון פראלעטאריער, און אגב האבען זיי א האלבען מיליאן וואוטס אין די נארט. זיי שטעהען איצטער אין אזא פארצווייפעלטער לאגע, אז זיי ווייסען ניט וואוהין זיך צו קעהרען. די רעפובליקאנער האבען זיי אזוי לאנג געפיהרט פאר'ן נאז, ביז זיי האבען צו דער רעפובליקאנער פארטיי פארלארען יעדען צוטרוי. וועגען די דעמאקראטען איז דאך אבגערעט, זיי זיינען א פארטיי פון קאסטען־הערשאפט; זיי זיינען די אונטערדריקער פון דער שווארצער ראסע. קומט ראזעוועלט און גיט די אונטערדריקטע אן עצה, אז זיי זאלען זיך פארלאזען אויף זייערע אונטערדריקער. בלייבט די סאציאליסטישע פארטיי, וואס לעגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט פאר דעם פראלעטאריאט, וואס קען נאר קלאסען־סאלידאריטעט, וואס דרשנ'ט וועגען גלייכהייט. דא איז געווען א געלעגענהייט פאר די סאציאליסטישע פארטיי ארויסצוקומען מיט ברענענדע ווערטער פון פראטעסט

און ענטריסטונג, אָבער קיינער האָט זיך אין דעם ניט פאראינ־טערעסירט. די ניו־יאָרקער „פאָלקסצייטונג" האָט געשריבען א קליינע נאָטיץ, אופוואָרפענדיק דזשעין אדאמז פארוואָס זי איז צוגעשטאַנען צו דער פּראָגרעסיווער פּארטיי, און אין אַן אַנדער נאָטיץ האָט זי געזאָגט, אַז איצטער איז געקומען די צייט פאַר די סאָציאַליסטישע פּארטיי ארויסצוטרעטען אין קאַמפף פאַר די נעגערס. אין דער ענגלישער סאָציאַליסטישער פּרעסע האָט מען די פראגע כמעט ווי פארשוויגען. אין דער „שיקאַגאָ דיילי וואָרלד" איז געווען א קליינער לייטאַרטיקעל, אין דעם ניו־יאָרקער „קאָלל" קיין איינציקער, אין בערגער'ס „מילוואָקי לידער" און אין געגנט'ס „נעשאָנאַל סאָשעליסט", קיין וואָרט. טשארלז עדוואַרד ראָססעל האָט זיך גע'חכמה'ט וועגען דער קאָנווענשאָן פון דער בול מוז פּארטיי און וועגען ראָזעוועלט'ען, אָבער א מאָדנע זאַך, וועגען די נעגערס האָט ער אין גאַנצען פארגעסען. זיידעל האָט געשריבען, און בערגער האָט געשריבען, און אפילו דעבס האָט געשריבען וועגען דער פּראָגרעסיווער פּארטיי און אופגעצעהלט אירע עבירות, אָבער וועגען דעם נעגער האָט קיינער פון זיי קיין וואָרט ניט דערמאָנט. דעבס האָט מיט עטלאַכע יאָר צוריק אָנגעשריבען א הייסען ארטיקעל פאַר די שווארצע אין דער „אינטערנייטשאָנאַל סאָשעליסט רעוויו", וואָס חוץ א קליינע צאָל סאָציאַליסטישע לעזער האָט קיינער ניט געזעהן. אָבער אין דער צייט פון דעם קאַמ־פּעין, ווען די גאַנצע פּרעסע האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון דעם סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט, איז ער געבליבען שטום.

ווען איר וועט זיך דערמאָנען וועגען דער האַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, וועט פאַר אייך קלאָר ווערען די אור־זאַכע פון דער קאַלטקייט. די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט קיין אָפיציעלע שטעלונג ניט אָנגענומען אין דער פראַגע, ווייל זי יאָגט זיך אויך נאָך די ווייסע וואָטס פון די סויטה, און די ווייסע סאָציאַליסטען פון די סויטה, און אפילו א סך אין די נאָרטה, זיינען אין דער פראגע איינפארשטאַנען מיט ראָזעוועלט'ן.

5.

שלום.

דער אויטאָפּיסטישער סאָציאַליזם איז ניט געווען דוקא דע־מאָקראַטיש, ער האָט אנערקענט קלאַסען אין א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. עס ווייזט אויס אז אונדזער אמעריקאַנער „וויסענ־שאַפטליכער“ סאָציאַליזם אונטערשיידעט זיך אין דעם גאָר ניט פון דעם אויטאָפּיסטישען; עס מעג זיך זיין א סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע מיט „קאַסטען“ ווי אין מצרים, דאָס הייסט מיט אזעלכע קלאַסען, וואָס א מענטש קען פון איינער קיין מאָל ניט אריבער־געהן אין אן אנדערע — א ניגער בלייבט אימער א ניגער, ער קען פון זיין הויט ניט ארויסשפּרינגען.

לויט ווי א סאָציאַלסטישער פירער פון די סויט דערצעהלט אונדז, איז אויף דעם ניגער ניט ווערט אָנצואווערען די צייט, וואָ־רים דער ניגער האָט ניט דעם שכל, ניט דעם מוט, וואָס מ'בע־דאַרף אום צו זיין א סאָציאַליסט.

וואָס זשע איז געוואָרען פון דעם געשיכטליכען מאַטעריאַ־ליזם, וועלכער ערקלערט, אז ווען די עקאָנאָמישע פאַרהעלטניסע בייטען זיך, מוזען זיך די מענטשלאַכע געדאַנקען אויך בייטען און צופּאַסען זיך צו די נייע פאַרהעלטניסע? דער ענטפער אויף די קשיא איז „אז דער געשיכטליכער מאַטעריאַליזם האָט זיך „צוגעפּאַסט צו דער נידערטרעכטיקייט“*).

די אויסברייטונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט געבראַכט אין די רייהען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי טוי־זענטער אמעריקאַנער פון אנדערע פּאַרטייען, און האָט צוגעצוי־גען צו איר כמעט א מיליאָן וואוטערס. מיינט איר זשע, אז אַ מענטש טרעט אריין אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, בייט ער שוין באַלד איבער אלע זיינע מיינונגען? ווען א מאן, וואָס אגי־טירט פאַר דעם רעפּערענדום, קען בלייבען א ניגער־פרעסער, טו קען ער בלייבען א ניגער־פרעסער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

---

*) דער אויסדרוק שטאַמט פון דעם רוסישען סאַטיריקער שטשעדרין.

קארל מארקס האָט געגלויבט, אז דער סאָציאַליזם מוז זיין אינטערנאַציאָנאַל, ווייל די קלאסען־אינטערעסען פון די ארביי־טער פון אַלע לענדער זיינען די זעלבע. מיר זעהען דאָ אין אמע־ריקע, אז דער ארבייטער־קלאס טרעט אוף געגען פרעמדע אר־בייטער. עס לוינט זיך בעסער פאר די אַמעריקאנער ארבייטער,— אזוי דענקען זיי — אז זייערע „קלאסען־גענאָסען" זאָלען עסען קדחות אָדער קרעפּירען פאר הונגער אין כינא; ווען די אָרגאַניזיר־טע ארבייטער אין אמעריקע וואָלטען נאָר געקענט, וואָלטען זיי פארשפּארט די טיר פאר די איטאַליענער, פּאָליאקען, אידען — קורץ פאר יעדע מאסען־איינוואנדערונג, נאָר דער קאפּיטאַליסטי־שער קלאס לאָזט ניט. אַלזאָ די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון דעם ארבייטער־קלאס פירען נאך ניט צו אינטערנאַציאָנאַלער סאָלי־דאריטעט.

בלייבט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, אלס א מאָראלישע קראפט; עס האָט זיך געטראָפען אין דער געשיכטע, אז די מענ־טשען זיינען אף אַ מאָמענט באגייסטערט געוואָרען פון אַן עדלען אידעאַל. פון אידעאַלען לאכט מען אָבער היינט: דאָס איז „סענטימענטאַל". וואָס ווייניקער מיר וועלען זיך צושפּרייטען וועגען אונזערע שווארצע ברידער, וועט פאר אונזער פּראָפּאַ־גאנדא (פון ברידערליכקייט) רק זיין בעסער — אזוי דרש'ענען די אונקאָמפּראָמיסטליכע אָפּאָרטוניסטען. די סאָציאַליסטישע פּארטיי אין אמעריקע איז ניט קיין אידעאַלע באוועגונג, עס איז אַ פּאָליטישע „פּארטיי", און ווי איר זעט, זיינען פאר יעדע פּארטיי די אינטערעסען פון דער פּארטיי בילכער, איידער אלע אידעאַלען. ווען די סאָציאַליסטישע באוועגונג וואָלט געהאט אין זינען דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל, וואָלט א סאָציאַליסטישער אָרגאַנייזער זיך געזאָגט: א מענטש וואָס איז פול מיט ראסען פּאָראורטיילע קען ניט זיין קיין אמת'ער סאָציאַליסט. איך וועל בעסער זוכען צו געווינען די שווארצע ראסע פאר דעם סאָציאַליזם, ווייל זיי זיינען אונטערדריקט מערער פאר אַלעמען; דער גרעסטער טייל פון דעם ארבייטענדען פאָלק אין די סויטה זיינען שווארצע, אַלזאָ, א פּאר־טיי, וואָס ארבייט פאר די באפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאס און גלויבט, אז די באפרייאונג פון דעם ארבייטערקלאס מוז זיין די ארבייט פון דעם ארבייטערקלאָס זעלבסט, — מוז זיך ווענדען צו די ניגערס אין די סויט.

אָבער אַ פּאָליטישע פּאַרטיי טראַכט גאָר אַנדערש: ווען זיי זאָלען זיך שטאַרק אָנעמען פאַר דעם ניגער, קען מען ביי דער הערשענדער ראַסע קיין וואוטס ניט געווינען, און וואָס טויג דער ניגער, ווען ער האָט קיין וואוט ניט?

אַ רעוואָלוציאָנער וואָלט אַף דעם געזאָגט: די רעכטע זיינען פון די ניגערס גערויבט געוואָרען מיט גוואַלט, דורך אַן אָפּענעם ברוך פון די קאָנסטיטושאָן: אַף גוואַלט וועלען מיר ענטפערן מיט גוואַלט; די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט אָפּגעווינען פאַר די שווארצע ראַסע אין אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף די רעכטע וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטער און די רעאַקציאָנערע קליינבירגער פון די סויטה האָבען ביי איר אוועקגענומען.

עס הויבט זיך אָבער גאָר ניט אָן, און דאָס באַווייזט אַז דער וואָרט „רעוואָלוציאָנער“ איז ביי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען ניט מער ווי אַ פראַזע.

דער שלום צו וועלכען מען קומט, ווען מען באַטראַכט די שטעלונג פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען צו דער ניגער־פראַגע, איז, אַז ענטוועדער מעג זיין סאָציאַליזם אָן גלייכהייט פון אַלע מענטשען, אָדער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע איז גאָר ניט אַזוי אונקאָמפּראָמיסליך, ווי זי באַרימט זיך.

איינאונצוואנציקסטער קאַפּיטעל

סאָציאַליסטישע יוניאָן־ביוראָקראַטיע.

די ענגלישע פאביאנער סאָציאַליסטען סידני וועב און זיין פרוי האָבען אין זייער וועלטבארימטען בוך באצייכענט די טרעיד־יוניאָנס מיט דעם נאָמען „אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע“. די פּראַקטיקע פון די גרעסטע אמעריקאנער יוניאָנס ווייזט, אז פאר זיי וואָלט זיך גיכער געפּאסט דער נאָמען „אינדוסטריעלע ביוראָקראַטיע“.

וועגען דעם ביוראָקראַטיזם אין די אמעריקאנער יוניאָנס קען מען שרייבען א בוך. איך וועל זיך דאָ באַשרענקען מיט איין ביי־שפּיעל פון א ביוראָקראַטישער מאַשין אין א „סאָציאַליסטישער יוניאָן“. דאָס איז די וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מיינערס. זי ווערט אלגעמיין באטראכט פאר א „רעוואָלוציאָנערע“ אָרגאַניזאַ־ציע. איר פּרעזידענט מאָיער איז א מיטגליד פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. זיין נאָמען איז פארבונדען מיט די ביטערסטע קעמפּפע פון דער פעדערעישאָן געגען די אייגענטימער פון די מעטאַל־גרובען. און אָט די יוניאָן איז יאָרענלאנג געלעגען אין די הענט פון א קליקע, וואָס האָט זיך געפינט אַף דעם שטייגער פון טעמעני האָלל.

ווען דער טעלעגראַף האָט אין דעם זומער פון 1914 גע־בראכט די יעדיעה אז די מיינערס האָבען אופגעריסען מיט דינאַ־מיט דעם לאָקאל פון זייער יוניאָן און אז פּרעזידענט מאָיער האָט געדארפט אנטלויפען פון ביוט, ווייל ער איז שיר ניט גע'הרג'עט געוואָרען פון די געוועזענע מיטגלידער פון זיין אָרגאַניזאַציע, האָט עס די סאָציאַליסטישע פּרעסע ערקלערט פאר א פּשוט'ע פּראָוואָ־קאַציע זייטענס דעם קופּער־טראָסט, וואָס וויל ברעכען די יוניאָן. פארשטעהט איר, ביוט איז זעהר שטארק יוניאָניזירט, און וואָס האָבען געפאָדערט די געגנער פון דער יוניאָן? ניט מער, אז מען זאָל זיי לאָזען ארבייטען אָן יוניאָן־ביכלאך. איז דאָך קלאָר, אז דאָס זיינען סקעבס; ווי אלע סקעבס, ווילען זיי ניט לאָזען די בעאמטע

פון דער יוניאן איבערקוקען זייערע ביכלאך, און צוליב דעם האַ־
בען זיי געקעמפפט. דער קופער־טראסט האט א קאנטראקט מיט
דער יוניאן, וואס צווינגט עם צו געבען „פרעפרענס“ די מיטגלי־
דער פון דער פעדערעישאן, איז די גאנצע מעשה ניט אנדערם
ווי אופגעהעצט פון דעם טראסט. און וויבאלד די בונטאוושטשי־
קעם געגען די וועסטערן פעדערעישאן שטעהען אונטער דעם איינ־
פלוס פון דער „איי־דאבליו־דאבליו“*) איז דאך שוין אודאי זי־
כער, אז דא ארבייט א פראוואקאטאר. ווארים אויב ניט, אויב עס
וואלט זיך געהאנדעלט נאר אום דעם פרינציפ פון אינדוסטריא־
ליזם, איז דאך די וועסטערן פעדערעישאן אן עכטע אינדוסטריא־
ליסטישע ארגאניזאציע. וואס־זשע ווילען זיי, דער ווילדער מאב?

היינט הערט אקארסט, צוליב וואס זיי האבען פראטעסטירט.
זיי האבען ניט געוואלט געבען צו שטייער פאר די מישיגאנער
סטרייקערס אין די קופער גרובען — דאס הייסט זיי זיינען געגען
ארבייטער־סאלידאריטעט. ניט אנדערם ווי פראוואקאציע!

ווער איז אין דעם שולדיק? נו, פארשטעהט זיך, די „דעמא־
גאגען“, די איי־דאבעליו־דאבעליוניקעס, „העיוואוד און א האלב
טוץ אנדערע מענטשען, וואס זיינען פריהער געווען פראמינענט
אין דעם ביוט לאקאל, זיינען די הויפט־שולדיקע אין דער מחלוקה“,
האט געזאגט מאיער אליין אין זיין יערלאכען באריכט צו דער
קאנווענשאן פון דער פעדערעישאן דעם 24טען יול 1914. זיי
האבען ניט געקענט קאנטראלירען די לעצטע קאנווענשאן, האבען
זיי באשלאסען צו ברעכען די פעדערעישאן דערמיט, וואס זיי ווע־
לען אפציהען דעם ביוטער לאקאל, וואס איז געווען דער שטארקס־
טער אין דער גאנצער ארגאניזאציע**). די רכילות'ניקעס פון דער
„איי־דאבעליו־דאבעליו“ האבען געווארפען א חשד אף די בעאמטע
פון דער פעדערעישאן, אז די איינצאלונגען פאר די מישיגאנער
סטרייקערס, וואס זיינען צוזאמענגעקליבען געווארען, ווען עס איז
שוין געווען נאכ'ן סטרייק, זיינען גאר ניט געגאנגען אויף מישי־
גאנער סטרייקערם.

---

*) דאס זיינען די ערסטע אותיות פון דעם נאמען: „אינדאסטריאל
וואוירקערז אוו דהי וואירלד“ (די אינדוסטריעלע ארבייטער פון דער
גאנצער וועלט).

**) ניו־יארק קאלל, דעם 25טען יולי, 1914.

מאיער האט באשולדיגט דעם סאציאליסטישען מעיאר דאנ־קאנען און דעם רעדאקטאר פון דעם „מאנטאנא סאשיאליסט“, אז זיי האבען געהאלטען מיט די צושטערער פון דער יוניאן און האבען געגען איהם „געהעצט“. פון די אלע טענות פון מאיער'ן קענט איר זעהען, ווי די ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט באשטימט דעם געדאנקען־גאנג פון אירע מיטגלידער. ווען מענטשען, וואס האלטען זיך פאר סאציאליסטען, ווערען א שטיקעל רעגירונג, נע־מען זיי אן די רוסישע פאליציייסקע פילאסאפיע פון דער געשיכטע. זיי הערען אוף צו פארשטעהן, אז ניט העיוואוד, ניט די עטלאכע אדיוטאנטען זיינע האבען אופגעהעצט די מיינערס אין ביוט. איר מעגט זיך צורייסען „העצענדיק“, — אויב די מאסע איז אליין צופרידען מיט דעם, ווי עס געהט, וועט זי אייך ניט הערען. ווען די מאסע הערט יע די „העצערס“, איז דאס דערפאר, וואס די „העצערס“ האבען אויסגעדריקט דאס, וואס עס האט דער מאסע אליין אנגעוועהטאגט. עס האבען געמוזט זיין אורזאכען אין דעם לאקאל גופא, וואס האבען געבראכט צו דער שפאלטונג פון דער יוניאן.

די „איי־דאבעליו־דאבעליו“ האט שוין עקזיסטירט עטליכע יאר, אבער ביז 1914 איז דער לאקאל אין ביוט געווען פאראייניגט. אין 1913, ביי דעם יערלאכען פאראד פון דער יוניאן, האבען מאר־שירט 8,000 מאן, אין 1914 האבען מארשירט סך הכל 200. ווי קומט דאס, אז מיט אמאל האבען זיך ביי זיי איבערגעדרעהט די מחות? ס'האבען זיך געיאוועט א פאר אגיטאטארס, און די 8,000 מאן, וואס זיינען יארען־לאנג געשטאנען אין דער יוניאן, זיינען דורך א פאר רעדעס אזוי אופגערייצט געווארען, אז זיי האבען גע־נומען אופרייסען מיט דינאמיט זייער אייגענעם יוניאן־לאקאל!

בלייבט דאך פארט א קשיא: פאר וואס האבען די מיינערס געגלויבט העיוואוד'ען, און ניט געגלויבט מאיער'ן? אויב מען דארף נאר זיין פראמינענט און העצען, קען מען געווינען דעם עולם, טו פאר וואס האט מאיער אליין ניט געהעצט געגען די „איי־דאבעליו־דאבעליו?“ נאך דעם קאמפף האט ער פארגעשלאגען צו „רעארגא־ניזירען“ דעם לאקאל און ארויסטרייבען די „איי־דאבל־דאבליו“. אויב ער האט עס געקענט טאן, טו פאר וואס האט ער זיי ניט ארויסגעטריבען פריהער? דער פאקט איז אבער, אז ווען זיינע

צוויי־דריי הונדערט געטרייע יוניאָן־לייט האָבען זיך צונויפגעקלי־בען ארויסצואָרגאַניזירען די זעקס טויזענט בונטאָוושטשיקעס, האָט מאַיער אליין געדארפט אנטלויפען פון די ארבייטער, וואָס האָבען עם יאָרען־לאַנג ערוועהלט פאַר זייער פּרעזידענט.

דער עיקר איז ניט, וואָס מעיאר דאנקאן האָט געהעצט געגען מאַיער'ן, נאָר פאר וואָס האָבען די מיינערס געפּאָלגט דאַנקאַנ'ען, ניט מאַיער'ן? ביידע זיינען גוטשטעהענדע מיטגלידער פון דער זעלביקער סאָציאַליסטישער פּארטיי, און דאַנקאַן זאָגט, אז ער איז ניט פארבונדען מיט דער „איי־דאָבעליו־דאָבעליו". דאָס, וואָס איי־נער פון זיי האָט עס געשטאָכען מיט א מעסער, איז א סימן, אז ער האָט ניט געהאַנדעלט אזוי ווי זיי האָבען געוואָלט.

עס איז קלאָר, אז עס האנדעלט זיך דאָ ניט אום פּערזאָנען. אָדער „העצערייען" פון „געוויסע צייטונגען".

מיט זידלערייען געגען העיוואוד'ן און די „איי־דאָבעליו־דאָבעל־יו" קען מען קיין מענטשען מיט אָפענע אויגען ניט אָפּנארען. דער לאָקאַל ביוט, דאָס הייסט, די מאַיאָריטעט פון דער גאנצער פעדע־רעישאָן, איז געגאַנגען נאָך העיוואוד'ען, טו פאר וואס־זשע האָט ער ניט געקענט קאָנטראָלירען די לעצטע קאָנווענשאָן? הייסט דאָך דאָס, אז די קאָנווענשאָן האָט געהאַלטען מיט מאַיער'ן און זיינע אדיוטאַנטען געגען דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט פון די מיט־גלידער.

ווייטער, ווי עס איז געשטאַנען אין דעם „קאַל", האָט די נייע יוניאָן פון די בונטאָוושטשיקעס סך הכל געמאכט איין אמענד־מענט צו דער אַלטער קאָנסטיטוציע, אז די יוניאָן טאָר ניט מאַכען קיינע קאָנטראַקטען אויף א באַשטימטען טערמין מיט די קופּער קאָמפּאַניעס. דאָס לאָזט שוין צווייפלען איבער דער ערקלערונג פון די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע ליטעראַטיקעל־שרייבערס, אז די רע־וואָלטע פון די מיינערס געגען די וועסטערן פעדערעישאָן איז די ארבייט פון פּראוואָקאַטאָרס, וואָס זיינען אונטערגעשיקט געוואָ־רען פון דעם קופּער־טראַסט. אזא פּונקט גיט דער יוניאָן דאָס רעכט צו ענדיקען דעם קאָנטראַקט און ארויסגעהן אין סטרייק צו יעדער צייט, ווען זי געפינט עס פאַר נויטיק. די קאָרפּאָרעישאָנס זיינען אימער געגען אזעלכע קאָנטראַקטען. זיי פאַרלאַנגען, פאַרקעהרט, אז די קאָנטראַקטען זאָלען זיין אויף א לאַנגען טערמין.

די רעפּאָרטס אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע וועגען דעם קאַמפּף זיינען געווען פּאַרטייאיש פאַר מאָיער'ן און געגען די רעבעלען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האַלט אימער פאַר יעדע יו־ניאָן־רעגירונג און איז אימער געגען אַלע בונטאַווּשטשיקעס, עס מאַכט ניט אויס פאַר וואָס זיי בונטעווען זיך. ברפט נאָך וואָס איז שייך צו די „איי־דאַבעליו־דאַבעליו", מוזען זיי דאָך זיין אונ־טערעכט, כאָטש די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּרעטענדירט אָפיציעל, אַז זי האַלט זיך כלומר'שט נייטראַל צו די שטרייטיקייטען צווישען די פאַרשידענע טיפּען אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. אָבער די פאַק־טען זיינען געווען אַזוי בולט, אַז אפילו די באַריכטען אין דער פּאַרטיי־פּרעסע האָבען זיך ניט געקלעפּט מיט דער אָפיציע־לער ערקלערונג פון דער מחלוקה. דער „ניו־יאָרק קאָלל" האָט אָפּ־געדרוקט אַן אינטערוויאו מיט דער געוועזענער סטעיט־סעקרעטע־רין פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין מאָנטאַנאַ, מיס קרי־גער. אָט וואָס זי האָט דערצעהלט*):

אין 1910 איז דאַנקאַן צום ערסטען מאָל ערוועהלט געוואָרען פאַר מעיאָר, מיט עם איז אויך אריין א סאָציאַליסטישע מאָיאָרי־טעט אין די באָארד אָוו אָלדערמען. דאָס האָט ניט געשמעקט דעם קופּער טראַסט, וואָרים איר דאַרפט וויסען אַז די שטאָט בּיוט איז אויסגעבויט אויף די קופּער גרובען און די אַלע גרובען געהערען צו דעם טראַסט. ביי דער נעקסטער וואַל פאַר אָלדערמען, אין 1912, האָט דער טראַסט, פאַרשטעהט זיך, געקעמפּפט מיט אַלע מיטלען געגען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. אין דער צייט פון דעם קאַמפּיין האָט דער טראַסט אָפּגעזאָגט פינף הונדערט סאָציאַליס־טישע מיינערס, רעכענענדיק אַז זיי וועלען מוזען אָפּפאָרען און די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען וועלען פאַרלירען פינף הונדערט וואָוטס. פון דער צאָל זיינען אַן ערך פיר הונדערט געווען פינען, מיטגלידער פון דער פינישער ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער וועסטערן פעדערעישאַן אָוו מיינערס, זי זאָל זעהן, מען זאָל זיי צוריקנעמען צו דער אַר־בייט, לויט דעם אָפּמאַך וואָס זי האָט געהאַט מיט דער אַמאַלגאַ־מייטעד קאָפּפער קאָמפּאַני. אָבער די וועסטערן פעדערעישאַן האָט

*) ניו־יאָרק קאָלל, דעם 4טען יולי, 1914.

פאר די פינף הונדערט ארויסגעווארפענע מיטגלידער גארנישט ניט געקענט אופטאן, און די גאנצע לאסט פון אונטערשטיצען זיי איז געפאלען אף די פינישע ברענטש פון דער סאציאליסטישער פארטיי. דריי מאנאט זיינען אוועק, עס איז אפגעהאלטען געווארען א קאנווענשאן פון דער פעדערעישאן, אבער ס'האט זיך אויסגעלאזען מיט גארנישט. די אונצופרידענע האבען דעמאלט ארגאניזירט אן „איי־דאבליו־דאבליו פראפאגאנדא ליג". די מיטגלידער פון דער פראפאגאנדא ליעג זיינען אבער ניט געווען די איינציקע וואס זיינען אונצופרידען געווען מיט דער פעדערעישאן. כמעט אלע מיטגלידער פון לאקאל ביוט זיינען געווען אונצופרידען. פאקטיש האט דער גאנצער לאקאל באשלאסען ארויסצוטרעטען פון דער פעדערעישאן. געבליבען אין דער פעדערעישאן איז א קליינינקער הויפענדעל. דאס ווייטערע קענט איר שוין לייכט פארשטעהן. די פאר הונדערט האבען פרעטענדירט, אז זיי זיינען „דער לאקאל". דער לאקאל האט געהאט אן אייגענע הויז, וואס איז אופגעבויט געווארען מיט די צאלונגען פון די זעקס טויזענט, אבער די בעליבתים איבער דעם זיינען געבליבען די פאר הונדערט. דער לאקאל האט אויך געהאט א פאנד. דאס איז נאטירליך געבליבען אין די הענט פון די „לאיאלע" פאר הונדערט.

ווענען די „לאיאלע" זאגען זייערע געגנער אז זיי זיינען ניט מער ווי משרתים פון דעם קופער־טראסט. „די עמטער פון דער יוניאן זיינען אריינגעפאלען אין די הענט פון דעם רעאקציאנערען עלעמענט, וואס ווערט קאנטראלירט פון דער קאמפאני", זאגט מים קריגער. אנשטאט צו באקעמפפען אפען די יוניאן, האט די קאמפאני ביטרע בעאיינפלוסט די וואלען פון יוניאן־בעאמטע, און עס איז די אלגעמיינע מיינונג אז די לאקאלע בעאמטע זיינען געווען די ווערקצייג פון דער קאמפאני.

איך האב איבערגעגעבען באריכות די אפיציעלע מעשה. איצטער וועל איך צוזאמענשטעלען די פאקטען, ווי זיי זיינען געווען, נאך די באריכטען, וואס זיינען ערשינען אין דער סאציאליסטישער פרעסע.

די וועסטערן פעדערעישאן האט די רעפוטאציע פון א ראדיקאלער ארבייטער־ארגאניזאציע, אבער דאס איז געווען אמאל. דער

אמת איז, אז מאיער איז געוואָרען דער פירער פון אַ מאַשין, וואָס
האָט געשאַטען מיט סאָציאַליסטישע פראַזען פאַר דער אויסערער
וועלט און געפירט אַ גאָמפערסיסטישע טאַקטיק אין די באַצי־
הונגען פון דער יוניאָן צו די קאַפּיטאַליסטען.

אין 1907 האָט דער מענעדזשער פון דעם קופּער־טראָסט גע־
שלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט די בעאַמטע פון דער יוניאָן אויף פינף
יאָר. אין יענער צייט האָט די קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן גע־
פאָדערט, אַז יעדער קאָנטראַקט זאָל גוט־געהייסען ווערען פון דער
עקזעקוטיוו באָארד פון דער פעדערעישאָן. יענער קאָנטראַקט איז
אָבער גאָר ניט פאָרגעלעגט געוואָרען פאַר דער עקזעקוטיווע פון דער
פעדערעישאָן. ביי דער קאָנווענשאָן, וואָס עס איז אָפּגעהאַלטען
געוואָרען יענעם יאָר, איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, וואָס
האָט ערקלערט פאַר בטל יעדען אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסען
געוואָרען אויף אַ באַשטימטען טערמין. די קאָנסטיטוציע איז אַמענ־
דירט געוואָרען אין דעמזעלבען זין. מיט פינף יאָר שפּעטער אָבער,
אין 1912, האָט די קאָנווענשאָן ווידער אַמענדירט די קאָנסטיטו־
ציע און ערקלערט קאָנטראַקטען אויף אַ באַשטימטען טערמין פאַר
גענעציליך. ווי מאַיער האָט שפּעטער אַליין צוגעגעבען (ביי דער
קאָנוועשאָן אין 1914), זיינען די מיינערס אין ביוט בשעת
מעשה געווען אונצופרידען און האָבען באַשולדיקט זייערע בע־
אַמטע, אַז דער קאָנטראַקט, וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט דעם
קופּער טראָסט וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון ראָקעפעלער׳ן), איז
נעגען די פּרינציפּען פון דער יוניאָן, אַז די ארבייטער זיינען דורך
דעם קאָנטראַקט פאַרשקלאַפט ביי דעם טראָסט. וואָס האָט די קאָנ־
ווענשאָן אין 1912 געענטפערט אויף די קלאַגע? זי האָט דעם דע־
לעגאַט פון דעם ביוטער לאָקאַל אויסגעשלאָסען פון דער פעדע־
רעישאָן. די מיינערס זיינען געצוואונגען געווען צו אונטערוואַרפען
זיך צו דער ביוראָקראַטיע פון דער וועסטערן פעדערעישאָן, ווייל
לויט דעם קאָנטראַקט מיט׳ן קופּער־טראָסט האָט קיינער ניט גע־
טאָרט אַרבייטען אין די מיינס אָן אַ יוניאָן־קאַרט, און ראָקעפע־
לער׳ס סופּעראינטענדענט האָט, נאַטירליך, געפאָלגט די יוניאָן־
בעאַמטע, ווען זיי האָבען עס אויפגעפאָדערט, ער זאָל אַוועקשיקען
אַ געוויסען אַרבייטער.

די קליינע צאָל יוניאָן־פירערס האָט געקראָגען די בעסטע אַר־
ביים, און די מאַסע יוניאָן־לייט האָבען אין צוואַנציק יאָר גע־

קראַגען אַ העכערונג אויף 25 סענט אַ טאָג, בעת אַלע אַנדערע אַר־בייטער אין דער שטאַט האָבען געקראָגען געהעכערט זייער אַר־בייטסלוין אויף 100 פּראָצענט. נאַטירליך, ווען עס קאָסט צוויי מאָל אַזוי פיל צו בויען אַ הויז, פאַרלאַנגט דער לענדלאָרד העכערע רענט, און אַזוי געהט דאָס כסדר. די הוצאה אין ביוט איז געשטי־גען אַ סך העכער, איידער דער אַרבייטסלוין פון די מיטגלידער פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער יוניאָן.

ביוט איז געווען די ציטאַדעל פון דער וועסטערן פעדערעי־שאָן. לויט דעם רעפּאָרט וואָס איז אָפּגעגעבען געוואָרען ביי דער קאָנווענשאָן אין 1914, געפינען זיך אין דעם סטעיט אַריזאָנאַ 30,000 מיינערס, — פון זיי איז גאָר אַ קליינער פּראָצענט אָרגאַ־ניזירט. אין קאָלאָראַדאָ איז די וועסטערן פעדערעישאָן צובראָכען געוואָרען אין 1904, אין דער צייט פון דעם גרויסען קאַמפּף, אין מישיגען האָט זי פּרובירט אָרגאַניזירען די קופּער מיינערס, דער לעצטער סטרייק (אין 1913) אָבער איז פערלאָרען געגאַנגען.

לויט דעם לעצטען סטאַטיסטישען רעפּאָרט פון דעם צענזוס־ביורא, האָבען אין 1909 געאַרבייט אונטער דער ערד אין די קופּער מיינס פון מאָנטאַנאַ אַרום 9,000 מיינערס. די צאָל אָרגאַניזירטע מיינערס אין ביוט פאַר דער שפּאַלטונג האָט באַטראָפען, לויט דעם אָבגעגעבענעם וואוט, מער ווי צוויי דריטעל פון אַלע מיי־נערס*). הייגט אין די מעטאַל־גרובען פון אַלע אַנדערע סטעיטס האָבען אין 1909 געאַרבייט אונטער דער ערד אַן ערך 70,000 מאַן. פון זיי זיינען פאַרטראָטען געווען ביי דער קאָנווענשאָן אין דענ־ווער ווייניקער ווי 5,000, דאָס הייסט, ווייניקער ווי 7 פּראָצענט. דערפון קענט איר זעהען, אַז דער לאָקאַל איינס פון ביוט האָט טאַקע פאַרדינט דעם נאָמען „דער גיבראַלטאַר“ פון דער פעדערעישאָן. דאָרטען זיינען די מאַיאָריטעט פון די מיינערס געווען אָרגאַני־זירט, וועהרענד אין אַנדערע סטעיטס זיינען די אונגעהויערע מאַ־יאָריטעט ניט אָרגאַניזירט, די לאָקאַלס, וואָס האָבען אונטערשטיצט די מאַשין, זיינען שוואַך און האָבען עקזיסטירט דורך די פינאַנ־

*) אמת, די גאַנצע צאָהל מיינערס איז געוואַקסען זינט דעם לעצ־טען אָפיציעלען סטאַטיסטישען רעפּאָרט, פון דער אַנדערער זייט אָבער זיינען דאָך מסתמא ניט אַלע גוטשטעהענדע מעמבערס פון דער יוניאָן געקומען צו וואוטען.

ציעלע שטיצע, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון לאָקאל איינס פון ביום. ביי די קאָנווענשאָנס אָבער האָבען יענע שוואכע לאָקאלס געשטימט געגען לאָקאל איינס, ווען ער האָט געבראכט קלאגען געגען זיינע בעאַמטע. מיט אנדערע ווערטער, די לאָקאלס, וואָס זיינען געזעסען אויף קעסט ביי לאָקאל איינס, האָבען אופגעהאלטען אין אמט די בעאַמטע פון לאָקאל איינס, מיט וועלכע דער לאָקאל אליין איז געווען אונצופרידען.

מיר באַגעגענען זיך דאָ מיט דעמזעלביקען צענטראַליסטישען פרינציפּ, וואָס האָט זיך געוויזען פאַר א קוואל פון קאָרופּציאָן און א שטערונג פון פּאַרטשריט אין דער אמעריקאַנער פּאָליטיק. ווען עס איז ערגעץ געלונגען די איינוואוינער פון א שטאָט ארונטערצוּוואַרפען א רעאַקציאָנערע אָדער א קאָרופּטע מאַשין און ערוועהלען א רעפאָרם־אַדמיניסטראַציע, האָט זי געפונען, אז אירע הענט זיינען געבונדען דורך די צענטראַלע מאַכט פון דעם סטעיט. אזוי איז צום ביישפּיל געווען אין מילוואָקי, ווען דער סאָציאַליסט זיידעל איז געווען מעיאָר און די מערצאָל פון די אָלדערמען זיינען געווען סאָציאַליסטען. זיי האָבען ניט געהאט קיין רעכט צו פירען די געשעפטען פון דער שטאָט ווי זיי האָבען געוואָלט, ווייל דער געזעץ פון דעם סטעיט וויסקאָנסין גיט ניט דער שטאָט מילוואָקי קיין „האָום־רול“.

איר וועט פרעגען, וואָס איז די נפקא־מינה: די לעדזשיס־לייטשור אין מעדיסאָן ווערט דאָך ערוועהלט אויף דעם גרונד פון דעם אַלגעמיינעם שטימרעכט, פּונקט ווי דער מעיאָר און די אָל־דערמען פון מילוואָקי, און די בירגער פון מילוואָקי האָבען דאָך אויך דאָס רעכט צו שטימען פאַר זייערע פאַרטרעטער צו דער לעדזשיס־לייטשור, דאָס איז א פאַלשע אויסטייטשונג פון דעמאָקראַטיע. די איינוואוינער פון דער שטאָט אָשקאָש זיינען ניט פאַר־אינטערעסירט אין דעם שטרייט צווישען דער שטאָט מילוואָקי און איר שטאָט־באַן קאָמפּאַניע, זיי וויסען אפילו ניט, אז עס געהט אַן אַזאַ שטרייט. אויב זייער פאַרטרעטער אין דער לעדזשיסלעי־טשור אין מעדיסאָן וועט שטימען געגען די אינטערעסען פון די איינוואוינער פון מילוואָקי און פאַר די אינטערעסען פון דער שטאָט־באַן קאָמפּאַניע, וועט ער דורך דעם ניט אָנווערען דעם צוטרוי פון זיינע וואָוטערס. אויף דעם אופן קען די לעדזשיסלייטשור

שטערען יעדער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין דער שטאַט מיל־וואָקי.

די ווירקונג פון דעם צענטראַליסטישען פּרינציפּ אין די יו־ניאָנס איז פּונקט דיזעלבע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מחלוקה אין דער יוניאָן, האָבען די בעאַמטע געזוכט פּטור צו ווע־רען פון די „אונצופרידענע עלעמענטען", דערמיט וואָס מען האָט זיי ניט געלאָזט אַרבייטען אָן אַ באַצאָלטע יוניאָן־קאַרד. די מיי־נערס האָבען דעמאָלט אָפּגעהאַלטען אַ גרויסען מאַסמיטינג, ביי וועלכען עס איז אָפּגעשטימט געוואָרען איבער דער פראַגע, צי זאָל אַן אַרבייטער דאַרפען ווייזען פאַר אַ בעאַמטען פון דער פעדע־ריישאָן זיין יוניאָן־קאַרטע, אויב ער וויל אַרבייטען אין די מיינס. דער וואוט איז געווען 243 דאַפיר און 6,348 דאַגעגען. מיט אַנ־דערע ווערטער די גאַנצע ביוטער יוניאָן האָט באַשלאָסען אַרויס־צוטרעטען פון דער וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מיינערס.

באַלד נאָך דער אַפּשטימונג איז פּרעזידענט מאָיער געקומען מיט דעם פאָרשלאַג, אַז אַלע בעאַמטע פון דעם לאָקאַל זאָלען רע־זיגנירען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

די אורזאַכע פאַרוואָס מאָיער האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג אַז די בעאַמטע זאָלען רעזיגנירען, איז געווען די באַשולדיגונג אַז ביי דער וואַל וואָס איז ניט לאַנג פאַר דעם אָפּגעהאַלטען געוואָרען, זיינען בעגאַנגען געוואָרען אַלערליי פאַלשקייטען. דאָס איז ניט גע־ווען קיין נאָווינע אין דער יוניאָן: ביי די פריהערדיקע וואַלען זיי־נען אויך אַרויסגעקומען צוזאַמענשטויסע, און דער עולם איז גע־ווען אונצופרידען. ענדליך, האָט ביי זיי די געדולד געפּלאַצט.

אַרויסגעקומען איז עס טאַקי דורך די איינצאַלונג פאַר די מי־שיגאַנער סטרייקערס. די פעדערעישאָן האָט אַרויסגעשיקט דעם אַסעסמענט שוין נאָך דעם, ווי דער סטרייק איז אופגעגעבען גע־וואָרען, און די מיינערס פון ביוט האָבען פּשוט ניט געטרויט זייע־רע בעאַמטע, אַז די געלט וועט באַנוצט ווערען פאַר די מישיגאַנער סטרייקערס*).

---

*) איר מוזט וויסען אַז די אָנפירער פון דעם בונט אין ביוט זיי־נען געווען פינישע סאָציאַליסטען. ווען זיי האָבען אופגעריסען דעם

דעם פארשלאג, אז די בעאמטע פון דעם לאקאל זאלען רעזיג־נירען, האט מאיער געמאכט, באלד ווי ער איז געקומען קיין ביוט, — דאכט זיך, דאס האט געדארפט צופרידען שטעלען די בונטאוור־שציקעס, — פאר וואס זשע האבען זיי ס׳ ניט אנגענומען? דאס איז, פארשטעהט איר, אבער נאר איין טייל פון דעם פארשלאג. צום מיטינג, אף וועלכען מען האט געדארפט וואוטען פאר נייע בע־אמטע, האט מען צוגעלאזען נאר יענע, וואס זיינען געווען גוטשטע־הענד. די מאיאריטעט פון די מיינערס אבער זיינען צוליב דעם סכסוך ניט געווען גוט־שטעהענד. דער סאציאליסטישער מעיאר דאנקאן (אויך א געוועזענער בערגארבייטער און א מיטגליד פון דער יוניאן) האט דעריבער געראטען די בעאמטע פון דער פעדע־רעישאן, אז זיי זאלען צולאזען אלעמען וואוטען פאר לאקאלע בע־אמטע, אפילו יענע, וואס זיינען ניט גוטשטעהענד. דאס אבער האט מאיער׳ס חברה ניט געוואלט, הגם עס איז אן אלגעמיינער מנהג אין די מיינס אין די וועסט, אז ווען א מיינער געהט ארום אן אר־בייט, זאל ער קריגען צוויי מאנאט צייט צו ווערען גוטשטעהענדיק.

דערפון קענט איר שוין זעהען, אז מיט דעם באשלוס צוצו־לאזען צו דעם מיטינג נאר יענע, וואס זיינען גוטשטעהענד, האט מאיער זיכער געמאכט, אז די אלטע קליקע זאל ווידער בלייבען ביי׳ן רודער. דאס האט אופגעבראכט די מאסע געגען מאיער׳ן. טויזענטער זיינען געשטאנען אפ׳ן גאס און סך הכל א פאר הונ־דערט זיינען אריין אין דעם יוניאן־האל, וואו עס האט געזאלט אפ־געהאלטען ווערען די וואל. איידער דער מיטינג איז געקומען צו ענד, האט זיך אנגעהויבען א שיסעריי. דער לאקאלער סאציאליסטישער פארטיי־ארגאן, „ביוט סאשאליסט“, דערצעהלט, אז אנגעהויבען די שיסעריי האט איינער, וואס איז געווען אין דעם יוניאן־האל: ער האט אויסגעשאסען דורכ׳ן פענצטער און האט איין מאן גע׳הרג׳עט און עטלאכע פארוואונדעט. פון דער מאסע האט מען

יוניאן־סייף מיט דינאמיט, האבען זיי געזוכט באוויזע, אז די בע־אמטע האבען צוגע׳לקח׳ענט די פאנדען פון דער יוניאן. עס איז בשעת מעשה געמעלדעט געווארען אין דער אלגעמיינער פרעסע אז די געלט וואס איז געווען אין דעם סייף, האבען זיי ניט אנגערירט, זיי האבען נאר צוגענומען די דאקומענטען.

געענטפערט מיט רעוואָלווער־שאָסען. איינער האָט געגעבען א געשריי: „אויב מיר קענען מאָיער׳ן ניט ארויסוואוטען, וועלען מיר איהם ארויסדינאַמיטירען!“ דינאַמיט אין די מיינס, מוזט איר וויסען, איז א וואָכעדיקע זאַך, וואָרים ער ווערט געברויכט אַף אופצורייסען שטיינער. מאָיער מיט זיין חברה האָבען דערזעהען, אז עס געהט דאָ אום זייער לעבען, און זיינען אנטלאָפען דורך די הינטער־טהיר. מיט א האַלבע שטונדע שפּעטער האָבען די אונצופרידענע מיינערס אופגעריסען די הויז פון דער יוניאָן מיט דינאַמיט. מיט עטלאַכע וואָכען שפּעטער, ביי דער קאָנווענשאָן אין דענווער, האָט מאָיער געלאָזט בעטען דעם ראָזיקען „מאָב“, זיי זאָלען ווידער אריינגעהן אין די פעדערעישאָן.

אין א רעדע, וואָס מאָיער האָט געהאַלטען ביי דער קאָנווענשאָן אין דענווער דעם 24טען יול 1914, האָט ער אליין צוגעגעבען, אז „פילע געטרייע לייט אין ביוט זיינען איבערצייגט, אז זיי האָבען גערעכטע קלאַגען“. דעם ערסטען אויגוסט איז פאַר דער קאָנווענשאָן אריינגעבראַכט געוואָרען א פאָרשלאַג, אז זי זאָל אויסקלייבען א קאָמיטע פון דריי מענטשען, זיי זאָלען פירען די וואַל פון לאָקאַלע בעאַמטע אין דער ביוט מיינערס יוניאָן נומער איינס. לאָמיר באַטראַכטען וואָס איז געווען דער זין דערפון. אין ביוט איז דאָך שוין מיט א פּאָר מאָנאַטען פאַר דעם אָפּגעהאַלטען געוואָרען א וואַל, וואָס האָט מען געדאַרפט א נייע וואַל? דערפון וואָס די קאָנווענשאָן פון דער גאַנצער פעדערעישאָן וויל גאָר אויסקלייבען א ספּעציעלע קאָמיטע צו פירען די וואַל פאַר לאָקאַלע בעאַמטע אין א לאָקאַל יוניאָן, איז דאָך קלאָר באַשיימפּערלאַך, אז געוויינטלאַך פאַרנעמט זיך ניט די צענטראַל־אָרגאַניזאַציאָן מיט לאָקאַלע וואַלען צוליב וואָס זשע איז איר איינגעפאַלען זיך אריינצומישען דעם מאָל? זיינען די בעאַמטע געזעצליך ערוועהלט געוואָרען, איז דאָך דאָס געגען די דיסציפּלין — ווער רעדט שוין פון האָום־רול (זעלבסטפאַרוואַלטונג) — אז מען זאָל נעמען ארונטערוואַרפען געזעצליך ערוועהלטע בעאַמטע, אום צוליב צו טאָן א באַנדע בונטאָווששיקעס, וואָס האָבען באַגאַנגען דעם גרעסטען פאַרברעכען — געגרינדעט אן אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָן. אויב עס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען א וואַל, מוז זיך די מינאָריטעט אונטערוואַרפען דער מאַיאָריטעט, אנדערש קען דאָך קיין אָרגאַניזאַציע ניט עקזיסטירען. איז דאָס מעגלאַך, אז מאָיער, דער לאַנג־יע־

ריקער פּרעזידענט פון דער פעדערעישאַן, און די גאַנצע קאָנווענשאָן, זאָלען וועלען נאָכגעבען אַן אונצופרידענער מינאָריטעט און מאַכען צונישט דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט? דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז זיי האָבען געוואוסט, אַז יענע בעאַמטע זיינען ערוועהלט געוואָרען געגען דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט, אַז די דאָזיגע „רעגוליארז" פאַרטרעטען ניט מער ווי אַ מינאָריטעט*)

ווי קען אַ מינאָריטעט ערוועהלען בעאַמטע געגען דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט? ניט אַנדערס ווי דורך שווינדעל און גוואַלט.

די רעדאַקציע פון דעם „ניו־יאָרק קאָלל", וועלכע קיינער וועט ניט חושד זיין, אַז זי סימפּאַטיזירט מיט אַן אָפּאָזישאָן־יוניאָן, האָט וועגען דעם געזאָגט דאָס פאָלגענדע: „מאָיער... האָט צוגעגעבען, — אַזוי האָט ער וויניקסטענס געגעבען צו פאַרשטעהן מיט זיין האַנדלונג, — אַז די בעאַמטע האָבען מיסברויכט זייער מאַכט, און שטאַרק מיסברויכט, אין יענעם לאָקאַל"**).

*) כדי איר זאָלט וויסען, ווי עס האָט געהאַלטען ביי די מיינערס, וועל איך אייך געבען אַ פּאָר ציפערען, וואָס זיינען די אונפּאַרטייאישסטע עדות. ביי דעם מאַססמיטינג פון די מיינערס אין דער שטאָט ביוט, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען קורץ פאַר דעם, ווי דער אָפיס פון דער יוניאָן איז אופגעריסען געוואָרען מיט דינאַמיט, האָבען וועביקער ווי איינער פון יעדע 25 מיינערס אין ביוט געשטימט צו פאַרבלייבען אין דער וועסטערן פעדערעישאָן (דאַגעגען 6348). דעם ערסטען אוגוסט איז ביי דער קאָנווענשאָן פון דער גאַנצער וועסטערן פעדערעישאַן פאָרגעקומען די וואַל פאַר פרעזידענט און מאָיער איז ווידער ערוועהלט געוואָרען מיט 3378 שטימען. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע האָבען געקראָגען נאָך וויניגער שטימען, די קלענסטע צאָל איז געוועזן 2310. דאָס ווייזט גאַנץ קלאָר, וועמען עס האָט רעפּרעזענטירט פּרעזידענט מאָיער, ער האָט רעפּרעזענטירט אַ מינאָריטעט פון דער צאָל מיטגלידער, וואָס די פעדערעישאָן האָט געהאָט פאַר דער מחלוקה.

**) „ניו־יאָרק קאָלל", 19 יול, 1914, ז. 16.

נאך שארפער רעדט דער סאציאליסטישער פארטיי־ארגאן פון ביוט, דער „ביוט סאשאליסט". נאך זיין מיינונג זיינען געווען „אלגעמיינע און ספעציעלע מיסברויכען אין דער ארגאניזאציאן פון די מיינערס, וואס האבען געפירט צו דער רעוואלטע. די פאר־אנטווארטליכקייט ליגט שוין פילע יארען אף די אונקאמפעטענטע לאקאלע בעאמטע פון דער יוניאן אין ביוט, וועלכע האבען סיס־טעמאטיש און מיט ערפאלג געשטערט יעדען פארזוך אבצושאפען די מיסברויכען דורך קאנסטיטוציאנעלע מיטלען, און אף די בעאמ־טע פון דער פעדערעישאן, וועלכע האבען ניט אונטערשטיצט די מאסע מיטגלידער, ווען זיי האבען געוואלט אפשאפען די מיסברוי־כען און מאכען אן ענד צו דער אריינמישונג פון די קארפארעי־שאנס אין די געשעפטען פון דער יוניאן, צו דעם סיסטעם פון שפי־אנעריי, צו דער פארפאלגונג פון די מיינערס, וואס האבען געשטימט נאך זייערע פאליטישע איבערצייגונגען".

שפעהן איז געווען דער סוף פון דער געשיכטע. מאיער, דער פירער פון די מיינערס פון קאלאראדא אין דעם קאמפף פון 1903 — 1904, ווען גאווערנאר פיבאדי האט געשיקט סאלדאטען צו אוסמיריאיען די יוניאן־לייט, דערזעלביקער מאיער האט זיך גע־ווענדעט צום גאווערנאר פון מאנטאנא, ער זאל שיקען סאלדאטען צו באשיצען דעם אפיס און די בעאמטע פון דער יוניאן געגען די בונטאווטשיקעס.

דאס איז דער רעזולטאט פון לאנגע יארען פון מאשין־פאלי־טיק אין דער יוניאן. די מאסע לאזט מען ניט אויסדריקען איר ווילען אף א געזעצליכען וועג, מען פעלשט וואלען, מען פאראדירט אונטער א סאציאליסטישען און „רעוואלוציאנערען" פלאג און מען לעבט אין פריינדשאפט מיט דעם טראסט. דער בלוטיקער קאמפף אין ביוט איז געווען אן אופשטאנד פון דער ארבייטער־מאסע גע־גען א באנדע זעלבסטהערשער, וואס האבען זיך מיט גוואלט ארופ־געזעצט אף די פלייצעס פון די ארבייטער. דיזער אופשטאנד איז געווען פונקט אזוי בארעכטיקט, ווי דער אופשטאנד פון די מעקסי־קאנער רעוואלוציאנערען געגען די באנדע „סיענטיפיקאס". עס איז פוסטע רייד, וואס מ'דערצעהלט, אז די וועסטערן פעדערעישאן האט א דעמאקראטישע קאנסטיטוציע. די מעקסיקאנער קאנסטי־טוציע פון 1857 איז פיל דעמאקראטישער, ווי די קאנסטיטוציע

פון די פאראייניגטע שטאטען, אבער א פאפירענע קאנסטיטוציע איז א קנאפע סגולה, ווען א קליקע אוזורפאטארם טרעט זי מיט די פיס.

דער קאמפף ווייזט זעהר בולט אז „אינדוסטריאליזם“ איז אויך גאר קיין רפואה ניט געגען באסיזם און מאשינז-הערשאפט.

פערטע אפטיילונג:

פראגען פון טאקטיק

צוויי-און-צוואנציקסטער קאפיטעל:

די קלאסען־איינטיילונג פון דעם אמעריקאנער פאלק.

1.

דער פונדאמענט פון דער „רעוואלוציאנערער“ טאקטיק.

דער קלאסען־קאמפף ווערט באטראכט פאר דעם פונדאמענט פון דעם היינטיקען סאציאליזם. געוועהנליך ווערט אנגענומען, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט האלט אין צושפאלטען זיך אין צוויי קלאסען: די קאפיטאליסטען און די ארבייטער. עס איז נאך פאראן א מיטעל־קלאס, נאר ער האלט אין פארשווינדען. דער ארבייטער־קלאס איז די מערהייט פון דער היינטיקער געזעלשאפט. דעריבער איז די איינציקע זאך, וואס מען באדארף־ער זאל ווערען קלאסענבעוואוסט. ווען ער וועט ענדליך פארשטעהן זיינע אינטערעסען, וועט ער איינזעהען, אז ער האט די מאכט מיט זיינע אייגענע קרעפטען איבערצומאכען די גאנצע געזעלשאפט, אף זיין אייגענעם פאסאן, זייענדיק די מאיאריטעט, דארף ער קיינעם'ס לאסקע ניט. פארקערט, א פארבינדונג מיט דעם מיטעל־קלאס, אדער מיט די קאפיטאליסטען, איז גאר א שטערונג, וואס לאזט דעם ארבייטער־קלאס ניט געהן אויף זיין אייגענעם, גלייכען, ריכטיקען וועג. כדי דער ארבייטער־קלאס זאל קענען אונגעשטערט אויספירען זיינע פאדערונגען מוז ער זיך ארגאניזירען אין אן אייגענער פארטיי. און די פארטיי זיינע טאר זיך ניט לאזען פארפירען אין קיינע קונקעל־מונקעל מיט אנדערע פארטייען. די גאנצע געזעלשאפט, חוץ דעם ארבייטער־קלאס, איז „איין רעאקציאנערע מאסע“. אזוי איז נאך געשטאנען אין דעם ערסטען פראגראם פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וואס איז אנגענומען געווארען איז גאטא אין 1874. אמת זינד דעמאלט איז אוועק א היבשע צייט, און דער זאץ פון דעם גאטישען פראגראם וועגען דער „איינער רעאקציאנערער מאסע“ איז נאך אן אויספירליכער דעבאטע געשטריכען געווארען. אבער, וואס מאכט דאס אויס? דייטשלאנד איז זיך דייטשלאנד און אמעריקע איז זיך אמעריקע, דא ביי אונדז גילט

נאך דער פארצייטיקער פראגראם פון דעם פארצייטיקען סאציאליזם.

מיר לעבען דא אין א דעמאקראטישער רעפובליק, וואו די רעגירונג מוז זיך שטיצען אויף די מאיאריטעט פון דעם פאלק. די מעשיות וועגען דער „דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט", וועלען בלייבען א פוסטע פלוידעריי, כל זמן דער פראלעטאריאט האט ניט קיין מאיאריטעט. די גאנצע תורה וועגען דער קלאסענבאוואוסטער פראלעטארישער פארטיי מוז שטעהן אדער פאלען לויט נאך דעם ענטפער אף די פראגע: צי איז טאקע דער ארבייטער - קלאס די מאיאריטעט פון דער היינטיקער געזעלשאפט, און אויב ניט צי האט ער אן אוסזיכט אין קורצען צו ווערען א מאיאריטעט? אט אויף די פראגע וויל איך דא געבען אן ענטפער מיט ציפערען אין האנט.

2.

באשרייבונג פון די קלאסען.

אין א דעבאטע אף דער פלאטפארמע איז זעהר לייכט איינצוטיילען די גאנצע געזעלשאפט אין קלאסען: עס זיינען פאראנען קאפיטאליסטען און לוין-ארבייטער, און די יעניקע, וואס זיינען ניט קיין קאפיטאליסטען און ניט קיין ארבייטער, יענע געהערען צו דעם מיטעל-קלאס. אבער, ווען איר באקענט זיך מיט די פאקטען, טו ווייזט זיך אוים די מעשה גאר ניט אזוי איינפאך.

ערסטענס, לאמיר נעמען די פארמערס. וואס איז א פארמער? איז ער א קאפיטאליסט, אדער א פראלעטאריער? מילא, קיין פראלעטאריער איז ער געוויס ניט, ווארים ער האט לאנד, בהמות, מאשינען, — קורץ ער איז אליין דער אייגענטימער פון די פראדוקציאנענס מיטלען מיט וועלכע ער ארבייט. הייסט דאס, ער איז א קאפיטאליסט? אבער א קאפיטאליסט איז נאר יענער, וואס מאכט א פראפיט פון געדונגענע ארבייט. הייגט, ווען איר באטראכט די פארמעריי, ווייזט זיך גאר אוים, אז לויט דער פאלקסצעהלונג פון 1900, זיינען אין יענעם יאר אין די פאראייניקטע שטאטען געווען 5,800,000 פארמערס, בעת די צאל געדונגענע פארם - ארבייטער איז געווען סך הכל 2,100,000. דאס הייסט, אויף יעדע צוויי - דריי קאפיטאליסטען איז אויסגעקומען בשותפות איין לוין - ארבייטער. עפעס א מאדנער סארט קאפיטאליסטען!

און ווייטער, ווען איר וועט באטראכטען די שכירות פון די פארם־ארבייטער, וועט איר געפינען, אז זיי האבען פארדינט אין דורכשניט 175 דאלער א יאר, שוין אריינרעכענדיק זייערע קעסט. עס איז קלאר, אז פון איין ארבייטער וואס קריגט אליין $1.75 קען דער קאפיטאליסט אויך קיין גרויסען אוצר ניט אנקלייבען. ווען עס האט זיך געפונען איין פארמער, וואס האט א סך געדונגענע ארבייטער, טו זיינען געבליבען נאך א גרעסערע צאל פארמערס, וואס האבען גאר קיין געדונגענע ארבייטער ניט געהאט און האבען געפירט זייער פארמעריי מיט דער הילף פון זייערע אייגענע קינדער. בקיצור ניט פאר קיין קאפיטאליסט, און ניט פאר קיין פראלעטאריער קען מען דעם פארמער ניט פארעכענען. מען מוז פון עם מאכען א באזונדערען קלאס.

היינט נעמט די פארם־ארבייטער. אין די טאבליצעס פון דעם צענזוס (די פאלקס־צעהלונג) זיינען זיי איינגעטיילט אין צוויי מינים: פארמערשע קינדער וואס ארבייטען אין דערהיים, ביי זייערע עלטערן, און סתם פארם־ארבייטער, דאס הייסט זייטיקע, געדונגענע לייט. עס איז קלאר, אז די פארמערשע קינדער, וואס וואהנען מיט זייערע עלטערן און העלפען אין דער היים, קענען ניט באטראכט ווערען פאר פראלעטאריער, אדער לוין־ארבייטער, צו דער זעלבער צייט, קענט איר זיי אריינרעכענען אין דעם קאפיטאליסטישען קלאס?

היינט מיינט איר שוין, אז די געדונגענע פארם־ארבייטער קען מען צוזאמענמישען מיט די אייזענבאן־ארבייטער, אדער ארבייטער אין די פאבריקען, למשל? די פארמעריי אין אמעריקע איז א קליין־באטריב, עס זיינען פאראן א קליינע צאל קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען, אבער זיי באשעפטיקען נאר א קליינעם טייל פון די פארם־ארבייטער. די גאנצע מאסע ארבייטען ביי קליינע פארמערס, איין ארבייטער, צי א פאר אף א פארם. היינט דא דארף מען זיך דערמאנען, פאר וואס באטראכט קארל מארקס דעם פראלעטאריאט פאר יענעם קלאס, וואס וועט אויפבויען די סאציאליסטישע געזעלשאפט: ער ווייזט, אז דער פראלעטאריאט ווערט ארגאניזירט אין דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן. די געזעלען ביי די קליינע בעלי־מלאכות זיינען געווען צושפרייט, בעת די ארבייטער אף אן אייזענבאן, אדער אין א פאבריק, זיינען פארזאמעלט אין גרויסע מא־

סען. אין דער אמעריקאנער אינדוסטרי איז שוין דער קליינ־
געווערב כמעט אין גאַנצען פאַרשוואונדען, אַבער אין דער פאַרמעריי
האָט ער זיך נאָך קאָם אָנגעהויבען, און מען קען נאָך דערווייל ניט
פאָראויסזעהן די צייט, ווען א בעדייטענדער טייל פון די פאַרם־
ארבייטער וועלען זיין באשעפטיקט אין גרויסע צאָלען ביי קאפּי־
טאַליסטישע אונטערנעמער. עס איז גאַנץ קלאָר, אז פאַראיינצעל־
טע, צוזאַמענגעזעצטע, טע, צוואוואָרפענע פאַרם־ארבייטער קענען ניט האָבען די זעלבע
געדאַנקען, צום ביישפּיעל, וועגען טרייד־יוניאָניזם, ווי ארבייטער
אין אַ פאַבריק. דער פאַרהעלטניס פון דעם פאַרמער צו דעם פאַרם־
ארבייטער איז אַ פּערזענליכער, זיי ארבייטען צוזאַמען אפ'ן פעלד:
זיי עסען צוזאַמען ביים טיש.קורץ, ווען מען וויל שטעהן אף דעם
גרונט פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, קען מען וועגען
פּראָלעטאַרישען קלאַסען־באוואוסטזיין ביי דעם פאַרם־ארבייטער
ניט רעדען: זיין אידעאַל איז ניט דער סאָציאַליזם, נאָר צו ווערען
א פאַרמער אליין. און דאָס איז גאָרניט אזוי אונמעגליך, ווי פאַר
אַ שטאָט־ארבייטער צו ווערען א קאַרנעגי. די צאָל פאַרמערס
וואקסט, אין די דרייסיק יאָר פון 1870 ביז 1900 איז זי געוואקסען
אזוי:

3,000,000 — — — — — — — — — 1870
4,000,000 — — — — — — — — — 1880
5,400,000 — — — — — — — — 1890
5,800,000 — — — — — — — — — 1900
6,100,000 — — — — — — — — — 1910

בקיצור, די פאַרם־אַרבייטער מוז מען אָפּטיילען פון די אינ־
דוסטריעלע ארבייטער אין א באַזונדערען קלאַס.

דערמיט זיינען מיר אָבער נאָך ניט פאַרטיק. עס זיינען
פאַראַן אַנדערהאַלבען מיליאָן פּראָלעטאַריער און אפילו לוין־אַר־
בייטער, וואָס מען קען פאָרט ניט אַריינוואַרפען אין איין טאָפּ מיט
אינדוסטריעלע ארבייטער, — דאָס זיינען די דינסטמיידלאַך און די
דינער אין פּריוואַט־פאַמיליעס. אמת, זיי זיינען געדונגענע אַר־
בייטער, זיי ווערען אונטערדריקט פיל ערגער ווי די ארבייטער,
אַדער די ארבייטערינען אין די פאַבריקען, ווארים אַז ארבייטערין
איז אָפּגעזעסען איהר צייט אין דער פאבריק או זגעהט אהיים, ווער־
רענד אַ דינסטמיידעל טאָר דאָס ניט. פונדעסטוועגען אָבער איז
פאַראַן א פונדאַמענטאַלער אונטערשיד צווישען אַן ארבייטערין

און א דינסטמיידעל: פון דער ארבייטערינס ארבייט מאכט דער
באלעבאס פראפיט, ווערענד אן דער דינסטמיידעל פארדינט ער
גארניט. נאך וויכטיקער איז אנאנדער אונטערשיד: די צאל אינ־
דוסטריעלע ארבייטער וואקסט אין דער קאפיטאליסטישער געזעל־
שאפט, ווערענד די צאל דינער און דינסטמיידלאך איז אין די
צען יאר פון 1890 ביז 1900 געבליבען די זעלבע, דאס הייסט אין
פארגלייך צו דער גאנצער באפעלקערונג איז זי געפאלען. זינט
1870 איז זייער צאל געפאלען פון 7,8 פראצענט ביז 5.1 פראצענט;
דאס הייסט עס זיינען היינט פאראן מיט א דריטעל ווייניקער באַ־
דינטע איידער מיט דרייסיק יאר צוריק. עס איז קלאר אז מיט דער
אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם ווערט די צאל דינסטמיידלאך קלענער,
ווען איר שטעהט אלזא אף דעם מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט,
טו קענט איר ניט ערווארטען אז ביי די דינסטען זאל זיך אנטוויקלען
א פראלעטארישער קלאסען־באוואוסטזיין. דער אידעאל פון א
לאקעי קען ניט זיין צו קריגען דעם פולען פראדוקט פון זיין לא־
קעיסקער ארבייט אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, ווארים
אין אזא געזעלשאפט איז ניטא קיין פלאץ פאר לאקעיען. רעדענ־
דיק פון דעם מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט איבער די געשיכט־
ליכע ראליע פון דעם פראלעטאריאט, קען מען די דינער און דינסט־
מיידלאך ניט צוזאמענמישען מיט אינדוסטריעלע ארבייטער.
דאס איז א שיכט פון דער באפעלקערונג וואס איז איבערגעבליבען
פון די אמאליקע צייטען, ווען די פריצים זיינען געווען דער הער־
שענדער קלאס. זי איז ניט דער פראדוקט פון קאפיטאליזם, ווי
דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט.

וואס באטרעפט דעם קאפיטאליסטישען קלאס, איז ער אויך
ניט אזוי פראסט, ווי עס שיינט. מילא, א פאבריקאנט איז בלא
ספק א קאפיטאליסט, נו און וואס איז א קרעמער? ווען ער האט
א קראם מיט א געדונגענעם משרת און פארקויפער איז ער א קא־
פיטאליסט, נו, און ווען ער זיצט אין קראם מיט זיין ווייב און קינ־
דער און מאכט פונקט אזוי פיל געשעפט ווי יענער, טו וואס איז ער,
א קאפיטאליסט אדער אפשר גאר א פראלעטאריער? און ווען ער
דינגט פאר קריסטמאס עטלאכע מיידלאך ביז נאך ניי־יאר, טו ווערט
ער דעמאלס א קאפיטאליסט? איר זעט דערפון אז ווען עס האנ־
דעלט זיך פון דער גאנצער באפעלקערונג, טו מוז מען אנשטאט
דעם קאפיטאליסטישען קלאס אונטערשטעלען דעם אונטערנעמער־

קלאס. אבער דער אונטערנעמער־קלאס, דארפט איהר ניט פאר־געסען, ענטהאלט אין זיך פושקארט פעדלערס, אייגענטימער פון סאדא־וואסער סטענדס, צייטונגס־פארקויפער, און דערגלייכען. זיי זיינען אלע ענלאך צווישען זיך אין דעם, וואס זיי זיינען געשעפטס־לייט, ניט קיין געדונגענע ארבייטער. זייער עקאנאמישע לאגע צווינגט זיי צו פארגרעסערן זייער געשעפט, ווי ווייט זיי קענען. אין זייער אייגענעם פראקטישען לעבען איז זייער אידעאל דער גרויסער קאפיטאליסט, אפילו ווען עס געפינט זיך צווישען זיי א געוויסע צאל פארבלאנדזשעטע סאציאליסטען אדער אנארכיסטען פון דער ניו־יארקער איסט־סייד.

מיר האבען אויסגערעכענט דריי פראלעטאריער־שיכטען און צוויי אונטערנעמער־שיכטען, און מיר זיינען נאך אלץ ניט פארטיק. עס בלייבען נאך אלץ אזוינע געזעלשאפטליכע גרופען, אדער קלאסען ווי איר ווילט, וואס מען קען ניט ארייגרעכענען, ניט צווישען די קאפיטאליסטען ניט צווישען די לוין־ארבייטער.

וואוהין וועט איר ארייגרעכענען דאקטוירים, פראפעסארען, לערער און דערגלייכען? עס זיינען פאראן גרויסע דאקטוירים, וואס האבען אסיסטענטען און צאלען זיי געהאלט, אבער קען מען זאגען, אז א גרויסער דאקטאר מאכט פראפיט דערפון וואס ער דער־צאלט ניט זיין אסיסטענט דעם פולען ווערט פון זיין פראדוקט? עס איז גאנץ קלאר, אז דער גרויסער ספעציאליסט קריגט באצאלט א מאנאפאליסטישען פרייז פאר זיין נאמען. ווען ער קריגט צען דאלער פאר א וויזיט און א דאקטאר אויף איסט־בראדוויי איין דא־לער, טו ווען דער ספעציאליסט זאל דינגען א דאקטאר פון איסט־בראדוויי פאר אן אסיסטענט און צאלען עם איין דאלער פון יעדען קראנקען, וועט דער אסיסטענט קריגען דעם פולען פראדוקט פון זיין ארבייט און דעם ספעציאליסט וועט בלייבען ניין מאל אזוי פיל, ניט פאר דעם אסיסטענטס ארבייט, נאר פאר זיין אייגענעם נאמען. אזוי איז אויך מיט א גרויסען אדוואקאט, — ניט די אונבאצאלטע ארבייט פון דזשאדזש פארקער׳ס אפיס באי ברייננט אריין זיינע גרויסע פארדינסטען. יעדער פראפעסיאנעלער מענטש ארבייט אליין, אפילו ווען ער דינגט אנדערע לייט עם צו העלפען, און דער אסיסטענט ביי דעם גרויסען דאקטאר, דער אינזשעניער, וואס איז באשעפטיקט ביי א פירמע פון קאנסולטירענדע אינזשעניערען, בא־טראכטען זיך ניט פאר מיטגלידער פון אן אנדער קלאס איידער זייע־

רע ארבייטסגעבער. אָדער נעמט צום ביישפּיל אַ פּראָפעסאָר אין אַן אוניווערסיטעט: זיין געהאַלט מעג זיין קליין, אָבער קען מען זאָגען, אַז ער ווערט עקספּלואַטירט פון זיינע באַלעבאַטים, די טראַסטים פון דעם אוניווערסיטעט? דער פאַקט איז, אַז קיין איינציקער אוניווערסיטעט דעקט ניט די אויסגאַבען.

די שטאַטס־בעאַמטע, ווי פּאָליסלייט, לערער און לערערקעס, מעגען זיך האָבען זייערע יוניאָנס, מעגען אפילו זיין פאַרבונדען מיט דער אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר, אָבער עס בלייבט דאָך אַן אונטערשיד צווישען זיי און דעם אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט; זיי האָבען אַנאַנדער ארבייטס־געבער. זייער ענדציל איז ניט פּטור צו ווערען פון דעם באַלאַבאָס, ווי ביי די ארבייטער וואָס שאַפען פאַר אַ טראַסט, צום ביישפּיעל, — ווארים זייער באַלאַבאָס, דער שטאַט, וועט ניט אפּגעשאַפט ווערען און וועט ניט „אָפּשטאַרבען“. ווען דער שטאַט קלינגט שלעכט פאַר „רעוואָלוציאָנערע“ אויערען, קען אַן ענגעלס איבערבייטען דעם נאָמען, דער עיקר אָבער זיינער, וועט בלייבען אין אַן „אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט“ אויך. די שטאַטס־בעאַמטע קעמפּפען געגען זייער באַלאַבאָס מיט אַנדערע מיטלען, איידער די לוין־ארבייטער נעגען אַ פּריוואַט קאַפּיטאַליסט, — ניט מיט עקאָנאָמישע, נאָר מיט פּאָליטישע (וואָרים אפילו אַ סטרייק פון שטאַטס־בעאַמטע איז פון אַנהויב אַן אַ פּאָליטישער סטרייק). בפּרט דאָ אין אַמעריקע געהערען דאָס רוב שטאַטס־בעאַמטע צו די הערשענדע פּאָליטישע פּאַרטייען און אויף דעם אופן בילדען זיי אַ טייל פון דעם הערשענדען קלאַס. ווייטער, געזעלשאַפטליך, האַלט זיך דער שטאַטס־בעאַמטער פאַר אַ גרעסערען יחסן ווי דער פּראָסטער ארבייטער.

בקיצור, די אַלע פּראָפעסיעס, וואָס זיינען דאָ אויסגערעכענט געוואָרען און אַנדערע ענלאַכע בילדען אַ באַזונדערע געזעלשאַפטליכע גרופּע, וואָס געהערט ניט צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. הגם עס געפינען זיך צווישען זיי אונטערנעמער אין זייער פאַך, און אויך ניט צו דעם זעלבען קלאַס, ווי די אינדוסטריעלע ארבייטער, הגם זיי מאַכען אַ לעבען פון זייער ארבייט.

היינט איז פאַראַנען נאָך אַנאַנדער געזעלשאַפטליכע גרופּע, וואָס קען ניט אריינגערעכענט ווערען, ניט אין דעם קאַפּיטאַליסטישען און ניט אין דעם ארבייטער־קלאַס, — דאָס זיינען די פאַר־

שידענע מינים אגענטען, וואס זיי בילדען א מחנה פון א דריטעל
מיליאן, ווערליק דער פאלקס־צעהלונג פון 1900. אן אגענט וואס
לעבט פון קאמיסיע איז א געשעפטסמאן, וואס זיין אינטערעס איז
דער זעלביקער ווי דער אינטערעס פון דער פירמע, וועמעס וואַרע
ער פארקויפט. אמת, דער אגענט וואלט געוואלט זיין פראצענט
קאמיסיע זאל זיין וואס העכער, און די פירמע וואלט גערן געצאלט
וואס וועניקער, אבער אזא געגענזאץ געפינט איר צווישען קאפיטא־
ליסטען אויך: דער אייגענטימער פון א קוילען־גרוב וויל קריגען
פאר זיינע קוילען וואס טייערער, ווערענד דער פאבריקאנט וואס
האט א סטים ענדזשין (א פאראוויק) וויל קויפען קוילען וואס וועל־
וועלער. אבער ביידע געהערען פארט צו דעם זעלבען קאפיטאליס־
טישען קלאס. און אזוי פילט זיך אויך דער אגענט אדער דער
האנדעלס־רייזענדער, וואס פארט ארום מיט סעמפעלס, סאלידאריש
מיט דעם אונטערנעמער. צו דער זעלבער צייט איז ער א מענטש
וואס מאכט א לעבען פון זיין אייגענע פראצע, כאטש ער ארבייט
מיט׳ן קאפ, ניט מיט די הענט. דאס איז אלזא, אן איבערגאנגס־
קלאס — פון קאפיטאליסט צום לוין־ארבייטער.

היינט זיינען פאראן צוויי קלאסען מענטשען, וואס זיינען גע־
דונגענע לייט פונקט ווי דער ארבייטער, און פונדעסטוועגען קען
מען זיי אויך ניט אריינרעכענען אין דעם אינדוסטריעלען ארביי־
טער־קלאס. דאס זיינען, ערסטענס די אדמיניסטראציע פון דעם
געשעפט; די מענעדזשערס, די פארלייט, די אפיס לייט, וואס
זייער אלעמענס ארבייט באשטעהט אין קאמאנדעווען, אדער העל־
פען קאמאנדעווען איבער דעם ארבייטער, צו פארטרעטען דעם בא־
לעבאס. דער סופעראינטענדענט פון א פאבריק, דער קאפיטאן
פון א שיף זיינען אייגענטליך „פראלעטאריער“, זיי לעבען פון זייי־
ערע שכירות. פונדעסטוועגען זיינען זיי ניט סאלידאריש מיט די
ארבייטער אדער די מאטראסען, נאר פארקערט זיי שטעהען פיינד־
ליך אנטקעגען דעם ארבייטער. ווען איר רעט פון קלאסען־בא־
וואוסטזיין אין דעם מאטעריאליסטישען זין, טו איז עס ביי זיי
קאפיטאליסטיש, ניט פראלעטאריש. זייער האפנונג איז ניט צו פאר־
בעסערען זייער לאגע דורך די העבונג פון דער שטעלונג פון דעם
ארבייטער־קלאס בכלל, יעדער פון זיי זוכט זיך ארופצוארבייטען
אויף א העכערע שטעלונג אין דער אדמיניסטראציע פון דעם גע־
שעפט.

היינט צו טאג זיינען דאס רוב פון אלע געשעפטען, קארפא־רעישאנס. אין א קארפארעישאן פארשווינדעט די פערזאן פון דעם קאפיטאליסט אין גאנצען, און זיין פלאץ טרעטען די ערוועהלטע בעאמטע פון דער קארפארעישאן און דער אנגעשטעלטער אדמי־ניסטראטיווער פערסאנאל. אלזא, זיי לעבען פון „געהאלט" ניט פון פראפיט, אבער זייער ראליע אין דער געזעלשאפט איז צו פאר־טרעטען דעם קאפיטאליסט, ניט די ארבייט.

דער צווייטער קלאס פון געדונגענע מענטשען, וואס מוזען אויך אויסגעטיילט ווערען אין א בעזונדערען קלאס, זיינען די פארקויפער און די פארקויפערינס אין די קראמען. זייער לאגע איז אייגענטליך ערגער פון די לאגע פון די האנט־ארבייטער, אבער זיי האפען מיט דער צייט צו מאכען אן אייגענעם געשעפט און פילע פון זיי געלינגט דאס. די דעפארטמענט־סטארס (אוניווערסאלע מאגאזינען) קוי־לענען אוועק די אויסזיכטען פון די האנדעלס־אנגעשטעלטע צו ווערען באלעבאטים פאר זיך, אבער דערווייל, איז נאך דער ריטייל האנדעל גרעסטענטיילס א קליין געשעפט. דער פארהעלטניס פון דעם קלוירק (פריקאשטשיק) אין א קליינער קראם צו זיין באלע־באס איז דערצו א פערזענליכער, ניט ווי אין א גרויסער פאבריק. און דורך די אלע אורזאכען קען זיך ביי דעם דורכשניטליכען פאר־קויפער אין א קראם ניט אויסבילדען קיין פראלעטארישער קלאסען־באוואוסטזיין, זיין געזינונג איז א קאפיטאליסטישע, און דא אין אמעריקע ווייזט זיך דאס ארויס ביי די גרויסע סטרייקס, וואו די קלוירקס פון די סטארס ערשיינען אין די מונדירען פון דער מילישא צו שיסען די סטרייקערס. זיי מוזען דעריבער גערעכענט ווערען באזונדער פון דעם אינדוסטריעלען פראלעטאריאט.

מיר האבען אלזא, אנשטאט דריי קלאסען — קאפיטאליסטען, פראלעטאריער, און „מיטעל־קלאס" — גאנצע צען, וואס קענען אונטער פארשידענע אומשטענדען זיין פארבונדען אין פארשידענע גרופירונגען פון אינטערעסען. אלע צוזאמען באטרעפען זיי 94 פראצענט פון אלע בעלי מפרנסים. די איבעריקע 6 פראצענט איז ניט מעגליך צו קלאסיפיצירען.

עס געפינען זיך צווישען די ניט־קלאסיפיצירטע איבער 300,000 ווערשערינגען. מילא וואס זיי זיינען ארעם וועגען דעם איז איבעריק צו רעדען. אבער ניט יעדער ארעמאן געהערט צו דעם „פראלעטאריאט“: א שוסטער, וואס האט א שאפ אין א קעלער און פאריכט אלטע שיך, איז אויך ניט קיין נגיד, אבער ער איז ניט קיין לוין־ארבייטער. א פרוי וואס נעמט אהיים וואשען וועש איז אן „אונטערנעמערין“. עס איז גארניט זעלטען אז זי דינגט צו אנ־אנדערע איר ארויסצוהעלפען. אין דעם פאל איז זי אן „ארבייטסגעבערין“. די זעלביקע ווערשערין קען זיך אמאל אנדינגען צו וואשען גרעט ביי א פריצ'טע, דאמאלס איז זי א סארט בעל־מלאכה, ווי א גלעזער אדער א סטאליער, וואס איר דינגט עפיס פאריכטען ביי אייך אין דער דירה; ווען זי ארבייט אין א גרויסער פאמיליע פון וואך, אדער פון מאנאט, דאמאלס איז זי א דינסטמיידעל ווי זשע וועט איר קלאסיפיצירען די 300,000 פרויען? די געזעלשאפט־ליכע שיכטע איז א געמישטע, אן איבערגאנגס פארמע. חוץ דעם זיינען פאראן אזעלכע גרופען, וואס עס וואלט יע געווען מעגלאך צו קלאסיפיצירען, ווי צום ביישפיעל בארבערס, בוטשערס (קצבים), אבער ביי דער פאלקס־צעהלונג האט מען ביז אהער ניט געמאכט קיין אונטערשיד צווישען א בארבער־באס און א בארבער־ארבייטער. דעריבער קומט אוים אלע אזעלכע אונבעשטימטע גרופען צו רע־כענען באזונדער פאר אן עלפטען קלאס.

3.

די פראפארציע פון פארשידענע קלאסען פון 1870 ביז 1900.

לאמיר זשע איצט א קוק טאן וויפיל עס געפינען זיך מענטשען, אין יעדען פון די עלף קלאסען. די ציפערען זיינען גענומען פון דער פאלקסצעהלונג פון 1900 און באציהען זיך אף אלע בעלי־מפרנסים ניט אינגער ווי צען יאר. די צאלען זיינען דא גענעבען רונד אין טויזענטער.

קלאסען :	פויזענטער	פראָצענט
פארמערם — — — — — — — — — —	5,823	19.9
פארם־ארבייטער : בעל־הבית׳שע קינדער	2,366	8,0
געדונגענע — — — — — — — — —	2,093	7,1
געשעפטס־לייט — — — — — — —	2,104	7,2
פראפעסיאָנעלע לייט — — — — — —	1,579	5,4
אגענטען — — — — — — — — — —	334	1,1
אדמיניסטראטיווער געשעפטס־פערזאָנאל	1,189	4,1
פארקויפער אין קראָמען — — —	622	2,1
אינדוסטריעלע לוין־ארבייטער — — — —	9,977	34,1
דינער און דינסטמיידלאך — — — —	1,458	5,0
נים קלאסיפיצירטע — — — — — — —	1,740	6,0
צוזאמען —	29,287	100,0

אלזאָ, דער אינדוסטריעלער פראָלעטאריאט מאכט אויס עפּעס מערער ווי א דריטעל פון אלע פאררינערס.

עס געפינען זיך אינדוסטריעלע פראָלעטאריער אויך צווישען יענע, וואָס זיינען געבליבען נים קלאסיפיצירט. אין דער צאָל געפינען זיך איבער א האלבען מיליאָן פורלייט, 131,000 בארבערס, 113,000 בוטשערס, 72,000 פערזאָנען וואָס זיינען באשעפטיקט אין די וועלדער, 60,000 פאקערס, 39,000 מענער וואָס וואשען גרעט א. אז. וו., אלע צוזאמען 922,000 פערזאָנען. די איבעריקע זיינען נים באשעפטיקט אין דער אינדוסטרי. ווען מיר זאָלען אנעמען אז צווישען די אלע פורלייט, בארבערס, בוטשערס, א. אז. וו. געפינט זיך נים קיין איינציקער בעל הבית פאר זיך, וואָס איז קלאָר אונזין, אפילו דאן געהערען נים מער ווי 53 פראָצענט פון די אונקלאסיפיצירטע צו די אינדוסטריעלע ארבייטער. אויב מיר זאָלען אנעמען אז א העלפט פון די אונקלאסיפיצירטע זיינען אינדוסטריעלע ארבייטער, וועט דאָס געוויס זיין איבער גענוג. רעכענט צו א העלפט פון די אונקלאסיפיצירטע צו די אינדוסטריעלע ארבייטער, וועט דער אינדוסטריעלער פראָלעטאריאט, דער טרעגער פון דעם פראָלעטארישען קלאסען־באוואוסטזיין, אויסמאכען נים מער ווי 37,1 פראָצענט פון אלע פאררינער.

געשעפטס־לייט באטרעפען 7,2 פראצענט פון אלע פארדי־נערס. חוץ זיי אבער געהערען די פארמערס אויך צו דעם באזיצענ־דען קלאס. צוזאמען מאכט דאס אויס 27,1 פראצענט. ריכטיק גע־רעט אבער, דארף מען צו זיי צורעכענען די פארמערשע משפחות, וואס העלפען זייערע עלטערען אין דער היים. אלזא, צוזאמען בא־טרעפען זיי שוין 35,1 פראצענט.

איר זעט אלזא, אז די באבע־מעשה וועגען דעם, אז דער פרא־לעטאריאט איז די מאיאריטעט פון דער גאנצער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, ווייזט זיך אוים פאר פאלש אין דער העכסט ענטוויי־קעלטער לאנד פון קאפיטאליזם. די בורזשואזיע און דער פראלע־טאריאט שטעהען זיך נעגען אנאנדער אין אונגעפער גלייכע צאלען: בורזשואזיע — 35,1 פראצענט, אינדוסטריעלער פראלעטאריאט— 37,1 פראצענט. צווישען זיי געפינט זיך א גאנצע רייהע פון געזעל־שאפטס־שיכטען וואס געהערען ניט צו דעם איינעם און ניט צו דעם אנדערען קלאס, צוזאמען 27,8 פראצענט. פון זייער שטעלונג העננט אפ אלזא דער ערפאלג פון דער בורזשואזיע, אדער פון דעם פרא־לעטאריאט.

ווען איר וועט צורעכענען צו די 37,1 פראצענט אינדוסטריעלע ארבייטער די 7,1 פראצענט געדונגענע פארם־ארבייטער און די 2,1 פארקויפער אין די סטארס און די 5,0 דינסטמיידלאך און דינער, דאמאלס ערסט וועט די צאל קאם איבערשטייגען א העלפט (52,3 פראצענט). ווען איהר וועט נאך אריינרעכענען אהער די 4,1 פרא־צענט סופעראינטענדענטס, פארלייט, בוקקיפערס און דערגלייכען, וועלען זיי אלע אין איינעם אויסמאכען 56,4 פראצענט. דאס הייסט, אז מען רעכענט שוין אריין אלעמען וואס געהערען און וואס געהע־רען ניט צו דעם פראלעטאריאט, אבי זיי קריגען שכירות אדער „גע־האלט“, אפילו דאן האט איר א קנאפע מאיאריטעט פון דער באפעל־קערונג. נאר דאן ווען דער סופעראינטענדענט און די ארבייטער וועלען זיין פאראייניקט אין איין קלאסען־באוואוסטער פראלעטא־רישער פארטיי, זייט איר גאנץ זיכער מיט א מאיאריטעט. קאם אבער ניט, קאם געפינט זיך א פארשידענהייט פון מיינונגען און שטרעבונגען אין אט דער צוזאמענגעשטאבעטער מאיאריטעט, בלייבט שוין דער פראלעטאריאט אין דער מינאריטעט.

אמת, די ציפערען זיינען שוין מער ווי צען יאָר אַלט. די גע־זעלשאַפט שטעהט דאָך ניט אויף איין אָרט, דער פּראָלעטאַריאַט וואקסט, דער מיטעלקלאַס „פארשווינדעט“. מיר דאַרפען באַטראַכ־טען די געזעלשאַפט ניט ווי מיר געפינען זי אין דעם איצטיקען מאָ־מענט, אבער ווי זי ענטוויקעלט זיך און פאַרענדערט זיך. גאַנץ שעהן. אַלזאָ, לאָמיר אַ קוק טאָן, וואָס איז געווען דער פארהעלט־ניס פון די אַלערליי קלאַסען זינט 1870*):

קלאַסען:	1870 %	1880 %	1890 %	1900 %
פאַרמערס — — — — — — — — —	24,3	24,9	24,0	20,4
פארם־ארבייטער — — — — —	23,1	19,1	13,2	13,3
געשעפטס־לייט — — — — — —	7,2	7,8	7,9	7,3
פּראָפעסיאָנעלע לייט — — — —	3,5	4,0	4,5	5,2
אַגענטען — — — — — — — —	0,2	0,4	1,0	1,2
אַדמיניסטראַטיווער פּערסאָנאַל און פארקויפער — — — — —	2,6	3,2	5,0	6,3
אינדוסטריעלע ארבייטער — —	27,4	29,5	32,7	34,8
דינער און דינסטען — — — — —	7,8	6,2	6,4	5,3
ניט קלאַסיפיצירטע — — — — —	3,9	4,9	5,3	6,2
אַלע צוזאַמען —	100,0	100,0	100,0	100,0

אין דעם משך פון דרייסיק יאָר האָט זיך דער אינדוסטריעלער ארבייטער־קלאַס פארגרעסערט סך־הכל פון 27,4 ביז 34,8 פּראָ־צענט, און קיין גרויסע שפּרונגען האָט די ענטוויקלונג דערביי ניט געמאַכט: אין די ערסטע צען יאָר איז צוגעקומען 2,5 פּראָצענט, אין די נעקסטע צען יאָר 3,2 פּראָצענט און אין די לעצטע צען יאָר 2,1 פּראָצענט. דער וואוקס פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז אין די לעצ־טע צען יאָר געווען לאַנגזאַמער ווי אין די פריהעריקע צען יאָר.

*) דער קליינער אונטערשיד אין די פּראָצענטען פון דער טאַבליצע ביז דער פריהערדיקער קומט דערפון וואָס אין 1900 זיינען אריינגע־רעכענט געוואָרען אין די פאראייניקטע שטאַטען אַלאַסקא און האוואַאי. דער פארגלייך אָבער איז געמאַכט געוואָרען חוץ די צוויי טעריטאָריעס.

אז איר וועט צורעכענען אהער א העלפט פון די נישט קלאסיפי־ צירטע, האט זיך דער פראלעטאריאט פארמערט אין דרייסיק יאר פון 29,3 ביז 37,9 פראצענט. אויב עס וועט ווייטער אויך זיין אזוי, וועט אין 1930 דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט נאך נישט אויס־ מאכען קיין 50 פראצענט פון אלע פארדינערס. אויב דער אינדוס־ טריעלער פראלעטאריאט מוז זיך נאר פארלאזען אויף זיינע איינע־ נע כוחות, קען ער פאר די נעקסטע פאר צענדליק יאר קיין שום פארבעסערונג נישט ערווארטען אין זיין לאגע.

איך האב דא נישט גערעכענט די פארם־ארבייטער. פאר 1900 האט מען די געדונגענע פארם־ארבייטער געצעהלט צוזאמען מיט פארמערשע קינדער. אין 1900, האבען מיר געזעהען, באטרעפען די געדונגענע פארם־ארבייטער 7,1 פראצענט און די פארמערשע קינ־ דער 8 פראצענט, אלזא אן ערך העלפט אויף העלפט. אויב אזוי האבען די אינדוסטריעלע ארבייטער צוזאמען מיט די פארם־ארביי־ טער, באטראפען אין 1870 — 40,9 פראצענט און אין 1900 44,6 פראצענט. דאס הייסט, אין דעם משך פון דרייסיק יאר איז דער פארהעלטניס פון דעם פראלעטאריאט צו דער גאנצער באפעלקע־ רונג געוואקסען מיט קנאפע 10 פראצענט. געביטען האט זיך נאר דאס, וואס א טייל פארם־ארבייטער זיינען געווארען אינדוסטריעלע ארבייטער. ווען עס זאל געהן ווייטער מיט דער זעלביקער שנעל־ קייט, טו וועלען די אינדוסטריעלע און פארם ארבייטער אלע צוזא־ מען אין 1930 נאך נישט אויסמאכען קיין העלפט פון דער באשעפ־ טיקטער באפעלקערונג.

דער פראצענט געשעפטס־לייט איז געבליבען דערזעלביקער. דער פראצענט פארמערס איז געפאלען פון 24,3 אויף 20,4. דער פראצענט פארמערשע קינדער, וואס העלפען אויף דער פארם, איז אויך מסתמא געפאלען מיט דעם פראצענט פון פארם־ארבייטער.

די באזיצענדע קלאסען, דאס הייסט די געשעפטסלייט, די פאר־ מערס און זייערע קינדער, האבען אויסגעמאכט אין 1870 — 43 פראצענט און אין 1900 — 34,3 פראצענט. אלזא, די שטארקייט פון דער בורזשואזיע האט זיך אין די דרייסיק יאר קנאפ פאר־ מינדערט.

חוץ די אונקלאסיפיצירטע, וואס ענטהאלטען אלערליי סארטען מענטשען, בלייבט פאר די איבערגאנגס־קלאסען אין 1870 — 16,1 פראצענט, אין 1900 — 21,1 פראצענט. דאס הייסט, דער „מיטעלקלאס" איז ניט געווארען קלענער, ניט פארשוואונדען. וואס איז אפגעפאלען פון דעם פארמערשען קלאס, איז צוגעקומען צו דעם פראפעסיאנעלען קלאס, צו די אדמיניסטראטיווע בעאמטע און אגענטען.

אלזא, צי מיר באטראכטען די צוזאמענשטעלונג פון דער באפעלקערונג פון איין ענד, צי פון אן אנדערן, זעהען מיר אז דער קאפיטאליסטישער קלאס איז ניט קיין קלייניצקער טייל פון דער געזעלשאפט, און דער פראלעטאריער־קלאס איז ניט כמעט די גאנצע געזעלשאפט: דער פאקט איז, אז די בורזשואזיע און דער פראלעטאריאט זיינען גאר ניט אזוי אונגלייך אין צאל, און די פראפארציע פון די צוויי קלאסען בייט זיך זעהר פאמעלאך. די מאיאריטעט געהערט נאך ניט צו דעם אינדוסטריעלען פראלעטאריאט. זי שטעלט פאר א מיש־מאש פון אלערליי געזעלשאפטליכע שיכטען, וואס זייער עקאנאמישע שטעלונג איז ענטוועדער אויסגעשפראכען קאפיטאליסטיש, אדער זיי זיינען ניט אהין און ניט אהער. דאס הייסט אייגענטליך אביסעל אהין און אביסעל אהער. זייער געזינונג שפיגעלט אפ זייער מאטעריעלע שטעלונג אין דער געזעלשאפט, און דעריבער געפינט איר ביי זיי דעם זעלבען מיש־מאש פון קאפיטאליסטישע און אנטי־קאפיטאליסטישע אידעען.

4.

איינטיילונג אין קלאסען נאך געשלעכט און עלטער.

ביז אהער האבען מיר געהאט צו טאן מיט אלע פארדינערס, אבער עס איז פאראן א גרויסער סאציאלער אונטערשיד צווישען מאנצבילען און פרויען. פון די 29,000,000 פארדינערס אין 1900 זיינען געווען 5,000,000 פרויען.

די מאנצבילען און די נקבות זיינען געווען אזוי צוטיילט צווי־שען די פאָלגענדע קלאַסען:

קלאַסען:	מאַנזבילען: %	נקבות: %
פארמערם	23,0	5,8
פארם־ארבייטער:		
פארמערשע קינדער	8,0	8,2
נעדונגענע	7,9	4,2
געשעפטס־לייט	7,7	4,7
פראפעסיאָנעלע לייט	4,8	10,1
אגענטען	1,3	0,2
אדמיניסטראַטיווער פערסאָנאל	3,9	4,7
פארקויפער	1,9	3,0
אינדוסטריעלע ארבייטער	35,9	26,0
דינער און דינסטען	0,9	23,3
נים קלאַסיפירצטע	4,7	9,8
צוזאמען	100,0	100,0

דער סאָציאַלער אונטערשיד צווישען מאנצבילען און נקבות ווייזט זיך ארוים אין די פאָלגענדע פרטים:

1) דער פראָצענט פארמערם צווישען די מאנצבילען איז פיר מאָל אזוי גרוים ווי צווישען פרויען.

2) דער פראָצענט געשעפטס־לייט איז כמעט צוויי מאָל אזוי גרוים צווישען מענער ווי צווישען פרויען.

3) אינדוסטריעלע ארבייטער באטרעפען מער ווי א דריטעל פון די מענער, און נאָר א פערטעל פון די פרויען.

4) פארקערט, כמעט א פערטעל פון די פארדינערקעס זיינען דינסטמיידלאך, ווערהענד צווישען די מענער מאכען די דינער אוים ווייניקער ווי איין פראָצענט.

5) דער פראָצענט פראפעסיאָנעלע לייט צווישען פרויען איז צוויי מאָל אזוי הויך ווי צווישען מענער.

דער באזיצענדער קלאס צווישען פרויען, — דאס הייסט די באלעבאסטעס פון פארמס, פארמערשע פרויען און טעכטער באטרעפט 18,7 פראצענט פון די פארדינערקעס, אינדוס־טריעלע ארבייטערינען — 26 פראצענט, דינסטען — 23,3 פרא־צענט און אלערליי שיכטען פון דעם מיטעלקלאס — 32 פראצענט. אלזא, ווערליק זייער עקאנאמישער לאגע געהערען ניט מער ווי א פערטעל פון אלע פארדינערקעס צו דעם קלאס, וואס איז דער טרע־גער פון דעם פראלעטארישען קלאסען־באוואוסטזיין; אנאנדער פערטעל געהערט צו די הויזקנעכט, א העלפט צו דעם אונטערנע־מער־קלאס אדער צו דעם מיטעלקלאס.

אין דערין ליגט די ערקלערונג פון דעם בורזשואזנעם כאראק־טער פון דער פרויען באוועגונג. די דינסטמיידלאך קען מען ניט נעמען אין באטראכט, ווארים זייער לאגע ערלויבט זיי ניט אנטייל צו נעמען אין ערגעץ א באוועגונג. פון די איבעריקע דריי פערטעל געהערען א פערטעל צו דעם פראלעטאריאט און א העלפט צו דעם אונטערנעמער אדער מיטעלקלאס. אלזא, אף יעדע פראלעטארישע פרוי קומען אוים צוויי מיטעלקלאס־פרויען. גאנץ נאטירליך, מוז זיך דאס אפשפיגלען אויך אין דעם כאראקטער פון דער באוועגונג.

אויב עס ווילט זיך אייך דוקא אריינרעכענען צווישען דעם פראלעטאריאט יעדע מיידעל, וואס ארבייט פאר שכירות, אדער געהאלט, טו מאכען אוים אלע אין איינעם — אינדוסטריעלע אר־בייטערינען, גערונגענע פארם־ארבייטערינען, פארקויפערקערס און מיידלאך וואס ארבייטען אין אפיסעס, — סך הכל 37,9 פראצענט. אלזא, פארט ניט קיין מאיאריטעט.

און איצטער לאמיר א קוק טאן, וואו האלטען מיר מיט די מאנצבילען. די אינדוסטריעלע ארבייטער באטרעפען סך הכל 35,9 פראצענט. ניט קלאסיפיצירטע מאנצבילען זיינען געווען 1,227,000 פון זיי זיינען 896,000 געווען באשעפטיקט אין דער אינדוסטרי. דאס הייסט 72 פראצענט. די צאל שליסט איין ארבייטס־געבער און ארבייטער. אז מיר זאלען זיי אלעמען פארעכענען פאר ארבייטער, וועלען זיי אויספאכען ניט מער ווי 3,3 פראצענט. אלזא, צוזאמען באטרעפען אלע אינדוסטריעלע פראלעטאריער ניט מער ווי 39,2 פראצענט.

רעכענט נאך אריין די גערונגענע פארם־ארבייטער, אפילו דא־מאלס האט איר גאר 47,1 פראצענט. צוזאמען מיט די פארקוי־

פערס אין די קראַמען און די דינער באַטרעפֿט די צאָל אין גאַנצען 47,9 פראָצענט. אַלזאָ, ווי איר וועט ניט אַנציהען, כדי אַנצוצעה־לען אַ מאַיאָריטעט וועט איהר קריגען אַ קנאַפּע העלפט פּראָלעטאַ־ריער, וואָס קענען ווערען קלאַסען־באַוואוסט.

דער אונטערנעמער־קלאַס (געשעפטסלייט, פאַרמער און פאַר־מערשע קינדער) באַטרעפען צוזאַמען 38,7 פּראָצענט, אַלזאָ, אַן ערך אַזוי פיל ווי די אינדוסטריעלע אַרבייטער, שוין אַריינרעכענענדיק די ניט קלאַסיפיצירטע, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען געשעפטסלייט, ניט קיין אַרבייטער. דאָס הייסט, די אונטערנעמער און די אינדוס־טריעלע פראָלעטאַריער שטעהען געגען אַנאַנדער אין גלייכע מחנות. דער אויסגאַנג פון קאַמפּף הענגט אָפּ פון מענער וואָס געהערען ניט צו דעם און ניט צו יענעם זייט, פון דעם „פּובליקום“, ווי מען רופט זיי אין אַמעריקע.

מיר האָבען דאָ אַריינגערעכענט צווישען די מאַנצבילען אַלע פאַרדינערס, אַנהויבענדיק פון צען־יאָריקע אינגלאַך. אויף דעם פּאָ־ליטישען פעלד ווערען גערעכענט נאָר מאַנצבילען פון איין און צוואַנציק יאָר אָן. לאָמיר, אַלזאָ, פאַרגלייכען די איינטיילונג פון אַלע בעלי מפרנסים מיט דער איינטיילונג פון אַזוינע מאַנצבילען וואָס זיינען ניט אינגער ווי איין און צוואַנציק יאָר:

קלאַסען:	פראָצענט אַלע	פראָצענט פּאָליערישע
פאַרמערס — — — — — — — — — —	23,2	27,4
פאַרם־אַרבייטער — — — — — — —	15,8	8,9
געשעפטס־לייט — — — — — — — —	7,8	9,1
פּראָפעסיאָנעלע לייט — — — — — —	3,9	4,4
אַגענטען — — — — — — — — —	1,4	1,6
אַדמיניסטראַטיווער פּערסאָנאַל — — —	3,9	3,8
פאַרקויפער — — — — — — — — —	2,0	1,8
אינדוסטריעלע אַרבייטער — — — — —	36,0	36,4
דינער — — — — — — — — — — —	0,9	0,8
ניט קלאַסיפיצירטע — — — — — —	5,1	5,8
צוזאַמען — — —	100,0	100,0

ווי עס ווייזט אוים פון דער טאבליצע איז דער אונטערשיד פון דער צוזאמענשטעלונג פון די בעלי־מפרנסים צווישען אלע מאנצבילען און יענע, וואס זיינען אריבער איין און צוואנציק יאר, גאר א קליינער, חוץ ביי דער דערפישער באפעלקערונג: דער פראצענט פון פארמערס צווישען די וואס מעגען וואוטען איז גרעסער. דער פראצענט פון פארם־ארבייטער (אריינגערעכענענדיק פארמערשע זין) איז קלענער. מען קען אנעמען, אז דאס רוב פארם־ארבייטער, וואס זיינען אריבער איין און צוואנציק יאר, זיינען געדונגענע לייט. דער פארהעלטנים פון דעם פראלעטאריאט צו די איבעריקע קלאסען צווישען די וואוטערס בלייבט דער זעלביקער ווי צווישען אלע מאנצבילען. איינערזייטס זיינען פאראן 36,4 פראצענט אונטערנעמער געשעפטסלייט און פארמערס). ווען איר וועט צורעכענען צו די אינדוסטריעלע ארבייטער דריי פערטעל פון די אונקלאסיפיצירטע, אלע פארם־ארבייטער און אלע פארקויפער, דאמאלס וועלען זיי ערסט אלע צוזאמען דערגרייכען 51,4 פראצענט פון אלע וואוטערס.

אלזא, דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט אליין, ווי קלאסען־באוואוסט און פאראייניקט ער זאל ניט זיין, איז נאך היינט צו טאג ניט בכוח צו פארטיידיקען זיינע אינטערעסען אויף דעם פאליטישען פעלד געגען די פאראייניקטע קרעפטען פון אלע אנדערע קלאסען. ער מוז געווינען אן איינפלוס איבער די פארם־ארבייטער, וואס עס איז נאך קיין סאציאליסטישער פארטיי אין דער וועלט ביז אהער ניט געלונגען. ער מוז געווינען אף זיין זייט דעם קוייפמענישען פראלעטאריאט (ווי מען באצייכענט די פארקויפער אין דייטשלאנד), וועלכער איז דא אין אמעריקא נאך דערווייל ניט סאלידאריש מיט דעם אינדוסטריעלען פראלעטאריאט, כדי די פראלעטארישע פארטיי זאל קענען בייקומען די „איינע רעאקציאנער מאסע“ ביי דעם שטימקאסטען.

5.

פראפארציע פראלעטאריער אין פארשידענע סטעיטס.

ביז אהער האבען מיר באהאנדעלט די פאראייניקטע שטאטען אין גאנצען ווי איין לאנד. פאליטיש אבער זיינען זיי צוטיילט אין אכט און פערציק באזונדערע סטעיטס, און יעדע פון זיי האט א

גלייכע דעה אין סענאט, אלזא, אין דער געזעצגעבונג און אין דער פערוואלטונג אויך, ווארים דער פרעזידענט קען אפילו זיין קאבינעט ניט אויסקלייבען אן דער צושטימונג פון דעם סענאט. ווען איר וועט אבער באטראכטען יעדען סטעיט באזונדער, וועט איר געפינען, אז די צוזאמענשטעלונג פון דער באפעלקערונג איז גרונד פארשידען אין פארשידענע טיילען פון לאנד. לאמיר נעמען נאר די מאנזבילען.

די אינדוסטריעלע ארבייטער אליין זיינען געווען א מאיאריטעט אין 1900 אין די פאלגענדע סטעיטס:

	פראצענט
אין ראד־אײלאנד	60,7
אין פענסילוועניא	58,6
אין קאנעטיקוט	57,1
אין מאסאטשוסעטס	57,0
אין ניו־דזשוירזי	54,7
אין מאנטאנא	51,9
אין ניו־העמפשייר	50,2

עס זיינען נאך אבער פאראנען אין יעדען סטעיט א געוויסער פראצענט אונקלאסיפיצירטע, וואס ענטהאלטען אי געדונגענע ארבייטער, אי ארבייט־געבער. מיר מעגען אנעמען, אז דער פראצענט ארבייטער אין יענע פעבער איז ניט גרעסער ווי אין די איבעריקע קאפיטאליסטישע געשעפטען. אויב אזוי מעגען מיר אויסרעכענען די פראצענטען נאך דער צאל נאך וואס זיינען יע קלאסיפיצירט. עס וועלען דאמאלס צוקומען די פאלגענדע סטעיטס:

	פראצענט
וואיאמינג	51,6
ניו־יארק	50,4
קאלארא דא	50,3
אריזאנא	50,0

אויב מיר וועלען בלייבען שטרענג אויף א מארקסיסטישען באדען, זיינען פאראן סך הכל עלף סטעיטס וואו דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט קען פארווירקליכען זיין פראגראם אויף דעם פאליטישען פעלד דורך זיין אייגענע צאל ביים שטימקאסטען.

אבער ווען עם האלט קורץ, מעג מען מאכען א קליינעם קאמ־פראמיסעלע מיט דער טעאָריע און צורעכענען אהער די געדונגענע פארם־ארבייטער. דאמאלס וועלען מיר האבען א מאיאָריטעט אין פאלגענדע סטעיטס:

	פראָצענט
נעוואדא	56,8
דעלאווער	56,4
מערילענד	52,8
ניו־מעקסיקא	50,1

ווען מיר וועלען אויסלאזען די נים קלאסיפיצירטע, אזוי ווי בעפאר, וועלען מיר צוקריגען נאך פיר סטעיטס, נעמליך:

	פראָצענט
וואשינגטאָן	55,3
קאליפארניא	52,7
אָהייא	51,7
מעין	51,5

סך־הכל ניינצען סטעיטס, רק קנאפ, מען דארף זיך נאך אבי־סעל דינגען.

אין רוסלאנד זיינען די אידישע פריקאשטשיקעס געווען די גאנ־צע שטיצע פון דער רעוואָלוציע. ווען מיר וועלען זיי דאָ אין אמערי־קע אויך אריינרעכענען אין דעם קלאסען־באוואוסטען פראלעטא־ריאט, טו וועלען מיר צוקריגען נאך פיר סטעיטס מיט א פראלעטא־רישער מאיאָריטעט:

	פראָצענט
אילינאי	52,6
פלארידא	50,8
ווערמאנט	50,8
מישיגען	50,0

אין פלאָרידא איז אַ היבשער טייל פון די פּראָלעטאַריער קאָ־ לירט און דעריבער האָבען זיי קיין וואוט ניט.

אַלזאָ העכסטענס געפינען זיך צוואַנציק סטעיטס וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז אין דער מאַיאָריטעט. דאָס באַווייזט אַז מיט זיין אייגענער מאַכט קען דער פּראָלעטאַריאַט העכסטענס עראָבע־ רען די פּאָליטישע מאַכט אין צוואַנציק סטעיטס פון די 48. אין דעם סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטען קען דער פּראָלעטאַריאַט היינט צו טאָג רעכענען העכסטענס אויף 40 זיצען פון די 96, היינט וואו האַלטען מיר אין די איבעריקע סטעיטס ? ווען מיר זאָלען איינ־ רעכענען אין דעם פּראָלעטאַריאַט אַלע וואָס לעבען פון געהאַלט, די סופּעראינטענדענטס, די פאָרלייט, די בוכהאַלטערס, די לאַקע־ יען, קורץ אַלעמען, וועט עס לאָזט זיך, וועלען צוקומען נאָך זעקס סטעיטס, נעמליך:

	פּראָצענט
אָרעגאָן	53,0
יוטא	52,8
לואיזיאַנא	51,0
ווירדזשיניא	50,2
אינדיאַנא	50,2
וויסקאָנסין	50,0

אין לואיזיאַנא און ווירדזשיניא האָט אַ היבשער טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַ שווארצע הויט און האָט דעריבער קיין דעה ניט אין פּאָליטיק. האָבען מיר, הייסט עס, נאָך פיר סטעיטס, אַלע צו־ זאַמען אַלזאָ 24. דער טייטש דערפון איז, אַז ווען אַלע געדונגע־ נע פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַל זאָלען ווערען קלאַסען־באַוואוסטע סאָ־ ציאַליסטען, דאַמאָלס קען דער פּראָלעטאַריאַט האָבען אַ מאַיאָריטעט אין דעם סענאַט אין וואַשינגטאָן.

וואָס זיינען די אויסזיכטען אויף די צוקונפט ? אויף די פראַ־ גע קענט איר געפינען אַן ענטפער אין דער פאָלגענדער טאַבעליצע:

	אַלע גערונגענע	פּראָצענט אינדוסטריעלע אַרבייטער
איידאַהאָ	49,5	37,6
וועסט ווירדזשיניאַ	47,7	37,0
מיניסאָטאַ	47,2	32,6
מיזורי	45,7	30,7
דזשאָרדזשיאַ	41,2	22,0
אייאָוואַ	40,9	26,1
קענטאַקי	39,5	23,8
טענעסי	38,7	23,3
סויטה קאַראַליינאַ	38,4	19,0
נעבראַסקאַ	38,3	23,3
קענזאַס	36,6	23,0
אַלאַבאַמאַ	36,3	21,0
נאָרטה דאַקאָטאַ	36,0	17,3
נאָרטה קאַראַליינאַ	35,3	20,5
טעקסאַס	33,8	18,3
סויטה דאַקאָטאַ	30,0	16,9
אַרקאַנסאַ	30,0	15,5
מיסיסיפּי	28,1	13,3
אָקלאַהאָמאַ	23,3	11,5

ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז פון 1870 ביז 1900 איז דער פּראָלעטאַריאַט געוואַקסען אין פאַרהעלטניס צו דער גאַנצער באַפעלקערונג סך הכל אויף 10 פּראָצענט, טו קענען מיר זעהען, אַז עס וועט נעמען צענדליקע יאָרען איידער דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערען די מאַיאָריטעט אין די אויבען־דערמאָנטע סטעיטס. דאָס זיינען אַלע סטעיטס פון די סויטה און די פאַרמערשע סטעיטס פון די וועסט.

ווענען אַ צוויי דריטעל אָדער אַ דריי פערטעל מאַיאָריטעט פון אַלע סטעיטס, וואָס איז נויטיק פאַר אַן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטושאַן, קען דער פּראָלעטאַריאַט, ווי ווייט מ׳קען פאָראויסזעהען, אפילו ניט חלום׳ען.

נאטירליך, מיר האבען פארגליכען דעם פראלעטאריאט מיט דער „איינער רעאקציאנערער מאסע". אין אמת'ן זיינען די אינטע־רעסען פון פארשידענע בורזשואזנע גרופען ניט איניק און זיי זיי־נען צווישען זיך צוטיילט פאליטיש. דער פראלעטאריאט קען פראָ־פיטירען פון דער צוטיילונג פון דער בורזשואזיע און קען פארכאַ־פען די פאליטישע מאכט, אפילו זייענדיק אין דער מינאריטעט. דאס איז אבער נאר מעגלאך כל זמן ער באריררט ניט די אלגעמיינע אינטערעסען פון אלע באזיצענדע קאלסען. ווארים אויב זיי זאלען זיך אלע פאראייניקען געגען דעם ארבייטער־קלאס, דאמאלס קען ער איינהאלטען די מאכט נאר דורך אן אבסאלוטע מאיאריטעט.

6.

דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט אין די גרויסע שטעדט.

וואס די אינדוסטריעלע ארבייטער זיינען אין די מערסטע סטעיטס א מינאריטעט, דאס ערקלערט זיך לייכט דורך די ראליע וואס דער עקספארט האנדעל מיט תבואה שפילט אין דעם אמע־ריקאנער עקאנאמישען לעבען; די פארמערס זיינען נאך דא עד היום א היבשער טייל פון דער באפעלקערונג. ווי האלט דאס אין די שטעדט, וואו עס זיינען קיין פארמערס ניטא, ווען איר רעכענט ניט די גערטנערס אונטער'ן שטאט? ווען איר וועט נעמען די גרויסע שטעט מיט א באפעלקערונג ניט ווענינקער ווי 300,000, וועט איר כמעט אומעטום געפינען, אז דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט איז איבער א העלפט פון די פארדינער, אין אזא שטאט ווי פיטס־בורג — ביז צוויי דריטעל. צוויי שטעט מאכען אן אויסנאם — דאס זיינען באסטאן מיט 49 פראצענט און סאן־פראנציסקא מיט 47,5 פראצענט. ווען אבער איר וועט רעכענען נאר מאנזבילען, טו וועט דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט אין באסטאן דערגרייכען 54,8 פראצענט און אין סאן־פראנציסקא 50,2 פראצענט. אלזא, אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערען האט דער אינדוסטריעלער פראָ־לעטאריאט די מעגלאכקייט צו עראבערען די פאליטישע מאכט. מען מוז אבער געדענקען אז די שטאט האט אין אמעריקע אליין קיין פאָ־ליטישע מאכט ניט. זעלבסטפערוואלטונג, „האם רול" פאר די

שטעט, איז אין די פאראייניקטע שטאטען ניט מער ווי אן אויס־נאם. דער אלגעמיינער געזעץ איז, אז די לעדזשיסלייטשור באלע־באטעוועט איבער אלע שטעט. כל זמן אלזא אין א סטעיט ווי וויס־קאנסין איז דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט סך־הכל 38,4 פרא־צענט פון אלע מאנצביהען וואס זיינען פארדינער, טו העלפט ניט וואס אין דער שטאט מילוואקי באטרעפט דער פראלעטאריאט צוויי דריטעל פון די מאנצבילען: די פארמערס רעגירען איבער די גרויסע שטעט. דאס ווייזט אז דער ערסטער שריט פאר דעם פראלע־טאריאט אין דעם קאמפף פאר פאליטישע מאכט איז אויסצוקעמפ־פען אויטאנאמיע פאר די גרויסע שטעט, וואו ער איז אין דער מא־יאריטעט.

7.

קלאסען־איינטיילונג נאך דער געבורט און ראסע.

מיר האבען אלץ באהאנדעלט די אינדוסטריעלע ארבייטער אלס איין איינציקען קלאס, אבער דא אין אמעריקע, ווי יעדער וויים, שפי־לען די אונטערשידען פון ראסע און געבורט א גרויסע ראליע. לא־מיר זשע א קוק טאן אויף די צוזאמענשטעלונג פון דעם אמעריקא־נער פאלק נאך דער ראסע און געבורט.

א. געבורט.

פון די מאנצבילען, וואס מאכען אליין א לעבען און זיינען ניט אינגער ווי איין און צוואנציק יאר, זיינען עפעס וויניקער ווי א העלפט (49.7 פראצענט) געבארענע אמעריקאנער פון אמעריקאנער עלטערען. די אנדערע העלפט איז צוטיילט אזוי: אן ערך א פערטעל זיינען איינגעוואנדערטע, א זעקסט - חלק (16.6 פראצענט) זייערע קינדער (געבארענע שוין אין אמעריקע, א צענטעל (10 פראצענט) שווארצע און 0,7 אינדיאנער און געלע. אבער די געבארענע אמעריקאנער, די איינגעוואנדערטע, זייערע קינדער, און די שווארצע זיינען ניט גלייך צוטיילט צווישען די פארשידענע קלאסען.

די עכטע אמעריקאנער, ס'הייסט וועמעס עלטערן זיינען שוין געווען געבארענע אמעריקאנער, מאכן אויס אן ערך פינף אכטעל פון די פארמערס (62,8 פראצענט), פון די פראפעסיאנעלע לייט (63,1 פראצענט) און פון די אגענטען (61,4 פראצענט). פארקערט צווישן די אינדוסטריעלע ארבייטער זיינען זיי אביסעל איבער דריי אכטעל (38 פראצענט). צווישן די געשעפטס-לייט האבן זיי זייער דורכשניטלאכע פראפארציע (49,5 פראצענט), צווישן דעם פארוואלטונגס-פערסאנאל און די פארקויפער אין קראמען זיינען זיי מער ווי א העלפט 57,3 און 55,9 פראצענט). ס'הייסט חוץ אין דער פארמעריי, וואו ער שטעקט בירושה און וואו ער איז פאר זיך א בעל-הבית, זוכט דער אמעריקאנער לייכטערע ארבייט. מען רעט זעהר אפט פון דעם „אמעריקאנער ארבייטער", די עכטע אמעריקאנער זיינען אבער ניט מער ווי א מינאריטעט פון די אינדוסטריעלע ארבייטער, מער ווי א דריטעל (33,8 פראצענט). צוזאמען מיט זייערע קינדער שטעלן צו די איינגעוואנדערטע מער ווי א העלפט (52,5 פראצענט) פון דעם אינדוסטריעלן ארבייטער-קלאס. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך אז די ארבייטער באוועגונג זאל דא זיין אן „אויסלענדישע באוועגונג".

היינט, אז מיר וועלן באטראכטען יעדען טייל פון דער באפעלקערונג באזונדער, וועלן מיר געפינען, אז צווישן די עכטע אמעריקאנער זיינען סך-הכל עפעס מער ווי א פערטעל אינדוסטריעלע לוין-ארבייטער (27,6 פראצענט) בעת די בורזשואזיע איז מער ווי העלפט (51,2 פראצענט), נעמליך:

מאנצבילען:	פראצענט
פארמערס	34,7
געשעפטס-לייט	9,0
פראפעסינעלע לייט	5,6
אגענטען	1,9
צוזאמען	51,2

ווען מען רעט פון דער „אמעריקאנער עפענטליכער מיינונג" איז גוט צו געדענקען, אז אויף יעדען אמעריקאנער ארבייטער קומען אויס צוויי אמעריקאנער „בורזשוקעס". עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך, וואס די „אמעריקאנער" עפענטליכע מיינונג איז קאפיטאליסטיש.

צווישען די איינגעוואנדערטע פארקערט זיינען מער ווי א העלפט (52,8 פראצענט אינדוסטריעלע ארבייטער; פארמערס, געשעפטס לייט און אגענטען אלע צוזאמען מאכען אויס אין גאנצען 31,8 פראצענט. לאמיר דאס איבער׳חזר׳ן נאך אמאל:

	פראצענט מאנצבילען	
	עכטע אמעריקאנער	איינגעוואנדערטע
אינדוסטריעלע ארבייטער — — —	27,6	52,8
בורזשואזיע — — — — — — —	51,2	31,8
	78,8	84,6

די היגע געבארענע קינדער פון איינגעוואנדערטע שטעהען האלבוועגס צווישען די עכטע אמעריקאנער און די איינגעוואנדערטע. דער פראצענט אינדוסטריעלע ארבייטער ביי זיי איז כמעט אקוראט דער דורכשניט פון די צוויי גרופען, 40,8 פראצענט, אלזא, שוין ווייניקער ווי א העלפט. די בורזשואזיע צוזאמען מיט די וואס זיצען ביים שרייב־טיש, זיינען פונקט אזוי פיל, ווי די אינדוסטריעלע ארבייטער, 41 פראצענט, נעמליך:

מאנצבילען:	פראצענט
פארמערס — — — — — — — — —	17,1
געשעפטס־לייט — — — — — — —	11,2
פראפעסיאנעלע לייט — — — — — —	4,7
אגענטען — — — — — — — — —	2,0
פארוואלטונגס־פערסאנאל — — — — —	6,1
צוזאמען —	41,0

איהר זעט דערפון ווי אזוי די קינדער פון די איינגעוואנדערטע „אמעריקאניזירען" זיך, דאס הייסט זיי קומען נעהענטער צו דער בורזשואזיע*).

*) עס פעלען אונדז דא אויס פראצענטען אין אונדזער רעכענונג: דאס זיינען פארם־ארבייטער צוזאמען מיט פארמערשע קינדער, פארקויפער אין די קראמען, דינער און ניט קלאסיפיצירטע, וואס וועגען זיי אלע קען מען פשט׳לען צי זיי געהערען צו דעם פראלעטאריאט צי צו דער בורזשואזיע.

ב. ראסע.

די שווארצע ראסע מוז באטראכט ווערען באזונדער. זי מאכט אוים 10 פראצענט פון אלע מאנצבילען פון 21 יאר און עלטער. זי ליפערט איר פראפארציע אינדוסטריעלע ארבייטער (9 פראצענט) און צוויי מאל אזוי פיל פארם־ארבייטער (19,9 פראצענט). די פראפארציע פארמערס ביי די שווארצע איז די זעלבע ווי ביי די עכטע אמעריקאנער, א קאפ איבער א דריטעל (34,5 פראצענט, — ביי די עכטע אמעריקאנער 34,7 פראצענט). די פראפארציע פארם־ארבייטער, אריינרעכענענדיק די פארמערשע קינדער, איז כמעט צוויי מאל אזוי גרויס, — 17,8 פראצענט ביי די שווארצע און אין גאנצען 9,6 פראצענט ביי די עכטע אמעריקאנער. וואס די פראפארציע פארמערס איז די זעלבע, בעת די פראפארציע פארם־ארבייטער איז כמעט דאפעלט, קען ניט זיין מחמת די שווארצע פארמערס האבען מערער קינדער, אדער מחמת שווארצע קינדער בלייבען אויף דער פארם און העלפען דעם טאטען, נאר איינפאך דערפאר וואס מערער פון די שווארצע יונגע לייט דינגען זיך פאר ארבייטער אויף די פארמס. עס איז פאראן א מיינונג, אז די שווארצע זיינען גרעסטענטיילס פארם־ארבייטער, אין דער אמת'ן זיינען צווישען זיי פאראן כמעט צוויי מאל אזוי פיל אינדוסטריעלע ארבייטער ווי פארם־ארבייטער, נעמליך: נאהענט פון א דריטעל פון אלע שווארצע בעלי מפרנסים (32,7 פראצענט). צוזאמען מיט די פארם־ארבייטער זיינען זיי מער ווי א העלפט פון אלע שווארצע בעלי מפרנסים פון 21 יאר און עלטער.

די בורזשואזיע צווישען די שווארצע איז אין דער מינאריטעט, נעמליך:

מאנצבילען:	פראצענט
פארמערס	34,5
געשעפטס־לייט	1,6
פראפעסיאנעלע לייט	1,7
אגענטען	0,1
פארוואלטונגס־פערסאנאל	0,4
פארקויפערס	0,1
צוזאמען	38,4

די שוואַרצע ליפערן זעהר אַ גרויסן טייל פון די דינערס. 41,8 פּראָצענט, אַבער צווישן אַלע שוואַרצע פאַרדינערס איבער 21 יאָר זיינען זיי ניט מער ווי 4,6 פּראָצענט.

איר קענט דערפון זעהן אַז מיט דעם אוועקנעמען ביי די שוואַרצע דאָס רעכט צו וואוטען איז דער פּראָלעטאַריאַט מער געשוואַכט געוואָרן איידער די בורזשואַזיע.

צו ווערן קלאָר וועגן דער סאָציאַלער שטעלונג פון די שוואַרצע, דאַרף מען זיי באַטראַכטן אין יענע סטעיטס, וואו זיי מאַכן אויס אַ גרויסן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

די ווייסע ראַסע בילדעט דאָרטן דעם „מיטעלקלאַס“: געשעפטס־לייט, פּראָפעסיאָנעלע לייט, אַגענטן, פאַרוואַלטונגס־פּערסאָנאַל, (סופּעראינטענדענטס, פאָרלייט און אַלע מינים אָפיס־לייט) און פאַרקויפערס אין קראָמען. די שוואַרצע מאַכן אויס גאָר אַ קליינעם פּראָצענט אין די אַלע גרופּען. צום ביישפּיל אין סויטה קאַראָליינאַ און מיסיסיפּי זיינען די שוואַרצע מער ווי אַ העלפט פון אַלע מאַנצבילען בעלי מפרנסים. צווישן די פאַרקויפערס אין קראָמען אַבער זיינען זיי אין גאַנצן 3 פּראָצענט, צווישן דעם פאַרוואַלטונגס־פּערסאָנאַל אַן ערך 5 פּראָצענט, צווישן געשעפטס־לייט אין מיסיסיפּי 9,7 פּראָצענט און אין סויטה קאַראָליינאַ 12,4 פּראָצענט. צווישן פּראָפעסיאָנעלע לייט זיינען זיי אַן ערך פון אַ פערטעל (23 פּראָצענט). עס ליגט אין דערין אַ מיין. די שוואַרצע דאַרפן לערער, דאָקטוירים, גלחים, פּונקט אַזוי ווי די ווייסע, הגם עס זיינען פאַראַן ווייניקער היי־סקולס, (גימנאַזיעס) און אוניווערסיטעטן פאַר שוואַרצע, ווי פאַר ווייסע, אַבער קיין פּראָצענטנע נאָרמע, ווי אין רוסלאַנד, איז נאָך ניטאָ. דעריבער ווען אַ שוואַרצער שטודירט אויס פאַר אַ דאָקטאָר, קען ער היילען שוואַרצע חולאים, ער דאַרף אַף דערויף קיינעמ׳ס הסכמה ניט. מאַכען אַ קראָם קען מען אַ שוואַרצען אויך ניט פאַרווערען, און ווען דער קרעמער דאַרף אַ סיילעסמאַן, וועט ער אויך דינגען אַ שוואַרצען, וואָרים אַ ווייסער וועט צו עם ניט געהן. אַבער אַ ווייסער וועט קיין שוואַרצען פאַרקויפער אָדער אַגענט ניט נעמען, אין אַן אָפיס, וואו עס זיצען ווייסע ביי די שרייב־טישען, וועט מען קיין שוואַרצען אויך ניט דינגען. פאַרקערט פאַר אַ „מענטשען“ דינגט מען דווקא אַ שוואַרצען: די שוואַרצע שטעלען צו אין די פאַרשידענע

סטעיטס פון די סויטה פון דריי פערטעל ביז 96 פראָצענט פון אלע דינער. אפילו אין טעקסאַס וואו די שוואַרצע זיינען ווייניקער ווי אַ פינפטעל פון אלע בעלי מפרנסים, שטעלען זיי צו צוויי דריטעל פון אלע דינער.

אין עטלאכע סטעיטס זיינען די שוואַרצע די מערצאָל פון אלע פאַרם־ארבייטער. דאָס איז וואָס מען רופט „דער שוואַרצער גאַר־טעל", — סויטה קאַראָליינא, דזשאָרדזשיא, אלאבאמא, מיסיסיפּי און לואיזיאנא, די מערצאָל פון די שוואַרצע מאנצבילען בעלי־מפרנסים אין די סטעיטס פון די סויטה זיינען ישוב׳ניקעס, — פאַרמערס, אָדער פאַרם־ארבייטער, געוועהנלאך זיינען מער פון זיי אַרבייטער איידער פאַרמערס. דער פּראָצענט אינדוסטריעלע ארבייטער צווישען די שוואַרצע איז אין כמעט אלע סטעיטס פון די סויטה א העכערער ווי צווישען ווייסע. אין פינף סטעיטס זיי־נען די שוואַרצע א מאַיאָריטעט פון אלע אינדוסטריעלע ארביי־טער, נעמליך:

מאַנצבילען	פּראָצענט
אין מיסיסיפּי — — — — — — —	64,7
אין דזשאָרדזשיא — — — — — —	58,4
אין פלאָרידא — — — — — —	57,7
אין סויטה קאלאָריינא — — — — — —	55,4
אין אלאבאמא — — — — — — —	54,1

צו אונטערזוכען דעם איינפלוס פון דער פּאָליטישער רעכט־לאָזיגקייט פון די שוואַרצע אויף דעם פאַרהעלטנים פון דעם פּראָלע־טאַריאַט צו דער בורזשואזיע, לאָמיר נעמען דעם סטעיט לואיזיא־נא, וואו עס געפינט זיך די גרויסע שטאָט ניו־ארלינז, אין וועל־כער די מאַיאָריטעט פון די מאנזבילען בעלי־מפרנסים (53,5 פּראָ־צענט) זיינען אינדוסטריעלע ארבייטער.

אין דעם סטעיט לואיזיאנא מאכען אויס די אינדוסטריעלע ארבייטער 26,4 פּראָצענט פון די פאַרדינערס און די געדונגענע פאַרם־ארבייטער 16,2 פּראָצענט, אלזאָ צוזאַמען 42,6 פּראָצענט. די געשעפטס־לייט אליין זיינען סך־הכל 4,6 פּראָצענט, צוזאַמען מיט די פאַרמערס 31,1 פּראָצענט. רעכענט צו אהער די פּראָפעסיאָנע־לע לייט (2,6 פּראָצענט), די אַגענטען (0,9 פּראָצענט), די אַפּיס

לייט (3,6 פראָצענט) און די סיילעסלייט (1,3 פראָצענט), האָט איר אין גאַנצען 39,5 פראָצענט בורזשואַזיע געגען 42,6 פראָלעטאַריאַט. די איבעריקע זיינען פאַרמערשע קינדער, וואָס פילע פון זיי זיינען נאָך צו יונג צו וואָטען, הויז־דינער און ניט קלאַסיפיצירטע. איר זעט אַלזאָ, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אין לואיזיאַנא איז אַן ערך אַזוי שטאַרק ווי דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס און זיינע מיטהעלפער. איצטער וואַרפט אָבער אַרויס די שוואַרצע פּראָלעטאַריער, ביי וועמען זייערע ווייסע קלאַסען־גענאָסען האָבען געהאָלפען אַוועקרויבען דאָס רעכט צו וואָטען, און באַרעכענט וואָס עס וועט בלייבען. (שוואַרצע וואָס האָבען אייגענטום מעגען וואָטען). אַט האָט איר דעם חשבון:

ביידע ראַסען:	צאָל	מאַנצבילען פּראָצענט
פאַרמערס	108,781	52,8
געשעפטס־לייט	18,640	9,0
אַגענטען	3,628	1,7
אָפּיס־לייט	13,372	6,5
פאַרקויפערס	5,335	2,5
נאָר ווייסע:		
אינדוסטריעלע אַרבייטער	55,547	27,0
הויז־דינער	1,116	0,5
צוזאַמען	206,419	100,0

ווי איר זעט זיינען די אינדוסטריעלע אַרבייטער ניט מער ווי אַן ערך 27 פּראָצענט פון אַלע וואָטערס. רעכענט אַריין אַלע ווייסע הויזדינער, פאַרקויפער, און אפילו ווייסע געדונגענע שקלאַפענטרייבער אין דעם קלאַסען־באַוואוסטען פּראָלעטאַריאַט וועט איר פאַרט האָבען ניט מער ווי 36,5 פּראָצענט, בעת די פאַרמערס מיט די געשעפטס־לייט מאַכען אויס צוזאַמען 61,8 פּראָצענט.

אַט אַזוי האָבען זיך די ווייסע פּראָלעטאַריער אַליין אָפּגעשמיסען אומעטום אין די סויטה.

8.

ש ל ו ם.

וואָס איז די אונטערסטע שורה? דער אינדוסטריעלער פּראָ־
לעטאַריאַט, דער יעניקער אויף וועלכען עס איז אופגעבויט די טע־
אָריע פון קלאַסען־קאַמפּף און די טאַקטיק פון „ספּלענדיד איסאָ־
לעישאָן“ (גלענצענדע איינזאַמקייט), — דער קלאַס איז ניט די
מאַיאָריטעט אין אַמעריקע, אַ חוץ אין אַ קליינע צאָל סטעיטס, און
האָט קיין אויסזיכט ניט, אין דער נאָהענטער צוקונפט צו ווערען
אַ מאַיאָריטעט. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אליין — געשעפטס־
לייט — איז נאָר אַ קליינע מינאָריטעט. צווישען דיביידע קלאַ־
סען שטעהט אָבער אַ מיטעלקלאַס, וואָס באַשטעהט פון פאַר־
שידענע, האַלב־זעלבסטשטענדיקע, האַלב־פּראָלעטאַרישע סאָציאַלע
שיכטען. דיזער מיטעלקלאַס איז דער „פּובליקום“, וועגען וועלכען
מען שרייבט אין די אַמעריקאַנער צייטונגען אין דער צייט פון אַ
גרויסען סטרייק. נאָך זיין אַרט דענקען, שטעהט ער אונטער דעם
איינפלוס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, אָבער זיינע אינטערע־
סען פאַלען ניט צוזאַמען מיט די אינטערעסען פון דעם קאַפּיטאַ־
ליסטישען קלאַס. דיעזע סאָציאַלע שיכטען קענען געוואונען ווערען
פאַר דעם אַרבייטערס צד*).

*) דער בעסטער ביישפּיל איז דער סטעיט אָקלאַהאָמאַ, וואו דער
אַרבייטער־קלאַס, די אינדוסטריעלע אַרבייטער צוזאַמען מיט די פאַרם־
אַרבייטער, איז ניט מער ווי אַ פערטעל פון אַלע מאַנצבילען (24,9 פּראָ־
צענט), בעת די פאַרמערס זיינען מער ווי אַ העלפט (52,4 פּראָצענט).

דער סטעיט אקלאַהאָמאַ האָט אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע, וואָס גאַ־
ראַנטירט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אַלע רעכטע, וועלכע זיי האָבען
נאָך ניט פאַרמאָגט אויסצוקעמפּפען אין די גרויסע אינדוסטריעלע
סטעיטס. דעם אויבען אָן צווישען אַלע סטעיטס לויט דער צאָל אָפּגע־
געבענע סאָציאַליסטישע שטימען ביי דער וואַל פאַר פּרעזידענט אין
1912 האָט פאַרנומען דערזעלבער פאַרמערשער סטעיט אקלאַהאָמאַ.

דריי-און-צוואַנציקסטער קאַפּיטעל:

דער פּראָגראַם מינימום.

1.

דער מאַקסימאַליזם פון די אמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אין אַלע פּלאַטפאָרמעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז פאַראַן אַ גאַנצער צעטעל פון „אימידיעט דעמאַנדז" (באַלדי־קע פאָדערונגען), וואָס מען רופט אין רוסלאַנד „דער פּראָגראַם־מינימום", דאָס הייסט, פאָדערונגען פון סאָציאַלע רעפאָרמען אין דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַט. אָבער ווען איר וועט גוט באַטראַכ־טען די שטעלונג פון דער ס. פּ. מיט אירע „היינטיקע פאָדערונגען", וועט איר זעהן, אַז עס איז ניט מער ווי אַ פראַזע אָן אַן אינהאַלט.

בשעת די „פּאָלקסציייטונגס־פראַקציאָן" האָט זיך אָפּגעשפּאָל־טען פון דער ס. ל. פּ., האָט זי ביי איר קאָנווענשאָן אין ראָטשעס־טער, אין 1900, אַרויסגעוואָרפען אין גאַנצען פון איר פּלאַטפאָר־מע אַלע „אימידיעט דעמאַנדז".

אין דער פּלאַטפאָרמע, וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַר־טיי האָט אָנגענומען אין 1900, איז געשטאַנען, אַז „כדי עס זאָל וואָס שנעלער איינגעפירט ווערען די קאָאָפּעראַטיווע קאָמאָנוועלטה", ד. ה. דער סאָציאַליזם, „נעמט די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי אָף זיך דעם חוב צו אַרבייטען אין דעם פּאָליטישען קאַמפּף פאַר יעדען באַלדיקען אינטערעס פון דעם אַרבייטער־קלאַס". עס זיינען דאָרטען אויסגערעכענט געוועזן פאַרשידענע רעפאָרמעס, וואָס געפי־נען זיך געוועהנלאַך אין יעדער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע. די סאָציאַל - דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיי געהאַלטען פאַר וויכטיק דערפאַר, וואָס דערמיט האָט מען געהאָפט צו געווינען

די וואוטערס, וואָס זיינען ניט צופרידען מיט עולם הבא אליין און ווילען א שטיקעל עולם הזה טאַקע היינט.

ביי דער פאַראייניגונגס־קאָנווענשאָן פוןביידע פאַרטייען אין אינדיאַנאַפּאָליס אין 1901, האָט דער אָפּגעשפּאָלטענער פליגעל פון דער ס. ל. פּ. געקעמפּפט געגען די אַלע פאָדערונגען. פאַרוואָס זיינען זיי געווען דאַגעגען? האָבען זיי דען ניט געוואָלט. אַז די אַרבייטער זאָלען דאָס קריגען? אדרבה, אבער ביי זיי איז אויסגעקומען, אז דאָס זיינען אַלץ קלייניקייטען: ווען די סאָציאַליסטישע פאַרטיי וועט עראָבערען די פּאָליטישע מאַכט וועט זי אין גאַנצען אָפּשאַפען דעם קאַפּיטאַליזם און וועט איינפירען דעם גאַנצען סאָציאַליזם מיט אמאָל דערווייל אָבער מיט די רעפאָרמעס האַלט מען נאָר אָפּ דעם זיג פון סאָציאַליזם, וואָרים די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס קענען גנב'ענען אַזעלכע פאָדערונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע און ארויסוואַרפען אביין צו די אַרבייטער, כדי דערמיט זיי אָפּצוהאַלטען פון דעם סאָציאַליזם.

די „אימידיעט דעמאַנדז" זיינען פאָרט געבליבען אין דער פּלאַטפאָרמע, אָבער ניט דערפאַר, וואָס די מאַיאָריטעט איז אמת געווען איינגענומען פאַר זיי, נאָר דערפאַר, וואָס א געוויסער טייל פון די פּאַרטראָטענע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָט געוואָלט „יוניטי" (אחדות) אום יעדען פּרייז, און איז דערפאַר געווען צופרידען נאָכצוגעבען דער מינאָריטעט, וועלכע איז באַשטאַנען אָף די פאָדערונגען. אָבער כדי מען זאָל דערמיט חלילה ניט העלפען די רעפאָרמערס פאַרפירען די אַרבייטער, האָט מען דעמאָלט אָנגענומען דעם אמענדמענט פון פּראָפעסאָר הערראָן, אז מ'וואָרנט די אַרבייטער געגען דיזעלביקע רעפאָרמעס, ווען זיי ווערען פאָרגעשלאָגען פון וועמען־עס־איז חוץ דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

צווישען דיזע רעפאָרמעס איז אריינגערעכענט „קהל'שער אייגענטום פון די מיטעל פון טראַנספּאָרט", ד. ה., אייזענבאַהנען, שטאָטבאַנען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנען: אָבער ווען עס איז ערגעץ אָנגעגאַנגען א קעמפּיין פאַר איינע פון דיזע פאָדערונגען, האָט די פּאַרטיי אַגיטירט געגען די קאַנדידאַטען, וואָס האָבען געהאַט אַן אויסזיכט ערוועהלט צו ווערען און דורכפיהרען די פאָדערונגען טאַקע באַלד. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־פּרעסע און אָף סאָציאַליסטישע מיטינגען האָט מען געזוכט צו באַווייזען דעם עולם.

אַז דער ארבייטערקלאַס קען גאַרנישט ניט געווינען פון „שטאַטס־קאַפּיטאַליזם“.

די פּאַרטיי זאָגט צו אז זי וועט ארבייטען פאר די איניציאַטיווע און רעפערענדום, אבער וואו דיזע פאָדערונג איז געשטעלט געוואָרען אין א קעמפּיין, האָט זי מיט אירע קאַנדידאַטען אָפּגעצויגען די וואוטס פון יענע קאַנדידאַטען וואָס האָבען געהאַט אַן אויסזיכט זיי דורכצופירען און דערמיט האָט זי אינדירעקט געהאָלפען די געגנער פון דיזע רעפאָרמעס.

דער וואוקס פון דער פּאַרטיי און איר ערפאָלג ביי די וואַלען אין געוויסע דיסטריקטען האָט איר געצוואונגען צו ערקלערען זיך פאר די פּראַקטישע רעפאָרמעס, וואָס וואָלטען געקענט היינט צו טאָג צוניץ קומען דעם ארבייטער, דאָס איז אָבער נאָר גערעדט, אין דער פּראַקטיקע איז די האלטונג פון דער פּאַרטיי צו איר אייגענעם פּראָגראַם־מינימום געבליבען בעצם דיזעלבע ווי אמאָל. אמת, די פּאַרטיי זאָגט צו, אז ווען אירע אייגענע קאַנדידאַטען וועלען ערוועהלט ווערען, וועלען זיי דערפאר שטימען. אָבער אין די מערסטע סטעיטס איז נאָך אויף יאָרען לאַנג קיין אויסזיכט ניטאָ צו ערוועהלען א סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט. און ווען מ׳ האָט שוין אפילו עטלאכע אייגענע געזעצגעבער, טו זיינען זיי דאָך אויך ניט קיין מאַיאָריטעט און קענען אליין גאַרנישט ניט אויספיהרען. די פּאַרטיי־פּרעסע ווערט ניט מיד איבערצו׳חזר׳ן, אז די אלע רעפאָרמעס וועלען דורכגעפירט ווערען נאָר דאַן, ווען די סאָציאַליסטען וועלען עראָבערען די פּאָליטישע מאַכט, אָבער צו דער זעלבער צייט זאָגט מען, אז ווען די סאָציאַליסטען וועלען עראָבערען די פּאָליטישע מאַכט וועלען זיי אין גאַנצען אָפּשאַפען דעם קאַפּיטאַליזם, טו וואָס איז די פּעולה צוריידען פון קליינע רעפאָרמעס, פון עפּעס נאָר א „פּענסיע פאר די ארבייטער אויף דער עלטער“, ווען די ארבייטער וועלען דעמאָלט באַקומען כולו סאָציאַליזם מיט אמאָל? און אויב מען דאַרף מיט אלע רעפאָרמעס וואַרטען אַזש ביז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט שוין האַלטען אין אירע הענט די פּאָליטישע מאַכט, טו זיינען דאָך די דאָזיקע פּאָדערונגען ניט קיין „באַלדיקע“ (אימידיעט), נאָר אויך צוקינפטיקע?

אויף דערויף איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קיין מאָל ניט געווען אים שטאַנד צו געבען אַן ענטפער, וואָס א געוועהנלאכער בשר

ודם זאָל עס קענען פאַרנעהמען מיט זיין שכל. די ס. ל. פּ. איז געווען קאָנסעקווענט: זי האָט איינגעזעהן דעם ווידערשפּרוך צווישען די „אימידיעיט דעמאַנדז“ און דער „אונקאָמפּראָמיסליכער טאַקטיק“, און זי האָט אויסגעמעקט דעם פּראָגראַם־מינימום אין גאַנצען פון איר פּלאַטפאָרמע: זי וויל ניט מינער איידער די „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן“.

אַז יעדע פון די „אימידיעט דעמאַנדז“ איז א שטיק סאָציאַליזם, אַז דער גאַנצער סאָציאַליזם קען איינגעפירט ווערען נאָר דורך א רייהע פון „אימידיעט דעמאַנדז“, דאָס האָט קיינע פון די אמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אפילו די אָפּאָרטוניסטישע ריכטונג אין דער ס. פּ., נאָך ניט איינגעזעהען.*) מען רעדט פון וויסענשאַפט, פון „עוואָלוציאָן“, באַטראַכט אבער גוט די אַרגומענטען פון די פּאַרטיי שרייבער און רעדנער, קומט אויס ניט אַנדערש ווי דער סאָציאַליזם מוז איינגעפירט ווערען ווי בכשוף: שטאָם — גראָם, מאַך מיר דעם סאָציאַליזם!

2.

די שטעלונג פון דער ס. פּ. צו מוניציפּאַל־סאָציאַליזם.

מאָררים הילקוויט'ן האַלט מען דאָ פאַר איינעם פון די טעאָרעטיקער פון דעם אמעריקאַנער סאָציאַליזם; ער איז דער אָנערקאַנטער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אמעריקע. לאָמיר זשע הערען, וואָס ער האָט צו זאָגען איבער מוניציפּאַל־סאָציאַליזם.

---

*) וויקטאָר בערגער ווערט באַטראַכט פאַר דעם פירער פון די אָמעריקאַנער רעוויזיאָניסטען. אָט דאָ ניט לאַנג (אין זומער 1916) ווען עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג עס צוריקצורופען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דערפאַר, וואָס ער האָט געפאָדערט אַ „דעמאָקראַטישע פאָלקס־מיליץ“, האָט ער זיך פאַרענטפערט דערמיט, אַז סוף כל סוף ווערט מען דאָך מוזען פירען אַ בירגער־קריג אום אָפּצושאַפען דעם קאַפּיטאַליזם, איז דעריבער נויטיק, אַז די אַרבייטער זאָלען זיין באַוואַפענט.

„קודם כל דאַרף מען וויסען, אז ניט אימער איז מיוניסיפּאַל אונערשיפּ גופא א גליק. עס קען אמאָל זיין א צרה. וויבאלד די שטאַט ווערט רעגיערט פון קאַפּיטאַליסטען, לויט זייערע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען, און אזא שטאַט־רעגיערונג נעמט איבער צו פירען אף איהר רעכנונג שטאַט־באַנען, פּערים, עלעקטרישע צענטראַל־סטאַנציעס, גאַז ווערק וכדומה, קען דערפון ארויסקומען א גרויסע טובה פאַר די קאַפּיטאַליסטען. דאָס קען איינטראָגען דער שטאַט געלד, אז די קאַפּיטאַליסטען זאָלען האָבען צו צאָהלען ווייניקער טעקסעס (שטייערען), אָבער עס וועט דערפון ניט ארויסקומען קיין שום טובה פאַר די אַרבייטער, אדרבה, דאָס קען זיין א רעה פאַר זיי.

„ווען אזעלכע אונטערנעהמונגען געהערען צו דער שטאַט, און די שטאַט איז אין די הענט פון א פּאָליטישע בודעל־מאַשין, וועלען דיעזע אונטערנעמונגען נאָר דיענען דערצו, אז די בודלערס זאָלען האָבען מעהר מאכט און מעהר וואָס צו גנב'ענען".

די סאָציאַליסטען זיינען געווען די ערסטע, וואָס האָבען ארויסגעזאָגט די פאָדערונג פון מיוניסיפּאַל אונערשיפּ. אָבער וואָס האָבען זיי געמיינט דערמיט? זיי האָבען דערמיט געמיינט, אז שטאַט־אונטערנעמונגען זאָלען געהערען צו אזא שטאַט־רעגירונג, וועלכע איז אין די הענט פון דעם ארבייטער־קלאַס, אדער אין וועלכע די ארבייטער האָבען וויניגסטענס א גרויסען איינפלוס.

„צוזאַמען מיט אונזער פאָדערונג, אז די שטאַט זאָל זיין די אייגענטימערין פון שטאַדטישע מאָנאָפּאָלען, פאָדערן מיר אויך, אז דאָס לאַנד זאָל זיין דער אייגענטימער פון לאַנד־מאָנאָפּאָלען. דאָס פאָלק זאָל זיין דער אייגענטימער פון אלע פּריוואַט־מאָנאָפּאָלען און פון אלע אנדערע אינדוסטריען אויך. און דער עיקר, אז די ארבייטער־קלאַס זאָל דערביי זיין די מאכט וואָס רעגיערט איבער שטאַט און לאַנד".

„די סאָציאַליסטישע רעפאָרמעס זיינען אלע אונטערנבאַר פאַרבונדען מיט אנאַנדער, און נאָר אלע צוזאַמען בילדען זיי א מעכטיקען פּראָגראַם פון סאָציאַלען פאָרטשריט. ווען איר נעמט זיי באזונדער, האָבען זיי נאָר א קליינע ווערדע, און באַטראַכטענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם ענדציעל פון דער סאָציאַליסטישער

באוועגונג, זיינען זיי ניט אזוי וויכטיק, אז עס זאל זיך לוינען צו קאנצענטרירען אלע קרעפטע אף זיי דורכצופיהרען".

דאס איז א מאדנע פארשטעלונג פון דעם גאנג פון דער פאליטישער ענטוויקלונג. די פאליטישע איינריכטונגען פון א לאנד זיינען אימערצו געווען דער פראדוקט פון א לאנגזאמער עוואלוציאן. וועלכע רעוואלוציאן איר וועט באטראכטען, וועט איר געפינען, אז זי האט זעהר וועניק איבערגעביטען אין די פאליטישע און געזעצלאכע איינריכטונגען. עס באדארף צעהנדליקער יארען פון רעפארמאטארישער ארבייט איבערצובויען דעם פאליטישען סיסטעם. און דא קומט כלומרשט א ראדיקאלע פארטיי און דרש'ענט בזה הלשון: אייער רעגירונג איז קארופט? אייער רעגיערונג ליגט אין די קעשענעס פון די קארפארעישאנס? איהר האט קיין שום דעה ניט איבער אייערע ערוועהלטע פארטרעטער? מ' נעהמט ביי אייך אוועק דאס רעכט צו פאראייניגען זיך מיט אייערע קלאסענגענאסען אין קאמפף פאר א שטיקעל ברויט? איר זייט ניט זיכער מיט אייער לייב און לעבען ביי דער מאשין? דאס איז אלץ גארנישט. האט געדולד, אם ירצה השם, אין א יאר דרייסיק ארום, ווען מיר וועלען אויפבויען א שטארקע פארטיי, וועלען אייערע קינדער האבען נחת. וואס איז די נפקה מינא פון אזא אגיטאציע ביז צו די דרשות פון די גלחים, וואס זאגען צו דער ארבייטענדער מאסע גליקען אף יענער וועלט? אויב עס ווענדעט זיך אן הילקוויט'ן, טו וועלען מיר מוזען ווארטען ביז וואנען די סאציאליסטישע פארטיי וועט ווערען א מאכט איבער'ן גאנצען לאנד, זי זאל בכח זיין אויסצופיהרען, אז „אלע פריוואט־מאנאפאלען און אלע אנדערע אינדוסטריען אויך" זאלען ווערען פאלקס־אייגענטום. ביז יענער צייט וועט א העלפט פון דעם היינטיקען ארבייטער־קלאס שוין זיין אף יענער וועלט.

„אלע פריוואט־מאנאפאלען", דאס הייסט דער קאראסיןטראסט, דער פלייש־טראסט, דער טאבאק־טראסט, און הונדערטער אנדערע, זיינען אויסגעברייט איבער די גאנצע פאראייניגטע שטאטען און אפילו איבער אנדערע לענדער אויך. הייסט עס, אז ווען דאס פאלק זאל זיי איבערנעהמען, מוז עס געשעהען דורך דעם קאנגרעס. ווייטער, האט דער פרעזידענט די מאכט ארויפצולעגען זיין וועטא אף יעדען געזעץ פון קאנגרעס, און די סופרים־קאורט

פון די פאראייניגטע שטאטען קען מבטל זיין יעדען געזעץ אפילו ווען ער איז שוין אונטערשריבען פון דעם פרעזידענט. קומט אויס, אז מיט מיוניסיפאל אונערשיפ וועלען מיר מוזעןווארטען ביז ווא־נעןביידע הייזער פון דעם קאנגרעס, דער פרעזידענט און די סופ־רים־קאורט וועלען אלע באלאנגען צו דער סאציאליסטישער פאר־טיי. וואס־זשע זאל מען טאן ביז יענער צייט? ווען צום ביישפיעל מען האט סך הכל צוואנציק סאציאליסטישע לעדזשיסלעיטשורס? זאל מען אין יענע צוואנציק סטעיטס ווארטען אף די איבעריקע מיט מיוניסיפאל אונערשיפ? עס קומט אויס אזוי, ווארים, זאגט הילק־קוויט, „צוזאמען זיינען די אלע פאדערונגען א גאנצע זאך אזוי ווי טיילען פון א מאשין, אבער פונקט ווי איין שרייפעל פון א מאשין קען אפילו ניט אויפטאן פון די מאשין ארבייט אזא קליינעם חלק, ווי די שרייפעל איז א חלק פון די גאנצע מאשין, אזוי קען גאר ניט אויפטאן איינע פון אונדזערע פאדערונגען, ווען זי ווערט אפגעזונ־דערט פון אלע איבעריקע פאדערונגען אונדזערע“. עס בלייבט אלזא מיר וועלען מוזען ווארטען, ביסקלוואנען עס וועט אויפגעבויט ווערען די גאנצע סאציאליסטישע פארטיי־מאשין. מיט וואס ווע־לען אבער די צוואנציק מאיאריטעטען דערווייל פארטרייבען די צייט אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, ווארטענדיק אויף די איבעריקע? האלטען לעקציעס איבער סאציאליזם? מען מוז דאך אבער שטימען?

די שטעט אין אמעריקע וואקסען ווי אף הייוועז. שטאט־באַ־נען, עלעקטרישע באלייכטונג, טעלעפאנען, גאז וכדומה ווערען אלע יאר איינגעפיהרט אין א סך נייע שטעט. היינט שטעלט זיך פאר, אז א שטעטעל וועט וועלען איינפירען ביי זיך שטאטישע עלעקטרישע באלייכטונג און וועט אף דערויף פארלאנגען די הסכמה פון דער לעדזשיסלעיטשור*) די סאציאליסטישע מערהייט וועט זאגען: ניין, די צייט איז נאך ניט געקומען;ווארט ביז וואַ־נען מיר וועלען האבען א סאציאליסטישען פרעזידענט אין וואשינג־טאן. נו, און דערווייל? דערווייל זיצט אין דער פינצטער, אדער גיט איבער דעם געשעפט צו א פריוואט־מאנאפאליסטישער קאמ־פאניע.

*) אין די מייסטע סטעיטס הייגט דאס אפ פון דער לעדזשיס־לעיטשור.

אין פילע שטעט און שטעטלאַך זיינען שוין ערוועהלט גע־
וואָרען סאָציאַליסטישע מעיאָרס, אָלדערמען א. אַז. וו. עס קען צו
יעדער צייט פאָרקומען א פּראַקטישער פאָרשלאַג: צי זאָל די שטאָט
בויען אַן אייגענע עלעקטרישע באַן? זאָל גאַז בלייבען ווי ביז אהער
אין די הענט פון דעם גאַז־טראַסט, אָדער זאָל עס די שטאָט איבערנע־
מען אליין? די סאָציאַליסטישע פארטרעטער וועלען מוזען שטימען:
„יע“ אָדער „ניין“, טאקע שוין היינט, ווען די פּאָליטישע מאכט גע־
פינט זיך נאָך אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, נית
„אף מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן“. און זיי וועלען אַל־
זאָ מוזען אָפּשטימען טאקע איבער יעדער פּיצינקער רעפאָרמע באַ־
זונדער, נית וואַרטענדיג אף די איבעריקע. בלייבען נייטראַל קענען
זיי נית, וואָרים יעדער וואָוט וואָס איז נית אָפּגעגעבען דאפיר,
העלפט די געגנער פון דער פאָדערונג. אַלזאָ זאָלען זיי שטימען דאַ־
פיר, אָדער דאגעגען? וועלען זיי שטימען „יע“, טו וואו
בלייבען אַלע ארגומענטען געגען מיוניסיפּאַל אונערשיפּ און־
טער א קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, אַז ווייבאַלד עס וועט
דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געלינגען דורכצופירען א מינאָרי־
טעט פון אירע פארטרעטער, וועלען זיי מוזען אָננעמען די טאַק־
טיק פון די רעפאָרם־פּאַרטייען? וועלען זיי שטימען „ניין“, טו וועט
זיי אויסקומען צו שטימען שטענדיק געגען יעדען פאָרשלאַג צו
פאַרשטאַטליכען אירגענד וועלכען פּריוואַט באַטריב, וואָס ווע־
לען מוזען פאָרקומען וואָס ווייטער אַלץ עפטער. דאָס וועט נאַטירליך
נית אָפּהאַלטען די ענטוויקלונג פון מוניציפּאַל און שטאַטס־בע־
טריב, נאָר דער רעזולטאַט וועט זיין, אַז דער איבערגאַנג פון פּרי־
וואַט קאַפּיטאַליזם צו שטאַטס־קאַפּיטאַליזם (דאָס הייסט שטאַטס־
סאָציאַליזם) וועט בישלאַכווייז אויסגעפירט ווערען פון געגנער פון
סאָציאַליזם; און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט אימער דרש'ע־
נען פאַר די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן און שטימען צו פאַרלענגערן די
צייט פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם.

פאַרשטעהט איר, וואָס פאַר אַן אוטאָפּיע דאָס איז? א סאָ־
ציאַליסטישע מאַיאָריטעט אין איין שטאָט אָדער אין איין סטעיט
וועט געצוואונגען זיין איינצופירען טאקע איין שרייפעל פון דער
מאַשין, צי עס קען אופּטהאָן די ארבייט, צי נית. ווען מען שטעלט
אריין די פאָדערונג פון מוניציפּאַל־אייגענטום אף די שטאָט־באַנען
אין די שטאַטישע פּלאַטפאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

טו גיט מען צו פארשטעהן דעם עולם, אז וויבאלד די סאציאליסטישע פארטיי וועט געווינען ביי די שטאט־וואלען, וועט זי זיך באלד נעמען איינפיהרען מיוניסיפאל אונערשיפ, ניט ווארטענדיק אף א סאציאליסטישען פרעזידענט. אי די לעדזשיסלעיטשור, אי די קאורטס בלייבען נאך קאפיטאליסטיש, אבער דער סאציאליסטישער מעיאר מיט די מאיאריטעט סאציאליסטישע אלדערמען זוכען שוין באלד איינצופיהרען מיוניסיפאל אונערשיפ. אלזא, קומט אויס, אז אפילו די רעוואלוציאנערע סאציאליסטען מוזען אויך איינפיהרען דעם מוניציפאל־סאציאליזם אין מיטען פון דעם קאפיטאליסטישען שטאט. ווען א סאציאליסטישע מאיאריטעט זאל זיך פארהאלטען גלייכגילטיק צו דער פאדערונג פון מיוניסיפאל אונערשיפ, טו וועלען די וואוטערס איר באשולדיגען, אז זי האט געבראכען אירע פארשפרעכונגען, פונקט ווי די פאליטישענס פון די אלטע פארטייען.

עס איז גאנץ זיכער, אז די סאציאליסטישע פארטיי וועט זיך מוזען אפזאגען פון דער דאזיקער מאקסימאליסטישער טאקטיק א צייט פריהער איידער זי וועט קריגען די מאיאריטעט אפילו אין איין לעדזשיסלעיטשור.

3.

די געפאר פון קארופציאן.

די געגנערשאפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי צו מוניציפאל־סאציאליזם קען אין דער אמעריקאנער פאליטישער סביבה ווערען א קוואל פון קארופציאן. ווען א שטאט וויל איינפירען אירע אייגענע עלעקטרישע באלייכטונג, אדער נאך אזא זאך, האט זי אימער אויסצושטעהן א ביטערן קאמפף מיט ערגעץ א קאמפאניע קאפיטאליסטען, וואס זוכען צו קריגען א פרענטשייז (א קאנצעסיע). ווי דער מנהג איז אין אזוינע זאכען, האט די קאמפאניע א „לאבבי“ אין דער לעדזשיסלעיטשור, דאס הייסט אירע אגענטען אף איינצוקויפען די געזעצגעבער. היינט ווען עס קומט אויס נאך דער סאציאליסטישער תורה נאך, אז עס טאר זיך אונדז פון קיין מיוניסיפאל אונערשיפ ניט חלום'ען אפילו, אזש ביז דער צייט

ווע זמען ווערט שוין ראקעפעלערן אויך קענען אריינפאקען אין זאק, טו קען זיך ניט טרעפען אז דער יצר־הרע זאָל איינרעדען די סאָציאליסטישע געזעצגעבער, ווי יענע אידענע האָט געזאָגט: „אי אַ מצוה איז דאָס, אי אַ הנאה האָב איך?“ — דאָס זיינען ניט גלאט בויך־סברות. ווי יונג די סאָציאליסטישע פארטייען זיינען אין אמעריקע, האָבען מיר שוין א פּאָר ביישפּילען.

אין 1899 האָט אין העיווערהיל, מאַסס., פּאסירט אַזאַ געשיכטע. א קאָמפּאַני האָט געזוכט צו באקומען פון דער שטאָט א קאָנצעסיע אף א מאָנאָפּאָליע. די סאָציאל־דעמאָקראטישע פּאַרטיי האָט דאָרטען באשלאָסען, אז זי וועט שטימען געגען יעדע פראנטשייז, ווייל זי איז גראד יא געווען פאר מיוניסיפּאל אונערשיפּ; אבער איין סאָציאליסטישער אלדערמאַן האָט געשטימט דאפיר. ער האָט זיך שפּעטער פאר דער פּאַרטיי פאַרענטפערט דערמיט, אז מיוניסיפּאל אונערשיפּ איז דערווייל אונמעגליך, איז גלייכער עס זאָל כאָטש זיין קאָנקורענץ צווישען די קאָמפּאַניעס. די פּאַרטיי האָט דעם תירוץ ניט אָנגענומען און האָט עם אויסגעשלאָסען. צי ער האָט גענומען געלד, צי ניט, ווייס מען ניט, אָבער ווערליג יענער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וואָלט ער געקענט שרייען אף'ן קול, אז ער פּאַרטרעט דעם רעוואָלוציאָנערען שטאַנדפּונקט, און שטילערהייט קריגען זיין חלק כאבאָר*).

---

*) די „ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג“ האָט אַמאָל דערצעהלט אַ מעשה וועגען דער ס. ל. פּ., וואָס קען דינגען אַלס אַ גוטע אילוסטראציע. איך וועל ניט קאָווירען פאר די ריכטיקייט פון די פאַקטען, ווייל דאָס איז דערצעהלט געוואָרען אין אַ צייט, ווען די „פאָלקסצייטונג“ האָט געפירט אַ ביטערען קאַמפּף געגען די ס. ל. פּ., און לויט דער עטיק פון דער „פאָלקסצייטונג“, ווי מיר האָבען געזעהען, דאַרף מען זיך ניט צערעמאָנירען מיט אַ געגנער צוליב אַזעלכע זאַכען, ווי יושר. מיר קענען אָבער באהאנדלען די מעשה, ווי אַ פאַבעל, וואָס איז גוט פאר אַ משל.

אין ערגעץ, אַ שטאָט איז ביי די וואַלען אָנגעגאַנגען אַ קאַמפּף איבער מיוניסיפּאל אָונערשיפּ. איינער פון די סאַמע פרומע חסידים פון דער ס. ל. פּ. איז געקומען צו דעם פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַניע, וואָס איז געווען ספּעציעל פאראינטערעסירט אין דעם קאַמפּיין, און האָט צו עם גערעדט בזה הלשון: „איר זייט געגען מיוניסיפּאל אונערשיפּ אַלס

4.

דעם סאָציאַליסטישען פּאָליטישען׳ס געזיכטס־פּונקט.

ווי דער וואולגאר־סאָציאליזם קוקט אף די סאָציאלע ענטוויקלונג וואָס געהט אַן אין אמעריקע, ווייזט זיך בולט ארויס דערפון, וואָס הילקוויט באצייכענט די גאנצע באוועגונג פאר מוניציפּאַל־סאָציאליזם אלס א „פּאָליטישען בלאָף און א האָמבאָג“*):

„זי קומט ארויס דאָס רוב פון אייניגע פּאָליטישענס וואָס האבען געזוכט דזשאָבס ביי די אַנדערע בורזשואַזע פּאַרטייען און ניט געקענט קריגען“

וואָלט דאָס כאָטש געווען אָריגינעל! אין 1887 האָט גראף דעליאַנאָוו ערקלערט אין זיין בארימטען צירקולאר אז די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין רוסלאנד קומט ארויס דערפון, וואָס די זיהן פון קוטשערס און קעכינס געהן אין די אוניווערסיטעטען, און ווען זיי קענען נאטירליך ניט קריגען קיין שטעלען, ווערען זיי רעוואָלוציאָנער. ווען איר וועט זיך פאסטארען, קענט איר ביי דעליאַנאָוו'ן ארויסלעזען א בעגריף פון קלאסען־אינטערעסען, ווע־

קאַפּיטאַליסט, און מיר זיינען אויך דאַגעגען, אַלס רעוואָלוציאָנערע סאָציאליסטען, ע לכן קענען מיר, בלייבענדיק טריי צו אונדזערע פּרינציפּען, העלפען אייך אין דעם קאַמפּף, ווען איר וועט אונדז געבען די מיטעל אָנצופירען אַ קרעפטיקען קאמפּיין“. דער פּרעזידענט האָט דעם פּאָרשלאג ניט אָנגענומען, ווייל ער האָט ניט געגלויבט, אַז די „רעוואָלוציאָנערע סאָציאליסטען“ קענען עפּעס אופטאָן. ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ מאַיאָריטעט אין דער לעדזשיסלעיטשור, טו קענט איר זיין זיכער, וואָלט די קאָמפּאניע זיי גאָר אַנדערס אופגענומען.

*) „מיר סאָציאליסטען האָבען פיינט צו נוצען האַרטע ווערטער, איך וועל זיך דעריבער אויסדריקען מילד“, זאָגט דערביי הילקוויט. אַזוי האָט די ס. פּ. באגריסט יעדע פּאָליטישע באוועגונג, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעדריקט דער פּראָטעסט פון די פאָלקסמאַסען געגען די הערשאפט פון די קאָרופּטע פּארטייען.

רענט ביי הילקוויט׳ן קומט אויס פּשוט אַז „איינינע פּאָליטישענס“ האָבען אין אמעריקע געמאַכט די באוועגונג פֿאַר מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ. גוואַלד! וואו איז דער אָפּיציעלער געשיכטליכער מאַטעריאַליזם? איינינע פּאָליטישענס האָבען אויסגעטראַכט „מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ“, לאָז זיין אַזוי; אָבער כל זמן זיי האָבען אפילו קיין שטעלען ניט, טו איז דאָך קלאָר, אַז זיי אליין האָבען קיין מאַכט ניט, סיידען זיי וועלען אריינקריגען די וואָוטערס אויף זייער זייט. בלייבט דאָך די קשיא, צוליעב וואָס האָבען זיך די 220,000 וואָוטערס אַזוי געקאָכט אין 1905, בשעת זיי האָבען געשטימט פֿאַר הוירסט׳ן, אלס קאַנדידאַט פֿאַר מעיאָר און פֿאַר די „איינינע פּאָליטישענס“. מען האַלט אין איין ריידען וועגען דעם קלאַסען־קאַמפּף, אַז די גאַנצע געשיכטע איז א קאַמפּף צווישען קלאַסען מיט פיינטלאַכע אינטערעסען, און ווען עס ברעכט אויס פֿאַר אונדז אין די אויגען אַ פּאָליטישער קאַמפּף, וואו מער ווי צוויי הונדערט טויזענט מענטשען פֿאַרלאָזען די פּאַרטייען, פֿאַר וועלכע זיי האָבען פֿריהער געשטימט, און פֿאַראייניגען זיך אונטער א נייער פּירערשאַפֿט, טו זעהט מען גאָר ניט די פּאָלקסמאַסע, אין דער גאַנצער באוועגונג באמערקט מען נאָר „איינינע פּאָליטישענס“ און „הוירסט זייער הויפּטמאַן“!

ניט הוירסט, און ניט דער געוועזענער מעיאָר דאָן פֿון שיקאַגאָ און ניט די עטלאַכע פּאָליטישענס אָן אָדער מיט דזשאָבס, האָבען די מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ באוועגונג ניט באשאַפֿען. אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד, אין אויסטראַליע און אין אמעריקע איז דער שטאַטס־סאָציאַליזם, אָדער דער מוניציפּאַלסאָציאַליזם אויסגעוואַקסען פֿון דער ענטוויקעלונג פֿון דער טעכניק. פֿון דער אינדוסטרי. מיט הונדערט יאָר צוריק האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגען שטאַטס־אייזענבאַנען אָדער שטאַטס־טעלעגראַפֿען, וואָרים עס איז ניט געווען קיין אייזענבאַנען און קיין טעלעגראַפֿען. כל זמן דער עולם האָט געברענט קאַראָסינעווע לאָמפּען, איז קיין רייד ניט געווען וועגען דעם, אַז די שטאָט זאָל אויף זיך נעהמען צו באלייכטען אַלע וואָהנונגען. דער עולם איז געגאַנגען צו פֿוס צו דער ארבייט, איז ניט געווען קיין פֿראַגע וועגען מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ פֿון שטאָט־באַנען. די אינדוסטריעלע ענטוויקעלונג פֿאַר די לעצטע פֿופֿציק יאָר זינט קאַרל מאַרקס האָט געשריבען זיין „קאַפּיטאַל“, האָט געשאַפֿען גאָר נייע באדערפֿניסען

פון וועלכע די וועלט האט דעמאלט ניט געוואוסט, מיט פופציק יאר צוריק האט יעדער מענטש פארצערט אלץ וואס ער האט נויטיק געהאט ביי זיך אין דער היים, אליין פאר זיך. היינט האט איר „פאבליק יוטיליטיז“, א קהל׳שען פארברויך, א שטיק קאמוניזם אין אייער פערזענליכען לעבען, און עס שפיעלט שוין א גאנץ גרויסע ראלע אין דער געזעלשאפט. ביי מארקס׳ן אבער געפינט איר עס נאטירליך ניט, און דאריבער איז דאס פאר אונזערע אפיציעלע אמעריקאנער „מארקסיסטען“ גאר פרעמד.

געוויסע קאפיטאליסטישע גרופען, אלס „קאנסיומערס“, זיינען פאראינטערעסירט אין דערין אז דער פרייז פון גאז, פון עלעקטרישע קראפט, טעלעפאנס וכדומה, זאל זיין ביליגער. ווען עס קאסט צעהן סענט צו פאהרען פון ניו־יארק קיין קוני־איילאנד, דינגט איר א דירה ערגעץ אין בראנקס; ווען עס זאל קאסטען פינף סענט, אדער גאר דריי סענט, קענט איר דינגען א דירה ארום קוני־איילאנד. דער קוני־איילאנדער לענדלארד איז פאראינטערעסירט אין דערין, אז עס זאל זיין מיוניסיפאל אונערשיפ, ווייל ער וועט קריגען העכערע דירה־געלט, איידער ער קריגט היינט, און דער ארבייטער איז אויך פאראינטערעסירט אין דערין, ווייל ער וועט צאהלען קלענערע דירה־געלט, איידער ער צאהלט היינט. פארשטעהט איר שוין ווי אזוי דער לענדלארד קען קריגען העכערע רענט און דער קווארטיראנט קען צו גלייכער צייט צאהלען נידעריגערע רענט? די צרה איז נאר, וואס מען דענקט אימער וועגען דעם גאנצען „קלאס“ לענדלארדס און מ׳פארגעסט גאר, אז צווישען דעם קלאס געפינען זיך אויך גרופען מיט פיינדליכע אינטערעסען. וואס דער לענדלארד אין קוני־איילאנד געווינט, דאס פארלירט דער לענדלארד אף סאפאלק סטריט.

דיזע פארשידענע געזעלשאפטליכע גרופען, פארמערס, פאבריקאנטען, לענדלארדס, קליינע און גרויסע קויפלייט און אויך ארבייטער, זיינען פאראינטערעסירט אין דער באוועגונג פאר שטאטס־סאציאליזם און מוניציפאל סאציאליזם. עס איז א געמישטע געזעלשאפט, און דערפאר געפינט איר אזא געמישטע געזעלשאפט אין דער באוועגונג פאר פאבליק אונערשיפ. ניט די פאליטישענס האבען באשאפען יענע אינטערעסען, זיי זוכען זיי נאר צו באנוצען פאר זייערע פערזענליכע צוועקען. ווי באלד עס זיינען פאראן מי־

ליאנעז מענטשען וועלכע זיינען פאראינטערעסירט שוין היינט אין מיוניציפאל־סאָציאליזם, טו איז כדאי מ׳זאל פארשטעהן, אז מען אפשפרעכען קענט איר דא ניט העלפען. זיי וועלען ניט ווארטען אף די סאָציאליסטישע פארטיי, ביז וואנען זי וועט איינרעגען די גאנצע וועלט. עס וועט זיך געפינען איינע פון די אלטע פארטייען, וואס וועט נעמען אף זיך זיי צו פארטרעטען, אָדער זיי וועלען גרינדען אן אייגענע פארטיי, ווי עס איז געווען די פראָגרעסיווע פארטיי.

קורץ, די מאטעריעלע אינטערעסען פון דער בורזשואזיע צווינגען איהר איינצופירען בּיסלאכוויים דעם סאָציאליזם, און די אידעען פון אירע פארטרעטער ווערען רק מער סאָציאליסטיש.

צי קען מען זיך פארלאזען אף די סאָציאל־רעפארמערס, אז זיי וועלען טאָן וואס זיי האָבען צוגעזאָגט? ווען מיוניסיפאל אָנערשיפ איז ניצליך פאר די בורזשואזיע, און די סאָציאל־רעפאָרמערס זיינען אירע פארטרעטער, טו וועלען זיי עס איינפירען. אמת, עס קען זיך טרעפען אז א רעפארמער זאל זיך ארויסציינען פאר א פאררעטהער געגען זיינע וועהלער. אזעלכע ביישפּיעלע האבען מיר שוין אפטמאל געזעהען. איך האב שוין דערמאָנט דעם סאָציאליסטישען אלדערמאן פון העיווערילל, וואס האט געשטימט פאר ארויסגעבען א פרענטשייז צו א קאפּיטאליסטישער קאָמפּאני. אפשר איז גאר א פּלאן אין גאנצען פאר קיינעם ניט צו וואוטען, ווי די אנארכיסטען לערנען? דאס איז וועניגסטענס לאגיש.

5.

ארבייטער־אינטערעסען און מוניציפאל־סאָציאליזם.

מען שטעלט די פראגע, צי עס לוינט זיך אינגאנצען פאר דעם ארבייטערקלאס דער מוניציפאל־סאָציאליזם, צי ניט. אייגענטליך הייסט דאס, — צי עס לוינט זיך פאר דעם ארבייטער־קלאס דער סאָציאליזם זאל איינגעפירט ווערען ביסלאכוויז, צי ניט. ווארים מוניציפאל־סאָציאליזם איז דאך א שטיקעל סאָציאליזם. איז דער

תירוץ, אז דער קלאס וואס זוכט איינצופירען „מיוניסיפאל־אונער־שיפ“, איז די בורזשואזיע, די קליינע קאפיטאליסטען, און זיי זיי־נען ניט אויסען דעם ארבייטער׳ס טובה, נאר זייערע אייגענע קלא־סען־אינטערעסען. כל זמן די שטאטישע רעגירונג איז א קאפיטא־ליסטישע, טו הייסט דאס ניט מער, ווי שטאטס־קאפיטאליזם; ווען אבער די רעגירונג זאל זיין אין די הענט פון דעם ארבייטער קלאס, דאס הייסט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, דעמאלט הייסט דאס שוין סאציאליזם. וואס־זשע איז דער אונטערשיעד?

אין דעם היינטיקען קאפיטאליסטישען שטאט, סטראשעט אונדז הילקווים, וועט „מיוניסיפאל אונערשיפ“ נאר צוניץ קומען די קאפיטאליסטען, ווייל די שטאט וועט זיך באנוצען מיט די פראפיטען פון שטאט־געשעפטען צו פארקלענערען די טעקסעס (די פאראטקעס, שטייערען) וואס די רייכע צאהלען. פארקערט, די סא־ציאליסטישע פארטיי וועט ערסטענס זעהן צו העכערען די שכירות פון די ארבייטער אף דער באן, און, צווייטענס, זעהן, עס זאלען זיין בעסערע קארס און מער קארס און זיי זאלען לויפען עפטער. בכלל זוכען צו פארבעסערען דעם גאנצען באטריב. קומען מיר צו דער אלטער פראגע: ווער צאלט די טעקסעס? אין 1899, ווען א טייל פון דער ס. ל. פ. האט רעוואלטירט געגען דעליאן׳ס דיקטא־טור, האט מר. פיינענבוים ערקלערט אין דער „ניו־יאר־קער פאלקסצייטונג“, אז די ארבייטער צאהלען אויך טעקסעס. דע־ליאן, דאגעגען, האט עם ערקלערט פאר אפיקורסות. נו, אויב די אר־בייטער צאהלען יע טעקסעס, טו קומט אויס, דאכט זיך, אז זיי וואל־טען אויך פראפיטירט, ווען די טעקסעס זאלען קלענער ווערען.

נאר, לאז זיין, אז דער ארבייטער צאהלט קיין טעקסעס ניט און קען אלזא גארנישט ניט געווינען פון מיוניסיפאל אונערשיפ; איין זאך אבער קען איך ניט פארשטעהן, נעמליך: ווי אזוי קען דער גאנצער קאפיטאליסטישער קלאס געווינען דערפון? אמת, די טעק־סעס וועלען קלענער ווערען, וועט ביי יעדען קאפיטאליסט בלייבען א פאר דאלאר אין קעשענע. כל זמן אבער די שטאט־באנען בליי־בען אין די הענט פון א פריוואט־קארפארעישאן, טו קלייבען זיך אן דיזעלבע דאלארס אין דער קאסע פון דער קאפארעישאן. דער קאפיטאליסטישער קלאס אין גאנצען געווינט ניט און פארלירט ניט דערביי: וואס איין גרופע קאפיטאליסטען געווינט ווערט אן די אנדערע. וואס־זשע האט זיך דערפון אן ארבייטער אזוי וואס אפ־

צועסען די הארץ, וואס דורך מיוניסיפאל אָונערשיפ וועט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס כלומר׳שט רייכער ווערען?

פון דער אנדערער זייט, אויב סאָציאַליזם באשטעהט אין דער העכערונג פון דעם ארבייטסלוין און אין דער פארבעסערונג פון דעם באטריב, טו האָט זיך דער דעמאָקראטישער מעיאָר דאָן פון שיקאגאָ אין 1905 בפרוש ערקלערט פאר דעם זעלבען פלאַן. די גלייכסטע זאך איז איינצוקוקען זיך, ווי עס פירט זיך אין אייראָפּאישע שטעט, וואו עס איז שוין פאַראַן מיוניסיפאל אָונערשיפּ. דער ביישפּיעל פון גלאַזגאָוו באווייזט, אז זייט די שטאָט-באַנען ווערען באטריבען פון דער שטאָט, זיינען די שכירות פון די אַרבייטער ביי די באנען געהעכערט געוואָרען, בעת דער פּרייז איז צוויי סענט און איין סענט פאר אַ טיקעט, ניט פינף ווי אין אמעריקע. וואוזשע בלייבט דער אונטערשיד צווישען מוניציפּאַל-קאַפּיטאַליזם און מוניציפּאַל סאָציאַליזם? ניט אנדערש, ווען דער סאָציאַליסטישער קאנדידאט וואָלט ערוועהלט געוואָרען, וואָלט דאָס הייסען סאָציאַליזם, און ווען דאָן, איז דיזעלבע זאך קאַפּיטאַליזם.

אין אָנהויב פון דיזען יאָרהונדערט איז אין דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראטישער פּאַרטיי אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע איבער דיזעלבע פראגע. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, צי זאָל דער שטאָט איבערנעמען די קוילען גרובען. בעבעל איז געווען דאַפיר, קאוטסקי דאַגעגען.

ווען איר באטראכט די פּראגע פון אַן עוואָלוציאָניסטישען שטאַנדפּונקט, איז דער איבערגאַנג פון אַ גרויסער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג צום שטאַט אַ שריט אין דער ענטוויקעלונג פון דעם סאָציאַליסטישען סיסטעם. און ווען מען האָט אין זינען דעם אופבוי פון אַ פּאָליטישער ארבייטערבעוועגונג, איז אויך גלייכער, אַז די ארבייטער זאָלען האָבען דעם שטאַט פאר אַ באַלאַבאָס, איידער דעם פּריוואַט-קאַפּיטאַליסט: ווען די ארבייטער שטעהען אנטקעגען דעם שטאַט אלס באַלאַבאָס, ווערט די פּראַגע פון שכירות און אַרבייטסשטונדען אַ פּאָליטישע פראַגע, און אלס וואוטערס האָבען זיי אויך אַ דעה אין דעם ענין. אזאַ רעפּאָרמע איז דעריבער אַ וויכטיקער שריט אין דער ענטוויקעלונג פון סאָציאַליזם, אפילו ווען דער שריט זאָל געמאכט ווערען פון דער דעמאָקראטישער אָדער דער רעפּובליקאנער פּאַרטיי.

6.

מוניציפאל־סאציאליזם אין אמעריקאנער פאליטיק.

אונדזער אמעריקאנער סאציאליזם איז נאך אלץ דער אלטער אימפארטירטער פון דייטשלאנד. מען טראגט זיך נאר רק ארום ביי אונדז מיט פראזען פון פאר פופציק יארען צוריק, וואס האבען שוין היינט פארלוירען דעם זין כמעט אומעטום א חוץ אין אזא האלב־דעספאטישער לאנד ווי דייטשלאנד. נאטירליך זיינען דעריבער אונדזערע סאציאליסטישע טעאריעס און אונזער סאציאליסטישע טאקטיק גאר ניט צוגעפאסט צו דעם אמעריקאנער פאליטישען סדר.

לאמיר באטראכטען דעם אוסדרוק: „קאפיטאליסטישער שטאט". מיט פערציק יאר צוריק, צו דער צייט ווען עס האט זיך געגרינדעט די דייטשע סאציאל־דעמאקראטיע, איז דער אויסדרוק געווען ריכטיק. צו יענער צייט האט דער ארבייטער־קלאס ערגעץ ניט געהאט קיין שטימרעכט אויסער אין פראנקרייך און די פאראייניגטע שטאטען. אבער אין פראנקרייך האט געהערשט א וואיענער דיקטאטאר, און דאס שטימרעכט איז דארטען געווען ניט מער ווי א קאמעדיע; אין די פאראייניגטע שטאטען איז נאך דער ארבייטער־קלאס געווען זעהר קליין. דעמאלט איז זעלבסטפארשטענדליך, דער שטאט געווען א קאפיטאליסטישער, ווייל נאר די קאפיטאליסטען האבען אין עם געהאט א דעה.

נעמט דייטשלאנד היינט־צו־טאג. פאר די רייכטס־טאגס־וואהלען איז פאראן אלגעמיינע שטימרעכט, אבער פאר די לאנדטאגען איז קיין אלגעמיינע שטימרעכט ניטא. דער רייכסטאג אין דייטשלאנד האט מער געשעפטען צו באזארגען איידער דער אמעריקאנער קאנגרעס, דאך בלייבען נאך א סך אנגעלעגענהייטען וועלכע ווערען רעגולירט דורך די לאנטאגען. דאס וואהל־רעכט פאר דעם פרייסישען לאנדטאג איז כמעט דאס זעלבע ווי עס איז פון אנהויב געווען פאר די גאסודארסטווענע דומע, קענט איר זיך שוין פארשטעלען, וואס פאר א דעה דער ארבייטער־קלאס האט דארטען. ווייטער

אפילו דער רייכסטאג האט א גאנץ קליינע מאכט. די קייזערליכע רעגירונג איז אונאבהענגיג פון דעם רייכסטאג און קען טהאָן וואָס זי וויל. דייטשלאנד האט א וואַיענע רעגיערונג און די רעגיערונג איז פארבונדען מיט דעם קאפיטאליסטישען קלאס.

איז די לאגע דיזעלבע אין אמעריקא? ווען עס באלאבאטע־ווען היינט אין דער אמעריקאנער רעגירונג די קא־פיטאליסטען, טו איז עס נאָר דורך דעם, וואָס איבער דער געזעצ־ליכער פאָלקס־רעגיערונג איז אויסגעוואקסען א האלב־געזעצליכע פארטיי־רעגיערונג און די קאפיטאליסטען האבען געמאכט שותפות מיטביידע פארטיי־מאשינען, און זייער הויפטמיטעל דערצו זיי־נען טאקע דיזעלבע שטאָט־באַנען, די טעלעפאָנען, און בכלל אלע יענע געשעפטען אין וועלכע מען וויל איינפירען מוניציפאל סאָ־ציאליזם.

די מאכט פון די צוויי גרויסע פארטייען ליעגט אין דערין, וואָס זיי האָבען א סך געלד אף צו פירען זייער קאמפעין, וועהרענד די אונאבהיינגיקע קאנדידאטען האָבען געוועהנלאך קיין געלט נים. פון וואנען־זשע קומט די געלט ביי די אלטע פארטייען? אין די וואהלען אין דער שטאט און אין דעם סטעיט, פון יענע קאָרפּאָרעי־שאָנס וואָס האבען מאָנאָפּאָליסטישע קאָנטראקטען מיט דער שטאָט אָדער מיט דעם סטעיט, ווי די גאז־קאָמפּאניעס, שטאָט־באנען און דערגלייכען. פארוואָס איז בעלמאָנט א דעמאָרקאט? פארוואָס האָט די יונייטעד געז ענד אימפּרואוומענט קאָמפּאניע אין פילא־דעלפיא אונטערשטיצט די רעפובליקאנער מאשין? וואָרים היינט־צו־טאָג ליעגט דער אייגענס פון דער שטאָט אין די הענט פון פריי־וואט־מאָנאָפּאָליסטען. אבער ווען עס ווערען אָפּגעשאַפט די פריי־וואט־מאָנאָפּאָליעס אף קהל'שע בעדערפניסע, טו ווערט דערמיט נע'פטור'ט די גרעסטע שמאלץ־גרוב פון די בודעל־פארטייען. אמת, די פאָליטישענס וועלען שוין דערפאר זאָרגען, אז ביי דעם אָפּשאַ־פען פון פריוואט־מאָנאָפּאָליעס זאָלען זיי אויך מאכען א היבשען גראשען, אבער עס וועט אמאָל פארט נעמען א סוף.

מוניציפאל־סאָציאליזם איז אַלזאָ א שטארקער קלאפּ פאר די קאפּיטאליסטישע הערשאפט איבער דער אמעריקאנער פּאָליטיק. מיוניסיפּאל סאָציאליזם ברייננט אונדז איין שריט נעהענטער צו אן אמת׳ען פאָלקס־שטאַט.

פיער-און-צוואנציקסטער קאפיטעל:

די פראלעטארישע מינאריטעט און דער פארלאמענטאריזם.

1.

אין וואס באשטעהט די פראגע?

ביז דער קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין אינדיאנאפאליס אין 1912, האבען זיך די אמעריקאנער סאציאליסטען געשווארען, אז דער פראלעטאריאט איז שוין היינט די מאיאריטעט פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט.*) דאס איז געווען דער גרונדשטיין פון דער גאנצער טאקטיקע פון דער היגער סאציאליסטישער פארטיי.

מ'האט גע'טענה'ט אזוי: דער פראלעטאריאט איז די מאיאריטעט פון דעם אמעריקאנער פאלק, ווען דער פראלעטאריאט זאל זיך פאראייניקען אין אן אייגענע פאליטישע פארטיי, וואלט זי שוין היינט געקענט געווינען די פאליטישע מאכט און אפשאפען דעם קאפיטאליזם. די איינציקע צרה איז, וואס דער פראלעטאריאט אין אמעריקע איז נאך נים קלאסען-באוואוסט, די אויפגאבע פון די סאציאליסטען איז דעריבער עס צו געבען צו פארשטעהן, אז ער מוז זיך אפ'גט'ן פון אלע אנדערע פארטייען.

דאס וואלט זיין גאנץ ריכטיק — ווען? אויב דער פראלעטאריאט איז טאקע שוין די מאיאריטעט פון די וואוטערס, אדער

*) די באהויפטונג האט מיט עטלאכע יאר צוריק געמאכט מארים הילקוויט ביי א דעבאטע מיט מיר אין קופער יוניאן, און הילקוויט איז דאך דער אפיציעלער פארטרעטער פון דעם ארטאדאקסישען סאציאליזם אין אמעריקע.

האָט אַן אויסזיכט אין קורצען צו ווערען אַ מאַיאָריטעט, וואָס טוט מען אָבער, אויב דאָס איז אַ טעות? אויב דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך ניט קיין מאַיאָריטעט און וועט נאָך לאַנג קיין מאַיאָריטעט ניט ווערען? אויב ער וועט זיך פאַרלאָזען נאָר אויף זיך אַליין, איז דאָך קלאָר באַשיינפּערלאַך, אַז ער קען מיט זיינע אייגענע כחות גאָרנישט ניט אויספירען. אי, איר וועט זאָגען, אַז די געגנער פון דעם פּראָלעטאַריאַט זיינען ניט איינינק? טו ווייסען מיר דאָך, אַז אומעטום, וואו די היגע סאָציאַליסטען האָבען איין מאָל געוואונען ביי די וואַלען מיט דער גרעסטער מינאָריטעט, האָבען זיך אַלע אַנדערע פּאַרטייען ביי דער נעקסטער וואַל פאַראייניקט געגען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען און זיי געשלאָגען.

וואָס זשע טוט מען פּאַרט? אויף דעם האָט די סאָציאַליסטי־שע פּאַרטיי געענטפערט ביי דער קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס אין 1912 מיט איר פאַרמערשען פּראָגראַם. אין דעם פּראָגראַם ווערט ערקלערט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון אַלע „אַרבייטענדע מענטשען“, ניט נאָר פון די לאָהן־אַרביי־טער, נו, אַ פּאַרמער איז דאָך אויך אַן אַרבייטענדער מענטש, באַטש ער איז גאָר ניט קיין לאָהן־אַרבייטער און ניט קיין פּראָ־לעטאַריער. אַלזאָ, ווען די היגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט איינגעזעהען, אַז די פּראָלעטאַריער זיינען ניט קיין מאַיאָריטעט, האָט זי אויפגעהערט צו זיין די פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט און האָט זיך גענומען פאַר „סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס־אַרבייט צווישען די קליינע אָרעמע פאַרמערלאַך“. וואָס דער מאַרקסיזם בלייבט אין דעם גאָרניט, ווי פּריינט א. ש. זאַקס האָט גאַנץ ריכ־טיק געזאָגט אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע“. ד. ה. די ס. פּ. האָט אָנגענומען דעם שטאַנד־פּונקט פון די רוסישע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

קומט אָבער פּריינט זאַקס און זאָגט: „אום דער פּראָלעטאַ־ריאַט זאָל זיגען, דאַרף ער גאָר ניט זיין אין דער מאַיאָריטעט, לויט דעם מאַרקסיזם, וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיגען, ניט ווייל ער וועט זיין אין דער מאַיאָריטעט, דורך דעם פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס, נאָר ווייל אין זיינע הענט ליגט די עקאָנאָמישע מאַכט, ווייל ער דריקט אויס די פאָדערונגען פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען. די אינדוסטרי פּראָלעטאַריזירט זיך אַלץ מער, זי ווערט

וואָס ווייטער אַלץ מער אַ מאַסען־אינדוסטרי, און אין דעם ליגט דער בטחון פון זיג. אום אַ קלאַס זאָל זיגען אין אַ פּאָליטישען און סאָציאַלען קאַמפּף, דאַרף ער, לויט דעם מאַרקסיזם, ניט זיין אין דער מאַיאָריטעט".

לאָמיר דאָס אַקאָרסט צוגלידערען. אום דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיגען אין אַ פּאָליטישען קאַמפּף, דאַרף ער ניט זיין אין דער מאַיאָריטעט? ווי־זשע? כל־זמן דער פּאָליטישער קאַמפּף דריקט זיך אויס אין דער פאָרמע פון אַ וואַל־קאַמפּף, מוז די פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָבען אַ מאַיאָריטעט, אַנדערס וועט זי דורכפאַלען ביי די וואַלען. וואו עס איז איינגעפירט געוואָרען דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט, וועט איר אומעטום געפינען, אַז די פּאָליטישע מאַכט ליגט אין די הענט פון אַ קאָמבינאַציע פון דער שטאָטישער קליין־בורזשואזיע מיט די פּויערים, וואָס צוזאַמען זיינען זיי יע די מאַיאָריטעט.

אַ מינאָריטעט קען פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט נאָר דורך אַ געוואַלדיקע רעוואָלוציאָן. אָבער אויב די רעוואָלוציאָנערע מי־נאָריטעט האָט געגען זיך די מאַיאָריטעט פון פאָלק, טו מוזען די רעוואָלוציאָנערען דורכפאַלען ביי דער ערסטער וואַל, וואו דער גאַנצער פאָלק האָט די געלעגענהייט צו שטימען. אַזוי איז עס גע־ווען אין דער געשיכטע פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנען. דעריבער האָט קאַרל מאַרקס, אין זיין באַרימטען בריף צו ליב־קנעכט'ן אין דער צייט פון דעם גאָטאַער קאָנגרעס פון 1874, גע־מאַכט חוזק פון די פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע און האָט ער־קלערט, אַז די פאָדערונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף זיין די „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". מ'האָט דאָס שפּעטער געזוכט אויסצו'פּשט'לען, אָבער מאַרקס האָט זיך גאַנץ דייטליך אויסגעדריקט און ער האָט טאַקע געמיינט, וואָס ער האָט געזאָגט: אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור אויף דעם מעקסיקאַנער שטייגער, נאָר לטובת דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער פּראָגראַם פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי שטעהט אָבער אויף אַ געזעצליכען פּאַרלאַמענטאַרישען באָדען. אין דעריבער וועגען אַ „רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור" ניטאָ וואָס צו רעדען. און כל זמן דאָס איז אַזוי, וועט דעם פּראָלעטאַריאַט אין דעם פּאָליטישען קאַמפּף ניט העלפען, וואָס ער „איז דער

הויפּט־פאקטאר אין דעם עקאנאמישען לעבען". זעהט איר, אף דעם עקאנאמישען פעלד איז גאר אנאנדער זאך. ווען די אייזען־באן־ארבייטער, די שיפס־ארבייטער און די ארבייטער אין די קוילען־גרובען געהען ארויס אין א גענעראל־סטרייק, קענען זיי אנמאכען אזעלכע צרות דעם גאנצען קאפּיטאליסטישען קלאס, אז ער זאל געצוואונגען זיין נאכצוגעבען די ארבייטער. אף דעם אופן קען די פּראלעטארישע מינאריטעט געווינען אלערליי הנחות ביי דעם קאפּיטאליסטישען קלאס אין דער קאפּיטאליסטישער ארדענונג. ווי ווייט דאס קען געהן, איז א שטרייט־פראגע. נאר לאז זיין, אז דורך אזא גענעראל־סטרייק קען די פּראלעטארישע מינאריטעט באזיגען די קאפּיטאליסטישע מאיאריטעט, — זעהט איר ניט, אז איר זייט שוין פארקראכען גאר אין סינדיקאליזם?

כל זמן אבער מיר זיינען געזעץ־ליבענדע בירגער און בלייבען שטעהן אף דעם פּארלאמענטארישען באדען, שטויסען מיר זיך אן אף דעם וואל־געזעץ, וואס פאדערט פון די פּראלעטארישע קאנדידאטען, ווי פון אלע אנדערע, זיי זאלען האבען א מאיאריטעט, כדי די פּאליטישע מאכט זאל איבערגעהן צו זיי.

קומען מיר צוריק צו דער פראגע: וואס־זשע זאל דער פּראלעטאריאט טאן דערווייל, אין דער איבערגאנגס־צייט, איידער ער וועט ווערען א מאיאריטעט?

זאלען דערווייל די ארבייטער אויסקומען אן אירגענד וועלכע געזעצען, וואס זאלען באשיצען זייער געזונט און לעבען ביי דער ארבייט, וואס זאלען באשרענקען די קינדער־ארבייט? איז דאס קלאסענבאוואוסטע ארבייטער־פּאליטיק? וואס־זשע איז די ריכטיקע טאקטיקע פאר דעם ארבייטער־קלאס בכלל און פאר די סאציאליסטען בפרט אין אמעריקע? זאל די פּראלעטארישע פּאר־טיי בלייבען א פּארטיי פון פּראטעסט און קריטיק און איבער־לאזען די פּאליטישע מאכט צו דער מאיאריטעט, אדער זאל די סאציאליסטישע פּארטיי צופּאסען זיך צו ניט־פּראלעטארישע עלע־מענטען, ווען נויטיק — דיפּלאמאטיש א שוויינ טאן וועגען די סאציאליסטישע פּרינציפּען, כדי צו „קעטשען" וואוטס? פון אזא בויערן־פענגעריי, ווי דער טייטש רופט דאס, קענען די סאציאליס־טישע קאנדידאטען געווינען, דער סאציאליזם פארלירט דערביי. אדער זאל די פּארטיי פון דעם פּראלעטאריאט אייניקען זיך (מא־

כען „פיוזשאַן“) אויף איינצעלנע קאנדידאטען מיט די פּארטייען, וואס רעפּרעזענטירען פּארשידענע איבערגאנגס־שיכטען, און ניט דארפען פארבויגען אירע סאָציאליסטישע פּרינציפּען?

2.

די קליינע פּארטייען אונטער דעם אמעריקאנער פּארטיי־סיסטעם.

צוערסט, לאָמיר פרעגען: וואָס הייסט „פיוזשאַן?*) עס איז א מיטעל מיט וועלכען א מינאָריטעט צווינגט די הערשענדע פּארטייען איר אויך צו געבען א שטימע אין קהל'שע עסקים. פיוזשאַן הייסט ניט, אז די מינאָריטעט שענקט אוועק אירע שטימען צו די הערשענדע פּארטייען. דורך פיוזשאַן באקומט די מינאָריטעט א געוויסע צאָל פון אירע אייגענע פּארטרעטערס. דורך פיוזשאַן וואָלטען די סאָציאליסטען געקענט צווינגען איינע אָדער די אנדערע פון די בורזשואזנע פּארטייען אופצושטעלען א געוויסע צאָל סאָציאליסטישע קאנדידאטען, וועלכע וואָלטען דאן ערוועהלט געווארען.

כל זמן א פּארטיי איז אין דער מינאָריטעט קען זי אונטער דעם הערשענדען אמעריקאנער וואל־סיסטעם מיט אירע שטימען אימער נאָר העלפען איינער אָדער דער אנדערער פון די צוויי גרויסע פּארטייען. שטעלט זי ארויס אייגענע קאנדידאטען, ציהען זיי אוועק שטימען פון איינער אָדער פון דער אנדערער פּארטיי, און דורכדעם ווערט ענטשידען די וואל. שטעלט זי גאָר קיין קאנדידאטען ניט ארויס, און אירע וואוטערס בלייבען אין דער היים, איז עס פונקט אזוי, ווי ווען זי גיט אוועק אפען אירע שטימען פאר דעם, אָדער פאר יענעם קאנדידאט. די פּאָליטישענס ווייסען עס גאנץ גענוי. זעהר אָפט נאָמינירען זיי בכיוון „אונאפהענגיקע“ קאנדידאטען, כדי אָפצוציהען וואוטס פון דער געגנערישער פּארטיי. מיינט ניט, אז מיט אן „אונקאמפּראמיסליכער פּארטיי“ קען מען

---

*) אין רוסלאנד רופט מען עס א „טעכנישער אָפמאך“.

קיין ביזנעס ניט מאכען*). ווען די סאָציאַליסטען טוען די טובה אומזיסט, איז פאר די פּאָליטישענס אודאי רעכט.

די אנארכיסטען וועלען דערפון אפשר שליסען, אז עס איז גלייכער גאר ניט צו וואוטען, בלייבט מען ווייניקסטענס ריין. נו, איז דאס אויך גאר קיין באווארענעס ניט. אין דעלאווער האבען די „הילערס" פון דעם רעפּובּליקאנער קארופּטען פּאָליטישען אדיקס געצאָלט געלט דעמאקראטישע פארמערס, ניט זיי זאָלען שטימען פאר די רעפּובּליקאנער קאנדידאטען, א ניין, נאר זיי זאָלען ביי דער וואל בלייבען זיצען אין דער היים.

אלזא, שטימט יע, שטימט ניט, שטימט פאר א קאפּיטאליסטי־שען קאנדידאט, אדער פאר אייער אייגענעם קאנדידאט, — איר האט נאר א ברירה צווישען א דעמאקראט און א רעפּובּליקאנער, און איינער פון זיי מוז ערוועהלט ווערען. פארקערט, דורך פיוזשאן האט איר יע וואס צו זאָגען אין דער וואל. חוץ דעם, וואס איר קריגט א געוויסע צאָל פון אייערע אייגענע קאנדידאטען, וואס ווע־רען ערוועהלט, האט איר א דעה, ווען די אנדערע פארטיי זאָל ארופשטעלען פון איר זייט אף איר אייגענעם צעטעל.

3.

די ארגומענטען געגען פיוזשאן.

בשעת די סאָציאלדעמאקראטישע פארטיי האט זיך געגרינ־דעט אין דייטשלאנד, האט דער דייטשער פּארלאמענט געהאט זעהר א קנאפּע דעה אין דער געזעצגעבונג, די סאָציאלדעמאקראטישע פארטיי איז געווען א פארטיי פון רעוואָלוציאָן, די פּארלאמענטא־רישע טעטיקייט איז ביי איר געווען ניט מער, ווי א פאָרמע פון פּראָטעסט, א דעמאָנסטראציע. ווען זי האט פּאראייניקט אף אירע קאנדידאטען א האלבען מיליאָן שטימען און האט אויסגעקליבען

*) א ביישפּיל איז די געשיכטע, ווי אַזוי עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דעם סטעיט נעבראַס־קא אין 1900, וואָס איך האָב שוין דערצעהלט אין אַ פריהערען קאַ־פּיטעל.

עטליכע דעפּוטאַטען פאַר דעם רייכסטאַג, איז אַנגענומען געוואָרען דער סאָציאַליסטען־געזעץ, וואָס איז פאַרבליבען אין קראַפט פון 1878 ביז 1890. די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געוואָרען אן אונגעזעצליכע פּאַרטיי. די דייטשע סאָציאַליסטען, וואָס זיינען אויסגעוויזען געוואָרען פון דייטשלאַנד אָדער זיינען געצוואונגען געוואָרען צו עמיגרירען דורך דעם דרוק פון דעם אויסנאַמסגעזעץ, האָבען דאָ געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־פּאַרטיי. זיי האָבען אַריבערגעבראַכט אַהער דעם דאָגמאַט, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טאָר קיין מגע־ומשא ניט האָבען מיט קיין אַנדער פּאַרטיי. מיט דעם וואוקס פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז דיזע טאַקטיק אויפגעגעבען געוואָרען אין דייטשלאַנד. אויך אין אַנדערע לענדער — אין פראַנקרייך, בעלגיע, אין איטאַליע, אין דער שווייץ — זיינען סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען ערוועהלט געוואָרען פאַר דעם פּאַרלאַמענט דורך אָפּמאַכען מיט אַנדערע פּאַרטייען. אין שוועדען איז דער ערסטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט צום ריקסדאַג, יאַלמאַר בראַנטינג, ערוועהלט געוואָרען אַף אַ פיוזשאָן־טיקעט מיט בורזשואַזנע קאַנדידאַטען. נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטען איז פיוזשאַן נאָך ביז דעם היינטיקען טאָג אונטער אַ חרם אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. וואָס איז דער תרוץ דערפון?

אַף דעם זיינען פאַראַן אַלערליי תרוצים:

אַ סאָציאַליסטישע באַגרינדונג פון דעם חרם האָט אַמאָל געגעבען מר. פייגענבוים אין דעם „פאָרווערטס“. קורץ גערעדט, מיינט ער אַזוי, דער קאַמפּף פאַר דעם סאָציאַליזם איז אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף פון דעם אַרבייטער קלאַס געגען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. עס איז די אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטען צו וועקען דעם קלאַסען־באַוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט, צו געבען עס צו פאַרשטעהן, אַז שלום צווישען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דעם אַרבייטער קלאַס איז אונמעגליך. יעדער קאָמפּראָמיס מיט קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען דאַגעגען שוואַכט אָפּ ביי די אַרבייטער דעם באַוואוסטזיין פון דעם געגענזאַץ צווישען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דעם אַרבייטער קלאַס.

דאָס איז דער עיקר פון דער פראַגע. אויב דער סאָציאַליזם קען ניט אַנדערש קומען ווי דורך אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט

שטירצען די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און איבערגעבען די פּאָ־ליטישע מאַכט אין די הענט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט זיך דעמאָלט נעמען איינפי־רען דעם סאָציאַליזם, דאַן איז פיינענבוים גערעכט. די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטען ווייזט אָבער, אַז דער סאָציאַליזם וועט אויף דעם אופן ניט איינגעפירט ווערען. פון דעם קאַפּיטאַליזם וועט זיך שריט ביי שריט ענטוויקלען אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער אַלע וויכטיקע געשעפטען וועלען זיך געפינען אין די הענט פון דעם דעמאָקראַטישען שטאַט. אויב דער סאָציאַליזם וועט ניט קומען מיט איין קלאַפּ, נאָר ביסלאַכווייס, האָט דאָך קיין זין ניט אָפּצולעגען די נויטיקע רעפאָרמען ביז משיח'ס צייטען: מ' מוז נעמען היינט, וואָס מ' קען קריגען היינט.

אין אַנאַנדער אַרטיקעל האָט דערזעלבער שרייבער געגעבען אויף די שאלה אַ פּראַקטישע תשובה:

„עס איז ניט צוליב אַ מין פאַנאַטישע בטלן'ישע אָפּגעהיט־קייט, ווי די איבערטריבענע חסדות פון דעם בטלן דעם פרומאַק", נאָר אויס אַ פּראַקטישען גרונט.

וואָס־זשע איז דער „פּראַקטישער" גרונט?

„די וואָוטערס, וואָס ווענדען זיך ענדלאַך צו אונדז, טוען דאָס אויס פּאַראַכטונג צו די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, און ווען מיר אַליין וועלען מיט דיעזע פּאַרטייען קאָמפּראָמיסעווען אויף אַזאַ אופן, וועלען אונזערע וואָוטערס אונדז גראַדע אַזוי פאַראַכטען".

וואָסזשע הייסט דאָס? אַז ביי אונדז וואָלט מען שוין אפשר געפּועלט אַ קאָמפּראָמיס מיט אַנדערע פּאַרטייען, ווען עס וואָלט זיך געלוינט, אָבער „די סאָציאַליסטישע וואָוטערס" פאַראַכטען אַזוי יענע פּאַרטייען, אַז לאָמיר נאָר פּרוּוון אַ קאָמפּראָמיס, וועלען זיי אונדז אויך פאַראַכטען. מיט אַנדערע ווערטער „מיר" אַליין זיינען פריי פון דער „בטלן'שער אָפּגעהיטקייט", „די בטלנים די פרומאַ־קעס" זיינען „זיי" די סאָציאַליסטישע וואָוטערס. וואָס איז די נפקא מינה צי „מיר", צי „זיי"? דער עיקר איז, אַז אויב די פראַגע איז אַ ריין פּראַקטישע, טו וואָס האָט מען דאָ צו „פאַראַכטען" יענעם, וואָס האַנדעלט אונפּראַקטיש? פאַראַכטונג קומט אימער פון מאָ־

ראַלישע גרינדע. אָבער געה טענה מיט בטלנים און פרומאקעס! די סאָציאַליסטישע וואוטערס פאַראַכטען אַזוי יעדען קאָמפּראָמיס מיט אַנדערע פּאַרטייען, פאַרזיכערט אונדז מר. פייגענבוים, אַז „מיר וועלען גאָר ניט קענען ליפערען די סחורה, וואָס מיר וועלען ביי דעם קאָמפּראָמיס פאַרשאַכערען, און מיר וועלען אַלעס פאַרלי־רען“.

מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז אַלע וואוטערס שטימען שוין אימער סטרייט פאַר דעם סאָציאַליסטישען טיקעט. אָבער אַקטיווע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבען זיך שטענ־דיק באַקלאָגט, אַז „די רעפאָרם־באַוועגונגען זיינען אַ צרה און אַ שטערונג צו וואַקסען פון סאָציאַליזם *) — דאָס מיינט: אַ שטערונג צום וואַקסען פון דעם וואוט פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָס־זשע באַדייט דאָס? אַז ווען עס ווערט אַ רעפאָרם־באַוועגונג, פאַלען אָפּ וואוטס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. עס זיינען פאַראַן אַ סך וואוטערס, וואָס זיינען גרייט צו שטימען פאַר דעם סאָציאַליסטישען פּרינציפּ, צו גלייכער צייט נעמען זיי אָן אינטערעס אין דעם טאָגטעגליכען פּאָליטישען לעבען אויך. עס איז פאַר זיי גאָר ניט אַלץ איינס, ווער עס וועט זיין גאָווערנאָר אָדער מעיאָר. צוליב דעם פּרינציפּ וועלען זיי וואוטען פאַר דעם גאַנצען סאָציאַליסטישען טיקעט, אָבער וואו זייער וואוט קען באַ־שטימען דעם אויסגאַנג פון דער וואַל, וועלען זיי ניט „אַוועקוואַר־פען זייער וואוט“, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט. דאָס ווייזט, אַז אַ טייל פון די סאָציאַליסטישע וואוטערס וואָלטען גאָרנישט ניט גע־האַט דאַגעגען, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָלט געמאַכט „פיוזשאָן“ מיט די רעפאָרמערס.

אַ גוטער ביישפּיל איז די וואַל פאַר מעיאָר אין שיקאַגאָ אין 1905. די „אישו“ איז אין יענעם קאַמפּעין געווען „מיוניסיפּאַל אונערשיפּ“: עס איז אָנגעגאַנגען אַן אַגיטאַציע, אַז די שטאָט זאָל איבערנעמען די עלעקטרישע באַנען. דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דזשאָרזש דאַן איז געשטאַנען פאַר די דאָזיקע פאָדערונג. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגע־שטעלט אַן אייגענעם קאַנדידאַט פאַר מעיאָר. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? אין נאָוועמבער 1904 האָט דעבס, דער סאָציאַליסטי־

*) דאָס זיינען מר. סלאָבאָדין'ס ווערטער.

שער קאנדידאט פאר פרעזידענט, געצויגען 45,000 שטימען אין שיקאגא. מיט פינף מאנאט שפעטער, ביי דער וואל פאר מעיאר, האט דער סאציאליסטישער קאנדידאט געקראגען סך 20,000 שטימען. ווען די סאציאליסטישע פארטיי פון שיקאגא וואלט אינדאסירט דאנען, וואלטען די אלע סאציאליסטישע וואוטערס, וואס האבען געשטימט פאר עם, פארבליבען ביי דער סאציאליסטישער פארטיי.

מ'זאגט זיך אוועק, אז די „וואוטערס ווילען ניט ווערען פארשאכערט". ווען אבער א פארטיי געפינט פאר ניצליך צו אונטערשטיצען די קאנדידאטען פון אנאנדער פארטיי און ערקלערט די אורזאכע פאר אירע גענאסען און פריינט, פאר וואס זאל עס הייסען „פארשאכערען"?

לאמיר נעמען א ביישפיל פון פראנקרייך. בשעת די וואל איז געווען צווישען לובע, דעם קליינבירגערליכען קאנדידאט פאר פרעזידענט און מעלינ'ען, דעם קאנדידאט פון דער מיליטאריסטישער באנדע, האבען די סאציאליסטען געהאט א פאר צענדליק שטימען אין דער וואל-פארזאמלונג*). זיי וואלטען געקענט אופשטעלען אן אייגענעם קאנדידאט; דורך דעם וואלט די אנטי-דרייפוסיסטישע קליקע ערוועהלט א פרעזידענט. אבער די סאציאליסטען פון אלע פראקציעס, די ארטאדאקסישע (די געדיכטען) אויך האבען האבען געשטימט פאר ליבע. וועט מען זאגען, אז ווען די דעפוטאטען, וואס די סאציאליסטישע וואוטערס האבען ערוועהלט, שטימען פאר א קאפיטאליסטישען קאנדידאט, איז ער כשר; ווען אבער זיי לאזען די וואוטערס אליין שטימען פאר דעמזעלביקען קאנדידאט וועלען די וואוטערס דערפאר זיי פאראכטען? עפעס מאדנע מענטשען מוזען זיין די וואוטערס. נאטירליך, ווען פיוזשאן ווערט ערקלערט פאר א „פערראטה" געגען דעם סאציאליזם, וועלען א טייל פון די וואוטערס פארדאמען די פארטיי, וועלכע וועט מאכען אזא שריט. אבער ווען די פארטיי זאל ענדערען איר טאקטיק אין דעם פונקט, וועלען די סאציאליסטישע שטימגעבער אנעמען די נייע וואל-טאקטיק. דער סקארבאווער ארגומענט געגען פיוזשאן איז די ביטערע מפלה פון דער פאפוליסטישער פארטיי, וועלכע איז צו

*) אין פראנקרייך ווערט דער פרעזידענט ערוועהלט אין א פאראייניקטער פארזאמלונג פון ביידע קאמערען פון פארלאמענט.

גרונד געגאנגען דורך פיוזשאָן. דאָס איז אָבער זעהר אַן אבער־פלעכליכער ארגומענט. מ'פארגעסט ערסטענס, אז אלע וויכטיקע פראקטישע פאָדערונגען פון דער פלאטפאָרמע פון די פּאָפּוליסטען זיינען אריין אין די פלאטפאָרמע פון דער דעמאָקראטישער פּאר־טיי. פאר דעם פּאָפּוליסטישען וואוטער, וועלכער איז אליין ניט געווען קיין פּאָליטישען, איז געווען אלץ איינס, ווער עס וועט ער־וועהלט ווערען אף יענער פלאטפאָרמע, א דעמאָקראטישער צו אַ פּאָפּוליסטישער פּאָליטישען, און אגב האָט ער געהאט די מעגלאכ־קייט צו וואוטען פאר זיין געליבטען פּאָפּוליסטישען פּאָליטישען אפ'ן דעמאָקראטישען טיקעט. די פּאָפּוליסטישע אָרגאניזאציע איז פארשוואונדען, אבער אף וואס האָט מען זי געדארפט, ווען אַ שטארקערע פּארטיי, די דעמאָקראטישע, האָט זיך אונטערגענומען אויסצופירען דעמזעלביקען צוועק?

ווען מ'נעמט די זאך, ווי די זילבערלייט האָבען זי באטראכט, האָט זייער פּאָדערונג אין 1894 געהאט נאָהענט פון 1,500,000 וואוטס און אין 1896 האָט זי געקראָגען 6,500,000. די מאָגערע בהמה האָט פארשלונגען די פעטע*).

פון דער אנדערער זייט האָבען מיר שוין געזעהען סאָציאליס־טישע מעיארס און סאָציאליסטישע געזעצגעבער אין דעם סטעיט מאסאטשוסעטס, וואָס זיינען אלע ערוועהלט געוואָרען אף אונקאָמ־פּראָמיסליכע טיקעטס. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען? אז די סאָציאליסטישע פּארטיי פון מאסאטשוסעטס, מיט וועלכער מען האָט אזוי שטאָלצירט אין די ערסטע יאָרען, איז אראָפּ פון דער פּאָליטישער סצענע גראד אין דער צייט, ווען די צאָל סאָציאליס־

---

*) נאַטירליך, די סאָציאליסטיש געזאָנענע פּאָפּוליסטען, וועלכע האָבען באלאנגט צו דער פּאָפּוליסטישער פּארטיי ניט צוליב פּריוזילבער, נאָר טראָץ פּריוזילבער, וועלכע האָבען באנוצט די פּאָפּוליסטישע פּאר־טיי אַלס פעלד פאר סאָציאליסטישע פּראָפּאגאנדע — זת האָבען די פּאָ־ליסטישע ארטיי פארלאָרען, וען זי האָט זיך פאראייניקט מיט דער דע־מאָקראטישער. אָבער די אָפּוליסטישע פּארטיי איז דאָך ניט געווען אָר־גאָניזירט פאר דעם צוועק פון סאָצאוליסטישע פּראָפּאגאנדע.

טישע שטימען איבער'ן גאנצען לאנד איז געוואקסען*).

יאָר:		שטימען:
1903	— — — —	25,251
1902	— — — —	39,708
1904	— — — —	15,963
1905	— — — —	12,874
1906	— — — —	20,699
1907	— — — —	10,620
1908	— — — —	11,799
1909	— — — —	10,137
1910	— — — —	11,396
1911	— — — —	13,355
1912	— — — —	13,718
1913	— — — —	10,957
1914	— — — —	11,725

ווי זשע איז דאָס געקומען, אַז אין דער סאָציאַליסטישער פעסטונג הייווערילל, וואו מ'האָט עטלאכע יאָר נאָכאַנאַנד ערוועהלט א סאָציאַליסטישען מעיאר, וואו מ'האָט פיל מאָל ערוועהלט סאָציאַליסטישע קאנדידאטען פאר אלערליי עמטער, איז דער ערסטער פירער פון די מאסאטשוסעטסער סאָציאַליסטען, דזשעימז קערי, נאָך איין טערמין אלס פרעזידענט פון דעם שטאָטראַט און פינף טערמינען אין דעם פאַרלאַמענט פון דעם סטעיט מאסאטשוסעטס, געשלאָגען געוואָרען**).

---

*) עס איז ציעקאווע איבערצוקוקען איצטער די תירוצים, מיט וועלכע די סאָציאַליסטישע פרעסע האָט ערקלערט קערי'ס נידערלאַגע אין 1903. מ'האָט זיך געטרויסט דערמיט, אַז אַמאָל געווינט מען, אַמאָל פארשפּילט מען. אין דייטשלאַנד, האָט מען געשריבען, טרעפט זיך אויך, אַז די פּארטיי פארלירט, גאָר אַזוי ווי אין אָקע: אַמאָל געהט די קאָרט ניט, כאָטש טו, וואָס דו ווילסט!

**) אָט איז די צאָל שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען אין מאסאטשוסעטס זינט 1902 — פאר ביידע סאָציאַליסטישע פּארטייען, צוזאמענגעשטעלט פון דעם אלמאנאך פון דער „וואירלד“:

צו ענטפערען אף די פראגע, מוז מען באטראכטען, וואס די סאציאליסטישע שטאט־בעלי־בתים און געזעצגעבער האבען אופגעטאן פאר דעם ארבייטער־קלאס. די סאציאלע רעוואלוציע האבען זיי דארטען ניט געמאכט, זיי האבען זיך געסטארעט צו טאן גוטעס פאר די ארבייטער, ווי ווייט עס איז מעגלאך היינט צו טאג אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, אבער דאס קען א פראסטער אר־

ווייטער האט מען געזאגט, אז די רעפובליקאנער האבען געשאטען מיט געלט, כדי נאר צו שלאגען קערי'ן, און די דעמאקראטען האבען מיט זיי געמאכט יד אחת. עס האט שוין אבער פריהער פאסירט אין העיווערל, אז די אייזענבאן קאמפאניע האט געשאטען מיט געלט צו שלאגען די סאציאליסטען, פונדעסטוועגען זיינען די וואוטערס געבליבען טריי צו די סאציאליסטען. ווען טשיים איז געלאפען דעם צווייטען מאל פאר מעיאר, האבען זיך די רעפובליקאנער פארבונדען מיט די דעמאקראטען און אופגעשטעלט צוזאמען איין קאנדידאט, און די ס. ל. פ. האט זיי אויך אונטערגעהאלפען און א זייט מיט איר אונאפהענגיקען קאנדידאט. די וואוטערס אבער זיינען געשטאנען ביי טשייסען און עס געגעבען א מאיאריטעט איבער אלע אנדערע קאנדידאטען.

אנאנדער תירוץ איז געווען, אז די קאפיטאליסטען האבען געגרינדעט אין העיווערל א צייטונג, אין וועלכער געוועזענע מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער פארטיי הערבערט קעסאן און גארדאן האבען געשריבען געגען די סאציאליסטישע קאנדידאטען, און די רענעגאטען פון דער ס. ל. פ. מיסיס מארטהא מור אייווערי מיט גאלדשטיינען זיינען געדונגען געווארען פון די קאפיטאליסטען צו זאגען רכילות אף די סאציאליסטען. און ווייל עס איז באקאנט געווען, אז זיי זיינען אליין פריהער געווען סאציאליסטען, טו האט מען זיי געגלויבט און דערפאר האט מען געשטימט געגען די סאציאליסטען. איר פארשטעהט, אין אמעריקע, וואו מ'איז געוואוינט, אז ביי די וואלען גיסט איין פארטיי אף די אנדערע גאנצע פאמויניצעס, וועט מען שטארק דאגה'ען, וואס אימיצער דערצעהלט מעשיות וועגען א פוינדליכע פארטיי אדער וועגען א פוינדליכען קאנדידאט, ווען די פארטיי האט זיך געמאכט פאפולער ביי די וואוטערס! א קאנדידאט, וואס איז פינף יאר נאכאנאנד געווען אין דער לעדזשיסלעיטשור, האט שוין א רעקארד, אף וועלכען ער קען לויפען, און האט ניט וואס מורא צו האבען, וואס אלטע ווייבער וועלען וועגען עם דערצעהלען.

בייטער־מעיאָר אויף פּונקט אַזוי גוט טאָן. אויב דאָס הייסט סאָ־ציאַליזם, טו איז מעיאָר מאַקקארטי, פון סאַן־פראַנציסקאָ, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אַף דעם צעטעל פון דער יוניאָן־לעיבאָר פּאַר־טיי, אויך געווען א סאָציאַליסט, הגם ער האָט גאָר ניט פּרעטענ־דירט צו זיין א סאָציאַליסט. אויב דאָס איז ניט סאָציאַליזם, טו איז ביי די סאָציאַליסטישע מעיארס דער סאָציאַליזם אויך געווען ניט מער, ווי א מין מחזור אַף ימים נוראים. עס איז די סאָציאַליסטישע געזעצגעבער געלונגען אין פאַרשידענע אַנגעלעגענהייטען צו צווינ־גען די לעדזשיסלייטשור צו שטימען פאַר זייערע פאַרשלעגע. אבער ווען א דעמאָקראַטישער אָדער א רעפּובליקאַנער געזעצגעבער שטימט פאַר אַן ארבייטער־פאַרשלאַג, טו זוכט ער קרעדיט דער־פאַר ביי זיינע וואָוטערס פּונקט אַזוי ווי דער סאָציאַליסטישער פאַרטרעטער. און דער וואָוטער קלערט זיך ביי זיך, אַז דער דע־מאָקראַט אָדער דער רעפּובליקאַנער איז אויך אַן ארבייטער פריינד. פאַר וואָס־זשע זאָל ער דוקא שטימען פאַר דעם סאָציאַליס־טישען קאַנדידאַט? יעדען מאָל, ווען א סאָציאַליסטישער געזעץ־געבער מאַכט א פאַרשלאַג פון א געזעץ, וואָס איז גוט פאַר די אַר־בייטער, האָט דער פּאָליטישען א געלעגענהייט דורך דעם צו כאַפּען ארבייטער־וואָוטס. וואָס־זשע העלפט דאָ די „אונקאָמפּראָמיסליכ־קייט?".

4.

אַרבייטער־געזעצגעבונג און די אַלטע פּאַרטייען.

די סאָציאַליסטען זיינען געווען די ערסטע אין אַמעריקע, וואָס האָבען געשטעלט א פּראָגראַם פון ארבייטער־געזעצען. זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט ערפאָלג ביי די מאַסען אַף אַזוי פיל, אַז מיליאָנען מענטשען האָבען איינגעזעהן די נויטווענדי־קייט פון די דאָזיקע ארבייטער־פאָדערונגען. דער בעסטער באַ־ווייז זיינען די 4,000,000 וואָוטס, וואָס זיינען אָפּגעגעבען גע־וואָרען פאַר די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי אין 1912. ווען איר לעזט די פּלאַטפאָרמע פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, זעהט איר, אַז יע־דע פון אירע ארבייטער־פאָדערונגען און פילע פון אירע

פאָליטישע פאָדערונגען זיינען גענומען פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע. אין איירָאפּע, ווען די ארבייטער־מאַסען זיינען גע־וואונען געוואָרען פאר דעם „פּראָגראַם־מינימום" פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּארטיי, האָבען זיי געשיקט פארטרעטער פון די סאָ־ציאַליסטישע פּארטייען אין פּאַרלאַמענט, זיי זאָלען דורכפירען יענע פאָדערונגען. דאָ אין אמעריקע איז אָבער געגאַנגען אַנדערש. די ארבייטער האָבען געשטימט פאר די סאָציאַליסטישע קאַנדי־דאַטען דאָרטען, וואו די סאָציאַליסטישע פּארטיי איז אויסגעוואַק־סען שטארק גענוג צו ערוועהלען אירע קאַנדידאַטען. אָבער מערס־טענס האָבען זיי אונטערשטיצט אַלערליי רעפאָרם־באַוועגונגען, וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט דאָרטען וואו די סאָציאַליסטישע אידעען זיינען געוואָרען פּאָפּולער ביי די מאַסען. עס איז אַ מערק־ווירדיקער פּאַראַדאָקס: ווערט דער סאָציאַליזם פּאָפּולער, פארלירען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען וואוטס.

אין דייטשלאַנד, וואו עס זיינען פאַראַן שטיכוואַלען, האָבען די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען געקענט ציהען דעם פולען וואוט פון זייערע גענאָסען און פריינט ביי דער ערסטער וואַל, און ביי דער שטיכוואַל פלעגט מען מאַכען „קוההאַנדעל"*) מיט אַנדערע פּארטייען און דורכפיהרען אַף דעם אופן אייגענע קאַנדידאַטען. ביי דעם נעקסטען פּארטיי־טאָג פלעגט מען אַננעמען אַ רעזאָלוציע, אַז מ'זאָל עס למען השם נאָך אַמאָל ניט טאָן.

דאָ אין אמעריקע אָבער האָט מען שטענדיק מורא פאר שעטנז. מ'האָט אויסגערעכענט, אַז לויט דער צאָל וואוטס, איז די סאָציאַ־ליסטישע פּארטיי בארעכטיקט געווען צו שיקען מער ווי 20 פאר־טרעטער אין קאָנגרעס אַנשטאָט איינעם, דער אמעריקאַנער וואַל־סיסטעם אָבער אנערקענט ניט דאָס רעכט פון אַ מינאָריטעט אויך צו זיין פארטראָטען אין די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען. דער איינציקער וועג פאר אַ מינאָריטעט צו קריגען פאר זיך אַ שטימע, איז צו פאַראייניקען זיך מיט אַנאַנדער מינאָריטעט ביי די וואַלען. דאָס אָבער האָט די אמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּארטיי שטענ־דיק פאַרדאַמט, און דעריבער האָט זי געהאַט אַ קנאַפּע געלעגענהייט צו ערוועהלען אירע קאַנדידאַטען פאר די

*) דאָס איז דעם אַלטען ליבקנעכט'ס אַ ווערטעל.

לעדזשיםלעיטשורם און פאר דעם קאָנגרעס. דער דורכ־שניטליכער וואוטער האָט בעסער געשטימט פאר אזא קאַנדי־דאַט, וואס האָט עס צוגעזאָגט וועניקער איידער די סאָציאַליסטען, אָבער האָט געהאַט אַן אויסזיכט ערוועהלט צו ווערען און האלטען וואָרט.

לעזענדיק די סאָציאַליסטישע פּרעסע, קען מען דענקען, אַז עס איז ניטאַ אין די פאראייניקטע שטאַטען קיין איינציקער געזעץ לטובת די ארבייטער; ווען נאָר מ'ברייינגט אריין אַ פּראָיעקט פון אַן ארבייטער־געזעץ, פאַלט ער דורך; און ווען עס געלינגט שוין יע אמאָל דורכצופירען אַן ארבייטער־געזעץ, איז דאָס ניט מער ווי אַ בלאָף, דאָס איז אָבער נאָר אַ האַלבער אמת.

עס ליגען פאר מיר אפ'ן טיש עטלאכע ספרים מיט ארבייטער־געזעצען, וואָס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אין פארשידענע צייטען אין די פאראייניקטע שטאַטען. עס זיינען צווישען זיי פאראַן אַזעלכע, וואָס זיינען ניט מער ווי אַ בלאָף, עס זיינען פאראַן אָבער אַ סך, וואָס זיינען וויכטיק, און אַזוינע וואָס מ'פאָלגט טאַקע, אַ חוץ דעם זיינען נאָך פאראַן אַלגעמיינע געזעצען וואָס זיינען וויכטיק פאר'ן גאַנצען פאָלק און וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרען, וואָרים די ארבייטער האָבען זיי ערנסט געפאָדערט. איך וועל דערמאָנען נאָר אַ פּאָר, איין געזעץ איז דאָס געהיימע שטימרעכט, דאָס איז ניט פון אַנהויב אַן אַזוי געווען אין אמעריקע. עס איז איינ־געפירט געוואָרען צום ערסטען מאָל אין מאַסאַטשוסעטס אין 1888, און שפּעטער האָט מען דעם זעלבען געזעץ אָנגענומען אין אַנדערע סטעיטס, אַז דאָס איז זעהר וויכטיק פאר די ארבייטער, ווערט אנערקענט פון די סאָציאַליסטען אויך.

ווער האָט איינגעפירט דעם געזעץ? אַ סאָציאַליסטישע פּאר־טיי, וואָס האָט עראָבערט די פּאָליטישע מאַכט? עפּעס אַן ארביי־טער־פּארטיי? ניין, דער געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען פון רע־פּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פּאָליטישענס. פאר וואָס? וואָ־רים די ארבייטער האָבען ערנסט געפאָדערט, דער געזעץ זאָל איינ־געפירט ווערען, און די פּאָליטישענס האָבען געוואוסט, אַז די אר־בייטער מיינען עס ערנסט. ווער איר זאָגען, אַז דער געזעץ ווערט ניט דורכגעפירט?

אן אנדער ביישפּיל איז דער געזעץ געגען קינדער־אַרבייט. אין ניו־יאָרק, אין באָסטאָן, אין שיקאַגאָ אַרבייטען קיין קליינע קינ־דער אין די פאַבריקען נים. עס טרעפט זיך אַמאָל אַ פאַבריקאַנט איז עובר דעם געזעץ, אָבער אַזעלכע זאַכען זיינען פאַרט אויסנאַ־מען, און מ׳מוז זיך מיט זיי באַהאַלטען. עס איז ניטאָ קיין געזעץ, וואָס אימיצער זאָל ניט ברעכען, אפילו ווען דער געזעץ איז גע־מאַכט געוואָרען צוליב דעם קאַפּיטאַליסט׳ס תכלית. דער געזעץ האָט אַרופגעלעגט אַף אויסלענדישע וואָרען הויכע איינפורם־צאָ־לען. עס איז אָבער פאַראַן קאָנטראַבאַנד, הייסט דאָס, אַז דער געזעץ איז אַ בלאָף?

ווער האָט איינגעפירט אין ניו־יאָרק דעם געזעץ געגען קינדער־אַרבייט? אפשר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דורך אירע פאַרטרע־טער אין אָלבאַני? איז דאָס אפשר ניט וויכטיק פאַר דעם אַרביי־טער קלאַס?

פאַר וואָס האָבען די פּאָליטישענס געמאַכט דעם געזעץ? וואָ־רים עס זיינען פאַראַן אַ סך אַרבייטער אין ניו־יאָרק וואָס האָבען וואוטס, און די פּאָליטישענס האָבען געוואוסט, אַז די אַרבייטער ווילען עס און מיינען עס טאַקע ערנסט. ווער האָט געאַרבייט, אַז די געזעצען זאָלען אָנגענומען ווערען? די רעפאָרמערס און די קאָנ־סערוואַטיווע טרעיד־יוניאָניסטען. זיי האָבען ניט געוואַרט ביז וואָ־נען די אַרבייטער וועלען ערוועהלען סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. זיי זיינען געגאַנגען צו די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע פּאָ־ליטישענס און האָבען געפאָדערט די געזעצע, וואָס זיינען נויטיק פאַר דעם שוץ פון די אַרבייטער. און די רעפאָרמערס מיט די קאָנ־סערוואַטיווע יוניאָן־לידערס קענען אָנווייזען אַף די געזעצע, אַלס עדות, אַז עס לאָזט זיך עפּעס טאָן צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, נאָך איידער זיי וועלען „עראָבערען די פּאָליטישע מאַכט“, איצטער פאַרשטעהט איר, פאַרוואָס די רעפאָרם־באַוועגונ־גען האָבען זיך אַרויסגעוויזען אין די פאַראייניקטע שטאַטען פאַר אַ שטערונג צו דעם וואַקסען פון דעם סאָציאַליסטישען וואוט? צי ניט דערפאַר אפשר, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען נאָר איין תפילה: „לשנה הבא בירושלים“, פון „המוציא לחם מן הארץ“ ווילען זיי אין דער פּראַקטיקע גאָר ניט וויסען?

די דאָזיקע כלומר׳שט „רעוואָלוציאָנערע“ טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי העלפט די פּאָליטישענס פון די אַלטע פּאַרטייען צו באַפעסטיקען זייער איינפלוס איבער די אָרגאַניזירטע אַרבייטער. עס איז כדאי צו הערען וועגען דעם די מיינונג פון דזשעימז מאורער, דעם סאָציאַליסטישען אסעמבלימאַן פון פּענסילוועניא און דעם פּרעזידענט פון דער סטעיט פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר פון פּענסילוועניא. אָט וואָס ער זאָגט אין אַן אַרטיקעל, וועלכער איז ערשינען אין „ניו־יאָרק קאָלל“ אין זומער 1915:

„אַ יונגערמאַן, וואָס זוכט כבוד טרעט אריין אין די יוניאָן, בעזוכט רעגעלמעסיג אירע מיטינגען, טוט ארבייט אין קאָמיטעס, קען האַלטען אַ גוטע רעדע, פון צייט צו צייט פאַרנעמט ער פאַרשידענע עמטער אין דער יוניאָן, ער ווערט באַקאַנט פּערזענליך מיט יעדען מיטגליד, און ערקלערט זיך פאַר אַ קאַנדידאַט פאַר ערגעץ אַ פּאָליטישען אַמט. די מיטגלידערשאַפט קען עם פאַר אַ גוטען, ערלאַכען און זעהר אַ טעטיגען יוניאָן־מאַן. ער האָט גוטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען, ווען מיט אמאָל קומען די סאָציאַליסטען מיט זייער קאַנדידאַט, וואָס לויפט פאַר דעמזעלבען אַמט. דער יוניאָן קאַנדידאַט איז נאָמינירט געוואָרען אַף דעם טיקעט פון דער שטאַרקסטער פּאַרטיי אין דעם דיסטריקט. דער קאַנדידאַט פון דער צווייטער פּאַרטיי איז אַ קאָרפּאָרעישאַן מאַן, און אויב עס וואָלטען געשטאַנען איינער געגען דעם אנדערען נאָר די צוויי קאַנדידאַטען, וואָלט ער געהאַט אַ קנאַפּען שאַנס עלעקטעט צו ווערען. דער קאַמפּעין ווערט וואַרעמער. געוועהנלאַך פירען די סאָציאַליסטען דעם טעטיגסטען קאַמפּעין. דאָס טוט אונדז טאַקע כבוד, אָבער אנשטאָט צו אַטאַקירען דעם קאַפּיטאַליזם, פאַלען זיי אָן אַף דעם שטאַרקסטען קאַנדידאַט, און דאָס איז דער יוניאָן־מאַן. דער ניט סאָציאַליסטישער ארבייטער ווייס זעהר וועניג אָדער גאָרנישט פון אונדזער פילאָסאָפיע. מען האָט עם געלערנט צו וואוטען פאַר אַ גוטען מאַן, אַף גאָמפּערסעס לשון: זיי דאַנקבאָר צו דיינע פריינט און באַשטראָף דיינע שונאים. עס זיינען אויך פאַרבונדען מיט די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, געוויסע אַקטיווע ארבייטער, וואָס זיינען נאָהענט צום סאָציאַליזם און האָבען ביי די פריהערדיקע וואַלען געוואוט פאַר געוויסע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. זיי זעהען אַז אויסזיכט צו ערוועהלען דעם יוניאָן־מאַן, אויב די סאָציאַליסטען וועלען זיי ניט שטערען, וואָרים כמעט יעדער וואָר־

טער, וואָס די סאָציאַליסטען קענען איינרעדען, ער זאָל וואוטען פאַר זייער קאַנדידאַט, איז פאַרלאָרען פאַר דעם יוניאָן־מאַן קאַנ־דידאַט. אין אַזאַ קאַמפּף ציהען ביידע פון דעם אונאַבהענגיקען אַרבייטער וואוט... די וואָל איז פאַראיבער, די באַלאָטס זיינען געצעהלט געוואָרען. דער יוניאָן־מאַן און דער סאָציאַליסט זיינען ביידע דורכגעפאַלען; דער קאַנדידאַט פון די קאָפּאָרעישאָנס איז ערוועהלט.

„קיינע טענות וועלען ניט איבערצייגען די יוניאָן־לייט, אַז די סאָציאַליסטען האָבען זיך ניט אריינגעמישט אין דעם קאַמפּיין צו שלאָגען דעם אַרבייטער קלאַס און צו ערוועהלען דעם קאָרפּאָרעי־שאָן קאַנדידאַט“.

די סאָציאַליסטישע טענה איז, ווי מאָורער זאָגט, אַז „אַלע קאַפּיטאַליסטישע קאַנדידאַטען האָבען ביי אונדז איין פּנים. מיר בוקען זיך ניט פאַר פּערזאָנען. פאַר אונדז איז דער עיקר דער פּרינציפּ, ניט די פּערזאָן“.

נו, עס איז טאַקיע גאַנץ שעהן וואָס מען קוקט ניט אויף די פּער־זאָן, מ'האָט נאָר אין זינען דעם פּרינציפּ. אָבער מען דרש'ענט דאָך צו דעם אַרבייטער, אַז ער דאַרף וואוטען פאַר אַזעלכע קאַנדידאַ־טען, וואָס וועלען דורכפירען דעם פּרינציפּ אין געזעץ און וועלען אויפּפּאַסען, אַז דער געזעץ זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. דאָס הייסט, אַז דער פּרינציפּ נויטיקט זיך אין דער פּערזאָן, וואָס זאָל עס דורכפיהרען. ווען עס לויפען איינער אַנטקעגען דעם אַנ־דערען אַ געטרייער יוניאָן מאַן און אַ משרת פון קאָרפּאָרעישאָנס, טו ווערט דאָך איינער פון די צוויי פּערזאָנען מוזען ערוועהלט ווע־רען, קומט שוין אויס, אַז דער פּרינציפּ ווערט אויסגעדריקט אין דער פּערזאָן פון דעם קאַנדידאַט.

וואָס דער משל ווייזט, איז אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, זוכענדיק צו באַנוצען זיך מיט יעדען קאַמפּיין צו מאַכען פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר'ן סאָציאַליזם, פּירט גאָר אויס, אַז זי שטויסט אָפּ די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון דעם סאָציאַליזם.

5.

דער חרם געגען פּיוזשאָן.

דער חרם אין דער ס. ל. פּ. געגען יעדען אָפּמאַך מיט אנאַנדער פּאַרטיי איז געווען זעהר שטרענג. די סאָציאַליסטען פּלעגען זאָגען מיט שטאָלץ, אז די סאָציאַליסטישע פּארטייען מאכען ערגעץ קיין קאָמפּראָמיסען ניט, — אזוי איז געשטאַנען אין דעם „פּיפּל“, — און זיי האָבען געגלויבט באמונה שלומה, אז די זיגען פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּארטייען זיינען ערדונגען געוואָרען נאָר דורך אונאָפּהענגיקע אונקאָמפּראָמיסליכע פּאָליטיק. אין דער ס. פּ. איז פון אָנהויב דער דין געגען פּיוזשאן אויך געווען פונקט אזוי שטרענג, ווי אין דער ס. ל. פּ.: פאר פּיוזשאָן האָט געקומט אויסשליסען פון דער פּארטיי.

„אויסשליסען“ איז ווי אין חרם ארייגלעגען. דאָס איז די העכסטע שטראָף, וואָס אַ פּארבאנד אָדער א געזעלשאפט קען ארופלעגען אף אירען אַ מיטגליד. דער אויסגעשלאָסענער ווערט באַטראכט פאר אן עהרלאָזען מענטש. אזא שטראָף ווערט נאָר ארופּגעלעגט פאר אַ שווערען פּארברעכען.

פּארבינדען זיך מיט ערגעץ אנאנדער פּארטיי אָדער רעפאָרםבאוועגונג איז אין יענע צייטען געווען אזוי ווי שמד'ען זיך ביי אידען. דער גייסט פון דער פּארטיי האָט זיך זעהר בולט ארויסגעוויזען אין דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דריי יאָר אין דער פּערזאָן פון איר אָפיציעלען באנער־טרעגער, יודזשין וו. דעבס'ן. ווי איר געדענקט, איז זיין סאָשאל דעמאָקראַסי געגרינדעט געוואָרען אין 1897 דורך א קאָנפערענץ, אף וועלכער עס זיינען פארטראָטען געווען אַלערליי פאָרטשריטליכע אָרגאניזאציעס. די ס. ל. פּ. האָט בשעת מעשה פון דער קאָנפערענץ געמאכט אש און בלאָטע. מיט פיר יאָר שפּעטער איז אזא קאָנפערענץ אָפּגעהאלטען געוואָרען אין דעטראָיט. צווישען יענע, וואָס האָבען זי איינבארופען, זיינען אגב געווען א פּאָר מיטגלידער פון דעבס'עס אייגענער פּארטיי. איצטער איז געקומען פאר דעבסען די צייט צו פּארשפּאָטען און באשמוצען די דעטראָיטער קאָנפערענץ. אָט וואָס ער האָט געשריבען וועגען איר:

„מיר רעכענען יעדען איינעם פאר אונדזערען א געגנער, וועל־כער איז ניט מיט אונדז געגען דעם קאפּיטאַליסטישען קלאס. ספּע־ציעל יענע רעפאָרמערס מיט הינערשע הערצער, וואָס זיינען פאר אַלעמען, הויפּטזעכליך פאר זיך אליין, און געגען קיינעם ניט. איך גלויב, אז די מייסטע פון יענע רעפאָרמערס זיינען עהרלאך און מיינען גוט. אבער איך וויים, אז מאנכע פון זיי, בשום אופן ניט אונבאדייטענדע, זיינען שאַרלאַטאַנעס און שווינדלער. זיי זיינען די פארטרעטער פון די אינטערעסען פון דעם מיטעל־קלאס, און די ביטרע אלטע פּאָליטישענס פון די קאפּיטאַליסטישע פארטייען וויי־סען, ווי צו באַנוצען זיך מיט זייער איינפלוס... זיי זיינען געשלאָ־גען געוואָרען אין דעם קאפּיטאַליסטישען שפּיל דורך בעסערע שפּי־לער. זיי פירען דעם שפּיל צוליב דעם, וואָס זיי קענען מאכען אַן דעם. זיי האָבען זיך אויסגעוויזען פאר א דורכפאַל אלס גלחים, אלס אַדוואָקאטען, אלס פּאָליטישענס און אלס קאפּיטאַליסטען. אין זיי־ער נייער ראָליע פון רעפאָרמערס ערלויבען זיי זיך ניט צו באליי־דיקען די קאפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַטאָרס, ווייל זייער פרנסה הייננט אָפּ פון זייער פאררעטה געגען די עקספּלואַטירטע שקלאַ־פען, וועלכע זיי באַוויינען מיט קראָקאָדילען־טרערען, איך רעספּעק־טיר דעם ערלאכען פארזוך פון יעדען מאַן אָדער פון יעדע גרופּע מענטשען, אפילו ווען זיי זיינען אף א פאַלשען וועג, צו פארבעסע־רען די סאָציאַלע לאגע, אָבער איך האָב קיין געדולד ניט פאר שווינדלער און קוואקס, וואָס טראָגען די מאסקע פון מילדקייט און וואָס אין נאָמען פון ברידערלאכקייט פאררעטען זיי זייערע אָפּפער צו דעם קלאס, וואָס באַרויבט זיי אַן רחמנות. גראד פון דער לעצטער וואַל (פון 1900) זיינען איינציקע פון יענע סאָציאַליס־טען פּלוצלונג ארויסגעקומען מיט א פּעטיציע צו מיר, איך זאָל זיך ענטזאגען פון מיין קאנדידאטור צו גונסטען פון ברייענען. די אראָשיעיטעד פּרעס האָט געקראָגען א וואונק און די פּעטישאַן איז טעלעגראַפירט געוואָרען איבער דעם גאנצען לאנד און איז ער־שינען אין אלע קאפּיטאַליסטישע ציייטונגען. עס איז געווען א קאַ־פּיטאַליסטישער רויבער־קאָמפּלאָט. עס זיינען פארעפּענטליכט גע־וואָרען באריכטען, אז די סאָציאליסטען האָבען זיך אָפּגעקערט פון מיר און וועלען אונטערשטיצען ברייאנען. איך האָב פּרובירט באַ־קאנט צו מאכען דעם אמת, אבער עס האָט ניט געהאָלפען: די טע־לעגראַף־אַגענטור האָט געהאט אירע אָרדערס און די מיאוסע שטיק

האבען געדינט דעם מיזעראבעלען צוועק פון די מאכערס, די רעפּ־טיליען. דיעזער עלעמענט וועט זיין פּראמינענט אין דער קאָנפער־רענץ אין דעטראָיט, און די קאפּיטאליסטישע פּרעסע וועט זיי באַ־האנדלען מיט רעספּעקט"*).

די זידלעריי, די פּערזענליכע אינסינואציעס, ניט אָנרופענ־דיק די נעמען, אבער אזוי, דאָס יעדער קען די פּערזאָנען דערקע־נען; די פארדעכטיקונגען פון די „רעפאָרמערס", אז זיי האָבען זיך פארקויפט צו די קאפּיטאליסטען, דער ליבלינגס־ווערטעל: „פּער־ראטה", דער גאנצער ארטיקעל, — האָבען געקלונגען ווי די אטאקעס, וואָס דעליאָנ'ס „פּיפּל" האָט מיט דריי־פיר יאָר פריהער געמאכט אף דעבס'ן אליין.

די „מאכערס", וואָס האָבען צו עס געשיקט די פּעטיציע, זיינען געווען בלים, א געוועזענער גלח, דער רעדאקטאָר פון דער „ענצי־קלאָפּעדיע פון סאָציאל־רעפאָרם", איינער פון די פּיאָנערען פון בעלאמי'ס „נאציאָנאליסטישער" באוועגונג, — ער ווערט פריהער דערמאָנט אין דעם זעלבען ארטיקעל גופא, — און עלטוויד פּאמ־ראָי, וועלכער איז אין יענער צייט געווען דער פירער פון דער רעפע־רענדום באוועגונג, וואָס פאר א קרימינאל האָבען זיי דאָ באגאנגען? זיי האָבען געגלויבט אין ברייענען און האָבען אופּגעפּאָדערט דעבס'ן ער זאָל טאָן אין 1900, וואָס ער האָט געטאָן אין 1896. דעמאָלט האָט דער „אפּיל טו ריזאָן" א לאנגע צייט פאר דער פּאָפּוליסטישער קאָנווענשאָן אגיטירט פאר דעבס'עס קאנדידאטור פאר פּרעזידענט אף דעם פּאָפּוליסטישען טיקעט. ווען עס איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן, האָבען די סאָציאליסטישע און ראדיקאל־געזאָנענע פּאָפּוליסטען עס געוואָלט נאָמינירען געגען ברייענען, וועלכער איז שוין נאָמינירט געווען פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי, אבער דעבס האָט עס ניט געוואָלט שטעהן אין וועג.

אין 1900 איז די קאמפּעין־אישו (די שטרייט פראגע) צווי־שען די רעפּובליקאנער און די דעמאָקראטען געווען אימפּעריאליזם. היינט פארשטעהן שוין די אמעריקאנער סאָציאליסטען, אז אימ־פּעריאליזם איז א געפאר פאר דעם ארבייטערקלאס. איז דאָס גע־ווען אזא עולה פון בלים'ען, וואָס ער האָט דאָס פארשטאנען אין יע־

*) סאָשיאל דעמאָקראטיק הערald, אפּריל 27, 1901.

נער צייט, ווען דעבס האט גע'דרש'ענט פון דער פלאטפארמע, אז די פראגע וועגען אימפעריאליזם און די פיליפינעס איז א פראגע, אין וועלכער עס זיינען פאראינטערעסירט נאר די קאפיטאליסטען, ניט דער ארבייטערקלאס? עס איז גאנץ קלאר געווען פאר אלעמען, אז ענטוועדער בראיאן, אדער מאק־קינלי מוז ערוועהלט ווערן, און די אנטי־אימפעריאליסטען זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז די פאלקס־אינטערעסען פארלאנגען, אז בראיאן, דער אנטי־אימפעריאליסטישער קאנדידאט זאל ערוועהלט ווערען. זיי האבען מורא געהאט, אז דעבס'עס פערזענליכע פאפולאריטעט קען צוציהען צו עם גענוג פארטשריטליכע וואוטס צו העלפען דעם רעאקציאנערען קאנדידאט מאק־קינלי געווינען ביי דער וואל, — האבען זיי זיך געווענדעט מיט א פעטיציע צו דעבס'ן, ער זאל ניט אננעמען די קאנדידאטור פאר פרעזידענט. מיר האבען געזעהען, אז אין פראנקרייך האבען אלע פראקציעס פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין אן ענלאכען פאל געהאנדעלט פונקט אזוי, ווי די אמעריקאנער רעפארמערס האבען געפאדערט פון דעבס'ן, — זיי האבען געשטימט פאר דעם קאנדידאט פון דעם מיטעלקלאס לובע געגען דעם מיליטאריסטישען קאנדידאט פאר פרעזידענט — מעלינ'ען. מיט וואסזשע האבען זיך די אמעריקאנער רעפארמערס פארזינדיקט, מ'זאל זיי חושד זיין, אז זיי האבען זיך פארקויפט?

די מעשה מיט דער אסאשיעיטעד פרעס איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאזענע איי, דעבס האט דערמיט געמיינט, אז בריאנ'ס „מאכערס" זיינען געווען יד אחת מיט דער אסאשיעיטעד פרעס, וואס א קינד נאר וויים ניט, אז זי איז א רעפובליקאנער פרעס־אגענטור. זייט רוהיג, ווען דער פאלשער קלאנג, אז די סאציאליסטען האלטען פאר ברייענען, וואלט געווען פאר עם א טובה, וואלטען שוין די רעפובליקאנער בעלי־בתים פון דער אסאשיעיטעד פרעס געזעהן, אז דעבס'ס באריכטיקונג זאל אריין אין אלע דעפעשען. והא ראיה, אז אין דעמזעלבען קאמפעין האבען די רעפובליקאנער געגעבען די געלט פאר דעבס'ס קאמפעין אין נעבראסקא. בלייבט, אז די רעפארמערס זיינען דערפאר „שווינדלער", וואס זיי זיינען די „פארטרעטער פון די אינטערעסען פון דעם מיטעלקלאס". הייסט, ווען זיי זיינען די פארטרעטער פון דעם מיטעלקלאס, ווען זיי האבען אפילו מורא צו זידלען די קאפיטאליסטען (וואס זידלעריי איז דאך אזוי וואלוועל אין אמעריקע), טו ווע־

מעז־זשע נארעז זיי, און ווי אזוי זיינען זיי „פאררעטער“? א פאר־ רעטער איז איינער, וואָס לויפט איבער אין דעם געגנערשען לאגער. אָבער ווען באנקראָטירטע גלחים, אדוואקאטען, קאפּיטאַליסטען און פּאָליטישענס האלטען פאר דעם קאפּיטאַליסטישען קלאס, טו וואו איז דאָ דער „פאררעט“?

6.

פארברעכענס געגען דעם פארבאָט פון פיוזשאַן.

דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג האָט דאָ אויך געבראכט צו אַ קאָנפליקט צווישען דער פּאַרטיי־פרומקייט און די פאָדערונגען פון דעם פּראַקטישען פּאָליטישען לעבען. דאָ און דאָרטען האָט מען אָנגעהויבען עובר צו זיין דעם פּאַרטיי־דין.

אין 1901 איז אין האָבאָקען איינשטימיק ערוועהלט געוואָרען אַ סאָציאַליסטישער זשאסטיס אָוו דהי פּיס מר. אייכמאַן, דעם ערס־טען מאָל האָט עס אָנגעשטעלט דער גובערנאַטאָר אַף אַ וואַ־קאַנטען פּלאַץ, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען זיין טערמין איז ער אזוי באליבט געוואָרען פון אלע איינוואוינער, אז ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט עם אופגעשטעלט פאר אַ קאנדידאַט, האָבען אי די דעמאָקראַטען אי די רעפּובליקאנער עם אויך אופגע־שטעלט. אַף דעם פאַרלאַנג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט ער ערקלערט אין די צייטונגען, אז ער באטראכט זיך נאָר פאר אַ קאָנדידאַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פון קיין קאָמפּראָמיס, פון קיין פיוזשאָן אין דעם געוואוינליכען זין פון וואָרט איז אלזאָ קיין רייד ניט געווען — מ׳קען דאָך ניט „פיוזען“ צו דער זעלבער צייט מיט צוויי פּאַרטייען. נאָך דער וואָל אָבער האָט די פּאַרטיי עם אופגעפאָדערט, ער זאָל רע־זיגנירען זיין אמט. ער האָט זיך ענטזאגט דאָס צו טאָן, ווייל ער האָט זיך באטראכט פאר א פארטרויענסמאן פון דעם גאנצען פּאָלק פון זיין דיסטריקט. דערפאר האָט די פּאַרטיי עם אויסגעשלאָסען, דאָס הייסט: „א חשד טאָר ניט פאלען אַף דעם קיסר׳ס ווייב“.

מיט אַ יאָר שפּעטער, ביי דער וואָל פון 1902, האָט אָנגעמאכט

אַ גאַנצען רושם אין דער פּאַרטיי די פּאַראייניקונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין קאַליפאָרניא מיט דער יוניאָן־לעיבאָר פּאַרטי, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון די טרעיד־יוניאָנס פון יענעם סטעיט. דער הויפּט־אָנפירער אין דער פיוזשאָן איז געוועזען דזשאָוב האַרימאַן, וועלכער איז אין 1900 געלאָפען פאַר וויצע־פּרעזידענט אויף דעם טיקעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דער „ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג" איז אין דער אנגעלעגענהייט ערשינען אַ לייטאַרטיקעל, וואָס האָט אראָפּגענומען די עבירה פון די קאַליפאָרניער גענאָסען.

„קאָמפּראָמיסען זיינען אין דער פּאָליטיק און אין דעם טעגלאַכען לעבען גאָר אַ געוועהנלאַכע זאַך", איז געשטאַנען אין יענעם ארטיקעל, — „ווייל אויב יעדע קליינע פּאַרטיי, פראַקציאָן, אָדער יעדער איינצעלנער מענטש, וואָס ער האָט פּונקט דאָס זעלבע רעכט, זאָל וועלען באַשטעהן דוקא אויף זיין מיינונג, טו איז לחלוטין אוממעגלאַך צוזאַמען עפּעס צו טאָן.

„אין די קלענסטע קהילות און אין פּאַרלאַמענטען פון די גרעסטע מדניות, ווען מ'וויל עפּעס אויפטאָן, איז אמאָל נויטיק אויפצוגעבען אַ מיינונג אָדער זי אוועקצורוקען אָן אַ זייט אויף אַ געוויסער צייט, און דערמיט באַגעהט מען נאָך ניט קיין אונטריייהייט אָדער קיין פּאַרראַט.

„אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער איז, אמת, שטענדיק געווען אַ שטאַרקע שטרעמונג געגען קאָמפּראָמיסען, אָבער זיי זיינען פּאָרט באַגאַנגען געוואָרען.

„אין דייטשלאַנד האָט מען אויף די צוזאַמענפאָרען פון דער פּאַרטיי פיל מאָל באַשלאָסען אז ביי שטיכוואַלען זאָל מען גאָרניט שטימען; אָבער מ'האָט דעם באַשלוס קיינמאָל ניט געפאָלגט, און מ'איז געצוואונגען געווען עס צוריק צורופען. אמאָל האָט מען אפילו דעם אַלטען ליבקנעכט באַשולדיקט, אז ער האָט באַגאַנגען אַ פּאַרראַט. ווייל קורץ פאַר אַ שטיכוואַל האָט ער געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דעם געגנער. אָדער ער האָט ארויסגעלאָזען אַן אויפפאָדערונג צו די גענאָסען, פון וועלכע עס האָט אויסגעזעהן, אז ער האָט קענטיק געמאַכט אַן אָפּמאַך. ווענען די באַטייליקונג אין די וואַלען צום פּרייסישען לאַנדטאָג האָבען דריי פּאַרטייטאָגען אַנגענומען ווידער־

שפּרעכענדע באשליסע. צום סוף האָט א מאַיאָריטעט עס אנערקענט פאַר נויטיק און ניצלאך*).

„וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך און איטאַליען, איז אזוי באַקאַנט, אז עס איז גענוג נאָר פון די זאכען צו דערמאָנען. און וואָס איז שייך אונדזער פּאַרטיי, טו קען מען דערמאָנען איר אנטייל אין דער באַוועגונג פון די גרינבעקער און פון הענרי דזשאָרדזשען".

„אין גרונד גענומען וואָלט מען ווייניק וואָס געגען די זאך געקענט זאָגען. וואָס מ'זאָגט, אז דערמיט ווערט דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ געשעדיקט און פאַרוואַסערט, איז גאָר ניט ריכטיק. יענע וואָס ריידען אזוי, האָבען קיין צוטרויען ניט צו זיך אליין און צו זייערע גענאָסען. און אין דעם זיינען זיי אפשר גערעכט; א חוץ דעם אָבער פאַרגעסען זיי די געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטניסע, וואָס באַשאַפען דעם סאָציאַליזם מיט דער קראַפט פון אן עקאָנאָמישען נאַטור־געזעץ. דער סאָציאַליזם קען אלזאָ ניט אוועקגעשטופּט ווערען דורך אנדערע אידעען. ער וואַקסט אויס איבער א נייעם מיט דער נאַטור פון די מאַסען אליין, הגם איינצעלנע פּערזאָנען ווערען אונטריי דעם סאָציאַליזם מיט קאָמפּראָמיסען און אָן קאָמפּראָמיסען... יעדע באַשטימטע רעגעל קען דאָ נאָר אָנמאַכען שאָדען, מ'מוז די פּאַרטיי־גענאָסען לאָזען פריי צו באַשליסען אין יעדען פאַל, ווי עס פּאַסט זיך בעסער. אן אַלגעמיינע רעגעל, קען נאָך אונדזער מיינונג נאָך, נאָר געהן אזוי ווייט, אז די קאָמפּראָמיסען זאָלען באַשרענקט ווערען אף די קלענסטע מאָס. ניט מחמת זיי זיינען א פאַרברעכען און ניט מחמת זיי זיינען אזוי געפערלאך פאַר די פּאַרטיי, נאָר ווייל א סך גענאָסען געפעלט עס ניט און דורך דעם קען ארויסקומען א שפּאַלטונג, אָדער די פּאַרטיי קען דורך דעם פאַרלירען דעם חשק צו ארבייטען".

---

*) אין פּרייסען האָבען זיי אזאַ וואַל־געזעץ, אַז עס איז אַ לאַנגע צייט אונמעגלאך געוועז פאַר די סאָציאַליסטען אופצושטעלען אייגענע קאַנדידאַטען צום לאַנדטאַג, און זיי האָבען נאָר געהאַט די ברירה צו וואוטען פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישען קאַנדידאַט, אָדער גאָר ניט צו וואוטען. אַלזאָ האָט מען אין יענע צייטען באַשלאָסען צו וואוטען פאַר קאַפּיטאַליסטישע קאַנדידאַטען.

בקיצור, א קאמפראמיס איז גאר קיין פארראט ניט, עס איז גאר ניט געפערלאך פאר די פארטיי, מ'מעג מאכען קאמפראמיסען, נאר פאוואלינקע, כדי אונדזערע גענאסען זאלען ניט ברוגז ווערען.

די סעקציאן מאלדען פון דער סאציאליסטישער פארטיי פון מאסאטשוסעטס האט געמאכט א פארשלאג אויסצושליסען הערימאנען פון דער פארטיי, נאר דער פארשלאג איז דורכגעפאלען. דערמיט האט זיך אבער די געשיכטע ניט געענדיגט. דער דעמאלטיגער „נעשאנאל קווארום“*) פון דער פארטיי האט געהאלטען מיט הערימאנען. דאס האט געמאכט אן אונגעהויערן סקאנדאל אין דער פארטיי. דער נעשאנאל קווארום איז אן לאנגע צערעמאניעס ארונגעוזעצט געווארען און די העדקווארטערס פון דער פארטיי זיינען איבערגעטראגען געווארען פון סענט-לואי קיין שיקאגא.

ארום דערזעלבער צייט איז פארגעקומען א קרימינאל-פראצעס אין דער פארטיי-ארגאניזאציע פון דער שטאט טאלידא. דארטען איז דעמאלט דער מעיאר געוועזען סעמיועל דזשאונז, וועלכער האט זיך באטראכט פאר א „קריסטליכען סאציאליסט**).

צום ערסטען מאל איז ער ערוועהלט געווארען פאר מעיאר אין 1897, אלס רעפובליקאנער קאנדידאט. ביז יענער צייט איז ער קיינמאל ניט געוועזען טעטיג אין דער פאליטיק. די רעפובליקאנער פארטיי האט איהם נאמינירט פאר דעם אמט דערפאר, ווייל זי איז געוועזען שטארק קאמפראמעטירט אין דער שטאט און זי האט זיך

---

*) אזוי האט דעמאלט געהייסען די עקזעקוטיווע פון דער נעשאנאל-קאמיטע.

**) מ'דארף ניט צוזאמענמישען די אמעריקאנער „קריסטליכע סאציאליסטען“ מיט די „קריסטליך-סאציאלע“ אין דייטשלאנד און אין עסטרייך: יענע זיינען רעאקציאנערן און אנטיסעמיטען, בעת די אמעריקאנער „קריסטליכע סאציאליסטען“ זיינען סאציאליסטען, וואס באגרינדען זייער סאציאליזם אף דעם ברית-חדשה. א סך קריסטליכע סאציאליסטען באלאנגען צו דער סאציאליסטישער פארטיי. איינער פון זייערע רביים, סטיט ווילסאן, איז אין 1910 ערוועהלט געווארען אלס קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי פאר דעם אמט פון מעיאר פון בערקלי, א פארשטאט פון סאן-פראנסיסקא.

געניטיקט איז אן ערלאכען קאנדידאט. דזשאונז איז געווען א פאבריקאנט, וואס האט אנגעהויבען זיין לעבען אלס ארבייטער. ער האט געמאכט אן ערפינדונג, וועלכע האט עם געמאכט רייך. גע־וועהנלאך ווערען פון אזעלכע לייט די גרעסטע הויט־שינדערס. דזשאונז אבער איז געווארען אן „ארבייטער־פריינט" אין דעם קא־פיטאליסטישען זין און האט איינגעפירט אלערליי פילאנטראפישע איינריכטונגען אין זיין פאבריק צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער. דערמיט איז ער געווארען פאפולער אין שטאט און די פאליטישענס האבען געהאפט, אז ווען ער וועט ערוועהלט ווערען, וועט ער זיי לאזען פריי באלעבאטעווען איבער דער שטאט, און וועט זיך אפגעבען ווי פריהער מיט זיינע געשעפטען. אין דעם האבען זיי געהאט א טעות. אף א צווייטען טערמין האבען זיי שוין איהם ניט נאמינירט. ער איז אבער געלאפען אלס אונאפהענגיקער קאנדידאט און איז ערוועהלט געווארען מיט מער שטימען ווי דער רעפובליקא־נער און דער דעמאקראטישער קאנדידאט האבען געקראגען ביידע צוזאמען. ער האט זיך באלד נאך דעם ערקלערט פאר א פרינצי־פיעלען געגנער פון דעם פארטיי־סיסטעם און פאר א „קריסטליכען סאציאליסט". די וואוטערס האבען עם ביי יעדער וואל פאר מעיאר ווידער ערוועהלט אלס אונאפהענגיקען קאנדידאט, און ער איז גע־שטארבען אין אמט אין 1904*).

אין 1903 האט ער דורכגעפירט א געזעץ, אז די שטאט־ביב־ליאטעק זאל שטעהן אונטער דער אופזיכט פון אן אונפארטייאישער באָרד און טראסטים, וואס זאלען דינען אן געהאלט, און ער האט אנגעשטעלט אף דעם פלאץ פון א טראסטי דאקטאר פייל'ן, א מיט־גליד פון דער סאציאליסטישער פארטיי. עס האט זיך דא געהאנ־דעלט אום פאלקס־אופקלערונג, צו זעהען, אז די עפענטליכע ביב־ליאטעק זאל צולאזען סאציאליסטישע ביכער, זשורנאלען און צייַ־טונגען. ווי באקאנט, ווערען זיי אין פילע ביבליאטעקען אויס־געשלאסען, ווייל דער ביבליאטעקאר איז געוועהנלאך א קאפיטא־ליסטישער משרת. די סאציאליסטישע פארטיי האט תמיד פרא־טעסטירט, אז מ'לאזט ניט צו איר ליטעראטור, אבער ווען עס האט זיך דא דער פארטיי געבאטען א געלעגענהייט צו טאן עפעס, אז

---

*) געניער איבער עם ז. מיין ארטיקעל אין „דער ציקונפט", אק־טאבער און נאוועמבער 1904.

איך ליטעראטור זאָל יע צוגעלאָזען ווערען, איז דאָס געווען מוקצה — עס האָט געשמעקט דאָך מיט קאָמפּראָמיס, די פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציע האָט אופגעפאָדערט דאָקטאָר פּייל'ען, ער זאָל רעזיגנירען ענטוועדער פון דעם אַמט, אָדער פון דער פּאַרטיי. דאָקטאָר פּייל איז אַ מאַן און האָט נאַטירליך רעזיגנירט פון דער פּאַרטיי.

אַן ענלאַכער פאַל, אָבער מיט אַנאַנדער אויסגאַנג, איז פּאָר־געקומען אין 1905 אין דער שטאָט קעמדען. וועגען דעם איז אין אַ פּאַרטיי בלאַט געשטאַנען דער פאָלגענדער באַריכט:*)

„גענאָסע נעלענשטיין פון קעמדען, ניו דזשוירזי, וועלכער איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון אַ זאַגענאַנטען „אונפּאַרטייאישען“ בעאַמטען אַלס מיטגליד פון דער סקול־באָרד, האָט רעזיגנירט, פאָלגענדיק דעם ראַט פון לאָקאַל קעמדען“.

דאָס איז געווען באַריכטעט אַזוי ווי עס וואָלט געדאַרפט אַזוי זיין, אָן קיין איינציקען וואָרט פון דער רעדאַקציע געגען אַזאַ שטעלונג. מען דאַרף וויסען, אַז אין אַ סך שטעט איז די רעפּאָר־מערס געלונגען צו באַפרייען די סקולס פון דער ממשלה פון די פּאָ־ליטישענס. צו דעם צוועק באַשטימט דער געזעץ, אַז אַף דעם באַ־לאָט פאַר די בעאַמטע וואָס האָבען אופזיכט איבער די סקולס זאָל נית באַצייכענט ווערען קיין פּאַרטיי, און די קאַנדידאַטען זאָלען נאָמינירט ווערען פון בירגער בכלל, נית פון ערגעץ אַ פּאַרטיי. פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט נאָך היינט אויך אַ קנאַפּע אויסזיכט צו קריגען אַ דעה איבער דער פירונג פון די סקולס, איז אַזאַ רעפאָרמע זיכער אַ געווינס. אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אימער אופגעטראָטען געגען אַלצדינג, וואָס טראַגט אַן „אונ־פּאַרטייאישען“, אָדער פּאַרטייליאָזען כאַראַקטער.

די פּרומקייט פון דער פּאַרטיי האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אַ קליינעם אינצידענט ביי דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי אין שיקאַגאָ אין 1904.

אַ דעלעגאַט פון קאַליפאָרניא, סטיט ווילסאָן, איז גע'מסר'ט געוואָרען פאַר דער קאָנווענשאָן, אַז בשעת ער איז אין דעם פאָריקען יאָר געווען אין סענט־לואיס, האָט ער מיט אַ טעלעגראַמע אָפּגעגע־בען מזל טוב אַ „קאַפּיטאַליסטישען פּאָליטישען“, ווען יענער איז

---

*) סאָשאַל דעמאָקראַטיק העראַלד, דזשון 10, 1905.

ערוועהלט געוואָרען פאר מעיאר, — אזא מענטש איז ניט ווערט צו זיין א דעלעגאט, האָבען גע׳טענה׳ט די פּראָטעסטאַנטען. מ׳האָט באַלד געמאכט א סלעדסטווע, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער „קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטישען“ איז געווען מעיאָר דזשאָנס פון טאָלידא.

דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך געהאַלטען ווי א אינגעלע, וואָס מ׳האָט געכאפּט וואָרפענדיק שטיינדלאך פון הינטער׳ן פּארקאַן. ער האָט זיך פּאַרענטפערט, אז עס איז גאָר ניט ער, עס איז אָט יענער. ער איז, פּארשטעהט איר, געווען אין סענט־לואיס און האָט זיך דאָרטען געטראָפען מיט נעלסאָנ׳ען (נעלסאָן איז א רייכער פילאַנטראָפּ און א סאָציאַליסט בלא באַנדעראָל); עס איז ביי זיי געקומען צו רייד וועגען די ערוועהלונג פון דזשאָנס׳ען. ווען ער (דער אָנגעקלאָגטער) איז אוועק, האָט נעלסאָן אליין געשיקט א טעלעגראַמע צו דזשאָנסען און האָט אונטערגעשריבעןביידע נע־מען, אי זיינעם, אי ווילסאָן׳ס. וואָס ווילסאָן איז גאָר דערביי ניט געווען און האָט געבאך דערפון גאָר ניט געוואוסט און האָט נעל־סאָן׳ען ניט געגעבען קיין כח צו חתמ׳ענען זיין נאָמען. נאָר ער מיינט פּאָרט, אז נעלסאָן האָט עס ערלאך געמיינט. עס איז באמת א רחמנות געווען אף דעם מענטשען. ער איז געווען א סאָציאַליס־טישער לעקטשורער און האָט געלעבט דערפון; ווען מ׳וואָלט עס פאר אזא שענדליכען פארברעכען אָפּגעוויזען פון דער קאָנווענשאָן, וואָלט ער אָנגעוואָרען זיין שטיקעל ברויט. געוועהנלאך, ווען מ׳קען איינעם פאר׳מסר׳ען פאר אויסדריקען א מיינונג און אזא קלאָגע ווערט אָנגענומען און פאַרהאַנדעלט, טו קענט איר זיך אף קיין גרויסע העלדישקייט אין אזא געזעלשאַפט ניט ריכטען. די קאָנ־ווענשאָן האָט איבער עם געהאַט רחמנות, מ׳האָט זיך געמאכט, אז מ׳גלויבט זיין אויסרייד, און ער איז צוגעלאָזען געוואָרען אלס דעלעגאַט.

ביי דער זעלבער קאָנווענשאָן איז אנאַנדער דעלעגאַט, פון דער שטעטעל אָראָדאָ, אין אינדיאַנא, אָנגעקלאָגט געוואָרען, דאָס ער האָט אָנגענומען א שטעלע פון אנאַנדער פּאָליטישער פּאַר־טיי. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז א סאָלדאַט פון׳ם ביר־גער־קריג און נאך אן אינוואַליד דערצו. מיט ניינצען יאָר צוריק איז ער אָנגעשטעלט געוואָרען אלס שטאָט־אינזשעניר און זייט

יענער צייט האָט מען עס יעדען יאָר איבער א נייס אָנגעשטעלט. ער איז באקאנט אין שטעטעל פאר א סאָציאַליסט, די סעקציאָן האָט עס יענעס יאָר נאָמינירט פאר מעיאר, אָבער די שטאָט־פאר־וואלטונג דאגה'ט ניט וועגען דעם און האלט עס אף זיין שטעלע.

איבער דער זאך האָט זיך געעפענט א גרויסע דעבאטע. פילע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז מ'דארף דעם אלטען ניט צו־לאָזען צו דער קאָנווענשאָן. דער פּארטיי־סעקרעטער, מיילי ע"ה, אָבער האָט פאר עס געפונען א גוטען פּאָינט. על פי יושר נאָך, האָט ער געמיינט, וואלט מען דעם בעל־דבר ניט געזאָלט צולאָזען, וואָרים ווען ער איז א ריכטיקער גענאָסע האָט ער ניט געטאָרט אָנ־נעמען קיין שטעל פון קיין אנדער פּארטיי. צום אונגליק אָבער איז דערצו ניטאָ קיין אלגעמיינער פּארטיי־געזעץ, און וועדליק ווי יעדער סטעיט איז אויטאָנאָם, קען די קאָנווענשאָן אין דער זאך קיין דעה ניט זאָגען. ווען דער סטעיט אינדיאנא האָט עס ערוועהלט פאר א דעלעגאט, טו מוז מען עס צולאָזען. די קאָנווענ־שאָן האָט ענטשידען מיט א גאנץ קליינער מאַיאָריטעט עס צוצו־לאָזען.

7.

דער קריג צווישען די בערג־ארבייטער און די קאַפּיטאַליסטען אין קאָלאָראדאָ.

אין קאָלאָראדא איז פאר די לעצטע דרייסיק יאָר שטענדיק אָנגעגאנגען א פארביטערטער קריג צווישען די בערגארבייטער און די קאַפּיטאַליסטען. איך וועל דאָ דערצעלען נאָר וועגען איין עפּיזאָד פון דעם קאמפף, וואָס האָט א שייכות צו דער פראגע פון פּיוזשאָן.

אין דעם סאָציאַליסטישען וואָכענבלאט „אפּיל טו ריזאָן" איז געשטאַנען אין 1904:

„מיט צוועלף יאָר צוריק האָבען די לאָהן־ארבייטער און די פארמערס פון קאָלאָראדא ערוועהלט דעיווים וועיט פאר גאָ־ווערנאָר אפ'ן פּאָפּוליסטישען טיקעט. די מיינערס פון דעם קריי־פּעל־קריק דיסטריקט זיינען ארויס אין סטרייק פאר אַן אכט־

שטונדיקען ארבייטסטאָג. דער שעריף האָט איינגעשוואָרען אכצען הונדערט דעפּיוטיס און איז געגאנגען מיט זיי פון קאָלאָראַדאָ ספּרינגס אפ'ן פּלאַץ פון סטרייק מיט דעם צוועק אנצוסטראַשען די מיינערס און צווינגען זיי צוריקצוגעהן צו דער ארבייט. גאָ־ווערנאָר וועיט האָט ארויסגערופען די מילישאַ, אוועקגעשיקט זיי אפ'ן סטרייק־פּלאַץ, צוטריבען די דעפּיוטי־שעריפס און אוועקגע־שיקט זיי א היים. די מיינערס האָבען געוואונען זייער סטרייק און האָבען געהאַט דעם אכט־שטונדען־טאָג זינט יענער צייט. אין 1902 איז פּיבאָדי ערוועהלט געוואָרען גאָווערנאָר אף דעם רע־פּובליקאַנישען טיקעט. איצטער הויבט זיך אָן א ריין קאַפּיטאַ־ליסטישע אדמיניסטראַציע. א סטרייק ברעכט אויס איבער א נייעס. די מילישאַ ווערט ווידער ארויסגערופען, איצטער אָבער זיינען די קאַפּיטאַליסטען אפ'ן פערד, און די ביקסען פון די סאָל־דאַטען צילעווען אף די ארבייטער"*).

דערצו וויל איך צולעגען נאָך א פּאָר פאַקטען. אין דער צייט פון די צען יאָר איז די אדמיניסטראַציע אין קאָלאָראַדאָ גע־ווען אין די הענט פון יוניאָן־ארבייטער. די קאַפּיטאַליסטען אין קאָלאָראַדאָ האָבען זיך וועגען דעם ביטער באַקלאָגט. דער גאָ־ווערנאָר, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אין 1900 איז געווען א דעמאָקראַט און דער וויים־גאָווערנאָר קאָוטס איז געווען א טרעיד־יוניאָניסט און א פּאָפּוליסט. שוין ז זייענדיק וויים־גאָ־ווערנאָר האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1902 איז ער נאָמינירט געוואָרען פאר גאָווערנאָר אף דעם טיקעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דער וואַל פון 1902 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין קאָלאָראַדאָ געהאַט א גלענצענדען ערפאָלג; זי האָט געצויגען 7,000 וואָוטס — פיר פּראָצענט פון דעם גאַנצען וואָוט פון סטעיט, פאַרהעלטניסמע־סיק דריי מאָל אזוי פיל ווי די פּאַרטיי האָט געהאַט אין דעם סטעיט ניו־יאָרק. דאָס זיינען געווען ארבייטער־וואָוטס, וואָוטס, וואָס זיינען פאר די פּאַרטיי פאַרשאַפט געוואָרען פון דער וועס־טערן פעדערעישאָן אָוו מיינערס. פריהער האָבען זיי אונטער־שטיצט די פּאָפּוליסטיש־דעמאָקראַטישע פיוזשאָן, איצטער האָבען זיי געשטימט פאר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיי האָבען גע־

*) „אַפּיעל טו ריזאָן", 30 יאַנואַר, 1904.

גלויבט, אז זיי שטימען פאר די אינטערעסען פון דעם ארבייטער־קלאס. עס האט זיך אבער אויסגעלאזען, אז זיי האבען געהאלפען ערוועהלען דעם ארבייטער־שונא פיבאדי, דערמיט, וואס זיי האבען אפגעצויגען ארבייטער־וואוטס פון דעם פיוזשאן־קאנדידאט.

וואס איז געווען דער רעזולטאט? וואס פיבאדי האט זיך גענומען אויסצוראטען די פעדערעישאן פון די מיינערס, ווייל זיי זיינען סאציאליסטען.

באלד, ווי עס האט אויסגעבראכען א סטרייק פון די בערג־ארבייטער, האט דער גאווערנאר ערקלערט דעם קריגס־צושטאנד און האט ארויסגערופען די מילישא. דאס איז געווען נאר דער אנהויב. באנדעס קאפיטאליסטישע טעראריסטען האבען צענדליקע לאקאלע בעאמטע, וואס זיינען געווען פריינדליך צו די ארבייטער, געצוואונגען צו רעזיגנירען. דער געוועזענער דעמאקראטישער אטוירני דזשענעראל איז ארויסגעשיקט געווארען פון דער שטאט, וואו ער האט געוואוינט. א באנדע „בכבוד'ע בירגער", איז געקומען צום שעריף פון טעלער קאונטי און האט עס געסטראשעט, אז זיי וועלען עם לינטשען, ווען ער וועט ניט רעזיגנירען — מ'האט שוין געהאלטען דעם שטריק. ער איז ערוועהלט געווארען אף דעם דעמאקראטיש־פאפוליסטישען טיקעט.

און וואס איז באשטאנען זייער שולד? דער מיליטערישער קאמאנדיר פון קאלאראדא, גענעראל בעלל, — א טיפ פון אן אמעריקאנער דומבאדזע, — האט געזאגט, אז די יוניאנס האבען פארפאלגט סקעבס, און די בעאמטע האבען זיך געמאכט ניט זעהענדיק, ווייל זיי זיינען אליין יוניאן־לייט און האבען סימפאטיזירט מיט דער יוניאן.

ווער־זשע איז געווען קלאסען־באוואוסט: די ארבייטער, וואס האבען געשטימט פאר פאפוליסטישע קאנדידאטען, וועלכע האבען זיי פארזיכערט דעם אכט־שטונדען־טאג און דאס רעכט צו ארגאניזירען זיך און באקעמפפען די קאפיטאליסטען, אדער יענע ארבייטער, וואס האבען געגעבען זייערע וואוטס פאר די סאציאליסטישע פארטיי און האבען דערמיט געבראכט דעם ארבייטער־קלאס פון קאלאראדא א וואיענעם דעספאטיזם?

האט די סאציאליסטישע פארטיי עפעס געוואונען אלס פאר־

טיי דורך דיזע טאקטיק? די פארפאלגונג פון די סטרייקערס
דורך די רעפובליקאנער אדמיניסטראציע האט זיי געצוואונגען צו
זוכען שוץ ביי דער דעמאקראטישער פארטיי, — מיטגלידער פון
דער סאציאליסטישער פארטיי גופא זיינען געגאנגען צוריק צו
דער דעמאקראטישער פארטיי. דאס איז געווען א פראקטישער
באווייז, אז כל זמן א פארטיי איז נאך שוואך, קען זי ניט פי־
רען קיין אונאפהענגיקע פאליטיק.

אין קאלאראדא האבען מיר אלזא געהאט אן אמת'ן קלאסען־
קאמפף, און ער איז געווען צוגלייך אן עקאנאמישער און א פא־
ליטישער קאמפף. אין די סאציאליסטישע צייטונגען האט מען גע־
שטראפט די ארבייטער פון קאלאראדא, אז זיי ליידען דערפאר,
וואס זיי האבען ניט געשטימט פאר זייערע אייגענע קאנדידאטען,
— דאס הייסט פאר סאציאליסטישע קאנדידאטען. די קאפי־
טאליסטען פון דער אנדערער זייט האבען געזאגט, אז זיי האבען
זיך צובונטעוועט דערפאר, וואס דער ארבייטער קלאס האט יע
געשטימט פון זיינע אייגענע קאנדידאטען*).

דער אמת'ער קלאסען־קאמף — ווי איר זעט — פירט זיך
ניט וועגען טעאריעס איבער דעם סאציאליסטישען עולם־הבא:
עס האנדעלט זיך אום די אינטערעסען פון דעם היינטיקען טאג,
צי די ארבייטער זאלען מעגען זיך פאראייניקען געגען די בעלי־
בתים און אויסצווינגען ביי זיי א העכערען ארבייטסלוין און קיר־
צערע ארבייטס־שטונדען.

וואס דארף אונטער היינטיקע אומשטענדען טאן אן ארביי־
טער־פארטיי? זי דארף זעהען צו קריגען אן איינפלוס אין דער
פאליטיק, היינט, ניט אם ירצה השם, ווען משיח וועט קומען. אין

---

*) אן אינזשיניער פון קאלאראדא, נאטירליך א קאפיטאליסטישע
נשמה, האט בשעת מעשה געגעבען זעהר אן אינטערעסאנטע ערקלע־
רונג אין דער פרעסע וועגען דעם, וואס עס האט זיך געטאן אין יענעם
סטעיט. די וואוטערס, האט ער געזאגט, האבען לאנג געליטען אונטער א
שלעכטער רעגירונג. זיי האבען געלאזען ערוועהלען שלעכטע בעאמטע,
וועלכע האבען באשיצט אלע פארברעכען פון די יוניאנס. צולעצט, ווען
עס איז שוין געווארען ניט אויסצוהאלטען, האבען זיי זיך צובונטע־
וועט און מיט רעוואלווערס ארויסגעטריבען די שלעכטע בעאמטע.

קאָלאָראַדאָ איז ביי די וואַלען אין 1904 די ווייכטיקסטע טאָגעס־פראַגע פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס געווען אָראָפּצוואַרפען פּי־באָדי.

דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָרגאַן „דהי וואָירקער", האָט באַריכטעט פון קאָלאָראַדאָ, אַז אַ גענעראַל פון דער מילישאַ האָט ערקלערט פאַר דער וואַל, אַז גאָווערנאָר פּיבאָדי מוז געווינען, מ'וועט די מיינער פּראָסט ניט דערלאָזען צו וואָוטען. ווען די קאַפּיטאַליסטען וואָלטען געווען אַזוי זיכער מיט דעם דעמאָקראַ־טישען קאַנדידאַט ווי מיט פּיבאָדי, צו וואָס וואָלטען זיי געדאַרפט מיט גוואַלט זוכען צו ערוועהלען דוקא פּיבאָדי?

די קאַפּיטאַליסטען האָבען געוואָלט ניט אַנדערש פּיבאָדי, ווייל זיי האָבען געוואָלט באַווייזען, אַז דאָס פאָלק, די וואָוטערס, זיי־נען איינפאַרשטאַנען מיט זיין טיראַניי געגען די יוניאָנס. דער זיעג פון פּיבאָדי וואָלט אומעטום פאַרטייטשט געוואָרען, אַז מען האָט עם אומזיסט באַשולדיקט.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין קאָלאָראַדאָ איז נאָך ניט שטאַרק גענוג צו ערוועהלען אַ גאָווערנאָר. די ברירה איז געווען צווישען פּיבאָדי און זיין דעמאָקראַטישען געגנער. אַ צושפּליטע־רונג פון די וואָוטס געגען פּיבאָדי, בעת אַלע קאַפּיטאַליסטען זיינען געווען פאַראייניקט פאַר עם, וואָלט זיך אויסלאָזען מיט אַ זיג פאַר פּיבאָדי, דאָס הייסט, אויך פאַר זיין פּאָליטיק. דעריבער האָבען מאָיער און העיוואָוד, די פירערס פון די בערגאַרבייטער,ביידע טעטיגע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אונטער־שטיצט דעם דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר.

מאָיער איז געווען דער פּרעזידענט פון די וועסטערן פעדע־רעישאָן און מיינערס, וועלכען פּיבאָדי האָט געהאַלטען עטלאַכע מאָנאַטען אין טורמע, און העיוואָוד איז געווען דער פּאָפּולערסטער פירער פון די מיינערס אין קאָלאָראַדאָ, וועלכער איז קאָם גע־בליבען אַ לעבעדיקער פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגען פון גענעראַל בעל'ס סאָלדאַטען. העיוואָוד איז געווען איינער פון יענע, וועלכע האָבען געמאַכט פון דער וועסטערען פעדערעישאָן און מיי־נערס אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, און ער האָט אַגיטירט

פאר דעם גאנצען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען טיקעט, א חוץ דעם קאנדידאט פאר גאָווערנאָר.

דעבס, וועלכער איז יענעם יאָר געווען דער קאנדידאט פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי פאר פרעזידענט, האָט, זייענדיק אין דענווער, זיי דערפאר געזאָגט מוסר. אבער, לויט דער קאָנס־טיטוציע פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי, האָט זיי נאָר די פארטיי־אָרגאַניזאַציע פון זייער סטעיט געקענט דערפאר אָנקלאָ־גען, הפנים אָבער איז די פארטיי אָרגאַניזאַציע מיט זיי אין דעם געווען איינפארשטאַנען, ווייל מ׳האָט זיי גאָרנישט ניט גע־טאָן.

8.

בערגער׳ס ערסטער אַרויסטריט פאר פיוזשאָן.

איך וויל רעדען באריחות איבער וויקטאָר בערגער׳ס שטע־לונג צו דער פראגע פון פיוזשאַן דערפאר, וואָס ער איז איינער פון די גרינדער און אַן אנערקאַנטער פירער פון דער סאָציאַליס־טישער פארטיי און איר ערסטער פארטרעטער אין קאָנגרעס.

ביז דעם יאָר 1905 איז ער אימער געווען גאַנץ אָרטאָדאָקסיש אין דער פראגע פון פיוזשאַן. ער איז נאָך געבליבען אָרטאָדאָק־סיש אין דעם קאמפף פון די יוניאָן־ארבייטער פון קאָלאָראַדאָ געגען דעם רעפּובּליקאנישען גאָווערנאָר פּיבּאָדי, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע און איינגעפירט א מיליטערישע דיקטאַטור. די ארבייטער פון קאָלאָראַדאָ זיינען געווען פאראינ־טערעסירט, אז מ׳זאָל זיי ניט ארייגזעצען אין טורמע און ניט ארויסשיקען גאָר אַן א פראצעס, פּונקט ווי אין רוסלאנד, און די דזשאָדזשעס זאָלען ניט האלטען פאר דעם וואָיענעם דעספּאָ־טיזם פון דעם קאפּיטאָליסטישען גאָווערנאָר. עס האָט זיך דאָר־טען געהאנדעלט אום דזשאַדזשעס פון די סופרים קאורט, וואס ווע־רען אָנגעשטעלט פון דעם גאָווערנאָר. די ארבייטער פון קאָלאָ־ראדאָ האָבען געהאט א לעבענס־אינטערעס דערין, אז פּיבּאָדי זאָל געשלאָגען ווערען ביי דער וואל פון 1904, און דאָס האָט נאָר

געקאנט געשעהן, ווען מ'וואלט שטימען פאר זיין געגען־קאנדידאט. די סאציאליסטישע פירערס פון די בערגארבייטער זיינען געווען דאפיר, מ'זאל שטימען פאר דעם דעמאקראטישען קאנדידאט. אבער בערגער'ס ארגאן, דער סאשאל דעמאקראטיק העראלד, האט זיי דערפאר באקעמפפט. מיט עטלאכע מאנאט שפעטער טרעט ער פלוצלונג ארויס פאר א קאפיטאליסטישען קאנדידאט פאר אן אונגעוויכטיקען אמט, וואס האט קיין שייכות ניט געהאט צו די קלאסען־אינטערעסען פון די ארבייטער. די מעשה איז געווען אזוי.

אין מילוואקי איז די סאציאליסטישע פארטיי שוין דעמאלט געווען די צווייטע פארטיי. אין אפריל 1905 איז פארגעקומען א וואל פאר דזשאדזשעס. די סאציאליסטישע פארטיי האט באשלאסען דעם מאל ניט אויפצושטעלען קיינע קאנדידאטען אין מילוואקי. מ'האט זיך בארעכענט, אז עס איז א סברא, מ'קען ביי דער וואל אנווערען וואוטס, און דאס וועט זיי שאדען אין זייער ווייטערער אגיטאציע; אגב האבען זיי געהאט א סך חובות, און א קאמפעין קאסט געלט. שוין דאס אליין איז ניט געפעלען געוואָרען דער „ניו־יארקער פאלקסצייטונג“. „אזא שטארקע באוועגונג, ווי די סאציאליסטישע באוועגונג אין מילוואקי איז געווארען“ האט זי געזאגט אין א לייטארטיקעל, „טאר, נאך אונדזער מיינונג נאך, ניט לאזען פאראיבערגעהן די געלעגענהייט צו זיכערען זיך די פארטיילע דער אגיטאציאן, וואס די וואל־באוועגונג ברייגנט מיט זיך“*).

קורץ, ניט צו געהן אין קאמפעין איז שוין אליין אן עברה, אבער בערגער איז געגאנגען נאך ווייטער. אין זיין דייטשער צייטונג האט ער געשריבען אן ארטיקעל בזה הלשון:

„געגוי גענומען, זיינען מיר אייגענטלאך נור אין איינער פערזאן אינטערעסירט, און דאס אויך אין נעגאטיווערווייזע. סאציאל דעמאקראטען מילוואקים זאלטען נעמלאך נאר פאר איין איינציגען קאנדידאט פאר דזשאדזש שטימען, נעמליך, געגען דעם איצטיקען דזשאדזש. פאל קארפענטער, וועלכער איז איצטער אין אמט, האט עס געפונען פיר נאטווענדיג אין קאטאלישע פעראיינע צו האלטען אגיטאציאנס־רעדען געגען סאציאליסטען און סא־

*) ניו יארקער פאלקסצייטונג, דען 28טען מערץ, 1905.

ציאליזמוס. ווייטער האָט ער וועהרענד זיין גאַנצען טערמין נור איין איינציגעס קינד איבערגעגעבען אין אַ שטאַדטישען־אָרפאַן אַסייל־לום. אַלע אַנדערע קינדער, וועלכע זיינען פאַרגעקומען פאַר איהם, זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין קירכליכע און בעזאָנדערס אין קאַטאָלישע אַנשטאַלטען. מיר האַלטען, אַז קיין דזשאַדזש האָט קיין רעכט ניט דעראַרטיגעס צו טאָן — קיין דזשאַדזש פאַר קאַר־פּענטערן האָט דערגלייכען קיין מאָל ניט פּערזוכט, קיין אַנדער דזשאַדזש טוט איצט ניכט דאָס זעלבע. דזשאַדזש קאַרפּענטערס האַנדלונג ווידערשפּריכט דעם גייסט דער אַמעריקאַנישען קאָנס־טיטוציאָן. עס וויעדערשפּריכט פאַר אַלעם, זאָווייט וויר אין בע־טראַכט קאָמען, דער פאָרדערונג דער סאָציאַליסטען אַלער לענדער, קירכע און שטאַאַט שטרענג געטרענט צו האַלטען... דער דזשאַדזש האָט נאָך אונזערער מיינונג ניט דאָס רעכט אַלס אַגענט רעליגיע־זער געגאָסענשאַפטען צו האַנדלען... ריכטער קאַרפּענטער, דער זעלבסט איין רענעגאַט איסט — זיין פאַטער מאַטיו קאַרפּענטער, דער בעריהמטער סענאַטאָר פאָן וויסקאָנסין, וואַר בעקאַנטליך פריי־זיניג — האָט זיך דא פון זיין רעליגיעזען איבעראייפער איינפאַך פאַרטרייסען לאַסען. עס ווירד איבריגענס אויך בעהויפּטעט, דאָס אונטער זיינעם רעזשים זיך די רעכנונגען פיר דרוקאַרבייטען און זאָ ווייטער, די פון איינער פירמע געליפערט ווערען, די מיט דיעזען שוואַרצען צירקעל ענג צוזאַמענהענגט, זיך פערצעהנפאַכט האָבען, — די בעטרעפענדע פירמע בעפינדעט זיך יעצט איבריי־געגנס אונטער אינדייטמענט פון דער גרענד דזשורי. מיר ווילען אויף דיעזע זאַך גאַר ניכט ווייטער איינגעהען, דען דזשאַדזש קאַר־פּענטער מאַג יאָ אָן דיזען ריזיגען מעהראַויסגאַבען גאַנץ אונשולדיג זיין. פיר אונז קאָמען נור דיביידע זפרינציפּיעלען מאָמענטע אין בעטראַכט: ערשטענס, דאָס דזשאַדזש קאַרפּענטער איז אַרויסגע־קאָמען געגען אונזערע פאַרטיי און געגען דעם סאָציאַליזם, און, צווייטענס, דאָס ער זיינען ריכטער־שטול בענוצט אויף די רוימיש־קאַטאָלישע גלחים, זאָווייט ער אין בעטראַכט קאָמט, געוויסע הערשאַפט אין שטאַט צו ערֿאָבערן. אויס דיזען גרינדען זיינען מיר געגען דזשאַדזש קאַרפּענטער".

„געגען דזשאַדזש קאַרפּענטער לויפט עקס־דזשאַדזש און עקס־מעיאָר עמיל וואַלבער — קיין סאָציאַליסט, אבער אימערהין אַ פרייזיניגער רעכטליכער מאַן, דעם עס ניעמאַלס איינגעפאַלען

איסט, זיינע ריכטערשטול דאצו צו בענוצען, אום קירכע און שטאט צו פערקוויקען. צו זיינען גונסטען שפריכט פערנער נאך דאס ער שאן אין 1886 אלס מעיאר דער שטאדט דעם איינשרייטען דער מילישא ווידערזעצט האט, דאס אלזא דער דאמאליגער גאווערנאר אויף וואונש דער פאבריקאנטען די מילישא איבער וואלבערס קאפ אויף די ארבייטער לאסליס... וואלבער ווארדע דארויפהין פאן דען גראסקאפיטאליסטען פאלען געלאסען, יעדאך מיט דער אונטערשטיצונג דער טרייד־יוניאנס און דער סאציאליסטען אין 1888 צום מיוניסיפאל דזשאדזש געוועהלט. וואלבער פערשטעהט צוואר פאן דער סאציאלער פראגע ווייניג אדער גארניכט, אבער ער בעזאס דאך אימער „פערנעס“ און איינזיכטיג גענוג נימאלס דען פארדערונגען דער ארגאניזירטען ארבייטער און דער סאציאל־דעמאקראטען ענטגעגענצוטרעטען. עס איזט איבערפליסיג היר צו בעמערקען דאס די ריכטער וואהלען זיינען אין מילוואקי יעצט „נאן־פארטיזאן“. און אין אנבעטראכט דעם אומשטאנדעס דאס די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי פער רעפערענדום מיט איינער גרויסען מעהרהייט ענטשידען האט קיין טיקעט אויפצושטעלען, איסט עס יעדעם מיטגליעד פרייגעשטעלט פיר דען קאנדידאטען צו שטימען דער איהם אם בעסטען פאסט. עס איסט נאר ניכט אונזערע אויפגאבע אירגענד איינעם פאן דעם טוץ קאנדידאטען אויף אירגענד איינעם פון דעם האלב טוץ ריכטערשטילע צו פערהעלפען. דאגעגען מוס עס אונזער ערנסטעס שטרעבען זיין דען העררן קארפענטער אוים דעם אמטע צו האלטען. און דאס קאן נאר געשעהן, אינדעם מאן פיר זיינען געגענקאנדידאט וואלבער שטימט„.

ווי איר זעהט, האט זיך דא געהאנדעלט וועגען א דזשאדזש איבער ירושות, מיט וועלכען דער פראלעטאריער־קלאס קומט גאר זעלטען איז בארירונג. אבער עס טרעפט אמאל, אז אן ארימער יתום דארף אנקומען אין אן ארפאן אסיילום, און דערפאר מוזען די ארבייטער זעהן צו ערוועהלען א פרייזיניקען דזשאדזש.

אפשר וועלען די גענאסען מורא האבען זיך טריף צו מאכען שטימענדיק פאר א קאנדידאט פון די אלטע פארטייען. בארוהיגט זיי בערגער. אז אגב איז זיין קאנדידאט גאר ניט קיין דעמאקראט און ניט קיין רעפובליקאנער, נאר א „נאן־פארטיזאן“, ס׳הייסט

ניט גע׳שמד׳ט, נאָר גענומען א טויף־שיין. דאָס איז אבער געווען א שוואכער תירוץ, ווייל ביז דעמאָלט האָט בערגער קיינמאָל ניט געמאכט קיין אונטערשיד צווישען קאַפּיטאַליסטישע פּארטיי־קאַנ־דידאטען און אונפּארטייאישע*).

בערגערס אויפטרעטען פאר א קאַפּיטאַליסטישען קאנדידאט האט נאַטירליך אופגעוועקט א העפטיקע דעבאטע אין דער פּאר־טיי. זיינע פּאָליטישע פריינט האָבען עם פארענטפערט מיט דעם תירוץ, אז אין מילוואָקי האָט די פּארטיי אין פּאָראוים באשלאָ־סען ניט אופצושטעלען קיין אייגענע קאנדידאטען; האָט איינער פון זיינע געגנער, טראוטמאן, עם אָפען באשולדיקט, אז ער האָט דעם פּלאן אליין אנגעסטראָיעט, כדי ער זאָל קענען שפּעטער ארויסקומען פאר זיין פּאַוואָרים. נאָר מיט קיינע פאקטען האָט טראוטמאן זיין חשד געגען בערגער׳ן ניט באוויזען**).

---

*) דער אונאפּהענגיקער קריסטליך־סאָציאליסטישער מעיאָר דזשאונס פון טאָלידא איז ניט נאָר צופּעליקערווייזע געווען אן אונ־פּארטייאישער קאַנדידאט, ער איז געווען אַ פּרינציפּיעלער געגנער פון פּארטיי־קאַנדידאטען און פון דעם פּארטיי־סיסטעם בכלל, אָבער בער־גערס צייטונג האָט עם שטענדיק באטראכט פאר אַ „קאפּיטאליסטישען“ קאַנדידאט.

**) אַזעלכע זאַכען לאָזען זיך זעלטען באווייזען מיט פאַקטען. אף טראוטמאַנ׳ס באשולדיקונג האָט בערגער געענטפערט, אַז ער איז בשעת מעשה געווען אין סאן־פראנציסקאָ. אָבער די פראגע איז דעמאָטירט גע־וואָרען ביי עטלאכע מיטינגען, וואו פון אָנהויב איז בערגער אויך געווען אנוועזענד און האָט ערקלערט זיין מיינונג, אַז מ׳דארף ניט געהן אין קאמפּעין. נאָר ווען עס איז געקומען צו דער אָפּשטימונג איז ער ביי דערביי ניט געווען. מילא, ווען אַ פּארטיי באָס ווי בערגער ער־קלערט זיך פאר אַ געוויסען פּאָרשלאג, איז גאָר ניט נויטיק, ער זאָל זיין פּערזענליך ביי דער אָפּשטימונג, אין דערין קען ער זיך שוין פארלאָ־זען אף זיינע מענטשען. ווען מ׳דערמאָנט זיך, ווי אָרטאָדאָקסיש בער־גער האָט זיך ביז דעמאָלט געהאַלטען, טו האָט זיין אופטרעטען פאר אַ קאַפּיטאַליסטישען קאַנדידאט געוויזט פּאָרקומען מאָדנע און מ׳קען טראוט־מאַנען זיין חשד אף בערגער׳ן ניט שטאַרק פאראיבעל נעמען. „מיט וואָס פאר אַ מאָס איר האָט געמאָסטען, מיט אַזאַ מאָס וועט אייך אויך געמאָס־טען ווערען“, האָט געזאָגט יעזוס. בערגער האָט אַליין געליפערט די

עס איז מער ווארשיינליך, אז בשעת מעשה האָט ער דאָס גאָר אין זינען ניט געהאט, נאָר ווען די פּארטיי האָט שוין יע געהאט באשלאָסען ניט צו געהן אין דעם קאמפּעין, איז ער דער־מאָלט ארויס פאר זיין פּערזענליכען פריינט, דעם קאפּיטאליסטי־שען קאַנדידאט.

די נעישאָנאל קאָמיטע פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי האָט עס אראָפּגעזעצט פון אמט אלס דעלעגאט פון וויסקאנסין. דער פּארטיי־געזעץ איז קלאָר, און די נעישאָנאל־קאָמיטע האָט געהאנדעלט לויט דעם געזעץ. כדי עס זאָל דעריבער קיין ספק ניט זיין, איז א רעזאָלוציע פארגעלעגט געוואָרען אף א פּארטיי־רע־פערענדום, אז בערגער זאָל אראָפּגעזעצט ווערען פון אמט.

די וויסקאָנסינער סאָציאליסטען האָבען זיך געפונען אין א זעהר ניעלאָווקער פּאָלאָזשעניע. איינערזייטס האָבען זיי געוואוסט, אז זייער פירער האָט געהאנדעלט געגען די פּארטיי־טאַקטיק, וועל־כע ער האָט שטענדיק אליין פארטראָטען, האָבען זיי געזוכט עס צו פארענטפערען מיט אויסלענדישע דינים, — די באשליסע פון די דייטשע פּארטייטאָגס וועגען פיוזשאָן. „עס איז ניט ריכטיק, אז די טאַקטיק פון די אייראָפּעאישע סאָציאליסטען איז ניט אָנווענד־באר אין דער אמעריקאנער באוועגונג", — האָט די וויסקאָנסינער סטעיט קאָמיטע פון דער פּארטיי געשריבען אין איר צירקולאָר. פון דער אנדער זייט זיינען בערגער'ס תלמידים נאָך אליין געבלי־בען אזוי פרום ווי פריהער, און האָבען צוגעגעבען, אז פיוזשאָן איז יעדער פאָרם איז טריף, זיי האָבען נאָר פארזיכערט אין דעמזעלבי־קען צירקוליאר, אז „גענאָסע בערגער איז אימער געווען אבסאָלוט

מאָס, מיט וועלכער מ'האָט געמאָסטען פּאָליטישע ערלאכקייט אין מיל־וואָקי, בשעת ער האָט באשולדיגט אָן קיין שום פאקטישען באווייז זיינע פריהערדיקע פּארטיי־גענאָסען, די פּאָפּוליסטען פון מילוואָקי, אַז זיי האָבען זיך פארקויפט, ווען זיי האָבען אָפען (ניט דורך אַ הינ־טער־טירעל) געמאַכט פיוזשאָן מיט דער דעמאָקראטישער פּארטיי אין 1898.

נעגען אלע קאָמבינעישאָנס מיט אירגענד וועלכער קאַפּיטאַליסטי־שער פּאַרטיי"*).

אַז אויסגעהאַלטענע פּרינציפּיעלע שטעלונג אין דער פּראַגע האָט אָנגענומען דער פערטער אסעמבלי דיסטריקט פון ניו־יאָרק. ער האָט ארויסגעלאָזען אַן אופרוף, אין וועלכען ער האָט געראטען אַלע אידישע סאָציאַליסטען, זיי זאָלען שטימען געגען די רעזאָלוציע וועגען בערגער'ן, ווייל „די האַנדלונג פון גענאָסע בערגער איז געווען אין איינקלאַנג מיט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי צ. ב. אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך און אין איטאַליען פּאַראייניקען זיך די סאָציאַליסטען מאַנכעס מאָל מיט ליבעראַלען אום צו באַקעמפּפען איין קאָנסערוואַטיווען אָדער רעאַקציאָנערען קאַנדידאַט, אָדער זיי שטעלען ניט ארויס קיין געגען־קאַנדידאַט פון א ליבעראַלער פּאַרטיי, אום צו נידערשטימען ביים שטים־קאַסטען א רעאַקציאָנערען קאַנדידאַט". אונטער דער רעזאָלוציע איז געווען אונטערגעשריבען גענאָסע ניליס, פון „פּאַרוועטס".

גאָר ניט קאָנסעקוועגט איז געווען די שטעלונג פון דעבס'ן אין דער פּראַגע. ווי מיר האָבען געזעהען, איז דעבס געווען זעהר ביטער געגען די סאָציאַל־רעפאָרמערס, וועלכע האָבען עס געגעבען, ער זאָל אראָפּנעהמען זיין קאַנדידאַטור, הגם זיי זיינען ניט געווען קיין מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זיינען ניט מחויב געווען צו פאָלגען איר טאַקטיק. מיט א האַלב יאָר פאַר דער מעשה מיט בערגער'ן, ווען הייוואוד און מאָיער זיינען פאַר דער וואַל אין נאָוועמבער ארויס אין קאָלאָראדאָ פאַר דעם דעמאָקראַטישען געגען־קאַנדידאַט פון פּיבאָדי, האָט ער זיי ביטער פאַרדאַמט. פאַר בערגער'ן אָבער האָט ער•זיך אָנגענומען: בערגער איז א טרייער גענאָסע, א וועטעראַן אין דער באַוועגונג, — האָט ער געשריבען. אַז זיין פריינט האָט געזינדיקט, האָט ער אליין צוגעגעבען. עס האָט אויסגעזעהען, אַז ביי דעם סאָציאַליסטישען

*) אין ענטפער אַף מיינע אַ נאָכפראַגע, האָט די סעקרעטערין פון דער סטעיט קאָמיטע פון וויסקאָנסין מיס טאַמאַס געשריבען אין אַ פּערזענלאַכען בריעף צו מיר: „איך מיספּאַרשטעהט אין גאַנצען דעם פאַל. מיר זיינען אַקוראַט אַזוי שטאַרק געגען פיוזשאַן ווי מיר זיינען אימער געווען. די איצטיקע פּראַגע האָט אַבזאָלוט גאָר ניט צו טאָן מיט פיוזשאָן".

קאנדידאט פאר פרעזידענט, ווי ביי זיין ערפאלגרייכען געגנער, איז פאראן צווייערליי גערעכטיגקייט: איינע פאר פרעמדע און אנאנדערע פאר אן אייגענעם מענטש.

די מאיאריטעט פון דער פארטיי אבער האט ביי דעם רעפערענדום גוט געהייסען די האנדלונג פון דער נעישאנאל־קאמיטע, און בערגער איז ארונטערגעזעצט געווארען פון אמט אלס קאמיטעמאן.

9.

די פראגע פון פיוזשאן פאר דער נעשאנאל קאמיטע פון דער ס. פ.

צען יאר זיינען אוועק, זינט בערגער איז באשטראפט געווארען פאר פיוזשאן. די סאציאליסטישע פארטיי איז שוין דא און דארטען געווארען א שטיקעל עפעס אין דער לאקאלער פאליטיק. זי האט שוין ארום טויזענט קלענערע און גרעסערע בעאמטע אין די שטאט־פארוואלטונגען און אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. אין 1915 האט בערגער פארגעלעגט פאר דער נעשאנאל קאמיטע פון דער ס. פ. א פארשלאג צו ערלויבען פיוזשאן, און זיין פארשלאג האט געפונען אונטערשטיצונג ביי יענע סאציאליסטען, וואס קענען פארצייכענען פאליטישען ערפאלג אף זייער רעכענונג. ביי דער זיצונג פון דער נאציאנאל־עקזעקוטיווע פון דער פארטיי, איז בערגער'ס פארשלאג דורכגעפאלען, דאס ערקלערט זיך דורך די אומשטענדען, אונטער וועלכע מען האט וועגען עם אפגעשטימט. פאר פיוזשאן האט מען אין דער סאציאליסטישער פרעסע ביז אהער ניט געטארט רעדען. זיין אגיטאציע האט בערגער אנגעהויבען איינגאנצען מיט א פאר וואכען פאר דעם יערלאכען מיטינג פון דער נעישאנאל קאמיטע פון דער פארטיי, און, פארשטעהט זיך, אין אזא קורצער צייט האט מען ניט געקענט ערווארטען, אז די פארטיי זאל אנעמען א שטעלונג אין אזא וויכטיקער פראגע. צווייטענס, איז אין דער נעישאנאל קאמיטע פארגעקומען א קאמפף פון צוויי ריכטונגען: די דעמאקראטישע, וואס וויל זיך שטיצען אין אלע וויכ־

טיקע פראגען אף דעם ווילען פון די מיטגלידער, אויסגעדריקט דורך א רעפערענדום, און די ביוראקראטישע, וואס וויל, אז די פירונג פון דער פארטיי זאל ליגען אין די הענט פון ערוועהלטע בעאמטע, פראסט געגרעט פון א מאשין. ביי דער קאנווענשאן אין 1912 און ביי די צוויי יערלאכע מיטינגען פון דער נעישאנאל קאמיטע, וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען נאך דער קאנווענשאן, זיינען די בעלי בתים געווען די פארטיי־פאליטישענס, זיי האבען פאקטיש אפגעשאפט דעם רעפערענדום — זיי האבען אוועקגענומען ביי די מיטגלידער דאס רעכט צו פאדערען א רעפערענדום און האבען עס איבערגעגעבען צו די סטעיט קאמיטעס. אין 1915 איז פארגעקומען א גאנצע רעוואלוציאן און די דעמאקראטישע ריכטונג האט געזיגט. די רעוואלוציאנערען אבער זיינען געגען יעדען קאמפראמיס מיט אנדערע פארטייען. זיי זיינען שטארק אין אזעלכע געגענדען, וואו די פארטיי איז נאך זעהר קליין און האט קיין שום אויסזיכטען ניט אימעצען צו ערוועהלען. די שטימונג פאר פיוזשאן קומט פון אזעלכע ערטער, וואו די פארטיי האט שוין געהאט אן ערפאלג ביי די וואלען, אבער האט נאך ווייט ניט קיין מאיאריטעט. דעריבער ווען עם פאראייניקען זיך געגען איר אלע אנדערע פארטייען, פאלט זי דורך. אויב אבער זי וואלט געמעגט פאראייניקען זיך ביי די וואלען מיט אירגענד אן אנדער פארטיי, וואלט זי געקענט שטענדיק דורכפירען א געוויסע צאל סאציאליסטישע קאנדידאטען. פארשטעהט זיך, אין אזעלכע ערטער זיינען די פאליטישענס שטארק. דעריבער זיינען פאר פיוזשאן ביי דעם מיטינג פון דער נעישאנאל קאמיטע געווען די פאליטישענס און דאגעגען די דעמאקראטען.

דאס איז אבער א צופעליקער צוזאמענהאנג. עס איז א צייכען פון דער צייט, אז בערגער'ס פארשלאג האט געקראגען ניין שטימען פון צוויי און פופציק.

10.

בערגער'ס ארטיקלען פאר פיוזשאן.

איך וועל דא איבערגעבען די וויכטיקסטע ארגומענטען פון בערגער'ס לייטארטיקלען, וואס זיינען ערשינען אין דעם „מילוואקי

לידער” אין 1915.

אין דעם ערסטען ארטיקעל האנדעלט זיך וועגען דעם נייעם געזעץ, וואס איז איינגעפירט געווארען אין וויסקאנסין, אין וואשינגטאן סטעיט און אין קאליפארניא, אז אלע קאנדידאטען מוזען צוערסט נאמינירט ווערען ביי די פריימערים, און דערנאך ווערען צוגעלאזען צו דער וואל נאר די צוויי קאנדידאטען, וואס האבען נעקראגען די העכסטע צאל וואוטס. דאס איז פונקט אזוי, ווי ביי די שטיכוואלען אין דייטשלאנד. די קאנסטיטושאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי ערלויבט א פארטיי־מיטגליד צו וואוטען נאר פאר א קאנדידאט, וועמעס נאמען עס שטעהט אף דעם סאציאליסטישען טיקעט. אויב דער סאציאליסטישער קאנדידאט איז ביי די פריימערים געלאפען דער דריטער, ערשיינט זיין נאמען גאר ניט אף'ן אפיציעלען באלאט. דעמאלט טאר קיין סאציאליסט שוין ניט וואוטען לחלוטין, ווארים פאר א קאנדידאט פון אנאנדער פארטיי טאר מען דאך ניט וואוטען. הערט־זשע איצטער וואס בערגער זאגט אין זיין ערסטען ארטיקעל:

„וואו די טעארעטישע קענטניסען פון די מיטגלידער באשטעהען פון עטלאכע פראזען וועגען קלאסען־באוואוסטזיין, מעהרווערט, דער אונקאמפראמיסליכער רעוואלוציאן א. אז. וו., מעג זיין נויטיק צו בינדען און היטען דעם סאציאליסטישען וואוטער, ער זאל ניט פארבלאנדזשען. אבער עס איז טיראניש און אפשטויסענד פאר סאציאליסטען, וואס ווייסען, פאר וואס זיי זיינען סאציאליסטען, און וויסען די פרינציפען און די טאקטיק פון דער אינטערנאציאנאלער באוועגונג. די צרה איז, וואס עס זיינען נאך פאראן ארטאדאקסאלע מיטגלידער, וואס ווילען בעסער א סאציאליסטישע טשוירטש ווי א סאציאליסטישע פארטיי. די דאזיקע צדיקים שטיצען זיך אף א בראשורע, וואס ווילהעלם ליעבקנעכט האט געשריבען אין 1867, ווען ער איז דורכגעפאלען פאר א צווייטען טערמין. זיי ווייסען ניט, אז שפעטער האט זיך ליעבקנעכט אפגעזאגט פון יענער שטעלונג.

„פאר א קליינע ארגאניזאציע מעג עס אפשר זיין נישקשה ניט צו וואוטען נאך דעם, ווי אונדזער קאנדידאט איז אויסגעשלאסען געווארען ביי די פריימערים. וואו די סאציאליסטישע

פארטיי איז שוין אויסגעוואקסען, איז דאס פשוט א מניעה. פאָ־ליטישע אקציאָן מוז האָבען א ציל, אָדער זי ווערט לעבערלאך. מיר וואוטען, כדי צו לאָזען וויסען, וואס מיר ווינשען בנוגע צו דער רעגירונג און די געזעצען פון דער מדינה, אין וועלכער מיר וואוינען. אָדער צו מאכען אזעלכע ענדערונגען אין דער אָנווענ־דונג פון דיזע געזעצען, וועלכע די מאַיאָריטעט פון די וואָ־טערס געפינט פאר נויטיק. געוויסע פון דיזע ענדערונגען קען מען דורכפירען אפילו נאָך דעם, ווי אונדזערע קאנדידאטען זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען ביי די פריימעריס, אויב מיר וועלען זיך באנוצען ווי געהעריק מיט דער קראפט פון דער פארטיי ביי דער הויפט־וואל (ביי דער „עלעקשאָן”).

„יענע, וואס גלויבען גאָר ניט אין א רעגירונג, ווי למשל די אַנאַרכיסטען, זיינען לאָגיש ווען זיי ווייזען צוריק דעם באַלאָט. אָבער פאר סאָציאַליסטען, וועלכע גלויבען אין דעמאָקראטיע, איז עס ניט קאנסעקווענט אָפּצוזאָגען זיך פון וואוטען נאָר דערפאר, וואס זייער אייגענער קאנדידאט איז ניט דורכגעגאנגען ביי די פריימעריס. אימפּאסיביליסטען מעגען האַלטען זייער אונזיניקע טאַקטיק פאר די עכטע קלאסען־באוואוסטע און רעוואָלוציאָנערע פּראָצעדור. זי איז דאס ניט. אויב מיר גלויבען אין פּאָליטישע אקציאָן און אין דעמאָקראטיע, איז אונדזער פירונג איינפאך נאָ־ריש. קיין אנדער סאָציאָליסטישע פארטיי אין דער וועלט האלט ניט פון אונדזער מעטאָדע.

„געוויסע פון אונדזערע אָרטאָדאָקסישע פירערס טענה'ן אבער, אַז אונדזער פארטיי וואָלט באַלד געוואָרען קארופּט, אויב מיר זאָלען דערלאָזען אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, ווי אין אנדערע לענ־דער אויסצוקלייבען, ווען אונדזערע מיטגלידער זאָלען אונטער־שטיצען נאָך דעם ווי אונדזער קאנדידאט איז דורכגעפאלען ביי דער פריימערי. אַף דעם איז אונדזער ענטפער: אויב אונדזער מיט־גלידערשאפט פארדינט ווייניקער צוטרויען, ווי די סאָציאַליסטי־שע מיטגלידערשאפט פון יעדער אנדער לאנד, איז אונדזער אמע־ריקאנער פארטיי א מיזעראבלער דורכפאל. יעדע ווייטערע אר־בייט וואָלט געווען נוצלאָז.

„דער פארבאָט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פארטיי איז אויך העכסט אונדעמאָקראטיש, ווייל ער נעמט אוועק דאס שטימ־

רעכט ביי אונדזערע פּאַרטיי־מיטגלידער. עס איז נאַריש און ניט לאָגיש, ווייל אין די לעדזשיסלעיטשורס, אין די שטאַט־פּאַרוואַל־טונגען, אין די סקול־באָארדס מוזען אונדזערע פּאַרטרעטער שטי־מען ענטוועדער מיט איין זייט אָדער מיט דער אַנדערער, אויב זיי ווילען וואוטען. אַף דעם אופן ערלויבען מיר אונדזערע פּאַרטרע־טער צו טאָן אַלע טאָג דאָס, וואָס די מיטגלידער אַליין טאָרען ניט טאָן אפילו איין מאָל א יאָר.

„ווען אָבער אונדזערע מיטגלידער גיבען אָפּ זייער וואוט, קען קיינער זיי ניט היטען. פילע פון די בעסטע וואוטען פאַר א קאַנ־דידאַט, וועלכען זיי באטראכטען פאַר דעם נאָהענטסטען צו אונדז. אַף דעם אופן ווערט דער וואוט צושפּאָלטען, און אונדזער פּאַר־טיי ווייזט אויס שוואַך, אנשטאָט וואָס זי זאָל אויסזעהן שטאַרק.

„דיזער אונזיניקער פאַרבאָט העלפט די קאַפּיטאַליסטישע רע־אַקציאָנערען און די יוניאָן־פּאָליטישענס. אונדזער פּאַרטיי איז געבונדען, הענט און פיס, דורך איר קאָנסטיטושאָן, — זיי האָבען א פרייע האנט צו האנדלען מיט די ארבייטער־וואוטס“.

אין אן אנדער ארטיקעל קומט בערגער ווידער צו דער פראגע וועגען „וואוטען ביי דער צווייטער עלעקשאָן“.

„וועניקער פון די ניין־צענטעל סאָציאַליסטישע וואוטערס, וואָס באלאנגען ניט צו דער פּאַרטיי, ווייסען פוּן דעם חרם“, — זאָגט ער, ס'הייסט נעגען וואוטען פאר א קאַנדידאט פון אן אנ־דער פּאַרטיי — „און קיינער פון זיי גיט אַף דעם קיין אכטונג ניט“. זיי וואוטען געוועהנלאך אין אזא פאל פאר א „גוטען מאן“.

„דאָס קענען מיר ניט אָפּשאפען. מיר קענען אָבער איינ־פירען אַזעלכע אָפּמאכען, וואָס דער ארבייטער־קלאס אַלס גאַנצער וועט פון זיי פּראָפיטירען, ווייל זיי וועלען זיך שטיצען אַף פּרינ־ציפּען, ניט אַף פּערזאָנען“. אין א קעפּעל פון איינעם פון זיינע לייט־ארטיקלען פרעגט בערגער ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס וויל זי זיין: — „אַ סעקטע אָדער א פּאָליטישע פּאַרטיי?“

„דער פאראכטונגס־ווערטהער סעקטאַנטישער געדאנק, אז יעדערער וואָס איז ניט קיין סאָציאַליסט איז דערמיט גופא א שווינדלער אָדער א שוטה, איז צו חוצפּה'דיק, אז עס זאָל ווערט זיין

אפילו איין מאָמענט עס צו באַטראַכטען. די סאָציאַליסטען האָ־
בען ניט קיין חזקה אויף די גאַנצע צדקות און די גאַנצע חכמה
פון דער וועלט. אויב עס וואָלט געוועזן אַזוי, וואָלט אונדזער זאַך
געווען האָפנונגסלאָז.

„שוין גאָר אַ מאָדנע טענה איז די מורא, אַז אונדזערע מיט־
גלידער וועלען פאַרלירען זייער קלאַסען־באַוואוסטזיין און זייער
סאָציאַליזם, אויב מ'וועט זיי ווען עס איז לאָזען וואָטען פאַר
איינעם, וואָס איז ניט קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי. אַ ווייבעל,
וואָס מ'מוז שטענדיק האַלטען פאַרשלאָסען, כדי זי זאָל ניט אָנ־
ווערען איר ערע, האָט באמת ניט פיל ערע אָנצואָווערען, און אַ
סאָציאַליסט וואָס מ'מוז עם איינהאַלטען מיט אייזערנע פּראָווי־
לעס, ער זאָל ניט וואָטען פאַר קיינעם חוץ אַ פּאַרטיי־מיטגליד,
אויס מורא, ער זאָל ניט אָנווערען זיינע סאָציאַליסטישע פּרינ־
ציפּען, — אַזאַ סאָציאַליסט האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין סאָ־
ציאַליסטישע פּרינציפּען, וואָס ער זאָל זיי קענען אָנווערען.

„די ניט־סאָציאַליסטישע וואָטערס אין אַמעריקע האָבען ניט
אַרויסגעוויזען דעמזעלביקען גייסט פון שנאה, וואָס אונדזערע אָר־
טאָדאָקסישע מיטגלידער פּרעדיקען. זיי וואָטען אָפט פאַר אונ־
דזערע קאַנדידאַטען, צום ביישפּיל, ניט מער ווי אַ פערטעל פון
קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן'ס וואָטס זיינען סאָציאַליסטישע
וואָטס. מאיר לאָנדאָן האָט געקראָגען כמעט פיר מאָל אַזוי פיל
וואָטס ווי די אַנדערע קאַנדידאַטען אויף דעם סאָציאַליסטישען
טיקעט. כמעט דריי פערטעל פון לאָנדאָנס וואָטערס האָבען גע־
שטימט פאַר די איבעריקע קאַנדידאַטען פון די ניט־סאָציאַליס־
טישע טיקעטס. דאָך זיינען אפילו אונדזערע אָרטאָדאָקסישע מיט־
גלידער געווען מלא שמחה צו קריגען ניט־סאָציאַליסטישע וואָטס
פאַר מאיר לאָנדאָן און האָבען באַטראַכט זיין ערוועהלונג פאַר אַ
גרויסען זיג פאַר די זאַך פון סאָציאַליזם.

„דיזעלביקע זאַך האָט פּאַסירט ביי דער לעצטער שטאָטישער
וואַל אין שיקאַגאָ. דזשאָן קענעדי, דער קאַנדידאַט פאַר אָלדער־
מאַן אין דעם זיבען־און־צוואַנציקסטען וואָרד, האָט געקראָגען
11.873 וואָטס, בעת סטעדמאַן, דער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר, האָט
דאָרטען געקראָגען נאָר 2,183 וואָטס. ראָדריגעז איז ערוועהלט
געוואָרען אין דעם פופצעטען וואָרד פאַר אָלדערמאַן מיט 6,265

וואוטס, בעת סטעדמאן האט געקראגען סך הכל 1703. האבען אונ־דזערע ארטאדאקסישע מיטגלידער פראטעסטירט? ניין, די וואל פון די צוויי סאציאליסטישע אלדערמען איז אדווערטייזט געוואָרען איבער דער ברייטער וועלט אלס א גרויסער סאציאליסטישער זיג, אפילו אין דעם „אמעריקאן סאשעליסט" (דעם אפיציעלען אר־גאן פון דער נעשאנאל קאמיטע פון דער פארטיי), און קיינער האט ניט פראטעסטירט.

„די ווירקונג פון אונדזער שמאלער פאליסי אף אונדזער באַ־וועגונג איז זעהר שלעכט. מיר מאכען ניט קיין פארטשריט. מיר קענען קיינמאל ניט האפען צו פארבעסערען דעם אלגעמיינעם צו־שטאנד אדער אריינצוקריגען אין אונדזערע הענט די מאשינע־רי פון דער רעגירונג מיט אזא טאקטיק. אויב מיר ווילען זיך אז איר ווייטער האלטען, מוז פון אונדז ווערען א קליינע, פאַר־ביטער־טע סעקטע, ווי די ס. ל. פּ. אויב דיעזע טאקטיק וועט באלד ניט איבערגעביטען ווערען, וועט דער אמעריקאנער פראלעטאריאט ענטוועדער מוזען געפינען אן אנדער פאליטישען אויסדרוק פאר זיינע פאדערונגען און געדאנקען, אדער דער ארבייטער קלאס וועט דארפען ווארטען ביז וואנען געוויסע סאציאליסטישע פאדערונ־גען וועלען לאנגזאם אנגענומען ווערען און באפרידיקט ווערען פון דעם קאפיטאליזם".

וואס־זשע איז בערגער'ס פלאן? אפשר, מיינט איר, גאר פיוזשאן? חלילה, גאט זאל אונדז אויסהיטען.

„קיין קלאסען־באוואוסטער סאציאליסט וועט קיינמאל ניט רעקאמענדירען קיין „פיוזשאן" מיט קיין קאפיטאליסטישער פאר־טיי. דאס איז אונמעגלאך" — זאגט ער.

טו וואס־זשע? הערט זיך צו מיט קאפ:

„עס זיינען פאראן אזעלכע, וואס ווילען געהן צוזאמען מיט אונדז א גרויסען טייל פון אונדזער וועג — דעם טייל וואס ליגט נאך ביי אונדז ווייט פון פארענט, — כאטש זיי ווילען ניט געהן מיט אונדז איבער דער גאנצער לענג ביז צום ענדציל.

„אין נאמען פון פראסטען שכל, פאר וואס זאלען מיר ניט טארען וואוטען — נאכדעם ווי אונדזער קאנדידאט איז דורכגע־פאלען ביי די פריימערים — פאר אזעלכע קאנדידאטען, וואס

זיינען פריינטלאך צו אונדז? פאר וואָס זאָלען מיר ניט טאָרען אננעמען זייער אינדאָרסמענט פאר דער פריימערי?"

אָט דאָ וועלען מיר זיך אָפּשטעלען אף א ווײַלע, ווען בערגער רעדט פון אָננעמען אן אינדאָרסמענט פאר דער פריימערי, קען דאָס האָבען נאָר איין זין, לויט דעם וואָל־געזעץ, — דאָס הייסט, אז אן אנדער פארטיי זאָל אופשטעלען דעם סאָציאליסטישען קאנדידאט אף איר צעטעל ביי די פריימערים. מיט אנדערע ווערטער, ער וויל, אז א סאָציאליסטישער קאנדידאט זאָל אויך מעגען לויפען אף א „קאפּיטאַליסטישען" טיקעט*).

הײַנט, פאר וועלכע מצוות וועלען דאָס די פּאָליטישענס פון ערגעץ א קאפּיטאַליסטישער פארטיי ארופשטעלען א סאָציאליסטישען קאנדידאט אף זייער טיקעט? דערפאר, פארשטעהט זיך, וועלען דערנאָך, ביי דער רעכטער עלעקשאָן, די סאָציאליסטישע וואוטערס שטימען פאר אזעלכע קאפּיטאַליסטישע קאָנדידאטען, „וואָס זיינען פריינטלאך צו אונדז".

נאָך אַמאָל: א סאָציאליסטישער קאנדידאט וועט ווערען נאָמינירט פון א קאפּיטאַליסטישער פארטיי און סאָציאליסטישע וואוטערס וועלען שטימען ביי דער עלעקשאָן פאר קאפּיטאַליסטישע קאָנדידאטען.

און ווי וועט מען דאָס מאכען?
הערט ווייטער:

„זאָל אונדזער פארטיי, אזוי ווי אונדזערע שוועסטער־פארטייען אין אייראָפּעאישע לענדער און אין אויסטראַליען, דורך די קאונטי קאָמיטע אָדער דורך די סטעיט קאָמיטע אויסקלייבען דעם אנדערען קאָנדידאט (ס'הייסט דעם „קאפּיטאַליסטישען"), פאר וועמען מיר דארפען וואוטען ביי דער צווייטער עלעקשאָן".

איצטער איז דער פּלאַן גאַנץ קלאָר. ביי די פריימערים וועט איינע פון די קאפּיטאַליסטישע פארטייען ארופשטעלען א סאָציאַליסטישען קאָנדידאט, אָדער א פּאָר סאָציאליסטישע קאָנדידאַ־

---

*) ווען איך זאָג, אף „אַ קאַפּיטאַליסטישען" טיקעט, איז דאָס דערפאר, ווייל אף דעם לשון פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי איז דאָך יעדע אַנדערע פארטיי אַ קאַפּיטאַליסטישע. איך האָב פיינט צו פּשט'לען זיך צוליב ווערטער.

טען, או זביי דער עלעקשאַן וועט די צענטראל קאָמיטע פון דער סאָציאליסטישער פארטיי אנווייזען די סאָציאליסטישע וואוטערס פאר וועלכע קאפיטאליסטישע קאנדידאטען זיי זאָלען וואוטען. דער טרפה׳ר וואָרט „פיוזשאַן" ווערט ניט געברויכט. אָבער, אויב דאָס איז ניט פיוזשאַן, טו וואָס איז פיוזשאַן?

מען קען אף בערגער׳ן קיין פאריבעל ניט האָבען—ער קען זיינע פאָפענהיימער, ווי דער דייטש זאָגט. איר ווייסט דאך, פאר דעם וואָרט „שמד" שעמט מען זיך, אבער נעמען א „טויפשיין" ביי א לוטעראנישען פאסטאָר הייסט דאך ניט שמד׳ען זיך*).

אַלזאָ בערגער וויל מאכען פיוזשאַן מיט אנדערע פארטייען. דער עיקר איז ניט, צי די פריימערי לאָאָס זיינען אזוי געמאכט, אז א סאָציאליסטישער קאנדידאט קען ניט ארופקומען אף דעם באַ־לאָט ביי דער ריכטיקער עלעקשאַן, צי ער קען יע ארופקומען און האט ניט די מינדעסטע אויסזיכטען ערוועהלט צו ווערען. דעריבער דארף מען ניט אויסטייטשען בערגער׳ס ארגומענטען אין אַן ענגען זין, אזוי ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט נאָר וועגען א לאָקאלער פראגע. די זעלבע ארגומענטען פאסען זיך אויך פאר אנדערע סטעיטס, וואו דער וואוטער האָט די געלעגענהייט צו וואוטען מער ווי איין מאָל.

צום ביישפּיל, אין דזשוירזי־סיטי איז איינגעפירט דער „פרעפערענשעל באלאָט". אף דעם באלאָט איז געדרוקט א ליסטע קאנדידאטען און ביי יעדען נאָמען זיינען פאראַן פיר קעסטאלאך: אין דער ערסטער קעסטעל מאכט דער וואוטער א צלם פאר דעם קאנדידאט, וואָס ער וויל בעסער פאר אלעמען, אין דער צווייטער — פאר יענעם מיט וועלכען ער מוז זיין צופרידען, אויב ער קען ניט אויסקלייבען דעם ערסטען, א. אַ. וו. נאך דער קאנסטיטושאַן פון דער סאָציאליסטישער פארטיי מוז א סאָציאליסט מאכען א צלם נאָר אין דער ערסטער קעסטעלע. אויב דער סאָציאליסטישער קאנדידאט וועט קריגען מער וואוטס

*) אַזוי האָט מיט פינף און פערציק יאָר צוריק גע׳טענה׳ט מיין זיידע עה"ש, זעהר אַ פרומער איד, ווען עס האָט זיך געטראָפען, אז איי־נער פון אונדזער משפחה האָט זיך אָגע׳שמד׳ט ביי אַן ענגלישען פאס־טאָר אין מאָסקווע.

ווי אלע אנדערע צוזאמען, איז רעכט, דעמאלט איז ער ערוועהלט. אויב ניט, טאר א סאציאליסטישער וואוטער פאר קיין אנדער קאנדידאט ניט שטימען.

אז אנדער ביישפיל איז די שטאט פארטלאנד, אין דעם סטעיט מיין. דאס איז דער איינציקער סטעיט, וואו עס זיינען פאראן שטיכוואלען. ביי דער וואל אין נאוועמבער 1901, האט קיינער פון די קאפיטאליסטישע קאנדידאטען פאר מעיאר ניט באקומען קיין מאיאריטעט, ווייל די סאציאליסטען האבען געהאט די „באלאנס אוו פאוער". עס איז פארגעקומען א שטיכוואל מיט דעם זעלבען רעזולטאט. נאך דעם געזעץ נאך ווערט אין אזא פאל דער מעיאר ערוועהלט דורך די באארד אף אלדערמען", אלזא א רעפובליקאנער איז ערוועהלט געווארען.

די סאציאליסטען וואלטען נאך דער ערסטער וואל געקענט צווינגען איינע פון די צוויי פארטייען, אז זי זאל ארויסשטעלען אן אנשטענדיקען מענטשען פאר א קאנדידאט, ניט קיין פאלי־טישען, און ער זאל זיך עפענטלאך פארפפליכטען דורכצופירען געוויסע פאדערונגען פון דער סאציאליסטישער שטאט־פלאט־פארמע (דער פראגראם־מינימום).

אין ניו־יארק מעג יעדער סאציאליסט זיך רעגיסטרירען פאר די פריימערים פון דער סאציאליסטישער פארטיי און דערנאך וואוטען ביי דער וואל. דער אויסגאנג פון די פריימערים ווייזט שוין, צי דער סאציאליסטישער קאנדידאט האט אן אויס־זיכט ערוועהלט צו ווערען. אויב ער קריגט עטלאכע הונדערט וואוטס און די קאנדידאטען פון אנדערע פארטייען קריגען טוי־זענטער וואוטס, איז דאך שוין קלאר, אז ער וועט ניט ערוועהלט ווערען. פונדעסטוועגען טאר א פארטיי־מיטגליד פאר קיין אנדערען ניט וואוטען.

די „פריימערי לאאז", אדער ענלאכע געזעצען, זיינען שוין איינגעפירט געווארען אין פילע סטעיטס און די באוועגונג פאר־שפרייט זיך. אין קורצען וועלען אומעטום אין אמעריקע איינגע־פירט ווערען שטיכוואלען אין איין פארמע אדער אין אן אנדע־רער.

בערגער טרעט ארויס געגען דעם, וואס די סאציאליסטישע פארטיי, מיט איר איצטיקער טאקטיק, זאגט זיך אפ פון דעם

איינפלוס, וואָס זי וואָלט געקענט האָבן אויף די אַלגעמיינע פּאָלי־טיק פון לאַנד. „דערמיט וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי האָלט זיך אינגאַנצען פון וויטען — זאָגט ער — ווערען מיר פּאַראַליזירט אַלס אַן אָרגאַניזאַציאָן און מיר פּאַרלירען אונ־זער רעכט צו וואָוטען אַלס יחידים".

אויב די פּאַרטיי זאָל באַשטימען, „צי עס איז פאַראַן אַ קאַנ־דידאַט, וואָס פאַרדיענט אונדזערע וואָוטס", — ס'הייסט אַ „קאַ־פּיטאַליסטישער" קאַנדידאַט — וואָלט דער אַרבייטער־קלאַס אָדער די פּאַרטיי האָבען אַ תכלית דערפון".

וואָס פאַר אַ תכלית?

„אַ גוט־רעגולירטע פּראָצעדור פון דעם סאָרט וואָלט צוגע־געבען אונגעהויער צו אונדזער כח און אונדזער געוויכט. מיר וואָלטען האַלטען די באַלאַנס אָוו פּאַור אין פילע פעלע און מיר וואָלטען קענען דורכצווינגען געזעצען אפילו נאָכדעם ווי מיר זיי־נען דורכגעפאַלען ביי די פּריימערים".

וואָס מאַכט דאָס אָבער אויס, וואו מען פאַלט דורך, צי ביי די פּריימערים, צי ביי דער עלעקשאָן, אויב מען האָט די קראַפט דורכצוצווינגען אַ געזעצע וואָס וועט זיין גוט פאַר דעם אַרביי־טער קלאַס?

אין בערגער'ס שלום־אַרטיקעל ווערט די פראַגע געשטעלט ברייטער:

„יעדער פּאַרזוך אָוועקצונעמען דירעקט דעם וואָוט ביי דעם אַרבייטער־קלאַס שטויסט זיך אָן אויף אַ קרעפטיקען פּראָטעסט. גענעראַל־סטרייקס זיינען געפירט געוואָרען מיט גרויסע אָפּפער פאַר דאָס רעכט צו וואָוטען. פילע רעוואָלוציעס האָבען באַצאָלט מיט מענטשלאַכע לעבענס צו געווינען אָדער אופצוהאַלטען דאָס רעכט צו וואָוטען. די סאָציאַליסטען ווערען באַטראַכט אַלס די ספּעציעלע פּאַרטיידיקער פון דעם שטימרעכט פון די אַרבייטער. און פונדעסטוועגען האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַ פּונקט אין איר קאָנסטיטושאָן, וואָס לעגט אריין די וואָפען אין די הענט פון אירע שונאים אָוועקצונעמען דאָס שטימרעכט ביי די סאָציאַ־ליסטען...

„אין יעדער אנדערער לאַנד, אָן קיין שום אויסנאַם, באַשטימען די סאָציאַליסטען, דורך א מאַיאָריטעט אין זייער אייגענער אָרגאַניזאַציאָן, פאַר וועמען זיי זאָלען שטימען ביי דער לעצטער וואַל אין די אינטערעסען פון דער פּאַרטיי און פון דעם אַרבייטער־קלאַס. אויב מען קען בעסער אויספירען דערמיט וואָס מען ענטזאַגט זיך גאָר צו וואָטען, טוט מען אַזוי. אָבער אויב מען קען געווינען אַזעלכע הנחות, וואָס די גאַנצע פּאַרטיי באַטראַכט פאַר ניצליך, ניט איינצעלנע פּאָליטישענס מיט אייגענע „סקימס" ווי איצטער, דעמאָלט ווערט דער סאָציאַליסטישער וואוט באַנוצט אויף אַזאַ אופן.

„די ענגלישע סאָשאַל־דעמאָקראַטיק פעדערעישאָן, בשעת זי איז באַטראַכט געוואָרען פאַר די העכסט מאַרקסיסטישע פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט, האָט אין דער צייט פון א גאַנצען דור געהאַט א פאָדערונג אין איר פּלאַטפאָרמע פאַר „צווייטע וואַהלען", וואו דער סאָציאַליסטישער וואוט זאָל קענען אויסגענוצט ווערען אויף דעם אופן, נאָכדעם ווי ער איז איין מאָל אָפּגעגעבען געוואָרען אַלס פּראָטעסט און געצעהלט געוואָרען ביי דער ערסטער עלעקשאָן".

בערגער שליסט זיין לעצטען אַרטיקעל מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„עס איז א צייט פאַר די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען צו באַשליסען, צי זיי ווילען פאַרלירען זייער רעכט צו וואָטען צוליב א דאָגמאַט".

11.

פיוזשאָן אָדער אָפּאָרטוניזם?

אַזוי לאַנג ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טאָר ניט אייננעהן אין קיין שום אָפּמאַכען מיט אַן אַנדער פּאַרטיי, ווי פּאָרטשריטלאַך יענע פּאַרטיי זאָל ניט זיין, און אַזוי לאַנג ווי די סאָציאַליסטישע וואָוטערס אליין זיינען ניט געניג אין צאָל צו פאַרזיכערען די וואַל פון דעם סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט, זוכט מען אויסצירעדען פאַר עם וואָוטערס, וואָס שטימען פאַר אַנדערע פּאַרטייען.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואַרפט חנ׳דעלאַך אויף די קאָנסערוואַטיווע טרעיד־יוניאָניסטען און אויף די פאַרמערס, און אויף די פרומע קריסטען, און זוכט צוצופּאַסען איר סאָציאַליזם צו זייערע קאָנסערוואַטיווע אידעען.

ווייל מען אריינקריגען טרעיד־יוניאָניסטישע וואָוטערס און די טרעיד־יוניאָניסטען זיינען געגען אימיגראַציע, קומט דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט ארויס געגען אימיגראַציע. די ווייסע אין די סויט האָבען פיינט די שווארצע, קומען ארויס די סאָציאַליסטישע פּאָליטישענס פאר די הערשאַפט פון דער ווייסער ראַסע און פאר באַשרענקונגען געגען די שווארצע.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נאָר געגען קאָמפּראָמיס מיט אנדערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, — אפילו מיט אן ארבייטער־פּאַרטיי, ווי אין קאַליפאָרניא, אָדער מיט אן אונפּאַרטייאישען סאָציאַליסט, ווי דער אמאָליקער מעיאָר פון טאָלידאָ, — אָבער זי איז שטענדיק גרייט צו מאַכען א קאָמפּראָמיס מיט אירע אייגענע פּרינציפּען, ווען זי האָפט דערמיט אָפּצוכאַפּען די וואָוטס פון די זעלביקע אָרגאַניזאַציעס.

ווען אָבער מ׳וואָלט זיך ניט געדאַרפט נאָכיאָגען נאָך אזעלכע וואָוטערס, וואָס זיינען ניט סאָציאַליסטיש געזאָנען, ווייל מ׳וואָלט זיך געקענט פאַראייניקען מיט אנדערע פּאַרטייען אויף א געוויסער איינטיילונג פון עמטער אָדער דיסטריקטען, וואָלטען זיך די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען געקענט בלייבען שטרענג פּרינציפּיעלע סאָציאַליסטען און קריגען די שטיצע למשל פון די פּראָגרעסיווע רעפּובליקאַנער אין מילוואָקי, דערפאר וואָלטען די סאָציאַליסטען אונטערשטיצט די קאַנדידאַטור פון דעם פּראָגרעסיווען רעפּובליקאַנער לאַפּלעט פאר דעם סענאַט פון די פאראייניקטע שטאַטען. וואָלט דאָס הייסען פארשמעלצען זיך מיט דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי? אזעלכע אבמאַכען צווישען די סאָציאַליסטען און די בורזשואַזנע פּאַרטייען קומען פאָר אין אייראָפּע גאָר ניט זעלטען, — הייסט דאָס, אז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָדער די סאָציאַליסטישע פּאַרטרעטער נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאר יענע פּאַרטייען?

מ'זאָגט, אז דורך דעם, וואס סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען ערשיינען אויף דעם באַלאָט, מאַכט מען דעם עולם באַקאַנט מיט דעם פאַקט, אַז עס זיינען פאַראַן סאָציאַליסטען אויף דער וועלט.

אָבער וואו שטעהט דאָס, אז מ'מוז דוקא נאָמינירען א קאַנדידאַט פאַר אַ גאָווערנאָר, וואס מ'ווייס אין פאָראויס, אז מ'קען עס ניט ערוועהלען? ווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט שוין געהאַט אַ פּאָר צענדליק דעפּוטאַטען אין רייכסטאַג, האָט זי נאָך ניט אַרויסגעשטעלט קיין אייגענע קאַנדידאַטען אין יעדען דיסטריקט. עס איז געװען אַרויסצושטעלען קאַנדידאַטען דאָרטען, וואו מ'האָט אַ שאַנס צו ערוועהלען אָדער וועניגסטענס צו ציהען אַן אַנשטענדיקען וואוט; וואו אָבער מ'קען גיין אייגענעם קאַנדידאַט ניט ערוועהלען, דאַרף זיך אַן אמת'ע אַרבייטער־פּאַרטיי באַנוצען מיט אירע שטימען ענטוועדער עפּעס אָפּצוּוויגען פאַר די אַרבייטער פון אַנדערע פּאַרטייען, אָדער צו העלפען ערוועהלען אַזעלכע קאַנדידאַטען, וועלכע וועלען ניט זיין פיינדליך צו דעם אַרבייטער־קלאַס.

עס איז ניט ריכטיק, ווען מ'זאָגט, אַז אַלע קאַנדידאַטען, אַ חוץ די סאָציאַליסטישע, זיינען פיינדליך צו די אַרבייטער. דער שעריף, דער מעיאָר, דער סיטי־מאַרשאַל און די אַנדערע בעאַמטע אין קאָלאָראַדאָ, וואָס די קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך געקליבען הייננען אין 1904, האָבען פּונקט אַזוי טריי געדינט די אַרבייטער, ווי די סאָציאַליסטישע בעאַמטע.

ווען מ'זאָל האַלטען, אַז אַלע אַרבייטער, אַ חוץ די סאָציאַליסטען, זיינען קאָרופּט און קענען גאָר ניט אויסקלייבען צווישען זיך קיין ערלאַכען מאַן, וואָס זאָל רעפּרעזענטירען זייערע אינטערעסען אין דער שטאַט־רעגירונג אָדער אין דער לעדזשיסלעיטשור, דאַן האָט מען לחלוטין ניט וואָס צו האָפען פון דעם אַרבייטער־קלאַס.

אין אַ וואַלקאַמפּף, דאַרף מען וויסען, האַנדעלט זיך ניט וועגען אַלגעמיינע פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונגען, נאָר וועגען איינצעלנע פּראַקטישע פראַגען: צי זאָל מען אויס'הרג'ענען די פיליפּינער? צי זאָל די שטאָט ניו־יאָרק ליגען אין די הענט פון אַ באַנדע גנבים און „קאַרעטען“? צי זאָל דער סטעיט קאָלאָראַדאָ פאַרבליי־

בען אונטער א סאָלדאַטסקער רעגירונג, אָדער עס זאָל ווידער ווערען א דעמאָקראַטישע רעפּובליק? צי זאָלען די שטאָטבאַנען פֿאַרבלייבען ביי די קאָמפּאַניס, אָדער זיי זאָלען באַלאַנגען צו דער שטאָט? אויף די אַלע פֿראַגען קען דער וואַוטער נאָר ענטפֿערען: „יע“, אָדער „ניין“. ווען איר שטימט ניט דאַפֿיר, ווערט אייער וואַוט גערעכענט דאַגעגען. עס מאַכט גאָר ניט אויס וואָס איר האָט בשעת מעשה גאָר געהאַט אין זינען די אָפּשאַפֿונג פֿון פּריוואַט־אייגענטום אין גאַנצען.

נאָר דאַן, ווען אַלע אַנדערע קאַנדידאַטען זיינען רעאַקציאָנער, האָט א זין אויפֿצושטעלען א סאָציאַליסטישען פּראָטעסט־קאַנדידאַט.

מען האָט מורא, אַז פּיוזשאַן קען אָפּשוואַכען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. לאָז זיין אַפילו אַזוי. אָבער, ווי יעזוס האָט געזאָגט, ניט דער מענטש איז באַשאַפֿען פֿאַר דעם שבת, נאָר דער שבת פֿאַר׳ן מענטשען: א פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע דערלאָזט ניט די אַרבייטער צו פֿאַרבינדען זיך מיט ערגעץ א פּאַרטיי אָדער א געזעלשאַפֿטס־קלאַס, ווען עס קען דערמיט אויסגעפֿירט ווערען אַ אַרבייטערפֿאָדערונג, — איז א שטערונג פֿאַר די אַרבייטער־באַוועגונג. די פּראַקטיקע האָט אָבער געוויזען, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווערט אָפּגעשוואַכט דוקא דורך איר „אונקאָמפּראָמיסליכקייט“, די וואַוטערס מאַכען דעם קאָמפּראָמיס פֿאַר זיך, אָן דער פּאַרטיי. ווען עס הויבט זיך אָן א פֿאָלקס־באַוועגונג, וועלכע איז אין איינקלאַנג מיט געוויסע פֿון די סאָציאַליסטישע פּרינציפּען, איז פּשוט נאַריש צו שטעלען זיך דאַגעגען צוליב די אינטערעסען פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

עס איז פֿאַראַן א פּרינציפּיעלע נפֿקא־מינה פֿון א קאָמפּראָמיס פֿון איין פּאַרטיי מיט אַנאַנדערער ביז אָפּאָרטוניזם.

ווען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די ציוניסטען אין פּעטערבורג האָבען ביי דער וואַל פֿאַר די צווייטע דומאַ אַרויסגעשטעלט אַן אַלגעמיינעם „לינקען צעטעל“ פֿון קאַנדידאַטען, האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיך ניט ערקלערט פֿאַר ציוניזם אָדער די אַלגעמיינע ציוניסטען פֿאַר סאָציאַליזם. זיי האָבען זיך נאָר פֿאַראייניגט אויף געוויסע קאַנדידאַטען, אָבער יעדער קאַנדידאַט האָט

פארטראַטען נאָר זיינע אייגענע פּרינציפּען און האָט זיך ניט אָפּגע־
זאָגט פון קיין איינציקען פּונקט פון זיין אייגענעם פּראָגראַם מיט
דעם צוועק צו כאַפּען די שטימען פון יענע, וואָס זיינען ניט איינ־
פארשטאַנען מיט זיין פּראָגראַם. אין דער שווייץ, ווען עס קומען
זיך צוזאַמען די פארטרעטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און פון
די קאַפּיטאַליסטישע פארטייען און מען פאראייניקט זיך אף איין
אַלגעמיינער ליסטע פון קאַנדידאַטען, הייסט דאָס ניט, אַז די סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטען זאָגען זיך אָפּ פון איין איינציקען פּונקט פון
זייער סאָציאַליסטישען פּראָגראַם, כדי צו געווינען חן ביי זייערע
קאַפּיטאַליסטישע געגנער. אין דער צייט פון דעם קאַמפּעין, אַזוי
ווי אין דעם שטאָט־ראַט אָדער אין דעם קאָנטאָנאַל־ראַט, פארטרע־
טען זיי נאָר יענע פּרינציפּען, וועלכע זיי באַטראַכטען פאר ריכטיק.
די וויכטיקסטע זאַך איז, וואָס זיי דארפען גאָר ניט פארלייקענען
זייערע פּרינציפּען, וואָרים זיי זוכען פאר זיך ניט קיין פרעמדע
שטימען, זיי שטיצען זיך נאָר אף זייערע אייגענע. דורך די פאר־
בינדונג מאַכען זיי נאָר גילטיק זייערע אייגענע שטימען, וואָס אַנ־
דערס וואָלטען זיי פארלאָרען געגאַנגען. דאָס איז ניט מעהר ווי אַן
אויסגלייך, וועלכער איז דער איינציקער מיטעל צו פארריכטען די
חסרונות פון דעם היינטיקען וואַל־סיסטעם

פינף-און-צוואנציקסטער קאפיטעל:

די באציהונג פון די סאציאליסטישע פארטייען צו די יוניאנס אין אמעריקע.

1.

וואס דענקען די סאציאליסטען וועגען די יוניאנס?

אין דער היגער אידישער יוניאן־באוועגונג האבען די סאציאליסטען אימער געשפילט א פירענדע ראליע. זיי זיינען געווען די יעניקע, וואס האבען פון אנהויב און אנטיילגענומען אין אלע סטרייקס, סיי אלס רעדנער, סיי אלס פירערס, סיי אלס ארגאניזאטארס. אין דער לעצטער צייט, ווען די אידישע יוניאנס זיינען געווארען שטענדיקע ארגאניזאציעס מיט באצאלטע בעאמטע, זיינען, גאנץ נאטירליך, דאס רוב פון די בעאמטע אויך מענטשען פון דער סאציאליסטישער באוועגונג.

אזוי איז עס אויך געווען אין די מערסטע דייטשע יוניאנס אין יענער צייט, ווען די דייטשען האבען אויסגעמאכט א גרויסען טייל פון דער איינוואנדערונג. אין יענער צייט זיינען די אקטיווע מיטגלידער פון די דייטשע יוניאנס אויך געווען מיטגלידער פון דער ס. ל. פ.

פארקערט, אין די זאגענאנטע „אמעריקאנער יוניאנס“, דאס הייסט אין יענע, וואו די פירערס זיינען אמעריקאנער געבארענע אדער ענגליש־שפרעכענדע אימיגראנטען, שפילען די סאציאליסטען נאך ביז דעם היינטיקען טאג א קליינע ראליע. די סאציאליסטישע טוערס האבען זיך שטענדיק באמיט צו קריגען אן איינפלוס אף אט די „ענגליש־שפרעכענדע“ יוניאנס. צוליב דעם זיינען פארגעקומען זעהר העפטיקע קעמפפע. עס איז וויכטיק זיך אפצוגעבען א קלארען די ן חשבון, וועגען וואס עס האט זיך געהאנדעלט אין דיזע קעמפפע.

די היגע סאָציאַליסטען באַטראַכטען דעם סאָציאַליזם און דעם טרעיד־יוניאָניזם אַלס צוויי גרונד־פאַרשידענע באַוועגונגען.ביידע ריכטונגען אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אי די אַלטע ס. ל. פּ. אי די היינטיקע ס. פּ., זיינען אין דעם געווען איינִיק, וואָס זיי האָבען זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט דער אייגענטליכער אויפגאַבע פון די יוניאָנס. פאַר זיי איז וויכטיק געווען צו מאַכען פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדא אין די יוניאָנס. די ס. ל. פּ. האָט עס געזוכט צו דערגרייכען דערמיט, וואָס די פּאַרטיי זאָל זיין פאַרטראָטען אין די צענטראַל־קערפּערשאַפטען פון די יוניאָנס, די ס. פּ. האָט געזוכט צו געווינען די פריינטשאַפט פון די בעאַמטע פון די יוניאָנס.

איך וועל דאָ איבערגעבען די מיינונגען פון צוויי אַנערקאַנטע סאָציאַליסטישע שרייבערס, וואָס איינער פון זיי — ראָבערט לאַמאָנט — רעפּרעזענטירט די זאָגענאַנטע „רעוואָלוציאָנערע" ריכטונג און דער אַנדערער — דזשאַשוא וואַנהאָופּ — די אָפּאָרטוניסטישע.

נאָך לאַמאָנט'ס מיינונג, איז אַ יוניאָן ניט מעהר, ווי אַ פאַראייניקונג פון אַרבייטער, וואָס זוכען צו פאַרבעסערען זייער לאַגע אויף דעם אַנדערנס חשבון*) ער גיט אַ משל פון ניו־זילאַנד, אַז ווען די בוטשער־יוניאָן האָט דאָרטען געוואונען אַ סטרייק, איז דער פּרייז פון פלייש געשטיגען; אַלזאָ, וואָס די בוטשער־אַרבייטער האָבען געוואונען, דאָס האָבען אַלע איבעריקע אַרבייטער אָנגעוואָרען. דער קאַמפּף פון די יוניאָנס געגען די קאַפּיטאַליסטען איז ניט קיין קלאַסען־קאַמפּף. דער פאַרזוך פון דער קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס**) צו פערבינדען דעם טרעיד־יוניאָניזם מיט דעם סאָציאַליזם איז געווען אַבסורד און אוטאָפּיסטיש. די פילאָסאָפיע פון

---

*) סאָשיאַליזם ענד דהי טרעיד יוניאָנס — אינטערנעישאָנאַל סאָשאַליסט רעוויו, דזשולי, 1904.

**) ביי דער קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס אין 1901 איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג צווישען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (דער „דעבסיסטישער") און דער „פּאָלקסציטונג" — פראַקציאָן פון דער ס. ל. פּ.

דעם טרעיד־יוניאָניזם איז, זאָגט ער, די זעלביקע, ווי די קאַפּיטאַ־ליסטישע: זיי „שטיצען זיך ביידע אַף די עקסטרעמע אינדיווידואַ־ליסטישע פילאָסאָפיע, וועלכע אונטערשיידעט זיך קאָם פון אנאַר־כיזם, דאָס הייסט אַף די אידעע פון פרייהייט".

איז דען ניט אמת, פרעגט ער ווייטער, אַז „די טרעיד־יוניאָן איז אין פרינציפּ געגען דעם סאָציאַליזם"? און ער ענטפערט אַף די פראַגע אַזוי:

„דער טרייד־יוניאָניזם שטיצט זיך אַף אַן אויסערסט אינדי־ווידואַליסטישע פילאָסאָפיע, וועלכע איז געפערלאַך נאָהענט צו דעם גרענעץ פון אנאַרכיע. דער סאָציאַליזם פּראָקלאַמירט די פילאָסאָפיע, אָדער ריכטיקער, די רעליגיע פון מענטשלאַכער סאָ־לידאַריטעט, און האָט ניט מורא צו זאָגען, אַז דער יחיד מוז נאָכגע־בען איבעראַל, וואו די באַהויפּטונג פון זיינע זאָגענאַנטע רעכטע וואָלט אָפּשוואַכען אָדער ברעכען די באַנדען פון מענטשלאַכער איי־ניקייט*).

„דער יוניאָניזם איז איינפאַך אַ פּראָדוקט פון אַ גוסס'ן סיס־טעם, דעם קאַפּיטאַליזם, און ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט פאַלען, וועט דער יוניאָניזם (אויב ער וועט נאָך דאַמאָלס עקזיסטירען) פאַ־לען צוזאַמען מיט עם."

איצטער לאָמיר אויסהערען וואָס עס זאָגט דער אָפּאָרטוניסט, דזשאָשוא וואַנהאָף, איינער פון די רעדאַקטערע פון דעם „ניו־יאָרק קאָל":

„די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט פירט אַן איר ארבייט און פּלאַנעוועט איר מיט דער שווייגענדער איבערצייגונג, אַז די קאַ־פּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן וועט פאַרבלייבען... פון דער אנדער זייט, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג נעמט ניט אָן דעם קאַפּיטאַליזם אַלס אַ שטענדיקע סביבה און איר גאַנצע קראַפט איז געריכטעט

*) די „זאָגענאַנטע רעכטע" איז אויסגעצייכענט. דאָס הייסט, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָך לאַמאָנט'ס פּלאַן, ווערען ניט אָנער־קענט די רעכטע פון דעם איינצעלנעם מענטשען, ווען די „איי ניקייט" קען דאַדורך ליידען.

אף זיין צושטערונג. דאָס איז דער אמת'ער תהום צווישען דער אָר־גאַניזירטער ארבייטערשאַפט און דעם סאָציאַליזם, און ביז וואַנען די יוניאָנס וועלען ניט באגרייפען און אָנעמען דעם סאָציאַליסטי־שען שטאַנדפּונקט, שיינט דער תהום צו זיין אזוי טיף, ווי צווישען קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם".

ווייטער גיט ער א לאַנגע איבערזיכט פון די פאַרשידענע סאָרטען סאָציאַליסטישע פּאָליטיק בנוגע צו די יוניאָנס, וואָס מען האָט דאָ אויסגעפּרובירט, און לסוף קומט ער צו דער איצטיקער טאַקטיק פון „דריליעווען פון אינעווענינ". דיזע טאַקטיק באַשטעהט אין דעם, וואָס מען זוכט „צו קעפּטשורען (צו פאַרכאַפּען) די יוניאָן פאַר'ן סאָציאַליזם".

„זעהר אַ גרויסער טייל פון די סאָציאַליסטען, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט" — זאָגט וואַנהאָופּ ווייטער — „פאַרלירען זייער גלייכגעוויכט, און ענטוועדער זיי ווערען אזוי דערעסען מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע דער ניט־קלאַסען־באַוואוסטער מאַיאָריטעט, אַז זיי קריגען אַ שם פאַר נודניקעס און דערמיט ענדיגט זיך זייער טעטי־קייט, אָדער זיי ווערען אזוי אַקטיוו אין דער יוניאָן־באַוועגונג, אַז זיי פאַרגעסען אף אַ צייט זייער סאָציאַליזם. עס זיינען פאַראַן אַ סך לאָקאַלע לידערס אין דער טרעיד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, וועמעס פעהיקייטען זיינען אַנערקענט געוואָרען פון דער מאַסע, און מען האָט אף זיי געווירקט, זיי זאָלען אַנעמען אָפּיציעלע שטעלען, און דער רעזולטאַט איז, אַז זיי גיבען אָפּ דעם גרעסטען טייל פון זייער טעטיקייט צו דער יוניאָן און עס בלייבט ווייניג אָדער גאָר־נישט פאַר דעם סאָציאַליזם... זיי אליין לייקענען געוועהנלאַך מיט ענטריסטונג, אַז זיי האָבען פאַרנאַכלעסיגט דעם סאָציאַליזם פאַר דעם טרעיד־יוניאָניזם, און זיי באַהויפּטען, אַז אין גרונד פון זייער טעטיקייט ליגט דער וואונש צו פעדערען די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג"*).

דאָס וועט קלעקען. איר זעט גאַנץ קלאָר, אַז ביי עם קומט אויס, אַז דער סאָציאַליזם און דער יוניאָניזם זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע באַוועגונגען. ווען אַ סאָציאַליסט וויל געווינען די יו־

---

*) „ניו־יאָרק קאָלל", דעם 11טען אוגוסט, 1915.

ניאַנס פאַר דעם סאָציאַליזם, הייסט עס, אַז ער דאַרף דאָרטען טאָן עפּעס אַנדערע אַרבייט, חוץ די אַרבייט פון דער יוניאָן גופא. ער דאַרף זיי לערנען די תורה פון דעם סאָציאַליזם, אָבער, פאַר־שטעהט זיך, נודיען דערמיט די יוניאָן־לייט דאַרף ער ניט. אַלץ דאַרף האָבען אַ מאָס.

אַז די טעטיקייט פון דער יוניאָן גופא, די וואָכעדיקע יוניאָן־אַרבייט, איז אַליין אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער עבודה, דאָס קומט עס גאָר ניט אין זינען. ער מאָלט זיך אין זיין געדאַנק צוויי באַזונדערע וועלטען: ד י וועלט און יענע וועלט. ד י וועלט איז דער קאַפּיטאַליזם און יענע וועלט איז דער סאָציאַליזם. די וועלט וועט „צושטערט" ווערען און דעמאָלט וועט זיך אָנהויבען יענע וועלט, די וועלט פון סאָציאַליזם. כל זמן מען לעבט אויף ד ע ר וועלט, איז דער מענטש פאַרטאָן אין דאגות פּרנסה. אויף יענער וועלט וועט מען דאָס ניט דאַרפען.

ביידע שרייבער ווייזען, אַז זיי האָבען אַ גאַנץ אוטאָפּיסטישע פאָרשטעלונג פון דעם צוזאַמענהאַנג צווישען סאָציאַליזם און יוניאָ־ניזם. עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך, ווי די לייט, וואָס ריידען רק פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, הויבען ניט אָן צו פאַר־שטעהן, ווי זי אַנצואווענדען*).

.2

ד י   נ ע ש י כ ט ל י כ ע   ר אָ ל י ע   פ ו ן   ד י   י ו נ י אָ נ ס.

וואָס איז דער עיקר פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע?

---

*) „דער ריכטיקער אמת איז, אַז אַ גרויסע צאָל גוט־באַקאַנטע סאָ־ציאַליסטען פאַרשטעהן ניט די אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג", האָט אין 1915 געשריבען אין דעם „ניו־יאָרק קאָלל" דזשיימס ה. מאַו־רער, דער סאָציאַליסטישער פאַרטרעטער אין דער געזעצגעבענדער פער־זאַמלונג (לעדזשיסלייטשור) פון פּענסילווייניא און צו דער זעלבער צייט אויך דער פּרעזידענט פון דער פּענסילווייניא סטעיט פעדערי־שאָן אָוו לעיבאָר.

די ארבייט, די ביזנעס פון דער געזעלשאפט, שטעלען יעדען איינעם אין א געוויסען פלאץ, וואו ער האנדעלט אזוי ווי זיין פער־זענליכער אינטערעס דיקטירט עם. ווען א סך פערזאנען טוען די־זעלבע ארבייט, אדער פירען דעם זעלבען געשעפט, טו האבען זיי דיזעלבע אינטערעסען און געוועהנלאך דיזעלבע מיינונגען, און וועלען האנדלען אף דיזעלביקע ארט. דאס איז א קלאס. דער קלאס קען האנדלען אינסטינקטיוו, יעדער איינער פאר זיך, אדער בא־וואוסטערהייט, דאס הייסט, קלאסען־באוואוסט. א געזעלשאפט באשטעהט געוועהנלאך פון עטלאכע קלאסען; ווען יעדער האנדעלט קלאסען־באוואוסט, דאס הייסט, ווען יעדער פרובירט אויסצופי־רען, וואס איז פאר עם בעסער, טו פירט עס צו א קאמפף, א קלא־סען־קאמפף. דער רעזולטאט פון די אונבאוואוסטע און קלאסען־בא־וואוסטע טעטיקייט פון פערזאנען און קלאסען איז אימער א פאר־ענדערונג; געוועהנלאך אבער איז די פארענדערונג, ווען מ'בא־טראכט זי אין גאנצען, גאר ניט דאס, וואס יעדע איינצעלנע פער־זאן אדער קלאס האט געהאט אין זינען.

איצטער נעמט דאס און פאסט דאס צו צו דעם טרעיד־יוניא־ניזם. די יוניאנס זיינען ארגאניזירט געווארען, ווייל דער קאפי־טאליזם האט געצוואונגען די ארבייטער צו פאראייניקען זיך, און די יוניאנס זיינען געוואקסען צוזאמען מיט דעם קאפיטאליזם. פריי־הער זיינען ענטשטאנען יוניאנס אין איינצעלנע פאכען אין פאר־שידענע שטעט, שפעטער האבען זיך די יוניאנס פון א געוויסען פאך פאראייניקט אין נאציאנאלע יוניאנס. היינט שטעהט פאר די יוניאנס פון דעם גאנצען לאנד די פראגע: צי זאלען די ארבייטער זיין פאראייניקט אין יעדען פאך באזונדער, אדער אלע, וואס זיי־נען באשעפטיקט אין איין אינדוסטרי, ווי אייזענבאנען, ברויערייי־ען און דערגלייכען, זאלען באלאנגען צו דער זעלבער יוניאן. אט אזוי ווערט אויסגעברייט דער געדאנק פון סאלידאריטעט. עס איז ריכטיק, אז יעדע יוניאן קעמפפט נאר פאר איר איינענעם פאך, ניט פאר דעם גאנצען ארבייטער־קלאס. אבער דער זעלבער קאמפף פירט זיך אין אלע פאכען; וויבאלד א סך פאכען געפינען זיך אונ־טער דעמזעלבען באס, א טראסט, און א סך טראסטס פארבינדען זיך אין א פאר קאמבינעישאנס, ווי די זאך שטעהט שוין היינט־צו־טאג, ווערען די פארשידענע טרעיד־יוניאנס געצוואונגענערהייט

פאראייניקט אין זייער קאמפף נעגען דעם קאפּיטאל, און פון א טרעיד־קאמפף ווערט א קלאסען־קאמפף.

די העכסטע סאָלידאריטעט ווערט ענטוויקעלט היינט־צו־טאָג נאָר אין די יוניאָנס. וואו געפינט איר נאָך אזא סאָלידאריטעט, ווי למשל, אין די מיינערס יוניאָן אין קאָלאראדאָ, וואו דער גאנצער קאמפף אין 1903 האָט זיך אָנגעהויבען וועגען עטלאכע און פערציק ארבייטער אין איין מיל, און 4,000 מאן, וואָס האָבען פארדינט דריי און פיר דאָלאר א טאָג פאר אכט שטונדען ארבייט, זיינען ארויס אין סטרייק צו העלפען יענע פערציק? איז דאָס „עקסטרע־מער אינדיווידואליזם?"

פאר איינעם, וואָס פערשטעהט, וואָס הייסט „געשיכטליכער מאטעריאליזם", איז קלאָר, אז עס מאכט גאָר ניט אויס, וואָס די טרעיד־יוניאָניסטען מיינען פון זייער קאמפף, דער עיקר איז, וואָס זיי טוען. א רעוואָלוציאָנערער קאמפף פירט זיך שוין אין אמעריקע עטלאכע צענדליק יאָר; דאָס איז ניט דער קאמפף מיט'ן צונג, מיט שעהנע פראזען, נאָר א קאמפף מיט אָפּפער: די גרויסע סטרייקס זיינען אמת'ע רעוואָלוציאָנערע קעמפפע. עס האנדעלט זיך דאָ ניט נאָר אום שכירות און ארבייטס־שטונדען, עס האנדעלט זיך אום די רעכטע פון דעם ארבייטער־קלאָס.

די באגריפען פון די סאָציאליסטען וועגען דעם „פאל פון קאַ־פּיטאליזם" זיינען נאָך ריין אוטאָפּיסטיש, אנדערס וואלטען זיי זיך ניט איינגערעדען, אז דער יוניאָניזם וועט פאלען מיט'ן קאפּיטאַ־ליזם.

דער קאפּיטאליזם וועט ניט „פאלען" דורך איין קלאפּ, אפילו ווען עס זאָל קומען צו א בלוטיקער רעוואָלוציאָן. היינט צו טאָג הויבט מען שוין אָן צו פארשטעהן, אז דער „שטאאטס־סאָציאליזם" וואקסט אויס פון דעם קאפּיטאליזם, ווייל ער איז נויטיק פאר די אינטערעסען פון דער גאנצער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. אָלע מאָנאָפּאָליסטישע געשעפטען, דאָס הייסט די זאָגענאנטע „נאַ־טירליכע" מאָנאָפּאָליעס, ווי די אייזענבאַן צום ביישפּיל, און אלע עקאָנאָמישע מאָנאָפּאָליעס, דאָס הייסט די טראסטס, וועלען אי־בערגענומען ווערען פון דער „געזעלשאפט", דאָס הייסט פון דעם שטאאט. און דאָס אנטקעגען דעם שטאאט דארפען די ארבייטער אָן

ארגאניזאציע פונקט אזוי ווי אנטקעגען דעם פריוואט־קאפיטאַ־ליסט, האָב איך שוין געוויזען אין א פריהערען קאפיטעל.

דער סאָציאליזם וועט אויסגעפירט ווערען דורך צוויי באזונ־דערע קלאסען: די קאפיטאליסטען האבען ארגאניזירט די געזעל־שאפטליכע פראָדוקציאָן און זיי וועלען אליין דורכפירען, אז אלע גרויסע געשעפטען וועלען געשטעלט ווערען אונטער די אופזיכט פון דעם שטאט. דער ארבייטער־קלאס וועט דורך זיינע יוניאָנס בים־לאכוויים אראפדריקען דעם חלק פון קאפיטאל אין דעם פראָדוקט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט און געווינען א שטימע אין דער פירונג פון דעם געשעפט. דער סאציאליזם אַן אַן ארגאניזאציע פון די שטאָטס־ארבייטער קען זיין א דאָפעלטע שקלאפעריי: אי לאָהן־שקלאפעריי, אי שטאָטס־שקלאפעריי. דער טרעיד־יוניאָניזם זוכט צו פארזיכערען דעם ארבייטער פרייהייט.

געוועהנליך, זאָגען די סאָציאליסטען, אז „שטאָטס־סאָציא־ליזם" איז נאָך ניט דער עכטער סאָציאליזם. וואס־זשע איז די נפקא־מינה פון שטאָטס־סאָציאליזם צום אמת'ן סאָציאליזם? זאָגט די סאָציאליסטישע גמרא, אז דער אמת'ער סאָציאליזם פאָדערט, אז די שטאָטס־געשעפטען זאָלען געבאלעבאטעוועט ווערען אף א דע־מאָקראטישען אופן. גאנץ גוט. ווי אזוי־זשע וועט דער דעמאָקראַ־טישער פרינציפ פון פארוואלטונג דורכגעפירט ווערען אין די שטאָטס־געשעפטען? וועט ער געשאפען ווערען איבער נאכט? מיר ווייסען, אז די דעמאָקראטיע אין דער פאָליטישער וועלט, אף אזוי פיל ווי זי עקזיסטירט, איז אויך ניט באשאפען געוואָרען מיט אמאָל. זי האָט זיך אויך ענטוויקעלט פאמעלאך. דעמאָקראטיע אין דער עקאָנאָמישער וועלט, אין דער פארוואלטונג פון אייזענבאנען, פאבריקען און אז. וו. דאַרף זיך אויך ענטוויקלען, — און די עקאָ־נאָמישע ארגאניזאציעס פון די ארבייטער זיינען טאקע די פארמע, אין וועלכער די דעמאָקראטיע ענטוויקעלט זיך אף דעם עקאָנאָמי־שען פעלד.

צו געווינען פאר דעם ארבייטער א גרעסערען חלק אין דעם פראָדוקט פון דער ארבייט און קירצערע שטונדען, מוז די יוניאָן באשטעהן, אז די ארבייטער זאָלען האבען א דעה אין שאפ. דער שאפ־מיטינג, דער שאפ־טשערמאן, — זיינען פארמען פון פאָלקס־פארוואלטונג, פון דעמאָקראטיע אין שאפ. און מיינט ניט, אז מען

קען אן דעם אויסקומען אין א געשעפט, וואס געהערט צו דעם דע־מאקראטישען שטאט, ווען די אלגעמיינע רעגירונג ווערט שוין ער־וועהלט אף א דעמאקראטישען אופן. דער אמעריקאנער ארבייטער האט א גלייכע שטימע מיט דעם קאפיטאליסט. די סחורה, וואס ווערט געמאכט אין די סטאטיסטישע פאבריקען אין וואשינגטאן, וועט'ט נים פראדוצירט אף צו מאכען פראפיט, וואָרים זי ווערט פארגאנ־דערגעשיקט פריי. אלזא, מען קען זיך נים פארשטעלען קיין בע־סערען ביישפיל פון א קהל'שער אונטערנעמונג לטובת הכלל אפילו אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט. אבער עס איז שווער צו גע־פינען אן ערגערע שקלאפעריי ווי דארטען, — און ווייסט איר פאר־וואס? ווייל די קלויקס זיינען נים ארגאניזירט און יעדער איינער קען צו יעדער צייט אפגעשאפט ווערען מיט ווייניקער צערעמאניעס, ווי א שניידער־ארבייטער.

3.

סאציאליסטישע ארבייט אין די יוניאנס.

אלזא, די ארגאניזירונג און די אויפבויאונג פון יוניאנס איז א נויטיקער טייל פון דער ארבייט פאר דעם אויפבוי פון סאציא־ליזם, דאס הייסט, פון סאציאל־דעמאקראטיע. אבער די ארגאני־זאציע פון די ארבייטער דארף טאקע זיין א דעמאקראטיע, — אויב נים, אויב אין דער אמת'ן איז די יוניאן נים מער ווי אנאנהער ביור־ראקראטישע מאשין, דעמאלט גרייט איר נים צו קיין דעמאקרא־טישע פארוואלטונג פון דער אינדוסטרי, נאר פארקערט, א פרייסי־שע פארמע פון שטאטס־סאציאליזם.

דערפון קענט איר זעהען, אז די קאנסטרוקטיווע ארבייט פון א סאציאליסט אין דער יוניאן באשטעהט נים אין דעם, וואס ער וועט האלטען דרשות וועגען דער סאציאליסטישער עולם־הבא, אדער אז דער יוניאן־מאן, וואס איז א יוניאן־מאן 364 טעג אין יאר, דארף אויך זיין א יוניאן מאן דעם טאג פון עלעקשאן, — א סאציאליסט וואס וויל ארבייטען פאר דעם סאציאליזם אין דער

יוניאָן דאַרף אויפפּאַסען, אַז די יוניאָן זאָל זיך פירען דעמאָקראַטיש אין אירע איינענע געשעפטען.

ווען איר באַטראַכט דעם פאַרהעלטניס צווישען די סאָציאַליס־טען און די יוניאָנס פון אַט דעם שטאַנדפּונקט, טו וועט איר איינ־זעהען, אַז דיזע אַרבייט האָבען די היגע סאָציאַליסטען קיינמאָל ניט געטאָן.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־טוערס האָבען זיך מיט דעם איי־נענטליכען עקאָנאָמישען קאַמפף פון די יוניאָנס אינטערעסירט, נאָר צוליב יוצא וועגען. זיי האָבען געקוקט אויף די יוניאָנס ווי פּאָלי־טישענס. זייער אמת'ער צוועק איז געווען אויסצוניצען די יוניאָנס פאַר פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדאַ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די סאָציאַליסטען האָבען אַריינגעבראַכט רעזאָלוציעס אין וועלכע די יוניאָנס האָבען גוטגעהייסען די פּלאַטפאָרמע פון דער סאָציא־ליסטישער פּאַרטיי, און ווען עס איז געלונגען דורכצופירען אַזאַ רע־זאָלוציע ביי אַ קאָנווענשאָן, האָט מען עס באַטראַכט פאַר אַ גרוי־סען זיג. ווען אַ יוניאָן האָט אינדאָרסירט אַ סאָציאַליסטישען קאַנ־דידאַט, איז דאָס אודאי געווען אַ זיג, אפילו ווען מען האָט גע־וואוסט אין פאָראויס, אַז דער קאַנדידאַט האָט ניט די קלענסטע אויסזיכט ערוועהלט צו ווערען.

פון דער אַנדער זייט, מיט זייער „נייטראַליטעט" בנוגע צו דער עקאָנאָמישער אַרבייט פון די יוניאָנס, האָבען די סאָציאַליס־טען געהאָלפען דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע צו באַפעסטיקען זיך אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג.

פינפטע אפטיילונג:

מורה נבוכים.

זעקס-און-צוואנציקסטער קאפיטעל:

דער קצור הדבר.

1.

רעוויזיאניזם און ארטאדאקסישער מארקסיזם.

מיט יעדער נייער תורה קומט פאר דיזעלביקע מעשה: ווי באלד עס קומט צו פערטייטשען, וואס איז דער זין פון איר, און זי אנצוואווענדען אף נייע פאקטען, זיינען אלע מאל פאראן פערשידענע מיינונגען. נעמט תורה משה, גאנצע ספרים זיינען געשריבען געווארען איבער איר, און ווען אבא זאגט פטור, מאכט רבא חיים. נעמט די קריסטלאכע רעליגיע. אין גאנצען שטיצט זי זיך אף פיר קליינע ביכלאך, און וויפיל קלייזלאך זיינען אויסגעוואקסען פון איר, וואס יעדער האט איבער עפעס א בעזאנדערע מיינונג. נעמט דעם געזעץ: אין 1848 האט מען אין ניו־יארק געוואלט מאכען דעם געזעץ קורץ און קלאר, יעדער זאל עס קענען פארשטעהן. היינט זעט נאר אקארשט ווי פיל בענדער די דזשאדזשעס האבען שוין אנגעשריבען צו געבען צו פארשטעהן דעם זין פון דעם נייעם געזעץ! און עס קומט געוועהנלאך פאר אז די גרעסטע דזשאדזשעס זיינען ניט איינינ וואס דער סעיף באדייט, און זיי מוזען אפגעבען זייער פסק מיט א מאיאריטעט, און די מינאריטעט דרוקט אפ איר מיינונג באזונדער. וואס ווייזט דאס? אז די פינף דזשאדזשעס זיינען גרעסערע למדים איידער די פיר, אדער אז זיי האבען בעסערע קעפ? איך רייד ניט פון אזעלכע זאכען, וואו עס זיינען פארמישט פארטיי אדער קלאסען־אינטערעסען, נאר פון גאנץ געוועהנטלאכע פראגען.

די קעפ זיינען שוין אזוי ביי די מענטשען געבויט, אז זיי קענען ניט אלע האבען די זעלבע מיינונג. דער מענטש זעט נאר דאס, וואס ליגט פאר זיינע אויגען, וואס איז א ביסעל אן א זייט,

אדער הינטען, זעט ער נים. אנאנדער מענטש שטעהט אבער אביסעל אפגערוקט און זעט דאס, וואס יענער קען נים זעהן. איינער העלפט דעם אנדערען, אלע צוזאמען זעהען זיי ארום און ארום, דעם גאנצען האריזאנט. און אזוי איז אויך אין דער וויסענשאפט.

אין דער וויסענשאפט איז ניטא קיין מאיאריטעט אדער מי־נאריטעט, ענטוועדער זיינען אלע אין א געוויסער פראגע איינשטי־מיק, אדער די מיינונגען זיינען צוטיילט, און דעמאלט ווערט יע־דע מיינונג אנגענומען אלס א וויסענשאפטליכע מיינונג.

דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם געפינט זיך אין די ספרים פון סאציאליסטישע געלערנטע און די ביכער ליגען אפען פאר יע־דען איינעם צו פארטייטשען זיי נאך זיין פערשטאנד.

דער ווארט סאציאליזם איז שוין אכציק יאר אלט און מ'אמפערט זיך נאך עד היום וועגען דעם טייטש פון דעם ווארט. דעליאן האט געזאגט, אז אין יעדען סטעיט איז פאראן אן איינענער סאציאליזם; אין ניו ־ יארק סטעיט איז די פלאטפארמע פון דער ס. ל. פ. דער איינציקער ריכטיקער סאציאליזם; עס מעג זיך זיין אין דייטשלאנד, אדער אין פראנקרייך א באזונ־דערער סאציאליזם, אבער יענע סאציאליזמען זיינען נים קוראנט אין ניו־יארק. וויקטאר בערגער האט אמאל געזאגט אין דעם פאר־טיי־ארגאן פון מילוואקי, אז סאציאליזם איז נים וואס דער סא־ציאליסט אדער יענער סאציאליסט זאגט, נאר דאס, וואס שטעהט אין דער פלאטפארמע פון דער אמעריקאנער סאציאל־דעמאקראטי־שער פארטיי. אבער מען דערצעהלט דאך עפעס, אז דער סאציאליזם איז אינטערנאציאנאל, בעת די פלאטפארמעס מיט די פרינציפען־ערקלערונגען זיינען דאך פאר יעדען לאנד באזונדערע און קיין פארטיי האט קיין מאכט נים צו פסק'ענען איבער די פלאטפארמעס פון אנדערע לענדער, מוז־זשע זיין עפעס א צייכען, וואס איז נים באשטימט געווארען פון קיין פארטיי קאנווענשאן און וואס בא־שטימט אליין פאר אלע קאנווענשאנס, וואס איז סאציאליזם און וואס איז נים סאציאליזם.

סאציאליזם איז א וויסענשאפטליכע טעאריע, און וויסענ־שאפטליכע טעאריעס ווערען נים געמאכט דורך א מאיאריטעט אין א קאנווענשאן פון דעלעגאטען, פון וועלכע פילע פארשטעהען קאם מיט צרות די פארטיי פלאטפארמע. אט לעז איך אין דער פא־

פולערסטער אמעריקאנער סאציאליסטישער צייטונג אזא נאטיץ:*)

„א באנטש פון קלאסענבאוואוסטע פארמערס לעבען קאנוועי, נארט דאקאטא האבען זיך פארזאמעלט אף א מיטינג און ארגאניזירט א לאקאל“. אט האט איר: „קלאסענבאוואוסטע פארמערס ארגאניזירען א סאציאליסטישען לאקאל!“

א סך צרות און רייבערייען אין דער אמעריקאנער סאציאליסטישער באוועגונג שטאמען דערפון, וואס אפילו די פירער זיינען עמי הארצים, און וואס וויניקער זיי ווייסען פון סאציאליזם, פון זיין פילאסאפיע און זיין געשיכטע, דאס מער פאנאטיש זיינען זיי, און די פארטיי־באסעס האלטען אוף דעם פאנאטישען גייסט; וויקטאר בערגער'ס ארגאן האט אמאל אויסדריקליך ערקלערט: „פאנאטיזם און דיסציפלין זיינען נויטיק היינט־צו־טאג אין דער סאציאליסטישער „ארמעע“**). וויסענשאפט אבער מיט פאנאטיזם זיינען ניט קיין פאר.

ווען מ'רעדט היינטצוטאג פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם, מיינט מען דעם מארקסיזם. לאמיר זשע באטראכטען כסדר וואס זיינען היינט די שטרייט־פונקטען פון מארקס'עס טעאריע. ערסטענס, זיין ווערט טעאריע. ער זאגט, אז דער ווערט פון יעדער סחורה ווערט געבילדעט נאר דורך די ארבייט אליין. אלזא, ווען עס לאזט זיך אויס אז דער קאפיטאליסט נעהמט אראפ די סמעטענע און לאזט דעם ארבייטער די זויערמילך, טו הייסט דאס, אז ער עקספלואטירט דעם ארבייטער. איך האב געוויזען, אז מ'דארף נאר ניט די אויבער־חכמות צו באווייזען די ענטוויקעלונג פון דעם סאציאליזם אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

צווייטענס, דער גלויבען אין „די סאציאלע רעוואלוציאן“ קלעפט זיך ניט צוזאמען מיט דער טעאריע, אז דער סאציאליזם וואקסט אויס מיט דער נאטור אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. אבער מ' איז נאר ניט מחויב צו גלויבען, אז דער סאציאליסטישער משיח מוז קומען מיט שופר בלאזען און אנדערע ניסים, אום איינצוזעהען, ווי דער סאציאליזם וואקסט שוין היינט.

---

*) (אפיעל טו ריזאן סעפט. 3, 1904.

**) סאשיאל דעמאקראטיק העראלד אפריל 4, 1903.

דריטענס, די טעאָריע אז דער „מיטעל־קלאַס" ווערט פאַרניכטעט דורך די ענטוויקעלונג פון קאַפּיטאַליזם האָט זיך אויסגעוויזען פאַר ניט ריכטיק. אבער ווען מ׳ באַטראַכט דעם וואוקס פון די טראַסטס דאָ אין אמעריקע, זעהט מען, אז דער מיטעלקלאַס גופא אַרבייט ניט ווייסענדיק פאַר דעם סאָציאַליזם. די קליינע קאַפּיטאַליסטען און די פאַרמערס זיינען געצוואונגען צו פאָדערן, אז די אייזענבאַנען זאָלען באַלאַנגען צו דער רעגיערונג, וואָרים עס נעהמט זיי אום עקזיסטענץ. די קליינע אַקציאָנערען פון די טראַסטס פאָדערן, אז די רעגיערונג זאָל נעמען אַף זיך אין ערנסט די השגחה איבער די טראַסטס.

פערטענס, די פאַרמערס, אָדער די פּויערים, זיינען נאָך ניט פאַרשלונגען געוואָרען פון די גרויסע מאַשינען. אבער וואָס זעהען מיר? עס ענטוויקעלט זיך צווישען זיי א קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט מיט מיליאָנען מיטגליעדער

פינפטענס, מ׳ דעבאַטירט די פילאָסאָפישע פראַגע, צי די עקאָנאָמישע איינריכטונג פון דער געזעלשאַפט איז אזוי ווי א וואָרצעל פון א בוים, וואָס לאָזט ארויס פון זיך נייע אידעען אזוי ווי צווייגען, אָדער אפשר איז א נייע אידעע אזוי ווי א פלאַנץ, וואָס מ׳ קען איר פאַרפלאַנצען און עס וועט פון איר אויסוואַקסען א נייער וואָרצעל, א נייע עקאָנאָמישע איינריכטונג? מ׳ מיינט איי־גענטליך די פראַגע, צי די סאָציאַליסטישע אידעען פאַרברייטען זיך דורך דעם, וואָס עס וואַקסט די סאָציאַליסטישע איינריכטונג פון געשעפט, אָדער פאַרקערט, צי די סאָציאַליסטישע איינריכטונג פון געשעפט וואַקסט דורך דעם, וואָס עס פאַרברייטען זיך סאָציאַליסטישע אידעען?

מיט עטלאַכע הונדערט יאָר צוריק האָבען זיך די פילאָזאָפען א צייט לאַנג געבראָכען די קעפּ איבער די קשיא, וואָס איז פריהער געקומען אין דער וועלט, די הון, צי די איי? געוועהנלאָך, א הון ווערט געבאָרען פון אַן איי, מ׳ דאַרף אָבער האָבען א הון, זי זאָל לייגען די איי. צי אזוי, צי אזוי, אי די הון, די די איי זיינען היינט ביידע פאַראַן אין דער וועלט. דער פאַקט אז דער סאָציאַליזם איז שוין דאָ און אז ער האַלט אין וואַקסען, הייננט ניט אָפּ פון דעם ווי די פילאָזאָפען וועלען ערקלערען די אורזאַכע פון אַלע אורזאַכען.

דער גרונד געדאנק פון דעם מארקסיזם, דאס הייסט די ענט־וויקעלונג פון סאציאליזם אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז ריכטיק און וויסענשאפטליך באוויזען געווארען. וואס די קריטיק האט אונטערגעגראבען, זיינען זייטיקע זאכען, ניט דעם עיקר. די ארבייט איז נויטיק געווען פאר די ווייטערע ענטוויקעלונג פון דעם מארקסיזם.

2.

וואס איז סאציאליזם?

דער עיקר פון סאציאליזם איז די פאדערונג, ערד־טענס, אז אלע פראדוקציאנס־מיטלען, דאס הייסט אלע אייזענבאנען, פאבריקען, מינעראל־גרובען, פארמס און דערגלייכען זאלען באלאנגען צום כלל, און צווייטענס, אז דער באַ־טריב פון קהל'שען אייגענס, זאל אויך זיין אין קהל'שע הענט. דאס איז סאציאליזם, די פאדערונגען זיינען אבער אויסגעדריקט געווארען נאך איידער דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם איז באגרינדעט גע־ווארען. וואס־זשע פאר א נייעם געדאנק האט דער וויסענשאפטלי־כער סאציאליזם אויסגעשפראכען, וואס ער ווערט דערפאר אנער־קענט פאר וויסענשאפטליך? דער נייער געדאנק איז די טעאריע פון ענטוויקעלונג, פון עוואליוציאן. דער וויסענשאפטליכער סאַ־ציאליזם זאגט ניט נאר, אז עס וואלט געווען א מחיה, ווען אלע גע־שעפטען זאלען ווערען קהל'שע, דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם זאגט, אז די גאנצע איינריכטונג פון אלע געשעפטען ענטוויקעלט זיך פון זיך אליין אזוי, אז עס וועט קענטיק קומען צום סאציאליזם.

געוועהנלאך ווערט דער „קלאסען־קאמף" באטראכט פאר א צייכען פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם. די אוטאפיסטישע סאַ־ציאליסטען האבען געגלויבט, אז ווערליק, ווי דער סאציאליזם איז דער געדאנק פון יושר אין דער איינריכטונג פון דער געזעלשאפט, מוז יעדער ערלאכער מענטש ווערען א סאציאליסט, ווען מ'גיט עם צו פארשטעהן, וואס דער סאציאליזם וויל: עס מאכט ניט אויס צי דער מענטש איז רייך, אדער ארעם, דער סאציאליזם וועט פאר אלעמען בעסער מאכען. דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם, פאר־קערט, זאגט אז אונדזערע מיינונגען ווענען דעם, וואס איז יושר

הענגען אָפּ פון אונדזער לאַגע אין דער געזעלשאַפט; דער קאַמף פאַר דעם סאָציאַליזם איז אַלזאָ ניט אַ קאַמפף פון אידעען, נאָר אַ קאַמף פון אינטערעסען. די געזעלשאַפט איז צוטיילט אַף קלאַסען מיט פאַרשידענע אינטערעסען. דער סאָציאַליזם איז אויך ניט מער, ווי דער אויסדרוק פון די אינטערעסען פון אַ געוויסען קלאַס; דער קלאַס איז דער אַרבייטער־קלאַס; איינצעלנע פּערזאָנען פון אַנדערע קלאַסען קענען אויך זיין סאָציאַליסטען, ווייל עס טרייבט זיי דערצו זייער געפיל פון גערעכטיקייט, אבער דאָס זיינען אויסנאַמען: דער סאָציאַליזם אַפּעלירט אבער צו די אינטערעסען פון דעם אַרבייטער־קלאַס.

דאָס די געשיכטע פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט איז שטענדיק געווען אַ קאַמף פון קלאַסען, ווערט איצטער אַלגעמיין אַנערקענט, אפילע פון ניט סאָציאַליסטען, דער קאַמף פון איין קלאַס געגען אַנ׳אַנדערען האָט אָבער ניט אימער געפירט צום סאָציאַליזם; די פראַנצויזישע רעוואָליוציאָן, למשל, איז אויך געווען אַ קלאַסען־קאַמף, אַלזאָ, די אידעע פון קלאַסען־קאַמף מעג זיך זיין ריכטיק, אָבער זי איז ניט קיין אויסשליסלאַך סאָציאַליסטישע אידעע. ווייטער אָבער ווען דער אויסדרוק „קלאַסען־קאַמף“ ווערט געברויכט צו באַצייכענען דעם קאַמף פון דעם לאָהן־אַרבייטער־קלאַס געגען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, טו איז עס ניט ריכטיק צו בעהויפּטען, אַז דער סאָציאַליזם ענטוויקעלט זיך אויסשליסלאַך דורך יענעם קאַמף, דער קאַמף פון דעם אַרבייטער־קלאַס איז נאָר איין טייל פון דער ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאַפט צום סאָציאַליזם.

אַלזאָ, דער גרונד־געדאַנק פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז, אַז פון דער קאַפּיטאַליסטישער איינריכטונג פון אַרבייט און געשעפט וואַקסט אויס פון זיך אַליין אַזאַ אָרדענונג, וואָס אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטעל וועלען באַלאַנגען צום כלל און אַלע געשעפטען וועלען באַטריבען ווערען פון כלל. אַלע אַנדערע פאָדערונגען מעגען אַנערקענט ווערען פון סאָציאַליסטען, אָדער ניט, זיי געהערען אָבער ניט צו סאָציאַליזם: שטעלען פּאַקען קליינע קינדער ווערט היינט אַנערקענט פאַר גוט פאַר׳ן געזונט. עס איז אַ גוטע זאַך, אבער עס איז ניט סאָציאַליזם. ווידער אַנדערע זיינען דאַגעגען, צי זיי זיינען גערעכט, צי ניט, צום סאָציאַליזם געהערט דאָס ניט. מ׳מוז אַלזאָ ביי זיך קלאָר ווערען קודם כל וואָס געהערט צום סאָציאַליזם און וואָס געהערט ניט.

זינט דעם פופצעטען יאָרהונדערט געהט אָן אין אייראָפּא אַ קאַמפף צו באַפרייען דעם מענטשען פון אַלערליי קנעכטשאַפט. די העכסטע מאַכט אין מיטעלאַלטער זיינען געוועזן די גלחים, דער קאַמפף האָט זיך אָנגעהויבען געגען די מאַכט פון דער רוימיש־קאַטאָלישער קירכע און איז שפּעטער אויסגעוואַקסען אין אַ קאַמפף צו באַפרייען דעם מענטשלאַכען געדאַנק פון דעם דרוק פון יעדער רעליגיע. דער נעקסטער קאַמפף איז געווען געגען דעם פּאָליטישען דעספּאָטיזם פאַר פּאָליטישע פרייהייט און אַ פאָלקס־רעגירונג. דער קאַמפף איז אָבער נאָך ניט געוואונען געוואָרען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער קאַמפף צו באַפרייען די אַרבייט פון דעם דרוק פון קאַפּיטאַל. די נייע קעמפפער האָבען געמוזט איבערנעמען דעם קאַמפף פאַר פּאָליטישע און רעליגיעזע פרייהייט און פאָלקס־רעגירונג, וואָס דער מיטעל־קלאַס, די בורזשואַזיע, האָט אָנגעהויבען, אָבער ניט דורכגעפירט ביז צום סוף. דאָס איז אָבער ניט סאָציאַליזם, דאָס איז ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע. דער ליבעראַליזם און די דעמאָקראַטיע זיינען נאָר צונויפגעבונדען מיט דעם סאָציאַליזם. זיי זיינען אָבער ניט קיין טייל פון סאָציאַליזם. מיר זעהען, די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען אופגעגעבען דעם קאַמפף געגען רעליגיע, קאַטאָלישע און פּראָטעסטאַנטישע גלחים ווערען סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס. מיר זיינען אַלזאָ באַרעכטיקט צו שטעלען זיך די פראַגע: ווי ווייט קען מען זיך פאַרלאָזען אויף דעם סאָציאַליזם, אַז ער וועט דורכפירען די איבעריקע פאָדערונגען פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע. עס האַנדעלט זיך דאָ בשום אופן ניט וועגען דעם ווי מ׳וועט קאָכען געפילטע לויתן אין משיח׳ס צייטען, עס איז אַ גאַנץ פּראַקטישע פראַגע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאַרלאַנגען פון אונדז, מיר זאָלען זיך אָפּזאָגען פון דעם קאַמפף, וואָס ווערט היינט־צו־טאָג געפירט פון אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פאַר וויכטיקע ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, וועלכע זיינען אונדז נויטיק אין אונדזער וואָכעדיקען לעבען; דערפאַר זאָגט מען אונדז צו, אַז ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועלען געווינען די פּאָליטישע מאַכט, וועלען מיר צוזאַמען מיט׳ן סאָציאַליזם קריגען די אַלע פאָדערונגען אַזוי ווי אַ פּרעמיע. ווי אָבער, ווען דער געדאַנק איז פאַלש? ווען דער זיג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי באַדייטעט גאָר ניט קיין זיג פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע? ווען עס הייסט ניט מער ווי איבערבייטען איינע באַסעס אויף אַנדערע?

3.

דער היסטארישער מאטעריאליזם.

לאמיר פארשטעהן, וואס הייסט פראגרעס? מיר קענען מעסטען די פארענדערונגען אין דער געזעלשאפט מיט דער מאס פון אונזער פערזענליכען אידעאל — צום ביישפיל, אונדז געפעלט א רעפובליק בעסער פאר א מאנארכיע, וועלען מיר דעם איבערגאנג פון א מאנארכיע צו א רעפובליק באטראכטען פאר פארטשריט, און פארקערט, דעם איבערגאנג פון א רעפובליק צו א מאנארכיע פאר רעאקציע. דאס רופט מיכאילאווסקי: „די סוביעקטיווע מעטאדע אין דער סאציאלאגיע". דער אמעריקאנער פראפעסאר וויליאם דזשעימז רופט עס „פראגמאטיזם"*). אדער מיר קענען באטראכטען אלס פארטשריט יעדע ענטוויקעלונג פון אן איינפאכען געזעלשאפטליכען לעבען צו א פארשיעדענארטיקען, צום ביישפיעל, ווען עס פארמעהרט זיך די צאהל פון אלערליי זאכען, וואס ווערען געמאכט און געניצט אין דער געזעלשאפט, מעהר לאנד ווערט באארבייט, פארשידענע נייע ארבייטען און אינסטרומענטען ווערען איינגעפיהרט, נייע וויסענשאפטען ווערען ענטוויקעלט. דאס איז די אביעקטיווע מעטאדע**). „סוביעקטיוו" הייסט פערזענליך, „אביעקטיוו" הייסט זאכליך.

איך באטראכט דא דעם פארטשריט אין דער געזעלשאפט פון דעם אביעקטיווען שטאנדפונקט. יעדע צייט האט אירע אייגענע אידעען וועגען דעם, וואס איז גוט פאר די מענטשהייט, צום ביישפיל, דזשערפערסאן, א רעוואלוציאנערער דיינקער פאר זיין צייט, האט געמיינט, אז די געזעלשאפט טאר זיך ניט אריינמישען אין די געשעפטליכע באציהונגען צווישען אירע מיטגלידער. היינט פארלאנגען די סאציאלע רעפארמער פונקט פארקערט, דער שטאאט זאל זיך יע אריינמישען אין פריוואט־געשעפטען. די גאנצע ארבייטער־געזעצגעבונג, וואס מיר באטראכטען פאר א פארטשריט.

---

*) זיין בוך איבער „פראגמאטיזם" איז ערשינען נאך מיכאילאווסקי'ס טויט.

**) דיעזע מעטאדע האט ענטוויקעלט אין א גאנצען פילאסאפישען סיסטעם הערבערט ספענסער.

איז פון דעם דזשעפערסאנישען שטאנדפונקט א רעאקציע. אפילו אין דערזעלבער צייט זיינען די מיינונגען אין דער געזעלשאפט צוטיילט וועגען דעם, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט. צום ביישפיל, וואס איז דער קאפיטאליזם, — פראגרעס אדער רעאקציע? די איינפירונג פון מאשינען איז, דאכט זיך, א גוטע זאך, דורך די מאשין ווערט פארשפארט מענטשלאכע ארבייט; צו דערזעלבער צייט אבער האט די מאשין געמאכט דעם אונאבהענגיקען בעל מלאכה פאר א פראלעטאריער, וואס איז געצוואונגען צו ארבייטען פאר א קאפיטאליסט. די מאשין האט געבראכט ארבייטסלאזיגקייט. אלזא, ווען איר באטראכט דעם קאפיטאליזם פון איין זייט, באדייט ער פארטשריט, פון דער אנדערער זייט ווייזט ער זיך אויס ווי רעאקציע. אדער נעמט די געשיכטע פון דעם אלטען רוים. ווען איר זייט א פארקאכטער רעפובליקאנער, טו באדייט דער איבערגאנג פון דער רוימישער רעפובליק אין אן אימפעריע א גרויסען שריט ריקווערטס. צו דערזעלבער צייט אבער דערצעהלען אונדז די היסטאריקער, אז ווען רוים האט מנצח געווען די פעלקער פון אייראפע, אזיע און אפריקע, ווי ווייט זיי זיינען דעמאלט געווען באקאנט, איז געווארען שלום. דער האנדעל צווישען די ווייטע לענדער איז געווארען פריי, און א יאר הונדערט אדער מער, אין דעם צווייטען און דריטען יארהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז געווען די גליקלאכסטע צייט אין דער רוימישער געשיכטע.

פון די ביישפיעלען זעט איר, אז א געוויסע געזעלשאפטליכע ארדנונג קען ערשיינען אלס פראגרעס פון איין שטאנדפונקט און אלס רעאקציע פון אן אנדערן. די אייגענע זאך איז אויך מיט'ן סאציאליזם.

דער אונטערשייד צווישען דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם און דעם אוטאפיסטישען סאציאליזם באשטעהט אין דערין, וואס דער אוטאפיסט שטעלט זיך פאר דעם סאציאליזם אלס אן אידעאל פון פראגרעס און בויט זיין האפענונג אף דער פראפאגאנדע פון זיין אידעאל, בעת דער וויסענשאפטליכער סאציאליסט זאגט זיך, אז דער גאנג פון דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט ברייגנט צום סאציאליזם. ווי־זשע קומט דאס?

דער גאַנצער לעבען פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט איז אויפגעבויט אף אַרבייט, אפילע א גאַנץ ווילדע פאָלק מוז אַרבייטען צו פאַרשאַפען זיך, וואָס זיי באַדאַרפען צום לעבען. דער גרעסטער טייל פון אונדזער לעבען געהט אַוועק אין אַרבייטען. די געדאַנקען פון דעם מענטשען ליגען, ווילענדיק, ניט ווילענדיק אין דער אַר־בייט. ווען אפילע מ׳קומט צוזאַמען צו פאַרברייננגען די צייט רעט מען געוועהנלאַך „פון שאַפּ“, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט. עס איז פאַראַן א שניידערשער לשון, א בעל הגלה רעט פון פאַסטראַמקעס; קורץ, די אידעען פון דער געזעלשאַפט ווערען באַשטימט פון דער אַרבייט, אָדער, ווען איר ווילט א וויסענשאַפטליכען וואָרט— פון דער פּראָדוקציאָן.

עס געפינען זיך נביאים און פילאָסאָפען, וואָס שטעהען ווייט איבער זייערע לאַנדסלייט און איבער זייער צייט. כדי אבער זייערע אידעען זאָלען האָבען אַן איינפלוס אויף די געזעלשאַפט, מוזען זיי אָנגענומען ווערען פון די מאַסען, וואָס זיינען ניט קיין פילאָסאָפען. דערצו מוזען די אידעען ענטוועדער גאָר אויסדריקען די אינסטינקטיווע געדאַנקען פון די מאַסען, אז יעדער זאָל קענען זאָגען : „איך האָב דאָס טאַקע אליין געמיינט אזוי“; אָדער דער פילאָסאָפישער געדאַנק, ווען ער ווערט פאַרברייט צווישען די מאַסען, פאַסט זיך ביסלעכווייז צו צו דעם פאַרשטאַנד פון די מאַסען; אָדער ער מאַכט גאָר קיין איינדרוק ניט אף די געזעלשאַפט און ווערט פאַר־געסען.

א גוטערביישפיל איז די געשיכטע פון דער קריסטליכער רעליגיע. פון אָנהויב איז דאָס קריסטענטום געווען א רעליגיע פון שלום, ברודערשאַפט און מענטשען־ליבע. ווען אָבער דאָס קריסטענטום האָט זיך פאַרברייט צווישען די מאַסען, האָט עס זיך ביסלאַכווייז צוגעפּאַסט צו די באַגריפען פון דער רוימישער אימ־פעריע. די קאַטוילישע קירכע מיט אירע טויזענטער הייליקע, מיט איר אַרמעע פון גלחים, האָט זיך וועניג וואָס אונטערשיידעט פון דעם קייזערליכען רוים מיט זיינע שטאַטסגעטער און מיט זיין שטאַטסרעליגיאָן.

פון דער אַנדערער זייט, נעמט די אידעע פון סאָציאַליזם. מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט טהאָמאַס מאָר אָנגעשריבען זיין „אוטאָפּיע“. צענדליקע טויזענטער מענטשען האָבען דאָס ווערק געלעזען צו פאַרשידענע צייטען, אבער מ׳האָט דאָס באַטראַכט ווי

אַ מעשה און עס האָט קיין איינפלוס ניט געהאַט ביז דעם נייַנצענ־טען יאָרהונדערט.

אַלזאָ, די אידעען פון אַ דענקער האָבען נאָר דאַן אַן איינפלוס אויף די געזעלשאַפט, ווען ער שפּרעכט אויס דאָס, וואָס ביי אַלעמען האָט זיך, אַזוי צו זאָגען, געדרעהט אויף'ן צונג. מיר קומען אַלזאָ צוריק צו די מאַסען, וועלכע זיינען ניט קיין פילאָסאָפען: זייער דענקען ווערט באַשטימט פון זייער אַרבייט, דאָס הייסט אויף טייטש, פון דעם צושטאַנד פון דער פּראָדוקציאָן.

די אַרבייט, די געצייג ענטוויקלען זיך. עס פערענדערט זיך דורך דעם די איינריכטונג פון דער אַרבייט, און מיט דער איינריכ־טונג פון דער אַרבייט ענדערט זיך די איינריכטונג פון דער געזעל־שאַפט. די מענטשען זיינען בשעת מעשה ביי זיך אַליין ניט קלאָר וואָס עס טוט זיך מיט זיי און אַרום זיי. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז ניט קיין גאַנצע צוויי הונדערט יאָר אַלט, אָבער די עקאָנאָ־מישע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט האָט זיך געצויגען צענדלי־קער טויזענטער יאָרען, איידער עס איז די געלערנטע איין זינען גע־קומען צו נעמען זיך אונטערזוכען דעם עקאָנאָמישען בוי פון דער געזעלשאַפט.

דאָס איז דער תמצית פון דעם „היסטאָרישען מאַטעריאַ־ליזם"*).

---

*) אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור איז דיזע טעאָריע באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „עקאָנאָמישער דעטערמיניזם". מיט דעם וואָרט „דעטערמיניזם" ווערט באַצייכענט אַ פילאָסאָפישע טעאָריע, וואָס לערנט, אַז דעם מענטשענס כאַראַקטער ווערט אין גאַנצען באַשטימט פון זיין סביבה, און זיינע האַנדלונגען זיינען דעריבער ניט דער פּראָ־דוקט פון זיין „פרייען ווילען". ביי די רעליגיעזע דענקער האָט זיך דיזעלבע טעאָריע אויסגעדריקט אין דעם גלויבען, אַז אַלצדינג אין דער וועלט איז „באַשערט" פון גאָט.

4.

ווי אזוי איז אויסגעוואקסען דער קאפיטאליזם.

איך וועל דא אין קורצען דערמאנען, ווי עס איז געגאנגען די עקאנאמישע ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאפט. א ווילדער שטאם, וואס לעבט פון יאגד (פון פאליעוואניע) מוז זיך האלטען צוזאמען, ווארים אנדערש וואלטען עס די חיות אופגעפרעסען. גע־וועהנטלאך ווען זיי טרעפען זיך מיט א פרעמדען שטאם, מוזען זיי זיין גרייט צו א מלחמה, און וואס גרעסער דער שטאם, דאס איז ער נאטירליך שטארקער. קיין רייכטום האבען זיי ניט. ווען זיי דער׳הרג׳ענען א בער, איז עס א שמחה פאר דעם גאנצען שטאם, מ׳קומט זיך צונויף און מ׳פארצערט די פלייש צוזאמען. דער וואלד, אין וועלכען זיי וואנדערען, איז פאר אלעמען פריי, עס קען זיי גאר ניט איינפאלען עם פארנאנדערצוטיילען פאר יעדערן באזונדער, ווארים עס וואלט פאר קיינעם קיין נוצען ניט געבראכט. די איינ־ציקע זאך וואס יעדערער האט פאר זיך, איז דאס, וואס ער קען באנוצען אליין: זיינע קליידער, זיין געוועהר. אף דערויף האלט זיך זייער קאמוניזם. ווען אזוינע צוויי שטעמער טרעפען זיך אין מלחמה, טו האט דער זיגער פון דעם באזיגטען ניט וואס צו רויבען, די איינ־ציקע זאך, וואס ער קען טאן מיט זיין שונא איז קוילענען עם און אופעסען.

מיט דער צייט געוואוינט דער מענטש צו זיך צו עטלאכע חיות, ער ווערט א פאסטוך. א סטאדע שעפסען איז שוין א גאנ־צער פארמעגען. מ׳דארף זיי מעלקען און שערען, דערצו דארף מען א סך ארבייט. ווען עס קומט איצטער צו א מלחמה, טו האט שוין דער זיגער וואס צו רויבען, ער נעמט אוועק פון דעם באזיגטען די שעפסען און מאכט עם אליין פאר זיינעם א שקלאף. דא האט איר שוין דעם אנפאנג פון אייגענטום און שקלאפעריי.

דער שטאם איז נאך קליין ; אלץ וואס ער בעדארף, שאפט ער זיך אליין דורך זיין אייגענע ארבייט, אדער דורך די ארבייט פון זיינע שקלאפען. מיט דער צייט לערנען זיך די מענטשען אויס אלערליי ארבייטען, אחוץ עסען און קליידונג האט מען שוין איצטער צירונג און אלערליי פוץ־ארטיקלען. ווען מ׳טרעפט זיך

איצטער מיט א פרעמדען שטאם, דארף מען שוין זיך דוקא ניט שלאגען, מ׳קען זיך בייטען איינער מיט די אנדערע: מ׳קען אויסבייטען שעפסען אדער פעלען אף שמוקזאכען. דאס איז דער אנהויב פון האנדעל. מיט דער צייט, ווען די צאל מענטשען וואקסט, קומען די פערשידענע שטעמער עפטער אין בערירונג אונטער אנאנדער, דער האנדעל ענטוויקעלט זיך, מ׳ פירט איין ירידען, מארק־טעג.

מיט דער צייט נעמט מען זיך צום אקערבוי. עס נעמט צייט און מיה אופצואקערען א שטיק לאנד, און דאס צווינגט דעם פויער צו זיצען א לענגערע צייט אף איין ארט. לאנד קריגט שוין א געוויסען ווערט. דער שטאם, אדער דער דערפעל, וואס האט אופגעאקערט א שטיק לאנד, באטראכט עס פאר זיין אייגענס. עס איז ניט נויטיק אלע זאלען צוזאמען בעארבייטען די לאנד. עס ווערט צוטיילט אף א צייט צווישען די מיטגלידער פון דעם דערפעל. דער אמאליקער קאמוניזם ווערט איבערפליסיק.

א דערפעל, וואו עס איז פאראן א יריד, אדער א מארק, ציט צו נאטירליך אלערליי בעלי מלאכות. געוועהנלאך זיינען עס פויערים, וואס באשעפטיקען זיך מיט זייער האנדווערק, ווען עס איז ניטא קיין ארבייט אין פעלד. מיט דער צייט אבער, ווען דער האנדעל וואקסט, קריגט דער בעל מלאכה מערער ארבייט און עס בלייבט עם ווייניקער צייט פאר זיין פעלד. דער שמיד אין דארף געפינט, אז עס איז פאר עם גלייכער אפצוגעבען זיך אין גאנצען מיט זיין האנדווערק; די פוירים פון דארף ברענגען עם מעל, אייער, גרינס און דערגלייכען פאר זיין ארבייט. אזוי ווערט אויסגעבילדעט א קלאס בעלי מלאכות.

לאמיר איצט באטראכטען דעם צושטאנד פון דער געזעלשאפט. עס איז פארען א קלאס בעלי מלאכות, וואס איינער באשטעלט די ארבייט ביי דעם אנדער׳ן; אנדערע פון זיי געהן פון הויז צו הויז און באטען אן זייער ארבייט. א קירזשנער, וואס ארבייט ביי א פויער אין הויז און קריגט באצאלט פאר זיין ארבייט, אחוץ עסען און טרינקען, איז ביי זיך פונקט אזא פריץ ווי דער בעל הבית, ביי וועלכען ער ארבייט. דער בעל מלאכה פארלאנגט פאר זיין ארבייט, וואס מערער. דער קונד זוכט אפצודינגען פון דעם פרייז, אבער פון „עקספלואטאציע“, פון „אויס־

בויטונג" קען מען דא גאר ניט ריידען, ווארים היינט דינגט דער סטאליער דעם קירזשנער, אופנייען א פעלץ און מארגען דינגט דער קירזשנער דעם סטאליער מאכען ביי עם אין שטוב פאליצעס. עס קען גאר קיינעם פון זיי ניט איינפאלען, אז עס וואלט געווען גלייכער די מיעשטשאנסקע אופראווע זאל אף זיך נעמען צו באַזארגען די גאנצע שטעטעל מיט פאליצעס. יעדער בעל מלאכה האט זיין אייגענע געצייג און קען אויסקומען אין זיין ארבייט אן דעם סטאראסטע.

היינט אבער ווערט ערפונדען א מאשין אף צו נעהען שיך. מיט דער מאשין קען מען מאכען א פאר שיך פאר דריטאלבען דאלאר, בעת א שוסטער, וואס נעהט מיט די הענט, מוז קריגען פינף־זעקס דאלאר א פאר צו קענען פארדינען אף חיונה. פארשטעהט זיך, געהט יעדער קויפען פארטיקע שיך און דער שוסטער בלייבט אן קונדען. דער בעל הבית פון דער מאשין פארברייט זיין געשעפט און גיט דעם שוסטער ארבייט. פריהער, ווען ער האט געארבייט פאר קונדען, האט ער געקראגען פינף דאלאר א פאר און עס איז עם געבליבען פאר זיין ארבייט דריי; ווען עס פלעגט זיך טרעפען א גוטע וואך, פלעגט ער קענען מאכען דריי פאר א וואך און פארדינען נייך דאלאר. היינט ארבייט ער ביי דער מאשין און קריגט סך הכל פופציק סענט א פאר, אבער ער קען מאַכען פיר פאר א טאג און ער פארדינט צוועלף דאלאר א וואך.

ער פערדינט היינט בעסער ווי פריהער, ער קריגט ערלאך בעצאלט פאר יעדע פאר שיך, וואס ער מאכט, און ער באמערקט גאר ניט, אז די איינריכטונג פון דער ארבייט און פון דער געזעלשאפט האט זיך איבערגעביטען. זיינע קאלאדקעס מיט דעם דרייפיסיקען ביינקעל זיינען בוי עם געבליבען אין דער היים דער בעל הבית פון דער פאבריקע האט זיי ביי עם ניט צו גענומען, זיי האבען אבער פערלארען זייער ווערט, דער אייגענטימער פון די מאשינען איז געווארען דער בעל הבית און דער שוסטער ארבייט פאר שכירות, ער איז א לאהן־ארבייטער.

מיר האבען געזעהען, ווי דער קאפיטאליזם איז אף א גאנץ נאטירליכען וועג אויסגעוואקסען פון א געזעלשאפט, אין וועלכער די ארבייט איז געווען צוטיילט צווישען פוירים און מייסטערס־בעלי־מלכות, וואס יעדער איז געווען פאר זיך א בעל הבית און איי־

נער האָט געקויפט, אָדער באַשטעלט אַרבייט ביי דעם אַנדערען. אין דער געשיכטע איז ניט אַלץ אַזוי רוהיק צוגעגאַנגען: עס זיינען געווען מלחמות, בירגער־קריג, רויבעריי און גוואַלט אין אַלע פאָר־מען, אָבער דאָס זיינען געווען זייטיקע זאַכען. דער עיקר איז די איינפירונג פון מאַשינען; די רויבעריי, די גזלנות פון די קאַפּי־טאַליסטען האָבען זיי געהאָלפען גיכער רייך צו ווערען, איידער אויף א ראַיעלען וועג, אָבער דער קאַפּיטאַליזם וואָלט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, ווען ער וואָלט זיך ניט שטיצען אויף די מאַשין*).

5.

די סאָציאַליזירונג פון דער ווירטשאַפט.

וואָס פאַר א ראָליע האָט געשפּילט דער קאַפּיטאַליסט אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט? ער האָט אָרגאַניזירט יעדען געשעפט, ער האָט געפּלאַנעוועט אַלערליי געשעפטען, ער האָט געזוכט איינצופירען נייע מאַשינען און נייע מעטאָדען, ווי צו אַרבייטען, ער האָט איינגעפירט דעם וועלט־האַנדעל און האָט געמאַכט פון דער גאַנצער וועלט אַזוי ווי איין לאַנד. ער האָט זיך דערפאַר געלאָזט גוט בעצאָלען פון דער געזעלשאַפט, אָבער מ׳ מוז ניט פערגעסען, אַז איבערמאַכען א וועלט פון ישובניקעס אויף א היינטיקען פאַסאָן מיט גרויסע פאַבריקען, מיט אייזענבאַנען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנען איז א היבשע שטיקעל מלאכה. ווען מ׳ געהט מאַכען א באַל פאַר א ראַדיקאַלע צייטונג, קען מען אויך ניט אויסקומען אָן אימיצען, וועלכער זאָל נעמען אויף זיך צו זיין דער סאַרוועער. היינט קענט איר פאַרשטעהן די ראָליע פון דעם קאַ־פּיטאַליסט: ער איז געווען דער סאַרוועער פון דער גאַנצער גע־

---

*) אויב איר ווילט וויסען גענוי וועגען דעם, טו נעמט פרידריך ענגעלסעס שריפט געגען דעם דייטשען שרייבער דוירינג, וועלכער האָט באהויפּטעט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז ענטשטאַנען דורך גוואַלט. ענגעלס מאַכט חוזק פון דוירינגס טעאָריע וועגען גוואַלט און באווייזט, אַז פון דער פּאַרציייטיקער געזעלשאַפט האָט געמוזט אויס־וואַקסען א קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט דורך ריין עקאָנאָמישע אור־זאַכען.

זעלשאפט. ווען דער קאפיטאליסט איז געקומען, האָט ער גע־
פונען א געזעלשאפט, וואָס איז געווען צוברעקעלט אף א סך קליי־
נע שעפעלאך און קרעמלאך, מיט קליינע מייסטערלאך און קרע־
מערלאך, וואָס איינער האָט ניט געוואוסט פון דעם אַנדערען.
דער קאפיטאליסט האָט עס אלץ צוזאמענגעקליבען אזוי, ווי א
זייגערמייסטער קלויבט צוזאמען די פיצינקע רעדאלאך און שריי־
פאלאך און מאכט פון זיי א זייגער. ביסלאכוויים איז די אר־
בייט געשטעלט געוואָרען אף אַ געזעלשאפטליכען פוס : הונ־
דערטער טויזענטער מענטשען פון פארשידענע פאכען ארבייטען
איצטער צוזאמען אונטער דער זעלבער פארוואלטונג. די ארבייט
איז געוואָרען א געזעלשאפטליכע ארבייט. די ענטוויקלונג פון
דעם קאפיטאַליסטישען סיסטעם האָט פארקלענערט די צאָל קאַ־
פיטאַליסטען אין פארהעלטנים צום געשעפט. לסוף איז געקו־
מען דער טראָסט און האָט גענומען ווייטער צו פעראייניקען גע־
שעפטען, וואָס זיינען פריהער געווען אָפגעזונדערט איינער פון
דעם אנדערען. פריהער האָט דער אייגענטימער פון אייזענגרובען
געקראַגען רויהע אייזען פון אונטער דער ערד, גאָר ניט אַנפרעגענ־
דיק זיך ביי קיינעם, צי מ׳דארף עס און וויפיעל מ׳דארף עס; דער
פאבריקאנט פון שטאָל האָט זיך געמאכט שטאָל, ניט וויסענדיק, צי
דער פאבריקאנט פון רעלסען אָדער פון דראָט וועט עס ביי עם
קויפען. היינט צו טאָג גראָבט דער שטאָלטראָסט רויהע אייזען,
שיקט עס אף זיינע אייגענע שיפען פון מינעסאָטא צום ברעג פון
אירי אין פענסילווייניא, דערנאָך איבער זיין אייגענער אייזענבאַן
קיין פיטסבורג; דאָרטען פארשמעלצט ער עס אין זיינע אייגענע אוי־
וועגס, מאכט עס צו שטאָל אף זיינע אייגענע זאוואָדען, די שטאָל
מאַכט ער צו רעלסען, צו דראָט, צו שרויפען, צו צוועקעס. זעלבסט־
פערשטענדליך, ווען איין זאך איז נאָר א מאטעריאל אף צו מאַכען
אַנאַנדערע, טו ווערט פון יעדער זאך געמאכט א ריכטיקע פראָ־
פאָרציע. ווייטער זיינען שוין אַלע גרויסע טראָסטס צווישען זיך
פארבונדען פינאַנציעל. אלזאָ, די אינדוסטרי אָרגאַניזירט זיך, די
קאָנקורענץ ווערט אָפגעשאפט, עס ווערט איינגעפירט א פלאנמע־
סיקע פראָדוקציאָן. די באנקען האָבען מיט זייער טשעק סיסטעם.
מיט זייערע קלירינג הייזער אָבגעשאפט געלט אין דעם געשעפט־
ליכען פארקער און האָבען איינגעפירט אַנשטאָט געלט א געזעל־
שאפטליכע בוכפירונג, פון וועלכער די סאָציאליסטישע אוטאָפסי־
טען האָבען געשריבען. מענטשען, וועלכע ווייסען, וואָס עס טוט זיך

אין וואָל סטריט, מיינען, בעלאַמי האָט ריכטיק פאָראויס־געזעהן, אז מיט דער צייט וועט ווערען פון אַלע טראַסטס איין טראַסט.

ווען אַלע טראַסטס וועלען זיין פאַראייניקט אין איין טראַסט וועט די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אַרבייט אָרגאַניזירט ווערען אויף אַ געזעלשאַפטליכען פּלאַן. דער פונדאַמענט פון דעם סאָציאַליזם איז דעמאָלט פאַרטיק. די פּראָדוקציאָנס מיטעל האָט מען אוועקגענומען פון איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען, זיי באַלאַנגען איצטער צו דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען קלאַס: איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען, אַלס קאַפּיטאַליסטען, האָבען שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגען אין דער געשעפטספירונג, דאָס ווערט באַזאָרגט פון ערוועהלטע אָדער אָנגעשטעלטע בעאַמטע.

6.

די טעאָריע פון דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן"

די שווערסטע אַרבייט, דעם איבערסטראָיענען פון דער אינדוסטריע, וואָס באַשטעהט פון הונדערטער טויזענטער אָפּגעזונדערטע פּריוואַט־געשעפטען, אין איין גרויסען סיסטעם, וואָס ווערט רעגולירט און פאַרוואַלטעט פון ערוועהלטע בעאַמטע, — דאָס פירט אויס די ענטוויקעלונג פון די טראַסטס דאָ הי פאַר אונזערע אויגען. ווען איר וועט באַטראַכטען דעם שטאָל־טראַסט, צום ביישפּיעל, איז ער אַ גאַנצע מדינה מיט אַ פּאָר צענדליק טויזענט סטאָקהאָלדערס (אַקציאָנערען) וואָס בילדען אַ פּריווילעגירטען קלאַס, און מיט אַ פּאָר הונדערט טויזענט פאַמיליעס פון אַרבייטער, וואָס בילדען דעם אונטערסטען קלאַס; די פאַרוואַלטונג פון דער מדינה ליגט אין די הענט פון דעם פּריווילעגירטען קלאַס, וואָס ערוועהלט פון זיין צאָהל אַ רעגיערונג, די דירעקטאָרס פון דער קאָמפּאַניע. אמת, דאָס איז נאָך ניט קיין אַלגעמיינעס שטימרעכט, אָבער דאָס איז שוין דאָך אַ רעפּרעזענטאַטיווע געזעלשאַפטליכע פאַרוואַלטונג, ניט קיין פּריוואַט־זאַך, ווי אַ פאַבריקע, וואָס געהערט צו איין קאַפּיטאַליסט, אָדער צו אַ פירמע. כדי עס זאָל פון אַזאַ אינדוסטריעלער אריסטאָקראַטיע ווערען אַן אינדוסטריעלע

דעמאָקראַטיע, איז נויטיק, אַז די אַרבייטער זאָלען אויך קריגען אַ וואוט איבער די וואַל פון דיזער אינדוסטריעלער רעגירונג, און די פּריווילעגיעס פון די סטאָקהאָלדערס זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען, אַזוי ווי עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען די פּריווילעגיעס פון די פּאַרציימיקע פּריצים (פעאָדאַלען).

ווי אַזוי זשע ווערט פון אַזאַ מאָנאָפּאָליסטישען האַלב-סאָציאַליזם אַן אמת'ער סאָציאַליזם, וואָס דער גאַנצער עולם זאָל פון עם גענים׳ען, ניט אַ הויפען טראָסט-מאַגנאַטען?

אַף דערויף ענטפערט די סאָציאַליסטישע טעאָריע: דורך אַ רעוואָלוציאָן. מיט דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם וואַקסט דער אַרבייטער-פּראָלעטאַריאַט, מיט דער צייט עפענען זיך ביי דעם אַרבייטער-קלאַס די אויגען, ער הויבט אָן צו פילען זיין מאַכט, ער אָרגאַניזירט זיך אין אַ קלאַסען-פּאַרטיי, ער קריגט אַריין די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענט, ער ערקלערט די טראָסטס פאַר קהל'שען אייגענטום. ער ערוועהלט גענאָסע בענסאָנען פאַר פּרעזידענט, ער מאַכט גענאָסע פייגענבוים'ען פאַר האַנדעלסמיניסטער, און פייגענבוים ווערט שוין אַלץ אין קורצען באַזאָרגען. אויב ראָקפעלער און מאָרגאַן וועלען איינזעהען, אַז זיי האָבען פאַרשפּילט, און וועלען נאָכגעבען, ווי קלוגע מענטשען, וועט מען זיי נאָך אפשר פאַרזאָרגען מיט שטעלען אין דעם קהל'שען ביזנעס. וואָרים מ' קען ניט לייקענען, אַז זיי זיינען גענים אין געשעפט און זייער עצה קען גוט צוניץ קומען. דאָס הייסט אַ רעוואָלוציאָן, אָבער אַ פרידליכע, דורך דעם באַלאָט. אויב אָבער זיי וועלען זיך אַמפּערען, וועט מען זיי מוזען פאַרטרייבען מיט גוואַלט. דאָס איז אַ גוואַלטיקע רעוואָלוציאָן.

דער פונדאַמענט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", וועלכער איז ערשינען פאַר דער רעוואָלוציאָן פון 1848. ווען מ' באַטראַכט יענע צייט, זעט מען, ווי אַזוי מאַרקס איז געקומען צו דעם געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם קען אַנדערס ניט איינגעפירט ווערען, ווי דורך אַ פּראָלעטאַרישען מיאַטעזש, איך זאָג בכיון מיאַטעזש, ניט רעוואָלוציאָן, וואָרים מיט דעם וואָרט „רעוואָלוציאָן" שפּילט מען אָפּ אַלערליי קונצען. מאַרקס האָט טאַקע געמיינט אַ בירגערקריג, אַ גוואַלטיקע רעוואָלוציאָן. נאָר אין ענגלאַנד, האָט זיך עס אויסגעוויזען, איז מעגלאַך אַ פרידליכער איבערגאַנג צו סאָציאַליזם.

ווען מאַרקס האָט געשריבען זיין מאַניפעסט, איז נאָך דער קאַפּיטאַליזם אין די מערסטע לענדער געווען שוואַך ענטוויקעלט. די דריי גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער היינט־צו־טאָג זיינען די פעראייניקטע שטאַטען, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. מיט זיבעציק יאָר צוריק איז נאָך ניט אין אַמעריקע און ניט אין דייטשלאַנד כמעט קיין קאַפּיטאַליזם ניט געווען. אַפילו אין ענגלאַנד זיינען נאָך באַשטאַנען אַ סך קליינע קאַפּיטאַליסטען, און נאָר אַ גאון ווי מאַרקס האָט שוין דעמאָלט געקענט איינזעהען, אַז די קאַפּיטאַליסטען וועלען מיט דער צייט אופפרעסען איינער דעם אַנדערען, ביסקל וואַנען עס וועט נאָר בלייבען אַ קליינע צאָל קאַפּיטאַליסטען. נו, וואָס־זשע ווייטער? ווען מ׳ וויל זיך האַלטען אַף אַ ריין עקאָנאָמישען וועג, מוז מען זיך דאָ אָפּשטעלען.

מיט פופציק יאָר צוריק האָט מען זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע קראַפט קען מאַכען, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל איבערגעהן פון די פּאָר קאַפּיטאַליסטען אין קהל׳שע הענט. אַף דעם מאַכט מאַרקס: „די גוואַלט איז אויך אַן עקאָנאָמישע קראַפט, די גוואַלט איז אַלע מאָל די הויבאַם ביי דער אַלטער געזעלשאַפט ווען זי ליגט אין קימפּעט מיט אַ נייער“. גאַנץ גוט, פון וואַנען איז אָבער קענטיק, אַז די אַלטע איז גאָר מעוברת? אַף דעם זאָגט מאַרקס, עס וואַקסט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַ נייער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט. ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה, דעמאָלט באַשטעהט כמעט די גאַנצע געזעלשאַפט פון פּראָלעטאַריער. נו איז וואָס? הויבען זיי אָן צו קלערען וועגען דעם, ווי עס פירט זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מוזען זיי איינזעהן, אַז דער איינציקער פּלאַן פאַר זיי איז דער סאָציאַליזם, זיי ווערען קלאַסען־באַוואוסט. און דעמאָלט צוברעכט די פּראָלעטאַרישע הינדעלע דעם קאַפּיטאַליסטישען שאָלאַכץ און שפּרינגט אַרויס אין די פרייע סאָציאַליסטישע וועלט. אַלזאָ, וואָס ברינגט דעם סאָציאַליזם? ניט די עקאָנאָמישע ענטוויקעלונג אַליין, וואָרים די עקאָנאָמישע ענטוויקעלונג פאַראייניקט נאָר דעם גאַנצען קאַפּיטאַל אין אַ קליינע צאָל הענט און באַשאַפט אַ קלאַס פון פּראָלעטאַריער. ווייטער מוז זיך דעם פּראָלעטאַריאַט פאַרוועלען סאָציאַליזם, אָן דעם וועט עס ניט געהן. היינט פאַר וואָס זאָל זיך עס פאַרוועלען? אַף דערויף האָט מיר אַמאָל געענטפערט אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, אַז

ווען מ׳ טרעט אַן א קאץ אױף׳ן עק, קװיטשעט זי אויך, און ווען דער קאַפּיטאַליזם קריכט שוין אריין דעם ארבײטער טיף אין די געדערים, מאכט ער אַן קולות. גוט, פון װאַנען אָבער זאָל עס אריין אין מח דער געדאנק, אז סאָציאַליזם איז די רפואה פאר זיין קרענק? איר וועט מיר זאָגען, אז אױף דערויף איז פאַראַן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דאָס איז אָבער ניט קיין ענטפער: די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דאָך אליין א טייל פון דעם פּראָלעטאריאט, און די קשיא איז דאָך, ווי אַזוי קומט דער פּראָלעטאַריאַט צו דעם סאָציאַליסטישען געדאנק? איר געדענקט דאָך דעם געשיכטליכען מאַטעריאַליזם? דאָס הייסט, אז די געצייג, מיט וועלכע דער מענטש ארבײט, ענטוויקלען זיך, מ׳ הויבט אָן צו ארבייטען אױף א נייעם אופן, די גאַנצע פירונג פון געשעפט ווערט אַן אנדערע, דערפון קומען אריין דעם מענטשען נייע געדאנקען אין מח. אַלזאָ, פריהער דארף מען האָבען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, און נאָר דעמאָלט קען דער עולם ווערען סאָציאַליסטיש געזאָנען.

אױף דערויף מאכט פּלעכאַנאָוו: דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז אויך ניט מער, ווי די אָפּשפּיגלונג פון דער עקאָנאָמישער איינריכטונג פון דער געזעלשאַפט, די נפקה מינא איז נאָר, וואָס עס שפּיגעלט זיך אין עם אָפּעט די עקאָנאָמישע איינריכטונג פון דער צוקונפט! עס הייסט, דער טאַטע איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען, דער זון איז שוין אױף׳ן דאַך.

פון דעם ווידערשפּרוך האָט זיך דער ארטאדאקסאלער מאַרקסיזם ניט פאַרמאַגט אויסצודרעהען. דער מאַטעריאַליזם האַלט נאָר אַן אין דער פאַרגאַנגענער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט. מ׳ פאַרשטעהט, ווי אַזוי דער פּאַרצייטיקער קאָמוניזם האָט זיך אױף אַן עקאָנאָמישען וועג ענטוויקעלט צו א געזעלשאַפט פון פּויערים, מייסטערלאַך און קליינע סוחרים, מ׳ פאַרשטעהט, ווי אַזוי עס האָט זיך פון אַזאַ קליינבירגערליכער געזעלשאַפט אויסגעארבייט אױף א ריין עקאָנאָמישען וועג די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט; מ׳ פאַרשטעהט, ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט גופא ענטוויקעלט זיך אױף א ריין עקאָנאָמישען וועג. אבער ווען עס קומט צו דעם לעצטען אקט, דעמאָלט נעהט אוים דער מאַטעריאַליזם; מ׳ מוז האָבען א סאָציאַליסטישען אידעאַל אַפריהער פאַר דער סאָציאַליסטישער ווירקליכקייט.

ווי אזוי קומט עס, אז א געניאלער מענטש ווי מארקס, זאל ניט האבען געהאט איינגעזעהען, אז עס פעלט עפעס אין זיין טעאריע? איינפאך, ווייל דער קאפיטאליזם איז נאך ביי זיין לעבען ניט געווען אזוי ווייט ענטוויקעלט און עס איז נאך קיין צייכען ניט געווען, פון וועלכען מ׳ וואלט געקענט טרעפען, ווי אזוי דער קאפיטאליזם קען איבערגעהן אף א ריין עקאנאמישען וועג אין סאציאליזם.

ווען מארקס וואלט נאר געווען א וויסענשאפטסמאן און ניט קיין סאציאליסט, וואלט ער זיך בעזאגט: איך האב געוויזען ווי דער קאפיטאליזם געהט פארווערטס צו אזא צושטאנד, ווען די געזעלשאפט וועט זיין צוטיילט אין צוויי קלאסען, א קליינער קלאס קאפיטאליסטען און א גרויסער קלאס פראלעטאריער; וואס קען פון דערפון ארויסקומען קען מען איצט אין פאראויס ניט וויסען. אבער מארקס איז שוין געווען א סאציאליסט איידער ער האט אויסגעבויט א וויסענשאפטליכען פונדאמענט פאר דעם סאציאליזם; האט עס זיך עם אויסגעוויזען גאנץ נאטירליך, אז דער פראלעטאריאט מוז קומען צו דעם סאציאליסטישען אידעאל. ווי אזוי־זשע קען דער סאציאליסטישער פראלעטאריאט זיינע פאדערונגען אויספירען? אין דער רעוואלוציאנערער צייט, ווען דער קאמוניסטישער מאניפעסט איז געשריבען געווארען, האט אף דערויף געקענט זיין נאר איין ענטפער: דורך א געוואלטיקע רעוואלוציע.

אין יענע צייטען האט א רעוואלוציאנער ווי מארקס, ניט געקענט איינפאלען, אז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט זאל בלייבען קאלט זאגאר פיינדליך צו דעם סאציאליזם, ווי די יוניאנס דא אין אמעריקע. דעמאלט, איז א טרעיד־יוניאניסטישע באוועגונג באשטאנען נאר אין ענגלאנד, און דארטען איז עס געווען ארום דער צייט פון דער טשארטיסטישער באוועגונג, פון וועלכער עס איז שיר ניט געקומען צו א מיאטיעזש.

מיר זיינען אבער היינט מיט זיבעציק יאר עלטער. מיר וויסען, אז דער פראלעטאריאט אין די גרעסטע קאפיטאליסטישע לענדער, אמעריקע און ענגלאנד, איז גאנץ קאלט צו דעם סאציאליזם. אלזא, די פראלעטארישע לאגע אליין ברינגט ניט צו א סאציאליסטישער געזינונג. וואו־זשע איז די וויסענשאפטליכע זיכערקייט, אז עס וועט פארט קומען צו סאציאליזם?

עס איז קלאר, אז דער ארטאדאקסישער מארקסיזם איז ניט אים שטאנד דאס צו באווייזען אף א ריין־עקאנאמישען גרונט. און

דערפאר האבען זיך פילע רעוויזיאניסטען אפגעשאקעלט פון דעם מאטעריאליזם און זיינען געווארען אידעאליסטען, דאס הייסט, זיי מיינען, אז מענטשלאכע אידעען ענטוויקלען זיך פון זיך אליין: דער מענטש, דורך זיינע נייע געדאנקען, מאכט איבער די גאנצע וועלט אף אזא פלאן, ווי עס געפעלט עם. ווען עס געפעלט עם סא־ליזם, וועט ער זעהען איינצופירען סאציאליזם. איך גלויב, אז דער געשיכטלאכער מאטעריאליזם איז ריכטיק, נאר מארקס האט ניט דערלעבט צו זעהען, ווי די אמעריקאנער טראסטס באווייזען, ווי אזוי דער קאפיטאליזם ענטוויקעלט זיך אף א ריין עקאנאמישען וועג צום סאציאליזם.

7.

שטאטס־סאציאליזם.

איך האב שוין געוויזען, ווי אזוי דער גאנצער געשעפט פון אמעריקע ווערט פאראייניקט אין די הענט פון די טראסטס. מיט דער צייט וועלען זיי אלע זיין פארבונדען אין איין אלגעמיינעם טראסט. די גאנצע ארבייט פון דער געזעלשאפט וועט יע־מאלט זיין ארגאניזירט אף א געזעלשאפטליכען פלאן, אלצדינג וועט ווערן געפירט פון ערוועהלטע אדער אנגעשטעלט בעאמטע; אבער די בעלי הבתים איבער דעם גאנצען געשעפט פון דער געזעלשאפט וועלען זיין די סטאקהאלדערס (די אקציאנערען) פון די טראסטס; דער גאנצער פראפיט פון דעם געזעלשאפטליכען געשעפט וועט געהן אין זייערע קעשענעס. עס איז אלזא א פארטיקע סאציאליסטישע געזעלשאפט, נאר עס זיצט איבער איר א פריוויליגירטער קלאס. וואס געניסט די פרוכט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט נאר דערפאר, וואס ער האט אין אמאליקע יארען ארגאניזירט די אינ־דוסטרי, ווי־זשע קען מען פון זיי פטור ווערען? דער דורכשניטלא־כער סאציאליסט איז פעסט איבערצייגט, אז מען וועט מוזען ביי זיי צונעמען זייער קאפיטאל, ווארים וואס איז דער קאפיטאליסט— א נאר איז ער אליין אוועקצוגעבען זיין קאפיטאל? דאס איז אבער גראד וואס ער טוט: די מאיאריטעט פון קאפיטאליסטען, וואס הא־בען אריינגעלעגט זייערע קאפיטאלען אין די טראסטס, זיינען שוין מער ניט קיין בעלי־הבתים איבער זייער אייגענם.

ווי איז א טראסט ארגאניזירט? יעדער טראסט איז א קארפא־

רעישאן, אן אקציען־געזעלשאפט, און ער קען אנדערש ניט זיין. א מאן ווי קארנעגי, וואס פארמאגט דריי הונדערט מיליאן, קען אליין אן שותפים בויען אן אייזענבאן, א שטאל־פאבריק, אבער עס זיינען פאראן אנדערע מיליאנערען, וואס קענען מיט עם קאנקורירען. אלזא, מוזען זיי אלע זיין פאראייניקט אין איין קאמפאניע. געהן אין שותפות טויג ניט, ווארים ערסטענס וויל איינער ניט זיין פאראנט־ווארטליך מיט זיין גאנצען פארמעגען פאר דעם אנדערען, מ'געטרויט זיך ניט איינער דעם צווייטען; און, צווייטענס, וויל מען, מ'זאל קענען קויפען און פארקויפען חלקים אין דעם קאפיטאל, ווי עס לוינט זיך בעסער פאר יעדען איינעם. אף דערויף מאכט מען א קאר־פארעישאן, א קארפארעישאן אבער איז ניט קיין פריוואט־מאן, נאר א באשעפעניש פון דעם שטאט. דער שטאט מעג מיט דער קארפארעישאן טאן וואס ער וויל, א חוץ נאר אוועקנעמען איר קאפיטאל אומזיסט. א קאפיטאליסט, וואס פירט זיין געשעפט אף זיין אייגענעם נאמען, איז ביי זיך אליין דער גאנצער בעל־הבית, און איז קיינעם ניט מחויב אפצוגעבען א חשבון, ווי אזוי ער פירט זיין געשעפט. א קארפארעישאן אבער שטעהט אונטער דער אויפ־זיכט פון דעם שטאט. דער שטאט באשטימט דורך א געזעץ, ווי אזוי זי זאל פירען דעם געשעפט, ווי אזוי זי זאל ערוועהלען אירע בעאמטע; דער שטאט פארלאנגט פון איר רעפארטס וועגען איר גע־שעפט. דאס ווערט געטאן ניט צוליב די אינטערעסען פון פאלק, נאר טאקע צוליב די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען גופא. זיי קענען זיך איינער דעם אנדערען ניט געטרויען, דער שטאט איז זייער פארמיטלער, אויפצופאסען, אז אלץ זאל צוגעהן ראיעל.

נאטירליך ווען דער שטאט מאכט א געזעץ פאר קארפארעי־שאנס, מוז ער אויפפאסען, אז דורך די רעכטע, וואס זיי קריגען, זא־לען זיי אנדערען קיין היזוק ניט טאן. דער שטאט טאר קיי־נעם ניט געבען דאס רעכט צו מאכען א מאנאפאליע. ווען די נאטור פון דעם געשעפט איז אזוינע, אז עס וואקסט פון עם אוים א מאנא־פאליע, האט דער שטאט דאס רעכט צו באשטימען דעם פרייז, וועל־כען די קארפארעישאן זאל פארלאנגען פאר איר ווארע, ווי, צום ביישפיל גאז.

קורץ, דער שטאט האט דאס רעכט זיך אריינצומישען אין דעם געשעפט, ווי ווייט עס דארף זיך דער שטאט מישען אין דעם

געשעפט, דאס באשטימען די געזעצגעבער. זיי מעגען טאן וואס זיי
ווילען, א חוץ, וואס זיי טארען ניט אוועקנעמען דעם קאפּיטאל פון
דער קארפּארעישאן.

ווען עס האבען זיך אנגעהויבען צו גרינדען קארפּארעישאנס,
האבען די קאפּיטאליסטען פארלאנגט דער שטאט זאל זיך וואס ווײ־
ניקער מישען אין די געשעפטען פון די קארפּארעישאנס. עס האט זיך
אבער אויסגעלאזען דערפון, אז דער איינצעלנער קאפּיטאליסט, וועל־
כער איז א סטאקהאלדער אין א קארפּארעישאן, ווען ער באלאנגט
ניט צו דער קליקע פון די דירעקטארען, האט קיין דעה ניט איבער
דעם געשעפט און איז אפילו מיט זיין קאפּיטאל אויך ניט זיכער. א
מיליאנער איז, דאכט זיך, שוין ניט קיין קבצן. ווען ער קויפט אף
א פאר הונדערט טויזענט דאלאר סטאק אין דעם קופּער־טראסט,
וואס דער קאפּיטאל פון דעם טראסט איז 150,000,000*, וואס
פאר א ווערדע האט ער, דער מיליאנער, מיט זיינע לומפּיקע פאר
הונדערט טויזענט דאלאר, געגען די ראקפעלערס, די מארגאנס און
די גאנצע חברה, וועלכע קאנטראלירען דעם סטאק? עס זיינען פא־
ראן אין דעם טראסט אפשר הונדערטער אזעלכע ווי ער, וואס יעדע־
רער פון זיי האט אריינגעלייגט ווער הונדערט טויזענט, ווער מערער.
ווען זיי זאלען אפילו האבען א מאיאריטעט פון דעם קאפּיטאל*),
זיינען זיי צושפּרייט איבער דער גאנצער וועלט און ווייסען איינער
פון דעם אנדערען ניט, א סך פון זיי האבען געקויפט דעם סטאק
נאר אף ספּעקולאציע, אף צו פארקויפען, ווען ער וועט שטייגען אין
פּרייז; זיי האלטען סטאקס פון א צענדליק קארפּארעישאנס און
זיינען גאר ניט אים שטאנד זיך אפּצוגעבען צו די אלע געשעפטען.
דערפון קומט, אז זייער וואוט, ביי דעם יערליכען מיטינג, איז א
פּוסטע פּארמע. די גאנצע קאמפּאניע איז אין די הענט פון א פּאר
מאכערס. ווען זיי ווילען, העכערען זיי דעם פּרייז פון זייער ווארע
און צאלען גרויסע דיווידענדען. דער סטאק שטייגט, זיי פארקויפען
א טייל פון זייער סטאק נאך דעם הויכען קורס. דערנאך לאזען זיי
אראפּ דעם פּרייז פון דער ווארע און הערען אוף צו צאלען דיוויי־
דענדען, ווארים, פארשטעט איר, דער געשעפט טראגט ניט.

---

*) די שטימען געהערען דעם קאפּיטאל (סטאק), ניט די מענטשען
(די סטאק האלדערס).

דער קורס פאַלט, יעמאָלט קויפען זיי איין דעם סטאָק פון די שעפּסען. דורך אַזעלכע קונצען האָבען די סטאָק־האָלדערס אָנגעוואָרען טויזענטער מיליאָנען דאָלאַר. דאָס הייסט קאָנפיסקאַציע, פּונקט ווי די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען פאַרלאַנגען. די קאַפּיטאַליסטען זיינען אָבער דאַגעגען, זיי ווילען ניט מ'זאָל ביי זיי אָוועקנעמען דעם קאַפּיטאַל.

זינט די קאַפּיטאַליסטען האָבען שוין קיין דעה ניט איבער זייערע אייגענע קאַפּיטאַלען, טו איז פאַר זיי נימאָ קיין אַנדער מיטעל צו באַשיצען זייערע אינטערעסען, א חוץ דער שטאַט זאָל נעמען אַף זיך אויפצופּאַסען איבער די קאָרפּאָרעישאָנס.

אַן אָנהויב איז שוין געמאַכט געוואָרען. אין 1903 איז געשאַפען געוואָרען אין וואַשינגטאָן א ביוראָ איבער קאָרפּאָרעישענס, וועלכע האָט געדאַרפט אַכטונג געבען אויף די טראַסטס. אונטער פּרעזידענט ווילסאָנס אַדמיניסטראַציע איז זי רעאָרגאַניזירט געוואָרען, איצטער הייסט זי „פעדעראַל טרעיד קאָמישאָן“. דערווייל האָט זי נאָך גאָרנישט ניט געטאָן. אָבער די קאַפּיטאַליסטען ווילען דאָס אַף אימער אַזוי ניט לאָזען. דער שטאַט איז דאָך זייער אַגענט. זיי זיינען נאָך היינט צו טאָג ביי זיך אַליין ניט קלאָר, ווי די זאַך קען בעסער רעגולירט ווערען. דער עיקר איז, אַז דער שטאַט מוז נעמען אַף זיך די השגחה איבער די אינערע געשעפטס־פירונג פון דער קאָרפּאָרעישאָן. די סטאָק־האָלדערס מעגען זיך ערוועהלען דירעקטאָרען, וועלכע זאָלען פירען דעם געשעפט, אָבער איבער די דירעקטאָרען שטעהען שטאַטסבעאַמטע, וועלכע האָבען אויך א דעה אין געשעפט. דאָס איז ניט קיין רעוואָלוציע, מ'נעמט ביי קיינעם ניט אַוועק זיין קאַפּיטאַל; אים געגענטייל, מ'זוכט דערמיט נאָר צו פּראָטעקטען די אינטערעסען פון דעם גאַנצען קלאַס קאַפּיטאַליסטען געגען די קליקע טראַסט מאַגנאַטען. דאָס איז אָבער, שוין ניט פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם, דאָס איז שטאַטס־קאַפּיטאַליזם.

היינט לאָמיר־זשע זעהען, וואָס טוט זיך מיט די איבעריקע קאַפּיטאַליסטען, וואָס זיינען ניט אין די טראַסטס.

ביי דער לעצטער פאָלקסצעהלונג, אין 1910 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטען געווען א פערטעל מיליאָן פאַבריקאַנטען און א מיליאָן מיט א פערטעל אַלערליי הענדלער. מ'זאָגט זיי „מוזען„ פאַרשווינדען, אָבער זיי זיינען ניט באַקאַנט מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און זיי ווייסען פּשוט ניט, אַז זיי „מוזען“ פאַר־

שווינדרען. כל זמן זיי זיינען נאך דא, ווילען זיי לעבען און די טראסטס לאזען זיי ניט לעבען. ווייטער זיינען געוועזן דריטאלבען מיליאן פארמערס, וואס האבען אייגענע פארמס, און אף זייערע פארמס איז ניטא קיין חובות. זיי „מוזען“ ווערען פראלעטאריער. אבער די צייט דערצו איז נאך ניט באשטימט געווארען. דערווייל ווילען זיי מאכען א לעבען און די אייזענבאנען דריקען זיי. זיי פארלאנגען דער שטאט זאל זיי באשיצען פון די מאנאפאליסטען און זיי האבען שוין מיט יארען צוריק אויסגעפירט. אז די יונייטעד סטעיטס סופרים קאורט האט געפסק'ענט, אז ווען ערגעץ א זאך ווערט א מאנאפאליע, טו מעג דער שטאט רעגולירען דעם פרייז. לאמיר באטראכטען די פראגען איינציקווייס.

די אייזענבאן האט היינט אן אונבאשרענקטע מאכט איבער דעם גאנצען האנדעל, דאס הייסט איבער דער גאנצער פראדוקציע. די אייזענבאן באשטימט די פראכט. ווען דער מארק פאר א געוויסע ווארע איז אין ניו־יארק און עס קאסט דאס זעלבע צו מאכען זי אין שיקאגא ווי אין סענט־לואיס, נאר די פראכט פון סענט לואיס איז העכער ווי פון שיקאגא, טו קען דער פאבריקאנט אין סענט־לואיס ניט עקזיסטירען. די פראכט, מוזט איר פארשטעהן, קען ניט בארעכענט ווערען איינפאך נאך דעם, ווי ווייט עס איז פון איין פונקט צו דעם אנדערען. פון ניו־יארק קיין באפאלא איז ווייטער איידער קיין אדיראנדאקס, אבער די פראכט פון די אדיראנדאקס קען זיין העכער איידער פון באפאלא, ווארים דא איז דער פארקער גרויס און דארטען איז ער גאר קליין. ווייטער, פון ניו־יארק קיין פילאדעלפיע, צום ביישפיל, קען מען שיקען ווארע איבער'ן וואסער, אלזא מוז די אייזענבאן ארפלאזען דעם פרייז. עס איז א פארפלאנטערטע זאך, און דערפון קומט ארויס, אז די אייזענבאהן קען מיט אירע טאריפען אויפבויען די אינדוסטרי, דעם האנדעל פון איין שטאט, און רואינירען אן אנדער שטאט. ווען די אייזענבאנען פאלען אריין אין די הענט פון א טראסט, קענען זיי רואינירען אלע זיינע קאנקורענטען. ברייטע שיכטען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס, דער גאנצער פארמער־קלאס, זיינען דעריבער פאראינטערעסירט, אז די אייזענבאנען זאלען געשטעלט ווערען אונטער די אויפזיכט פון דער רעגיערונג, אלס פארטרעטערין פון דער גאנצער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. עס הויבט זיך אן פון אלערליי נעזעצען צו רעגולירען די אייזענבאנען; אבער דער קאמפף פון די

אייזענבאַן־קאָמפּאַניעס געגען די אַלע געזעצען פּירט פּאַמעלעך צו דער איבערצייגונג, אַז דער איינציקער וועג צו רעגולירען די אייזענבאַנען, איז זיי זאָלען איבערגעהן אין די הענט פון דעם שטאַט. די פאָדערונג ווערט געשטעלט פון קאַפּיטאַליסטען, פון געשעפטסלייט, ניט פון אַרבייטער. אַלזאָ, די אינטערעסען פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען קלאַס פאָדערען שטאַטס־סאָציאַליזם בנוגע צו אייזענבאַנען.

אַנאַנדער „פּאַבליק יוטיליטי" זיינען די שטאַט־באַנען. דער גאַנצער לעבען פון אַן אַמעריקאַנער גרויסער שטאָט הענגט אָפּ פון די שטאַט־באַנען: ווען די רייזע אונטער'ן שטאָט קאָסט פינף סענט, אַנשטאַט ווי פריהער צען, אָדער די קאָמפּאַניע גיט טראַנספערס אַף א זייטיקע גאַס, הויבט זיך באַלד דער פּרייז פון ריעל עסטעיט אין דעם ווייטען געגענד, וואָרים דער עולם הויבט אָן אַריבערצוקלייבען זיך פון די געדיכט באַזעצטע קוואַרטאַלען אין די ווייטערע געגענדען. אַלזאָ, א גרויסע צאָהל ריעל עסטעיט לייט, גאָר ניט קיין פּראָלעטאַריער, זיינען פאַראינטערעסירט אין דעריין, אַז די שטאָטבאַנען זאָלען געהערען דער שטאָט. מ'פּרופט נאָך, אַלס א קאָמפּראָמיס, צו רעגולירען די קאַר קאָמפּאַניעס, אבער עס איז שוין קלאָר פאר דעם גאַנצען עולם, אַז כל זמן די שטאָטבאַנען געהערען צו פּריוואַט־קאָמפּאַניעס, וועלען זיי אימער געפינען א וועג צו רעגולירען די רעגירונג, אַנשטאַט זיי זאָלען רעגולירט ווערען פון דער רעגירונג. און דעריבער איז איצטער די פאָדערונג פּאָפּולער, אַז די שטאָט־באַנען זאָלען געהערען דער שטאָט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די גאַז־קאָמפּאַניעס. יעדער געשעפטס־מאַן ניצט א סך גאַז; ווען די גאַז זאָל באַלאַנגען צו דער שטאָט, וואָלט דאָס דעם געשעפטס־מאַן איינגעשפּאַרט א היבשע פּאָר סענט. דאָסזעלבע גילט וועגען עלעקטרישע קראַפט, טעלעפאָנס און טעלעגראַפען. דערפון שטאַמט דער פאַרלאַנג נאָך מוניציפּאַל־סאָציאַליזם. די קאַפּיטאַליסטען זוכען זיך דאָ אויסצוגלייכען צווישען זיך, איין גרופּע קאַפּיטאַליסטען זאָל זיך ניט נעמען מערער, ווי עס קומט איר. פרעגט ביי איינעם פון זיי, צי ער איז א סאָציאַליסט, וועט ער אייך נאַטירליך גאַנץ אופריכטיק ענטפערען, אַז ער זוכט נאָר צו באַשיצען די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל געגען א קליינע באַנדע מאָנאָפּאָליסטען*).

*) אַזוי האָט ערקלערט הוירסט, בשעת ער איז געלאָפען פאַר מעיאָר פון ניו־יאָרק אין 1905.

די אייזענבאנען, גאז־קאמפאניעס און דערגלייכען, אונטערשיידען זיך פון א געוועהנטלאכען געשעפט דורך דעם, וואס זיי מוזען באנוצען קהל'שע לאנד: א וועג, א גאס זיינען פון אייביק אן געווען דאס אייגענטום פון דעם כלל. ווען עס קומט אוים צו בויען אן אייזענבאן דורך אזעלכע לאנד, וואס באלאנגט צו פריוואט פערזאנען, האט דער שטאט דאס רעכט צו פארנעמען די לאנד, צי דער אייגענטימער וויל, צי ניט, און זיי אוועקגעבען דער קאמפאניע, וואס נעמט זיך אונטער צו בויען די באן. די לאנד ווערט אפגעשאצט און דער אייגענטימער באקומט באצאלט וויפיל זי איז ווערט. ווען דער שטאט זאל געפינען אז די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט פאדערען די אייזענבאן זאל באלאנגען צום שטאט, טו קען דאס צו יעדער צייט געזעצליך אויסגעפירט ווערען, עס איז ניט קיין רעוואלוציאן.

אין 1902, אין דער צייט פון דעם קויהלען־סטרייק, האט דער יקרות אף קוילען שוין אין זומער ארויסגעצויגען שווערע טויזענטער ביי יעדען קאפיטאליסט, וואס געברויכט סטים (פארע). די קאפיטאליסטען האבען אנגעמאכט קולות: פאר וואס דארפען זיי ליידען, ווען דער קוילען־טראסט קריגט זיך מיט זיינע ארבייטער. קאפיטאליסטישע פאליטישענס און קאפיטאליסטישע צייטונגען האבען גענומען ריידען, אז דער שטאט דארף איבערנעמען די קוילען־גרובען צו באשיצען דאס „פובליקום", דאס הייסט דעם גאנצען קאפיטאליסטישען קלאס, געגען א קליינע קליקע קאפיטאליסטען. דער שטאט באלאנגט צו דעם קאפיטאליסטישען קלאס, און וואו דער פריוואט־קאפיטאליזם קומט צו קורץ, פאדערט דער קאפיטאליסטישער קלאס שטאטס־קאפיטאליזם.

וויטער, אז דער געשעפטסמאן פילט זיך באדריקט פון א גאנצע מחנה טראסטס, וואס האבען קיין געזעצליכע מאנאפאליע ניט און שטיצען זיך נאר אף די מאכט פון זייער אונגעהויערען קאפיטאל, מיט וועלכען קיין אנדערער איז ניט אימשטאנד צו קאנקורירען, טו וויל ער מ'זאל עם ניט שטעלען קיין צו הויכע פרייזען פאר די װארע, וואס ער קויפט. ווען דער פלייש־טראסט העכערט דעם פרייז אף פלייש, טו ליידעט דערפון יעדער בעל הבית פון א רעסטאראן אדער פון א האטעל, ווארים ער האט א געוויסען פרייז און ער קען עס ניט העכערען, ווייל ער האט מורא צו פארלירען קונדען. אין 1910 זיינען געווען אין אמעריקע איבער הונדערט טויזענט האטעלס און רעסטאראנס. איך האט אלזא הונדערט טויזענט געשעפטסלייט, וואס

זיינען געגנער פון דעם פלייש־טראַסט. דער איינציקער מיטעל געגען א יקרות איז, דער שטאַט זאָל באַשטימען דעם פּרייז, קיין איינציקע קאָמפּאַניע זאָל ניט קענען באַרייסען דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. דאַס פאַרלאַנגען שוין מאַנכע קאַפּיטאַליסטישע געגנער פון די טראַסטס.

הייגט, וואָס וואָלט זיין, ווען אַלע מקחים זאָלען ווערען באַשטימט פון דעם שטאַט? ווי אַזוי זאָל דער פּרייז געמאַכט ווערען? דער קאַפּיטאַליסטישער יושר פאַרלאַנגט, אַז יעדער קאַפּיטאַליסט זאָל קענען מאַכען אַ פּראָפיט. דער שטאַט מוז אַלזאָ אַזוי אויסרעכענען דעם פּרייז, אַז עס זאָל זיך ביי דעם טראַסט אָפּשטעלען אַ באַשטימטער פּראָצענט פּראָפיט. הייגט, ווען דער שטאַט זאָגט, אַז אַזוי פיל, מעג דער טראַסט נעמען פאַר אַ פונט פלייש און אַזאַ פּראָצענט דערפון מעג באַרעכענט ווערען אַלס פּראָפיט, טו ווען איר ציט אַראָפּ דעם קאָסט פון מאַטעריאַלען, וואָס בלייבט? די שכירות פון די ארבייטער. אַלזאָ ווען דער שטאַט זאָל זיך נעמען באַשטימען דעם פּרייז פון מאַנאָפּאָליסטישע וואַרען, טו הייסט עס, ער מוז באַשטימען, וואָס פאַר אַ חלק זאָל באַקומען דער ארבייטער און וואָס פאַר אַ חלק דער קאַפּיטאַליסט.

דאָס איז דער אַמאָליקער אידעאַל פון די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען, דער פּראָדוקט זאָל צוטיילט ווערען אין אַ באַשטימטער פּראָפּאָרציע צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. דאָס איז אויך די טעאָריע פון ראָדבערטוס'ען: ער באַטראַכט דעם קאַפּיטאַליסט אַלס אַן עפענטליכען בעאַמטען, און ער וויל אויך, דער שטאַט זאָל באַשטימען, וואָס פאַר אַ טייל פון דעם פּראָדוקט מעג דער קאַפּיטאַליסט קריגען פאַר זיין געזעלשאַפטליכע אַרבייט.

מיר זעהען אַלזאָ, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אַליין מוז ענדלאַך ברענגען צו שטאַטס־קאַפּיטאַליזם, אָדער שטאַטס־סאָציאַליזם*).

*) דאָס איז געשריבען געוואָרען אין 1904. הייגט בשעת איך האַלט אין איבערקוקען דעם קאַפּיטעל פאַר'ן דרוק, געפין איך אין די צייטונגען די ענטשיידונג פון דער ניו־יאָרקער פּאַבליק סוירוויס קאָמישאָן איבער אייזענבאַן־פּראַכט. אין דער ענטשיידונג ווערט געזאָגט, אַז די שכירות פון די אַרבייטער זיינען אָפּהענגיק פון דעם פראַכט־טאַריף און די פּראָפיטען פון די אייזענבאַנען.

8.

די היסטאָרישע ראָליע פון דעם ארבייטער־קלאַס.

וואָס פאַר א ראָליע שפּילט אין דער עקאָנאָמישער ענטוויקע־לונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דער ארבייטער־קלאַס? ווי באַלד עס ענטוויקעלט זיך ערגעץ אין א לאַנד דער קאַפּיטאַ־ליזם, הויבט זיך אָן גאַנץ אינסטינקטיוו די אָרגאַניזירונג פון די ארבייטער. עס איז ניט די ארבייט פון אַגיטאַטאָרס, עס קומט פון דער נאַטור, זעהר אָן אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיקע וועגען דעם איז פאַרעפענטליכט געוואָרען פון דעם לעיבאָר דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן.

אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר, פון 1881 ביז 1905 זיינען פאָרגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטען 36,000 סטרייקס, כמעט א דריט־חלק פון זיי, איבער 11,000 סטרייקס, זיינען ניט געווען ארויסגערופען פון יוניאָנס; עס זיינען אין יענע סטרייקס געווען באַ־טייליקט מער ווי 1,300,000 אונאָרגאַניזירטע ארבייטער, דער סטרייק אַליין איז געווען די ערסטע אָרגאַניזאַציע.

די זאַך איז גאַנץ איינפאַך: כל זמן דער בעל מלאכה האָט גע־ארבייט ביי א מייסטער, האָט ער זיך מיט דעם מייסטער באַדונגען פערזענליך. ווען אָבער איין פאַבריקאַנט באַשעפטיקט טויזענט אר־בייטער, טו קען ער זיך איינציגווייס מיט אַלעמען ניט דינגען, ער מאַכט פאַר אַלעמען איין פּרייז, ווער עס וויל, שטעלט זיך ארבייטען אף דעם פּרייז, וועמען עס געפעלט ניט, מוז זוכען ארבייט אנדערש־וואו. ווען די אַרבייטער ווילען אויך עפּעס האָבען א דעה צו זאָגען וועגען זייערע שכירות, טו מוזען זיי צונויפקומען זיך אַלע צוזאַמען און שיקען א פּרייז־קאָמיטע צו דעם בעל־הבית. דאָס איז דער ערס־טער שריט פון אָרגאַניזאַציע. דער עיקר איז דער זעלביקער דינגען זיך, ווי אין אמאָליקע צייטען צווישען דעם מייסטער און דעם בעל מלאכה, ווי צווישען דעם שניידער און דעם קונד, וואָס באַשטעלט ביי עם א קאָפּאָטע; עס דינגען זיך דער קויפער מיט דעם פאַרקוי־פער.

פון אנהויב ווייס איין פאַבריק פון דער אנדערער ניט, די אר־בייטער פון יעדער פאַבריק דינגען זיך אַליין מיט דעם בעל הבית. ווען מ'איינינט זיך, איז גאַנץ גוט, נעוועהנטלאַך אָבער, ווען עס

קומט צו א סטרייק, געפינט דער בעל הבית א סך ארביטער, וואָס זיינען צופרידען אנצונעמען אזעלכע שכירות ווי ער וויל צאָלען. דורך דעם סקעבען קריגען די סטרייקער צו פארשטעהן, אז ווען מ'וויל עפּעס אויספירען, מו מוז מען פאראייניקען אלע ארביטער פון דעם זעלביקען פאך. אזוי ווערט געבאָרען א יוניאָן. דערוויילע וואקסען פאבריקעס וואו עס ווערען באשעפטיקט ארבייטער פון אלער־ליי פאכען. ווען מ'וויל עפּעס אויספירען, מוז מען שוין פאראייניקען די יוניאָנים פון די פארשידענע פאכען אין איין פארבאנד.

אזוי ענטוויקעלט זיך מיט דער נאטור די אָרגאניזאציע פון די ארבייטער. וועגען וואָס האנדעלט זיך? וועגען בעסערע באצאָלונג, קירצערע שטונדען, בעסערע באהאנדלונג. די באַסעם שרייען, אז די יוניאָן וויל זיין דער גאנצער בעל הבית אין שאפּ. און דאָס איז ריכ־טיק: די יוניאָן זוכט צו געווינען פאר די ארבייטער א שטימע אין דער פירונג פון דעם שאפּ, בעת דער קאפּיטאַליסט וויל זיין א סאַ־מאָדערזשעץ אין שאפּ. די יוניאָן פירט אלזא א קאַמפּף, ערסטענס, פאר א דעמאָקראַטישע איינריכטונג פון דעם שאפּ, און, צווייטענס, דער ארבייטער זאָל קריגען א גרעסערען חלק אין דעם פּראָדוקט פון זיין ארבייט.

ווען א געשעפט בעלאנגט צום שטאַט, ווי דער פּאָסט־אָפּיס אָדער די רעגירונגס־דרוקעריי, מו דאַרף מען דאָרטען ערסט רעכט א יוניאָן, וואָרים די מאַכט פון דעם שטאַט איז א סך גרעסער איי־דער די מאַכט פון דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסט איבער זיינע ארביי־טער. א פאַרמאַן אין דער רעגירונגס־דרוקעריי, קען ארויסציהען די גנדערים פון די ארבייטער, אזוי גוט ווי א פאַרמאַן אין א פּריוואַט־דרוקעריי. די יוניאָן זוכט איינצופירען א דעמאָקראַטישע איינריכ־טונג אין די פאבריקען, וואָס געהערען דעם שטאַט. שטאַטס־סאָציאַ־ליזם אָן יוניאָנס מוז זיין א ביוראָקראַטישער סאָציאַליזם, די יוניאָן מאַכט דעם שטאַטס־סאָציאַליזם פאר א דעמאָקראַטישען סאָציאַ־ליזם.

דאָס האָבען מיר אלץ גערעדט וועגען אזעלכע געשעפטען, וואָס באלאנגען היינט אָדער וועלען אין קורצען באלאנגען צו דעם שטאַט. א חוץ דעם אָבער מוז מען זיך ריכטען אז אין פילע טראַסטס וועט דער שטאַט אף זיך נאָר נעמען אופּפּאַסען איבער דער געשעפט און וועט באשטימען דעם פּרייז פון דער וואַארע, דעם פּראָפיט און די שכירות פון די ארבייטער. ווען דער שטאַט זאָל באשטי־

מען די שכירות, וועט די פראגע פון שכירות און ארבייטסצייט אריין אין די פּאָליטיק. די וואָל פאר א קאַמיטע, וואָס זאָל האָבען דירעקט די מאַכט צו באשטימען די שכירות, וועט מאכען דעם קאַמף פון די פּאָליטישע פּארטייען פאר א קלאַסענקאַמף: איין פּארטיי וועט זיך סטארען פאר די אקציאָנערען פון די טראַסטס, זייער פּראָפיט זאָל זיין גרעסער און די שכירות זאָלען זיין קלענער, די אנדערע פּארטיי וועט זיך סטארען פאר די ארבייטער, די שכירות זאָלען זיין גרעסער. די געשיכטע פון די יוניאָנס באווייזט, אז עס איז זיי אין פילע אינדוסטריען געלונגען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם צו העכערען אביסעל די שכירות און קירצער מאכען דעם ארבייטסטאָג. עס איז ניטאָ קיין אורזאכע צו דענקען, אז עס וועט ווייטער געהן אנדערש. די יוניאָנס וועלען שריט נאָך שריט געווינען העכערע שכירות און אראָפּזעצען דעם פּראָפיט. ווען ער זאָל ארונטער ביז אזא פּראָצענט, ווי די רעגירונג צאָלט אף אירע באָנדס, וועט עס זיך בעסער לוינען פאר די קאַפּיטאַליסטען, דער שטאַט זאָל זיי אויסקויפען.

איך זעט דערפון, אז די סטרייקס פון די אַרבייטער איבער א פּאָר דאָלאר א וואָך מערער זיינען שריט אין דער ענטוויקעלונג פון סאָציאַליזם.

9.

דער סאָציאַליסטישער שטאַט.

מיר האָבען געזעהען, ווי אַזוי דער סאָציאַליזם ענטוויקעלט זיך גאָר אָן סאָציאַליסטען. די קאַפּיטאַליסטען אליין אָרגאַניזירען די ארבייט אף א געזעלשאַפטליכען פּלאַן, די קאַפּיטאַליסטען אליין זיינען געצוואונגען צוליב זייערע אייגענע קלאַסען־אינטערעסען איבערצומאכען דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם אף שטאַטס־קאַפּיטאַליזם; די ארבייטער, די קאָנסערוואַטיווע טרעיד־יוניאָניסטען ארבייטען ניט וויסענדיק פאר אָן אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע. שטאַטס־קאַפּיטאַליזם אבער צוזאַמען מיט א דעמאָקראַטישער איינריכטונג אין דער פאַבריק באדייטעט סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דאָ מוזען מיר זיך אפּשטעלען. א סך נארישקייטען ווערט גערעט און געשריבען ביי די סאָציאַליסטען, בפרט דאָ הי אין אמעריקע, וועגען שטאַטס־סאָציאַליזם. דער אַלטער ליבקנעכט האָט אויס-

געקלערט דעם וועם ווערטעל „שטאַטס־קאַפּיטאַליזם“ און ער האָט געמיינט, אַז ער האָט דערמיט געקוילעט דעם רעוויזיאָניזם. דער אַלטער האָט ניט איינגעזעהען, אַז דאָס איז דער שטאַרקסטער אַרגומענט פאַר די יעניקע, וועלכע באַטראַכטען דעם איבערגאַנג פֿון קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם, אַלס אַן ענטוויקלונג־עוואָליוציע, ניט אַלס רעוואָליוציע. ווען מ'וויל רעדען אויף דער שפּראַך פֿון דעם דייטשען פילאָסאָף ה ע ג ע ל, טו קומט עס אויס אַקוראַט, ווי עס בעדאַרף זיין: דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם ענטוויקעלט זיך צו זיין אייגענעם הפך, צום שטאַטס־קאַפּיטאַליזם, און שטאַטס־קאַפּיטאַליזם איז שטאַטס־סאָציאַליזם. אַלזאָ, דער קאַפּיטאַליזם ענטוויקעלט זיך אַליין צום סאָציאַליזם.

אָבער פאַר אַן אָרטאָדאָקסישען סאָציאַליסט איז דער וואָרט „שטאַט“ טריף. דאָס איז נאָך געבליבען פֿון יענער צייט, ווען די מאַרקסיסטען האָבען געקעמפּט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל געגען באַקונינען. אונטער דעם איינפלוס פֿון דעם אַנאַרכיזם, האָבען מאַרקס און ענגעלס אויפגעבויט זייער טעאָריע פֿון דעם אָפּשטאַרבענדען שטאַט. דאָ הי אין אַמעריקע רעדט מען נאָך רק ביי די סאָציאַליסטען אויף דעם אַנאַרכיסטישען לשון: מ'איז געגען דעם שטאַטס־סאָציאַליזם, מ'וויל דעם רעוואָלוציאָנערען, דעם פּראָלעטאַרישען סאָציאַליזם. ווען מ'וואָלט ניט געווען שטענדיק אין איין ציטערנעס, די רעפאָרמערס זאָלען חס ושלום ניט אָפּציהען קיין וואוטס דורך די שטאַטס־סאָציאַליסטישע פּונקטען אין זייערע פּלאַטפאָרמעס, וואָלט מען געמוזט איינזעהען, אַז דער אונטערשיד איז אין גאַנצען אַ האָר־שפּאַלטעריי. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מיר האָבען שוין אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. גענאָסע בענסאָן איז פּרעזידענט, געגאָסע קווירקפּעטריק איז וויים־פּרעזידענט, געגאָסע הילקוויט — אַטוירני דזשענעראַל, געגאָסע העלד איז סעקרעטער פֿון דער טרעזשורי און געגאָסע ב. פייגענבוים איז ספּיקער פֿון די הויז אין וואַשינגטאָן. זיי האָבען די מאַכט איינצוריכטען אַלצדינג נאָך דעם וויסענשאַפטליכען פּלאַן נאָך. וועלען זיי אָפּשאַפען אַלע בעאַמטע? ווער יעדער איינער שטעלען זיך אַרבייטען, וואו עס וועט עס איינפאַלען און טאָן. וואָס עס וועט זיך עס פאַרגלוסטען? וועט יעדער קלאַסען־באַוואוסטער סאָציאַליסט מעגען אַריינגעהן אין יעדען קהלשען סקלאַד, אויסקלייבען זיך אַליין, וואָס עס וועט עס געפעלען, און

אָוועקטראָגען? איר וועט מיר זאָגען, אַז קיין איינציקער סאָציאַליסט האָט נאָך ניט פאָרגעשלאָגען אַזאַ משוגע'נעם פּלאַן? אמת, טו וואָס רעט מען פון אָפּשאַפען דעם שטאַט? אַ געזעלשאַפט, וואָס איז אַזוי הויך ענטוויקעלט, ווי די היינטיקע, וואו מ'דאַרף באַלעבאַטעווען איבער צוויי הונדערט טויזענט מייל אייזענבאַנען, טויזענטער פאַבריקען, קלויבען־גרובען, מעטאַל־גרובען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנס אַ. אַז. וו., אַזאַ געזעלשאַפט מוז האָבען אַ סך בעאַמטע, די בעאַמטע מוזען האָבען די מאַכט איינצוריכטען די אַרבייט נאָך אַ געוויסען פּלאַן, דערצו מוזען זיי האָבען דאָס רעכט צו הייסען, אַז אַ געוויסע אַרבייט זאָל אויסגעפירט ווערען, און אַנדערע מוזען פאָלגען. כדי עס זאָל זיין איבער די בעאַמטע אַ געוויסע קאָנטראָליע, דאַרף מען האָבען באַשליסע פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זיי זאָלען מוזען פאָלגען. אַזאַ באַשלוס איז אַ ג ע ז ע ץ, אַזאַ אָרגאַניזאַציע מיט בעאַמטע, מיט געזעצע איז אַ ש ט אַ ט, איר מעגט זיך עס רופען, ווי איר ווילט. אַזאַ סאָציאַליזם איז אַלזאָ ש ט אַ ט ס־ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

עס זיינען פאַראַן אַלערליי שטאַטען: אַ דעספּאָטישע מאָנאַרכיע איז אַ שטאַט, און אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז אויך אַ שטאַט: די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַדייטעט נאָר סאָציאַליזם אין אַ דעמאָקראַטישען שטאַט. דער היינטיקער אַמעריקאַנער שטאַט איז נאָך דער קאָנסטיטוציע אַ דעמאָקראַטישער שטאַט, ווען דער אַמעריקאַנער שטאַט זאָל איבערנעמען די גרויסע געשעפטען, טו וועט דאָס זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל פון פרייוויליקע קאָאָפּעראַטיווע פאַראיינען איז צוגעפּאַסט צו אַ געזעלשאַפט פון קליינע פּראָדוצענטען, ווי רוסלאַנד אין דער צייט פון באַקונינען, אָדער פראַנקרייך אין דער צייט פון פּרודאָנען. אַ פרייוויליקער קאָאָפּעראַטיווער פערבאַנד זאָל פירען אַזאַ געשעפט, ווי דער שטאָל־טראָסט, וואו עס זיינען אָנגעשטעלט 200,000 אַרבייטער איבער'ן גאַנצען לאַנד, איז איינפאַך אונמעגלאַך. נאַטירליך, אַזאַ אָרגאַניזאַציע מעג זיך רופען „פרייוויליקער פאַראיין“, אין דער אמת'ן אָבער מוז זי האָבען די גאַנצע מאַשינערי, וואָס מ'רופט שטאַט.

עס קען זיין, אַמאָל וועט די גאַנצע טעכניק אַזוי ענטוויקעלט ווערען, אַז מ'וועט קענען אויסקומען אָן אייזענבאַנען — מ'וועט פליהען אין דער לופטען, יעדער איינער וועט האָבען אַן עראָפּלאַן, קראַפט וועט מען אָף אַן אַנדער עק וועלט קריגען דורך

א דראַטלאָזען טעלעגראַף פון ניאגארא. כימיע וועט אזוי ענטוויקעלט ווערען, אז וואו מ'שטעהט און געהט וועט מען קענען פון דער ערד קריגען אַלע מאטעריאַלען, וואָס מ'דאַרף, מ'וועט דערמיט פאַרשפּאָרען די לאַנגע פּראכט־צוגען. די ארבייט וועט ווערען אזוי פּראָדוקטיוו, אז א פּאָר מענטשען וועלען קענען אזוי פיל אויפטאָן, ווי היינט א גאַנצע פאַבריקע. גרויסע שטעט וועלען ביסלאכוויים לייִדיק ווערען, דער גאַנצער עולם וועט ארויספאָרען אף די דאַטשעס. דעמאָלט וועט די געזעלשאַפט זיך פירען, ווי עס איז באשריבען ביי וויליאם מאָרים'ן אין „ניוז פראָם נאָהווער". דער פּלאַן געפעלט מיר אויסגעצייכענט, דער חסרון איז נאָר וואָס היינטצוטאָג איז דאָס ניט מער ווי א שעהנער חלום. פאַר די נעקסטע פּאָר הונדערט יאָר האָבען מיר קיין וויסענשאַפטליכען גרונט, ניט צו ריכטען זיך אף אזא רעוואָליוציע אין דער טעכניק. וועלכע זאָל מעגלאַך מאַכען די אָפּשאַפונג פון דער גרוים־אינדוסטרי. און כל זמן עס איז פאַראַן א גרוים אינדוסטרי, וועט זיך האַלטען דער שטאַט.

10.

די סאָציאַלע ענטוויקעלונג און דער סאָציאַליסטישער געדאַנק.

מיר האָבען געזעהען, אז פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט וואַקסט אוים בלינדערהייט א סאָציאַליסטישע. דער סאָציאַליזם ענטוויקעלט זיך אין דער ווירקליכקייט, איידער ער דרינגט אריין אריין אין די מחות פון די מענטשען. ניט מחמת דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז אזוי וואונדערשעהן, ווערט די וועלט איבערגעסטראָיעט אף א סאָציאַליסטישען פּלאַן, נאָר גאָר פאַרקערט: ווייל די וועלט ווערט פון זיך אליין ביסלאַכוויין איבערגעמאַכט אף א סאָציאַליסטישען פּלאַן, הויבט אונדז אָן צו געפעלען דער סאָציאַליסטישער אידעאַל.

אגב זיינען פאַראַן אַלערליי סאָרטען סאָציאַליסטישע אידעאַלען, און פילע פון זיי זעהען אוים גאָר מיאוס: די אַנארכיסטען זאָגען טאַקע, אז זיי „ווילען ניט" דעם סאָציאַליזם; די „רעוואָלוציאַ־

נערע“ סאָציאַליסטען זאָגען אז זיי „ווילען ניט“ דעם „שטאַטס־סאָציאַליזם“, אָבער עס מאַכט ניט אויס, וואָרים ניט די שיינקייט פון דעם סאָציאַליזם איז די אורזאכע, וואָס ער וואַקסט, ניט די מיאוסקייט קען אונדז פאַרהיטען פון עם. פון השגחת הבורא, פון דער חכמה, מיט וואָס ער פירט די וועלט איז גאָר ניט די רייד, וואָרים עס איז נאָך א פראַגע, צי עס איז גאָר אַ חכמה און ניט אין גאַנצען אַ נאַרישקייט. ווען מ׳וואָלט מיר מיט מיינע אַנאַרכיסטישע פריינט, געגעבען „פול פּאוער“ איבערצומאַכען די וועלט אַף אונדזער אייגענעם פּלאַן, טו קען איך אייך זיכער זאָגען, מיר וואָלטען אין פינף מינוט משוה געוואָרען. וואָרים דער אַנאַרכיסטישער פּלאַן געפעלט מיר א סך בעסער איידער דער סאָציאַליסטישער. ווען מיר וועלען ניט אריינמישען אונדזערע אידעאַלען אין די פּראַגע און באַטראַכטען דעם פּראָגרעס פון אָביעקטיווען שטאַנדפּונקט, טו איז גאַנץ קלאָר, אז דער סאָציאַליזם איז אַ שריט פאָרווערטס אין דער ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאַפט.

עס זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען מיינונגען אין דער אַמעריקאנער סאָציאַליסטישער פּרעסע, וואָס זיינען מסופּק די טעאָריע, אז דער גאַנג פון פּראָגרעס וועט אריינפירען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט אין ארץ כנען פון סאָציאַליזם. מען קען גאָר ניט זיין זיכער, מיינען זיי, אז דער פּראָגרעס פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט קען ניט צוריקגעשליידערט ווערען, אַזוי ווי די רוימישע ציוויליזאַציע איז פארניכטעט געוואָרען פון די באַרבאַרען. די איצטיקע מלחמה האָט געגעבען אַן ענטפער אַף די ספקות: די „געלע געפאַר“ קען נאָר אין דעם פאַל פאַרניכטען די ווייסע מדינות, ווען די געלע ווען די געלע וועלען האָבען דיזעלבע געווער, דיזעלבע אייזענבאַנען און בכלל דעם זעלבען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, ווי די ווייסע. דער קאַפּיטאַליזם וואָלט אַלזאָ בלייבען אונבארירט, און דער קאַפּיטאַליזם מוז פירען צו סאָציאַליזם.

מילא, זיינען מיר געקומען צו שטאַטס־סאָציאַליזם, גאָר אַן סאָציאַליסטען. די געשיכטע ווערט נאַטירלאַך ניט געמאַכט אַן מענטשען, די מענטשען אָבער, וואָס בויען אוף דעם סאָציאַליזם, דאַרפען גאָר ניט זיין דוקא סאָציאַליסטען : אַ ראַקפעלער דענקט נאָר וועגען

מיליאָנען, וואָס ער קען מאכען פון מאָנאָפּאָליע, א גאָמפּערס דענקט גאָר וועגען העכערע שכירות, קירצערע שטונדען און א יוניאָן־שאָפּ. אַז עס מוז זיך דערפון אויסלאָזען סאָציאַליזם, דאָס ווייסען זיי ניט, און עס אינטערעסירט זיי גאָר ניט.

איר וועט מיר זאָגען, אַז כדי דער סאָבוועי זאָל געבויט ווערען פון דער שטאָט ניו־יאָרק, האָט פריהער דער געדאַנק וועגען א שטאָטישען סאָבוועי געמוזט ווערען פאַרברייט אין די קעפּ פון די ניו־יאָרקער. איך וויל אָבער איר זאָלט פאַרשטעהן דעם אונטערשיד: צו זיין א סאָציאַליסט און דעריבער פאַרלאַנגען א שטאָטישע באַן אונטער דער ערד, איז איין זאַך, און צו זיין א ריעל עסטעיטניק און פאַרלאַנגען די באַן זאָל געהערען דער שטאָט, מחמת עס וועט הויבען דעם ווערט פון זיינע לאָטס, איז גאָר אַן אַנדער זאַך. איינער האָט טאַקע אין זינען מקיים צו זיין די מצוה סאָציאַליזם, דער אַנדערער מיינט די קניידלאַך. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ארבייטענדיק פאַר זיין ריעל עסטעיט, בויט ער אויף דעם סאָציאַליזם.

וואָס־זשע איז די ראָליע פון די סאָציאַליסטען? א מענטש, וואָס וויים אין פאָראויס דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפט, קען אויפטאָן פאַר די געזעלשאַפט דאָס זעלבע, וואָס דער פאַרמער טוט, ווען ער לעגט אריין אייער אין אַן אינקיובעיטאָר. די באַוואוסטזיניקע ארבייט פון דעם מענטשען קען ניט באַשאַפען קיין איינציקען ברעקעל מאַטעריע, זי קען נאָר צוזאַמענשטעלען דעם מאַטעריאַל, וואָס דער מענטש געפינט אין דער נאַטור. די נאַטור היילט זיך ניט: אַ הוהן זיצט וואָכען אויף אייער, זי קען אויסבריהען העכסטענס א פּאָר צעהנדליק הינדעלאַך. דער פאַרמער קען אריינלעגען אין זיין אינקיובעיטאָר א פּאָר הונדערט אייער און אין א פּאָר טעג ארום האָט ער הונדערטער טשיקענס. אייך מעג זיך אויסווייזען, אַז דער פאַרמער קען שוין מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט אויסקומען אָן דער הון, אָבער לעגען זיך קען אפילו א וויסענשאַפטליכער פאַרמער אויך ניט; דערצו דאַרף מען האָבען די הון. און אַזוי איז אויך אין דער ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאַפט. דער סאָציאַליסט קען מיט זיין קלאַסענבאַוואוסטע פּראָפּאַגאַנדע ניט באַשאַפען קיין סאָציאַליסטישע פאָרמען פון דער

אינדוסטרי. כל זמן עס פעלט דער פונדאַמענט פאר דעם סאָציאַ־ליזם אין דער ענטוויקעלונג פון קאַפּיטאַליזם. אָבער וואו די געזעל־שאַפט ענטוויקעלט זיך שוין, ניט וויסענדיק, אליין צום סאָציאַליזם. כדי צו פארקירצען די צייט, וואָס עס קען נעמען ביסקלוואַנגען דאָרטען קען דער סאָציאַליסט אָנווענדען זיין קענטנים פון דער גע־זעלשאַפט, דער סאָציאַליזם זאָל אויסוואַקסען ווילדערהייט. ווע' מיר זאָגען, אז דער סאָציאַליזם מוז קומען, טו קען זיין, עס זאָל זיך ציהען פופציק יאָר, קען זיין הונדערט יאָר, די וויסענשאַפט קען די צייט ניט באַשטימען, דער סאָציאַליסט אבער קען מיט זיין ארבייט גיכער ברינגען צו א סוף.

11.

די איבערגאַנגס צייט.

ווייל דער סאָציאַליזם וואַקסט אין דער קאַפּיטאַליסטישער גע־זעלשאַפט מיט דער נאַטור, אונבעוואוסט. ניט נאָך א פּראָגראַם אויסגע־טראַכטען פּלאַן, טו וואַקסט ער ניט אומעטום צוגלייך: די אייזענ־באַנען, צום ביישפּיל, זיינען שוין א צייט צוריק געשטיגען אין זייער ענטוויקלונג אויף אַזאַ מדרגה, אז דער שטאַט האָט זיי געקענט אי־בערנעמען: אין דייטשלאַנד, אפילע אין רוסלאַנד איז שוין דאָס גע־שעהען, אין אמעריקע וואָלט דאָס היינטצוטאָג געקענט אויסגעפירט ווערען איינס, צוויי דריי. דער גרעסטער טייל פון די אמעריקאנער אייזענבאַנען זיינען שוין געוועזן אין די הענט פון דער רעגירונג: ווען די אייזענבאַן־מאַגנאַטען האָבען געוואָלט באַשווינדלען די קלע־נערע חברה סטאקהאָלדערס, האָט מען געמאכט באַנקראָט און די אייזענבאַנען זיינען א צייט לאַנג געוועזן אין די הענט פון די רעסי־ווערס, דאָס הייסט, פון שטאַטס־בעאַמטע*).

---

*) פון דעם ביישפּיל קענט איר זעהען, ווי די קאַפּיטאַליסטען שמייסען זיך אליין אָפּעט דורך דעם שטאַטס־סאָציאַליזם; עס זיינען פּאַ־ראַן, פארשטעהט איר א סך קאַפּיטאַליסטען; איינע שמייסען, די אַנדע־רע ווערען געשמיסען.

ווייטער, די טעלעגראפען, די טעלעפאנען, גאז, וואסער, עלעקטרישע קראפט האלטען שוין אויך היינטצוטאג אזוי ווייט, ווי די אייזענבאנען, און יענע געשעפטען ווערען אויך בּיסלאכווייז איבערגענומען פון די שטאט פארוואלטונגען. די קוילען־גרובען זיינען שוין אויך אן דער רייהע.

פון דער אנדער זייט זיינען אבער פאראן א מאסע געשעפטען, וואס עס וועט נאך נעמען א היבשע צייט ביז וואנען זיי וועלען קענען מאנאפאליזירט ווערען. עס וועלען נאך עקזיסטירען קליינע און מיטעלע קאפיטאליסטישע געשעפטען, ווען די וויכטיקסטע אינדוסטריען וועלען שוין לאנג ליגען אין די הענט פון מאנאפאליסטען.

ערסטענס, האט איר די פארמעריי. א דריטעל פון אלע פארדינערס אין די פאראייניקטע שטאטען זיינען פארמערס אדער פארם־ארבייטער. די גאנצע צאל פארמערס באשעפטיקט איבער 2,600,000 געדונגענע ארבייטער, אלזא בלייבען מער ווי 3,300,000 פארמערס, וואס ארבייטען מיט זייערע אייגענע הענט אן לאהן־ארבייטער. עס איז דערווייל גאר ניט קענטיק, עס זאלען זיך צווישען זיי ענטוויקלען פיל גרויסע מאיאנטקעס, וואס זאלען פארשלינגען די קליינע פארמס*). צי עס וועט אמאל דערצו קומען, צי ניט, איז א פראגע, איבער וועלכע עס איז פאראן חלוקי דעות. איין זאך איז קלאר, אז ווען עס וועט יע אמאל קומען צו א קאפיטאליסטישער לאנדווירטשאפט אין אמעריקע, וועט עס נאך לאנג נעמען, דערווייל אבער ענטוויקלען זיך די טראסטס אזוי גיך, אז מ'קען זיך ריכטען אף שטאטס־סאציאליזם נאך איידער דער

) לויט דער פאלקסצעהלונג פון 1910, האבען די גרויסע פארמס פון מער ווי 1,000 אקער פארנומען סך הכל 19% פון אלע פארםלענדער, אבער דער ווערט פון די גרויסע פארמס האט באטראפען סך הכל 7% פון דעם אפגעשאצטען ווערט פון אלע פארמס. דער דורכשניטליכער קאפיטאל וואס איז געלעגען אין אזא פארם איז געווען 57,000. דער דורכשניטליכער קאפיטאל, וואס איז ארויינגעלעגט געווען אין הייזער, שטאלען, שפייכלערס און מאשינערי אף דעם קלאס פארמס, איז אין דער צייט פון 1900 ביז 1910 געוואקסען ווענייקער, ווי אף די קלענערע פארמס.

קאפיטאליזם וועט אריינקריגען די פארמס אונטער זיין מאכט.

ווייטער, הגם די אינדוסטרי איז שוין זעהר שטארק צענטראליזירט אין די פאראייניקטע שטאטען, זיינען נאך לויט דער פאלקסצעהלונג פון 1910 דריי פערטעל פון אלע „פעקטארים" (פאבריקען) געווען אין די הענט פון איינצעלנע אונטערנעמער אדער פירמעס, ניט פון קארפארעישאנס, און זיי האבען באשעפטיקט א פערטעל פון דער גאנצער צאל פאבריק־ארבייטער. עס וועט מסתמא אויסקומען א געוויסען פראצענט פון דעם ארבייטערקלאס צו בלייבען ארבייטען אין קאפיטאליסטישע פעקטארים, אפילו שוין ווען דער גרעסטער טייל פון דער פראדוקציאן וועט זיין קאנצענטרירט אין די הענט פון דעם שטאט. דאס הייסט, אז דער קאפיטאליזם וועט אין גאנצען מיט אמאל ניט פארשווינדען אפילו אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, ווי דער קליינגעווערב איז נאך אין גאנצען ניט פארשוואונדען אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

נו, און וואס איז דער מער מיט דער „סאציאלער רעוואלוציאן"? קיין סאציאלע רעוואלוציאן ווי מ'שטעלט זיך געוועהנלאך פאר — אז מיט איין קלאפ זאל דער סאציאליזם איינגעפירט ווערען אין אלע געשעפטען, קיין דעראַרטיקע סאציאלע רעוואלוציאן קען קיין מאל ניט פארקומען. פאליטישע רעוואלוציאנען זיינען זעהרווארשיינלאך. א רעוואלוציאן קען אויסברעכען איבער אזעלכע פאסירונגען, ווי אין קאלאראדא, וואו די קאפיטאליסטען האבען אין 1903 מיט גוואלט ארונטערגעזעצט די שטאטס־בעאמטע, וואס זיינען ערוועהלט געווארען מיט ארבייטער שטימען און האבען זיך איינגעשטעלט פאר די רעכטע פון די סטרייקערס אין דער בערג אינדוסטרי. ווען עס זאל אמאל געלונגען דער סאציאליסטישער פארטיי צו ערוועהלען איר קאנדידאט פאר פרעזידענט, איז זעהר ווארשיינלאך, אז די קאפיטאליסטען זאלען פרובירען אנווענדען איבער גאנץ אמעריקע די גוואלט מעטאדען פון קאלאראדא. עס איז מעגלאך, אז ביי די ארבייטער זאל פלאצען די געדולד און עס זאל אויסברעכען א בירגער־קריג. אבער אפילע אין אזא פאל קען קיין „סאציאלע רעוואלוציאן" אין דעם געוועהנטלאכען זין דערפון ניט ארויסקומען. ניט ריידענדיק וועגען די פארמערס, געפינען זיך אין די פאראייניקטע שטאטען נאך דער פאלקסצעהלונג פון 1910 60,000 רעסטאראנס און איבער 500,000 פרויען, וואס נעמען גרעט

וואַשען אַ היים (סטים לאָנדרים זיינען דאָ ניט אַריינגערעכענט). לאָמיר זאָגען, מיר האָבען שוין די „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון'ם פּראָלעטאַריאַט“, קאָנגרעסמאַן לאָנדאָן איז דער דיקטאַטאָר פון דעם 12טען קאָנגרעשאָנאַל דיסטריקט, וועט ער די קיבעצאַרניע אויף דיוויזשאָן סטריט צונעמען אין קאַזנאַ? וועט ער אַרויסגעבען אַ פּריקאַז, אַז קיין אידישע גויה טאָר קיין גרעט ניט נעמען אַהיים וואַשען? אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט מוזען זיין צופרידען דערמיט, וואָס זי וועט איבערנעמען אַזעלכע געשעפטען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג האָט שוין צוגעגרייט פאַר דעם סאָציאַליזם.

אויב איר ווילט אַן עצה פאַר יענע אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין אַזוינע פעקטאָרים וואָס האָבען קיין אויסזיכט ניט איבערגענומען צו ווערען פון שטאַט, טו קענט איר זי געפינען ביי קאוטסקי'ן. אין אַ געזעלשאַפט, וואו דער גרעסטער טייל פון די ביזנעס ווערט געפיהרט דורך דעם שטאַט, וועט די מינאָריטעט פון די אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין פּריוואַט־געשעפטען זיין אַ סך בעסער געשטעלט איידער אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָרים די קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער וועט ניט זיין אַזוי ביטער ווי היינט. חוץ דעם וועט דער אַרבייטס־טאָג אין שטאַטס־באַטריב זיין קירצער איידער היינט אין פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע באַטריבען. דאָס מוז ווירקען אויף אַלע געשעפטען וועלכע וועלען בלייבען אין קאַפּיטאַליסטישע הענט. די סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט זיך מוזען באַנוגענען מיט אַלערליי סאָציאַלע רעפאָרמעס, לטובת די אַרבייטער אין יענע געשעפטען.

דאָס הייסט, אַ זיגרייכע רעוואָלוציע קען ניט איינפירען דעם סאָציאַליזם אין אַלע געשעפטען מיט אַמאָל. אַ רעוואָלוציע איז אַמאָל נויטיק, ווען מ'דאַרף אַרונטערייסען אַ פאַרקאַז, וואָס פאַרצאַמט דעם וועג. ביי אַ רעוואָלוציע ווערען „מיט אַמאָל“ איינגעפיטר אַזעלכע רעפאָרמעס, וואָס מ'האָט שוין אויף זיי אַ צייטלאַנג געוואַרט און מ'וואָלט נאָך אפשר געדאַרפט וואַרטען אַ צייט. אַ רעוואָלוציע אָבער קען גאָר נישט באַשאַפען, פאַר וואָס די געזעלשאַפט איז נאָך ניט רייף.

דערפון קענט איר זעהן, וואָס פאַר אַן אונזין עס איז ווען מ'רעט זיך איין, אַז דער „רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם“ איז גאָר אַן אַנדער זאַך ווי „סאָציאַל־רעפאָרמע“; אַ רעוואָלוציאָנערע סאָ־

ציאַליסטישע פּאַרטיי קען אויך ניט איינפירען מיט אַמאָל דעם קהל'שען אייגענטום אף אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, זי וועט אויך מוזען צופרידען זיין מיט קהל'שען אייגענטום אף געוויסע פּראָדוקציאָנס מיטלען, מיט די איבעריקע וועט זי מוזען וואַרטען ביסקעל וואַנען דער פּריוואַט געשעפט וועט זיין נענוג ענטוויקעלט פאר דעם סאָציאַליזם.

12.

אַז איבערבליק איבער דעם גאַנצען וועג פון פּריוואַט־מאָנאָפּאָליע צו סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם וועט ניט איינגעפירט ווערען מיט איין קלאַפּ. די אייזענבאַנען, די טעלעגראַפען, די טעלעפאָנס, די עלעקטרישע בעלייכטונג, און דערגלייכען וועלען איינע נאָך די אנדערע איבער־געהן צום שטאַט, אָדער צו דער שטאַט־רעגירונג. די טראָסטס וועלען געשטעלט ווערען אונטער די השגחה פון דער רעגירונג; די רעגירונג וועט באשטימען די פּרייזען פון די טראָסט־ארטיקלען, דעם פּראָפיט פון די סטאַק־האָלדערס און די שכירות פון די ארביי־טער. דער שטאַט וועט אף דעם אופן ווערען דירעקט אָדער אינדי־רעקט דער ארבייטס־געבער. די ארבייטער־באוועגונג וועט צוויג־גען דעם שטאַט צו פארקירצען דעם ארבייטס־טאָג, זיכערען דעם ארבייטער אנשטענדיקע שכירות, ער זאָל קענען מאכען א מענטש־לאכען לעבען, גאראנטירען עם די אונבאשרענקטע פריי־הייט צו אָרגאניזירען זיך, פארזיכערען עם נעגען אר־בייטסלאָזיגקייט א. אַז. וו., דאָס אַלעס באדייט, אז דעם ארבייטער'ס חלק ווערט גרעסער און דער חלק פון דעם קאפּיטאַליס־טישען קלאַס ווערט קלענער. אין א טראָסט ווערט די ראָלע פון די מאַסע קאפּיטאַליסטען באשרענקט אף דעם, וואָס זיי קריגען די־ווידענדען, אויב די טראָסט־מאַנגאַטען געפינען פאר נויטיק צו צאָלען דיווידענדען צוליב ספּעקולאציע אף דעם סטאַק־עקס־טשענדזש. און אויב ניט, טו קריגען די קליינוואַרג גאָרנישט. דער

שטאַטס־סאָציאַליזם פאַרזיכערט יעדען קליינעם קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט אַ פּאָר הונדערט טויזענט דאָלאַר אין די טראָסטס, אַ חלק אין די פּראָפיטען פון די טראָסטס, און דעריבער פאַרברייט זיך צווישען דעם קלאַס אַ נייגונג צום שטאַטס־סאָציאַליזם. צו דער זעלבער צייט אָבער איז דער אונטערשיד צווישען פּריוואַט קאַפּי־טאַליזם און שטאַטס־קאַפּיטאַליזם, וואָס אין אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַ־ליסטישען געשעפט איז דער קאַפּיטאַליסט אליין דער בעל־הבית, ווערענד אין אַ שטאַטס־קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג איז דער שטאַט דער בעל־הבית, און אין אַ דעמאָקראַטיע הענגט דער שטאַט אָפּ פון דער מאַיאָריטעט פון פאָלק. דער ארבייטער־קלאַס צוזאַמען מיט אַנדערע ניט־קאַפּיטאַליסטישע שיכטען פון פאָלק האָט די מאַ־יאָריטעט, אַלזאָ, קען זי באַשטימען, ווער עס זאָל זיין דער משגיח איבער די שטאַטס־קאַפּיטאַליסטישע געשעפטען, וויפיל פּראָצענט דיווידענד די סטאָק־האָלדערס זיינען בערעכטיגט צו קריגען, צו וואָס'ערע פּרייזען זיי זאָלען פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען, אַלזאָ, אויך וויפיל דער ארבייטער זאָל קריגען. כדי די מאַיאָריטעט פון פאָלק זאָל קענען האָבען אַ דעה איבער די אַלע געשעפטען, מוז דער מעכאַניזם פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג אַזוי אויסגעבעסערט ווערען, אַז ער זאָל טאַקע געבען אַן אויסדרוק דעם ווילען פון פאָלק. די אַלע פּאָליטישע רעפאָרמען, ווי די איניציאַטיווע, דער רעפערענ־דום, דאָס שטימרעכט פאַר פרויען, זיינען אַלץ אינסטאַלמענטס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז ניטאָ קיין אונטערשיעד צווישען רעפאָרמען, וואָס מען פאַרלאַנגט פון דעם היינטיקען „קאַפּיטאַליס־טישען שטאַט“ און דעם עולם הבא פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס זיינען אַלץ שריט אויף דעם זעלבען וועג פון ענטוויקעלונג. זיי גיבען דעם וואָוטער, דעם ארבייטער, אַ שטיקעל דעה איבער די פירונג אין שאָפּ, זיי גיבען איהם אַ גרעסערען חלק אין דעם פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט, זיי פאַר־מינדערען דעם חלק פון דעם קאַפּיטאַל.

איך ווייס, איר פאַרגינט די קאַפּיטאַליסטען די פּאָר פּראָ־צענט דיווידענד אויך ניט. אָבער ווען עס וועט קומען די צייט, אַז די גאַנצע פּראָדוקציאָן וועט שוין שטעהן אונטער דער השגחה פון דעם דעמאָקראַטישען שטאַט, און די וואָוטערס וועלען צו יעדער

צייט האבען די מאכט צו באשטימען, וויפיל פראצענט די קליינע צאל קאפיטאליסטען זאלען קריגען אף זייערע סטאקס, און די־זעלבינע וואוטערס וועלען האבען די מאכט צו באשטייערען (טעקסען) די דיווידענדען פון די אייגענטימער פון די פאפירען פון שטאטס־קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען, טו וועט זיך די קאפיטאליסטען גאנץ גוט לוינען צו ליקווידירען זייער אינטערעס אין די שטאטס־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען און קריגען אויסגעצאלט אין באנדס, וואס זאלען טראגען א באשטימטען צינז.

אבער דער פלאן האט דעם חסרון, זאגט מען, וואס דער ארבייטער וועט זיך מוזען פלאגען צו צאלען די צינזען אף די באנדס, מיט וועלכע מ׳ וועט ביי די מאנאפאליסטען אפקויפען זייערע געשעפטען. ווען גענאסע בענסאן אבער וועט ווערען פרעזידענט, וועט מען ביי זיי אלצדינג צונעמען אומזיסט. נאר דאס איז, פארשטעהט איר מיך, גלאט אזוי גערעדט. די קאנסטיטושאן גאראנטירט יעדען זיין אייגענס, אוועקנעמען עס אן באצאלען איז געגען דער קאנסטיטושאן. און ווען אפילו די סופרים קאורט אין וואשינגטאן זאל אנגעפילט זיין מיט סאציאליסטישע דזשאדזשעס, וואס זאלען זיין גרייט צו ברעכען די קאנסטיטושאן, טו וועלען די קאפיטאליסטען ארויסטרעטען מיט געוועהר צו קעמפפען אין נאמען פון כלומרשט דער קאנסטיטושאן. אלזא, ווען מ׳ וויל ניט צאלען מיט געלט, טו וועט מען מוזען צאלען מיט מענטשליכע בלוט. וואס איז וועלוועלער?

א חוץ דעם דארף מען דאך ניט פארגעסען, אז רעגיערונגס־באנדס ווערען ניט ארויסגעגעבען אף אייביגע צייטען: ווען, צום ביישפיל, די שטאט נעמט אף זיך אויסצוצאהלען פאר די שטאט־באן אין 50 יאר צייט, אדער אפילו אין 75 יאר ארום, טו מוז דאך קומען א צייט, ווען די רעגיערונג וועט שוין האבען אויסגעצאלט דעם גאנצען קאפיטאל. דעמאלט וועט די גזעלשאפט אופהערען צו צאלען צינזען צו די אייגענטימער פון די באנדס. דאס הייסט, סך הכל האנדעלט זיך דא אום די איבערגאנגס־צייט. אין צוויי—דריי דורות וועט ווערען א סוף.

13.

די אונטערדריקונגסמאכט פון דעם סאציאליסטישען שטאט.

וואס־זשע קענען מיר ערווארטען פון שטאט־סאציאליזם? ווען איך פארגלייכט די שכירות און די ארבייטס־שטונדען למשל אין דער רעגירונגס־דרוקעריי אין וואשינגטאן מיט א פריוואט־דרוקעריי, טו איז גאר ניטא וואס צו ריידען, אז א שטעלע ביי דער רעגירונג איז א סך בעסער. דער פראפיט פון די טראסטס איז אזוי גרויס, אז עס וואלט קלעקען אף אויסצאלען די אקציאנערען פון די טראסטס און עס וואלט נאך בלייבען גענוג אף צו העכערען די שכירות און קירצער מאכען די שטונדען, ווען די רעגירונג זאל ווערען די בעל־הבית'טע איבער די טראסטס. אלזא זיינען מיר בארעכטיקט אנצונעמען אז אונטער שטאטס־סאציאליזם וועט דער ארבייטער קריגען גוטע קעסט און וועט געהן געקלייט ווי א פריץ. זייענדיק א רעוויזיאניסט אנערקען איך, אז א גוטע שטיקעל פלייש איז בעסער איידער קרופניק און א פרינץ־אלבערט איז שעהנער ווי אן אפגעריסענע קאפאטע. די גרויסע מאיאריטעט פון דער היינטיקער וועלט וואלט דערמיט היינט זיין העכסט צופרידען און וואלט גאר קיין ווייטערע קשיות ניט פרעגען. די געגנער פון דעם סאציאליזם אבער, די קאפיטאליסטישע אנארכיסטען, ווי ספענסער און די אנארכיסטישע קאמוניסטען, ווי קראפאטקין באהויפטען, אז דער סאציאליזם וועט איינפירען א נייע שקלאפעריי. די סאציאליסטען זאגען צו אין זייערע פלאטפארמעס, אז אלצדינג וועט צוגעהן אף'ן בעסטען אופן. אבער איך בין א שטיקעל מאטעריאליסט. וואס די סאציאליסטען דענקען היינט וועגען דער צוקונפט איז פאר מיר גאר קיין באווייז ניט, אז די צוקונפט וועט גראד אזוי אויסזעהען, ווי זיי מאלען זי. ווען מ'וויל דערגעהן דעם ריכטיקען ענטפער, מוז מען באטראכטען די געשעפטלאכע (עקאנאמישע) ארגאניזאציאן פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, וואס איז די אויסזיכט פאר פרייהייט אין אזא געזעלשאפט.

די אונטערדריקונג שטאמט היינט פון דער קלאסענהערשאפט. ווען עס וועלען אפגעשאפט ווערען די קלאסען, וועט

ניט בלייבען קיין אורזאכע פאר אונטערדריקונג. איז דאס אבער ריכטיק, ווי מ'רעט זיך איין, אז ווען דער קאפיטאליסטישער קלאס וועט אפגעשאפט ווערען, טו וועט שוין גאר קיין קלאסען ניט זיין? קוקט זיך איין אין די ארגאניזאציע פון דעם געשעפט היינט צו טאג, וועט איר זעהען, אז די ענטוויקלונג פון גרויסע געשעפטען האט באשאפען א נייעם קלאס, וואס דער קליינגעשעפט האט פון עם גאר ניט געוואוסט: איך מיין די בעאמטע פון די קארפארעישאנס. די סופעראינטענדענטס, די פארלייטע און אזוי ווייטער. ווען די געזעלשאפט, דאס הייסט דער שטאט, זאל יא איבערנעהמען אלע געשעפטען, וואס וועט ווערען פון די בעאמטע? קען מען דער אויסקומען אן זיי אין א געשעפט, וואו עס ארבייטען הונדערטער טויזענטער ארבייטער? אלזא, פון די קארפארעישאן־בעאמטע וועלען ווערען שטאטס־בעאמטע. ווען אייך געפעלט ניט דערווארט „שטאט" טו לאז זיין „עפענטליכע בעאמטע", שוין גוט? דאס הייסט דער סאציאליזם פירט צו א מורא'דיקער ביוראקראטיע. די מאכט פון די רוסישע טשינאווניקעס איז גאר קיין פארגלייך ניט צו דער מאכט פון די בעאמטע אין א „סאציאליסטישער געזעלשאפט".

ווען די געזעלשאפט איז דער אייגענטימער פון אלע דרוקערייען און אלע זאלען פאר מיטינגען, מוז זיין קלאר, אז די „געזעלשאפט" קען, אויב זי וויל, אונמעגלאך מאכען יעדע אפאזיציע. עס פרעגט זיך, צי וועט זי דאס וועלען? מיט אנדערע ווערטער, עס איז פאראן א מעכטיקער קלאס בעאמטע, איז די קשיא צי קען גאר אזא קלאס האבען זיינע אייגענע קלאסען־אינטערעסען, וואס זאלען זיין פארשיידען פון די אינטערעסען פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט? ווי די וועלט האט זיך געפירט ביז היינט, האט יעדער בעאמטער ליב זיין שטעלע, פאר וואס זאל דאס אזוי ניט זיין אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט? אמת, יעדער איינער וועט באקומען גלייך באצאלט, אבער ערסטענס, איז לייכטער צו זיין אן אויפזעהער, איידער אן ארבייטער, און צווייטענס, איז געלט ניט דער איינציקער מאטיוו ביי דעם מענטשען, כבוד שפילט א גרויסע ראליע ביי א מענטשען, אפילע ווען ער איז א קלאסענבאוואוסטער סאציאליסט; פאר וואס קוואפעט מען זיך אף א סאציאליסטישע קאנידדאטור פאר אן אלדערמאן, אדער אטוירני דזשענעראל, ווען מ'ווייס אין פאראויס, אז מ'קען ניט ערוועהלט ווערען? דריטענס, לאמיר שוין זאגען, וועלען אין דער סאציאליס־

טישער געזעלשאפט אלע מענטשען זיין אזוי פרום און גוט ווי אברהם אבינו בשעת ער האט געפירט יצחק'ן צו דער עקידה. מיר זעהען אבער, אז אפילע צווישען די רוסישע סאציאליסטען, וואס האבען, דאכט זיך, גאר ניט וואס צווישען זיך צו טיילען א חוץ שליסעלבורג און סיביר, איז מען זיך איינע צו די אנדערע דם שונאים איבער דעם: וואס איז דער ריכטיקער סאציאליזם און ווי איז בעסער פאר עם צו אגיטירען. היינט שטעלט זיך פאר אז עם האנדעלט זיך שוין וועגען דעם, ווי צו פארוואלטען די סאציאליסטישע געזעלשאפט גופא: די בעאמטע, וואס זיינען אין אמט זיינען, נאטירליך אלע אידעאלע מענטשען, זיי זיינען טיף איבערציינט, אז נאר זיי קענען ריכטיק פירען די קהל'שע געשעפטען. אט האט איר א פארטיי־אינ־טערעס צו בלייבען אין אמט. היינט, ווען זיי האבען אין זייערע הענט די מאכט ניט צו דערלאזען קיין אפאזיציע, טו זאלען מיר גלויבען, אז זיי וועלען די מאכט ניט באנוצען? אף וואס איז אזא גלויבען געבויט? וואו זיינען די וויסענשאפטליכע גרינדע פאר אזא גלויבען?

די געשיכטע ווייזט אונדז, אז יעדער קלאס וואס האט געהאט אן אונבעשרענקטע מאכט, האט אימער באהאנדעלט דעספאטיש די איבעריקע קלאסען פון דער געזעלשאפט. פאר די לעצטע פאר הונ־דערט יאר האט די באפרייאונגס־באוועגונג געזוכט צו באשרענקען די מאכט פון די רעגירענדע קלאסען. ווען מ'שפינט ניט פון קאפ, נאר מ'זוכט זיך צו שטיצען אף די פאליטישע געשיכטע, טו מוז מען צו־געבען, אז א שטארקע רעגירונג איז געפערלאך פאר פרייהייט.

פארלאזען זיך גלאט אף דערוף, אז די סאציאליסטען זיינען אזוינע פיינע לייט, דאס מען מעג זיי געטרויען, אז זיי וועלען ניט מיסברויכען די גרויסע מאכט, וואס די רעגירונג וועט האבען אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, — איז פונקט ווי פארלאזען זיך אף א גוטען קיסר. אין דעם אכצענטען יאר־הונדערט האבען פאליטישע פילאסאפען נאך געגלויבט אין דעם אופגעקלערטען אבסאליוטיזם, די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן האט אבער געמאכט א סוף מיט עם.

14.

די פּאָליטישע טענדענצען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער פּאָליטישער פּראָגראַם פון דער קליינבירגערליכער דעמאָקראַטיע פּאַסט זיך ניט, לויט קאַרל מאַרקס'ן, פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי: דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם באַדייט די „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט". אַף פּראָסט אידיש הייסט דאָס אַז אַ חוץ די ארבייטער וועט קיין אַנדער קלאַס קיין דעה ניט האָבען. עס איז געווען אַ צייט, נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, ווען אין פילע לענדער האָבען די ארבייטער קיין וואוט ניט געהאַט, און די פּאַרמערס, די סוחרים, די געלערענטע, די קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאַט דאָס שטימרעכט אונטער דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור וועלען נאָר פּראָלעטאַריער האָבען אַ וואוט, יעדערער וואָס איז ניט קיין פּראָלעטאַריער וועט קיין וואוט ניט האָבען. דאָס מעג זיך זיין סאָציאַליסטיש, אָבער דאָס איז געווים ניט דעמאָקראַטיש. קיין ווידערשפּרוך איז דאָ ניטאָ: דער סאָציאַליזם איז גאָר ניט דוקא דעמאָקראַטיש, די פּאַרציייטיקע קאָמוניסטען, די ערסטע אוטאָפּיסטען זיינען געווען געגנער פון דעמאָקראַטיע.

עס שטעלט זיך דאָ אָבער אַן אַנדער קשיא. עס הייסט דאָך עס וועט זיין אַ רעוואָלוציע, מען וועט אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אוועקנעמען פון פּריוואַט־אייגענטימער פאַר דעם כלל — נו, טו וועלען דאָך אַלע ווערען גלייכע פּראָלעטאַריער? אַלזאָ דאַרפען דאָך אַלע האָבען אַ גלייכען וואוט. וואָס זשע בעדייט די „רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט"? עס קען האָבען נאָר איין זין: מען געטרויט ניט די געוועזענע קאַפּיטאַליסטען, סוחרים און נאָך אַזעלכע, און מען לאָזט זיי ניט וואוטען. ערגעץ אַ נעשאָנאַל עקזעקוטיוו קאָמיטע ערוועהלט אַ דיקטאַטאָר, און ער נאַזנאַטשעט שוין אַלע בעאַמטע.

מיר האָבען דאָ אָנגענומען, אַז דער סאָציאַליזם ווערט איינגעפירט דורך אַ „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן", אַז יעדער פּריוואַט־אייגענטום אַף פּראָדוקציאָנס מיטלען ווערט אָפּגעשאַפט און עס ווערט אַלץ

איבערגעגעבען צו דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון'ם „פּראָלעטאריאט". אָבער אפילו אזא אָרטאָדאָקסישער מארקסיסט ווי קאוטסקי זאָגט, אז דער סאָציאליזם קען איינגעפירט ווערען נאָר דאָרטען, וואו די גאנצע אינדוסטרי געפינט זיך שוין אין ווייניקע הענט. ניט אלע אינדוסטריען זיינען אָבער גלייך. אלזאָ קען מען ערווארטען, אז איין אינדוסטרי וועט איבערגעהן אין די קאָנטראָל פון דעם כלל פריהער פאר דער אנדערער, דאָס הייסט, אז א געוויסע צייט וועלען נאָך עקזיסטירען לעבען אנאנדער אזעלכע געשעפטען וואָס באלאנגען צום כלל און אזעלכע וואָס באַלאנגען צו פּריוואט פּערזאָנען. די „רעוואָלוציאנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאריאט" קען אלזאָ באדייטען, אז אלע באלעבאטים פון אזעלכע געשעפטען, אלע פּארמערס, אלע סוחרים, אלע וואָס זיינען ניט קיין פּראָלעטאריער, וועלען קיין רעכט ניט האָבען צו שטימען.

מיר זעהען אלזאָ, אז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאליזם איז ניט דעמאָקראטיש.

מילא, דאָס זיינען טעאָריעס, אָבער מיר האָבען א גרויסע געשיכטליכע ערפארונג, פון וועלכער מיר מעגען לערנען ווי עס פירט זיך אונטער א סאָציאליסטישער רעגירונג. די סאָציאליסטישע באַוועגונג איז שוין היינט גאָר ניט אזוי יונג. עס איז שוין באלד הונדערט יאָר זינט ראָבערט אָווען האָט געגרינדעט זיין קאָלאָניע אין אמעריקע. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטיע איז שוין פופציק יאָר אלט, און זאָגאר דאָ אין אמעריקע איז שוין די סאָציאליסטישע פּארטיי באוועגונג מער ווי פינף און צוואנציק יאָר אלט. וואָס באַווייזט די געשיכטע?

ערסטענס, אז סאָציאליסטען זיינען אויך מענטשען ווי אלע אנדערע, ניט ערגער, אבער אויך ניט בעסער. צווייטענס, איז אין יעדער סאָציאליסטישער קאָלאָניע באלד אופגעקומען א הערשענדע קליקע, וועלכע האָט געזוכט איינצוהאלטען זיך אין דער פּארוואלטונג און האָט באנוצט דיזעלבע מעטאָדען ווי אלע דעספּאָטישע רעגירונגען. אזוי איז געווען אפילע דעמאלט, ווען די קאָלאָניע האָט געהאט גענוג מיטלען צו מאכען גאָלדענע געשעפטען. אָף די קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפט קען מען אלזאָ ניט ווארפען דעם בלבול.

דריטענס, האָבען די סאָציאליסטישע פּארטייען דאָ אין אמע־

ריקע שטענדיק געהאט א דעספּאָטישע רעגירונג פאַר זייערע אייגענע מיטגלידער. די ס. ל. פּ. איז אין דעם פּרט ניט געווען בעסער פון טע־טעמעני האָל. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז היינט פּונקט אַזוי דעספּאָטיש, פּונקט אַזוי אונאַנשטענדיק און פּונקט אַזוי אונטאָלע־ראַנט.

אַלזאָ, איך קוק אויף דעם פאַרהעלטניס פון סאָציאַליזם צו פרייהייט עטוואָס פּעסימיסטיש. ערשטענס, ניט דער סאָציאַליזם אָן אונגעהויערע מאַכט אין די הענד פון דעם „פערוואַלטונגסראַט" (די „רעגירונג" וועט דאָך אָפּגעשאַפט ווערען). צווייטענס, איז דאָס „געוואָהנהייטס־רעכט" וואָס ענטוויקעלט זיך אין דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי ניט גינציק פאַר פרייהייט. איך זעה ניט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קיין עקאָנאָמישע קראַפט וואָס דער פרייהייטסגייסט זאָל זיך קענען אויף איר שטיצען. פון דעם אידע־אַליסטישען שטאַנדפּונקט איז די פאַרברייטונג פון דער אידעע פון פרייהייט אַליין א סאָציאַלע קראַפט. איך קען זיך אָבער ניט טרויס־טען מיט דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע: די ענטוויקלונג פון סאָציאַליזם האָט געבראַכט א רעאַקציע געגען דעם ליבעראַליזם; דאָס הייסט, ווען די עקאָנאָמישע איינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט איז ניט גינציק פאַר פרייהייט, פאַרברייט זיך אין דער געזעלשאַפט א געזינונג וואָס איז פיינדליך צו פרייהייט.

זיבען-און-צוואנציקסטער קאפיטעל:

די פאָליטישע רעפאָרם־באַוועגונג איי אמעריקע.

1.

דער אמעריקאנער פארטיי־סיסטעם.

עס איז א טעות צו דענקען, אז אלע געגנער פון סאָציאַליזם זיי־נען אויסבייטער אָדער גלאַט לומפּען. די סאמע רעוואָלוציאָנערע סאָציאליסטען באהויפּטען היינט ניט, אז משיח וועט קומען ביי דער נעקסטער פּרעזידענשעל עלעקשאָן. אַלזאָ, קלערט זיך ביי זיך א טרעיד־יוניאָניסטישער פירער, איז דאָס נאָך דערווייל אַן אַקאַ־דעמישע פראגע, ווי דער טייטש זאָגט, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם היינטיקען קאמפּף פון די ארבייטער פאר זייערע רעכטע געגען די קאפּיטאליסטען. און ווען אזא טרעיד־יוניאָניסטישער פי־רער, וואָס איז נאָך ניט קיין סאָציאליסט, נעמט זיך די צייט צו באַ־טראַכטען די סאָציאליסטישע פּלאַטפאָרמע, זעהט ער, אז די סאָציאַ־ליסטען ווילען, דער שטאַט זאָל איבערנעמען אלע געשעפטען און עס שטעלט זיך ביי עם באלד די פראגע: דאָס הייסט אַלצדינג זאָל איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון די פּאָליטישענס און עס איז ביי עם א ספק, צי עס וועט גאָר זיין בעסער.

דעם ארגומענט, אז סאָציאַליזם מוז דאָ אין אמעריקע נאָך גרע־סער מאכען די מאַכט פון די פּאָליטישענס און אז מ'קען אזא קאַ־רופּטען קלאַס ניט אנפערטרויען דעם גאנצען געשעפט פון דער גע־זעלשאַפט, איז אַן ערנסטער ארגומענט, און מען קען עס ניט אזוי גלאַט אוועקמאכען מיט דער האַנט. עס זיינען פאראַן נאַאיווע מענ־טשען. — ווי צום ביישפּיל, די רוסישע סאָציאליסטען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, וואָס מיינען, אז א „דעמאָקראַטישע רע־פּובליק" איז א סגולה געגען דעספּאָטיזם. דאָ אין אמעריקע ווייסען מיר, אז די דעמאָקראַטישע רעפּובליק האָט דערווייל געבראַכט נאָר א קאפּיטאליסטישע רעגירונג, אז דער קאפּיטאליסטישער קלאַס, איז דאָ א הערשענדער קלאַס.

ווי אזוי קומט עס? די קאפיטאליסטען זיינען על פי קאנסטיטושאן קיין גרעסערע בעלי דעות ניט, איידער די ארבייטער: ווי אזוי זשע קענען די קאפיטאליסטען זיין נאך א הערשענדער קלאס, ווען דער געזעץ אנערקענט זיי גאר פאר קיין בעזונדערען קלאס ניט? איר וועט מיר זאגען, ווייל די ארבייטער זיינען ניט קלאסענבעוואוסט און וואוטען פאר דעם קאפיטאליסטישען קלאס. לאמיר דאס פארשטעהן אף פראסט־מאמע לשון: דאס הייסט, די ארבייטער וואוטען פאר די קאפיטאליסטישע רעגירונג, ניט וויסענדיק, אז זי פארטרעט, נאר דעם קאפיטאליסטישען קלאס. ווי אזוי ווערט דער קונץ געמאכט? גאר איינפאך, דורך די פאליטישע פארטייען. אף׳ן פאפיר האט יעדער בירגער דאס רעכט צו וואוטען פאר וועמען ער וויל און קען אליין אויך לויפען פאר יעדען אמט. אין דער אמת׳ען אבער קענט איר וואוטען נאר פאר אזעלכע קאנדידאטען וועלכע די פאליטישענס האבען פאר אייך באזארגט. דער פאלק, די וואוטערס, האבען נאר דאס רעכט, אויסצוקלייבען איינעם פון די קאנדידאטען, וואס די פאליטישענס האבען אופגעשטעלט. און מיט דער פלאטפארמע איז אויך די אייגענע זאך; די פאליטישענס מאכען די פלאטפארמע, צי זי געפעלט אייך, צי ניט, מוזט איר זי אננעמען, אדער איר מעגט זיך זיצען אין דער היים. די פאליטישענס זיינען אלזא דער אמת׳ער הערשענדער קלאס. דער קאפיטאליסטישער קלאס הערשט נאר דורך די פאליטישענס. די ארגאניזאציע, דורך וועלכער דאס ווערט געמאכט, איז די פאליטישע פארטיי.

ווען די אמעריקאנער רעפובליק איז געגרינדעט געווארען, האט דער געזעץ ניט אנערקענט קיין פאליטישע פארטייען. צו יענער צייט איז נאך גאנץ אמעריקע באשטאנען פון דערפער און קליינע שטעטלאך. די דעמאקראטישע קאנסטיטוציעס און געזעצע זיינען געווען צוגעפאסט צו א געזעלשאפט פון פארמערס, מייסטערס בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, וואו יעדער איינער האט זיך געארבייט פאר זיך און איז מיט דעם אנדערען געקומען זעהר ווייניק אין בארירונג. דער פרינציפ פון יענער צייט איז געווען: וואס ווייניקער רעגירט איז בעסער. די וואוטערס פלעגען קומען אף א סחאדקע און דארטען פלעגען אלע קהל׳שע געשעפטען באזארגט ווערען. ווען עס זיינען אויסגעוואקסען גרויסע שטעט, איז אזא ארדנונג געווארען אונמעגלאך, די מאיאריטעט פון די בירגער האט זיך

זעהר ווייניק אינטערעסירט מיט פאליטיק און האט איבערגעלאזען די קאפּדרעהענעס צו יענע, וועלכע האבען דערפון געהאט הנאה. „פאליטיקס“ איז מיט דער צייט געווארען א באזונדער געשעפט, ווי שניידעריי, און די פאליטישענס האבען פארשטאנען, ווי אזוי דערפון צו מאכען א היבשען לעבען. אלע שטעלען, אלע פאדריאדען און קאנצעסיעס אף אייזענבאנען און דערגלייכען הייגנען אפּ פון זייער לאסקע. צו פארזיכערען זייער הערשאפט האבען זיי אזוי צוגעשניטען דעם געזעץ, אז די גאנצע מאשינעריי פון די וואלען איז אריינגעפאלען אין זייערע הענט. די ארגאניזאציע פון יעדער פארטיי איז א סאמאדערזשאווגע מאנארכיע. אין יעדער שטאט איז פאראן א קיסר, וואס קיינער האט עם ניט ערוועהלט, נאר אלע פאלגען עם. דאס איז דער שטאט-באס. אין עטלאכע סטעיטס זיינען שוין פאראן סטעיט-באסעס, און די ס. ל. פּ. האט זיך אין דעליאן׳ס צייטען ארופגעארבייט אף א באס איבער גאנץ אמעריקע. יעדער באס האט אונטער זיך א סך באסלאך. אף׳ן פאפיר איז אלץ דעמאקראטיש, דעלעגאטען ווערען ערוועהלט פון דער מאיארי־טעט פון די פארטיי מעמבערס, פלאטפארמעס ווערען אנגענומען פון פארטיי־קאנווענשאנס; אבער דאס איז נאר א פוסטע קאמעדיע; אלץ ווערט באשטימט אין פאראוים דורך דעם פארטיי־קיסר מיט זיינע מיניסטארען, און די פארטיי קאנווענשאנס זאגען נאר באם. א פאליטישע פארטיי איז ניט א פארבאנד פון גלייכדענקענדע מענטשען צוליב א געוויסען פרינציפּ; א פארטיי איז איינפאך א חברה מענטשען צו פארזארגען אירע חברה-לייט מיט פאליטישע שטעלען (דזשאבס). די פלאטפארמע איז נאר א מיטעל צו כאפּען וואוטס. א טרייער מיטגליד פון דער פארטיי מוז אונטערשטיצען די פלאטפארמע און די קאנדידאטען פון דער פארטיי, ער מעג זיך אליין איבערצייגט זיין, אז זיי טויגען ניט. דאס רופט מען פארטיי־דיסציפלין. ברייען, וועלכער איז אין 1904 געווען אי געגען דעם דעמאקראטישען קאנדידאט פאר פרעזידענט, אי געגען די דעמאקראטישע פלאטפארמע איז פונדעסטוועגען ניט ארויס פון דער פארטיי. עקס־פרעזידענט קליוולענד אבער, וועלכער איז געווען געגען זילבער און געגען דעם זילבער־דעמאקראטישען קאנדידאט ברייענע און האט דערפאר געשטימט פאר א גאלד־דעמאקראטישען קאנדידאט אין 1896 איז באטראכט געווארען אלס פאררעטער.

פאר א חברה, וואָס זוכט צו מאכען געלט פון פּאָליטיק, איז
אזא אָרגאניזאציע אויסגעצייכענט: מ׳ קען ניט פארהאנדלען אַף
א מאסמיטינג די פראגע, וויפיל כאבאר זאָל טעמעני קריגען פון
די מיליאָנערען, וואָס מעלקען די שטאָט־בהמה. טעמעני האָל אָדער
די רעפּאָבליקאנישע מאשין אין פילאדעלפיע, איז „א קעמפּפענדע
אָרגאניזאציאָן“ און קען ניט אויסקומען אָן א וואָיענער דיסציפּלין.
די מאיאָריטעט פון די פּאָליטישענס, פארשטעהען דאָס גאנץ גוט,
זיי זיינען קלאסען־באוווסט.

דער וואוטער, וועלכער איז ניט קיין פּאָליטישען, נאָר איז אן
איבערצייגטער דעמאָקראט, אָדער רעפּאָבליקאנער, האָט דאָס רעכט
אריינצוטרעטען אין די פּארטיי און זוכען זי צו „רעפּאָרמירען פון
אינוועניק“. ווען אָבער איר זייט א „קיקער“ („אַ טומעלמאכער“, אַף
רוסיש „סמוטיאָן“), טו וועט מען אייך באלד געבען קאפּוליער אָנ־
צוהערענס, אז מ׳ פרעגט ביי אייך קיין עצות ניט. עס זיינען פאראָן
איןביידע אלטע פּארטייען א קליינע צאָל ערלאכע לייט, זיי ווייסען
נאָטירלאך וואָס פאר א קאָרופּציאָן עס הערשט אין זייער פּארטיי,
אָבער זיי מיינען, אז זייער פּארטיי איז די איינציקע פּארטרע־
טערען פון די פּאָלקס־אינטערעסען, און דערפאר מוז מען אויסמיי־
דען יעדע קריטיק, וואָס קען אָפּשוואכען די פּארטיי.

אזוי איז פון דער אמעריקאנער דעמאָקראטיע איבערגעבליבען
נאָר דער נאָמען; די פּארצייטיקע דעמאָקראטיע האָט זיך אויסגע־
וויזען גאָר ניט צוגעפּאסט צו א וועלט מיט אייזענבאנען מיט גרויסע
פאבריקעס, מיט קארפּאָרעישאָנס, מיט טראָסטס. עס ווערען אָפּגע־
האלטען וואלען, „דאָס פּאָלק“ איז די רעגירונג, דער ווילען פון
פּאָלק איז דער איינציקער געזעץ, דאָס איז אבער אלץ נאָר גערעדט
זיך אזוי, אין דער אמת׳ן שפּילט דאָס פּאָלק פּונקט אזא ראָליע
אין דער רעגירונג, ווי „דאָס פּאָלק“ אַף דער סצענע אין טעאטער.
די אמת׳ע הערשער אין אמעריקע זיינען די פּאָליטישע פּארטיי־מאַ־
שינען. מ׳מוז נאָך שאפען א נייע דעמאָקראטיע, און דאָס ווערט
ניט געמאכט אין א טאָג און אפילו אין א יאָר אויך ניט.

שטעלט זיך פאָר, אז די סאָציאליסטען האָבען ערוועהלט זייער
אייגענעם פרעזידענט, א מאיאָריטעט אין קאָנגרעס און אין אלע
געזעצגעבענדע קערפּערשאפטען אין די סטעיטס. מ׳ דאַרף אָנ־
הויבען צו פירען די געזעלשאפט, ווי וועט מען זיך פירען? וועט

מען אויסמעקען אלע געזעצע, וואס זיינען פאראן און לאזען יעדען בעאמטען טאן, וואס עס וועט עם איינפאלען? וואס קיין איינציקע רעוואלוציע האט ביז היינט אזוי ניט געטאן, איז נאטירלאך ניט קיין טענה, דאס זיינען אלץ געוועזן בורזשואזנע רעוואלוציעס. לאמיר אבער א קוק טאן אף די סאציאליסטישע פארטייען, ווי זיי פירען זיך היינט אין זייערע אינערליכע געשעפטען. זיי האבען קושיננגס אדער ראבערטס „רולס“ פאר פארלאמענטארישע ארדנונג, און וואס איז דאס? דאס איז א זאמלונג פון געזעצע, וואס זיינען פאמעלאך אויסגעארבייט געווארען אין דער צייט פון עטלאכע הונדערט יאר, אין דעם ענגלישען פארלאמענט און שפעטער אין דעם אמעריקאנער קאנגרעס. די סאציאליסטישע פארטייען האבען זיירע קאנסטי־טוציעס, מיט רעפערענדונמ'ס און דערגלייכען. דאס זיינען דאך אלץ אזעלכע זאכען, וואס די סאציאליסטען האבען זיי ניט אויס־געטראכט, זיי האבען דאס גע'ירש'ענט פון דער בורזשואזנער גע־זעלשאפט און עס האט גענומען א צייט לאנג די אלע געזעצע און רע־גלאמענטען אויסצוארבייטען. אלזא מעגען מיר אנעמען, אז א סאָ־ציאליסטישע רעגירונג וועט אויך, וויינקסטענס פון אנהויב, מוזען זיך שטיצען אף די געזעצע, וואס זיינען שוין פאראן, און דאס איז נאך ניט אלץ.

היינט, ווען עס זאל קומען דערצו, אז די סאציאליסטישע פארטיי זאל דארפען נעמען אף זיך די עסקים פון גאנצען לאנד, וועט געוויסע בעגסאן מוזען לאזען אין אמט די קלערקס און אנדע־רע בעאמטע, וואס האבען גערינט אונטער א קאפיטאליסטישען פרעזידענט, ווייל זיי זיינען באקאנט מיט דער רוטין־ארבייט פון דער רעגירונג, און די קאפיטאליסטישע געזעצע וועלען אויך בלייַ־בען אין קראפט א געוויסע צייט. פאליטישענס וועלען אלזא האָ־בען גענוג צייט צוצופאסען זיך צו דער סאציאליסטישער רעגירונג. אגב וועלען א סך פון זיי ווערען וויסענשאפטליך און קלאסען־באַ־וואוסט און רעוואלוציאנער און מ' וועט זיי אריינגעמען בכבוד גדול אין די סאציאליסטישע פארטיי.

ווי די עקאנאמישע ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט ווערט ניט איבערגעמאכט מיט כישוף איבער נאכט, אזוי איז די פאליטישע ארגאניזאציע אויך דער רעזולטאט פון א לאנגזאמער ענטוויקע־לונג, פון עוואליוציאן, ווי מ' רופט עס אפ'ן געלערנטען לשון. א רא־

דיקאַלע ענדערונג פון די פּאָליטישע איינריכטונגען, איז אַן ארבייט, וואָס קען ניט פארשפּאָרט ווערען דורך א רעוואָלוציאָן. עס קען פּאַר־ קומען א שלעגעריי, און אפילו ניט איינע. אָבער מיט ברעכען די ביינער בויט מען ניט איבער אַ געזעלשאפט. א זיעגרייכע רעוואָלו־ ציאָן קען אראָפּוואַרפען איין רעגירונג און אריינזעצען אַנאַנדע־ רע, זי קען באַזייטיקען פון וועג א קלאַס מענטשען, וואָס שטערט דער פרייער ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאפט. אָבער ווען די יסודות פון דעם פּאָלקס־לעבען זיינען ניט דעמאָקראטישע, טו וועט די אָפּשאפונג פון דער מאָנארכיע ניט ברענגען קיין דעמאקראטיע, ווי מיר זעהען טאקע פון דער אמעריקאנער געשיכטע גופא. עס וועט געדויערען א לאנגע צייט ביז עס וועט זיך ענטוויקעלען פון דער אַלטער אָרדנונג אַן אמת׳ע דעמאָקראטיע.

2.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

וואָס איז די רפואה געגען פּארטיי־אָליגארכיע? די סאָציאַ־ ליסטישע פּארטייען רופען צו אונדז צו: שטימט פאר אונדזערע קאַנדידאטען, וועלען מיר אייך געבען אַן אמת׳ע דעמאָקראטיע. מיר האָבען אָבער געזעהען, אַז די סאָציאַליסטישע פּארטייען ווילען גאָר ניט פארניכטען די פּארטיי־הערשאפט, פּונקט פארקערט, זיי ווילען נאָך שטארקער מאכען די פּארטיי־אָליגארכיע. דער גאנצער אונ־ טערשיד איז סך הכל אין דעריין, וואָס אָנשטאָט דער רעפּובליקאנער אָדער דער דעמאָקראטישער פּארטיי וועט די סאָציאַליסטישע האַל־ טען די לייצעם.

מיט וואָס איז דאָס בעסער? די סאָציאַליסטישע פּארטייען פּרעטענדירען אַז זיי זיינען דעמאָקראטיש, אינטערנאַציאָנאַל, אַז זיי קעמפּפען פאר פּרייהייט און גערעכטיגקייט, און זיינען געגען יעדען קאָמפּראָמיס. מיר האָבען אָבער געזעהן, אַז אפילו שוין היינט זיינען זיי ניט בעסער פאר די אַלטע פּאַרטייען. ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז די פּאַרטיי אויך בילכער פאר דעם פּרינציפּ.

ביי דער וואהל אין קאָלאָראדא אין 1904, ווען עס זיינען גע־

שטאַנען אַף דער וואָג אַף איין זייט די אינטערעסען פון דעם ארבייטער קלאַס און אַף דער אנדערער — די אינטערעסען פון דער סאָציאליסטישער פּאַרטיי, האָבען די סאָציאַליסטען געזאָגט : אויך מיר א דאגה, די מיליטערישע דיקטאַטור, די פאַרניכטונג פון דער קאָנסטיטוציע, פון פּאָליטישער פרייהייט, פון די ארבייטער יוניאָנס, אבי אונדזער פּארטיי זאָל קריגען די פּאָר טויזענט וואוטס, און ווען די בערג־ארבייטער (די מיינערס) האָבען באוויזען, אז זיי שעצען פּאָליטישע פרייהייט מער איידער די סאָציאליסטישע קאַנדידאטען, האָט מען זיי גערופען פאַררעטער. די סאָציאליסטישע פּאָליטישענס האָבען מיט זייער קאַנדידאַט געהאָלפען ערוועהלען דעם דיקטאַטאָר פּיבאָדי. צוליב די וואוטס פון א פּאָר טויזענט „ווייסע מיסט“ אין אלאַבאַמא, האָט די סאָציאליסטישע פּאַרטיי געמאכט א שווייג וועגען דעם ראַסען־האַס געגען די נעגער, וואָרים די סאָציאליסטען אליין זיינען דאָרטען אויך דאַגעגען, אז א שווארצער גענאָסע זאָל מיט זיי זיין זאָפאַני־בראַטאַ. אונקאָמפּראָמיסליך הייסט קיין קאָמפּראָמיס מיט קיין אנדער פּאַרטיי, א קאָמפּראָמיס מיט דעם איינענעם פּרינציפּ איז „אָלל רייט“, ווען מ׳ קען דערמיט „קעטשען“ וואוטס.

אין דעם זעלבען יאָר 1904 האָט מען אין אמסטערדאַם גערדיקט די הענט פון דעם פאַרטרעטער פון יאַפּאַנישע סאָציאליסטען און אַף דעם זעלבען קאָנגרעס, האָבען די אמעריקאנער דעלעגאַטען הילקוויט און שלוטער (פון דער ניו־יאָרקער פאָלקס־צייטונג) געמאכט דעם פאָרשלאַג, דער קאָנגרעס זאָל זיך ערקלערען דאַפיר, מ׳ זאָל די „נידעריקע ראַסען“ ניט אריינלאָזען אין אמעריקע. און דער „וואָרקער“, דער פּאַרטיי אָרגאַן אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט געטענה׳ט, אז דאָס איז גאָר ניט געגען דעם פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַליזם, מחמת עס וועט פאַר די יאַפּאַנישע ארבייטער אליין אויך זיין געזינטער, ווען זיי וועלען זיצען אין דער היים. בערגער, האָט עס נאָך פריהער געזאָגט אין זיין „סאָשאַלדעמאָקראַטיק העראָלד“. צוליב וואָס איז דאָס ? נאָכצוגעבען די רעאַקציאָנערע שטרעבונגען פון די אמעריקאנער טרעיד־יוניאָניסטען, וועלכע אגיטירען, אז מ׳ זאָל ניט צולאָזען קיין יאַפּאַנישע ארבייטער.

אלזאָ, געגען די אָרגאַניזירטע ארבייטער, ווען זיי קעמפּפען פאַר פרייהייט, אבער ניט מיט דער סאָציאליסטישער פּאַרטיי; מיט

די ארגאניזירטע ארבייטער, ווען זיי אגיטירען געגען איינעם פון די גרונד־פרינציפען פון סאָציאליזם, נאָר ווען מ׳ קען דערמיט גע־ווינען עטלאָכע וואוטס פאר די סאָציאליסטישע פארטיי, — דאָס איז די אונקאָמפּראָמיסליכע טאַקטיק! ווען א פארטיי איז שוין פון אָנהויב אָן גרייט צו פארשאכערען אירע פּרינציפּען פאר א פּאָר טויזענט וואוטס, טו וואָס קען מען פון איר ערוואַרטען, ווען זי זאָל אמאָל ווירקליך ארייננקריגען די מאכט אין אירע הענט.

די קאפּיטאַליסטישע פארטייען האָבען נאָך לכל הפּחות אזוי פיל רעספּעקט פאר דעם וואוטער, אז זיי זיינען גרייט עם ארייג־צונעמען אין די פארטיי. די סאָציאליסטישע פארטיי וויל עס אזוי פילרעכט אויך ניט איבערלאָזען: זי באשטימט אליין, צי ער מעג זיין א מעמבער, צי ניט. ווען זי זאָגט, אז ניט, האָט ער גאָר קיין שום דעה ניט איבער די פּלאַטפאָרמע און איבער די קאנדידאטען, ער האָט נאָר די פּריווילעגיע צו זיין א שטימפּיה.

פאר די לעצטע פינף־און־צוואנציק יאָר אגיטירען די רע־פאָרמערס פאר אזא געזעץ, וואָס זאָל פארזיכערען דעם וואוטער א שטימע איבער די פארטיי־קאנדידאטען און פארטיי־פּלאַטפאָר־מעס, אין פילע סטעיטס האָט מען דורכגעפירט א געזעץ, אז יע־דער וואוטער, וועלכער וויל שטימען פאר די קאנדידאטען, פון א געוויסע פארטיי, מעג שטימען איבער די וואהל פון פארטיי קאנדידאטען און פארטיי־בעאמטע. אָבער די סאָציאליסטישע פאר־טיי איז אויסגעשפּראָכען געגען די דירעקטע פּריימעריס, זי פאר־גינט ניט דעם וואוטער אפילו די ביסעלע אונאבהענגיקייט, וואָס ער האָט פאר זיך אויסגעקעמפּפט ביי די פּאָליטישענס, די אונ־באשרענקטע הערשאפט פון דער פּאָליטישער מאשין — דאָס איז דער פּאָליטישער אידעאל פון דער סאָציאליסטישער פארטיי.

אלזא, די סאָציאליסטישע פארטיי וויל אויך ניט קיין דעמאָ־קראטיע, זי איז גאנץ צופרידען מיט דער פארטיי־הערשאפט, נאָר זי וויל אליין פארנעמען דעם פּלאַץ פון די היינטיקע הערשענדע פארטייען. מיט וואס־זשע זיינען מיר זיכער, אז א סאָציאליסטישע פארטיי־מאשין וועט זיך ניט באנוצען מיט איר מאכט פאר די פּער־זענליכע אינטערעסען פון אירע מיטגלידער? איר וועט מיר ווייזען אף איר פּלאַטפאָרמע? אָבער א פּלאַטפאָרמע איז ניט מער ווי דאָס וואָס די פארטיי זאָגט צו; אלע פארטייען זאָגען צו דעם עולם גיל־

דערנע בערג. ביי די סאָציאַליסטישע פּאָליטישענס האָט די פּלאַטפאָרמע פּונקט אזא ווערט, ווי ביי די קאַפּיטאַליסטישע. פאר יעדע פּאָליטישע מאשין איז איהר אייגענער ערפאָלג בילכער איידער די פּלאַטפאָרמע פון דער פּארטיי. די פּארטיי איז דער צוועק, די פּלאַטפאָרמע איז דער מיטעל. וואָס איז די פּעולה צו ארבייטען פאר די איניציאַטיווע און רעפערענדום, פאר פּרויען־שטימרעכט, ווען אנדערע פּארטייען וועלען דערפון מאכען פּאָליטישען קאַפּיטאַל? דעריבער איז גלייכער אויסצוקומען אָן די רעפאָרמען, איידער צו קריגען זיי דורך אנאַנדער פּארטיי.

מען זאָגט, די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען זיינען „פּראָלעטאַריער“, אין דער אמעריקאַנער פּאָליטיק איז דאָס גאָר ניט אזא זעלטענע מציאה; א סך „פּראָלעטאַריער“ און יוניאָן לייט זיינען שוין ערוועהלט געוואָרען; אבער וויבאַלד א פּראָלעטאַריער ווערט ערוועהלט, איז ער שוין אוים פּראָלעטאַריער, ווייל ערסטענס קריגט ער היבשע געהאַלט, און צווייטענס פּארטראָגט זיך די אונקאָמפּראָמיסליכע, רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק אויסגעצייכענט מיט בורדעל. מיר ווייסען, אז ווי יונג און שוואַך די סאָציאַליסטישע פּארטיי איז נאָך היינט צוטאָג, איז זי שוין באַקאַנט מיט קאָרופּציאָן. דערווייליע איז דאָס נאָך אַן אויסנאַם, איך וועל צוגעבען, אז אלע היינטיקע מעמבערס פוןביידע סאָציאַליסטישע פּארטייען זיינען אזוי פרום ווי יוסף און וועלען אימער אנטלויפען פון דעם יצר הרע ווי יוסף איז אנטלאָפען פון פּוטיפרע׳ס ווייב. זאָל אָבער די סאָציאַליסטישע פּארטיי ווערען שטאַרק, וועלען א סך פּאָליטישענס ווערען קלאַסענבאַוואוסטע, רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען און וועלען אריין אין די פּארטיי. איך מעגט זיין זיכער, זיי וועלען זיין העכסט אָרטאָדאָקסאַל. א פּאָליטישען, וואָס האָט קיין איבערצייגונג ניט איז אימער אָרטאָדאָקסאַל, וואָס לוינט זיך עם צו קריגען זיך וועגען דער הגדה, ווען ער מיינט גאָר די קניידלאַך?

מען רעדט זיך איין, אז אויב מ׳ וויל סאָציאַליזם, מוז מען ניט אנדערס האָבען א סאָציאַליסטישע מאַשין, אקוראַט פערקערט, א סאָציאַליסטישע פּארטיי־מאַשין שטערט ווי ווייט זי קען די ענטוויקלונג פון קהל׳שען אייגענטום אף פּראָדוקציאָנס־מיטעל. זאָל ערגעץ אופטרעטען א שטאַרקע פּארטיי אָדער אַן אונאבהענגיקע אָרגאַניזאַציע מיט א מוניציפּאַל־סאָציאַליסטישען פּראָגראַם, וועט

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־מאַשין זוכען מיט אַלע מיטלען, וואָס זיינען נאָר באַקאַנט אין אַמעריקאַנער „פּאָליטיקס“, אָפּצוהאַלטען די וואָוטערס פון אונטערשטיצען די באַוועגונג. „סטייטש, איר האָט דאָך דיזעלבע פאָרדערונג אין אייער פּלאַטפאָרמע. הייסט דאָס איר אַנערקענט זי פאַר גוט. טו פאַרוואָס־זשע שטערט איר אונדז?“ פרעגען די רעפאָרמערס. „איר טרויט אונדז ניט, אַז מיר מיינען ערנסט? קומט אַריין, מיר וועלען נאָמינירען אייערע אייגענע קאַנדידאַטען, צו וועלכע איר האָט צוטרויען“. דאַכט זיך, רעכט? אָבער, פאַרשטעהט איר, די „פּאַרטיי“ וועט דורך דעם אָפּגעשוואַכט ווערען. עס הייסט, איידער סאָציאַליזם אָן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז ליבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָן סאָציאַליזם.

3.

דער קאַמפּף פאַר דעמאָקראַטיע.

דער קאַמפּף פאַר דעמאָקראַטיע גענען באַסערייי געהט אָן אַ יאָר פערציק, ער ווערט געפירט אין צוויי ריכטונגען: די קאָנסערוואַטיווע מיינען, אַז אָן אַ פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע קען ניט אויסקומען, סיי מחמת זי איז טאַקע נויטיק, סיי מחמת די וועלט האַלט נאָך אַז אַ פּאַרטיי איז נויטיק, יעדענפאַלס די פּאַרטיי איז אַ פאַקט, און זיי זוכען אַזוי צו באַשרענקען איר מאַכט, אַז דער וואָוטער זאָל האָבען איבער איר אַ דעה, אין פיליע סטעיטס האָבען זיי דורכגעפירט געזעצע, אַז יעדער וואָוטער, וואָס באַקענט זיך צו אַ געוויסער פּאַרטיי, מעג זיך באַטייליגען אין דער וואַל פון אָפּיציעלע קאָמיטעס און מעג אַליין ערוועהלט ווערען, אַלס מיטגליד. די פּאָליטישענס איז דער פּלאַן זעהר ניט געפעלען. די סאָציאַליסטען זיינען אויך דאַגעגען. אַ פּאַרטיי, מיינען זיי איז אַ פּרייוויליקער פעראיין און עס איז אַן אָנגריף אַף דעם פּרינציפּ פון פעראיינס פרייהייט, ווען דער געזעץ מישט זיך אַריין אין די אינערלאַכע געשעפטען פון אַ פּאַרטיי. דער אַרגומענט איז אָבער פאַלש, אַ פּאָליטישע פּאַרטיי איז ניט קיין פּריוואַט פעראיין, דער געזעץ גיט איר די פּריווילעגיע אַרופצושטעלען אירע קאַנדידאַטען אַף’ן

באלאט, וואס א געוועהנטלאכער פעראיין קען ניט טאן, א פאר־טיי שטעלט ארויס א פלאטפארמע און קאנדידאטען, און די וואר־טערס, וואס זיינען אונצופרידען מיט די פארטיי קאנדידאטען, ביי די וואהלען, פארשטעהט זיך, ווען עס געפינען זיך א צאל וואר־טערס, וואס זיינען אונצופרידען מיט די פארטיי קאנדידאטען, מעגען זיי נאמינירען אונאבהענגיקע קאנדידאטען דורך פעטישאנס: אבער, ניט צו ריידען שוין וועגען די שוועריקייטען, וואס דער גע־זעץ שטעלט בכיון אוועק געגען אונאפהענגיקע קאנדידאטען, איז דאס אונטער דעם אמעריקאנער „צוויי פארטיי סיסטעם" אין גאנצען א קאלטע רפואה. לאמיר זיך אומקערען צוריק צו דער לעצטער וואל פאר פרעזידענט, אין וועלכע די צוויי גרויסע פארטייען זיי־נען געשטאנען איינע געגען די אנדערע מיט פארשידענע פאליטישע פלאטפארמען — דאס איז די וואהל פון 1908*) נו שטעלט זיך פאר איך בין פאר פראטעקציאניזם (פאר א שוץ־צאל געגען אימ־פארטירטע ווארען) אבער צו דערזועלבער צייט געגען אימפעריאליזם זאל איך וואוטען פאר די דעמאקראטען? זיי זיינען אבער גע־גען א פראטעקציאנעם טאריף אף אימפארטירטע ווארען; מוז איך זיך האלטען ביי דער רעפובליקאנער פארטיי. די רעפוב־ליקאנער פארטיי האלט אבער פאר אימפעריאליזם, זאל איך זעהן צו נאמינירען אן אונאבהענגיקען רעפובליקאנער, וועלכער איז אן אנטיאימפעריאליסט? דערמיט וועל איך אפציהען וואוטס פון דעם רעפובליקאנער פארטיי־קאנדידאט און העלפען ערוועהלען א דעמאקראט, וואס וועט זיין די פעולה? ווען אבער איך האב די מעגלאכקייט צו וואוטען פאר די דעלעגאטען צו דער רעפובליקא־נער פארטיי־קאנווענשאן, וועל איך פרובירען צו ווירקען, אז די רעפובליקאנער פארטיי זאל זיך האלטען ביי פראטעקשאן און זאל לאזען אימפעריאליזם צורוה, עס איז ניט מער, ווי רעכט, אז אלע יענע וואס שטימען פאר דעם רעפובליקאנער טיקעט, זאלען האבען די מעגליכקייט צו זאגען, פאר וועמען און פאר וואס זיי ווילען שטימען. דאס זעלבע פאסט נאטירליך אף די סאציאליסטישע פארטיי אויך.

---

* אין 1912 זיינען געשטאנען אין פעלד דריי גרויסע פאר־טייען, און האיאר (אין 1916) איז קיין אונטערשיד ניטא צווישען די פלאטפארמען פון די דעמאקראטען און די רעפובליקאנער.

אלזא, כל זמן עס זיינען פאראן פארטייען, איז די פריימערי רעפארם אין פרינציפ ריכטיק. אין דער פראקטיקע אבער האט זיך אויסגעוויזען, אז זי האט ניט געבראכט די ישועה אף וועלכע מען האט געהאפט. ערסטענס, מוז מען זיך אפען ערקלערען פאר א דעמאקראט, אדער פאר א רעפובליקאנער, אדער פאר א סאציאליסט, און דאס איז געגען דער פרינציפ פון דעם געהיימען באלאט: עס זיינען פאראן וואוטערס, וואס ווילען ניט מ׳ זאל וויסען פאר וואסער פארטיי זיי שטימען*). צווייטענס, אפילו וואו מען האט שוין איינגעפירט „אונפארטייאישע“ פריימערים מיט א געהיימען באלאט, ווייס דער וואוטער, אז אף די פריימערים קען ער גארנישט ניט אויספירען געגען די ארגאניזירטע פארטיי־מאשין. די מאשין האט שוין אין פאראוים צוגעגרייט איר „סלעיט“, דאס הייסט איר צעטעל פון קאנדידאטען, אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע, וועלען פאר זיי שטימען, די זייטיקע וואוטערס זיינען ניט פאראייניקט, איינער ווייס פון דער אנדערען ניט, און ביי די פריימערים קען מען זיך ניט צונויפריידען, דארטען שטימט מען נאר.

ווען מ׳ וויל אויסקלייבען אייגענע קאנדידאטען, וואס זאלען זיין אונאבהענגיק פון דער מאשין, מוז מען האבען אן אייגענע ארגאניזאציע: דאס הייסט, מ׳ מוז זיך אקטיוו אפגעבען מיט „פאליטיקס“ און דאס רוב וואוטערס האבען דערצו קיין צייט ניט און קיין חשק אויך ניט. און אזוי בלייבט זיך פאליטיקס, ווי בעפאר, א ביזנעס פאר די פאליטישענס, ניט אכטענדיק אף די רעפארמירטע פריימערים.

די ראדיקאלע ריכטונג איז דערפאר געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס העלפט ניט רעפארמירען די פאליטישע פארטייען, מ׳ דארף אפשאפען די הערשאפט פון פאליטישענס אין גאנצען.

---

*) ביי דער וואהל פון מעקענלי אין 1896 האט מען די ארבייטער געסטראשעט, אז ווען זיי וועלען וואוטען פאר ברייענען, וועט מען זיי אפזאגען פון דער ארבייט. נאטירליך ביי דער וואל איז אונמעגלאך דעם וואוט צו קאנטראלירען, אבער ביי אזעלכע פריימערים איז דער וואוטער אין געפאר.

דער ערסטער שריט אין דער ריכטונג איז געווען די אגיטאַציע פאַר „סיוויל סערוויס רעפאָרם" (רעפאָרמע פון ציוויל־דינסט, ווי מ'זאָגט אף דייטש). פריהער פלעגט נאָך יעדער וואַל ביי־טען זיך דער גאנצער פערסאָנאַל קלערקס און ארבייטער ביי דער רעגירונג. אום איינצוהאלטען זייערע שטעלען האבען זיי אגי־טירט פאר די הערשענדע פּאָליטישע פארטיי. זינט 1883 האָט מען בּיסלאכווייז אָפּגעשאפט דעם „רויב־סיסטעם" (ספּאָילז־סיס־טעם), ווי מען רופט עס דאָ. די רעפאָרמע איז באשטאנען דעריין, אז אלע קלערקס ביי דער רעגירונג זאָלען אנ־געשטעלט ווערען מיט אן עקזאמען און זאָלען ניט קענען אראָפּ־געזעצט ווערען כל זמן זיי טוען ריכטיק זייער ארבייט. דאָס איז זעהר א וויכטיקע זאך. די מאַכט פון די אַלטע פּאָליטישע פּאַר־טייען באשטעהט אין דער מחנה פּאָליטישע „הילערס", וואָס מיינען ניט די הגדה, נאָר די קניידלאך: זיי גיבען אוועק זייער צייט פאר די פארטיי, ווייל זיי האָפען צו קריגען א שטעלע ביי דער רעגירונג. נעמט ביי זיי אוועק די „דזשאבס," פארלאָזען זיי די פארטיי.

דער ערסטער געזעץ, וועלכער האָט איינגעפירט סיוויל סער־וויס רעפאָרם שטאמט פון יאָר 1883. דער פּרעזידענט האָט באקו־מען די מאכט איינצופירען עקזאמענס פאר אַלע עמטער, וואָס ער געפינט פאר נויטיק, א חוץ פּאָסטמייסטערס און נאָך אַנדערע, אבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט באזונדערס שטארק געהיילט, און עס בלייבען נאָך ביז היינט צו טאָג א סך עמטער וואָס ליגען אין די הענט פון די פּאָליטישענס.

אין די סטעיטס און אין די גרויסע שטעט איז נאָך ווייניקער אופגעטאָן געוואָרען. די צאָל בעאמטע אין די פאראייניקטע שטאַ־טען ביי דער פּאָלקסצעהלונג פון 1910 איז געווען נאָהענט פון אַ האלבען מיליאָן, חוץ לערערס און לערערינס. ווען סיוויל סערוויס רעפאָרם זאָל ווירקלאָך אַרענטלאך איינגעפירט ווערען, הייסט דאָס אַ פּאָר הונדערט טויזענט מענטשען וואָלטען געוואָרען אוים פּאָלי־טישענס.

די פּאָליטישענס זיינען נאָך עד היום געגנער פון „סיוויל סערוויס רעפאָרם". ווייל עס ווילט זיך זיי האָבען די מיטלען צו פארזאָרגען זייערע לייט מיט שטעלען, ווען סע געלינגט זיי ארופצו־

כאַפּען זיך אַף'ן ביינקעל, נאַטירלאַך, אַזוי אַפען רעט מען דאָס ניט אַרויס, מ' שטיצט זיך אַף אַ דעמאָקראַטישען פּרינציפּ: ווען די רעגירונג געהט איבער אין די הענט פון אַן אַנדער פּאַרטיי, הייסט דאָס, אַז דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרען דעם צוטרויען צו דער אַלטער רעגירונג. עס איז אונמעגלאַך צו ערוועהלען אַלע בעאַמטע, וואָרים ס'זיינען פאַראַן אַזאַ מאַסע, אָבער דאָס פאָלק האָט אַנפּערטרויט דער נייער פּאַרטיי, זי זאָל אָרגאַניזירען אַ נייע רעגירונג פון אויבען אַראָפּ, פון דעם פּרעזידענט ביז דעם לעצטען שרייבער'ל. די „סיוויל סערוויס רעפאָרם", זאָגען זיי, זוכט איינצופירען אַ ביוראָקראַטיע, אַ בעאַמטען־קלאַס, וואָס איז אונאַבהענגיק פון פאָלק.

מ'קען ניט אָפּלייקענען, אַז געוויסער־מאָסען איז דאָס ריכטיק. מיר וויסען וואָס פאַר אַ מאכל עס איז צו האָבען אַן אָרגאַניזירטען קלאַס טשינאָווניקעס. איין קליינינקייט איז אָבער ארויסגעלאָזען אין דעם אַרגומענט, נעמלאַך: אַז אונטער דעם היינטיקען סיסטעם זיינען די בעאַמטע אויך אַן אָרגאַניזירטער קלאַס, אַ פּאַרטיי־מאַשין, איר קענט פון זיי פּטור ווערען נאָר דורך אַ וואַל, אָבער ערשטענס זיינען זיי אַליין די מאַכערס ביי די וואַלען, און צווייטענס, ווען איר ווערט שוין ברוך השם פּטור פון איין מאַשין, פאַרנעמט איר פּלאַץ אַן אַנדער מאַשין. כל זמן די פּאַרטיי איז אַף'ן פערד און דער בעאַמטער פאָלגט זיין באָס, מעג ער טאָן וואָס ער וויל, און איר מעגט קלאָגען צו דעם רבונו של עולם. אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט, אָבער אַ בעאַמטער, וואָס האָט ניט קיין פּאָליטישען „פּול" (ס'הייסט קיין „פּראָטעקציע") קען מען מאַכען פּערזענליך פאַראַנטוואָרטליך, ווערענד היינט האָט איר אַ גאַנצע מאַשין צו באַקעמפּפען.

דער קלאַס פּאָליטישענס האָט אויך דורכגעמאַכט אַן עקאָנאָמישע עוואָלוציע. פאַרצייטען איז זייער פּרנסה געווען צו רייבען זיך אַרום דער קהל'שער פּושקע. באָס טוויד מיט זיין גענג האָט באַגנב'עט די שטאָט ניו־יאָרק אַף אַן ערך הונדערט מיליאָן דאָלאַר. די רעפאָרמערס האָבען געהאָפט צו ברעכען די מאַכט פון פּאָליטישע קאָרופּציאָן דורך סיוויל סערוויס רעפאָרם. דער קאַמף איז נאָך ווייט ניט געענדיקט, אָבער זיי הויבען שוין היינט אָן איינצוזעהען, אַז מיט דער רעפאָרמע אַליין וועלען זיי ניט פאַרמאָגען אָפּצושאַפען דעם קלאַס פּאָליטישענס. היינט־צו־טאָג האָט זיך אין אַמעריקע ענטוויקעלט אַן עקאָנאָמישע מאַכט, וואָס איז שטאַרקער פאַר דער

רעגירונג, ווייל זי האלט די רעגירונג אין אירע הענט, דאָס זיינען די גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס. אמאָל פלעגט דער קאַפּיטאַליסט זוכען צו באגראָבען זיין קאָנקורענט דערמיט, וואָס ער פלעגט פארקויפען וואָס ביליקער, זיין פּראָפיט פלעגט ער מאכען פון זיינע ארבייטער. היינט איז קאָנקורענץ שוין אוים מאָדע, דער קאַפּיטאַליסט זוכט היינט א מאָנאָפּאָליע, ער זאָל קענען בארייסען דעם גאנצען פּובליקום. די וויכטיקסטע מאָנאָפּאָליעס זיינען אייזענבאנען און שטאָט־מאָנאָפּאָליעס, ווי גאַז, וואַסער און דערגלייכען. זיי היינגען אַלע אָפּ פון דער רעגירונג, די מאָנאָפּאָליסטען האָבען אַלזאָ אַ גרויסען אינטערעס אין דער פּאָליטיק און זשאַלעווען קיין געלט ניט אַף אפּצוקויפען די פּאָליטישענס. זיי דאַרפען די פּאָליטישענס פאר זייער ביזנעס, און ווען עס זאָל קומען דערצו, אז די פּאָליטישענס זאָלען בלייבען אָן אַ קנעלונג, וועלען די קאָרפּאָרעישאָנס זיי מוזען אופהאלטען אַף זייערע אייגענע הוצאות. וואו עס געהט אום הונדערטער מיליאָנען, קענען די מאָנאָפּאָליסטען באַשטעהן אויסצוגעבען א פּאָר צענדליק מיליאָנען אַף אופצוהאַלטען אַ פּאָליטישע מאַשין. געגען דעם זוכט מען צו ווירקען מיט צוויי מיטלען: ערסטענס, דורך קהל'שען אייגענטום אַף אלע מאָנאָפּאָליעס, און צווייטענס, דורך דעם רעפערענדום.

דער קהל'שער אייגענטום אליין אָן אַ שטרענגען געזעץ בנוגע צו סיוויל סערוויס איז אָן עכטע שמאַלץ־גרוב פאר די פּאָליטישענס. שטעלט זיך נאָר פּאָר וויפיל פּאָליטישע דזשאַבס עס וואָלט זיי אריינברענגען. קיין וואונדער וואָס א סך פון זיי האַלטען שוין היינט פאר דעם מוניציפּאַלען סאָציאַליזם, פון דעסטוועגען איז דאָס אַ וויכטיקער שריט פאָרווערטס.

וואָס איז שייך דעם רעפערענדום, איז ער א בייטש אַף די קאָרופּטע פּאָליטישענס, ווארים קיינער פון זיי איז דאן ניט זיכער מיט א געזעץ לטובת זיין קליקע קאַפּיטאַליסטען, ווען ער איז שוין אפילע אָנגענומען געוואָרען, — די וואוטערס מעגען צו יעדער צייט אָפּשאַפען דעם געזעץ דורך א רעפערענדום.

דער פּאָליטישער שאכער מיט פּרינציפּען אין אמעריקע האָט געבראכט דערצו, אז עס זיינען פאראַן היינט צו טאָג מיליאָנען וואוטערס, וואָס האָבען פארלאָרען דעם צוטרויען צו אלע פּאָליטישענס פון אלע פּארטייען. ביי די וואָלען שטימען זיי פאר קאַנ־

דידאטען פון פארשידענע פארטייען, גאר ניט קוקענדיג אף די פארטיי־עטיקעטקע. די נייע שטרעמונג צווישען די וואוטערס האט זיך אויסגעדריקט אין דער רעפארם־געזעצגעבונג, וואס זוכט אפ־צושאפען אין גאנצען אלע פארטיי־נעמען אף די אפיציעלע באלאטס.

נאטירליך, אלע פאליטישענס, די קאפיטאליסטישע, ווי אויך די סאציאליסטישע, זיינען דאגעגען, ווארים די רעפארמע איז א סכנה פאר מאשין־פאליטיק.

איך האב דא אויסגערעכענט נאר די וויכטיקסטע פאליטישע רעפארמען, וואס האבען דעם צוועק אפצושאפען די פארטייר הערשאפט. היינט איז די קשיא: ווי שאפט מען אפ די פאר־טייען אז אן איינענע פאליטישע פארטיי, און וואס וועט מען אופשטעלען אף דעם פלאץ פון די פאליטישע פארטייען? די געשיכטע פון די לעצטע דרייסיק יאר ווייזט, אז מ׳קען אויס־פירען וואס מ׳ וויל אן א באזאנדערע פאליטישער פארטיי, דורך אן אונפארטייאישען פאראיין. דער געהיימער באלאט איז איינ־געפירט געווארען דורך די אגיטאציע פון די „נייטס אף. ליי־באר“*).

שפטער זיינען צו זיי צוגעשטאנען אנדערע ארגאניזאציעס. די דעמאקראטען און די רעפובליקאנער האבען זיך געזעהען גע־צוואונגען איינצופירען די פאדערונג. אזוי איז געווען מיט די סיוויל סערוויס רעפארם, און אויך מיט דעם רעפערענדום: עס האבען זיך פאר יעדען צוועק געגרינדעט באזאנדערע פאראיינען, וואס זייערע מיטגלידער באלאנגען צו אלערליי פאליטישע פאר־איינען, נאר זייענען אין דעם איין פונקט איינפערשטאנען. אזא פאראיין קען האבען א גרעסערען איינפלוס איידער א קליינע פארטיי, ווייל די פאליטישענס פון אלע פארטייען זוכען זיין אונ־טערשטיצונג. אין א פאליטישער פארטיי איז די פארטיי בילי־

*) די נייטס אף לייבאר (ריטער פון דער ארבייט) זיינען געווען א געהיימער ארבייטער פארבאנד, נאך דעם מוסטער פון די אמע־ריקאנער ארדענס, „נייטס אף קאלאמבאס“ א. אז. וו. ער איז גע־גרינדעט געווארען אין 1869 און האט געבליט אין די אכציקער יארען. אין אנפאנג ניינציקער יארען איז ער צופאלען געווארען. ער איז גע־וועז געבויט אף דעם אינדוסטריאליסטישען פרינציפ.

כער פאר דעם פּרינציפּ. אין אזא פאראיין איז ניטאָ קיין אנ־
דער אינטערעס, א חוץ דעם פּרינציפּ, פאר וועלכען זי איז אר־
גאַניזירט, דער פאראיין שטעלט ניט אוף קיין אייגענע קאנדידאטען.
ער זוכט צו בעאיינפלוסען די קאנדידאטען פון יעדער פּארטיי.
באַסיזם איז אין אזאַ פאראיין אויך מעגליך, נאָר ער האָט ניט
די מאכט, וואָס ער האָט אין א פּארטיי. ער מוז איינשליסען מיט־
גלידער פון אלע פּארטייען און אזעלכע וואָס געהערען צו קיינע
פּארטייען. אַזאַ פאראיין האָט קיין געלעגענהייט ניט צו אונטער־
דריקען די מיינונגס־פרייהייט פון זיינע מיטגלידער, ווייל ער עק־
זיסטירט נאָר פאָר איין ספּעציעלען צוועק, מיט וועלכען אלע זיי־
נען איינפארשטאַנען. אויסערהאלב פון דיזען ספּעציעלען צוועק
טוט יעדער פון זיי וואָס ער וויל און דער פאראיין האָט איבער
זיינע האנדלונגען גאָר ניט וואָס צו זאָגען. סאָלדאטסקע דיסציפּ־
לין האָט קיין פּלאַץ ניט אין אזא אָרגאַניזאציע. איר פונדאמענט
איז פרייהייט.

אכט-און-צוואנציקסטער קאפיטעל:

א בליק אין די צוקונפט.

דער פונדאמענט פון דעם ארטאדאקסאלען סאציאליזם איז דער גלויבען אין א „סאציאלע רעוואלוציאן“.

וועדליג די ארטאדאקסישע סאציאליסטען שטעלען זיך פאר די איינפירונג פון סאציאליזם אין אמעריקע, וועט די מאכט פון קאפיטאל האלטען אין איין וואקסען אונגעשטערט, צו דערזעלבער צייט וועט וואקסען די צאל סאציאליסטישע וואוטס, ביז וואנען די סאציאליסטישע פארטיי וועט ערוועהלען א מאיאריטעט פון דעם קאנגרעס, א סאציאליסטישען פרעזידענט, און אויך סאציאליסטישע לעדזשיסלעיטשורס און גאווערנארס אין אלע סטעיטס. דעמאלט וועלען דער קאנגרעס און אלע סטעיט לעדזשיסלעיטשורס מיט אמאל אנעמען א ביל, אז דער קאפיטאליזם ווערט אפגעשאפט און אלע פראדוקציאנס־מיטלען ווערען „עקספראפריאירט“ פון די קאפי־טאליסטען און געהן איבער תיכף ומיד צו דעם ארבייטער קלאס. די רעוואלוציאן קען זיך אפילו זיין א גאנץ פרידליכע, ווען די קא־פיטאליסטען וועלען זיך אפטראגען מיט גוטען. אויב די קאפיטא־ליסטען וועלען זיך שטעלען אמפערן וועלען זיי דאך זיין די בונ־טאוושציקעס! דעמאלט וועט דער סאציאליסטישער פרעזידענט געגען זיי ארויסשיקען מיליטער, און אים נאמען פון די „סטארס ענד סטרייפס“ וועלען מיר זיי אוסמיראיען.

אמת, די רעוויזיאניסטען פון בערגער׳ס חדר מיינען, אז דער־ווײלע, פאר „דער סאציאלער רעוואלוציאן“, דארף מען דאך פארט עסען און קליידען זיך, און צאלען דירה־געלד, איז גוט אויב מען קען אין דערין עפעס וואס דערלייכטערען דעם ארבייטער. אבער זיי זיינען אויך מיט דער מיינונג, אז דאס לאזט זיך אלץ טאן ביז א געוויסען גרענעץ, און עס מוז קומען א צייט, ווען עס וועט גאר־נישט ניט בלייבען חוץ מאכען „די סאציאלע רעוואלוציאן“. דער עיקר פון דער רעוואלוציאן איז ניט דער בלוט־פארגיסען, דער עיקר איז, וואס מ׳שטעלט זיך פאר, אז ביז ערב רעוואלוציאן וועט אלץ

זיין קאפּיטאַליזם, דאַן וועט מען אַפּדראָווענען א רעוואָלוציאָנערען כל נדרי, דער קאפּיטאַליזם וועט אויסגעמעקט ווערען און עס וועט זיך אָנהייבען א סאָציאַליסטישער גוט־יאָר אף אייביקע צייטען. די וועלט וועט לעבען ווי אין א גן עדן, אלע וועלען זיין ווי ברידער. אלע קלאַסען וועלען אָפּגעשאַפט ווערען, עס וועט ניט זיין, קיין באַסעס, קיין פירער, יעדערער וועט זיין איבער זיך אליין א בעל - הבית. אלע וועלען געניסען פאָלקאָמענע פרייהייט, אחוץ, ווען עס וועט אמאָל גויטיק זיין צו באשריינקען די פרייהייט פון דעם יחיד לטובת הכלל, ווי באַלד אָבער עס וועט ניט זיין קיין קלאַסען און אלע וועלען זיין גוט פארזאָרגט און געבילדעט, וועלען די באשרענקונגען פון דער פרייהייט אימער זיין פאראייניקט און אלע וועלען מיט זיי זיין איינשטימיק איינפארשטאַנען. נאַטירליך, פארזיכערען, אַז עס זאָל קיינמאָל ניט ארויסקומען קיין מיינונגס פארשידענהייט קען מען ניט, מאלע וואָס קען פאָרקומען, וואָס א וויסענשאַפטליכער מענטש קען זיך היינט אין פאָראויס ניט פאָרשטעלען? אָבער אין אזעלכע פעלע וועט מען שוין דורכקומען, ווי צווישען לייטען, די מאַיאָריטעט וועט ענטשיידען, די מינאָריטעט וועט אין גור־טען מוט אָנעמען די ענטשיידונג פון דער מאַיאָריטעט, ווייל היינט וועלען חצקל און טאָדרעס זיין די מאַיאָריטעט און בערעל די מינאָריטעט; מאָרגען וועט אויסקומען, אז חצקל און בע־רעל וועלען זיין די מאַיאָריטעט און איבערמאָרגען וועט נאָר בערעל מיט טאָדרעסען זיין אין דער מאַיאָריטעט, און חצקל די מינאָ־ריטעט; קורץ, אלע וועלען זיין צופרידען, עס וועט זיין א לעבען ווי א לעקאַך לעולם ועד.

נאַטירלאַך, מ׳ איז וויסענשאַפטלאַך גענוג צו פארשטעהן, אַז אין איין טאָג וועט דאָס אלץ ניט קענען אויפגעטאַן ווערען.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פאַר־טיי וועט האָבען אַסך ארבייט דאָס אלץ איינצוריכטען ווי געהע־ריק, א שפּאַס, מיינט איר, איז איבערצוקערען די קאפּיטאַליסטי־שע וועלט קאַפּויר, און אופבויען א נייע וועלט? ווען עס זאָל אפילע נעמען צען יאָר, אָדער גאַנצע פינף־און צוואַנציק, טו וואָס מאַכט דאָס אויס אין דער מענטשליכער געשיכטע?

דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליסט גלויבט נאַטירלאַך, אין

דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט : א הינדעלע ענטוויקעלט
זיך אין דעם איי ביז דער צייט, דאן גיט זי א קלאפ מיט'ן פיסק,
די שאלאכץ פלאצט מיט אמאל און עס קומט ארויס א נייע באַ־
שעפענעס, דאס איז עוואלוציע און רעוואלוציע. איך האלט
דיזע טעאָריע פאר העכסט אונוויסענשאפטלאך, איך האָב געוויזען
אז עס איז ניטאָ קיין פלוצלאכער איבערגאנג פון קאפיטאליזם
צום סאָציאליזם. דער סאָציאליזם ענטוויקעלט זיך שוין בעת
דער קאפיטאליסטישער צייט ; שטאטס אייזענבאנען, שטאטישע
וואסער, גאז און נאָך אזעלכע זאכען, זיינען שוין א היבשע שטיק
סאציאליזם. פון דער אנדערער זייט אָבער, ווען עס וועט שוין
זיין א סאָציאליסטישע רעגירונג, וועלען נאָך א צייט לאנג פילע
געשעפטען בלייבען אין פריוואטע הענט. דער אונטערשיד איז
אלזאָ ניט צווישען כולו־קאפיטאליזם און כולו־סאָציאליזם, נאָר
צווישען 49% סאָציאליזם מיט 51% קאפיטאליזם און 51% סאָ־
ציאליזם מיט 49% קאפיטאליזם, עס קאָן קומען צו א שלעגעריי
עס איז העכסט ווארשיינדלאך, אז אָן קלעפ וועט מען ניט קענען
אויסקומען; אָבער די קלעפ זיינען ניט דער עיקר. א רעוואָלו־
ציע מאכט גיכער א סוף צו אן אָפגעלעבטער איינריכטונג, וועל־
כע האָט זיך נאָר געהאלטען דורך דעם איינגעוואָרצעלטעם, קאָנ־
סערוואטיזם פון דער מענטשלאכער געזעלשאפט, אָבער די וועלט
זאָל מיט אמאָל אריינשפרינגען אין דעם נייעם סדר ווי דער קאָ־
זאק אין נייע פלודער'ן, דאָס האָט קיינמאָל ניט פאסירט און קען
אין דער צוקונפט אויך ניט פאסירען.

דער גלויבען אין א סאָציאלע רעוואָלוציאָן איז שעדלאך, ווייל
דורך עס ווערט פארנאכלעסיקט יעדע פאָרשריטלאכע ארבייט פאר
דעם לעבעדיקען דור. וואָס פאר א ווערדע האָבען פאר דעם
רעוואָלוציאנערען סאָציאליזם די קלייניגע פארבעסערונגען, וואָס
מ' קען איינפירען היינט־צו־טאָג. אין בעסטען פאל, איז ער צו־
פרידען אונטערצוהעלפען ווי א דערוואקסענער מענטש העלפט א
קינד מאכען א שיפעלע פון פאפיר : ער באלאנגט צו זיין יו־
ניאָן, ער העלפט פירען א סטרייק, ער קען געבען עצות די ארבײ־
טער, זיי זאָלען קעמפפען פאר זייערע רעכטע אף א פאָליטישען
וועג, ער קען האלטען לעקציעס פאר די סטרייקערס אף די שטאָט־
באנען, אז ווען די באנען וואָלטען באלאנגט צום פאָלק, וואָלט
פאר די ארבייטער געווען בעסער. אָבער זאָל זיך אָנהויבען א

פּאָליטישע באַוועגונג פאַר די פאָדערונגען מוז ער זיין דאַגעגען ווייל אַזאַ באַוועגונג פירט נויטיקערהייט צו קאָמפּראָמיסען מיט דעם מיטעל־קלאַס, מיט אַלטע פּאַרטייען, און שטערט דעם וואוקס פון זיין אייגענער פּאַרטיי, אָדער ווענינגסטענס ער גלויבט, אַז עס שטערט, אָדער נאָך ערגער: עס ברינגט אַריין אין די סאָציאַליסטי־שע באַוועגונג „אונקלאָרע" עלעמענטען, וואָס גלויבען אין סאָציאַלע רעפאָרמען, און ניט אין די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן*).

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וואַקסט אַריין אונפערמייד־לאַך אין שטאַטס־סאָציאַליזם, דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אַליין איז געצוואונגען איינצופירען שטאַטס־קאַפּיטאַליזם צו באַשיצען די אינטערעסען פון דער מאַיאָריטעט קאַפּיטאַליסטען געגען די קליינע באַנדע טראַסט־מאַגנאַטען. וואָס איז די ראָליע פון דעם אַרבייטער קלאַס אין דער ענטוויקעלונג פון סאָציאַליזם? ער־שטענס, קעמפּפט ער פאַר אַ גרעסערען חלק אין דעם פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט; וואָס מער דער אַרבייטער באַקומט, דאָס בלייבט רק וויינינקער פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. די טרעיד־יוניאָניסטישע באַוועגונג איז אַלזאָ איינע פון די קרעפטע, דורך וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג ווערט איבערגעסטראַיעט אַף אַ סאָציאַליסטישע.

---

*) אין דער לעצטער צייט לאָזט זיך הערען אין דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי אַ נייע ריכטונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין וואַלינג'ס בוך: „דער סאָציאַליזם אַזוי ווי ער איז". זיין גרונד־געדאַנק איז, אַז דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם ענטוויקעלט זיך אין שטאַאַטס־קאַפּיטאַ־ליזם, וואָס דאָס איז דיזעלביקע זאַך, ווי שטאַטס־סאָציאַליזם. דער שטאַטס־סאָציאַליזם וועט דורכפירען אַלע רעפאָרמעס, וואָס שטעהען אין דער פּלאַטפאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און דעריבער איז פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איבעריג אָפּצוגעבען זיך מיט די דאָ־זיקע רעפאָרמעס. איר אויפגאַבע איז צו מאַכען „די סאָציאַלע רעוואָ־לוציאָן", דאָס הייסט, אַז דער אַרבייטער־קלאַס זאָל ווערען דער בעל־הבית איבער אַלעדינג. דער שוואַכער פּונקט פון דער ריכטונג באַשטעהט אין דעם, וואָס זי איז ביי זיך אַליין ניט קלאָר, וואָס איז די נפקה־מינא פון דעם שטאַטס־סאָציאַליזם אין אַ דעמאָקראַטישען שטאַט און איר „רעוואָלוציאָנערען" סאָציאַליזם.

די וויכטיקסטע אויפגאבע אבער פון דעם טרעידיוניאַניזם איז איינצופירען א דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאציע אין שאַפּ. דעם פונקט פארשטעהען די אָרטאָדאָקסאַלע סאָציאַליסטען גאָר ניט. ווען זיי זיינען אפילע טעטיק אין דער טרעידיוניאַניסטישער באַוועגונג, באַטראַכטען זיי עס נאָר פאַר נויטיק ביז דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דער לאָהן־סיסטעם אין גאַנצען אַפּגעשאַפט ווערען: די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיין איין שותפות'ער געשעפט, א „קאָאָפּעראַטיווע רעפובליק". דער ארבייטער וועט זיין אליין איבער זיך דער בעל הבית און וועט שוין דאַמאָלס קיין יוניאָן ניט דארפען. דאָס קומט אויס אַזוי,, ווי איינער וואָלט זאָגען, אַז אין אמעריקע באַלאַנגען אַלע טורמעס צום פאָלק, יעדער בירגער איז איבער זיי א בעל הבית, על כן, איז יעדער ארעסטאַנט א פרייער מענטש, ווייל ער האָט אויך א חלק אין דער פּראָפּערטי פון סינג־סינג פּריזאָן*).

דער ארבייטער, וואָס קערט די מיסט פון די גאַסען, איז פונקט אַזאַ לאָהן־ארבייטער, ווי יענער, וואָס ארבייט אין א פאַבריקע ביי א באָס. די שטאָט ניו־יאָרק מאַכט קיין פּראָפּיט ניט פון דעם סטריט־קלינינג־דעפּארטמענט. ווען אַלע געשעפטען זאָלען געפירט ווערען פון דער שטאָט נאָך דעם זעלבען פּרינציפּ וועלען אַלע ארבייטער זיין אָנגעשטעלט ביי דער שטאָט און וועלען באַקומען באַצאָלט פון דער שטאָט; עס מאַכט ניט אויס, צי אין געלט, צי אין ארבייטס־טשעקס. דאָס איז דערזעלביקער לאָהן־סיסטעם, נאָר אנשטאָט דעם קאַפּיטאַליסט איז דער שטאָט־בעאַמטער דער באָס. דער ארבייטער אין א רעגירונגס־פאַבריק קען זיין נאָך ערגער פארשקלאַפט ווי ביי א קאַפּיטאַליסטישען באַלעבאָס. יעדע פאַבריקע, צי א פּריוואַטע, צי א קהל'שע, איז היינט־צו־טאָג א סאַמאָדערזשאַוונע מאָנארכיע, דער באָס, אָדער דער טשיעף איז א קליינער קיסר. די יוניאָן איז דער פאָלקס־פּארלאַמענט אין דער פאַבריקע.

דער סאָציאַליזם ניט דער גאַנצער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט אָן אונגעהייערע מאַכט איבער אירע איינצעלנע מיטגלידער, אָדער אפילע איבער איינצעלנע געזעלשאַפטליכע גרופּען. די

---

*) א קאַטאָרזשנע טורמע אין סטעיט ניו־יאָרק.

געזעלשאפט, דער כלל, איז ניט קיין לעבעדיקע פערזאָן, זי קען האַנדלען נאָר דורך באַפּעלמעכטיקטע פּערזאָנען, דורך בעאַמטע, ווען די „געזעלשאַפט“ באַזיצט אַ גרויסע מאַכט, הייסט דאָס, אַז די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון בעאַמטע. דער סאָציאַ־ליזם ברייננגט אַלזאָ אַ מעכטיקען בעאַמטען קלאַס, אַ מעכטיקע ביוראָקראַטיע. אמת, די ביוראָקראַטיע שטעהט אין אַמעריקע אונטער דער קאָנטראָליע פון דעם „פאָלק“ דורך די וואַלען. מיר ווייסען אָבער, אַז די וואַלען ליגען אין די הענט פון די פּאָלי־טישע פּאַרטיי־מאַשינען. וואָס שטאַרקער איז די פּאָליטישע פּאַר־טיי, אַלץ ווייניקער האָט דער פאָלק וואָס צו זאָגען אין קהל׳שע זאַכען. די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען זוכען אופצובויען אַ שטאַרקע פּאַרטיי־מאַשין. זייער צוועק איז, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל ערזבערען די פּאָליטישע מאַכט אין דער געזעל־שאַפט. דער „ענדציעל“ איז אַלזאָ די הערשאַפט פון אַ שטאַר־קער פּאַרטיי־מאַשין, וועלכע האָט אין אירע הענט אַן אַלמעכטי־קע ביוראָקראַטיע. מ׳ וויל אונדז איינריידען אַז אַזאַ אָרגאַני־זאַציאָן איז גאָר ניט געפערלאַך פאַר די פרייהייט. די געשיכ־טע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאָ אין אַמעריקע באַווייזט פּאַרקערט, אַז זיי זיינען אין דעם פּרט ניט בעסער פאַר די אַל־טע, קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. דערפון זיינען מיר בארעכטיקט צו שליסען, אַז דער אויסבוי פון אַ שטאַרקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קען נאָר פאַרשאַרפען די געפאַר, וואָס ליגט פאַרשטעקט אין אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. כל־זמן די סאָציאַליסטען ריידען זיך איין, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז אַ דעספּאָטישער בעאַמטען־קלאַס גאָר אונמעגליך, קענען זיי ניט באַגרייפען די נויטווענדיקייט פון דעם קאַמפף גע־גען ביוראָקראַטיזם. פונקט פאַרקעהרט, ביי זיי קומט גאָר אויס אַז מ׳ דאַרף טאָן גראַד דאָס, וואָס העלפט אופבויען סאָציאַל־ביור־ראָקראַטיע.

נו, וואָס־זשע איז די אונטערסטע שורה: דאַרף מען קיין סאָ־ציאַליזם ניט? ציי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, דעם סאָציאַליזם קענט איר ניט אויסמיידען. טו זאָל מען זיך אונטערגעבען, שווימען מיט׳ן וואַסער און אָפּזאָגען זיך פון פרייהייט, ווייל מ׳ קען זי ניט דערגרייכען? פאַר אַ „דיסציפּלינירטען“ סאָציאַליסט שטעקט אין דערין נאָר קיין פראַגע ניט: ער איז צופריעדען אויסצוקומען אַן

פרייהייט, והא ראיה, וואס אין זיין אייגענער פארטיי־ארגאניזא־ציע קומט ער גאנץ גוט אוים און איר! איך וועל פרובירען אף די פראגע צו ענטפערען פון אן אביעקטיוועו וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט.

מיר ווייסען פון דער געשיכטע, אז די בורזשואזיע איז דער יעניקער קלאס, וועלכער האט געבראכט פרייהייט, על כן, כל זמן עס איז פאראן א בורזשואזיע, איז פאראן אן עקאנאמישער פונדא־מענט פאר פרייהייט. דערוויילע זיינען נאך פאראן אין דער געזעל־שאפט שטארקע קליינבירגערליכע עלעמענטען, עטליכע מיליאנען פארמערס אפ'ן ערסטען פלאן. מיר קענען איצט ניט פאראוים־זעהען די צייט ווען זיי וועלען אלע „פארשווינדען“. אף דיזע קליינבירגערליכע עלעמענטען שטיצט זיך היינט די פאליטישע רע־פארם־באוועגונג אין אמעריקע. ווען מיר קוקען זיך איין אין דער אמעריקאנער פאליטיק, זעהען מיר צוויי פיינדליכע פאליטישע ריכטונגען: אף איין זייט שטעהען די פאליטישענס פון אלע פאר־טייען, רעפובליקאנער, דעמאקראטען, סאציאליסטען, וועלכע זו־כען צו באפעסטיקען די מאכט פון דער פאליטישער מאשין, אף דער אנדערער זייט די אונפארטייאישע ארגאניזאציעס פון אלערליי רע־פארמערס, וועלכע זוכען צו ברעכען די מאכט פון די מאשינען און צו מאכען דעם בירגער פאליטיש אונאבהענגיק, דאס זיינען מערס־טענס בורזשואזנע רעפארמערס, אבער עס וועט נאך נעמען א צייט איידער דער שטאטס־סאציאליזם וועט ווערן אלגעמיין איינגעפירט, וועהרענד דער צייט מוזען די רעפארמערס צוריקהאלטען די דעס־פאטישע טענדענצען פון דעם סאציאליסטישען שטאט.

אבער דאס איז דאך ניט מער ווי א פראגע פון צייט: פרי־הער צי שפעטער מוז דאך דער גאנצער „מיטעל־קלאס“ פאר־שווינדען. וואס וועט זיין דער סוף? דאס איז א קשיה, וואס ווען מיר וועלען דערלעבען איבער פופציק יאר, וועלען מיר בעסער וויסען ווי צו ענטפערן. אזא געניאלער מענטש ווי קארל מארקס האט ניט פארמאגט פאראויסצוזעהען די טראסט, וואס זיינען גע־קומען וויינינגער ווי מיט פופציק יאר נאך דעם קאמוניסטישען מא־ניפעסט און האבען אויסגעפילט א בלאנק אין זיין טהעאריע. מיר, געוועהנליכע מענטשען, קענען געוויס ניט פרעטענדירען צו זאגען נביאות וועגען דער ווייטער צוקונפט.

איך האָב אָנגעצייגט אַף דעם קאַמפּף וואָס הויבט זיך ערסט אָן צווישען די אָרגאַניזירטע ארבייטער און דעם שטאַט אַלס אַר־בייטסגעבער. היינטצוטאָג האָבען מיר נאָך דאָ הי זעהר קנאַפּ שטאַטס־קאַפּיטאַליסטישע געשעפטען, אָבער מיט דער איינפירונג פון שטאַט־סאָציאַליזם וועלען זיי זיך פאַרמערען, א קעמפּפּענ־דער קלאַס האַט נייטיג פרהייט, דעסהאַלב קען מען פון דעם קאַמפּף ערוואַרטען א באַשרענקונג פון דער מאַכט פון דער סאָציאַל־ביור־ראָקראַטיע.

מיר האָבען דאָ באַטראַכט די אלע פראַגען פון א סאָציאָלאָגי־שען שטאַנדפּונקט. מיר זעהען היינט אין דעם אמעריקאַנער פּאָלי־טישען לעבען צוויי שטרעמונגען, איינע אין דער ריכטונג פון פריי־הייט, די אנדערע אין דער ריכטונג פון אַן אַלמעכטיקען שטאַט. די וויסענשאַפט האָט אָבער אויך א פּראַקטישען צוועק. טאַבאַק און בולבעס זיינען אמעריקאַנער פלאַנצען. פאַר קאָלומבוסען האָט מען זיי אין אייראָפּא ניט געקענט און אין אמעריקע זיינען זיי געוואַקסען ווילדערהייט. אָבער דער ווייסער מענטש איז געקומען, ער האָט אונטערזוכט וואָס פאַר ערד זיי פאַרלאַנגען, וואָס פאַר א טעמפּעראַטור, און האָט זיי גענומען פאַרזייען איבער דער גאַנצער וועלט, און ער האָט זיי ניט נאָר פאַרמערט, ער האָט זיי אויך פאַר־בעסערט. אזוי איז אויך מיט דער געזעלשאַפט. ווען מיר ווייסען, ווי זי ענטוויקעלט זיך בלינדערהייט, טו קענען מיר דורך אונדזער ציל־באַוואוסטע ארבייט פאַרבעסערען איר ענטוויקלונג. מיר האָבען דערקענט, אז דער סאָציאַליזם האָט א שטאַרקע טענדענץ צו דעס־פּאָטיזם, מיר ווייסען, אז דער פּאַרטיי־סיסטעם האָט דיזעלביקע טענדענץ, מיר זעהען, אז די רעפאָרמערס פון דעם מיטעל־קלאַס גראָבען אונטער די מאַכט פון דעם פּאַרטיי־סיסטעם. וויסענדיק דאָס אַלץ, וועלען מיר העלפען די רעפאָרמערס אין זייער קאַמפּף נעגען פּאַרטיי־אָליגאַרכיע. א דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם וועט זיין מעגליך נאָר דאַן, ווען די פּאָליטישע מאַכט וועט אין גאַנצען ארויסגעריסען ווערען פון די הענט פון אלע פּאַרטייען.

אַלזאָ, משיח וועט ניט קומען, אַף קיין גן עדן האָבען מיר זיך ניט וואָס צו ריכטען. קיין „אידעאַלע" געזעלשאַפט קענען מיר ניט פאָראויסזעהען, די מענשהייט געהט פאָרווערטס, און וועט שטענדיק געהן פאָרווערטס, מיר דאַרפען ארבייטען פאַר יעדע

פאָרשריטלאכע פאָדערונג פון אונדזער צייט, „לאָזען אונדזערע אייניקלאך דאגה'ן וועגען דער צוקונפט, — אונדזערע אייניקלאך וועלען געוויס זיין קליגער פאר אונדז“. — ווי טשערנישעווסקי האָט געזאָגט, מיר דארפען יעדען ברעקעל סאָציאליזם. וואָס מיר קענען קריגען הייגט, אָבער צו דערזעלבער צייט דארפען מיר קעמפפען געגען יענע ערשיינונגען אין דעם סאָציאליזם, וועלכע פירען צו א נייער שקלאפעריי. מיר דארפען באקעמפפען די פארטייצענזור איבער די פרעסע, דעם גייסט פון דער פרייסישער קאַזארמע, מיט וועלכען די סאָציאל־דעמאָקראטיע שטאָלצירט אין דייטשלאנד*), די מאשין־פּאָליטיק וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין די סאָציאליסטישע פארטייען דאָ אין אמעריקע. עס איז גאָר ניט נויטיק צוליב דעם סאָציאליזם אָפּצוזאָגען זיך פון די שטיקעל פרייהייט, וואָס האָט געקאָסט אזוי פיל בלוט אויסצוקעמפפען. מיר דארפען ניט קיין סאָלדאטסקע דיסציפלין, מיר האָבען אָן דעם אויך א שווערע ארבייט — צו פארהיטען די מענטשלאכע פרייהייט געגען די פארשקלאפענדע טענדענצען פון דעם אונפארמיידליכען שטאאטס־סאָציאליזם.

*) די ווערטער זיינען געוועזען געדרוקט אין 1902, אין די שפּאַלטען פון דעם אידישען „פאָרווערטס“

ניין-און-צוואנציקסטער קאפּיטעל

פערלאנגט: אַ פערבאנד פון אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטען.

די סאָציאַליסטישע באוועגונג אין אמעריקע איז א סך ווייטער פארברייט איידער די רייהען פון די סאָציאַליסטישע וואָרטערס. אין איירָאפּע איז אין די סאָציאַליסטישע פּארטייען אָרמעטום פאראַן אַ רעוויזיאָנסטישער פליגעל, אין איטאַליע זיינען די רעוויזיאָניסטען די מאיאָריטעט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אפילו די אָרטאָדאָקסען זיינען ניט אזוי שטאַרק פרום, אָדער שפּילען ניט אזא פרומע ראָליע, ווי דאָ אין אמעריקע. דאָ אָבער אין אמעריקע אין פאר א רעוויזיאָניסט ניטאָ קיין פּלאַץ אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און דעריבער בלייבט ער דרויסען אָדער ער שליסט זיך אָן, אלס איינצעלנע פּערזאָן, אָן פארשידענע רעפאָרם - אָרגאַניזאַציעס. פאר דער גאנצער צייט וואָס די סאָציאַליסטישע פּארטיי עקזיסטירט, איז זי שטענדיק געווען אין א קאָנפליקט מיט א גרויסען טייל, אמאָל זאָגאר מיט דער מאיאָריטעט פון אירע אייגענע וואָוטערס. עס זיינען פאראַן א סך ערטער, וואו די פּאַרטיי האָט ניט די העלפט פון די וואָוטערס, וואָס זי האָט שוין געהאַט געוואונען מיט יאָרען צוריק. דאָס הייסט, אז אין אלע יענע פּלעצער איז די מאָיאָריטעט פון די סאָציאַליסטישע וואָוטערס געווען געגען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. איר געפינט אומעטום סאָציאַליסטען, וואָס האָבען פארלאָזען די פּאַרטיי, ווארים ס'איז זיי דערעסען געוואָרען די מאַשין־פּאָליטיק אין דער פּאַרטיי, די פּאַרטיי־אינקוויזיציע איבער דער פּרעסע און איבער די מיינונגען פון אירע מיטגלידער, די פּלאַטפּאָרמע פאר משיח'ס צייטען און די גלייכגילטיקייט פון דער פּאַרטיי צו טאָגעס־פּראַגען. זייער צאָל איז ניט קלענער פאר דער צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער.

ווען איר וועט פארגלייכען דעם וואוט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט דער צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער, וועט איר געפינען,

אז נאר א גאנץ קליינע מינאריטעט באלאנגען צו דער ארגאניזא־ציע. די פארטיי באטראכט די וואלען ניט מער ווי אלס א תירוץ פאר אגיטאציע און א מיטעל צו פאראייניגען די וואוטערס ארום זיך אליין, ווערהרענד א גרויסער טייל פון יענע וואס שטימען פאר איר זוכען דורך די וואהלען אנטייל צו נעמען אין דעם פאליטישען לעבען פון לאנד.

אין דעם קאמפעין פאר פרעזידענט אין 1900 איז די פראגע געווען וועגען אימפעריאליזם, וועגען דער פאררעטערישער און מערדערישער פאליטיק פון די פאראייניגטע שטאטען אין די פיליפינען. די סאציאליסטישע פארטיי האט ערקלערט דורך די ליפען פון איר קאנדידאט דעבס, אז פאר סאציאליסטען מאכט עס גאר ניט אויס, עס איז בלויז א שטרייט צווישען צוויי אבטיילונגען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. ווען דער סאציאליזם וועט קומען, וועט קיין מלחמות מער ניט זיין.

אין 1904 האבען די ארגאניזירטע בערגארבייטער פון קאלאראדא געפירט א ביטערען קאמפף געגען דעם רעפובליקאנישען גאווערנאר פיבאדי, וועלכער האט אבגעשאפט קאנסטיטושאן און געזעץ און איינגעפירט אן עכט רוסישען מיליטערישען דעספאטיזם צו ברעכען א סטרייק געגען דעם זילבערטראסט. די פירערס פון דער יוניאן האבען אונטערשטיצט דעם דעמאקראטישען קאנדידאט פאר גאווערנאר און דעבס'ן פאר פרעזידענט. אבער דעבס האט זיי דערפאר עפענטליך פארדאמט.

אזוי איז געווען מיט די פארשידינע קאמפעינס פאר מוניציפאל־סאציאליזם.

קורץ, די פילאסאפיע פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז דיזעלבע ווי ביי די רוסישע מאקסימיליסטען: זיי ווילען די „סאציאלע רעוואלוציאן", ניט מינער. פארשטעהט זיך, ווען עס זיינען פאראן סאציאליסטען, וואס ווילען ערנסט דורכפירען אירגענד א פאליטישע אדער עקאנאמישע רעפארמע, מוזען זיי שלאגען בפרות מיט דער פארטיי און ווערען „פארעווע".

ווען מען הויבט אן צו פארשטעהן, אז סאציאל־דעמאקראטיע וועט זיין דער רעזולטאט פון א רייהע סאציאלע און פאליטישע

רעפאָרמעס, טו האָט דאָך ניט קיין זין זיי אָבצולעגען ביז דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן". ווייבאלד די אַלע רעפאָרמעס זיינען נויטוועגדיק פאר פארשידענע קלאסען און שיכטען פון דער היינטיקער געזעלשאפט, טו איז דאָך קלאָר באשיינפערלאָך, אז עס וועלען זיך געפינען פאָליטישע פארטייען, וואָס וועלען נעמען אַף זיך זיי דורכצופירען. איך האָב שוין געוויזען, אז די אלטע פארטייען זיינען געצוואונגען אייניציגווייז אָנצונעמען די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליסטישען פראָגראם אין זייערע פלאטפאָרמעס, ווייבאלד זיי זעהען, אז יענע פאָדערונגען ווערען פאָפולער. דעריבער איז גאָר ניט כדאי צו ווארטען מיט דעם סאָציאַליזם ביסקל מיר וועלען אופבויען אן אייגענע שטארקע סאָציאַליסטישע פארטיי־מאָשין.

עס מוז נעמען א צייט איבערצומאכען די פאָליטישע אָרדנונג, זי זאָל זיין צוגעפאסט צו א סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, טו פאר וואָס זאָל מען אָפלעגען די ארבייט אָזש ביז גענאָסע בענסאָן וועט ווערען פרעזידענט? פארוואָס זאָל מען ניט אָנהויבען טאָקע היינט? פרובירט איינצופירען היינט צו טאָג אזוי פיעל סאָציאַליזם וויפיעל עס לאָזט זיך.

מען הייסט אייך ווארטען ביסקל וואָנען די סאָציאַליסטישע פארטיי וועט ווערען אזוי שטארק ווי די רעפובליקאנער אָדער די דעמאָקראטישע, מען טרויסט אייך אז אייערע אייניקלאך וועט אם ירצה השם בעסער געהן, און דערווייל זאָלט איר צוזעהען ווי צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער ווערן גע'הרג'עט און צוקאַלעטשעט אין די קוילען־גרובען, אַף די אייזענבאָנען, אין די פאבריקעס, ווי די קאָרטס פארניכטען דאָס רעכט פון דעם אָרבייטער צו קעמפפען געגען קאפיטאל. איר מעגט עס פארדאמען מיט רעזאָלוציעס, אָבער טאָן טאָרט איר גאָרנישט! דאָס איז פונקט אזוי ווי אָפצולעגען די פארבעסערונג פון דעם לעבען פון דעם ארבייטער ביז משיח'ס צייטען. איי וואָס מיר וועלען מוזען אָנקומען צו די פאָליטישענס, טו וואָס קען מען זיך העלפען? וואו נעמט מען די צדיקים אין דער זינדיגער וועלט? די סאָציאַליסטישע פארטיי איז נאָך גאָר יונג, און זי האָט שוין אויך א פאָליטישע מאָשין, מיט באָסעס, מיט אינטריגען, ווי רעגעלע פאָליטישענס. אויב שוין יע א מאָשין, איז פרעזידענט ווילסאָן'ס מאָשין לכל הפחות בעסער

אים שטאנד אויסצופירען וואָס זי זאָגט צו, איידער די סאָציאַ־ליסטישע מאַשין. דער ארבייטער־קלאַס האָט אַן אינטערעס צו פארבעסערען זיין לאגע, אפילו ווען דאָס זאָל שטערן דעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי. נאַטירליך, ווער עס גלויבט, אַז דער סאָציאַליזם קען איינגעפירט ווערען נאָר דורך א קאַטאַסט־ראָפע, דורך א סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, פאַר יענעם איז בילכער דער וואוקס פון זיין „רעוואָלוציאָנערער" פארטיי, זי זאָל ווערען אזוי גרויס, ביז זי וועט בכח זיין איבערקערען גאַנץ אמעריקע. פאַר עוואָלוציאָניסטישע סאָציאַליסטען, וואָס זיינען געקומען צום פארשטענדניס, אַז דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַ־ליזם וועט געשעהען דורך א לאַנגע רייהע איינצעלנע רעפאָרמען, גרויסע און קליינע, אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם, מאַכט ניט אויס, ווער וועט דורכפירען דיזע רעפאָרמען, צי איין פארטיי, צי די אַנדערע, אבי זיי זאָלען וואָס גיכער דורכגעפירט ווערען.

ווען איר וועט באַטראַכטען די אמעריקאנער וואַלען פאַר די לעצטע פופצען יאָהר, וועט איר זעהען, אַז די הויפּט־ראָליע האָ־בען אין זיי געשפּיעלט ניט די צוועלף־דרייצען מיליאָן וואוטערס, וואָס זיינען „לאָיאַל" צו זייערע פארטייען, נאָר דער מיליאָן אָדער צוויי אונאַבהענגיקע וואוטערס, וואָס שטימען היינט פאַר איין פאַר־טיי, ביי דער נעקסטער עלעקשאָן פאַר די אַנדערע, אמאָל פאַר אַן אונאַבהענגיקען קאַנדידאַט, און ווען זיי האָבען קיינעם ניט פאַר וועמען עס זאָל ווערט זיין צו שטימען, בלייבען זיי גאָר זיצען אין דער־היים. די דרייצען מיליאָן לאָיאַלע שטימפיה פון אַלע קאָלי־רען האָבען גאָר קיין דעה ניט, וואָרים מיט זיי זיינען די פּאָליטי־שענס סיי ווי סיי זיכער. פארקערט אָבער, אָט די קליינע מינאָרי־טעט „פארעווע" וואוטערס זיינען די יעניגע, פאַר וועמען די פּאָלי־טישענס טאַנצען אויף די הינטערפיסלאך כדי צו געווינען זייערע וואוטס.

און אומעטום, וואו די פארעווע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַן „אונפארטייאישען" פארבאנד, א מיוניסיפּאַל וואוטערס ליעג, א גוד גאָווערנמענט קלאַב, א סיטי קלאַב, א סיטיזענס יוניאָן, און דערגלייכען, האָבען זיי אימער־צו געהאַט א גרויסען איינפלוס אין דער פּאָליטיק, און די רעגעלע פארטייען זיינען געצוואונגען געווען

מיט זיי זיך צו רעכענען. ווען די פּאָליטישענס האָבען זיך געאַמ־
פּערט, האָבען זיי אין קורצען שלעכט אָפּגעשניטען.

א „פערבאנד פון סאָציאַליסטישע וואוטערס", סאָשאַליסט וואוטערס ליעג, קען ביי דער איצטיקער פּאָלקסשטימונג האָבען א גרויסען איינפלוס. וואָס קען אזא פארבאנד טאָן? זעהר פיל זאכען, וואָס די סאָציאַליסטישע פּארטיי קען ניט טאָן, ווייל זי איז א פּאר־טיי און איהר פּארטיי־אינטערעס איז פאר איר בילכער איידער איר פּלאַטפּאָרמע.

לאָמיר א קוק טאָן, וואָס זיינען איצטער די וויכטיקסטע רע־פּאָרמען, וואָס זיינען פּאָפּולער צווישען די ברייטע פּאָלקס־מאַ־סען. די איניציאטיווע און רעפערענדום; דאָס רעכט צוריקצורו־פען אן ערוועהלטען קאנדידאט, ספּעציעל א דזשאַדזש, וואָס ווערט ערוועהלט אף א לאַנגען טערמין, אף צען יאָר און אמאָל נאָך לענ־גער; דאָס שטימרעכט פאר פרויען; האָום רול (זעלבסטפּארוואל־טונג) פאר די שטעט; שטאָטס־קאָנטראָלע איבער אייזענבאנען, אי־בער טראַסטס און דערגלייכען; די פּאָלשטענדיקע לעגאַליזירונג פון סטרייקס, באָיקאָטס און פּיקעטען; די פארזיכערונג פון ארביי־טער געגען סיבות ביי דער ארבייט (עקסידענט) און אזוי ווייטער. דאָס איז נאָך ניט די „אָפּשאַפונג" פון קאַפּיטאַליזם, אבער די אָר־טאָדאָקסאַלע סאָציאַליסטען פארלאַנגען דאָס אויך.

אזא פאראיין פון סאָציאַליסטישע וואוטערס קען ניט נאָר צווינגען די פּאָליטישענס צוצוזאָגען עס אין זייערע פּלאַטפּאָרמעס, ער קען זיי אויך צווינגען אופצושטעלען אזעלכע קאנדידאטען, וואָס וועלען די צוגעזאָגטע רעפאָרמעס דורכפירען. ס'איז געווען א צייט, ווען מען האָט געקענט מיינען, לעזענדיק די סאָציאַליסטישע פּרע־סע, אז די גאנצע ערליכקייט איז מאָנאָפּאָליזירט געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. היינט צו טאָג הערט מען דאָס שוין זעהר זעלטען.

און וואָס זאָלען מיר זיך אליין אָפּנארען? אונדזערע כשר'ע סאָציאַליסטישע קאנדידאטען, הילקוויט און לאַנדאָן, זיינען גאַנץ צופריעדען געווען אָנצונעמען די אונטערשטיצונג פון אלערליי בורזשואַזנע פאראיינען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען „טו אָרדער" און זיינען באשטאַנען פון לייט, וואָס האָבען צו דערזעל־

בער צייט געשטימט פאר אנדערע קאַנדידאַטען פון די אַלטע פּאַר־
טייען. א פארבאנד פון סאָציאַליסטישע וואוטערס וועט ניט דאַר־
פען פארשטעלען זיך. ווען ער וועט ווערען ערוועהלען א קאנדידאט
פאר׳ן קאָנגרעס, וועט ער טאָן ווי עם פירט זיך ביי לייטען אין דער
שווייץ, אין אונגארן, אין דער גאנצער סאָציאַליסטישער וועלט, ער
וועט מאַכען א „פּאָליטישען שאַכער“ מיט די אונטערשטיצער פון
א לאַפּאָלעט, אָדער א וואודראָו ווילסאָן, אָדער אַן אנדער „פּראָגרע־
סיווען“ קאַנדידאַט, און דער אונאבהענגיקער סאָציאַליסטישער
קאנדידאט וועט קריגען די וואוטס, וואָס עם פעהלען עם ערוועהלט
צו ווערען.

אין דעם אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען איז מען שוין היינט
געקומען צו אַזאַ מדרגה, אז מענטשען און אָרגאַניזאַציעס מיט גאַנץ
פארשיעדענע און אפילו פיינדליכע מיינונגען קענען זיך פאראיי־
ניגען אויף א ספּעציעלער פּאָדערונג, אָדער אויף א געוויסען קאנדי־
דאַט, בלייבענדיג ביי זייערע אייגענע מיינונגען אין אלע אנדערע
פראַגען. נעמט די שטאָטישע עלעקשאָן אין ניו־יאָרק אין 1909: אין
דער „הונדערטער קאָמיטע“ זיינען געווען אונאבהענגיקע דעמאָ־
קראטען, רעפּובליקאנער און אפילו סאָציאַליסטען, ווי פּראָפעסאָר
גידינגס. קיינער פון זיי האָט ניט געדאַרפט אָפּזאָגען זיך פון קיין
איינציקען פּרינציפּ, אין וועלכען ער איז ניט אַיינפארשטאַנען גע־
ווען מיט די אַנדערע, אָדער אָנעמען ערגעץ א פּרינציפּ, צוליעב כא־
פּען וואוטס. ער האָט געהאט נאָר איין צוועק, אין וועלכען אלע זיי־
נען געווען אייניג: צו ברעכען די מאכט פון טעמעני און אויסצור־
קלייבען פאר שטאָט בעלי־בתים מענטשען, וואָס זיינען ניט קיין
קעשעניקעס. איך לאָז זיך דאָ ניט אריין אין די פראגע, צי אַזאַ
פּראָגראם איז גענוג, צי ניט, — דאָס ווענדט זיך אָן די אומשטענ־
דען. אין שיקאַגאָ איז מיט עטלאכע יאָר צוריק די אישו געווען
מיונסיפּאל־אָונערשיפּ, אין סאן פראנציסקא די וואהל פון א יו־
ניאָן־מאָן פאר מעיאָר, וואָס זאָל קאָנטראָלירען די פּאָליס אין צייי־
טען פון סטרייקס א. אַז. וו.

אַזאַ פאראייניגונג ווערט דורכגעפירט אָן קיין שום קאָמפּראָ־
מיס מיט יעדערענס פּרינציפּען. פארקערט, די נאַטור פון אלע אמע־
ריקאנער פּאָליטישע פארטייען טרייבט צו קאָמפּראָמיס מיט פּרינ־
ציפּען.

דער פּאַרצייטיקער אמעריקאנער וואַל־סיסטעם, וואָס באַשטימט, אַז דער קאַנדידאַט, וואָס קריגט די גרעסטע צאָל וואוטס, ווערט ערוועהלט, אפילו ווען ער האָט ניט קיין מאַאיריטעט, האָט באַשאַפען די מאָנאָפּאָליע פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען. דער רעזולטאַט דערפון איז דער גייסט פון קאָמפּראָמיס, וואָס באַהערשט אַלע אמעריקאנער פּאָליטישע פּאַרטייען. אַ קליינע פּאַרטיי האָט קיין אויסזיכט ניט צו געווינען ביי די וואַלען, און דעריבער האָט זי קיין ברירה ניט חוץ צו מאַכען פיוזשאַן מיט אנדערע קאַנדידאַטען, אָדער צו פאַרוואַסערען אירע אייגענע פּרינציפּען, אום צו כאַפּען וואוטס. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויסגעקליבען די לעצטע טאַקטיק: פיוזשאַן אַף קאַנדידאַטען איז ביי איר טריפה, אָבער זי האָט פאַרוואַסערט אירע פּרינציפּען בנוגע צו פאַרשידענע פראַגען, כדי צו כאַפּען וואוטס. דאָס שטימט גאַנץ גוט מיט אונקאָמפּראָמיסליכער „רעוואָלוציאָנערער“ טאַקטיק. דער רעוואָלוציאָנער צוטיילט די גאַנצע צוקונפט אַף צוויי פּעריאָדען: פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן און נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. עס האַנדעלט זיך למשל איבער אימיגראַציע, נו, איז דערווייל, אין דעם קאַפּיטאַליסטישען גלות זאָלען זיך אונדזערע קלאַסען־גענאָסען יעדערער זיצען ביי זיך אין דער היים. נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, אַז מיר וועלען שוין האָבען איינגעפּיקסט ביי זיך די „קאָאָפּעראַטיוו קאָממאָנוועלטה“, דעמאָלט וועלען מיר אַלעמען איינלאַדען צו קומען צו אונדז.

אַן אונפּאַרטייאישער פערבאַנד פון סאָציאַליסטישע וואוטערס וועט ניט דאַרפען אויסשטעהן דעם נסיון צו פאַרלייקענען זיינע פּרינציפּען צוליב אַן ערפאָלג ביי די וואַלען. ער וועט ניט דאַרפען אונטער׳חנפ׳ענען זיך צו די נאַטיוויסטען, וואָס האָבען פיינט יעדען „ניט־ענגליש־שפּרעכענדען“ איינוואַנדערער; ער וועט ניט דאַרפען צוזעהן שטום, ווי מען נעמט אוועק די פּאָליטישע רעכטע פון דער שווארצער ראַסע, כדי חלילה ניט אָנצוואַוועהרען אַ פּאָר טויזענט וואוטערס. דער פּראָגרעס געהט ניט אימער אָן קיין שום שטערונג אַף אַ גלאַטען שליט־וועג: עס זיינען פאַראַן סאָציאַלע קרעפטע וואָס ציהען עס צוריק. די אמעריקאנער אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען אין די לעצטע דרייסיק יאָר פון דאָס ניי איינגעפירט אין אמעריקע די ראַגאַטקעס פון דעם פּאַרצייטיקען פּאָליציי־שטאַט. און וואָס ווייטער ווערט דיזער וואונש פון די אַרבייטער

צו באשניידען די פרייהייט פון די איינוואנדערער און אפילו פון די איינגעוואנדערטע רק שטארקער. דער עוואָלוציאָניסט וואָס גלויבט, אז דער סאָציאליזם איז פארבונדען מיט אינטערנאַציאָנאַליזם און פרייהייט, האלט דיזע ריכטונג פון דער ארבייטער־באוועגונג פאר א רעאקציאָנערע, ער זעהט ווי עס ווארצעלט זיך איין אין דעם אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען א גאנצער סיסטעם פון געזעצען וואָס זיינען פיינדליך צו פערזענליכער פרייהייט, און ער קען זיך ניט טרייסטען מיט קיין סאָציאליסטישען עולם הבא. ער מוז באקעמפּפען יעדע רעאקציאָנערע טענדענץ ווען זי ווייזט זיך, ניט אָפּלייגענדיג ביז משיח'ס צייטען.

מיט איר יאָגעניס נאָך וואוטס, צוליב וועלכע זי האָט פארבויגען די סאָציאליסטישע פּרינציפּען, ווען עס איז אויסגעקומען, האָט זיך די סאָציאליסטישע פּארטיי ארגאניזאציע באוויזען פאר באנקראָט: מיט כמעט א מיליאָן וואוטס האָט זי אבסאָלוט קיין פּאָליטישען איינפלוס ניט. די פּרעסע האָט באמערקט נאָך דעם גרויסען וואל־קאמפּף פון 1916, אז פּרעזידענט ווילסאָן האָט צו פארדאנקען זיין זיג צו די סאָציאליסטישע וואוטערס פון אזעלכע סטעיטס, ווי קאליפאָרניא, וואו די פּאָר טויזענט וואוטס, וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאר דעם גאנצען סאָציאליסטישען צעטעל און פאר ווילסאָנען, האָבען ענטשידען דעם אויסגאנג פון דער וואל. די סאָציאליסטען וואָלטען געקענט שטעלען באדינגונגען פאר אונטערשטיצען ווילסאָן'ס קאנדידאטור, און מען וואָלט זיך מיט זיי זיבער גערעכענט, ווען דאָס וואָלט געטאָן געוואָרען ארגאַניזירטערהייט.

די תשובה, וואָס מען דערלאנגט אייך איז, אז אין דייטשלאנד מאכט מען טאָקי פּיוזשאָן ביי די שטיכוואלען, ביי דער ערסטער וואל אבער שטימט יעדער פאר די קאנדידאטען פון זיין אייגענע פּארטיי, ווארים קודם כל איז וויכטיק צו וויסען די שטארקייט פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי. נו, האָבען מיר זיך שוין דאָ אין אמעריקע אויך דערוואַרט אף שטיכוואלען, אין אלערליי פּאָרמען.

פּיליכט דער בעסטער וואלגעזעץ איז אין 1914 איינגעפירט געוואָרען אין דער שטאט דזשוירזי־סיטי. לויט דעם נייעם געזעץ, מעג יעדער וואוטער מאכען איין צלם ביי דעם נאָמען פון דעם קאַנ־

דידאַט, וועמען ער וואָלט געוואָלט בעסער פאַר אַלעמען („פוירסט טשאָיס”), און דערנאָך ביי דעם נאָמען פון דעם קאַנדידאַט, פאַר וועמען ער וואָלט אָבגעבען זיין שטימע, אויב דער ערסטער קאַנדידאַט קריגט ניט קיין מאַיאָריטעט („סעקאָנד טשאָיס”), א. א. וו. אַף דעם אופן קען יעדער סאָציאַליסטישער וואוטער פון דזשוירזי־סיטי ערסטענס שטימען אוים פּרינציפּ פאַר א סאָציאַליסט, און דערנאָך, האָבענדיג מקיים געווען די מצוה, קען ער שטימען פאַר דעם בעסטען פון יענע קאַנדידאַטען, וואָס האָבען אַן אויסזיכט ערוועהלט צו ווערען. אין אַ דיסטריקט, וואו די סאָציאַליסטישע וואוטערס זיינען שטאַרק אין צאָל, גיט דאָס זיי די מעגליכקייט אינדירעקט צו צווינגען די אַנדערע פּאַרטייען אַרויסצושטעלען אַזעלכע קאַנדידאַטען, פאַר וועמען די סאָציאַליסטען זאָלען קענען וואוטען אַלס זייער „סעקאָנד טשאָיס”. טויג עס אָבער ניט! די רעדאַקציע פון דער „ניו יאָרקער פּאָלקס־ציימונג”, האָט אַריינגעשטעלט אַן אופרוף צו די וואוטערס פון דזשוירזי־סיטי, אַז זיי זאָלען אַריינשטעלען דעם צלם׳ל נאָר פאַר דעם סאָציאַליסטישען קאַנדידאַט און פאַר קיין אַנדערען ניט. דאָס הייסט, אַז אויב דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט ווערט ניט ערוועהלט, מאַכט ניט אוים, ווער עס וועט ערוועהלט ווערען, צי א רעאַקציאָנער, צי א פּראָגרעסיסט. דאָס איז די פּאַרצייטיקע טעאָריע פון דעם גאָטאער סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין 1874.

אין דעם סטעיט ניו־יאָרק זיינען אויך איינגעפירט געוואָרען שטיכוואַלען אין אַנאַנדער פאָרמע. וואָס מען רופט אין דייטשלאַנד די „הויפּטוואַל”, רופט מען דאָ „פּריימערי”, און וואָס מען רופט אין דייטשלאַנד „שטיכוואַל”, איז די היגע „דזשענעראַל עלעקשאָן” אין נאָוועמבער. יעדער וואוטער מעג זיך רעגיסטרירען פאַר די פּריימערים פון זיין פּאַרטיי און וואוטען פאַר זיינע אייגענע פּאַרטיי־קאַנדידאַטען. די גאַנצע צאָל וואוטס, וואָס ווערען אַף דעם אופן אָבגעגעבען פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען ביי די פּריימערים, ווייזט ווי שטאַרק עס איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ביי די וואוטערס. דער קאַנדידאַט, פאַר וועלכען עס איז אָבגעגעבען געוואָרען די גרעסטע צאָל שטימען ביי דער סאָציאַליסטישער פּריימאַרי, ווערט געשטעלט אַף דעם אָפיציעלען באַלאָט אין נאָוועמבער. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלע אַנדערע קאַנדידאַטען. אַף

דעם אופן ווייס מען שוין אין פֿאָראויס אַף וויפיעל וואוטס יעדער קאַנדידאַט קען זיך ריכטען. ביז אהער האָבען די וואַלען אין דעם סטעיט ניו־יאָרק געהאַט פאר די סאָציאַליסטען די באַדייטונג פון א דעמאָנסטראַציע, ניט מער: לאָזען די פּאָליטישענס פון די אַלטע פּאַרטייען וויסען, אז עס זיינען פאראן זעכציק טויזענט סאָציאַליסטען. אין א פּאָר דיסטריקטען האָבען די סאָציאַליסטען געוואונען א לאָקאַלע באַדייטונג, אָבער אין דער שטאָט ניו־יאָרק, אָדער אין דעם סטעיט בכלל רעכענט מען זיך ניט מיט דעם סאָציאַליסטישען וואוט. די סאָציאַליסטישע שטימען זיינען געוועהנליך גענוג אין ניו־יאָרק צו ענטשיידען, ווער זאָל זיין מייאָר אָדער גאָווערנאָר. דאָס איז אזא מאַכט מיט וועלכע מ׳ קען צווינגען די פּארטרעטער פון אַנדערע פּאַרטייען צו וואוטען פאר פיעלע פון די סאָציאַליסטישע נאָהענטערע פאָדערונגען. דער געזעץ וועגען די פּריימערים גיט די סאָציאַליסטען די געלעגענהייט מקים צו זיין די מצוה פון וואוטען פאר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען. ווען די וועלט ווייס שוין אָבער, אז דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט פאר גאָווערנאָר האָט געקראָגען זיינע 50,000—60,000 וואוטס און וועט ניט ערוועהלט ווערען, קענען דאָך שוין די היגע סאָציאַליסטען טאָן אזוי ווי די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען ביי די שטיכוואַלען: זיי קענען אָבגעבען זייערע שטימען פאר יענעם פון די צוויי־דריי קאַנדידאַטען פון די אַנדערע פּאַרטייען, וואָס האָבען יע אַן אויסזיכט ערוועהלט צו ווערען. דערמיט וועלען זיי העלפען ערוועהלען דעם פּאָרטשריטליכסטען פון די קאַנדידאַטען, אָדער זיי וועלען ווענייגסטענס פארהיטען עס זאָל ניט ערוועהלט ווערען דער ערגסטער. זיי קענען אָבער אויספירען א סך מער. זיי קענען פאָדערען פון דעם קאַנדידאַט פאר גאָווערנאָר, וואָס נויטיקט זיך אין די סאָציאַליסטישע שטימען, ער זאָל זיך עפענטליך פארפליכטען למשל אָנצושטעלען אזא לעיבאָר קאָמישאָנער, וואָס וועט זעהען דורכצופירען אלע ארבייטער־געזעצע, זיי זאָלען ניט בלייבען נאָר אפ׳ן פּאַפּיער.

נאַטירליך, איינציקווייז קענען דאָס די סאָציאַליסטישע וואוטערס ניט טאָן, דערצו דארפען זיך אָרגאַניזירען קאָמיטעס פון אונאבהענגיקע סאָציאַליסטישע וואוטערס, וואָס וועלען קענען אפּעלירען צו די וואוטערס מיט דעם זעלבען מאָראַלישען אויטאָריטעט, ווי די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

קודם כל מוז יעדער סאָציאַליסטישער וואוטער זיך פאַרשרייבען פאַר די פּריימערים, דעמאָלט קריגט ער דאָס רעכט צו וואוטען פאַר די פּערזאָנען, וואָס זאָלען זיין די קאַנדידאַטען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביי דער וואַל אין נאָוועמבער. די פּאַרטיי־וואוטערס האָבען דאָס רעכט צו נאָמינירען אלס סאָציאַליסטישען פּאַרטיי־קאַנדידאַט וועמען זיי ווילען, ניט וועמען די פּאַרטיי־מאַשין הייסט. זיי מעגען אפילו נאָמינירען א קאַנדידאַט פון אַן אנדער פּאָליטישער פּאַרטיי, דאָס הייסט, מאַכען פיוזשאָן ביי די פּריימערים גופא, אויב זיי געפינען עס פאַר נויטיק. א געוויסע צאָל רעגיסטרירטע סאָציאַליסטישע וואוטערס נאָמינירען דורך א פּעטישען א געוויסען קאַנדידאַט פאַר די סאָציאַליסטישע פּריימערים, און א צאָל רעגיסטרירטע דעמאָקראַטישע וואוטערס נאָמינירען אויך דעמזעלביקען קאַנדידאַט פאַר די דעמאָקראַטישע פּריימערים; ווען ער קריעגט א מאַיאָריטעט איןביידע פּריימערים, ווערט ער אויפגעשטעלט אַף דעם אָפּיציעלען באַלאָט אלס קאַנדידאַט פון ביידע פּאַרטייען אין נאָוועמבער. נאַטירליך קען דאָס ניט טאָן קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאציע, וואָרים ער וואָלט דערפאַר באַלד אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פּאַרטיי. אָבער צווישען די ניין־צעהנטעל סאָציאַליסטישע וואוטערס, וואָס באַלאַנגען ניט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאציע, קען זיך געפינען אַן קאַנדידאַט, וואָס זאָל אָנעמען צו לויפען אַף ביידע טיקעטס.

גלויבט איר, אז די סאָציאַליסטישע וואוטערס וועלען זיך אימער לאָזען פירען פאַר'ן נאָז פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזיישאָן גלאַט לכבוד א פאַרשימעלטע דאָגמא, וואָס קיין אנדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דער וועלט האַלט שוין פון איר ניט היינט־צו־טאָג? מ' דאַרף נאָר די סאָציאַליסטישע וואוטערס זאָלען פאַרשטעהען, אז זיי קענען ווערען א פּאָליטישע קראַפט, אז זיי קענען עפּעס אויפטאָן היינט, ניט אין הונדערט יאָר ארום, וועלען זיי זיך אָנהויבען צו רירען. די נייע וואַלגעזעצען אין פאַרשידענע סטעיטס גיבען די סאָציאַליסטישע וואוטערס די מיטעל צו מאַכען א סוף צו דער אָפּגעלעבטער טאַקטיק, און מאַכען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַר א ווירקליכע קראַפט אין דער פּאָליטישער און סאָציאַלער ענטוויקלונג פון אמעריקע.